בלעטער פון מיין לעבן

אב. קאהאן

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

NOV 0 0 1984



אב. קאהאן.

1926

בלעטער פון מיין לעבען

פון אב. קאהאן.

ערשטער באנד
אין דער אלטער היים

(מיט בילדער)

ארויסגעגעבען פון „פארווערטס" אסאסיאיישאן

ניו יארק, 1926.

Copyright, 1926,
by
Abraham Cahan

אַפּ־טו־דייט פּרינטינג קאָ., 195 קאַנאַל סט., נ. י.

מיט דער אויסנאַמע פון דעם ערשטען באַנד זיינען די „בלעטער" געשריבען אויף אמעריקאַנער אידיש — דער אידיש, אויף וועלכען איך בין געוואוינט צוריידען און שרייבען שוין העכער ווי פערציג יאָהר.

אין דעם ערשטען באַנד וואָלט אזא לשון געוועזן אונגאַטיר־ליך, ווייל אין איהם ווערט דערצעהלט וועגען דער אַלטער היים. האָב איך די ענגלישע ווערטער, וועלכע זיינען געוואָרען א טייל פון דעם אמעריקאַנער אידיש, אין איהם אויסגעמיטען. אין די אַנדערע בענדער אָבער איז די אמעריקאַניזמען געוועזן אונמעגליך אויסצומיידען. זיי זיינען אריין אין סאַמע האַרץ פונ'ם היגען אידיש, פונקט ווי הונדערטע פוילישע און רוסישע ווערטער זיינען אריין אין דעם האַרץ פון אונזער אַלט־היימישען אידיש.

זאָגען, צום ביישפּיל, „דירה", „דירה־געלט", „סופּיט", „ראָג", „ביבליאָטעק", „וועטשערע", „טראַמוואַי", „סטאָליאַר", ווען מען דערצעהלט וועגען די פאראייניגטע שטאַאַטען, אָדער קענעדע, וואָלט געקלונגען פונקט אזוי אונגאַטירליך ווי צו זאָ־גען „רום", „רענט", „סילינג", „קאָרנער", „לייברערי", „סאַפּער", „סאַר", „קאַרפּענטער", ווען מען רעדט וועגען ווילנא, וואַרשא, אָדער לעמבערג.

* * *

א וואָרט וועגען דער אָרטאָגראַפיע אין דיזען ווערק.

א טייל רעפאָרמען, וואָס מען פּרופט מאַכען אין אויסלייגען אידיש, זיינען לאָגיש און פראַקטיש. אָבער וועגען א גרויסער טייל פון זיי קען מען דאָס פאָרלויפיג ניט זאָגען. איינינע פון די פאָרגעשלאָגענע ענדערונגען האָבען פּשוט קיין זין ניט, און אַנדערע, וועלכע האָבען יאָ א זין, זיינען ניט פראַקטיש. עס איז

ווינשענסווערט זיי אָנצונעמען, אָבער איבער־גוואלט דורכפיהרען זיי קען מען ניט. מיט דער צייט, פיליייכט, וועלען זיי אריין אינ'ם היגען געברויך. דערווייל אָבער האלט עס נאָך ווייט דערפון. אין די „בלעטער" ווערען אָנגענומען נאָר אייניגע פון די רעפאָרמען.

* * *

פאַר די לעזער, וואָס זיינען ניט געוואוינט צו דעם אמערי־קאנער אידיש, ווערט ביים ענד פון צווייטען באנד געגעבען א ווערטער־בוך, אָדער „גלאָסאר", פון די אמעריקאניזמען וואס געפינען זיך איז דיזען ווערק.

א. ק.

ניו יאָרק, דעם 16טען יולי, 1926.

אינהאַלט

אַ פּאָר ווערטער ..... 3—4

ערשטער קאַפּיטעל
פּאַדבּרעזע, אַ שטעדטעלע לעבּען ווילנא.

די ערשטע עראינערונגען. — פון וואַנען ווייס איך אַז זיי זיינען ריכטיג? 11
דער ערשטער בּליאַסק. — תליות. — כאַוואנסקי. — מיין זיידע. — אַ שעהנע מוהמע און אַ שוועסטער־קינד. — דער פעטער חיים־לייב. — בּענטשקע 12
די שכנים. — אינגעלעך און מיידעלעך. — מיין טאַטע און מיין מאַמע. — די ערשטע קעראָסין־לאָמפּען. — מיינע ערשטע מלמדים 19
די נאַטור. — בּלומעלעך, פויגעלעך. — געזאַנג 23
גאָט. — אין בּית־המדרש. — ר׳ בּערעלע. — ר׳ ליפּע. — אידען. — קריסטען. — אַ מאַרטירער 26
מיר פאַרלאָזען פּאַדבּרעזע. — ווילנא פון וויטען 29

צווייטער קאַפּיטעל
ערשטע יאָהרען אין ווילנא.

געהענדיג פון טונעל. — דער ערשטער איינדרוק 31
דער פעטער אַריה־לייב און דער פעטער שניאור. — אַ פּאַדוואַל מיט אַ שענק. — דער מערקעל און דער געגענד 33
מיין בּלויער כוס. — דער ווילנער לשון 36
מיין ערשטער חדר אין ווילנא. — דער פעטער מענדע 39
צווייטער חדר. — יאַנקעל פּיזנער 42
אַ מיטעל־פּונקט פון חזנים 44
דער שענק.—גאַס־מענשען.—די באַנדאַרעס פון קאָוונע 47
זשירמונסקי׳ס הויף.—די שכנים.—עליעטשקע.—די סוכה 54
דער רויטער שלאָף־באַנק. — אַ קעצעלע. — דוד דער פלעקסער 67
דריטער חדר. — חאַצקעל. — תהלים. — אַ פרייטאָג־צו־נאַכט. — משה אָפּאַטאָוו 73
וואָס אַ קינד הערט אונטער 81

דריטער קאַפּיטעל
פון ניין יאָהר ביז צוועלף.

ירושלים דליטא 84
מיין פאָטער 90
פרייטאָג־צו־נאַכט 98
ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט רוסיש 104
אין שלמה קיסין׳ס הויף. — אַ טאַלאַנטפולער אינגעל. — קלמן שולמאַן. — עליה דער סופר. — דער זאַוואוליק. — מיין מפלת 105
אין אַ רוסישער שוהל. — דקדוק. — „מכתב ללמד“ 110

ישיעה (יהושע) באלטערמאַנצער. — אָויזיק־מאיר דיק. — מאַטקע כּאַבּאַד. — שייקע פּייפער 115
מיין פאָטער וויל מיר „מאַכען פאַר אַ גוי“. — די ראַבּינער־שול. — אַ טראַגעדיע 123
די מגפה 127
ראַם'ס דרוק. — „יאַנקעלקע“. — רוסישע שריפט. — מעשות. — אַ וויץ. — חתימה'לעך. — עטליכע פון מיינע חברים. — אַ ברונעם. — אַ ניט־באַצאָהלטער חוב 129

פערטער קאַפּיטעל

פון צוועלף ביז פערצעהן.

מיין מוטער און איהר משפחה 136
כּאַמינסקי'ס הויף. — „ספּאָרט“. — חעזעלעך. — סאָלדאַטען 145
מאַשינען.—א דייטש.—די ערשטע נעה־מאַשינען אין ווילנא 154
אין אַ ישיבה. — ר' עליע איטשע 157
מגידים. — דער אַנטאָקאָליער. — ר' ישראל סאַלאַנטער. — די צוויי סלוצקער. — חיים רומשעסקער. — דער קעלמער 162
בר־מצוה 167
מיין ברודעריל. — אַ נייע מיליטער־ס סטעם 168

פינפטער קאַפּיטעל

„א הפקר יונג“.

מיר פאַרלאָזען דעם שענק. — מען מאַכט מיר פאַר אַ בעל־מלאכה .. 172
אוים בעל־מלאכה. — אין ראַמיילע'ס קלויז. — אין חסיד'ס מנין . 175
אוים גמרא 182
אַריפמעטיק און גראַמאַטיק. — ציפקין און וואָלפער 185
אידישע גימנאַזיסטען. — מיין ברוינע קאַפּאָטקע 189
דער לעהרער־אינסטיטוט. — איך האָב ניט קיין פּאַפּירען. — הירשקע לעווענסאָן 192
קרילאָוו. — הירשקע רייכערסאָן. — חעברעאיש. — מיין ערשטע ערפאַהרונג אַלס פּערפּאַסער 196

זעקסטער קאַפּיטעל

מיט לאַנגזאַמע טריט.

ווידער אין פאָלקס־שול. — מאַרגאַלין. — רוסיש 202
איך פאָהר קיין טראָק און קום צוריק מיט ליידיגען. — אידישע אינגלעך רייסען זיך שטודירען. — דוד דעם פלעקסער'ס איידעם. — טראָק. — אַ נאַכט 205
נייע דירות. — קאָזלאָווסקי'ס הויף. — דער אוגערקע מאַרק. — גנבים.—גראַמאַטיק.—נאַדעל, גאָלדמאַן, באַדאַנעס........ 209
די גאָלדבלאַט'ס. — איך לערען זיך מאָלען. — קאַסאַקע אויגען .. 216
מיין רעוואָלוציע געגען גאָט. — מיין פּראָפּאַגאַנדא 225
געאָגראַפיע. — אַ שטימע דורך אַ פענסטעריל. — מיינע שילער. — די ריטט פאַמיליע. — אַנדערע שילער 231
אין דער ווילנער שטאָדט־ביבליאָטעק 241
דער טויט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. — דער דירעקטאָר זאָגט אונז אָן די נייעס. — עבאַן פאַרפאַסט אַ טרויער־נגון. — די ערשטע צייטונגס־דעפּעשע 419

אונגערוואַרטעטע פאַרדינסטען 245
אַ פּלאָנטער פון קאָרידאָרען און געפיהלען. — דריי בחורים. —
פאַרבאָטענע פרוכט. — אַ סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע. —
משערנישעווסקי'ס „וואָס זאָל מען טאָן?" 248
איך פאַרטיג זיך צום אינסטיטוט.— מיין לעהרער.— לעווינסקי.—
די לעמעלמאַנס. — מיין טרוים ווערט פאַרווירקליכט...... 257
מיין וואונש ווערט מקוים. — א שניידער מיט אַ רויטער באָרד 260

זיבעטער קאַפּיטעל

אין דעם ווילנער לעהרער־אינסטיטוט.

געאָרגיעווסקי סקווער. — אין דעם מיטעלסטען פון דריי מויערן . 264
די ערשטע טעג 274
ווי אַזוי מען האָט מיט אונז געלערענט 279
די לעהרער 286
ווי הויך איז געשטאַנען דער אינסטיטוט? — שול־בילדונג און
בילדונג נאָך דער שול 309
וואָס פאַר אַ שילער איך בין געווען. — צוויי־ערליי פליסיגקייטען . 313
שילער וואָס געפינען חן אין לעהרער'ס אויגען, און פאַרקעהרט. —
אין קאַרצער. — פּאָליאַקאָוו. — איך לערען זיך שפּילען
קלאַרנעט 324
די שילער. — עטליכע פון זיי. — מיר גיבען אַרויס אַ זשורנאַל .. 332
ווי איך האָב זיך געפיהלט אין אינסטיטוט 347
באַרישניעס. — פרייזלינס און מיידלעך. — „מאַראַל" 351
„אין שטאָט".—מיין ייִדישע שטאַרבט.—איך מאָל זיין פּאָרטרעט.—
אליקום צונזער. — „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק". —
טערקישע קריגס־געפאַנגענע 358
באַקאַנטשאַפטען. — זומער־פּלעצער. — צווישען די רעלסען. —
לעוואַנדא. — א באַגעגעניש. — אַ שפּאַציר. — שטימונגען... 365
טעאַטער. — מיין פעטער חיים־לייב 377
אַ פּלאַן זיך צו בעפרייען פון אינסטיטוט. — לאַטיין. — דער פּלאַן
פאַלט דורך 381

אכטער קאַפּיטעל

אַ גייסטיגע איבערקעהרעניש.

„קיין גאָט איז ניטאָ און קיין קיסר דאַרף מען ניט". — אַ גע־
היימע מאַכט 386
אויף די זומער־פּלעצער. — אַ געהיימניספּולע גרופּע. — מיין שילער
האַלפּערין. — שואל באַדאַנעס. — געהיימע צייטונגען 390
וואָלאָדיאַ סאָקאָלאָוו און זיין קוואַרטיר. — גנאַטאָווסקי. — אַפּי־
צירען. — אַ נייע רעליגיע. — אַ רפואות צו מיינע אויגען. —
די ברידער קאַספּע. — ראַבינאָוויטש 395
אַברוטשעוו. — עפּשטיין. — אַ קוואַרטיר אויף פּאָחוליאַנקע. —
אַרבייטער. — „עלטשיק". — זונדעלעוויטש'עס מוטער. —
סטראַשונסקי. — מענאַקער 405
ברוגז מיט'ן טאַטען. — די מאַמע הויבט אָן חושד זיין. — אַ
יונגערמאַן מיט גילדערנע ברילען 413
ביסלעכווייז ווערען באַקאַנט די אייגנצעלהייטען. — אַ רעוואָלו־
ציע? — דער אייגדרוק „אין שטאָט" און אין אינסטיטוט .. 424

דער יונגערמאַן מיט די גילדערנעברילען ווערט אַרעסטירט. —
אַ דאַמע פאַרשווינדט פון אַ האָטעל 431
דער גרויסער פּראָצעס. — די הינריכטונג 432
דער ערשטער פּאָגראָם 434
איך ענדיג דעם אינסטיטוט. — אַ רייזע קיין סווענציאַן און מאלאט 435
איך פאָהר קיין פּעטערסבורג. — מיין פעטער און מוהמע. — פּרוג. —
סאָקאָלאָוו'ס ברודער. — גאָלדבלאַט. — אַן אוצר............ 439
איך פאַרלאָז ווילנא 446

ניינטער קאַפּיטעל

מיין לעצטער ווינטער אין רוסלאַנד.

אין וועליזש. — אונזער פּרינסיפּאַל. — צילשטיין 449
ניט קיין געראָטענער מפטיר. — די דווינאַ. — וואַלד־הענדלער. —
אידישע גבירים. — מיינע שילער 454
הענריך יאַצקעוויטש. — אונזער דירה. — אַ באַזוך אין נעוועל. —
איסאַק מעערסאָן. — צוויי מעדוועדיעווס 458
די לאָכאָוו פאַמיליע. — קאַרל מאַרקס. — אונזער וועליזשער
„קרוזשאָק" 462
דאָקטאָר יאַצקעוויטש און זיין פאַמיליע 465
שטימונגען. — מיין ערשטער געדרוקטער אַרטיקעל 468

צעהנטער קאַפּיטעל

איך מוז אַוועקפאָהרען.

צוויי פאַרשטעלטע בריף. — ניט־געבעטענע געסט 471
אַ צווייטער אָביסק. — אַ פאַרהער 476
איך באַשליס זיך צו פאַרשווינדען. — דער אַלטער מעערסאָן און
זיינע זיהן. — איין פּלאַן פאַלט דורך. — אַ צווייטער פּלאַן .. 481
אין אַ לאָדקע אויף דער דווינאַ. — אויף אַ דאַמפ־שיף איבער'ן
דניעפּר. — אַ נאַרישער ענטפער. — איך קום קיין מאָהילעוו . 486

עלפטער קאַפּיטעל

ווי קום איך צו דעם געדאַנק וועגען אַמעריקא?

אין אַ מאָהילעווער אַכסניה. — אַ באַקאַנטער נאָמען 491
איך בין ניט איך. — אַ יונגערמאַן פון נעוועל. — ער פאַרטרויט
מיר אַ סוד 494
פּאַלעסטינצעס און אַמעריקאַנצעס. — רעוואָלוציאָנערען און פּאָג־
ראָמען. — פונוואַנען האָבען די פּאָגראָמען געשטאַמט? 500
אַ געהיימער גאַסט. — אידישע קאָמונעס. — ערד־אַרבייט. — איך
באַשליס זיך צו פאָהרען קיין אַמעריקא 505
א פאלשער פּאס.—איך שיק אַ בריף אהיים.—מיין לעצטער אווענד
אין מאָהילעוו.—א בריף וואָס איז ניט אוועקגעשיקט געוואָרען 510

אַ פּאָר ווערטער וועגען די בילדער אין דיזען ווערק.

פאַר׳ן ערשטען באנד האָב איך נאָר געקענט קריגען א קליינע צאָהל בילדער פון די פּערזאָנען, וועלכע ווערען אין איהם דערמאָנט און וועלכע האָבען געשפּילט אַ ראָלע אין מיין לעבען פון יענע יאָהרען. יענע צייט איז שוין ווייט אָפּגערוקט, און ענטוועדער די דערמאָנטע מענשען האָבען זיך קיינמאָל ניט פאָטאָגראפירט, אָדער זייערע פאָטאָגראפיעס זיינען שוין לאנג ניטאָ. פאָטאָגראפיעס פאר׳ן צווייטען באנד איז געווען לייכטער צו קריגען, און פאר׳ן דריטען נאָך לייכטער. אָבער אפילו פאר דיזע צוויי בענדער איז אויך אונמעגליך געווען צו באקומען אלע געווינשטע בילדער; און די וואָס איך האָב יאָ געקראָגען, זיינען מיר ניט אימער אָנגעקומען אָהן שוועריגקייטען.

פיעלע פון די פּערזאָנען, וועלכע זיינען דערמאָנט אין צווייטען און דריטען באנד, זיינען שוין לאנג טויט, און אין איינינע פאלען איז זאָגאר שווער געווען צו געפינען זייערע קרובים אָדער פריינד. כ׳האָט געמוזט ארבייטען דורך פּאָסט, טעלעגראף און לאָנג־דיסטענס טעלעפאָן, אָדער זאָגאר מאכען א ספּעציעלע רייזע, איידער מען האָט געקראָגען אן אלטען פאָטאָגראף, אָדער נאָר אן ערלויבניש צו מאכען פון איהם א קאָפּיע.

אין דיזע אונטערנעמונגען צו געפינען די געווינשטע בילדער, האָב איך געהאט די מיטווירקונג פון פיעלע פריינד און גענאָסען אין פארשידענע שטעדט אין אמעריקא און אין אייראפּא, הויפּט־זעכליך אין ווילנא. זיי אלע וויל איך דאָ אויסדריקען מיין הערצ־ליכען דאנק.

מייסטע פון די בילדער זיינען גענומען געוואָרען אונגעפעהר ארום דער צייט, אויף וועלכער עס באציהען זיך די שטעלען, וואו די באטרעפענדע פּערזאָנען ווערען דערמאָנט. אין איינינע פאלען אָבער איז אזעלכע פאָטאָגראפיעס אונמעגליך געווען צו באקומען,

און איך האָב זיך געמוזט באַנוגענען מיט בילדער פון א שפּעטע־רער צייט.

עטליכע פון די בילדער זיינען גענומען געוואָרען אין ווילנא און פּאָדברעזע, ספּעציעל פאַר דיזען ווערק, אין דעם זומער פון 1926. דאָס זיינען בילדער פון געביידעס, מיט וועלכע ס׳איז פארבונדען די געשיכטע פון מיין קינדהייט און פריהע יוגענד־יאָהרען. די דאָזיגע געביידעס זיינען וועניג געענדערט (די שילדען, צום ביישפּיל, זיינען היינטיגע).

א. ק.

בילדער אין ערשטען באַנד:

פּאָרטרעט פון פּראָפעסער (אין 1926) — — — — — — — — פראָנטבילד
ביי פּוידזש

די הויז אין פּאָדברעזע, וואו איך האָב זיך געהאָדעוועט פון מיין דריטען יאָהר ביז דעם זעקסטען — — — — — — — — — 21
שבת זשירמונסקי׳ס הויף (פון דרויסען) — — — — — — — — 57
שבת זשירמונסקי׳ס הויף (פון אינוועניג) — — — — — — 63
מיין פאָטער — — — — — — — — — — — — — — — 93
מיין מוטער — — — — — — — — — — — — — — — 139
מיין מוהמע פייגע — — — — — — — — — — — — — 145
מיין פעטער מיכל — — — — — — — — — — — — — 151
דער ווילנער לעהרער־אינסטיטוט — — — — — — — — — 267
דער ווילנער לעהרער־אינסטיטוט (און א וואַנט פון גלחים־סעמינאַר) 271
יהושע שטיינבערג — — — — — — — — — — — — — — 291
גריגאָרי ביעליקאָוו — — — — — — — — — — — — — 343
גריגאָרי לעווין — — — — — — — — — — — — — — 367
יאַקאָוו פּאָליאַק — — — — — — — — — — — — — 439
מיין פעטער חיים לייב — — — — — — — — — — — — — 443
אָסיפּ צילשטיין — — — — — — — — — — — — — — 451
ישראל בעלקין — — — — — — — — — — — — — — 507

אין דער אַלטער היים

ערשטער קאפיטעל.

פּאָדברעזע, א שטעדטעלע לעבען ווילנא.

.1

די ערשטע ערמינערונגען. — פון וואנען ווייס איך אז זיי זיינען ריכטיג?

מיינע ערשטע ערמינערונגען נעמען מיך קיין פּאָדברעזע, א קליין שטעדטעלע אכט-און־צוואנציג וויאָרסט פון ווילנא. דאָר־טען בין איך געבאָרען געוואָרען, שבת, שבעה עשר בתמוז, אין דעם יאָהר 1860.

איך געדענק די שטעדטעל אזוי לאנג ווי איך געדענק זיך. ווען איך בין אַלט געווען פינף יאָהר מיט זיבען אָדער אכט חדשים, זיינען מיר פון דאָרטען ארויסגעפאָהרען קיין ווילנא, און מעהר האָב איך פּאָדברעזע שוין ניט געזעהן ביז מיט 58 יאָהר שפּעטער, דאָס הייסט, ביז 1923. דאן האָב איך איהר ווידער באזוכט.

די גאנצע אכט־און־פופציג יאָהר האָב איך איהר געזעהן אזוי ווי פאר די אויגען, מיט איהרע מענשליכע געשטאלטען. ווען איך וואָלט געקענט צייכענען, וואָלט איך געקענט אָנוואַרפען אַן אַלגעמיינעם בילד פון איהר. די ערשטע וואוינונג, וועלכע איך געדענק גוט, א דירה, וואו איך האָב פארבראכט פון מיין צווייטען יאָהר ביז מיין זעקסטען, וואָלט איך געקענט אויפמאָלען מיט יעדער איינצעלהייט.

אין פארלויף פון די 58 יאָהר פלעג איך זיך אמאָל פרעגען: פון וואנען ווייס איך, אז איך געדענק ריכטיג? אפשר האָט זיך די שטוב אין מיין זכרון צוזאמענגעפלאָנטערט מיט אנדערע ערמינערונגען אָדער מיט מעשות וואָס איך האָב געהערט? אָבער

מיין באזוך אין 1923 האָט אַלץ באשטעטיגט. די שטוב איז ניט געענדערט געוואָרען אויף א האָר, און טאָמער האָט מיר אין איהר געפעלט א פארשלאָגענע טיר, וואָס האָט געפיהרט אין אַן אנדער וואוינונג, האָט זיך ארויסגעצייגט, אז די דאָזיגע טיר איז אויך דאָ, נאָר זי איז פארשמירט מיט קאַלך. דאָס און פילע אנדערע איינצעלהייטען האָבען מיר באוויזען, אז דאָס וואָס איך געדענק פון די אינגסטע יאָהרען איז א טרייער בילד.

2.

דער ערשטער בליאַסק. — תליות. — כאָוואַנסקי. — מיין זיידע. — אַ שעהנע מוהמע און אַ שוועסטער־קינד. — דער פעטער חיים־לייב. — בענטשקע.

גאָר דאָס ערשטע וואָס איך געפין אין מיין זכרון איז א צוריסענע אַלטע קאַנאַפּע. עס קריכען פון איהר ארויס די האָר. עס איז דאָ א לאָך און איך בין דורכגעפאַלען. די סצענע איז פארזונקען אין א טומאַן; איך געדענק די צייט, ווען מיין געדאַנק פלעגט די סצענע זעהן קלערער. איך געדענק איהר אָבער פאָרט.

איך עראינער זיך די שטימונג, די קינדערשע אנגסט. איך געדענק ניט ווי אַיך וויין; איך געדענק נאָר, אז עס איז מיר שווער אויפ'ן הארצען.

אמאָל, אין שפּעטערע יאָהרען, האָב איך וועגען דעם געפרעגט מיין מאַמען. מיין פאַל האָט זי זיך ניט געקענט דערמאָנען, אָבער די צוריסענע קאַנאַפּע יאָ. זי האָט אָנגערופען דעם אידען ביי וועמען מיר האָבען דאמאָלסט געוואוינט: משה הענדעל; און ווי א שאָטען געדענק איך אויך זיין אויסזעהן. לויט מיין מוטער'ס חשבון בין איך דאַן אַלט געווען אנדערהאלבען יאָהר. יעדענפאַלס ניט מעהר ווי צוויי. אז מען זאָל זיך געדענקען אַזוי יונג איז ניט קיין זעלטענהייט. עס ווענדט זיך נאָר אויב עס האָט געטראָפען עפּעס וואָס האָט געמאַכט אַן אויסערגעוועהנליך שטאַרקען איינדרוק.

איך בין געווען א „סירון". דאָס הייסט, איך בין געווען

שוואַך אויף די פּיס און פלעג ארומקריכען איבער דער פּאדלאָגע, זיצענדיג און שארענדיג זיך. רעדען האָב איך אָבער גערעדט „ווי אַ גרויסער", און אָנגעהויבען צו רעדען האָב איך זעהר פריה. דאָס אַלץ פלעגען מיינע עלטערען דערנאָך דערצעהלען. אין מיין איינענעם זכרון איז פארבליבען נאָר אַ בילד — ניט קיין בולט'ער — ווי איך שאר זיך.

די נעקסטע צוויי סצענעס וואָס איך געדענק מיט דייטליכ־קייט (נאָך דער סצענע מיט דער קאנאפע) זיינען פאָרגעקומען ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָהר דריי.

איינע פון זיי האָט פּאסירט אין ווילנא. מיר האָבען נאָך געוואוינט אין פּאָדבערעזע, אָבער מיין מאַמע איז מיט מיר גע־פאָהרען אין ווילנא צו־גאַסט צו איהר פאָטער. זי אַליין איז געבאָרען געוואָרען אין ווילנא, און זי האָט דאָרטען געהאַט אַ גרויסע משפחה. מיין פאָטער, ווידער, איז געבאָרען געוואָרען אין ניעמענטשין, אַ שטעדטעל לעבען ווילנא, אָבער אין אַן אַנדער זייט ווי פּאָדבערעזע.

איך געדענק אַ פעלד פון קרויט און עטליכע תליות. מען הענגט פּוילישע פּריצים, „מיאַטעזשניקעס" (רעוואָלוציאָנערען). איך געדענק ווייסע פיגורען אין קיטלען. איך געדענק דייטליך ווי זיי צאַפּלען זיך אין דער לופטען. איך געדענק ווי פון צאַפּלען זיך פאַלט ביי איינעם פון די קרבנות אַראָפּ אַ שטיוועל פון פוס. איך געדענק מארשירענדע סאָלדאַטען מיט ווייסע זומער־הויזען אריינגעטאָן אין די שטיוועל. זיי מארשירען, און מען שפּילט אויף טרומייטען. דאָס קומט פאַר נאָכ'ן הענגען. איך געדענק מיין מאַמע'ס קול, ווי זי שרייט: „פייגע, פייגע!"

אין דעם סציפּסק איז זי אָפּגעזונדערט געוואָרען פון איהר שוועסטער פייגע.

איך געדענק ווי די מומע פייגע פלעגט מיר פון ווילנא עפּעס צושיקען יעדע וואָך. איך געדענק די רייד ווענען איהר לויפען אַלע וואָך אויף דער פּאָדבערעזער אכסניא (אין ווילנא) די מתנות צו שיקען דורך פּאָדבערעזער אורחים.

די הינריכטונג פון די פוילישע „מיאטעזשניקעס" אין ווילנא איז געווען אין דעם זומער פון יאָהר 1863. דאָרטען האָט דאן געוועלטיגט דער באריהמטער טיראן מוראוויאָוו. אלזאָ, בין איך דאן אלט געווען דריי יאָהר; אָבער פון מיין מומע'ס מתנות געדענק איך גרייפלעך און א פענדעלע צום קאָכען זיי. דאָס איז מסתמא שייך צו א פריהערדיגער צייט. אָבער וועגען דיזער ערדאינערונג קען איך שוין מיט זיכערהייט ניט ריידען.

די צווייטע סצענע, וואָס ביי מיר איז פארבליבען פון דעם יאָהר 1863 איז אין פאָדברעזע. עס איז ווינטער. די שטעדטעל איז אויפגערודערט און צושראָקען. איך שטעה אויפ'ן פענסטער און איך קוק אויפ'ן שנײ. אונזער פענסטער איז ארויסגעקומען אויפ'ן מארק, און איך זעה איצט דעם פארשנייטען מארק־פלאַץ.

מיין טאטע און אנדערע אידען זיינען אנטלאָפען. זיי באהאלטען זיך ערגעץ־וואו. עס איז געקומען אן „עלטסטער" געמען סאָלדאטען. איך הער אָפט דעם נאָמען „כאָוואנסקי". דאָס איז געווען א שרעקליכער נאָמען. כאָוואנסקי איז געווען א הויכער טשינאָווניק. צי ער אליין איז געקומען כאַפּען אידען צום מיליטער, צי זיינער א שליח — דאָס האָב איך ניט פארשטאנען. איך האָב נאָר פארשטאנען אז דער נאָמען כאָ־וואנסקי ברענגט ארויף א שרעק אויף יעדען. כאָוואנסקי'ן אליין האָב איך קיינמאָל ניט געזעהן. איך פלעג זיך איהם פאָרשטעלען אלס א יונגען און שעהנעם קריסט, מיט רויטע באקען, מיט א שווערד. אפשר האָב איך געזעהן א שעהנעם זשאנדאר אָדער „אוריאדניק" און דאָס איז ביי מיר פארבליבען אלס כאָוואנסקי.

כאָוואנסקי'ס שעהנקייט איז ביי מיר געווען צוזאמענגע־מישט מיט מיין באגריף וועגען שרעקליכקייט, וועגען אידישע צרות.

אין איינער פון די סצענעס וועלכע איך געדענק פון יענעם יאָהר, איז די הויפּט־פיגור מיין זיידע פון מיין פאָטער'ס צד. דאָס איז געווען דאָס איינציגע מאָל וואָס איך האָב איהם געזעהן. מיין זיידע איז פריהער געווען א רב אין פאָדברעזע, און דאן

איז ער געוועזען דער מגיד פון ווידז, אַ שטעדטעל ניט ווייט פון דינאַבורג (דווינסק). זייענדיג מגיד אין ווידז, איז ער אָפט ארומגעפאָהרען איבער אַנדערע שטעדטלאַך האַלטען דרשות. איצט איז ער געקומען אין פּאָדברעזע אויף אַ באזוך, און מסתמא האָט ער דאָרטען „געזאָגט" אויך. אין פּאָדברעזע האָבען גע־וואוינט זיינע צוויי זיהן — מיין פאָטער און אַ איינגערער זוהן — מיין „פעטער פייווע", וועלכער האָט געהאַלטען אַ קראָם. אויך האָט דאָרטען געוואוינט זיינע אַ שוועסטער און אַ פּלימעניק, אַן איידעם פון דעם פּאָדברעזער רב.

איך געדענק דעם פאַראַד וואָס מען האָט געמאַכט מיט'ן זיידען. זיין אָנבליק זעה איך איצט ניט קלאָר. זיין אַלגעמיינעם אויסזעהן אָבער — יאָ: ניט קיין דיקער מיט אַ לאַנגליכער, גרויליכער באָרד. איך געדענק אויך, אַז ער האָט געטראָגען אַ פּלושענע היטעל.

ווען ער איז אריינגעקומען צו אונז, האָבען איהם באַגלייט עטליכע שטאָדט־לייט, און אויף מיין קינדערשען שטייגער האָב איך פארשטאַנען, אַז זיי „פּאַדען" ארום איהם און גיבען איהם אָפּ כבוד. איך געדענק די ראָלע וואָס מיין פאָטער האָט געשפּילט דערביי אַלס דער זוהן פון דעם גרויסען גאַסט.

איך זעה איצט מיין זיידע'ס פיגור. איך זעה ווי ער זיצט, אויבען־אָן, ביי אַ וואַנט וואָס איז געוועזען געבויט פון ברעטער — אַ „סעפּערענע" צווישען אונזער צימער און דער וואוינונג פון אַ בייגעל־בעקערקע, מיט'ן נאָמען רחל לאה *). דער זיידע האָט מיר גענומען צו זיך אויפ'ן שויס און מיר געגעבען אַ „צעהנער" — אַ גרויסע, קופּערנע פינף־קאָפּיקענע מטבע. אימיצער פון די אנוועזענדע האָט צו איהם געזאָגט:

„ער איז דאָס גאָר ניט ווערט!"

און ער האָט אויף דעם געענטפערט:

„אויב ער איז נאָך ניט ווערט, וועט ער ווערט זיין!"

זיין נאָמען — „ר' יאַנקעלע" — איז געוועזען דער שטאָלץ

---

*) דאָרטען איז דאָס געוועזען די פאַרשלאָגענע טיר.

פון אונזער משפחה. די וויטסטע קרובים און סתם פאַרברענזער פלעגען דאָס אויסרעדען מיט א טאָן פון עהרפורכט; און איך האָב געפיהלט די באדייטונג פון דעם דאָזיגען טאָן. עס איז געווען מוזיק אין מיינע אויערען. מיין פאָטער פלעגט מען צו דער תורה אויפרופען נאטירליך אלס „בן הרב", און אזוי גיך ווי איך האָב געקענט פארשטעהן וואָס דאָס הייסט, האָב איך זיך געהאַלטען פאר א יחסן. און טאָמער האָב איך דאָס אליין נים געפיהלט, האָבען מיר אנדערע צוגעהאָלפען. מען פלעגט מיר דערמאָנען אז איך בין „א רב'ס אן אייניקעל", אז דעריבער דארף איך לערנען מיט התמדה און זיך אויפפיהרען מיט שטאט. אָבער דאָס געהערט שוין נים צו דער צייט, ווען איך בין געווען דריי יאָהר אַלט.

וועגען מיין זיידע'ס כאראקטער האָב איך קיין באגריף נים. פון אַלץ וואס איך וויים וועגען איהם, פארשטעה איך אָבער, אז ער האָט געקענט לשון קודש בעסער ווי דאָס רוב רבנים פון יענער צייט, און אז ער האָט זיך אינטערעסירט מיט „מליצה". וואָס פאר א סאָרט דרשות ער פלעגט זאָגען, וויים איך נים. איך האָב אָבער באקומען אן איינדרוק, אז ער האָט ליב געהאַט תנ"ך און א שעהנעם נייעם פשט אויף א שעהנעם פסוק, און אז דאָס פלעגט צוגעבען פארב צו זיין מגידות.

פון איהם איז איבערגעבליבען א געדרוקטער חבור, א דינער ספר'ל — א פירוש אויף קהלת, מיט'ן נאָמען „דברי חפץ" — א היילינגטום אין אונזער משפחה. אויך זיינען פון איהם געבליבען שריפטען, וואָס זיינען קיינמאָל נים געווען געדרוקט. שפּעטער, ווען מיר האָבען שוין געוואוינט אין ווילנא, פלעגען זיינע מאנו־סקריפּטען ליגען ביי אונז אויפ'ן אַלמער. זיי זיינען געווען אין דער פאָרמע פון געבונדענע ביכעלאך, איינינע פון בלויע פאפיר, געווירעט אין קעסטעלעך; איינינע פון ווייסע. שפּעטער, ווען איך האָב זיי געקענט לעזען, האָב איך געזעהן אז דאָרטען גע־פינען זיך אָפּגעזונדערטע העברעאישע ווערטער. און נאָך שפּע־טער האָב איך געהערט פון מיין פאָטער אז עס האָט עפּעס א שייכות צו „שמות הנרדפים" (סינאָנימען).

דאָס אַלץ באווייזט מיר, אז דער זיידע האָט זיך אינטערע־

סירט מיט אַזעלכע זאַכען, מיט וועלכע עס האָבען זיך דאַן פאַר־
נומען משכּילים און ניט פּאַרציייטיגע רבנים און מגידים.

אונגעפעהר אַ יאָהר נאָך דעם ווי מיין זיידע האָט אונז באַ־
זוכט, איז צו אונז געקומען צו־גאַסט מיין פאָטער'ס אַ שוועסטער,
די מומע זעלדע. זי איז געווען אַ שעהנע, און איך געדענק, אַז
מיין קינדערשער באַגריף האָט דאָס אָפּגעשאַצט מיט שטאָלץ:
איך האָב אַ שעהנע מומען! אויך האָב איך געוואוסט, אַז מיין
מאַמען האַלט מען פאַר אַ שעהנע.

די מומע זעלדע איז געקומען מיט אַ אינגעלע, אַן עופה'לע.
מיט איהר צוזאַמען איז געקומען אַ מיידעלע פון אַ יאָהר צוועלף,
מיינע אַ שוועסטער־קינד, וועלכע האָט דעם קינד ארומגעטראָגען.
די פאָלגענדע סצענע איז איינע פון די וואָס איך זעה אין מיין
זכרון ווי אַ לעבעדיגע.

נאָהענט לעבען אונזער שטוב געפינט זיך אַ קליינער גאָרטען,
וואָס געהערט צו אַ צווייטער הויז. מיין קוזינע רייסט ארויס אַ
רויטע מאָן־בלום, און גיט דאָס דעם אינגעלע אויף צו שפּילען
זיך. די באַלעבאָסטע פון דעם גאָרטען בייזערט זיך אויף איהר,
און זי ענטפערט:

„איין מאָנעלע! מעהר האָב איך ניט גענומען".

איך געדענק ווי דאָס וואָרט „מאָנעלע" האָט אויף מיר גע־
מאַכט אַן איינדרוק. אַלס אַ נאָמען פון דער בלום פון מאָן איז
דער אויסדרוק פאַר מיר געווען אַ נייעס. דער וואָרט פלעגט
געברויכט ווערען אין ווילנאַ, אָבער ניט אין אונזער שטעדטעל.
די מיידעל איז געווען אַ ווילנערקע.

דאָס דערמאָנט מיר אָן אַן אַנדער קלייניגקייט וועגען מיינע
ערשטע שפּראַך־איינדריקען: אין דער הויז וואו מיר האָבען
געוואוינט (אַן איין־עטאַזשנע הילצערנע הייזעל), האָבען אין דריי
באַזונדערע דירות זיך געפונען פיר פאַמיליען, אריינרעכענענדיג
אונזערע. זיי האָבען ענטהאַלטען אכט ערוואַקסענע מענשען און
עטליכע קינדער, גרעסערע און קלענערע. צווישען זיי האָט נאָר
איין פערזאָן, אַ פרוי מיט'ן נאָמען איטע ריינע — די מוטער פון
איינער פון די פיר משפחות — גערעדט מיט'ן „ריש". דעם

אונטערשייד צווישען איהר אויסשפּראַכע און די אויסשפּראַכע פון אַלע איבעריגע האָב איך שטאַרק געפיהלט. איך הער איהר שטימע מיט איהרע „ריש'ען" אַזוי ווי איצט וואָלט דאָס געווען.
צו אונז, קינדער, איז איטע ריינע געווען שטרענג. מיר פלעגען פאַר איהר מורא האָבען. און איהרע שאַרפע „ר"־ען פלעגען איהר צוגעבען „שרעקליכקייט" אין מיין באַגריף.

איך געדענק נאָך אַ גאַסט: דעם „פעטער חיים לייב", מיין מאַמע'ס אַ ברודער — אַ בחור מיט אַ ווייסען פּנים. איך גע־דענק ווי ער שפּילט זיך מיט מיר. ער שטעלט מיר אויס צוויי פינגער און הייסט מיר זיי פאַנאַנדערנעמען. איך שטרענג אָן אַלע כחות דאָס צו טאָן און קען ניט. איך האַלט איהם פאַר אַ גרויסען גבור. דאָס איז אַלץ וואָס איך געדענק פון איהם, ווען איך האָב אין זינען יענע יאָהרען.

נאָך אַ יונגען מאַן וואָס איך געדענק פון מיינע ערשטע קינדער־יאָהרען איז אַ בחור מיט אַ שעהנעם פּנים, מיט פולע ליפּען. דאָס איז געווען מיין פאָטער'ס אַ שוועסטער־קינד מיט'ן נאָמען בענטשקע. ער האָט געלערענט אין שטעדטעל, און איך געדענק ווי ער זיצט ביי אונז אין שטוב ביים עסען. איך שטעל זיך איהם אימער פאָר מיט אַן ערנסטער פאַרשעמטער מינע, די מינע מיט וועלכער אַ ישיבה־בחור עסט זיין „טאָג".
זיין געשטאַלט שטעהט אין מיין זכרון ווי אַ בילד פון זעהר העלע, שטאַרק־באַלויכטענע פאַרבען, אַרומגעוויקעלט מיט טומאַן.
דערנאָך, ווען בענטשקע איז שוין אין פאָדברעזע ניט געווען, איז וועגען איהם געוואָרען אַ גערודער. מען האָט זיך געשושקעט, עס איז עפּעס געווען אַ צרה. שפּעטער, שוין זייענדיג אין ווילנא, האָב איך ביסלאַכווייז פאַרשטאַנען אַז בענטשקע האָט זיך גע־שמד'ט. מיין פאָטער פלעגט וועגען איהם רעדען מיט קללות, און מיינע מומעס פון מיין פאָטער'ס צד פלעגען בענטשקע'ן דערמאָנען מיט זיפצען און מיט קרעכצען. איך האָב אָפט גע־הערט דאָס וואָרט „קאָנסטאַנטינאָפּאָל", און איך געדענק אויך עפּעס וועגען אַ בריף וואָס איז פון איהם אָנגעקומען צו מיינעם

אַן עלטער-פעטער, אויף העברעאיש (בענטשקע האָט גוט געקענט לשון קודש). מעהר האָט מען פון איהם ניט געהערט *).

.3

די שכנים. — אינגעלעך און מיידעלעך. — מיין טאַטע און מיין מאַמע. — די ערשטע קעראָסין לאָמפּען. — מיינע ערשטע צוויי מלמדים. — עגאָאיזם.

אונזער דירה איז באשטאנען פון איין צימער. ווען מען איז אריין אין דער „פיר־הויז", איז זי אויסגעקומען פון דער לינקער האנט. פון דער רעכטער האנט האָט געוואוינט דער שוחט, צוזאמען מיט סענדער דעם פערד־הענדלער (זיין ווייב איז דאָס געווען איטע ריינע). פונקט אנטקעגען דעם ארייננאנג אין „פיר־הויז" איז געווען א דריטע דירה — א קליינער צימער, וואו עס האָט געוואוינט נאָך א משפחה. פון דיזער משפחה נעדענק איך נאָר איין פערזאָן: א הויכע, דיקע מיידעל, א ביסעל א געשטופּעלטע, מיט גרויסע אויגען. שבת, ווען זי פלעגט זיך אויספּוצען, פלעגט זי טראָגען א „קרינאָלינע", די איינציגע פאר־צייטיגע קרינאָלינע וואָס איך האָב ווען עס איז געזעהן ניט אין א מוזעי, נאָר אויף א לעבעדיגער פרוי. דאָס איז ניט דער זעלבער סאָרט קרינאָלין, וואָס דאמען האָבען א געוויסע צייט געטראָגען מיט פילע יאָהרען שפּעטער. דיזער איז א קלייניגקייט אין פאר־גלייך מיט דעם פארצייטיגען.

מיין פאָטער איז געווען א מלמד, און צוויי פון זיינע תלמידים (און אפשר דריי) האָבען ביי אונז גענעכטיגט און געגעסען קעסט. זייערע עלטערען האָבען געוואוינט ניט ווייט פון שטעדטעל. איך געדענק די צוויי אינגלעך ווי זיי האָבען אויסגעזעהן, און איך געדענק זאָגאר דעם פאָטער פון איינעם פון זיי.

מיין מוטער האָט געלערענט מיידלאך שרייבען. פון אלע

---

*) דאָס הייסט נאָר אַז די משפחה אין רוסלאַנד האָט פון איהם קיינ־מאָל ניט געהערט. אין אַ וויטערען באַנד פון דיזע עראינערונגען, מיט פילע יאָהרען שפּעטער, וועלען מיר זיך מיט איהם ווידער טרעפען.

איהרע שילערינס געדענק איך איינע: די הויכע, דיקע מיידעל, אונזער שכנ'טע, וואָס פלעגט שבת טראָגען א קרינאָלינע.

לעבען אונזער טיר איז אין „פיר־הויז" געשטאנען א „סטופע", אין וועלכער מיין פאָטער פלעגט שטויסען טאבאק. דאָרטען איז אויך געשטאנען די וואסער. איין מאָל, נעמענדיג א טרונק, האָב איך די איבערגעבליבענע וואסער פון קענדעל אריינגעגאָסען אין דער דאָזיגער טאבאק־סטופע. איך האָב זיך דער־שראָקען פאר מיין פארברעכען. מיינע עלטערען האָבען נאָכהער ניט געוואוסט ווער עס האָט דאָס געטאָן. איך האָב דעם סעקרעט פארבאָרגען ביז שפּעטער, ווען מיר האָבען שוין געוואוינט אין ווילנא. ווען איך האָב זיי אויסגעזאָגט, האָבען זיי זיך שוין דעם „אקט" ניט געקענט דערמאָנען.

איך געדענק די קינדער פון אונזערע שכנים, די פאמיליעס וואָס האָבען געוואוינט אין דעם זעלבען „פיר־הויז".

איך געדענק די אינגעלעך און די מיידעלעך, און ווי אזוי מיר, פיר אָדער פינף יאָהריגע „קאוואַליערען", האָבען זיך פאר־האַלטען צו אונזערע פיר אָדער פינף יאָהריגע „דאמען". איך גע־דענק, אז מיר האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אז עס זיינען פאראַן זאכען וואָס „מען טאָר ניט"; אז עס איז פאראַן א גרענעץ צו אונזער חבר'שאפט. דעם זין פון דעם גרענעץ האָבען מיר, נאַ־טירליך, ניט פארשטאנען. אָבער מיר, אינגעלעך, פלעגען איהם אָפּהיטען א סך שטרענגער ווי די מיידעלעך. איך מוז אויסזאָגען, אז אונזערע „ליידים" פלעגען זיך אָפּט אויפפיהרען אזוי, אז איך קען דאָס אויף פאפיר ניט איבערגעבען.

איך בין געווען א בן יחיד. איך זעה ווי מיין פאָטער זיצט און לערענט מיט זיינע תלמידים, האַלטענדיג מיר אויפ'ן שויס. איך געדענק דאָס פון יענער צייט, ווען איך אַליין האָב נאָך קיין עברי ניט געקענט זאָגען. איך הער זיך צו צו די ווערטער מיט די פארטייטשונגען, איך זאָג נאָך אייניגע ווערטער, און מיין טאטע איז שטאָלץ מיט מיר.

איך געדענק ווי מען האָט איינגעפיהרט דעם ערשטען קעראָ־

די הויז אין פּאָדברעזע, וואו איך האָב זיך געהאָדעוועט פון מיין דריטען יאָהר ביז דעם זעקסטען (דער ערשטער פענסטער לינקס פון דער טיר איז דער פענסטער דורך וועלכען איך האָב דאַן געקוקט אויף דער וועלט).
— פאָטאָגראַפירט ספּעציעל פאַר דיזען ווערק אין 1926.

סין לאָמפּ ביי אונז אין שטוב — אַ קליינינקער לעמפּעלע, אָהן אַ גלאָז, אַ בלעכענער, געפּארבט אויף רויט, אַזוי ווי אַ רויטער טינטעריל. דער לעמפּעלע שטעהט אויף אַ טיש און מען לערענט פאר איהם. עס איז אַ גרויסע נייעס. מעגליך, אַז דערביי האָט אויך געברענט אַ ליכט, וואָרים איך קען זיך ניט פאָרשטעלען אַז פון דעם קליינעם לעמפּעל זאָל זיין ליכטיג גענוג.

אין בית־המדרש האָט מען דאַן איינגעפיהרט אמת'ע קעראָסין־לאָמפּען, הענגענדיגע, מיט גלעזער, מיט „טעלער" פון אויבען, און פאר דער שטעדטעל איז דאָס געווען אַ סענסאַציע.

מיר האָט מען אָפּגעגעבען אין חדר צו פיר־און־אַ־האלב יאָהר. דעם ערשטען זונטאָג, ווען מען האָט מיר געפיהרט צו מיין אלף־בית רבי'ן, געדענק איך ווי דורך אַ געדיכטען וואָלקען. איך געדענק, אַז איך פלעג דאָס געדענקען דייטליכער. איך פלעג זעהן פאר די אויגען ווי דער מלאך וואַרפט מיר די קאָפּיקע. איך געדענק, אַז איך פלעג געדענקען, אַז דער ערשטער רבי מיינער האָט געהאַט אַ ווייסע באָרד. איך געדענק גוט אויף וועלכער זייט פון שטעדטעל מיין ערשטער חדר האָט זיך געפונען. מיין צווייטער חדר איז געווען אויף דער אַנטקעגענדיגער זייט.

מיין צווייטער רבי אין פּאָדבּרעזע איז געווען אַ הויכער איד מיט רויטע, קרענקליכע אויגען. זיין נאָמען איז געווען דוד דויגער. איך בין אָנגעקומען צו איהם אין דעם זומער ווען איך בין געוואָרען פינף יאָהר. איך געדענק זיין געזיכט מיט פאָלשטענדיגער דייטליכקייט. איך געדענק אויך זיין שטימע. אָבער איהם האָב איך געזעהן שפּעטער אויך (אין ווילנא).

ער האָט געהאַט אַ וואונד אויפ'ן אָרעם נאָהענט צו דער פּלייצע, און ער פלעגט זיך שטענדיג עסק'ן מיט אַ זאַלב און מיט „קאַרפּיע". דאָס אַלץ איז צוזאַמענגעמישט אין מיין זכרון מיט דעם לערנען — עברי זאָגען און אַן אָנהויב חומש.

איך זעה אין געדאַנק אַ סצענע: עפּעס האָב איך זיך פּאַרזינדיגט, און דער רבי האָט מיר צוגעבונדען צום בעט מיט אַ

שמאָלען, לאַנגען רימען. איך בין געזעסען ביים טיש און גע־לערענט, און דער רימען האָט זיך געצויגען פון מיר צום בעט.

קיין דריטען און העכערען רבי'ן האָב איך אין פאָדברעזע שוין ניט געהאַט.

איך געדענק ווי מען האָט ביי אונז געמאַכט אַ שטיקעל יום־טוב מיט מיין ערשטען סיום. וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ סיום געדענק איך ניט. שבת נאָכ'ן דאַוונען זיינען געקומען געסט. אַן עלטערער אינגעל מיט'ן נאָמען פּייוּוקע, מיין פאָטער'ס אַ תלמיד, איז איינער פון די געסט. ער איז געווען דער פּלימעניק פון רחל לאה די בייגעל בעקערקע, די אלמנה וואָס האָט געוואוינט און געפיהרט איהר געשעפט אויף יענער זייט פון דער פאַרשלאָגע־נער טיר, און ער האָט זיך ביי איהר אויפגעהאַלטען. מיין מאַמע איז איהם מכבד מיט אַ קיכעל און אַ שטיקעל „רעצישניק", און ער געהט אום און קייט געשמאַק. זיין געשמאַקער קייען און די ברייטקייט, מיט וועלכער ער געהט אַרום איבער'ן שטוב, ער־נערט מיר. עס איז מיין מאַמע, מיין שטוב, מיין סיום, און מיין קיכעל. וואָס געשמאַקער ער האָט געקייט, אַלץ מעהר האָב איך איהם ניט פאַרגונען.

מיין פאָטער און מיין מוטער אין זייערע יונגע יאָהרען, געדענק איך גוט. איך געדענק מיין פאָטער'ס תויכע, דאַרע, שטאַרק־געבויטע פיגור און זיינע שוואַרצע האָר. ער האָט געהאַט אומעטיגע אויגען און אַ שאַרפען, לאַנגען, בולט־סטאַרטשענדען נאָז — דער אָנבליק פון זיין מוטער און איהרע ברידער (זיינע ברידער און צוויי פון זיינע שוועסטער זיינען געווען ענליך צו איהם). איך האָב זיין פנים.

מיין מוטער איז געווען נידעריגער געוואַקסען ווי ער, מיט טונקעל־רויטע האָר, מיט אַ רויטליך פנים, וועלכען מען האָט גע־האַלטען פאַר אַ שעהנעם. די האָר זיינען, נאַטירליך, געווען צוגע־דעקט — שבת מיט אַ פּאַרוק אָדער אַ „באַסטען" טוך; אין מי־טען־וואָך מיט אַ פּראָסטע געקאָלירטע טיכעל.

.4

די נאַטור. — בלומעלעך. — פויגעלעך. — געזאַנג.

וואָס האָב איך אין יענע צאַרטע קינדער־יאָהרען געפיהלט פון דער נאַטור מיט איהר פּראַכט? פּאָדברעזע איז אַ קליין שטעדטעלע, כמעט אַ דאָרף. אַ פּאָר מינוט גאַנג פון אונזער וואוינונג האָבען זיך שוין אָנגעהויבען לאָנקעס מיט פעלדער. וואָס־זשע געדענק איך פון דעם? דער ענטפער אויף דיזער פראַגע איז זעהר אַ מאָגערער.

איך געדענק אַ לאָנקע. און אַ זומער׳דיגען ווינטעל, ווי ער וויגט די גראָז מיט די קווייטעלעך. איך געדענק דעם פאַר־גניגען וואָס דאָס פלעגט מיר פאַרשאַפען. איך געדענק אויך מיין קינדערשען געפיהל פון עפּעס געהיימניספולעס. איך גע־דענק דעם טשוויטשען פון די פּאָדברעזער פויגעלעך. אָבער פון קליינע פויגעלעך האָב איך געוואוסט נאָר איין סאָרט: וואָראָבייטשיקעס (שפּערלינגען). אויף אידיש פלעגען זיי היי־סען „באַראַבייטשיקעס”. אז עס זיינען פאַראַן פויגעלעך וואָס האָבען אַנדערע קאָלירען, העלערע, שעהנערע, האָב איך ניט גע־וואוסט. איך זאָג „קליינע פויגעלעך”, וואָרים איך האָב גע־וואוסט פון אַ בוטשאַן — די גרויסע פויגעל מיט זעהר לאַנגע, דאַרע פיס, אַ לאַנגען האַלז און אַ לאַנגען שנאָבעל.

ווען מיר, קינדער, פלעגען דערזעהן אַ בוטשאַן פליהענדיג אין דער הויך, פלעגען מיר פאַררייסען די קעפּ און שרייען:

„בוטשן, בוטשאַן, גאַ־גאַ־גאַ!”

ווען מיר פלעגען זעהן אַ גרויסע קאָמפּאַניע „באַראַביי־טשיקלעך” פליהענדיג און טשוויטשערענדיג לוסטיג, פלעגען מיר זאָגען, אז דאָס איז אַ חתונה.

פון די קווייטעלעך וואָס וואַקסען אין די פעלדער און לאָנ־קעס, האָב איך נאָר געוואוסט דריי סאָרטען: דעם בלומעלע וואָס האָט די פאָרמע פון אַ געלע קיילעכדיגע בערשטעל, און וואָס זיין שטענגעל האָט אַ ביטערען טעם (שפּעטער ווערט די בערשטעל

פאַרוואַנדעלט אין א קיילכעל פוך. מיר פלעגען איהר פאַרניכ־טען מיט איין בלאָז), דעם בלומעלע וואס באשטעהט פון ווייסע בלעטעלעך מיט א געלענקען קנעפּעלע אין מיטען; און דעם, וואָס זעהט אויס ווי א דונקעל רויטער קנאָפּ. קיין נעמען האָבען זיי ביי אונז ניט געהאַט. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט ווי מען רופט יעדען פון זיי אויף רוסיש, און גאָר שפּעטער — אין אמעריקא — אויף ענגליש. אָבער אויף אידיש איז ניט געווען קיין ווערטער פאַר אַזעלכע זאכען, און מיר פלעגען אַלע פעלד־בלומען רופען מיט אן אַלגעמיינעם נאָמען: „צאַצקעס".

דאָ אין אמעריקא בין איך באַקאַנט מיט עטליכע־און־זעכציג מינים פויגעלעך און מיט פילע צעהנדליגע פעלד־בלימעלעך. די פויגעלעך אָבער פון מיין געבורט־אָרט זיינען מיר אונבאַקאַנט. איך ווייס וועגען זיי פון רוסישע ביכער און אויך פון ענגלישע; אָבער ניט פון לעבען.

איך פלעג פאַרברענגען א סך צייט אין שפּילען זיך — מיט חברים אָדער איינער אליין. קעגען־איבער אונזער שטוב איז געווען א ברונעם, פלעג איך זיך שפּילען נאָהענט דערביי, אָדער הינטער דער שטוב, וואו עס איז געווען א גאָרטען, און וואו א פּאָר פון די בייטען זיינען געווען אונזערע. נאָכ'ן גאָרטען האָט זיך געצויגען א לעדיגער שטח, א פאַרוואַקסענער מיט גראָז, קראָפּעווע, אָדער ווילדע פלאַנצען, און איינינגע קווייטען. פלעג איך דאָרטען כאַפּען ביתנען, זשוקעס, גרויסע בלויע פליגען און „חיה'לעך" (די לאַנגע האָריגע באַשעפענישען, פון וועלכע עס ווערען זומער־פויגעלעך). אין גאָרטען פלעג איך געפינען א סך גרינע קייקעלעך, אַזוי ווי אַרבעס, פון די וואָס פאַלען אַראָפּ פון א געוויסען מין ווילדע פלאַנצונג. פלעג איך אויסגראָבען א גרוב און זיי דאָרטען אַנקלייבען. ביי דער אַרבייט פלעג איך ריידען מיט זיך אליין.

איין מאָל האָט מען מיר געשאָנקען א קיילעכדיגע מעשענע פּושקעלע. האָב איך אין איהר אריינגעלייגט א „חיה'לע" און איהר פאַרמאַכט. שפּעטער, ווען איך האָב אויפגעעפענט און גע־פונען אז זי איז טויט, בין איך געווען שטאַרק ענטוישט.

אַן אַנדערס מאָל האָב איך אַ לעבּעדיגע „חיה׳לע״ באַגראָבען. איך האָב איהר „פּארזייהט״, הייסט עס, און אויף מאָרגען בּין איך געגאַנגען זעהן צי עס שפּראָצט שוין.

איינע פון מיינע טייערסטע ערשינערונגען, וועלכע זיינען פאַרבּונדען מיט דער נאַטור, איז אַ סצענע ווי מיין טאַטע מאַכט מיר אַ פייפעלע. איך זעה איהם אַ יונגען, מיט שוואַרצע האָר, אַ הויכען, אַ שטאַרקען, ווי ער גיט אַ שפּרונג צו אַ בּוים, בּויגט אַרונטער אַ צווייג און בּרעכט אָפּ אַ שטיק.

עס איז ל״ג בּעומר. ס׳איז פריהלינג; אָבּער אין דעם גע־וועהנליכען אידישען לשון איז אַזאַ וואָרט ניטאָ. בּיי אונז הייסט שוין דאָס זומער. אַלץ איז יונג און פריש — אַ מחיה! דער טאַטע שלאָגט דעם צווייגעל מיט זיין מעסער׳ל, כדי די קאָרע זאָל זיך אַראָפּנעמען. דער צווייג איז פריש און זאַפטיג. דער טאַטע האַלט דעם קלינגעל אין האַנט און מיט דעם שטילכעל קלאַפּט ער ווי מיט אַ העמערל. ער בּאַנעצט די דונקעל־גרינע קאָרע בּיי זיך אין מויל און קלאַפּט ווייטער. ענדליך בּאַוועגט זי זיך, די קאָרע. דער טאַטע איז גליקליך, און איך אודאי. ער שניצט צו. ער שניידט אויס אַ „מיילעלע״; ער שניידט אַרום, און ענדליך ציהט ער די קאָרע אַראָפּ. זי נעמט זיך אַראָפּ ווי אַ העמדעלע. דער שטעקעל בּלייבּט אַ נאַקעטער, אַ פייכטער, אַ בּלישטשענדער. די איבּעריגע אַרבּייט איז שוין לייכט.

ווען די פייפעלע איז פאַרטיג און ער גיט דעם ערשטען פייף, ציטער איך פאַר שמחה. אָבּער דאַן ערשט פאַנגען זיך אָן צרות: בּיי מיר פייפט זיך ניט. דער טאַטע מאַכט אַן אָפּעראַציע. ער שניצט ווידער; ער פאַררוכט, בּיז ענדליך געהט עס בּיי מיר אויך. איך בּין אויפ׳ן זיבּעטען הימעל!

דעם טאַטען׳ס מעסערל איז אַזאַ וויכטיגער טייל פון דעם בּילד ווי דער טעם פון פריהלינג, ווי די פרישע זאַפט פון דער קאָרע. ער איז געווען אַ גרויסער בּעלן אויף מעסערלעך און האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ מבין אויף זיי. אַ מעסערל איז בּיי איהם געווען אַזוי ווי אַ פערד בּיי אַ ליידענשאַפטליכען רייטער. זיין גאַנצען לעבּען אַזוי.

וואָס איז מיין ערשטע עראינערונג פון געזאַנג?

מיין מוטער איז ניט געוועזן קיין גרויסע זינגערין. זי פלעגט זינגען נאָר אַ געוועהנליכע וויג־ליד, אַי דאָס — שטילערהייד. איך געדענק איהר יונגע שטימע. מיין פאָטער האָט געהאַט אַ שטאַרקע שטימע און ער פלעגט זינגען אַ סך.

דער ערשטער נגון וואָס איך קען זיך דערמאָנען איז אַ „האָפקע", וואָס מיין טאַטע און אַנדערע פאָדברעזער אידען פלעגען זינגען שמחת תורה. איך קען איהם עד היום איבערזינגען. איך זעה פאַר די אויגען ווי זיי טאַנצען, און איך הער זייערע פרעהליכע קולות.

איך געדענק אויך ווי אין פאָדברעזע פלעגט מען זינגען אליקום צונזער'ס ערשטע לידער: „די בלום", „ר' תנחום" און „דער זומער און דער ווינטער". אם דייטליכסטען געדענק איך ווי זיי פלעגט זינגען אין „אָכאָטניק"*), אַ הויכער, שעהנער יונג.

איך געדענק דעם הויפט קלעזמער, דעם פידעל־שפילער פון שטעדטעל. חיים, האָט ער געהייסען — אַ דאַרער אידעל מיט אַ ווייסער באָרד. פילע יאָהרען פלעג איך קענען איבערזינגען אַ געוויסען נגון, וואָס ער פלעגט שפילען. איך האָב איהם אָבער שוין לאַנג פאַרגעסען.

5.

גאָט. — אין בית המדרש. — ר' בערעלע. — ר' ליפע. — אידען. — קריסטען. — אַ מאַרטירער.

ווי ווייט האָב איך אין יענע יאָהרען פאַרשטאַנען די ראָלע פון גאָט?

איך פלעג זיך איהם פאָרשטעלען ניט ווי אַ מעכטיגען, אַ

*) אַ בחור, וואָס פלעגט זיך פאַרקויפען צו דינען אין דער ארמעע. דער אידישער קהל פון יעדער שטאָדט אָדער שטעדטעל פלעגט מוזען צו־שטעלען אַ באַשטימטע צאָהל רעקרוטען, לויט דער צאָהל פאַרשריבענע זכרים. פלעגט מען (קהל אָדער פריוואַטע מענשען) אַ טייל פון זיי קויפען, און אַ טייל איינפאַך כאַפּען און האַלטען הינטער שלאָס און ריגעל ביז מען פלעגט זיי „אָפּגעבען". עס זיינען געוועזן ספּעציעלע אידישע „כאַפּערס".

מאַיעסטעטישען, אַ פירכטערליכען, נאָר פונקט פאַרקערט: איך פלעג איהם זעהן אין דעם געשטאַלט פון אַ אינגעל. נאָר דער אינגעל זיצט זעהר הויך ערגעץ־וואו. און ער טראָגט עפּעס אַ מאָדנעם סאָרט היטעלע, אַ האַלב־קיילעכדיגע.

פון וואנען עס האָט זיך ביי מיר אין מוח צוזאמענגעשטעלט אַזאַ פיגור ווייס איך ניט גענוי. איך בין אָבער זיכער, אַז דאָס האָט געהאט אַ שייכות צו דעם קלאַנג פון דעם וואָרט „גאָט". איך געדענק אַז דער וואָרט האָט אויף מיר קיין שטאַרקען איינ־דרוק ניט געמאכט. אַ קורצער, אָפּגעהאַקטער וואָרט. און דער אינגעל מיט דער היטעלע איז אויך געווען אַזוי.

פאַר'ן הימעל האָב איך אָבער מורא געהאַט. אויף יענער זייט הימעל איז געווען אַ סודות'דיגע וועלט, פאַר וועלכער איך האָב זיך געשראָקען.

אָנווייזען מיט'ן פינגער אויפ'ן הימעל האָט מען ניט גע־טאָרט; „ס'וועט אראָפּשפּרינגען אַן אייזערנע קאַץ און אָפּ־בייסען דעם פינגער". אַלזאָ, פלעג איך זיך פאָרשטעלען אַ בייזע קאַץ ווי זי שפּרינגט פון הימעל. דאָס איז אין מיין מוח געווען צוזאַמענגעפלאָנטערט מיט דער געטליכער געהיימניס.

איך געדענק דעם בית־המדרש מיט אַ געסעל וואָס פיהרט צו איהם פון דער הויפּט גאַס.

איך געדענק ווי שמחת תורה טראָגט מיין פאָטער מיר צו די הקפות. איך געדענק מיין פּאַפּירענע „פאָהנע" מיט די פיגורען, מיט די געלע מער, וואָס איז ארויפגעשטעקט אויפ'ן שפּיץ פון דעם שטעקעל צו דינען אַלס אַ לייכטערעל. אין מיין זכרון איז פאַרבליבען די סצענע ווי די ליכט ברענט ניט, אָדער עפּעס אַן אַנדער צרה האָט געטראָפען מיט דער פאָהנע. די סצענע אָבער ביי די הקפות גופא געדענק איך ניט.

איך געדענק ר' בערעלע'ן, דעם רב פון שטעדטעל, מיט זיין גרויע, געדיכטע, קיילעכדיגע באָרד, און ר' ליפּע'ן, זיין איידעם, מיט אַ באָרד שוואַרץ ווי זשוק, און ר' ליפּע'ס ווייב, ביילע דוואָסע'ן, וועלכע האָט געהאַט אַ שפּייז קרעמעל ניט ווייט פון דעם ברונען. ר' ליפּע איז געווען מיין טאַטען'ס אַ שוועס־טער־קינד. אין פאָדברעזע האָב איך דאָס אָבער ניט פאַרשטאַנען.

זייער פארוואנדשאפט האָב איך ענטדעקט ערשט שפּעטער, ווען מיר האָבען שוין געוואוינט אין ווילנא.

די אידען אין פּאָדברעזע זיינען געווען ווי די אידען פון אַלע אַזעלכע שטעדטלעך: כמעט אַלע אָרימע לייט. עס זיי־נען געווען נאָר אַ פּאָר באַלעבאַטישע פאַמיליעס. דאָס האָב איך גענומען באַגרייפען אָדער פיהלען, ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ קינד.

דעם זוהן פון איינער פון די רייכערע משפחות האָט מען גערופען „יאַקאָב", און איך האָב געוואוסט אַז דאָס איז אַן „אַריסטאָקראַטישער" נאָמען.

איך געדענק אַ קרעמער מיט'ן נאָמען העשעל, אַ איד מיט אַ רויטליכער באָרד און מיט אַ שעהנעם פּנים. זיין פרוי איז ניט געווען ביים זינען. און איך געדענק ווי מען האָט דער־צעהלט פארשידענע מעשות וועגען איהר. איינמאָל, צום ביי־שפּיל, האָט זי גענומען שימקע'ן, איהר אינגעלע, וועלכער איז דאַן אַלט געווען עטליכע מאָנאַט, איהם אריינ:עשפּאַרט אין אַ טאָפּ מיט פעדערען, און דעם טאָפּ ארויפגעשטעלט אין דער הויך אויף אַ פּאָליצע. איצט איז שימקע שוין געווען אַ היב־שער אינגעל. ער איז געווען מיט אַ פּאָר יאָהר עלטער פאַר מיר. ער איז געווען עהנליך״צו זיין פאָטער, און איך האָב איהם גע־האַלטען פאַר דעם שעהנסטען אינגעל אין פּאָדברעזע.

וואָס איז מיין ערשטע עראינערונג וועגען קריסטען? ריכ־טיגער געזאָגט, וועגען מיינע געפיהלען צו זיי?

איך האָב געזעהן, אַז זיי זיינען ניט אַזעלכע מענשען ווי מיר; אַז אידען זיינען איין זאַך און זיי — גאָר אַן אנדער זאַך (ווען איך האָב דאָס אָנגעהויבען אָפּצושאַצען, קען איך ניט באַשטימען). איך האָב געזעהן, אַז זיי האַלטען ניט שבת; אַז זיי האָבען ניט קיין חדרים; און איך האָב געוואוסט אַז זייער קלויסטער האַלטען אידען פאַר אַ שלעכטע, שרעקליכע זאַך.

דער אַלגעמיינער באַגריף וועגען גוים איז אין מיין מאָרך פון

אימער אָן געווען פארבונדען מיט מיין אונדייטליכען באגריף וועגען דער רעגירונגס־מאכט.

דער שעהנער, שרעקליכער כּאַוואנסקי איז געווען אַ גוי. אַלע גוים זיינען געווען שרעקליך. אז גוים האָט מען אויך גענומען פאר סאָלדאטען האָב איך ניט געוואוסט. איך האָב געמיינט, אַז שרעקליכע זאכען טוט מען נאָר אָן אידען.

אין מיין זכרון זעה איך בולט די פאָלגענדע סצענע:

מיין מאמע טראָגט אַ טעפּעלע געקעכטס צו אַ אידישען רעקרוט און זי נעמט מיך מיט. דעם רעקרוט האָט מען געהאַלטען אין אַ פּריוואט־הויז, וואו ער איז געווען גע־שמידט אין קייטען. לעבען איהם האָט זיך שטענדיג געפונען אַ וועכטער. דער רעקרוט איז געווען אַ דארער, אַ הויכער, מיט שווארצע האָר. איך געדענק דעם קלאַנג פון זיינע קייטען און זיין פארטרויערטען פּנים. איך געדענק ווי ער רויכערט אַ לולקע (ער האָט געראויכערט זעהר פיל, און פיל געפאסט, כּדי זיך צו „פאר־מאָרען", מען זאָל איהם פארבראַקירען).

איך האָב געפיהלט אַ טיפען רחמנות אויף איהם, און איך האָב געוואוסט, אז עס איז פאראן עפּעס אַ שלעכטע מאכט, וואָס פּייניגט איהם. און די דאָזיגע מאכט איז אין מיין גע־דאנק געווען צוזאמענגעבונדען מיט אַלע גוים בכלל.

ווען איך בין אַלט געווען פינף יאהר, האָט אין שטעדטעל געקאָכט מיט אַ „ניט־גוטען". ס'איז געווען פאר פּסח. ביים מצה־באקען האָבען געפלאצט שויבען, און מ'האָט ניט געקענט געפינען קיין שולדיגען. אזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג. פּאָדברעזע איז געגאנגען כּאַדראַם. ענדליך האָט מען דעם „ניט־גוטען" געכאפּט: אַ מיידעלע מיט'ן נאָמען לאה'קע. זיצענדיג אויפ'ן אויוועז מיט אַ קינד אויפ'ן שוים, האָט זי פלינק געוואָרפען שטיינדלעך אין פענסטער. מ'האָט ניט אויפגעהערט צו ריי־דען וועגען דעם, און איך האָב זיך צוגעהערט מיט שרעק און מיט דראמאטישען אינטערעס.

פון לאה'קען איז אויסגעוואקסען אַ סימפּאטישע, בּכבוד'ע פרוי, נאָר שטילינקערהייט פלעגט מען אימער אַ זאָג טאָן: „דאָס איז לאה'קע די שד'יכע".

.6

מיר פארלאָזען פאָדברעזע. — ווילנא פון ווייטען.

אין שטוב האָט זיך גענומען טומלען. דער געוועהנליכער לעבען איז צושטערט געווארען. איך האָב אלע ווײלע געהערט די ווערטער „ווילנא", „אריה לייב", „שניאור", „שענק", „פאָדוואל", „מלמדות", „א פינסטערע פּרנסה", „פייגע".

מען האָט זיך אָנגעהויבען פּאקען.

מען האָט מיר געגעבען צו פארשטעהן, אז מיר פאָהרען אויף אימער ארוים פון פאָדברעזע; אז אונזער היים וועט איצט שוין זיין אין ווילנא, אין דער גרויסער שטאָדט, וואו עס וואוינט די מוהמע פייגע און דער „אנדער" זיידע, דאָס הייסט, מיין מוטער'ס פאָטער.

איך געדענק יענע טייל פון אונזער רייזע נאָך ווילנא, ווען די פוהר האָט שוין געהאלטען נאָהענט צום שטאָדט. פון ווייטען האָב איך געזעהן שעהנע, געקאָלירטע, הויכע קוימענס אָדער זיי־לען. זיי וואקסען אָבער נים ארוים פון דעכער, נאָר פון דער ערד. א סך קוימענס אָדער זיילען אזעלכע — רויטע, ברוינע, גרינע, גאָלד־געלע. אזוי האָט אין מיינע אונערפאהרענע אויגען די שטאָדט אויסגעזעהן פון ווייטען.

ווי אזוי ערקלעהרט זיך דער פאנטאסטישער בילד? — די פראגע האָט מיר אינטערעסירט דעם גאנצען לעבען.

מיר זיינען צוגעפאהרען אין א שפּעטען נאָכמיטאג. הינ־טער'ן שטאָדט האָבען זיך געזעהן טורעמלעך מיט רעליגיעזע בילדער, קלויסטערס און קלויסטערלעך; עס האָבען זיך געזעהן קאָסציאלען מיט גרינע דעכער און סאָבאָרען מיט גרינע אדער גילדערנע דעכער. און ווער קען ערקלעהרען דעם צויבער־שפּיל אין א קינדערשען מוח, ווען פאָרמען און קאָלירען שפּיגלען זיך דורך דעם געהיימניספולען טומאן פון א זון־אונטערגאנג?

צווייטער קאפּיטעל.

ערשטע יאָהרען אין ווילנא.

.1

געהענדיג פון טונעל. — דער ערשטער איינדרוק.

עראינערונגען אָן די ערשטע יאָהרען פון א לעבען זיינען עהנליך צו די ערפאהרונגען פון איינעם וואָס געהט פון א טונעל. ער הויבט אָן עפּעס צו זעהן, אָבער צוערשט זעהר דונקעל. א כמארע רינגעלט איהם ארום, און דורך דער כמארע קוקט ער אויף די ווענט. ער זעהט ווייניג געגענשטאנדען. דאָ און דאָרטען איז איין ציגעל ווייסער אָפּגעקאלעכט ווי די אנדערע. אן אייזערנער קלאמער שטעקט ארויס אָדער א שטיקעל סו־פיט ווארפט זיך אין די אויגען. וואָס ווייטער ער געהט, אלץ ליכטיגער ווערט איהם. עס זעהען זיך מעהר ציגעל, און זיי זיינען קלעהרער. ענדליך קומט ער ארויס אויף דער ווייסער וועלט. אלץ איז ליכטיג.

מיין טונעל ענדיגט זיך א פּאָר יאָהר נאָך דעם ווי מיר זיי־נען געקומען קיין ווילנא. מיינע ערשטע צוויי יאָהר אין וויל־נא זיינען אין מיין געדאנקען שוין אויך קלאָהר, אָבער ניט אב־סאָלוט קלאָהר. אייניגע פּנים'ער און סצענעס זיינען העל, אָבער נאָר אייניגע, און די פּאָר יאָהר אין אלגעמיין זיינען פארצויגען מיט א לייכטען נעבעל.

ווען מיין זכרון שטעלט זיך אָפּ ביי דיזען פונקט, און איך קוק צוריק, צו דעם ערשטען יאָהר אין ווילנא, און דאן ווייטער צוריק — קיין פּאָדברעזע — ווערט דער טונעל אלץ דונקעלער

און דונקעלער, ביז מיין זכרון־בליק ווערט פארלארען אין א שווארצען תהום.

וואס איז ווייטער? איך וויים נים. ס'איז פינסטער, אב־סאלוט פינסטער. מען קען גארנים זעהן...

דער ערשטער איינדרוק, וואס איך געדענק פון ווילנא, נים פון ווייטען, נאר פון אינווייניג, אין שטאלט — איז שייך צו איהר ריח. ער איז מיר געוועזן פרעמד און אונאנגענעהם. די לופט איז דארטען פיל ערגער ווי אין פאדברעזע; און פון מיין טאטען האב איך גע'ירש'נט א שארפען חוש הריח; האב איך דעם אונטערשיד געפיהלט זעהר שטארק.

פאדברעזע איז א גאנץ קליינע שטעדטעלע; וואו מען נים זיך א קעהר איז א גארטען אדער א לאנקע, און עטליכע טרים פון אונזער שטוב איז שוין „הינטער'ן שטאדט". דער הימעל איז ברייט, די ערד איז נים פארדעקט, און די לופט איז פריי; איהר אטעם איז פריש. און דא אין ווילנא ציהען זיך גאסען און גא־סען; די הייזער זיינען דורכאוים מויערען, און אלע זעהר הויכע — אזוי האבען זיי מיר אויסגעזעהן; די ערד איז אינגאנצען פארברוקירט; אלץ איז פארמויערט, פארצאמט, פארשפארט.

קיין פלאמבינג איז נים געווען. פון אזעלכע זאכען האב איך נים געוואוסט; איך האב נאר געוואוסט, אז פון די הויפען טראגט זיך א שלעכטער גערוך, און איך האב געפיהלט אז די לופט קען איהם נים אוועקטראגען. מיר האט זיך געדוכט, אז אין די גרויע שטיינער פון דעם ברוק און אין די געלבליך־פארביגע ווענט פון די מויערען איז פארקנאטען דער שווערער גרוך פון די הויפען.

די גרויסע שטאדט, די געמויערטע און אויסגעברוקירטע, האט אין מיר ארויסגערופען עהרפורכט. און ווען איך דערמאן זיך גוט מיין דאמאלסדיגע שטימונג, זעה איך, אז די אונצופריי־דענהייט פון מיין חוש הריח האט דער דאזיגער עהרפורכט נים געשטערט. ווילנא האט מיר אי געשראקען, אי באצויבערט.

.2

דער פעטער אריה לייב און דער פעטער שניאור. — א פּאָדוואָל מיט אַ שענק. — דער מערקעל, און דער געגענד.

אין ווילנא האָבען אונז אראָפּגעבראכט מיין מאַמע'ס צוויי פעטערס — דער פעטער אריה לייב און דער פעטער שניאור. זיי זיינען געווען ברידער, און זייער פאמיליען־נאָמען איז געווען אנאליק. מיין מוטער'ס מוטער, וועלכע איז געשטאָרבען איידער איך בין געבאָרען געוואָרען, איז געווען זייערע א שוועסטער. עטליכע מייל פון ווילנא, אין אשמיאנער אויעזד, האָבען זיי געהאט צוויי בראנפען ברייזער, און אין ווילנא האָבען זיי געהאט א „פּאָדוואָל", (אן אגולנעם בראנפען געשעפט) מיט א שענק צוזאמען. האָבען זיי אריבערגעבראכט מיינע עלטערען צו פיהרען דעם שענק. זיי האָבען מיין מוטער געליבט, האָבען זיי געוואָלט איהר מאַן באפרייען פון זיין מלמדות.

א גרויסען טייל האָט אין דעם פּלאַן געהאט מיין מאַמע'ס טרייע שוועסטער, פייגע. זי האָט די צוויי פעטערס צוגעגעבען חשק אונז אראָפּצוברענגען. און זי האָט דערביי געהאט אין זינען ניט נאָר צו פארגרינגערען איהר שוואָגער'ס פּרנסה, נאָר אויך צו האָבען מיין מוטער לעבען זיך. זיי זיינען געווען שטארק צוגעבונדען איינע צו דער אנדערער.

אריה לייב איז געווען דער עלטערער פון די צוויי ברידער, און ער איז געווען דער הויפּט בעל הבית פון די אלע געשעפטען. וואס פאר א פינאנציעלע באציהונגען עס האָבען צווישען זיי עקזיסטירט, בין איך דאַן געווען צו יונג צו פארשטעהן.

אריה לייב איז מסתמא געווען א איד פון א יאָהר פופציג, מיט א טונקעלען פּנים, מיט גרויע האָר. ער האָט געהאט א קלוגען שמייכעל און ער פלעגט אָפט צופינטלען מיט איין אויג. שניאור האָט געהאט בלאָנדע האָר מיט א געדיכטער בלאָנדער באָרד. ער האָט געהאט א טבע א הויב צו טאָן די אויבערשטע לופּ אויף א געוויסען שטייגער. א שמייכעל האָט ער געהאט א קלוגען, א ליכטיגערען און א פרעהליכערען ווי זיין עלטערער

ברודער. ער איז אינגאנצען געווען פרעהליכער, און סימפּא־טישער אויך.

הנאה האָבען פון לעבען האָבען זיי ביידע ליב געהאַט, און פרום זיינען זיי ביידע ניט געווען. אריה לייב איז געווען ביט־רער, צוריקגעהאַלטענער, ווייניגער אויפריכטיג. שניאור האָט גערעדט מעהר, געמאַכט מעהר שפּאַס און געהוליעט אָפענער.

מיין מאַמע פלעגט שניאור'ן רופען איינפאַך „שניאור" און איהם זאָגען „דו". אריה לייב'ן אָבער, וועלכער איז געווען פיל עלטער פון איהר, פלעגט זי רופען „פעטער" און איהם „איהר־צען". שניאור איז מיר גלייך געפעלען געוואָרען. פאַר אריה לייב'ן האָב איך מורא געהאַט.

דער פּאָדוואָל און דער שענק און אונזער דירה זיינען גע־ווען אין שבח זשירמונסקי'ס הויף, וואו עס הויבט זיך אָן קליין סטעפּאַן גאַס. דאָרטען האָב איך פאַרבראַכט מיינע קינדער יאָה־רען, פון דעם 6טען ביז דעם 14טען.

דער הויף שטעהט נאָך איצט, נאָר ער רופט זיך אַנדערש. ער געפינט זיך אויפ'ן ראָג קליין־סטעפּאַן גאַס און א קליינעם זאַוואָוליקעל, וועלכער האָט אויף רוסיש געהייסען „קוואַסנאָי פּערעאולאָק" — א נאָמען, וועלכען אידען האָבען ניט געברויכט. זיי פלעגען איהם רופען „שלמה קיסין'ס זאַוואָוליק," אדער „ביי דער שחיטה שטיבעל".

דער פּלאַץ איז א גאַנץ לעבעדיגער. עס איז א סקווער, א „מערקעל", ווי מען פלעגט דאָס רופען; אויסער קליין־סטעפּאַן גאַס פאַנגט זיך דאָ אָן גרויס־סטעפּאַן גאַס און רודניצקער גאַס; און עס געהט דורך די ברייטע זאַוואָלנע גאַס. אויפ'ן מערקעל זיי־נען געשטאַנען אָרימע „גאַס־מענשען" מיט זייערע גרויסע צוויי־רעדערנע וועגעלעך. דערפאַר אָבער האָט זיך גלייך דערביי גע־פונען א בלישטשענדער אַפּטייק און א בודקע פון סאָדאַ וואַסער. דער אַפּטייק איז געווען אויף א ראָג פון זאַוואָלנע אין א גרויסען, ווייסען מויער, וואו עס האָט געוואוינט א גענעראַל. ווייטער איז דער געגענד געווען דורכאויס א אידישער. דער אַפּטייקער און זיינע אָנגעשטעלטע זיינען אויך געווען אידען, אָבער געגאָלטע

און היינטיג־געקליידטע, און איך פלעג פאַר זיי האָבען דעם זעלבען סאָרט אָפּשיי ווי פאַר דעם גענעראַל מיט זיין פאַמיליע. איך געדענק ניט ווי די קריסטליכע משפחה האָט אויסגעזעהן. איך געדענק נאָר די קלאַנגען פון אַ פּיאַנע וואָס פלעגען זיך אָפּטערען פון זייערע פענסטער; אָדער פון אַ קאַטערינקע וואָס פלעגט זיך אָפּשטעלען שפּילען פאַר זיי. אַמאָל פלעגט ביי דער פּאַראַדנער טיר זיך אָפּשטעלען אַ קאַרעטע.

דער ווייסער מויער מיט זיין שעהנער גרויסער טיר איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגען אונזער שענק — אפשר דרייסיג טריט פון אונז. און דאָך, ווען ער וואָלט זיך געפינען פאַר טויזענט מייל, וואָלט ער ניט געקענט זיין ווייטער פון מיר, ווי ער איז דאַן געווען.

די קאַרעטעס וואָס פלעגען צופאָהרען צום גענעראַל׳ס וואוינונג, זיינען געווען אַ זעלטענע אויסנאַהמע. אַזוי איז דאָס געווען אַ געגענד פון פויערשע פוהרען און פון גרויסע משא־וועגען. אַ דראָזשקע פלעגט אויך זעלטען דורכפאָהרען.

עטליכע טריט פון דעם ווייסען מויער, אויף סטראַשונער׳ס הויף, איז געווען אַ געשעפט פון הערינג און אַ געשעפט פון רעדער און פון דזשעגעכץ. און עטליכע טריט אין אַנדערע ריכטונגען — אַ מעהל קראָם, אַ קראָם פון האָבער און היי, רימאַרסקע קראָמען, קליימען פון גראָבע זאַלץ און טיטון און פון אַנדערע סחורות פאַר׳ן דאָרפישען געברויך.

ווי פילע אייראָפּעאישע הויפען, איז שבח זשירמונסקי׳ס הויף באַשטאַנען פון צוויי טיילען: אַ דונקעלע מיט אַ סופיט און אַ ליכטיגע אונטער׳ן פרייען הימעל. ווען מען האָט געזאָגט „דער טויער", האָט מען געמיינט דעם טויער צוזאַמען מיט דער דונקעלער טייל פון דעם הויף.

אונזער שענק האָט געהאַט צוויי טירען: איינע אין גאַס אויפ׳ן מערקעל, און די צווייטע — „אין טויער". אַהין זיינען אויך אַרויסגעקומען די צוויי פענסטער פון אונזער ספּאַלניע, וועלכע איז געווען נעקסט צום שענק.

אין ספּאַלניע איז געווען כמעט פינסטער. אַ חוץ די בעטען, איז געשטאַנען דער מאַמע׳ס קאָמאָד, אויף וועלכען זי האָט אין

מיטען וואָך נעהאַלטען איהרע לייכטער. געגעסען האָבען מיר אין ישענק גופא. פרייטאָג פאַרנאַכט פלעגט זי די לייכטער אוועק־שטעלען אויף איינעם פון די צוויי טישען וואָס זיינען געשטאַנען אין ישענק (א חוץ דעם „שענקער"־טיש, וואו מען פלעגט דער־לאַנגען די בראַנפען און עס איז געלעגען צובייסען). די מאַמע פלעגט דאָרטען בענטשען ליכט, און דאַן פלעגט דער ישענק־צימער ווערען אין גאַנצען א טייל פון אונזער וואוינונג. טאַמער פלעגט אימיעצער אריינקומען מאַכען א שנאַפּס, און מען האָט איהם נעקענט געטרויען, האָט מען איהם געגעבען אויף באָרג. אויב נים, פלעגט ער מוזען לאָזען א משכון. קיין געלט האָט מען שבת, נאַטירליך, ניט גענומען.

די פּאַמיליע איז געווען מיט א טרעפּעלע העכער ווי דער שענק.

נאָך דער פאַמיליע איז געווען א „פירהויז", און נעקסט צום „פירהויז" — דער פּאָדוואַל, א קליינער צימער פול מיט בראַנפען־לופט און מיט א פּאָר גרויסע פעסער ביים וואַנט.

דאָס איז געווען מיין חיים. אָבער פּינקטליך רייד־ענדיג, קען איך דעם פּאָדוואַל אין מיין חיים ניט אריינרעכענען. דאָרטען האָט רעגירט דער אונפאַריינדליכער פעטער אריה לייב און זיינע פאַר־שטעהער. דער טאַטע פלעגט מיר אמאָל אריינגעהמען אהין. פריי האָב איך זיך דאָרטען אָבער קיינמאָל ניט געפיהלט. דער פּאָדוואַל און דער „פירהויז" זיינען ביי מיר געווען ווי א מדינה אויף יענער זייט גרענעץ.

8.

מיין בלויער כוס. — דער ווילנער לשון.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין ווילנא א וואָך פאַר פּסח, און איך געדענק ווי דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבען ארויסגענומען די פּסח'דיגע כלים, וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט פון פּאַדברעזע. אם בעסטען געדענק איך מיין כוס. אן איינפאַכע נידעריגע גלעזעל,

א בלויע. דער שטיקעל קאַליר זעהט זיך דייטליך אויף דעם הינטערגרונד פון אַלע מיינע ערשטע עראינערונגען.

דעם ערשטען סדר, וואָס דער טאַטע האָט געפּראַוועט אין ווילנא, געדענק איך ניט, נאָר ווי מען האָט ארויסגעשטעלט די כוסות בשעת מען האָט ארויסגענומען די פסח'דיגע כלים, און ווי די מאַמע האָט מיט א ליבליכען וואָרט מיר דערלאַנגט מיין בלויע גלעזעלע — דאָס זעה איך ווי פאַר די אויגען.

צוזאַמען מיט דיזער סצענע זעה איך די לאַגע פון מיינע עלטערען און זייער שטימונג אין יענע וואָכען. א געפיהל פון אָפּהענגיגקייט האָט זיך געמערקט אין זייער האַלטונג, אין זייער אויסזעהן, אין זייערע רייד. קינדער שפּירען אַזעלכע זאַכען. און איך געדענק גאַנץ גוט, ווי אַזוי זייער געמיט האָט זיך אָפּגערופען אויף מיר.

עס איז מסתמא געווען א פראַגע ווי ווייט מיין טאַטע און מאַמע האָבען ערפאָלג מיט'ן שענק, צי זיי „לייזען“ גענוג. איך געדענק ווי זיי פלעגען זיין צוטראָגען. אין אַזעלכע צייטען פלעג איך דעם פעטער אריה לייב פיינט האָבען ווי א מערדער.

נאָך איינע פון מיינע ערשטע עראינערונגען וועגען ווילנא, איז שייך צו דעם לשון. איך האָב גלייך באַמערקט געוויסע אונטער־שידען צווישען פּאָדברעזער אידיש און די אידיש פון מיין נייער היים.

פּאָדברעזע איז נאָר 28 וויאָרסט פון ווילנא. ווען עס וואָלט געווען א באַהן, וואָלט מען געקענט קומען אהין אין א האַלבע שטונדע; און אין פּאָדברעזע רעדט מען פונקט ווי אין ווילנא, מיט דיזעלבע „סין“־ען, מיט דיזעלבע ווייכע „ריש“־ען, מיט דיזעל־בע אויסדריקען, מיט דיזעלבע נגונים. אָבער עטליכע ווערטער און פראַזען, האָבען מיר אין ווילנא געקלונגען פרעמד. אין א גרויסער שטאָדט זיינען פאַראַן אויסדריקען, ווערטלעך, וועלכע די קליינע שטעדטלעך געברויכען ניט. דער לעבען איז דאָרטען ברייטער און ער פאָדערט א רייכערע שפּראַך.

מעהר ווי אַלץ געדענק איך דעם אויסדרוק: „ס'געהערט

א געשיכטע!" אָדער: „ווי געפעלט אייך אזא געשיכטע!" איך האָב דאָס פריהער קיין מאָל ניט געהערט.

אנדערע ווערטער זיינען סתם געווען אנדערש. צום ביישפּיל: ווען איך האָב געזאגט „ארבעס־סטרוטשעס" האָט מען פון מיר געלאכט. אין ווילנא האָט מען געזאָגט „ארבעס־שייטען".

אין ווילנא רעדט מען דעם וואָרט „ברויט" ארוים ריכטיג; אין פּאָדברעזע אָבער פלעגט מען זאָגען „ברייט". און דאָס שטימט בעסער מיט דעם כאראקטער פון דער ליטווישער אויסשפּראך. אין דעם ווילנער לשון, וואו „משה" ווערט אויסגערעדט „מייסע", און וואו מען זאָגט „וויינען" אָנשטאָט „וואוינען", „נייט" אָנשטאָט „נויט", איז „ברויט" א זאָנדערבארע אויסנאהמע. אין פּאָדברעזע האָט מען דיזע אויסנאהמע ניט געמאכט.

מען האָט געזאָגט אז איך בין „א ניט־היגער", פון „ניט הי". אין פּאָדברעזע האָב איך אזעלכע אויסדריקען איבערהויפּט ניט געהערט — וואהרשיינליך ווייל עס קומט זיי ניט אויס צו געברויכען. מען קען יעדען וואָס וואוינט דאָרטען, און אז עס באווייזט זיך א פרעמדער איז גאנץ איבעריג דאָס צו זאָגען.

אין ווילנא האָט זיך אזוי אויסגעארבייט, אז מיט די ווערטער „פון ניט הי" האָט מען געמיינט: „פון א קליין שטעדטעל". אזוי וויינינגסטענס האָבען קינדער געברויכט דעם אויסדרוק. איך בין, אלזאָ, געווען א „ניט־היגער", א „ישוב'ניק" — א נידעריגערע באשעפעניש. דאָס האָט צוגעגעבען צו מיין נידערגעשלאָגענקייט.

אָבער א קינד נעמט גלייך איבער די שפּראך, וואָס רינגעלט איהם ארום. ער נעמט איהר איבער מיט אלע אייגענטימליכקייטען, מיט די דעליקאטססטע איינצעלהייטען. אלזאָ, האָב איך באלד גענומען ריידען אויף דעם עכטען ווילנער שטייגער. איך בין געוואָרען א „היגער".

מיין פאָטער, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין א קליין שטעדטעלע לעבען ווילנא, פלעגט זאָגען „ברייט", און איך און מיין מוטער, וועלכע איז געווען א געבאָרענע ווילנערקע, פלעגען זאָגען „ברויט". ווען אימעצער האָט גערעדט עטוואס אנדערש ווי מען רעדט אין ווילנא, פלעג איך דאָס גלייך פיהלען.

4.

מיין ערשטער חדר אין ווילנא. — דער פעטער מענדע.

גלייך נאָך פסח האָט מען מיר אוועקגעפיהרט אין א חדר. מיין ערשטער רבי אין ווילנא איז געווען מיין טאטענ'ס עלטערער ברודער, דער פעטער מענדע, — א הויכער, ווי מיין פאָטער, נאָך העכער, דאכט זיך, און עהנליך צו איהם; נאָר א שטילערער מענש.

די שטארקסטע איינדריקען, וואס זיינען ביי מיר פארבליבען פון דיזען חדר, איז די שרעקליכע אָרימקייט, וואָס האָט זיך אין איהם געפיהלט, און די פיגור פון מיין פעטער'ס פרוי, ווי זי קומט פון גאַס מיט א קעסטעלע אונטער'ן אָרעם. זי איז געווען א טענדלערקע (פעדלערקע). זי איז אומגעגאנגען פארקויפען עפּעס. וואָס — האָב איך קיינמאָל ניט געוואוסט. אין אונזער פאמיליע האָט זי געהאַט א שם פאר א זעהר שלעכטע. זי איז ביי מיין פעטער געווען די צווייטע פרוי, און איך פלעג זעהן ווי מערדערליך זי באגעהט זיך מיט „סאָסקע'ן", זיין מיידעלע פון דער ערשטער פרוי (דאָס איז די זעלבע מיידעלע, וואָס איז צו אונז געקומען אין פאָדבערעזע מיט מיין שעהנער מומע זעלדען). איך האָב מעהר ווי איין מאָל געזעהן ווי זי ווארפט סאָסקע'ן אנידער אויף דער ערד און טרעט איהר אונטער די פיס.

זי איז ניט געווען קיין מיאוס'ע פרוי. זי האָט געהאט רעגעלמעסיגע געזיכט־שטריכען און רויטע באקען. מיר האָט זיך אָבער געדוכט, אז איהר פנים איז פול מיט רציחה, און אז דער קאָליר פון איהרע באקען איז די רויטקייט פון א גזלן; וואָרים אָהן רויטע באקען פלעג איך זיך א גזלן ניט פאָרשטעלען.

סאָסקע פלעגט אימער אויסזעהן צושראקען.

דער חדר איז געווען אויפ'ן פערטען פלאָר אין לייב־לייזער'ס הויף, אויף דער אידישער גאַס, איינער פון די גרעסטע און אָרימסטע הויפען אין שטאָדט. די פיר עטאזש טרעפ זיינען געווען פינסטערע; די פירהויז, דורך וועלכע מען איז אריינגעקומען אין

חדר, איז געווען אבסאָלוט פינסטער. מען פלעגט מוזען אָנטאַפּען די טיר.

זעלקע, סאָסקע'ס עלטערער ברודער, האָט דאָרטען אמאָל צוקוועטשט א שטיקעל ליכט אויפ'ן פאָדלאָגע. ער האָט דאָס געטאָן אין א מאָמענט, ווען זיין שטיף־מאמע איז געווען גרייט ארויסצוגעהן מיט איהר קעסטעלע; און זיין פּלאַן איז דורכגע־פיהרט געוואָרען: זי האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלען. ער אליין האָט ביי זיין פאָטער ניט געוואוינט. ער האָט גענעסען און געשלאָפען ביי מיינעם אָן אנדער פעטער, ביי וועמען ער האָט זיך געלערענט שמוקלעריי.

מיין פעטער מענדע'ס פרוי האָט געהייסען גנעסע. אָבער ער האָט איהר אימער גערופען „גנעסקע". אזוי האָבען זייערע ווייבער גערופען שוסטער אָדער בעל־עגלה'ס. פּאַרוואָס דער פעטער מענדע, א רב'ס א זוהן, האָט אזוי גערופען זיין ווייב, ווייס איך ניט. איך ווייס, אז זיין ערשטע פרוי האָט ער אזוי ניט גערופען. ווען אָן ארימאַן, אַן אלמן מיט קינדער, הייראַט א צווייטען מאָל, טוט ער געוועהנליך א שידוך מיט א נעזעלשאַפטליכען שטאַפּעל נידעריגער. מסתמא איז גנעסע צו איהם געקומען פון א משפּחה, וואו די מענער רופען די פרויען מיט א „קע".

אויף דעם פעטער, מענדע'ס פרוי האָט מען ביי אונז געקוקט פון אויבען אראָפּ, און דאָס וואָס זי פלעגט שלאָגען סאָסקע'ן האָט איהר געמאַכט פאַר א טייוועל אין די אויגען פון מיינע עלטערען. זי פלעגט צו אונז קיינמאָל ניט קומען. דער פעטער מענדע פלעגט קומען אליין.

דאָס איז געווען דער שטאַנדפּונקט פון מיינע עלטערען. גנעסע וואָלט מסתמא געהאַט צו דערצעהלען א גאַנץ אנדער געשיכטע. אין שפּעטערע יאָהרען, ווען איך פלעג זיך דערמאָנען מיינע ערשטע דורכלעבונגען אין ווילנא, פלעגט גנעסע'ס פיגור אין מיר ארויסרופען א געפיהל פון רחמנות. איך פלעג זיך פאָר־שטעלען איהר שווערען קאַמף פאַר די עטליכע גראָשען, וועלכע זיינען נויטיג געווען צו דער פאַמיליע'ס חיונה, דעם האַס פון איהרע שטיף־קינדער צו איהר און איהר געפיהל אלס א קרבן. זעלטען וועלכער מלמד עס האָט מיט זיין טאָג־און־נאַכטיגע שווערע

פּראַצע פּאַרדינט געגוג צו שפּייזען זיין ווייב און קינדער. כמעט יעדע פּרוי פון א מלמד האָט עפּעס פּארקויפט, אַרומגעלאָפען אָדער געשטאַנען אויפ'ן מאַרק, אום צו העלפען צוזאמענשלאָגען די צרה'דיגע חיונה.

וואָס איך האָב ביי דעם פעטער מענדע געלערענט געדענק איך ניט. מסתמא חומש מיט אן אָנפאַנג רש"י. איך געדענק גראָד, ווי אין זיין חדר האָט מען מיר געלערענט שרייבען. מיטאָג־צייט פלעגט קומען א „שרייבער" אויף א שעה. א הויכער איד, מיט אַ לאַנגער, געדיכטער באָרד, א בלאָנדע. איצע גאָרדאָן האָט ער געהייסען. ער האָט זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די צוויי בעסטע שרייבער אין שטאָדט. ווי אַזוי ער קומט צו געבען א שעה אין אַזא אָרימען חדר, ווייס איך ניט. ער האָט געשריבען מיט קיילעכדיגע, שעהנע בוכשטאַבען, שענער ווי געדרוקטע.

ווילנא האָט איהר אייגענעם כתב, פּונקט ווי זי האָט איהרע ספּעציעלע געדרוקטע אותיות. עס קען זיין, אַז איך בין צו־„פּאַטריאָטיש", אָבער אַז ווילנער געדרוקטע אותיות זיינען די שענסטע, — דאָס באַווייזט דער פאַקט, אַז אַלע דרוקען פון רוסלאַנד און פּוילען האָבען ביסלעכווייז אוועקגעוואָרפען די אַנדערע אותיות און אָנגענומען דעם ווילנער שריפט. דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען דער ווילנער האַנדשריפט; און איצע גאָרדאָן האָט געשריבען די עכטע ווילנער האַנדשריפט — זעלטען שעהן.

געשריבען האָבען מיר מיט גענזענע פעדערס, וועלכע דער „שרייבער" פלעגט פאַר אונז מאַכען. אַזוי ווי זיין באָרד איז געוועזען זעהר לאַנג און זעהר געדיכט, פלעגט ער די גענזענע פעדער דורכרוקען דורך דֵער באָרדְ צום פּאַפּיער, און אַזוי פלעגט ער שרייבען.

איינמאָל האָט מיין טאַטע מיר געגעבען א צעטעלע צום פעטער מענדע. איך האָב דאָס אוועקגעטראָגען מיט פרייד. איך בין געקומען אין חדר, און מיט שטאָלץ איבערגעגעבען דאָס שטיקעל פּאַפּיער, פיהלענדיג ווי די אַנדערע קינדער זיינען מיר מקנא, וואָס איך האָב אַזא זכיה. באַלד אָבער איז מיין גדולה פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א חרפּה און א וועהטאָג: ווען דער פעטער האָט איבערגעלעזען דעם צעטעלע, האָט ער מיר געהייסען

זיך לייגען, און האָט מיר אָפּגעשמיסען. און שמייסענדיג האָט ער געשריען, אז מען דארף פאָלגען א טאטען.

5.

צווייטער חדר. — יאנקעל פויזנער.

לייב לייזער׳ס הויף איז א היבשע וועג פון זשירמונסקי׳ס הויף. איך געדענק ניט ווי אזוי איך פלעג געהן צום פעטער מענדע אין חדר. אפשר פלעגט מען מיר אהין אוועקפיהרען. יעדענפאלס איז דער ערשטער זמן געווען זומער. ווינטער אָבער איז שוין די פראגע געווען ערנסטער. האָט מען מיר אוועקגעגעבען צו א רבי׳ן, וועמענס חדר איז געווען עטליכע טריט פון אונז. יאנקעל פויזנער האָט ער געהייסען, — א דיקער, שעהנער איד, מיט גרויליכע האָר, א גוטער און א פרעהליכער. ווען ער פלעגט שמייסען א אינגעל מיט זיין „ציפּלינקע״, פלעגט ער זיין כעס אויסדריקען אויף א שפּאסיגען אופן.

„נאדיר לאָקשען!״ — פלעגט ער זאָגען, שמייסענדיג דעם תלמיד איבער דער פּלייצע. דערנאָך פלעגט ער צוגעבען: „און אָט האָסטו זאלץ! צט האָסטו נאָך אביסעל זאלץ! און אָט איז פעפער! נו, ווי איז דער טעם? ווילסט נאָך פעפער?״

א פּאָר פון די אינגלאָך פלעגען דאָס אויך אָננעמען ווי א שפּאס און זיך כוואטעווען, אז זיי קענען פארטראָגען שמיץ. איבערהויפּט פלעגט אזוי טאָן פאלקע, א אינגעל, וועלכער האָט געטראָגען א געלען פעלצעלע. „עס פעלט זאלץ!״ — פלעגט ער זאָגען, און דער רבי פלעגט „צושיטען״ נאָך אביסעל. „עס פעלט זאלץ!״—פלעגט ער זיך אָפּרופען. און אזוי פלעגט דאָס געהן ביז איינער פון די צוויי צדדים פלעגט זיך אונטערגעבען. ענטוועדער דער רבי פלעגט מיט א קללה אויפהערען צו שמייסען, אָדער פאלקע פלעגט מודה זיין, אז עס איז דאָ גענוג זאלץ און פעפער.

אמאָל, ווען דער רבי האָט געהאט גערולד, פלעגט דער אינגעל ניט אויסהאלטען זיין העלדען־ראָלע און ער פלעגט זיך צו־וויינען.

דעם ערשטען זמן איז יאנקעל פויזנער׳ס חדר געווען אין

א קעלער, דאָרטען וואו עס הויבט זיך אָן רודניצקער גאַס, דערנאָך האָט זער זיך אריבערגעקליבען אין א צימער מיט אן ארייננגאנג גלייך פון גאס, אביסעל ווייטער צו דעם פּלאַץ, וועל־כער האָט דאן געהייסען „פערד מארק".

ווען דער רבי פלעגט זיך צוזאמענקומען מיט מיין טאטען, פלעגט ער איהם דערצעהלען תורה־אנעקדאָטען. ווען ער פלעגט ענדיגען, פלעגט ער זיך אליין צולאכען, הויבען די ברוסט און צומאכען די אויגען פון הנאה.

מיין לערנען ביי איהם געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר א פּאָר סצענעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין זיין צווייטען חדר.

צווישען די תלמידים זיינען געווען צוויי ברידער, קינדער פון אן אָרימער אלמנה. דער עלטערער ברודער האָט געהאַט וויי־כע, רויטע באַקען, און ווען ער פלעגט געבען א שמייכעל, פלעגט אין יעדער באַק ווערען א טיפע גריבעלע. ער האָט געטראָגען א היטעלע פון וועלכען עס איז געווען אָפּגעריסען דער קאָזיראַק. איינמאָל האָט ער פארלאָרען די קאָפּיקע וואָס די מאמע האָט איהם געגעבען זיך צו קויפען א קוכעלע אויף איבערבייסען. דער רבי האָט זיך געווענדעט צו די אנדערע איינגלעך, אז זיי זאָלען איהם ניט לאָזען בלייבען אָהן איבערבייסען. דאן האָט יעדער פון אונז אָפּגעריסען א שטיקעל פון זיין קוכעלע און אוועקגע־לייגט לעבען דעם איינגעל וואָס האָט ניט געהאַט אויף פּריש־טיק. עס האָט זיך אָנגעקליבען א גאנצער בערגעל מיט שטיקלעך, און, מיט אן אראָפּגעלאָזענע קאָפּ, ווי אן אָבל, האָט ער דאָס אויפגעגעסען.

ווי ווייט איך געדענק, האָב איך ביי יאנקעל פּויזנער'ן גע־לערענט נאָר צוויי זמנים. דאָס וואָלט הייסען, אז מען האָט מיר פון איהם אָפּגענומען סוף זומער 1867, ווען איך בין אלט גע־ווען עטוואָס מעהר ווי זיבען יאָהר. דאָס שטימט אָבער ניט מיט מיין חשבון, וואָרים אלס מיין נעקסטען רבי'ן געדענק איך א יונגען מלמד מיט'ן נאָמען חאצקעל. און צו איהם בין איך אָנגעקומען אין אָנהויב פון דעם זומער, ווען איך בין גע־וואָרען אכט יאָהר. עס פעהלט אלזאָ א זמן. אין מיין רעכע־

נונג ליגט עפּעס א טעות און ביי וועמען צו פרעגען איז שוין ניטאָ.

.6

א מיטעל־פונקט פון חזנים.

עס איז אזוי אויסגעקומען, אז דער פּאָדוואָל איז געווען א מיטעלפּונקט פון חזנים. מען האָט אין איהם פארקויפט בראַנ־פען צו שענקארעס; מען האָט זיך מיט זיי גע׳חשבונ׳ט, גע־דונגען; אָבער צו דער זעלבער צייט איז דאָרטען געווען א מין מנגנים־בערזע. פאר ימים נוראים פלעגט דער חזנים־יאריד זיך צופלאַקערען, און יעדען אָווענד פלעגען דאָרטען הילכען די שטימען פון א חזן און זיינע משוררים. אָבער א גאַנץ יאהר איז דאָרטען אויך געווען א חזנים צענטער.

דער בוכהאלטער און פּארוואלטער פון דעם פּאָדוואָל איז געווען לייזער הענעך אבראַמאָוויטש, א מאַן פון איבער פופ־ציק, א פערזענליכער פריינד און ליבלינג פון אריה לייב אנאליק. דיזער לייזער הענעך איז געווען איינער פון די גרעסטע חזנים אין שטאָדט. נעקסט צו דער גרויסער שוהל אין וויכטיגקייט איז געווען די „אַלטע קלויז", אויך אויפ׳ן שוהל־הויף; און דאָרטען פלעגט לייזער הענעך דאווענען ימים נוראים (דער שטאָדט־חזן, אויב ער איז געווען גרוים אין זיין פאך, פלעגט דעם ערשטען טאָג ראש השנה דאווענען אין דער גרויסער שוהל, און דעם צווייטען — אין אלטען קלויז; כל נדרי — אין אלטען קלויז, און מוסף — אין דער גרויסער שוהל. און לייזער הענעך פלעגט זיך מיט איהם בייטען). זיין כאָר איז געווען איינער פון די בעסטע; און צו איהם אין פּאָדוואָל פלעגען אריינקומען אלע באקאַנטע חזנים. ווען עס פלעגט דורכפאָהרען א וויכטיגער בעל תפלה פון אַן אנדער שטאָדט, פלעגט ער ניט פארפעהלען צו באזוכען לייזער הענעך׳ן.

אלע נייעס פון דער חזנים וועלט אין ווילנא און אנדערע ליטווישע שטעדט פלעגען אָנקומען און באשפּראָכען ווערען אין

דער בראָנפּען־לופט פון דיזען צימער. איינמאָל, געדענק איך, האָט זיך געהאנדעלט וועגען א נייעם שטאָדט חזן. עס זיינען געווען עטליכע קאַנדידאטען, אלץ חזנים פון אנדערע שטעדט. דאן האָט אין דעם פּאָדוואל געקאָכט טאָג און נאכט, ביז ס'איז געקומען עפּעס א וואונדער, און די שטאָדט האָט איהם צוגעכאפּט ווי אן אוצר. דאָס איז געווען דער באריהמטער יהושע פיינזינגער.

מיין פאָטער איז געווען א ליידענשאפטליכער ליבהאָבער פון געזאנג און — אויפ'ן אלטען שטייגער — א מבין אויף חזנות. פאר איהם איז די שכנות פון דעם פּאָדוואל געווען אן אבן טוב. פאר ימים נוראים, ווען לייזער הענעך פלעגט זיך מסדר זיין, פלעגט ער דאָרטען אָפּליגען גאנצע אָוועגדען, און אָפּט פלעגט ער מיר דערביי האַלטען אויפ'ן שוים. איך פלעג זיך צו־קוקען ווי לייזער הענעך קאָמאַנדעוועט מיט זיין כאָר, געברויכענדיג זיין טאבאקערקע אנשטאָט א דיריגענט־שטעקעל; איך פלעג קוקען אויף יעדען משורר באזונדער און אויף אלע איינ־איינעם. און צו דער זעלבער צייט פלעג איך זיך צוהערען צו זייער געזאנג. פאר'חלומ'ט ווערען, פארטראָגען ווערען אין צויבער־וועלטען. און איך געדענק דייטליך, ווי די צויבער־וועלטען פלעגען זיך אין מיין באוואוסטזיין צוזאמענמישען מיט דעם ריח פון בראנפען, אזוי ווי אנדערש וואָלט גאָר ניט געקענט זיין.

דאָ האָב איך צום ערשטען מאָל דערפיהלט דעם נייעם „איך", וועלכער פארנעהמט דעם פלאַץ פון דעם געוועהנליכען מענשען בשעת מען הערט זיך צו צו מוזיק. אין דער מוזיק גופא געפינט זיך אויך א „מענשעלע". ער רעדט צו אייך. וואָס ער זאָגט, איז אייך אונמעגליך איבערצוריידען מיט ווערטער. ער טענה'ט עפּעס און עס איז אי א תענוג צו הערען, אי עס מוטשעט אייך. און איהר הערט זיך צו ווייטער און ווייטער, און איהר קענט אלץ קיין מאָל ניט דערגעהן, און עס איז גן־עדן און גיהנם אין איינעם.

דאָ אין פּאָדוואל, צוהערענדיג זיך צו לייזער הענעך'ן מיט זיינע משוררים, בין איך צום ערשטען מאָל פּאָלשטענדיג באקאנט געווארען אי מיט דעם דאָזיגען גן־עדן, אי מיט דעם דאָזיגען

גיהנם; באקאנט געווארען מיט דער מלאך־טייוועלשער געהיימ־נים וועלכע הייסט מוזיק.

איך האָב געקענט אלע נגונים, וואס איך האָב דאָ גע־הערט. און ווען דיזע ווערטער ווערען געשריבען, זינגט זיך אין מיין מוח לייזער הענעך'ס „וכל מאמינים", וועלכען איך פלעג איבערזינגען פאר די גאס־מענשען אין שענק, און פאר מיינע שפיל־חברים אויף שלמה קיסין'ס זאוואליק.

איך געדענק כמעט יעדען משורר פון דעם כאָר. צוויי פון זיי זיינען געווען לייזער הענעך'ס זיהן, סאנע און אנסעל. אנסעל אָדער „אנצקע", איז געווען א שעהנער יונג, פיל אינגער ווי סאנע. איין משורר, וועלכער האָט געהייסען מאיר, א שטילער, אנגענעהמער יונגערמאן, מיט א קיילעכדיגער בערדעלע, איז געווען מיין מוטער'ס א שוועסטער־קינד.

סאנע און אנצקע, ווי אויך זייער פאָטער, האָבען געהאט א שטאָלצען מאניער, וועלכער פלעגט אין מיר ארויסרופען א ביי־זען געפיהל. דאָס האָט פארגרעסערט מיין באגריף אז דער פאַר־וואל איז א פיינדליכער לאגער.

לייזער הענעך איז געווען א גאסט־פריינדליכער מענש. ביי איהם אין שטוב פלעגט זיך אָפט צונויפקומען א גרויסע צאָל געסט. און מיין מאַמע פלעגט זיין איינער פון די איינגעלאדענע. אהין פלעגט ער מיך אויך אימער מיטנעמען. און איך וויים ניט וואָרום, אָבער דאָרטען פלעג איך זיך פיהלען א סך בעסער ווי אין דעם פאָדוואל.

לייזער־הענעך'ס וואוינונג איז געווען ווייט פון שטאָדט, הינטער „זארעטשיע", ניט זעהר ווייט פון דעם בית עולם. דאָר־טען האָט ער געוואוינט און געהאלטען א שענק, וועלכען זיין ווייב האָט געפיהרט. דאָרטען פלעגט זיך צוזאמענקלייבען א היבשער עולם, און מען פלעגט פארברענגען די צייט ביי גוטע כיבוד, מיט געזאנג און מיט פארצייטיגע אידישע אונטערהאלטונגען.

צווישען די באקאנטסטע חזנים אין שטאָדט זיינען געווען משה „דער סופר", א ברונעט, און בערעל „דער חזן", א בלאָנ־דין.ביידע זיינען זיי געווען נאָהענטע פריינד לייזער הענעך'ס, און ביידע פלעגען אָפט אריינקומען אין פאָדוואל. משה דער

סופר איז געווען דער פריינדליכסטער, לעבעדיגסטער און לוס־טיגסטער פון דער גאנצער קאָמפּאַניע. רק ער פלעגט זאָגען וויצען און מאכען שפּאַס. ווי ער פלעגט זיך נאָר באווייזען, פלעגט ווערען פרעהליך. ער פלעגט אויך אָפט פאַרברענגען אין אונזער שענק. אויף די הוליאנקעס ביי לייזער־תענעך'ן אין דער היים פלעגט ער אָנגעבען מעשים. מען פלעגט זיך האַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. בערעל, וועלכער האָט שווער צוגעהונקען אויף א פוס, איז אויך געווען א פרעהליכער מענש, אָבער ניט אַזא שטיפער. די פוס איז אונטען ביי איהם געווען ווי א קלאָץ, און א זוהן האָט ער געהאט, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען מיט פּונקט אַזא פוס.

איינמאָל האָב איך אין פּאָדוואָל געהערט ווי א געוויסער חזן דערצעהלט וועגען אדעלינא פּאַטטי, וועלכע ער האָט אָקאָרשט געהערט אין פּעטערסבורג. ער האָט געשילדערט ווי מען שטעהט אָפּ גאַנצע נעכט וואַרטענדיג אויף א בילעט, און מיט טעכנישע חזנ'ישע אויסדריקען האָט ער באַשריבען איהר וואונדערליכע שטימע און געזאַנג.

.7

דער שענק. — גאַס מענשען. — שוואַרצע קאַפּאָטעס. — די באַנדאַרעס פון קאָוונע. — הערינג.

דער שענק איז געווען א היבשער, ליכטיגער צימער. ביים פענסטער, הינטער דעם „שעמער", ביים טיש־קעסטעל, פלעגט זיצען די מאַמע אָדער דער טאַטע; זי עפטער. דער „שעמער" — דאָס איז געווען די טייל פון דעם שענק־טיש, וועלכער איז גע־ווען אַרומגעצאַמט מיט הילצערנע גראַטעס. דאָרטען זיינען גע־לעגען לעקעכלעך, קיכלעך; דאָרטען איז אויך געשטאַנען א פּאָלומישאַק מיט שטיקלעך געבראָטענע גאַנז און א פּאָלומישאַק מיט „קוואַשענע" (פּעטשאַ, „פּיס־נאָהע"). ווייטער איז דער טיש געווען פריי. דאָרטען פלעגט מען אוועקשטעלען די אָנגעגאָסענע גלעזלעך בראָנפען פאַר די קונדען.

ביי דער וואנט, הינטער דער מאמען, זיינען געווען פּאָלי־צעס, און אויף זיי זיינען געשטאַנען פלעשלעך מיט פארשידענע לייכטע געטראנקען — „זיסע", אָדער „ווייבערשע בראַנפען". די אמת'ע בראַנפען צאַפּט מען פון א פעסעל מיט א קראַן; נאָר די גאָר שטאַרקע, די „ניינציגער", געפינט זיך אויך אין א פלע־שעל, אויף איינער פון די פּאָליצעס.

אויפ'ן פענסטער זיינען געשטאַנען פלעשער בייער־ביער, מיט דעם נאָמען „שאָפּען" אויף יעדען קאָריק.

לעבען דער מאמען איז די זייטיגע טיר, וועלכע עפענט זיך „אין טויער" אריין. ווייטער נאָך דער טיר, שטעהט דער טיש, ביי וועלכען מיר עסען און וואו פרייטאָג־צו־נאַכט בענשט די מאמע ליכט. אין מיטען וואָך, ווען דער שענק איז אָפען, זיצען דאָ קונדען אויך. הינטער דעם דאָזיגען טיש שטעהט א היל־צערנע קאַנאַפּע אָדער „שלאָף־באַנק". קעגענאיבער אויף דער אנדערער זייט פון דעם צימער, געפינט זיך א ברוינע לעזשאַנקע, און לעבען איהר, אין א ווינקעל, שטעהט דער אויווען, אין וועל־כען די מאמע קאָכט און באַקט. ביי דער אנדערער זייט אויווען איז די טיר, וואס פיהרט אין דער פינסטערער ספּאַלניע.

דאָס רוב פון די קונדען זיינען געווען „גאַס־מענשען" („טרעגער", ווי מען רופט דאָס אין אנדערע שטעדט). יעדער פון זיי האָט געטראָגען א לאַנגע, דיקע שטריק, וועלכע איז געווען ארומגעוויקעלט עטליכע מאָל ארום זיין טאַליע; און יעדער פון זיי האָט געהאַט א גרויסען ווענגעלע אויף צוויי רעדער, אָהן א פערד. א גרעסערע משא פלעגען זיי פיהרען אויפ'ן ווענגעלע; א קלענערע — טראָגען אויף זיך. דער מערקעל איז געווען זייער מיטעל־פּונקט. כמעט פון דער גאַנצער שטאָדט פלעגט מען אהין קומען נאָך א גאַס־מענש.

ווען זיי האָבען ניט געהאַט קיין „יאַזדע", פלעגען זיי שטעהן און וואַרטען — יעדער לעבען זיין ווענגעלע — אָדער זיצען ביי אונז אין שענק. גאַנצע שטונדען פלעגען זיי ביי אונז אָפּ־זיצען. א מין קלוב איז דער שענק ביי זיי געווען.

צו מיין טאַטען פלעגען זיי ארויסווייזען פיל אכטונג. זיי האָבען שטאָלצירט מיט דעם פאַקט, אז זייער שענקער איז א

בן הרב (א רב'ס א זוהן). און זיי פלעגען איהם רופען „ר' שכנא" מיט גרויס רעספעקט.

איינער פון זיי איז געווען א דארער און נים קיין הויכער, אָבער א שטארקער און ער האָט געהאט א קליינינקע, שמאָלינקע בערדעלע. ער איז געווען אַן אבסאָלוט פּראָסטער מענש, קוים עברי געקענט זאָגען; ער פלעגט אָבער ארויסווייזען די טיפסטע באַגייסטערונג פאר לומדים און פאר הייליגע ספרים. ער פלעגט מיין טאטען שטעלען פראגען וועגען רעליגיעזע ענינים, אָדער — פיל אָפטער — וועגען א לעגענדע אין באצוג צו אליהו הנביא, אָדער אַן אגדתא. מיין טאטע פלעגט איהם ענטפערען, און ער פלעגט שלינגען זיין יעדען וואָרט. נאָך מעהר רעליגיעזע התלהבות האָט געהאט דיזען גאס־מענש'ס א אייגעל, כמעט א בלינדער.

א צווייטער גאס־מענש איז געווען פונקט דער היפוך פון דיזען, אי קערפּערליך, אי גייסטיג. ער איז געווען א הויכער, א דיקליכער, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט א שעהנעם פנים, און איהם האָט מען געהאַלטען כמעט פאר אַן „איידעלען מענשען". מען האָט געזאָגט, אז ער קען „אביסעלע לערנען". ער האָט געהערט צו „חברה פּועלים", געלערענט „חיי אדם" און „עין יעקב". ער איז געווען דער גרעסטער פארדינער פון דער גרופּע, און אָפט פלעגט ער צודינגען צו זיך אַן אויסהעלפער. שבת פלעגט ער געהן אָנגעטאָן ווי א בעל הבית. ער האָט געוואוינט אויף קוואסנאַי פּערעאולאָק עטליכע טריט פון אונזער שענק, און זומער, אין א שבת נאָך מיטאג, ווען זיין פענסטער איז געווען אָפען, פלעג איך הערען ווי ער זאָגט פּרק. ער האָט זאָגאר געזאָגט „מיט ימין ושמאל". און דאָס איז אין ווילנא געווען ניט קיין געוועהנליכע זאך. ער פלעגט די „שין'ען" מיט די „סין'ען" אויסריידען צו דייטליך, ווארים לייכט און נאטירליך זיינען זיי איהם ניט אָנגעקומען.

א דריטער גאס־מענש איז אויך געווען א דיקלעכער איד, א גרויסער, אביסעל אַן אומגעלומפּערטער. ער איז מיר געמע־לען געווען מעהר ווי אלע. פון איהם איז ביי מיר איבערגעבליבען אַן איינדרוק פון אבסאָלוטע עהרליכקייט און אויפריכטיגקייט. דער דארער באַגייסטערטער גאס־מענש איז געווען כיטרע, און

דער הויכער „אריסטאָקראט“, דער וואָס האָט געזאָגט עברי „מיט ימין ושמאל“, איז געווען צו קאַלט. דיזער אָבער איז געווען אָפען, אבסאָלוט אויפריכטיג און וואַרים־הערציג. ער איז געווען פאַרהייראַט מיט א צווייטע ווייב. מיט דער ערשטער האָט ער זיך געג’גט. אמאָל האָב איך געזעהן, ווי ער רעדט מיט דער ערשטער אויפ’ן גאַס, ניט ווייט פון אונזער שענק. איך האָב שוין דאַן פאַרשטאַנען, אז דאָס איז ניט קיין געוועהנליכע זאַך, וואָרים איך געדענק, ווי איך בין אריינגעלאָפען און דערצעהלט מיין מאַמען וועגען דעם. וואָס זי האָט מיר געענטפערט, געדענק איך ניט.

דער עלטסטער גאַס־מענש איז געווען א הויכער, א דאַרער, א גרייז־גרויער. איינמאָל איז מיט איהם געווען א גאַנצע סענסאַציע. ער האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט אַלעמען און איז אוועקגעפאָהרען אַזש אין אָדעס. ער האָט דאָרטען געהאַט א זוהן. דערנאָך איז ער געקומען צוריק, און איך געדענק ווי אַנדערע גאַס־מענשען פלעגען איהם שטעלען פראַגען וועגען אָדעס, און ער פלעגט זיי דערצעהלען וואָס דאָרטען טוט זיך. קיין גרויסער ריידער איז ער ניט געווען. אז מען האָט געפרעגט, האָט ער געענטפערט.

ניט אימער פלעגט דער גאַס־מענש טראָגען די גאַנצע שטריק ארום זיך. אמאָל פלעגט ער א טייל פון איהר צו־נויפלייגען ווי א שלייף, עטליכע מאָל אין איינעם, און אַזוי דאָס טראָגען פון הינטען. דער הויכער, אַלטער גאַס־מענש פלעגט זיין שטריק אימער אַזוי טראָגען.

דער אינגסטער פון זיי, א אידעל מיט א געדיכטער, דונקעל־ברוינער בערדעל און מיט א קיילעכדיגען, זעהר נאַרישען פּנים, איז געווען א האַלבער אידיאָט. מערקווירדיג, ער איז דער איינציגער פון די גאַס־מענשען, וואָס איך געדענק זיין נאָמען. וואָלפע האָט ער געהייסען. די אַנדערע — איבערהויפּט דער דאַרער אידעל — פלעגען פון איהם אָפּט מאַכען שפּאַס. וואָלפע פלעגט נעמען א וואָרט און איהם איבערזאָגען ווידער און ווידער, שמייכלענדיג אין זיין געדיכטער בערדעל אריין און דרעהענדיג זיך אויף איין פּוס דערביי. איינער פון די אַנדערע גאַס־מענשען האָט אמאָל געגומען אַן אונאַנשטענדיגען אידישען

וואָרט און צוגעשטעלט צו איהם „עוויטש“, אזוי ווי עס וואָלט געווען דער נאָמען פון א גראף. איז דאָס וואָלפען אזוי געפעלען געוואָרען, אז ער פלעגט דעם וואָרט איבערזאָגען פאר זיך טויזענד מאָל יעדען טאָג. מיט תענוג, לאַכענדיג און קוועלענדיג אין זיין בערדעל, פלעגט ער דאָס איבערזאָגען.

דער טאַטע פלעגט זיך באַקלאָגען, אז „אין שענק זעהט מען ניט קיין שווארצען בגד“, ווארים די גאַס־מענשען האָבען געטראָגען גרויע לייוועַנטענע אָדער סערמיגגענע בגדים, מיט גראָבע לייוועַנטענע פארטוכער. א מענש מיט א שווארצער קאַפּאָטע האָט ביי איהם געהייסען א באַלעבאטישער איד. אזעלכע קונדען זיינען אויך געווען, אָבער ניט פיל. אימיצער, פון זשירמונסקי׳ס הויף גופא, אָדער פון די דערבייאיגע הויפען, פלעגט אריינקומען מאַכען א שנאַפּס. עס זיינען אויך געווען עטליכע באַלעבאַטישע אידען וואָס פלעגען ספּעציעל קומען פון אנדערע גאַסען. אָבער די שטענדיגע קונדען זיינען געווען גאַס־מענשען, און ביי אונז איז געווען זייער הויפּט־קוואַרטיר.

איינער פון די אָפּטסטע באַלעבאַטישע קונדען איז געווען א דאַרער, גרויער איד מיט׳ן נאָמען לייבעטשקע סטראַשונער. דער בעל־הבית פון א גרויסען לאַנגען הויף, „סטראַשונער׳ס הויף“, וועלכער איז געשטאַנען אויף דעמזעלבען ראָג ווי זשיר־מונסקי׳ס, נאָר אויף דער אנדער זייט פון קליין־סטעפאַן גאַס. ער איז געווען א איד א למדן און ער פלעגט מיט׳ן טאַטען אָפּט פארפיהרען א שמועס וועגען א שטיקעל תורה.

אמאָל פלעגט אריינקומען אבא תמים, א ברונעטער איד, וואָס האָט געפיהרט א „אידישע פּאָסט“ צווישען ווילנא און קאָוונע. ער פלעגט קומען מיט די בריף אויפ׳ן וואָקזאַל, און ווען ער פלעגט דאָרטען זעהן א באַקאַנטען אידען וואָס פאָהרט קיין קאָוונע, פלעגט ער איהם זיי געבען. ווען יענער איז געקומען קיין קאָוונע, האָט ביים וואָקזאַל דאָרטען שוין געוואַרט אבא תמים׳ס שותף. אזוי פלעגט די פּאָסט געהן הין און צוריק — ניט נאָר בריעף, נאָר געלט אויך. פילע אידען זיינען נאָך ניט צוגעוואוינט געווען צו דער רעגירונגס־ פּאָסט. מיט דער „אידישער פּאָסט“ האָבען זיי זיך געפיהלט היימישער.

עס זיינען אויך געווען עטליכע קריסטען, וואָס פלעגן אָפּט אריינקומען נעמען א טרונק־בראַנפען — פּאָליאַקען, וועלכע האָבען געוואוינט אויף יענער זייט פון שלמה קיסין׳ס הויף, מייסטענס טשינאָווניקעס ביי דער רוסישער רעגירונג. איינער פון זיי איז געווען זעהר א שעהנער, מיט א גרויסער געשאָרענער באָרד.

אמאָל פלעגט דער פעטער שניאור אריינברענגען א פּאָליאַק, א „פעליפּאָטענט“ („פלעניפּאָטענט“) דורך וועלכען ער האָט געפיהרט געשעפטען מיט א געוויסען פּוילישען פּריץ. דער פעליפּאָטענט איז געווען א פּראַנט, און אלע ווייבע פלעגט ער קוקען אויף זיינע נעגעל. קיין פּויליש האָב איך ניט פאַרשטאַנען, און דאָך האָב איך געקענט באַמערקען, אז זיין פּויליש איז א שענערער און אריסטאָקראַטישערער לשון, ווי די שפּראַך פון די טשינאָווניקעס. ביי מיר איז געבליבען אַן איינדרוק אז ער פּוצט זיין אויסשפּראַך אזוי ווי זיינע נעגעל.

אמאָל פלעגט אריינקומען א גאַנצע קאָמפּאַניע, א קריסטליכע, און געמאַכט א סעודה — צו א חתונה אָדער נאָך א לויה. אין אזא פאַל זיינען די אנטייל נעמער געווען אָרימע מענשען, ארבייטער אָדער וועכטערס, אלץ פּוילישע אָדער ווייסרוסישע. זיי פלעגן זיך אויסזעצען אַרום דעם טיש, וואָס איז געשטאַנען לעבען דער גאַס־טיר, פּאַנאַנדערלייגען די עסענוואַרג, וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט, און דער טאַטע פלעגט זיי אָנעקשטעלען פלעשלעך בראַנפען מיט גלעזלעך. געוועהנליך פלעגן זיי זיך אָנ׳שכור׳ען און זיך צוזינגען אויפ׳ן קול מיט שכור׳ע קולות.

גרויס־רוסישע ארבייטער פלעגן אויך אמאָל אריינקומען. דאָס זיינען געווען האָלץ־העקער, וואָס האָבען געארבייט אין א וואַלד לעבען ווילנע, ביי א „שאַפּער“, וועלכער איז געווען מיין טאַטענ׳ס א באַקאַנטער. דיזע ארבייט פלעגן טאָן „סטאַראָ־וויערעס“, הויכע, געזונטע רוסען. אמאָל פלעגן זיי זיין אזוי גרויס אין צאָהל, אז זיי פלעגן קוים זיך אריינשפּאַרען אין שענק. אויב עס איז געווען ווינטער, פלעגען זיי טראָגען

לאַנגע געלע פּעלצען, און דער שענק פּלעגט ווערען דורכגע־דרונגען מיט דעם ריח פון פּעל.

פון צייט צו צייט פּלעגט קומען אַ גרופּע באַנדאַרעס פון קאָוונע, און זייער הויפּט־קוואַרטיר איז אויך געווען ביי אונז. זיי זיינען ניט געווען קיין געוועהנליכע באַנדאַרעס, נאָר ספּע־ציאַליסטען, און זייער ספּעציאַליטעט איז געווען פאַרבונדען מיט דעם אַגולנעם הערינג-האַנדעל.

קאָוונע איז געווען איינער פון די צענטרען פון דיזען האַנדעל. אין דעם אָרימען לעבען פון די מאַסען איז הערינג אין אונזערע געגענדען געווען אַ העכסט וויכטיגער אַרטיקעל. דער הערינג מסחר האָט דעריבער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע.

דיזע קאָוונער באַנדאַרעס זיינען געווען בריות און מבינים אויף אַלץ וואָס איז שייך צו הערינג־פּעסער, ווי אויך צום פּאַקען די הערינג. אַזוי ווי אין סטראַשונער׳ס הויף האָט זיך געפונען אַ גרויסער הערינג־געשעפט, פּלעגט מען זיי אַהין אַריבערברענגען אויף עטליכע טעג.

אַ ווילנער באַנדער איז אין ווילנא געווען פאַררעכענט צווישען די אָרימסטע און נידעריגסטע בעל־מלאכות. אויף די דאָזיגע קאָוונער באַנדאַרעס אָבער האָט מען געקוקט ווי אויף האַנדווערקער פון אַ העכערען קלאַס. זיי האָבען פאַרדינט גוט, געקליידט זיך ווי באַלעבאַטישע מענשען, און געהאַלטען זיך ווי מייסטערס אָדער ווי סוחרים. אַ פּאָר פון זיי האָבען געקענט אביסעל לערנען, און איינער, וועלכער איז געווען פון לעבען דעם גרעניץ, האָט זאָגאַר געלעזען דייטשע ביכלעך. זיי האָבען געהאַט אַ מין קאָאָפּעראַטיוו צווישען זיך. אַלע פאַרדינסטען זיינען געגאַנגען ביי זיי צוזאַמען. אַלץ וואָס זיי האָבען פאַרדינט, צי אין קאָוונע, צי אין ווילנא, צי אין אַן אַנדער שטאָדט, פּלעגט געהן אין זייער אַלגעמיינער קאַסע, און זיי פּלעגען זיך אַלע צוטיילען מיט דעם.

פרייטאָג נאָכמיטאָג, נאָהענט צו ליכט־בענשען, פּלעגט מען אַריינקומען מיט פּלעשלעך קויפען בראַנפען אויף שבת. ווען

מען פלעגט אריינקומען מיט א „גראפין“, מיט א גלעזערנע שטאפקע, איז געווען א סימן, אז דאס איז פון א באלעבאטישער הויז.

אפט פלעגט דער טאטע מיר שיקען אפנעמען געלט וואס ס'האט געקומט פאר בראנפען — מייסטענס אט פאר די וואס מען פלעגט אוועקטראגען אין א גראפין. דיזע פליכטען האב איך פיינט געהאט. איך האב קיין מוט ניט געהאט צו בעטען געלט.

.8

זשירמונסקי'ס הויף. — די צוויי גאניקעס. — די שכנים. — עליעטשקע. — די סוכה.

אין א ניו יארקער הויז בייטען זיך שטענדיג די טענענטס. דער מופט ארויס, דער מופט אריין. און די הייזער גופא שטעהען אויך דאס רוב ניט לאנג. מען רייסט ארונטער כמעט נייע מויערען און מען שטעלט אויף מאדערנע, מיט נייע „אימפרואוומענטס“. זעלטען ווען עס טרעפט אז א פאמיליע זאל אפוואוינען פילע יאהרען אויף איין ארט, און פאמיליעס וואס וואוינען אין איין הויז צו דערזעלבער צייט, קענען זיך ניט איינע די אנדערע. גאנץ אנדערש איז אין אזא שטאדט ווי ווילנא. מויערען שטעהען דארטען אפ אן אייביגקייט, און זעלטען ווען אימיצער קלייבט זיך איבער פון איין דירה אויף א צווייטער. אז א משפחה זאל אפוואוינען דעם גאנצען לעבען אויפ'ן זעלבען פלאץ — דאס איז ניט געווען קיין אונגעוועהנ־ליכע זאך. די שכנים זיינען מייסטענס דיזעלבע; מען איז גוט באקאנט, און עס ארבייטען זיך אויס באשטימטע באציהונגען פון איינעם צום אנדערען.

אויף דיזען ארט אנטוויקעלט זיך א באשטימטער אלגע־מיינער כאראקטער מיט באשטימטע טיפען, מיט באשטימטע געגענזייטיגע פארהעלטניסען.

יעדער הויף איז א באזונדערע שטערטעלע, א באזונדערע

מענשליכע וועלטעלע. דאָ וועל איך דערצעהלען וועגען דער וועלטעלע וואָס האָט געהייסען „זשירמונסקי'ס הויף".

געוועהנליך האָבען אין דעמזעלבען הויף געוואוינט פאַמי־ליעס פון פאַרשידענע קלאַסען. אַזוי איז אויך געווען אין זשירמונסקי'ס הויף. עס האָבען אין איהם געוואוינט אָרימע מענשען, קליינע בעלי־בתים, און אַ פּאָר רייכע געשעפטס־לייט. אויך האָט מען דאָרטען געפונען אידען וואָס האָבען געקענט אַביסעל לערנען, עם־הארצים וואָס האָבען געפיהרט אַן איידעלען „שטאַט" און זיך געמאַכט אַז זיי קוקען אַמאָל אַריין אין אַ ספר, און פּראָסטע מענשען אָהן פּרעטענזיעס.

דער רייכסטער מאַן איז געווען איינער מיט'ן נאָמען פּינעס. צו איהם האָט דאָס געהערט דער העריננג־סקלאַד אין סטראַ־שונער'ס הויף. אין געשעפט איז אָבער זיין פרוי געווען טהעטיגער ווי ער. זיי זיינען געווען געקליידעט בעסער ווי די אַנדערע שכנים און זיך געהאַלטען אַנדערש, הגם קיין גאוה האָבען זיי ניט אַרויסגעוויזען.

זיי האָבען באַוואוינט אַ גרויסע דירה אויפ'ן ערשטען עטאַזש, די שעהנסטע און רייכסטע אין הויף.

די טיר צו זייער וואוינונג איז געווען אויף אַ גאַניק, וועלכער איז אין מיין געדאַנקען געווען באַצייכענט אַלס דער „רייכער גאַניק", ווארים דאָרטען האָבען געוואוינט נאָך אַ פּאָר רייכע פאַמיליעס; און אויפ'ן הויף איז געווען אַ צווייטער גאַניק, וואו עס האָבען געוואוינט אָרימערע בעלי־בתים.

ביידע גאַניקעס זיינען געהאַנגען אין דער ליכטיגער העלפט פון דעם הויף, איינער געגענאיבער דעם אַנדערען — דער „רייכער" נעהנטער צום טויער, און דער אַנדערער — ביי דעם אַנדערען ברעג פון הויף. די טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט צום „רייכען" גאַניק, זיינען געווען „אין דעם טויער", אַנטקעגען דער זייטיגער טיר פון אונזער שענק.

די מאַדאַם פּינעס איז געווען אַ שעהנע פרוי, אַ בלאָנדע, מיט אַן אַנגענעהמען שמייכעל; און מיין מאַמע פלעגט זאָגען, אַז זי איז אַן איידעלע און אַ גוטע. ווען איך דערמאָן זיך וועגען איהר, איז איהר בילד אין מיין געדאַנקען אימער מיט

א גרויסען שליסעל אין האנט — דער שליסעל מיט וועלכען זי פלעגט עפענען די טויערען פון איהר הערינג־סקלאד.

איהר מאן, ניט קיין דיקער און פון מיטעלען וואוקס, האט אפילו אין מיטען־וואך געטראגען א ווייסע מאנישקע מיט א שניפס און א ווייכען הוט אנשטאט א היטעל.

זיי האבען געהאט א טאכטער, א מיידעל מיט א פאר יאהר עלטער פאר מיר, האט מען איהר גערופען „פייצקע"; און דאס האט מיר אויך געקלונגען אריסטאקראטיש. ביי ארימע מענשען וואלט מען איהר גערופען פייגעצקע (פייגעטשקע).

א צווייטער רייכער איד, וואס האט געוואוינט אויף יענעם גאניק, איז געווען אן אקסען הענדלער, שוין ניט קיין יונגער, מיט רויטע בעקעלעך, מיט ארויסשטארצענדע באקען־ביינער. איך געדענק די שווארצע גאלקע פון זיין שטעקען. ער פלעגט אמאל אריינקומען צו אונז מאכען א שנאפס, און שטעהענדיג אנגעשפארט אן דעם שענק־טיש, מיט זיין שטעקען אין האנט, פלעגט ער מיין טאטען אדער מיין מאמען דערצעהלען עפעס, און אמאל זאגען א וויץ.

אויפ'ן „רייכען" גאניק האט געוואוינט א בחור — איך געדענק ניט ווי מען האט איהם גערופען און וועמענס זוהן ער איז געווען. דאכט זיך, אז דעם אקסען־הענדלער'ס. די אלגע־מיינע מיינונג איז געווען, אז ער טויג צו גארנישט, און לויט מיינע דאמאלסדיגע״באגריפען האט זיך געפאסט אזוי: דער זוהן פון א גביר דארף צו קיין זאך ניט טויגען.

אויף דעמזעלבען טרעפ, וואו עס האט געוואוינט דיזע רייכע פאמיליע, האט אויך געוואוינט אן אלטע פאר־פאלק. זייערע געזיכטער געדענק איך ניט קלאר. איך געדענק נאר, אז זייער עלטערער זוהן איז געווען א „סמאטריטעל" (פארוואלטער) ערגעץ אין א דולהויז. א אינגערער זוהן, מאטעק, האט געוואוינט מיט זיי. ער האט געמוזט זיין א יאהר צוואנציג און אפשר וויינינגער. ער פלעגט אפטאן אזעלכע זאכען, אז מען פלעגט איהם אוועקנעמען אין דער דולהויז, און דארטען איהם אפ־האלטען עטליכע וואכען.

קיין איינצעלהייטען געדענק איך ניט, און האב, דאכט

שבת זשירמונסקי׳ס הויף פון דרויסען. — פאָטאָגראַפירט אין 1926.

זיך, קיינמאָל ניט געוואוסט. איך האָב אָבער יע געוואוסט אז משוגע איז ער ניט. מען פלעגט איהם אהין אוועקשלעפען אזוי ווי אין א געפענגניס, אום איהם צו באשטראָפען, כדי ער זאָל זיך ווייטער אויפפיהרען בעסער. ווען מען פלעגט איהם ברענגען צוריק, פלעגט ער א געוויסע צייט זיין שטיל ווי א קאָטינקע; דערנאָך אָבער פלעגט ער ווידער צולאָזען ווערען און ווידער אָפּטאָן ווילדע מעשים. דאן פלעגט מען איהם ווידער אוועקפיהרען.

איך זעה פאר זיך דעם בילד ווי עס קומט א וועכטער און נעמט איהם צו. מאָטקע פלעגט זיך ניט וועהרען. מיט אַן אראָפּגעלאָזענע קאָפּ, א צושראָקענער, פלעגט ער צו דעם וועכטער אליין אויסשטרעקען זיין אָרעם און יענער פלעגט איהם אוועקפיהרען. דערביי פלעגט זיך אָנקלייבען א גרויסע רעדעל. איך פלעג קוקען, און די הצענע פלעגט מיר אינגאנצען צורודערען.

אין מיטען פון דער ליכטיגער טייל פון הויף, גלייך אויפ'ן ברוק, האָבען זיך געפונען דריי טירען, וועלכע האָבען געפיהרט צו דריי באזונדערע דירות. אין דער מיטעלסטער האָט געוואוינט דער „פּאָדגראבע“, דער פארוואלטער פון הויז. גרשון האָט ער געהייסען, אַן עלטערער איד, א דארער, מיט גרויליכע האָר. ער האָט געהאַט עפּעס א שטעלע ביי פּאָדריאַדטשיקעס, וועלכע האָבען צוגעשטעלט פּראָדוקטען צו דער געפענגניס, דעם באַ־ריהמטען „פערצעהנטער נומער“ פון יענע צייטען; און ער פלעגט דערצעהלען וואָס דאָרטען טוט זיך. זיינער א זוהן, א בחור'ל, וואָס האָט קיינמאָל ניט געהאַט וואָס צו טאָן, פלעגט אָפּט אריינקומען צו די פארשידענע שכנים. ער האָט גערעדט א סך, מייסטענס מיט א שמייכעל, און ער פלעגט דערצעהלען די נסים פון שבח זשירמונסקי'ן. דעם בעל־הבית פון דעם הויף. זשירמונסקי'ן אליין האָב איך דאכט זיך קיינמאָל ניט געזעהען.

אַן אנדערע פון די דריי טירען האָט געפיהרט צו ליפּע, דעם בערשטעל־מאַכער, אויך אַן עלטערער איד, מיט א שפּיציגע בערדעלע, אזא קלייכינקע און אזא שיטערע, אז שונאים פלעגען

איהם רופען „ליפּע דרייצעהן האָר". זיין פּאָרטרעט איז פאַר־בליבען אין מיין מוח מיט א יארמולקע אויפ'ן קאָפּ און מיט א ליולקע אין מויל. קיין בערשטעל־מאכער איז ער אייגענטליך ניט געווען. ער האָט נאָר געהאַנדעלט מיט חזיר־האָר, וועלכע מען האָט ביי איהם אין שטוב אויסגעקאַמט און צוגעפּערטיגט אין קיילעכדיגע בינטלעך.

ער האָט געהאַט געלט. זיין פרוי, די צווייטע פרוי ביי איהם, איז געווען אינגער פון איהם. לערנען האָט ער ניט געקענט; ער האָט זיך אָבער געהאַלטען אַזוי ווי ער וואָלט געווען א איד א למדן. מיין טאַטע פלעגט אָפּלאַכען פון דעם ווי ער זאָגט: „אין דערפריה, ווען עס איז דאָ צייט, לערען איך מיר אַביסעלע". דעם וואָרט „ביסעלע" פלעגט מיין פאָטער איבערקרימען.

ליפּע איז געווען א חזן — פון די קלענערע חזנים פון שטאָדט — און פאַר ימים נוראים פלעגט דער גאַנצער הויף הערען ווי ער איז זיך מסדר מיט זיינע משוררים. מען פלעגט זיך אָבער מעהר צוהערען צו לייזער הענעך'ס כאָר, און דאַן האָבען ר' ליפּע'ס דריי־פיער שטימען נאָר געשטערט. איבע־ריגענס, איז דיזער פונקט — ווי אַזוי די צוויי כאָרען פלעגען הילכען אינאיינעם — אין מיין זכרון שטאַרק פאַרנעפּעלט.

ער און זיין פרוי זיינען געווען גאַסטפריינדליכע מענשען, און ביי זיי איז געווען א מין פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פאַר דעם גאַנצען הויף. פרייטאַג־צו־נאַכט פלעגט מען דאָרטען מקבל שבת זיין. מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען ווען עס איז נאָך געווען ליכטיג. מען פלעגט זיצען און שמועסען אָדער דערצעהלען זיך מעשיות. דאַן פלעגט דאָס גרשון דער פּאָדגראַבע דערצעהלען פון דעם „פּערצעהנטען נומער" און פון דעם שלאָס־באַרג, וואו יעדען טאָג, פּונקט 12 אוהר, פלעגט מען אויסשיסען, כדי די שטאָדט זאָל וויסען די ריכטיגע צייט (דאָס איז דאַן נאָך געווען א נייעס. איך געדענק ווי מען האָט דאָס איינגעפיהרט. און איך געדענק ווי 12 אוהר פלעגט מיין רבי קוקען אויפ'ן וואַנט־זייגער, זעהן צי ער געהט ריכטיג. איבער'ן גאַנצען

שטאָרט פלעגט מען דאן קוקען אויף דֵי זיינערס און זיי שטעלען נאָכ'ן „שאָס").

דער פאָדגראַבע איז געווען איינער פון די, וואָס האָבען געטראָגען זייגערס (מיין טאַטע האָט דאן נאָך אַזאַ לוקסוס ניט פאַרמאָגט), און ריידענדיג וועגען דעם שאָס אויפ'ן שלאָס־בארג, פלעגט ער זיין זייגער ארויסנעמען און זאָגען מיט שטאָלץ, אַז ער געהט „פונקט מיט'ן שאָס". און אַ פּאָר פון די שכנים פלעגען דאָס דערנאָך איבערקרימען.

אין די ווינטער־אָווענדען, פון חנוכה ביז סאַמע פסח, פלעגט מען ביי ליפּע דעם בערשטעל־מאַכער שפּילען אין קאָרטען. מיין טאַטע פלעגט אָפט אנטייל־נעמען און איך פלעג שטעהן לעבען איהם און קוקען. מען האָט אימער געשפּילט „אָקע" (אַ מין פאַרקירצטער „פּאָוקער"). די קאָרטען האָב איך ניט פאַרשטאַנען; נאָר איינמאָל, ווען מיין טאַטע האָט געהאַט פיער טייז, האָב איך געפיהלט אַז עס איז עפּעס אַן אונגעוועהנליכע זאַך. איך בין אַזוי איבערראַשט געוואָרען, אַז איך האָב אויסגעשריהען: „אוי, טאַטע!"

ער האָט אויף מיר געגעבען אַ בייזען קוק, און מיט דעם האָט ער נאָך ערגער געמאַכט. די אַנדערע זיינען זיך גלייך „צולאָפען".

אַמאָל פלעגען ביי די קאָרטען פאָרקומען אונאַנגענעהמע סצענעס. מען פלעגט זיך קריגען, שרייען אויפ'ן קול. מייסטענס פלעגען די סקאַנדאַלען ארויסקומען צוליב אַ געוויסען אנטייל־נעהמער, וועלכער האָט גאָרניט געוואוינט אין זשירמונסקי'ס הויף. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרצער בערדעל, אַ אידעל אַ קבצן, וואָס האָט פאַרדינט דריי רובעל אַ וואָך אַלס אַ קאָלעקטאָר אין אַ ביער־ברויעריי (איך געדענק דעם ציפער גאַנץ גוט), און אַז עס פלעגט זיך אָנפאַנגען דער „סעזאָן" פון קאָרטען, פלעגט ער גאַנצענע נעכט אָפּזיצען און שפּילען. ווי אַזוי ער האָט דאָס געקענט באַווייזען, ווייס איך ניט. אַמאָל פלעגט ער „דרייהען", און אַז מען האָט איהם געכאַפּט, פלעגט ווערען אַ מהומה. ר' ליפּע האָט איהם אַ פּאָר מאָל ארויסגע־טריבען. ער פלעגט אָבער צוריק קומען.

מיין טאטע האט אין די סקאנדאלען קיינמאל קיין אנטייל ניט גענומען. ביי אזעלכע סצענעס פלעגט ער פארשעהמט ווערען און שטילינקערהייט ארויסגעהן פון ר׳ ליפע׳ס שטוב. אום די מאמע זאל ניט וויסען וויפיל ער נעמט מיט אויף צו שפילען אין קארטען, פלעגט ער אפהיטען א מאמענט, ווען זי געפינט זיך ניט נאהענט צום טיש־קעסטעל. איך געדענק ניט, אז זי זאל איהם ווען שטערען; אבער קיין רעגעלמעסיגער שפילער איז ער סיי־ווי־סיי ניט געווען.

אין דער דריטער פון די דריי אונטערשטע דירות האט געוואוינט שמערעל פרוס, א טיף־עהרליכער פרומאק. דאס איז געווען א איד, מסתמא פון א יאהר עטליכע און דרייסיג, מיט שווארצע האר, מיט שווארצע אויגען, וועלכע האבען געהאט אזא ערנסטען קוק, אז איך פלעג מיינען אז ער איז אימער בייז. זיין פרוי איז געווען גאר אנאנדערער טיפ. זי וואלט געגאנגען אהן א פארוק, ווען זי וואלט געקענט; און איהרע קינדער האט זי גלייך פון אנהויב געוואלט ערציהען אויפ׳ן היינטיגען שטייגער, נאר צוערשט האט זי דאס ניט געקענט אויספיהרען.

זי איז געווען א קלוגע און א שעהנע פרוי, און אלע זייערע קינדער זיינען געווען שעהנע. די עלטסטע טאכטער, ראזאליע, א מיידעלע פון א יאהר פערצעהן־פופצעהן, איז געווען א קראַ־סאוויצע. דער עלטערער אינגעל, משה׳קע, אויך א שעהנער, איז געווען מיינער א חבר; פלעג איך אפט אריינקומען צו זיי.

אמאל, פאר די יום־טובים, איז דארטען פארגעקומען א דעבאטע אין שטוב איבער א קאפאטקע, וואס מען האט געלאזט נייהען פאר משה׳קען. די מוטער האט געוואלט אז מען זאל איהם נייהען א קירצערע און „צום סטאן“, אבער שמערעל האט גע׳פסק׳ענט אז די קאפאטקע זאל זיין א לאנגע און זעהר א ברייטע. וואס נעהנטער צו דער ערד — אלץ ברייטער; וואס וויינינגער היינט־וועלטיג, הייסט עס, און אזוי איז דאס געבליבען (עטליכע יאהר שפעטער האט זיך אלץ איבערגעדרעהט, די פרוי האט אויסגעפיהרט. די קינדער האבען

אָנגעהויבען צו שטודירען, און אַלץ איז געגאַנגען אויפ'ן בייעם שטייגער).

שמערעל איז געווען אַ בוכהאַלטער ביי אַ רייכען בראַנפען־הענדלער מיט'ן נאָמען פייווע סוויאַדאָשטש, וועלכער איז אויך געווען זעהר רעליגיעז. סוויאַדאָשטש איז געווען געקליידט היינט־וועלטיג, און זיין פרוי איז אויך געווען געקליידט נאָך דער מאָדע נאָך. זיי האָבען אָבער געהאַט אַ שם אין שטאָדט מיט זייער פרומקייט. מיין טאַטע פלעגט דערצעהלען, אַז חול המועד פסח שרייבט סוויאַדאָשטש ניט, ווייל טינט איז חמץ'דיג.

צווישען די וואָס האָבען געוואוינט אויף דעם אָרימערען גאַניק, איז געווען אַ בלאָנדער שוחט און זיין ברונעטע ווייב. ער האָט געהונקען אויף אַ פוס און זי איז געווען אַ „שאַפּעטקע" (זאַיקע). איהם פלעג איך אימער זעהן אין אַ שווארצער געווענטענער קאַפּאָטע. ער איז געווען אַ שטילער מענש, און זי—אַ לוסטיגע, אַ לעבעדיגע. אָפּט, דערצעהלענדיג אַ שפּאַסיגע מעשה, פלעגט זי זיך פארשאַפּעטען. זי פלעגט אָבער ניט פארלירען איהר גוטען מוט און ענדיגען מיט אַ געלעכטער, אַזוי ווי איהר שטאַמלען וואָלט געווען אַ טייל פון דעם שפּאַס.

אויפ'ן זעלבען גאַניק האָט געוואוינט שמאַלץ דער שרייבער, איינער פון די באַקאַנטע לעהרער אין שטאָדט. ער האָט געהאַט אַ דונקעלען פּנים און זעהר שווארצע האָר און באָרד. היינט וואָלט איך געזאָגט אַז ער זעהט אויס ווי אַ מעקסיקאַנער.

איינמאָל האָט ער געזעהען ווי איך זיץ און שרייב. מיר האָט זיך געוואָלט קענען שרייבען ווי איצע גאַרדאָן, און איך פלעג אָפּזיצען ביז שפּעט אין דער נאַכט קינצלענדיג די אותיות און איבערשרייבענדיג דיזעלבע שורה צעהנדלינגער מאָל. איך בין געווען איבערצייגט, אַז איך האָב שוין אַ וואונדערבאַרע האַנדשריפט. אַלזאָ, האָט שמאַלץ מיר געפונען ביי איינער פון מיינע ענדלאָזע איבונגען. ער האָט זיך איינגעקוקט, געגעבען מיר אַ גלעט איבער'ן קאָפּ, און געזאָגט:

— עהע! שרייבסט דאָך שוין עפּעס גאָר נישקשה!

און צו מיין טאטען האט ער באמערקט: „פאר א אינגעל אין זיינע יאהרען איז דאס גאר ניט שלעכט“.
אזוי ווי מיט קאלטע וואסער וואלט ער מיר אפגעגאסען.

אין א ווינקעל, אונטער דעם אָרימען גאניק, האט געוואוינט א נענזלער, א געזונטער יונג מיט א בלאָנדער בערדעלע, וועלכער האט געהאט א געוואוינהייט אפט צו געבען א הויב מיט דער רעכטער פלייצע. ער האט ליב געהאט אין אונזער שענק צו עסען קוואשינע. ער איז געווען א פּראָסטער מענש און ער האט זיך געהאלטען פאר א פּראָסטען.

איין שכן איז געווען א יובעליר, אָדער „דובעלירער“, ווי מען פלעגט זאגען אין ווילנא. ער איז געווען א העפליכער יונגער מאן מיט א בלאָנדער בערדעלע, און אין פארגלייך מיט דאָס רוב פון די שכנים איז ער געווען געקליידט נעט און היינט־וועלטיג. ער איז געווען פארהייראט, אָבער ווי זיין פרוי האט אויסגעזעהען, געדענק איך נים.

פון איין פאמיליע, וואס האט געוואוינט אויפ'ן אָרימערען גאניק, געדענק איך דייטליך נאָר א אינגעל. אייזקע האט מען איהם גערופען. ער איז געווען עלטער און גרעסער פאר מיר. מיר זיינען אָבער געווען שטענדיגע חברים. טיילוויין געדענק איך אויך זיין עלטערע שוועסטער—ווי דורך א טומאן. ער איז געווען אַן אָרענטליכער, א גוטער. ער פלעגט אפט מאכען שפּאס, אָבער אלע אויף א שטילען אנשטענדיגען אופן.

דער מאן פון א יונגער ווייבעל, וועלכער האט אין זשיר־מונסקי'ס הויף געהאלטען א שפּייז־קרעמעל, איז נאָך מיין היינטיגען פארשטאנד נאָך געווען דער אינטערעסאנטסטער פון אלע אונזערע שכנים. ווען די אנדערע איינוואוינער פון דעם הויף וואלטען געוואוסט פון דעם וואָרט „טיפּ“, וואלטען זיי אויף איחם געזאָגט: „דאָס איז א טיפּ!“

זיין נאָמען איז געווען עליע, אָבער מיין טאטע פלעגט איהם ניט רופען אנדערש ווי „עליעטשקע“. ער איז געווען א רייזענ־דער פּריקאשטשיק פאר א ספרים געשעפט, און פלעגט אָפט

שבת זשירמונסקי׳ס הויף, פון אינעווייניג, מיט דעם הינטערשטען טרעפּ און דעם „אָרימען“ גאַניק. — פאָטאָגראַפירט אין 1926.

באזוכען ווייטע גובערניעס. אויף פסח און די ימים נוראים פלעגט ער קומען אהיים אויף א לענגערע צייט; אין מיטען ווינטער אָדער זומער פלעגט ער זיך אויך באווייזען, אָבער דאָס רוב נאָר אויף עטליכע טעג.

ער איז געווען א יונגערמאן, מיט ניט קיין מיאוסער פיגור, און מיט ניט קיין מיאוס'ען פנים, א ווייסען, און ער איז אימער געווען פול מיט לעבען. ווען ער פלעגט א שמייכעל טאָן, פלעגען פון זיין מויל ארויסבלישטשען שעהנע ווייסע ציינער.

דאָס איז געווען אן אמת רעליגיעזער מענש, א פלאַמענד־רעליגיעזער. ער האָט געברענט מיט פרומקייט און צו דערזעלבער צייט האָט ער אויך געברענט מיט לעבענס־לוסט. דורך דעם האָט ער געצייגען די אויפמערקזאַמקייט אלס א חסידישער כאַראַקטער, און מען האָט איהם גערופען חסיד, כאָטש ער איז געווען א מתנגד.

היינט, ווען איך שטעל זיך איהם פאָר מיט אלץ וואָס איך האָב געזעהען און געהערט פון איהם, וואָלט איך געזאָגט, אז מיט'ן קאָפּ איז ער געווען א מתנגד און מיט'ן הארצען — א חסיד.

ער פלעגט אָפט זיין אין פוילען מיט זיינע ספרים. ער פלעגט פארברייינגען מיט די דאָרטיגע חסידים, און ער פלעגט אונז אימער דערצעהלען וועגען זייער התלהבות, וועגען דעם גייסט פון ברידערליכקייט, וואָס עקזיסטירט אין דעם הויף פון זייערען א גוטען אידען, וועגען זייער לעבעדיגקייט און לוסטיג־קייט, וועגען זייער הנאה אי פון דאַווענען, אי פון א גלעזעל משקה; וועגען זייער איבערגעבענהייט איינער צום אַנדערען.

מיין טאַטע פלעגט דיזע שילדערונגען אויסלאַכען און די חסידים פלעגט ער זידלען. איך גלויב אָבער אז ער פלעגט דאָס טאָן ניט פון איבערצייגונג, נאָר אלס „פארטיי־מענש".

אָפט, הינטער די אויגען, פלעגט מען דער שפייז־קרעמערקע'ס מאַן רופען „עליעטשקע דער משוגענער", כאָטש, ווי ווייט איך האָב פארשטאַנען, איז ער געווען קלאָהר ווי דער קלעהרסטער און קלוג ווי דער קליגסטער אין זשירמונסקי'ס הויף.

שמחת תורה פלעגט ער טאַנצען, שפּרינגען און זינגען,

איבערקערען א וועלט; און אין דעם איז ווידער געווען א נעמיש: א פלאַקער פון רעליגיעזער באגייסטערונג מיט א פלאַקער פון לעבענס־חשק.

הגם מיין פאָטער פלעגט פון איהם אָפּלאַכען, זיינען זיי פונדעסטוועגען געווען וואַרימע גוטע פריינד און פלעגען אָפּט ביידע פאַרברייננגען צוזאַמען. זיי האָבען געקענט א סך בעסער לערנען ווי די אַנדערע שכנים. אפשר האָט דאָס זיי פאַראייניגט. אָבער דאָס איז ניט געווען דאָס איינציגע וואָס זיי האָבען געהאַט געמיינשאַפטליך: מיין פאָטער איז פון דער נאַטור אויך געווען א גרויסער ענטוזיאַסט, אויך א באגייסטערטער פרומאַק, נאָר א סך געזעצטער ווי „עליעטשקע". שמחת תורה פלעגט מיין טאַטע אויך טאַנצען און זינגען, אָבער ניט אַזוי ווילד ווי ער. דאַן, אונטער דעם איינפלוס פון אביסעל בראַנפען, פלעגען זיי זיך איינער דעם אַנדערען רופען „עלקע" און „שאַכקע", אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען חדר־איינגלעך.

איינמאָל, אין א שמחת תורה, ווען זיי און אַנדערע אידען פון הויף האָבען געהוליעט ביי אונז אין שטוב, האָט עליעטשקע, טאַנצענדיג, אַראָפּגעכאַפּט דעם פּאָרוק ביי ליפּע דעם בערשטעל־מאַכער'ס ווייב. דאַן איז געוואָרען א מהומה. עליעטשקע האָט זיך ענטשולדיגט טויזענט מאָל. מיט דער געשיכטע האָט געקאָכט. מען האָט געזאָגט, אַז פון עליעטשקע דעם משוגענעם קען מען אַלץ ערוואַרטען.

ווען מיין טאַטע פלעגט זיין „אָנגעשניאַשקעט", ווי ער פלעגט זיך אויסדריקען — און דאָס פלעגט טרעפען נאָר שמחת תורה אָדער עפּעס אויף א שמחה — פלעגט ער זינ־גענדיג א פריילינגע האַפּקע זיך צוואָויינען. דאַן פלעגט איהם עליעטשקע שלעפּען און שרייען:

— מען טאָר היינט ניט וויינען, שאַכקע!! לאַך, אפיקורס דו!

ווען עליעטשקע איז געווען אין דערהיים, און ער איז אריין צו ליפּע'ן צו קבלת שבת, פלעגט ער דערצעהלען פון זיינע רייזעס, און דאַן פלעגען אַלע זיך צוהערען ווי געשפּאַנטע. איך געדענק ווי ער האָט געשילדערט א לוסטיגע שפּיל אין שמיץ

ביי חסידים, אין א טיף־פוילישע שטעדטעל, און ווי מען האָט איהם אויסגעצויגען און „אריינגעהאַקט“.

איינמאָל איז ביי עליעטשקע׳ן אין שטוב פּאָרגעקומען א געשיכטע, וועגען וועלכער מען האָט דערנאָך גערעדט אין דעם גאַנצען סטעפּאַן גאַס געגענד.

זיין ווייב׳ס שפּייז־קראָם איז ארויסגעקומען אויפ׳ן גאַס, אזוי ווי אונזער שענק, נאָר אויף דער אנדערער זייט הויף, אויף דעם סאמע ראָג פון דעם זאוואוליקעל. און זייער וואוינונג איז באשטאַנען פון דריי קליינינקע צימערלעך, וועלכע האָבען זיך געצויגען הינטער דער קרעמעל. האָבען זיי איין צימערל פארדונגען. א געוויסע צייט האָבען דעם דאָזיגען צימער פארנומען צוויי שילער פון דער ווילנער ראבינער שוהל, א צעהן־קלאַסיגער אנשטאַלט, וואו אידישע יונגע לייט האָבען געשטודירט אויף לעהרער אָדער אויף קאַזיאָנעם רב, און וואו מען האָט אַלץ געלערענט אויף רוסיש.

איינמאָל, אין א שבת נאכמיטאג, האָט פון יענעם צימער זיך געוויזען דער רויך פון פּאַפּיראָסען.

עליעטשקע האָט געוואָלט אריינגעהן צו זיי און מאכען א סקאַנדאַל. די טיר איז אָבער געווען פאררוקט פון אינוועניג. ער האָט גענומען זעצען אין טיר, שרייען, שילטען, אז מען איז זיך צוזאמענגעלאָפען פון גאַנצען הויף. די „ראבינטשיקעס“ האָבען ניט געעפענט און ניט געענטפערט. עליעטשקע האָט ווייטער געזעצט אין טיר, אָבער צופיל זעצען איז געווען א סכנה, טאָמער ברעכט ער אויף די טיר אום שבת. האָט ער דערפאר גענומען שטארקער באָמבארדירען מיט׳ן צונג. ער האָט גע־פּולווערט, געשטורעמט. זיין קול האָט זיך געקענט הערען איבער׳ן גאַנצען מערקעל.

די „ראבינטשיקעס“ האָבען פארטייעט דעם אָטעם און ווייטער געשוויגען. די באלאגערונג האָט אזוי אָנגעהאלטען א היבשע צייט. ענדליך האָבען זיך די באלאגערטע אונטער־געגעבען. אויף מאָרגען זיינען זיי געצוואונגען געווען זיך ארויס־צוקלייבען.

א סוכה פלעגט מען בויען פאר'ן גאנצען הויף, מיט דער אויסנאהמע פון די פינעסעם מיט דעם אָקס־העגדלער, וועלכע האָבען געהאַט א באַזונדערע סוכה אויפ'ן „רייכען גאניק"

די גרויסע אַלגעמיינע סוכה פלעגט מען אויפשטעלען אויפ'ן הויף. און אין איהר פלעגען שטעהן צוויי גרויסע טישען, צוזאמענגעקלאפּטע פון ברעטער מיט פוסטע פעסער אנשטאַט פיס. געבויט האָט איהר מיין טאַטע, וועלכער האָט איבערהויפּט ליב געהאַט צו מייסטרעווען, מיט דער הילף פון עליעטשקע'ן און די אינגלאך פון הויף. יום כפור, נאָך נעילה, ווען דער טאַטע פלעגט קומען פון שוהל, פלעגט ער גלייך אַריינשלאָגען „דעם ערשטען פלעקעל".

די מאָלצייטען אין סוכה, הויפּטזעכליך די ערשטע סוכות'דיגע וועטשערע, פלעגען מיר פאַרשאַפען כמעט אַזוי פיל גליק ווי פּסח דער סדר. אין א געוויסען זין נאָך מעהר. אַלע משפּחות זיצען צוזאַמען. ס'איז יום־טוב'דיג. ס'איז פריילעך, און ס'איז אונגעוועהנליך — דאָס איז דער עיקר. יעדער זעהט וואָס יעדען אנדערען דערלאַנגט מען צום טיש. יעדע בעל־הבית'טע פיינט זיך אויס. דאָ מאַכט איינער קידוש, דאָ א צווייטער, דאָ א דריטער. די האַרץ ציטערט אַזש פון נייגע־ריגקייט און אינטערעס.

דער קידוש אין סוכה דעם ערשטען אָוועגד איז ביי מיר געוועזן ווי די טייערסטע אָוווערטורע צו אַן אָפּערא. די הימלישע אויפרעגונג, וואָס איך פלעג דערביי פיהלען, קען איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

די ווייבער און די מיידלעך זיינען דאָס רוב אין סוכה ניט געזעסען. זיי זיינען געווען פאַרנומען דערלאַנגענדיג די מענער און די אינגלעך צום טיש. עס זיינען אָבער געווען א פּאָר אויסנאַהמען. און איינע פון זיי איז געווען די שאַפּעטקע, די פרוי פון דעם בלאָנדען שוחט. ווער עס האָט זיי דערלאַנגט דאָס עסען, געדענק איך ניט. זי פלעגט אימער זיצען מיט איהר מאַן אין סוכה. אָט זיצט זי מיט איהר שוואַרצען פּאַרוק לעבען זיינע בלאָנדע פּאות, א פרעהליכע, ווי געוועהנליך. זי קוקט איהם אַלע ווייַלע אַריין אין די אויגען. זי זאָרגט זיך

וועגען זיין יעדען ביסען. זי מאכט צו איהם אוואיעלעך ווי א מאמע צו א קינד.

די אנדערע ווייבער, וואָס באמערקען דאָס, באַריידען איהר דערנאָך. „זי וויל ווייזען אז זי האָט איהם האָלט“, — זאָגען זיי צווישען זיך. קיין גיפט איז אָבער אין זייער לשון הרע ניטאָ, וואָרום די שאפּעטקע איז פּאָפּולער צווישען זיי.

נאָכ׳ן עסען זינגט מען, און עס איז פרעהליך אויף אַן אנדער אופן. עליעטשקע לאָזט זיך פיהלען מיט זיין לוסטיג־קייט, מיט זיין שיינענדיגען פרומען פּנים, און מיין טאַטע מיט זיין הויכער, שטאַרקער טענאָר־שטימע. ליפּע דער בערשטעל־מאכער זינגט מיט חזנישע שטאַלץ.

איך האָב אימער געבעטען גאָט דער הימעל זאָל זיין קלאָר, וואָרים ווען עס קאַפּעט דורכ׳ן סכך אריין דער קלענסטער טראָפּען, ווערט א פּאָגראָם: מען כאַפּט גלייך אראָפּ פון די טישען און מען טראָגט אין שטוב. וואָס פאר א ביטערע ענטוישונג דאָס פלעגט זיין!

.9

דער רויטער שלאָף־באַנק. — א קעצעלע. — דוד דער פלעקסער.

דער טאַטע האָט געלאָזט מאַכען א נייעם שלאָף־באַנק.

אין ניו יאָרק קויפט מען אַלץ. אין ווילנא פלעגט מען אַלץ לאָזען מאַכען. דער נייער שלאָף־באַנק איז געוועזען אָפּגע־פאַרבט אויף רויט, און מיט זיין רויטער נייקייט איז געוועזען פול די שטוב. מיר, וויינינגסטענס, האָט דאָס בוכשטעבליך באַצויבערט. איך האָב זיך פון דעם שלאָף־באַנק ניט געקענט אָפּרייסען, און ניט נאָר די ערשטע עטליכע טעג, נאָר א לאַנגע צייט שפּעטער אויך.

דער כשוף פון זיין פרישער רויטקייט האָט מיר ניט גע־שטערט צו שרייבען מיט קרייד אויף איהם. אדרבה, עס האָט מיר נאָך געצויגען דערצו. און — איך ווייס ניט פאַרוואָס — די מאַמע האָט מיר געלאָזען. זי האָט געהאַט א שם פאר א

ציכטינגע; דאָך האָט זי מיר געלאָזען. מסתמא האָט זי געהאַט צופיל דאגות אויפ'ן קאָפּ דאָס צו באַמערקען.

דער שלאָף־באַנק געהאַט האָט א ברעט צום וואַנט אויף אָנצושפּארען זיך, א גרויסע דיקע ברעט מיט אויסשניטען פון ביידע זייטען.

דיזע רויטע ברעט האָב איך געברויכט ווי מען ברויכט דעם טאַפעל אין א קלאַס. איך פלעג איהר פאַרשרייבען מיט ווערטער און פאַרמאָלען מיט מענשעלעך און מיט אַנדערע פיגורען — א קייקעלע מיט פיער פאַסיקלעך פאַר א מענשען און אַן עהנליכע פאַטשקערייי פאַר א פויגעל אָדער א פערד. איך פלעג שרייבען, מאָלען און מעקען, און ווידער שרייבען, מאָלען און מעקען. וואָס איך האָב געשריבען אָדער געמאָלען — וועגען דעם איז ביי מיר ניט פאַרבליבען די שוואַכסטע עראינערונג. שרייבענדיג פלעג איך טראַכטען און טרוימען און פאָרשטעלען זיך משונה'דיגע זאַכען. איך בין אָבער ניט זיכער, אז זיי האָבען געהאַט א שייכות צו די ווערטער אָדער די „בילדער". איך בין געניוגט צו גלויבען אז די האַנט האָט געאַרבייט באַזונדער און דער מוח באַזונדער. אייניגע פון די פאַנטאַזיעס, וואָס פלעגען זיך דרייהען אין מיין זיבען יאָהריגער קאָפּ, זיינען אין מיין זכרון יאָ פאַרבליבען. אָט זיינען א פּאָר פון זיי: איך האָב פאַר זיך א פעלד, און פון וויטען זעהען זיך די זיילען אין דער פאָרמע פון קוימענס, אזעלכע ווי די וואָס איך האָב געזעהן ווען מיר האָבען זיך אַריבערגעקליבען פון פּאָד־ברעזע קיין ווילנא. דורך דעם פעלד געהען יוסף'ס ברידער (זיי זעהען אויס ווי די אידען, וואָס ברענגען אין פּאָדוואָל די פעסער מיט בראַנפען פון דעם פעטער אריה לייב'ס ברייזעל). זיי געהען און געהען, ביז פון וויטען באַווייזט זיך א שעהנער אינגעל, מיט שוואַרצע האָר. דאָס איז יוסף. די ברידער הערען אָלץ ניט אויף צו געהן, און צו יוסף'ן קומען זיי אָלץ ניט צו. די זיילען זיינען אי זעהר וויט, אי גאַנץ נאָהענט, און זיי זיינען אַזוי שעהן! די ברידער פרעגען: „איז דאָס מצרים?" און איך ענטפער זיי: „יע, דאָס איז מצרים, און יוסף איז דער שני למלך!"

א גאַנצען אווענט פלעג איך אַזוי פאַרברענגען, שרייבענדיג, מאָלענדיג פיגורען און טרוימענדיג אַלץ וועגען די זיילען מיט יוסף'ס ברידער. ווי אין א הינער־פּלעט פלעג איך מיט דיזע פאַנטאַזיעס זיצען — זיצען מיט'ן פּנים צו דער רוימער ברעט.

אָפט פלעג איך זיך פאָרשטעלען דעם ים. איך האָב געמיינט, אַז ער געפינט זיך אין קאָוונע, און אין מיין פאַנטאַזיע האָט ער אויסגעזעהן ווי די טייל פון דער ווילִיא, ווי איך האָב איהר אמאָל געזעהען פון דעם גרינעם בריק, ווען דער טאַטע האָט מיר גענומען אהין. אַט אויף דעם דאָזיגען ים געהען „אָקרענטען" מיט סחורה און די סחורה געהערט צו מיין טאַטען. יעדער אָקרענט האָט אויסגעזעהען ווי דער „פּראָם", וואָס איז געגאַנגען פון איין ברעג ווילִיא צום צווייטען, און די סחורה איז באַשטאַנען פון טונען הערינג און זעק מיט קאָרן. דער טאַטע איז א גרויסער סוחר. ער האָט א סך געלט און ער האָט פאַר'ן פעטער אריה לייב קיין מורא ניט.

אין אַנאַנדער טרוים, וואָס איך פלעג זיך אריינגעמען אין מוח, בשעת איך האָב געפּאַטשקעט מיט קריַיד אויף דער שלאָף־באַנק ברעט, זיינען געווען די פליגען, וואָס זיינען ארומגע־פלויגען אין שטוב. דאָס זיינען געווען פאַרשאָלטענע רשעים; שפּעטער האָב איך זיי צוטיילט: איינִיגע פליגען זיינען רשעים און אַנדערע צדיקים. זיי פיהרען מלחמות, און די צדיקים זיגען, נאַטירליך.

איך פלעג כאַפּען פליגען און זיי מוטשען, ווי אַלע אינגלעך טוען. איך פלעג אין א פליג אריינשטעקען א שטרוי און אַזוי איהר לאָזען געהן איבער'ן טיש. דאָס האָט געהייסען אַז זי דינט ביי מיר ווי די אידען אין מצרים. אָדער איך פלעג עטליכע פליגען אריינלאָזען אין א פלעשעלע, אריינבלאָזען אהין רויך און פאַרשטאָפּען. די דאָזיגע פליגען זיינען אימער געווען רשעים. איינע האָט, צום ביישפּיל, אין זיך געהאַט דעם גלגול פון פּרעה'ען, א צווייטע פון המנ'ען, א דריטע פון דעם רוסישען גענעראַל גובערנאַטאָר, וואָס איז געווען שלעכט צו אידען אין ווילנא.

דער טאַטע פלעגט מיר דערצעהלען מעשות פון „ספר

הישר" און פון „יוסיפון", און איך פלעג זיך צוהערען מיט א האסטיג־שלאָגענדען אָטעם; פלעגען זיך די דאָזיגע מעשות איבערארבייטען אין מיין פאנטאזיע און זיך פאָרשטעלען מיט פליגען און ביהנען און זומער־פויגעלעך, אנשטאָט מענשען. שפּע־טער האָב איך אליין געלייענט דעם ספר הישר.

פּאָדברעזע האָט נאָך לאַנג פארפאָלגט מיין יונגע איינ־בילדונגס־קראפט. איך פלעג די שטעדטעלע אָפט זעהן ווי פאר די אויגען, מיט דער לאַנקע וואָס איז געלעגען ניט ווייט פון אונזער שטוב. די דריי סאָרטען בלומעלעך, וואָס איך האָב אין פּאָדברעזע געקענט (אָהן נעמען), פלעגען זיך מיר אין ווילנא, אין מיין זיבען־יעהריגער פאנטאזיע פאָרשטעלען אין דער געשטאלט פון מענשען. מיר פלעגט זיך דוכטען, אז זיי שעפּטשען און שושקען זיך צווישען זיך — אלץ ביי דעם רויטען שלאָף־באַנק.

אויף דער לעזשאנקע אנטקעגען דער שלאָף־באַנק איז געווען די היים פון א קליינע קעצעלע, א געלע, אָבער א שעהנע. און אפילו ווען זי איז אויסגעוואַקסען, איז זי אויך ניט געווען זעהר גרויס. איך בין צו איהר צוגעבונדען געוואָרען, און פלעג מיט איהר זיך שפּילען צעהנדליגע מינוטען נאָכאנאנד. און מיינע שפּילען מיט איהר האָבען אויך געהאַט דעם כאראקטער פון פאנטאזיעס. זי איז געווען ניט קיין קעצעלע נאָר א מענש. אמאָל איז זי געווען דער העלד פון איין מעשה, אמאָל דער העלד פון אנאנדערער, אָבער אימער האָט זי פאָרגעשטעלט א העלד און א צדיק. אמאָל פלעג איך זיך מיט איהר שפּילען אויף דער לעזשאנקע, און אמאָל פלעג איך איהר אריבערנעמען אויף מיין שלאָף־באַנק און דאָרטען פאנטאזירען מיט איהר. איינמאָל איז זי פארשוואונדען; אימיצער האָט איהר צוגע־גנב'עט. איך האָב נאָך איהר געבענקט מיט א שאַרפע, שמערצ־ליכע בענקעניש. איך האָב געוויינט, געבעטען זיך ביי מיין פאָטער און מוטער אז זיי זאָלען איהר אויפזוכען. מען האָט אָבער ניט געהאַט קיין באגריף וואו זי איז אהינגעקומען. א היבשע צייט שפּעטער האָב איך איהר דערקענט אויפ'ן גאַס

ערגעץ־וואו. איך האָב זיך צו איהר צוגעכאַפּט. זי האָט מיר שוין אָבער ניט דערקענט, און אַ פּאָר טעג האָב איך דערפון שטאַרק געליטען.

ביי אונז פלעגט זיך אָפּט אָפּשטעלען אַ איד מיט׳ן נאָמען דוד, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס דוד דער פלעקסער, לויט זיין מלאכה. ער פלעגט שלאָפען אויף דער לעזשאַנקע, און קיין אכסניה־געלט פלעגט ער ניט צאָהלען. ער איז געווען באַפריינדעט מיט מיינע עלטערען נאָך פון פּאָדברעזע, וואו ער האָט אויך אַמאָל געוואוינט, און ער איז ביי אונז אימער געווען אַ גוטער גאַסט. געוואוינט האָט ער איצט אין טראָק. אויף איין פּלאַץ איז ביי דער פלעקסעריי קיין שטענדיגע ארבייט ניט געווען. פלעגט ער ארבייטען היינט דאָ, מאָרגען דאָרטען, און ווען ער פלעגט האָבען וואָס צו טאָן אין ווילנא, איז זיין קוואַרטיר געווען ביי אונז.

אַ נידעריגער, אַ דאַרער, מיט קורצע גרויע האָר, מיט אַ קלוגען פּנים, און מיט שטילע קלוגע רייד, אָפּט מיט אַ וויץ, איז ער געווען אַ פּאָפּולערע פיגור אין שענק. ער האָט דאַן געמוזט זיין אַ איד פון אַ יאָהר פופציג. אויף מיר האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ גוטמוטיגער. ביי זיך אין דערהיים אָבער, אין טראָק, איז ער אָפּט געווען אין כעס, און דאַן פלעגט ער דאָס ארויסווייזען אויף אַ שאַרפען שטייגער, אָבער אפילו אין דעם איז ביי איהם אויך געלעגען הומאָר.

מיין טאַטע פלעגט וועגען איהם דערצעהלען פאַרשידענע מעשה׳לעך, און פון זיי געדענק איך די פאָלגענדע צוויי:

ר׳ דוד טוט אָן אויף זיך אַ „נאַסטשע“ מיט צוויי עמער און געהט נאָך וואַסער. ער קומט צוריק מיט פולע עמערס. ער געפינט אָבער אַז די וואַסער־פאַס איז צוגעדעקט. זיין ווייב האָט פאַרגעסען אראָפּצונעמען דעם דעקעל. ביי דוד׳ן צופלאַקערט זיך דער כעס. ער שרייט אָבער ניט. שרייען האָט ער פיינט. ער מאַכט זיך כלומרשט, אַז די פאַס איז אָפען, און ער גיסט פּשוט די וואַסער איבער׳ן דעקעל. אַזוי האָט ער אויסגעליידיגט ביידע עמער. אין דעם פּירהוויז איז

א מבול; די ווייב קומט צולויפען, מאכט א גוואלד. דוד שווייגט אבער, אזוי ווי ניט איהם מיינט מען דאס.
איינמאל, פרייטאג־צו־נאכט, ווען ער איז געקומען פון שוהל, האט ער ניט געפונען געגרייט צום טיש. ניטא קיין חלה אויף צו מאכען קידוש. די ווייב איז אין יענעם מאמענט ניט געווען אין שטוב. ווען זי איז אריינגעקומען, האט זי דערהערט, ווי מען זינגט אונטער'ן טיש. דוד איז דארטען געזעסען אויף די קניע, א צוזאמענגעקארטשעטער, און געמאכט קידוש.

צייטענווייז, ווען קיינער איז ניט געווען ביים טיש־קעסטעל, פלעג איך פון דארטען ארויס'גנב'ענען א קאפיקע און אמאל מעהר אויך. איינמאל האט די מאמע מיך געכאפט.
— וואס טוסטו ביים טיש־קעסטעל? — האט זי געפרעגט מיט א שטרענגען טאן.
— ער דארף אפבייטען א רובעל — האט ר' דוד באמערקט.
מיין מאמע האט געגעבען א שמייכעל און דאס האט צובראכען איהר כעס.
די וואס האבען איהם געקענט אויבערפלעכליך, פלעגען מיינען אז ער אליין איז קיינמאל ניט בייז אדער צוטראגען. עס איז געווען א טעות. ער פלעגט וויסען ווי צו באהאלטען זיין אמת'ע שטימונג. אינעווייניג אין הארצען האט געקענט פארקומען גאט ווייס וואס; פון דרויסען איז ער אין דער פרעמדר אימער געווען גוטמוטיג און פול מיט הומאר.
ער איז געווען פאפולער ביי אלע פאדברעזער, וואס האבען געוואוינט אין ווילנא. זיי האבען איהם געהאלטען פאר א חכם און פלעגען זיך מיט איהם האלטען עצות.
איינער פון די גאס־מענשען האט אמאל געזאגט צו מיר:
— וואס ביזטו אזוי פארטראכט? גאנצענע טעג זיצט ער און טראכט.
— ער דאגה'ט טאמער וועלען זיינע שיפען אונטערגעהן אויפ'ן ים — האט באמערקט ר' דוד.
איך האב ניט פארשטאנען, אז דאס איז נאר אן אויסדרוק אזא, און זיינע ווערטער האבען מיך איבערראשט. פון וואנען

ווייס ער פון מיינע אָקרענטען? אויב אזוי, ווייס ער מסתמא אויך וועגען מיינע פעסער מיט הערינג און זעק מיט תבואה? איך בין געווען זיכער, אז ער פארשטעהט וואס עס טוט זיך ביי מיר אין הארצען. פון דענסטמאָל אָן איז ער ביי מיר געוואָרען א מין נביא. איצט האָב איך שוין פארשטאנען, פארוואס מען האלט איהם פאר אזא חכם.

.10

דריטער חדר. — חאצקעל. — תהלים. — א פרייטאָג־צו־נאכט. — משה אפאטאָוו.

חאצקעל׳ס חדר, מיין דריטער חדר אין ווילנא, איז געווען אויף סאוויטשער גאס — ווידער אביסעל צו ווייט. אָבער ערשטענס, בין איך שוין איצט געווען אכט יאָהר אלט, און צווייטענס, האָט די מוהמע פייגע געוואוינט ביים ברעג גלעזער גאס, לעבען „פלאץ״, און דאָס איז געווען צוויי מינוט גאנג פון מיין נייעם חדר; פלעג איך ביי איהר עסען אָנבייסען (דינער) און פארשפאָרען צו געהן אהיים אין מיטען טאָג.

לויט דעם באגריף פון יענע צייטען, איז חאצקעל געווען א מלמד פון א פאָרטגעשריטענעם סאָרט. ער האָט געטראָגען גאנץ קליינע פאות און איז געווען געקליידט כמעט „היינט־וועלטיג״. תנ״ך האָט ער מיט די אינגלעך געלערענט מיט מענדעלסאָן׳ס דייטשען פירוש, טיילווייז מיט די דייטשע ווערטער מיט אלעמען. און געזאָגט האָט מען די ווערטער ניט מיט׳ן פארצייטיגען תנ״ך נגון, נאָר מען האָט זיי דעקלאמירט.

מיט עטליכע יאָהר פריהער האָט די רעגירונג יעדען מלמד אין דעם ווילנער געגענד געצוואונגען צו קויפען גאנץ תנ״ך מיט מענדעלסאָן׳ס „ביאור״ און מיט דער דייטשער איבערזעצונג. און טאקע מיט דייטשע בוכשטאבען *). די איבערזעצונג איז

*) די רעגירונג האָט דאָס געטאָן אונטער דעם איינפלוס פון דער אידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט די אידישע שפראך באטראכט אלס א זשארגאָן, אלס א לשון פון אונוויסענהייט, און וועלכע האָט, פון איה־

געווען באזונדער, און דאָס רוב מלמדים פלעגען איהר אויסלאָ־זען. זיי האָבען נאָר געלאָזען בינדען דעם לשון־קודש'דיגען טעקסט מים'ן ביאור.

די בלעטער מים די דייטש האָבען זיך געוואלגערט אויף די בוידימער אָדער אין די קעלערען. סיי־ווי־סיי האָבען זיי דאָס נים געקענט לייענען. מיין טאטע האָט אזא פאק דייטשע בוי־גענס מיטגעבראכט פון פאָדברעזע וואו ער איז געווען א מלמד, און איך פלעג זיי זעהן ביי אונז אויפ'ן בוידעם, איבער'ן שענק. די זעלבע איבערזעצונג איז דערנאָך געדרוקט געוואָ־רען מים אידישע בוכשטאבען און צוזאמען מים דעם לשון קודש־דיגען טעקסט. דאָס האָבען אויך געברויכט נאָר „היינט־וועל־טיגע" מלמדים. און אזא תנ"ך האָט ביי זיך אין חדר געהאלטען חאצקעל. אָפט פלעגט ער אין מיטען לערנען זיך אָפּשטעלען, א קוק צו טאָן אין די דייטש. ער פלעגט פרופען אויסריידען די ווערטער ווי א דייטש, און מיר פלעגען דאָס איתם אזוי נאָכ־זאָגען.

דער הויף איז געווען זעהר א שמאָלער און א לאנגער. ביי זיין ווייטערען ברעג פלעגט א קאָטלער האמערען גרויסע קו־פערנע קעסלען — דער איינציגער קאָטלער וואס איך האב וועלן עס איז געזעהן אין רוסלאנד. ער האָט געארבייט צוזאמען מים א אינגערען בעל־מלאכה און די קופער־הילכענדע קלעפּ פון זייערע האמערס פלעגען מיר פויקען אין מח בשעת מיר זיינען געזעסען און געלערנט.

איך בין צו דעם צוגעוואוינט געווארען. דער טאקט פון די צוויי האמערס איז ביי מיר געוואָרען א מוזיקאלישע באגליי־טונג צו די דעקלאמאציאָנס־טענער, מיט וועלכע חאצקעל פלעגט מיט אונז לערנען „ישעיה". און אזוי איז דאָס אין מיין זכרון פארבליבען. ווען איך דערמאָן זיך אָן א געוויסען פסוק פון

זיוט, זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער „השכלה" באַוועגונג ביי די דייטשע אידען פון אַ פריהערדיגען דור. שפּעטער, ווען עס האָט זיך באַוויזען דער אידישער טעאַטער אין רוסלאַנד, האָט די רעגירונג אַ לאַנגע צייט שפּילען אויף אידיש נים ערלויבט, סיידען מען האָט די אידיש כלומר'שט פאַרוואַנדעלט אין דייטש.

ישעיה, קומט ער מיר עד היום פאָר צוזאַמען מיט דעם קופּער־נעם אָפּהילך פון דעם האַמער־דועט.

ביי חאַצקלען האָב איך אָנגעהויבען צו לערנען גמרא. מיר האָבען געלערענט שור שנגח את הפרה, בבא קמא, און אין תנ"ך האָבען מיר געלערנט „ישעיה".

ווען אימיצער פון זיינע באַקאַנטע פלעגט באַזוכען דעם חדר, און ער פלעגט ריידען וועגען זיינע תלמידים, פלעגט ער ווינקען אויף די, וואָס האָבען „גוטע קעפּ". איך בין געווען איינער פון זיי. דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטערט מיר צו שטורכען אין זייט און צו שרייען: „ווייטער, טריפה'נער ביין!" ווען ער פלעגט דאָס זאָגען, פלעגט ער קריצען מיט די ציינער און מאַכע א מינע פון א גזלן. אַזוי פלעגט ער ריידען צו אַלע אינגלעך, צו די בעסטע, אַזוי גוט ווי צו די ערגסטע; צי מיט אַן אורזאַכע, צי סתם אַזוי.

דער אינגסטער תלמיד אין חדר, און דער קלענסטער אין וואוקס, איז געווען א אינגעלע מיט'ן נאָמען הירשקע (זיין פאַמיליע איז געווען ביעליקאָוו). ער האָט געהאַט זעלטענע פעהיגקייטען. אָבער אַנשטאָט איהם צו באַוואונדערען פלעגט חאַצקעל איהם גראָד שלאָגען מעהר ווי אַלע אַנדערע תלמידים. „נגישות וועל איך דיר אָנטאָן!" — פלעגט ער איהם סטראַשען, און ער פלעגט דאָס טאַקע מקיים זיין אויך. א מין „סאַדיסטישע" ליידענשאַפט האָט ער געהאַט דיזען קליינינקען, דאַרינקען אינגעלע צו מוטשען. און וואָס גיכער ער האָט פאַרשטאַנען די גמרא, און וואָס בעסער ער האָט איהר געדענקט און געוואוסט, אַלץ מעהר פלעגט ער זיך צו איהם טשעפּען. ער פלעגט איהם קנייפּען, דרעהען דעם אויער, רייסען די האָר. און הירשקע פלעגט זעלטען־ווען אַרויסלאָזען א געשריי, און דאָס פלעגט דעם רבי'ן נאָך מעהר צורייצען.

הירשקע'ס עלטערען האָבען געוואוינט עטליכע טריט פון אונז. זיין מוטער האָט געהאַלטען א בשמים קראָם ביי דעם אָנהויב פון גרויס־סטעפּאַן גאַס. כמעט אַנטקעגען אונזער שענק איז דאָס אויסגעקומען — אויף יענער זייט פון דעם „מערקעל". זייער וואוינונג איז געווען הינטער'ן קראָם. איך פלעג

אריינקומען צו זיי. איין מאָל האָט זיין פאָטער, לייזער, אָנגע־הויבן מיר צו פרעגען וועגען אונזער חדר, און צי שלאָגט חאצ־קעל די קינדער. אָבער פון חדר האָבען מיר ניט אויסגעזאָגט, ניט הירשקע, ניט איך. גליקע, הירשקע׳ס מוטער, איז אריינגעקו־מען און מיר גענומען אויפ׳ן קרייץ־פאַרהער. זי האָט גאָר ניט אויסגעפיהרט. זי איז אָבער דערגאַנגען דעם אמת דורך אַנ־דערע קוועלען. דאַן איז זי אריינגעקומען צו אונז און זיך באַקלאָגט פאַר מיין פאָטער, אַז חאצקעל ממית׳ט די קינדער, און זי האָט געפאָדערט אַז מיין טאַטע זאָל זיך אריינמישען. מיט וואָס דאָס האָט זיך געענדיגט, געדענק איך ניט. צונעמען אַ אינגעל פון אַ מערדערליכען מלמד איז ניט געווען אַזאַ גרינגע געשיכטע ווי מיינע לעזער קענען מיינען. אַ חדר, מיט דעם קאָנטשיק מיט אַלעמען, איז געווען הייליג. פּונקט ווי די אינגלעך האָבען ניט געסמייעט אויסצוזאַגען פון חדר, אַזוי האָבען על־טערען דאָס רוב ניט געסמייעט צו שטערען אַ מלמד ערפילען זיין פליכט אַלס ערציהער. און ווי אַזוי קען מען אַזאַ פליכט ערפילען אָהן שמיץ, קניפּ, אָדער בוכצעס? ווען עלטערען האָבען געפאָדערט ביי אַ רבי׳ן אַז ער זאָל דעם אינגעל ניט אָנ־רירען, האָט דאָס געהייסען אַז זיי „פּאַרציהען" דעם אינגעל; אַז זיי „צולאָזען" איהם; אַז ער וועט אויסוואַקסען אַ גאַרנישט. און אָנציִענען אַ גרענעץ צווישען „אַנשטענדיגע" שמיץ און די רציחות פון אַ „קאַט" איז ניט געווען לייכט.

דעם צימער אויף סאַווימשער גאַס, וואו חאצקעל האָט געהאַלטען זיין חדר, האָט ער געדונגען ביי אַ פאַמיליע. זיין איינענע דירה איז געווען אַנדערשוואו. אין דער פריה פלעגט ער מיטברענגען צוויי „שוואַרצע קוכעלעך" אויף איבערבייסען, און ער פלעגט זיי עסען אין אונזער געגענוואַרט. איך פלעג נאָכקוקען ווי ער עסט זיי, און מיר פלעגט זיך דוכטען, אַז מעהר פון אַלץ האָט ער הנאה פון די מעהל, מיט וועלכע די דונקעלע, ווייכע קוכעלעך זיינען באַשאָטען. קיין פּוטער צו די קוכעלעך האָט ער ניט געהאַט.

אָנבייסען פלעגט איהם ברענגען זיין ווייב — אַ יונגע, אַ שוואַרצליכע פרוי, אַ מלמד׳ס אַ טאָכטער. איהר ברודער,

בערקע, א שעהנער, שוואַרץ־חנ׳עווידיגער איינגעל, מיט א פיינע שטימעלע, איז געווען איינער פון די תלמידים אין חאצקעל׳ס חדר. דאָ האָט אויך געלערנט לייזער הענעך׳ס א איינגעל און אַן אייניקעל — משה׳קע און יאַנקעלע. פון די אַנדערע געדענק איך שעפטקע מיצקון, א איינגעל, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין פּאָדברעזע, אַזוי ווי איך, און מיט איין טאָג פריהער פאר מיר. מיין פאָטער פלעגט מיר אָפט זאָגען, אז שעפטקע איז מיין „בן־גיל" — אז מיר זיינען געבאָרען געוואָרען אין דערזעלבער צייט.

געווען ביי אונז א איינגעל, וואָס פלעגט כמעט אַלע טאָג פארשפּעטיגען, און יעדעס מאָל אַריינשפּרינגען אין חדר מיט די ווערטער: „עס איז ערשט האַלב צעהן! זאָל איך אַזוי געזונט זיין!" זיין פאָטער האָט זיך גערעכענט פאר דעם גרעסטען סופר אין דער וועלט. ער האָט געהאַט נאָר איין קונה, משה מאָנטעפיאָר׳ן. דער באַריהמטער ענגלישער איד פלעגט ביי איהם באַשטעלען ספר־תורה׳ס, וועלכע ער פלעגט דערנאָך אַוועקשענקען צו פאַרשידענע קהלות.

איך געדענק אויך דעם וואַסער־טרעגער, וועלכער פלעגט אַלע טאָג ברענגען א „פּאָר" וואַסער אין חדר. ער האָט געהאַט משונה׳דיג גרויסע נאָז־לעכער, און ער פלעגט ווייזען א קונץ: זיי נאָך מעהר פאַנאַנדערשפּרייטען; און דערביי מאַכען א אידיאָטסקען פּנים. מיט דעם פלעגט ער אונז אַמוזירען, און מיר פלעגען פּרוּווען איהם נאָכמאַכען.

אָפּגעזעהן פון דער פראַגע, אויב עס האָט א זין מיט אַן אַכט־יאָהריגען איינגעלע צו לערנען „שור שנגח את הפרה" — א גימנאַסטיק פאַר׳ן מח איז דאָס געווען; און איך געדענק ווי אַזוי מיין יונגער מאָרך האָט אין חאצקעל׳ס חדר אָנגע־הויבען זיך פאַנאַנדערצוּוויקלען.

איינמאָל, א פרייטאָג, זיינען מיר געקומען אין חדר און דעם רבי׳ן ניט געפונען. מיר האָבען געוואַרט און געוואַרט; ניטאָ קיין רבי. ער האָט זיך באַוויזען ערשט נאָכמיטאָג. ווי איך האָב דערנאָך געהערט, האָט ער די נאַכט פאַרבראַכט

אין א „קארטעווניע“, און די פאליציי האט אויף דעם פלאץ געמאכט אן אבלאווע און אלעמען אוועקגעפיהרט אין אוטשאסטאק (סט׳ישאן).

— אזא מאכער איז ער! — האט מיין טאטע געזאגט וועגען איהם.

מען האט אויך געזאגט, אז ער מאכט צו־אפט א שנאפס. פונדעסטוועגען האט מען מיר פון איהם ניט אפגענומען. ער איז געווען א גוטער מלמד. ער איז געווען א פעהיגער מענש, מיט גייסטיגע אינטערעסען און ליידענשאפטען, פאר וועלכע זיין מלמדישע וועלטעלע איז געווען א טורמע. האט ער געזוכט זיך צו פארגעסען אין קארטען און אין בראנפען. איך האב ביי חאצקלען אפגעלערנט דריי זמנים, און דאן האב איך אויפגעהערט צו געהן צו איהם, בלויז ווייל דער טאטע האט באשלאסען אז איך דארף שוין האבען א העכערען גמרא מלמד.

איינמאל, אין א זומער׳דיגען נאכמיטאג, האט חאצקעל דעם גאנצען חדר גענומען אין דער גרויסער שוהל. דארטען זיינען זיך צוזאמענגעקומען כמעט אלע מלמדים פון שטאדט, יעדער מיט זיינע תלמידים.

עס איז ניט געווען קיין רעגען. די תבואה אויף די פעלדער איז געווען אין געפאהר פארטריקענט צו ווערען. איז באשלאסען געווארען אז אלע אינגלעך זאלען געהן זאגען תהלים. דער געבעט פון קינדער איז ביי גאט מעהר אנגענומען.

איך געדענק די סצענע: די מאסע אינגלעך, ווי זיי זיינען געשטאנען גרופען־ווייז, די מלמדים, דעם קלינגענדען תהלים־כאר פון יונגינקע שטימעלעך, די ש׳ין וואס איז אריינגעקומען דורך די געפארבטע פענסטער, די פרומע התלהבות, מיט וועלכע איך האב אויסגעזונגען די ווערטער צו גאט. ווען מיר זיינען שוין געגאנגען צוריק איבער די גרויסע, ברייטע טרעפ פון דער שוהל, האבען עטליכע אינגלעך אנגעהויבען צו זינגען: „גאט, גאט, גיב א רעגען פון אלע קליינע קינדער׳ס וועגען!“ מען האט זיי אבער גלייך אפגעשטעלט. א תפלה

געזונגען אויף אידיש איז ניט קיין תפלה, נאָר א שטיפעריי, חייסט עס.

ווען איך דערמאָן זיך אָן דיזער סצענע אין דער גרויסער שוהל, דערמאָן איך זיך אויך אָן א געוויסער סצענע ביי אונז אין שטוב, ווינטער, אין א פרייטאָג־צו־נאַכט. מיר זיצען ביים טיש ווי געוועהנליך, אָבער אָהן די געוועהנליכע פרייטאָג־צו־נאַכטיגע מאכלים. קיין פיש, קיין לאָקשען, קיין פליייש, קיין צימעס! חלה מיט געבראָטענע הערינג — דאָס איז אַלע וואָס די מאַמע האָט אוועקגעשטעלט.

מיר זיינען אָבער ניט געווען די איינציגע וואָס האָבען יענעם פרייטאָג־צו־נאַכט געהאַט אזא וועטשערע. אין אַלע אידישע הייזער איז אזוי געווען! אין די רייכסטע אזוי ווי אין די אָרימסטע. און אויף מאָרגען אויך אזוי: אַנשטאָט טשאָלענט מיט קוגעל — חלה מיט הערינג.

קהל איז געווען געענגט אין געלט, ניט געהאַט מיט וואָס צו צושטעלען סאָלדאַטען צום „נאַבאָר". אלזא, האָבען די מורה־הוראה'ס*) ארויסגעלאָזען אָן אויפפאָדערונג, אז יענע וואָך זאָל קיינער ניט „מאַכען קיין שבת". און דאָס וואָס עס באַטרעפט געוועהנליך דער שבת ביי דער פאַמיליע, זאָל אָפּגעגעבען ווערען צו קהל. און טאָמער וויל איינער זאָגען: „איך קען אי באַצאָהלען דעם פרייז, אי מאַכען שבת", זאָל דאָס איהם ניט ערלויבט ווערען. ער טאָר ניט מבייש זיין דעם אָרימען וואָס קען אויף צוויי שבתים אין איין וואָך זיך ניט לאָזען קאָסטען.

ווי ווייט איך האָב געהערט, איז די תקנה ערפילט געוואָרען שטרענג.

יענעם פרייטאָג־צו־נאַכט ביים טיש האָט מיין פאָטער מיט באַגייסטערונג מיר ערקלעהרט ווי שעהן דאָס איז אז אַלע זיינען זיך מקריב פאַר א קהל'ישע זאַך, און אַלע גלייך: דער רייכער זאָל ניט זיין מעהר יחסן ווי דער אָרימאַן. איך געדענק נאַטירליך ניט די ווערטער וואָס ער האָט געברויכט.

*) אין ווילנא זיינען ניטאָ קיין רבנים, נאָר מורה הוראה'ס.

דער זין אָבער איז געווען ווי איך גיב איהם דאָ איבער. אין שפּעטערע יאָהרען, ווען איך בין שוין געווען אַ סאָ־ציאַליסט, פלעג איך זיך דאָס דערמאָנען מיט אַ ספּעציעלען אינטערעס, הגם מיין פאָטער איז געווען אַזוי ווייט פון סאָ־ציאַליסטישע געדאַנקען ווי פון אַלגעבראַ.

פּאַרוואָס געהט יענער הערינג־שבת אין מיין זכרון אימער צוזאַמען מיט דעם קינדערשען תהלים־כאָר אין דער גרויסער שוהל? איך גלויב, אַז זייער געזעלשאַפטליכער אינהאַלט בינדט זיי צונויף.

איינער פון די טשיקאַווע און קרעפּטיגע פיגורען אין דער געשיכטע פון ווילנא איז אַן אויפגעקומענער גביר מיט'ן נאָמען משה אַפּאַטאָוו. ער איז געשטאָרבען בשעת איך האָב געלערענט ביי חאַצקעל'ען, און איך האָב געזעהען זיין לויה. דיזער אַפּאַטאָוו, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ פּראָסטער משרת, האָט זיך דערנאָך ארויפגעארבייט אויף דער לאַגע פון אַ מעכטיגען פּאָדריאַדטשיק. אין אַמעריקאַ איז אַזאַ פּאַרוואַנדלונג אַן אַלטעגליכע ערשיינונג. אין רוסלאַנד אָבער איז דאָס געווען אַ סענסאַציאָנעלע זעלטענהייט. משה אַפּאַטאָוו איז אָבער פון דער נאַטור ניט געווען קיין דריי־פאַר־א־גראָשענדיגער אידעל; ער איז געווען אַן אונגעוועהנליכע פּערזענליכקייט, און ער האָט געהאַט אַן אייגענאַרטיגען הומאָר, וועלכער פלעגט זיך ביי איהם אָפּט ארויסווייזען אין פּיקאַנטע, גראָב־יונגישע פאָרמען. איינינגע פון זיינע מעשים האָבען אַ שם. עס זיינען וועגען איהם איבערגעבליבען פילע אַנעקדאָטען און ניט ווענינג לע־גענדען. איך פלעג דיזע אַנעקדאָטען הערען ווען ער האָט נאָך געלעבט, און איך געדענק ווי מען פלעגט זאָגען, אַז די שטאָדט ציטערט פאַר איהם.

זיין לויה איז פאָרגעקומען אין אַ שלאַגס־רעגען. און איך האָב איהר בעאָבאַכטעט פון מיין מוהמע'ס פענסטער, אויפ'ן ראָג פון גלעזער־גאַס און „פּלאַץ“. איך געדענק דעם רעגען־מבול, אַ וואַלד פון פאַנאַנדערגעעפענטע רעגען־שירמס, און דעם שווארצען „קאַסטען“.

.11

וואָס אַ קינד הערט אונטער.

איך האָב זיך שטענדיג ארומגעדרעהט צווישען ערוואַקסענע מענשען. ארום מיר האָט מען גע'שמועס'ט וועגען אַלץ אין דער וועלט — ניט זעלטען וועגען זאַכען, וועגען וועלכע אין דער אנוועזענהייט פון אַ אינגעלע רעדט מען געוועהנליך ניט.

איינער פון די קאָוונער באַנדארעס, פון די וואָס האָבען געקענט אביסעל לערנען, האָט מיט מיין טאַטען אַמאָל גע־שמועסט וועגען אינטימע פּאַרהעלטניסען אין דעם פאַמיליען־לעבען. איך האָב דאַן געמוזט אַלט זיין צווישען אַכט און ניין יאָהר, ניט מעהר. זייער געשפּרעך איז פאָרגעקומען ביי דעם טיש, וואָס איז געשטאַנען לעבען דעם שלאָף־באַנק, און איך בין געזעסען, אָדער געשטאַנען דערביי. איך האָב זיך צוגעהערט צו זייער יעדען וואָרט. זיי האָבען מיר ניט אַוועק־געטריבען. מסתמא האָבען זיי געמיינט אַז איך פאַרשטעה סיי־ווי־סיי ניט וואָס זיי זאָגען. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען מעהר ווי זיי האָבען געמיינט. אַלץ האָב איך נאָך דאַן טאַקע ניט געוואוסט; איך האָב אָבער שוין געוואוסט, אַז צווישען אַ פאַרהייראַטע פּאָר־פאָלק קומען פאָר זאַכען, וואָס ניט־פאַרהייראַטע טאָרען ניט, און זיי מעגען, אָבער אויך אַז קיינער זאָל ניט זעהן. איך האָב אויך געוואוסט אַז עס זיינען פאַראַן צייטען, ווען אַ מאַן טאָר ניט אָנרירען זיין ווייב, אפילו אַ לעפעל פון איהר האַנט ניט צונעמען. איך האָב געוואוסט, אַז וועגען אַזעלכע זאַכען רעדט מען ניט אין דער הויך און ניט פאַר אַלעמען; אַז אין בעסטען פאַל איז דאָס אַ געהיימער געשפּרעך. און דאָס איז געווען די הויפּט אורזאַכע פאַרוואָס מיר האָט דאָס אינטערעסירט.

דער שמועס איז געווען אַן ערנסטער. דער באַנדער האָט וועגען די אינטימע זאַכען דערצעהלט פאַר מיין טאַטען אַזוי ווי מען דערצעהלט פאַר אַ דאָקטאָר. איך האָב צום ערשטען מאָל זיך אָנגעהערט אַזעלכע איינצעלהייטען. אָבער דאָך ניט אַלץ.

א צווייטען מאָל בין איך געשטאַנען ביי אַן עהנליכען געשפרעך, אויך ביי יענעם טיש, צווישען דעם פעטער שניאור און מיין טאַטען. אָבער דער פעטער שניאור איז געווען גאָר אַנאַנדער חברה־מאַן. ער האָט מיר גלייך אָוועקגעטריבען, און דערביי האָט ער ערקלעהרט פאַרוואָס איך טאָר זיך ניט צוהערען, און האָט אָנגערופען דעם ענין אויף אַזאַ אופן, אַז מיין טאַטע האָט זיך פאַרשעמט, און איך בין אַנטלאָפען ווי פון אַ פייער. ווי קליין איך בין געווען, האָב איך פונדערסטוועגען שוין פאַר־שטאַנען, אַז דער פעטער שניאור האָט אַ טריפה'נע הנאה פון דעם מיאוס'ן וואָרט גופא; אַז דעריבער זאָגט ער דאָס אַזוי און ניט אויף אַן אַנשטענדיגערען שטייגער.

דער שעהנער, געזונטער גענזלער, דער פּראָסטאַק, וואָס האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ פּראָסטאַק, האָט אַמאָל גערעדט מיט מיין טאַטען וועגען די צייטען ווער ער ווייכט פון זיין פרוי, לויט דעם אידישען דין. דער טאַטע איז געזעסען ביים טיש־קעסטעל, הינטער'ן שעמער, דער גענזלער איז געשטאַנען לעבען איהם, און איך צווישען זיי ביידען.

— איך האָב איהר דערנסמאָל פיינט ווי אַ חזיר — האָט ער געזאָגט — איך קען אויף איהר ניט קוקען.

מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, ווען מיר האָבען אין שבת זשירמונסקי'ס הויף שוין ניט געוואוינט, האָב איך דעם גענזלער אַמאָל באַגעגענט אויפ'ן גאַס. איך האָב זיך דערמאָנט אָן יענע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט וועגען זיינע געפיהלען צו זיין פרוי אין אַ געוויסער צייט. איך האָב זיך געטראַכט: ער האָט געוואָלט ווייזען דעם טאַטען, אַז ער איז אַן עהרליכער איד און היט אָפּ די דינים. ער האָט אָבער נאָר באַוויזען, אַז אין די באַטרעפענדע טעג ווייכט ער פון זיין פרוי, ניט ווייל ער איז אַן עהרליכער איד, נאָר ווייל דאַן איז זי איהם פשוט עקעלהאַפט.

מיין חבר אייזקע'ס שוועסטער האָט חתונה געהאַט. דאַן האָט אייזקע פאַר מיר געמאַכט אַ שטיפערישע באַמערקונג — אַ גראָם אַזעלכען — וועלכע האָט מיר ערקלעהרט דאָס וואָס איך האָב נאָך אַליין ניט געוואוסט. דער גראָם האָט געהאַט אַ

זעהר אונאנשטענדיגע באדייטונג. אייזקע האָט איהם אָבער אויסגערעדט אויף זיין געוועהנליכען ניט־בויאנסקען שטייגער. פון דער פּראזע איז מיר גלייך אַלץ קלאָהר געוואָרען. און מיין אינטערעס איז דאָ אויך נאָר באשטאנען אין נייגעריגקייט צו וויסען וואָס מען טאָר ניט וויסען. קיין אנדער געפיהל איז דערביי ניט געוועזען. און איך גלויב גאָרניט, אז איך האָב גע־וואוסט אז ביי די ערוואקסענע מענשען איז פאראן אנאנדער געפיהל. איך האָב ניט געוואוסט און איך האָב קיין קשיות ניט געפרעגט.

איינמאָל, אין א נאכמיטאג, א געוויסע צייט שפּעטער, בין איך געזעסען ביי דעם פּאָדגראבע אין שטוב (וואָס איך האָב דאָרטען געטאָן געדענק איך ניט). אחוץ מיר איז געוועזען דעם פּאָדגראבע'ס זוהן און דער בחור פון דעם רייכען גאניק; ווייטער קיינער ניט. דער רייכער בחור איז שוין דאן געוועזען א חתן, און די חתונה האָט געדאַרפט פאָרקומען אין עטליכע טעג ארום. ריידענדיג וועגען דער קומענדער פאסירונג, האָט דעם פּאָדגראבע'ס זוהן זיך אויסגעדריקט מיט א גראָבּ־יונגישען וויץ, כלומרשט אויף א „וואוילע־יונגערישען" שטייגער — ווי ער פלעגט אָפט ליב האָבען צו ריידען. דער רייכער חתן האָט דאָס אָנגענומען אָהן באַליידיגונג, אָבער אָהן א שמייכעל אויך. מיר האָט פון דעם וויץ געעקעלט.

אין זשירמונסקי'ס הויף זיינען געוועזען צוויי אסתר'קעס. זיי זיינען געוועזען פון דעם זעלבען עלטער, ביידע מיט א פּאָר יאָהר עלטער פון מיר. איינע איז געוועזען דעם פּאָדגראבע'ס טאָכטער, און די אנדערע — דעם בערשטעל־מאכער'ס. זיי זיינען ביידע געוועזען גוטע, איידעלע קינדער, און אין זיי, מעהר ווי אין די עלטערע מיידלעך, האָב איך געפיהלט די פּסיכאָלאָגישע איינענטימליכקייט, מיט וועלכער זיי אונטערשיידען זיך פון אינגלעך. איך האָב געפיהלט, אז אין זייערע קערפּערס, אזוי גוט ווי אין זייערע שטימען און מאניערען, האָבען זיי א צערטליכקייט, וועלכע מיר, „מאנסבילען", פארמאָגען ניט.

דריטער קאפיטעל.

פון ניין יאָהר ביז צוועלף.

.1

ירושלים דליטא.

יעדע שטאָדט האָט איהר באזונדערען כאראקטער. די גייסטיגע געשטאלט פון ווילנא האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען מיט א ספעציעלער דייטליכקייט; און ווען מען רופט איהר „ירושלים דליטא“, מיינט מען נאטירליך איהר גייסטיגען לעבען.

לאָמיר צוערשט באמערקען, אז ווילנא איז געווען די הויפּט־שטאָדט פון זעקס גובערניעס: ווילנער, גראָדנער, קאָוונער, מינ־סקער, וויטעבסקער און מאָהילעווער. אלע דיזע גובערניעס אינ־איינעם האָבען צוזאמענגעשטעלט דעם ווילנער „אָקרוג“ (קרייז). דאָס איז געווען לויט דער אָפיציעלער פארטיילונג פון דער רוסי־שער אימפעריע. אין ווילנא האָט זיך געפונען ניט נאָר דער ווילנער גובערנאטאָר, נאָר אויך א גענעראל־גובערנאטאָר איבער'ן גאנצען קרייז, און א „פּאָפּעטשיטעל“ איבער אלע שוהלען פון דעם קרייז, צום ביישפּיל, און ביי אידען האָט ווילנא געשפּילט אַן עהנליכע ראָלע, אָבער איבער נאָך א גרעסערען שטח. זי איז געווען זייער גייסטיגער צענטער ניט נאָר פון די זעקס אָנגערופענע גובערניעס, נאָר פון נאָך עטליכע אויך — סמאָלענסקער, סואוואלקער, לאָמזשער. און אין געוויסע באציהונגען איז זי זאָגאר געווען אנערקענט אלס דער מיטעל־פּונקט פון גייסטיגע אידישע אינטערעסען פון דער גאנצער אימפּעריע.

שכל־אינטערעסען און נשמה־אינטערעסען האָבען אין ווילנא געשפּילט א גרויסע ראָלע ביי אלע קלאסען. א קינד

האָט זיי אַרום זיך אויף טריט און שריט געפּיהלט אין פאַר־שידענע פאָרמען.

נאָך אין די גאַנץ יונגע יאָהרען האָב איך געוואוסט, אַז דאָס איז די שטאָדט פון דעם ווילנער גאון, און אַז דעם ווילנער גאון האַלטען פרומע אידען פאַר איינעם פון די גרעסטע גאונים און פון די גרעסטע מענשען פון אַלע דורות. אפשר האָב איך דאָס געוואוסט דורך דעם וואָס מײַן זיידע פון מײַן מוטער'ס צד האָט געדאַווענט אין דעם גאון'ס קלויז — אין „חסיד'ס מנין". איך האָב אָבער וועגען דעם ענין געהערט פון יעדען רבי'ן וואָס איך האָב געהאַט, פון מײַן טאַטען און פון אַלע זײַנע באַקאַנטע, אפילו פון די גאַס־מענשען, וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען אין אונזער שענק. זייער שטאָדט איז דעם גאון'ס שטאָדט — אַזוי האָבען זיי אויף איהר געקוקט.

אין ווילנא האָט דאַן געבליהט די באַריהמטע ראַמײַלעס קלויז, מיט איהרע זעקס ישיבות אָדער קלאַסען, און נאָך עטליכע ישיבות אין פאַרשידענע טײַלען פון שטאָדט. דער שוהל־הויף איז געווען פול מיט קלויזען, און כמעט יעדער ווינקעלע פון שטאָדט האָט געהאַט זײַן באַזונדערע קלויז אָדער קלײַזעל, און אין יעדען פון זיי האָבען זיך אויפגעהאַלטען און געלערנט „פאַר זיך" בחורים, וואָס האָבען „געגעסען טעג" בײַ די אַרומיגע בעלי־בתים. לומדים האָט די שטאָדט געהאַט אָהן אַ צאָהל, און איינִיגע פון זיי זײַנען געווען באַריהמטהייטען. וועגען ר' צלאַל דעם מורה הוראה פלעג איך הערען, אַז ער איז אַ גרויסער בקי און חריף, איינער פון די גאָר גרויסע אויף דער וועלט. „טײַערע קעפּ", „וואוילע יונגעלײַט" האָבען זיך געלאָזט הערען פון אַלע טײַלען פון שטאָדט.

זעהן ווי צוויי אידען טשעפּען זיך צונויף ווי אינדיקעס איבער „אַ גמרא", אָדער ווי איינער זאָגט איבער אַ נײַע שטיקעל תורה, און זײַנע צוהערער קוועלען פון דעם אײַנפאַל, אָדער מאַכען איהם צו קליין־געלט, און דורך דעם פאַרציהט זיך אפשר אַ הייסע דעבאַטע — דאָס איז געווען אַ טייל פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען בײַ אונז. עס זײַנען געווען ספּעציעלע „ספּאָרטס", „דראַטשונגעס" („סקרעפּפּערס") תלמודישע, אידען

וואָס פלעגען נאָר זוכען א געלעגענהייט ארײנצושלעפען אימיצען אין א ויכוח, צו ווייזען יענעם אז זיין לומדות איז „א זאק פול מיט ווינט“. געווען אויך דעבאטאנטען פון צווייפעלהאפטער עהרליכקייט — אזעלכע וואָס זיינען געווען פעהיג צו פעלשען א גמרא אָדער זאָגאר אויסקלערען א גאנצע ציטאטע פון סאָפ. געווען אויך אנדערע טיפען. מען פלעגט זיך אזוי פיל אָנזעהן און אָנהערען וועגען אזעלכע זאכען, אז א ווילנער אינגעל איז מיט זיי געווען באקאנט ווי אן אמעריקאנער באָי מיט דער בייס־באָל וועלט.

ווילנא האָט דאן געהאט ניט מעהר ווי אכציג טויזענט איינוואוינער — אידען און קריסטען. זי איז געווען אן אָרימע שטאָדט. דאָך האָט זי אויפגעהאַלטען א גרויסע צאָהל „לערנער“, וועלכע זיינען צו איהר געקומען פון אנדערע שטעדט און שטעדטלעך. די אָרימסטע פרוי האָט געצאָהלט וואכער אויף א ישיבה, און די אָרימסטע פאמיליע האָט גענומען וויניגסטענס איין יונגען מאן אויף „א טאָג“. משפחות פון גאנץ קליינע מיטלען, ביי וועמען מען האָט „געגעסען א טאָג“ יעדען טאָג אין וואָך, זיינען געווען א גאנץ געוועהנליכע זאך.

אין דעם נעגענזייטיגען לאגער איז געשטאנען די ווילנער ראבינער שוהל, א קוואל פון היינטיגע בילדונג, פון רוסיש אין „גויאישקייט“ פאר די אידען פון ליטא און ווייס־רוסלאנד. דאָרטען האָט מען צוגעפערטיגט רוסישע לעהרער פאר קאזיאָנע אידישע שוהלען און „קאזיאָנע ראבינער“*).

אין מיטען, צווישען דער גמרא פון איין זייט, און היינטיגע קולטור אויף רוסיש, פון דער אנדערער זייט, איז געשטאנען די השכלה, מיט העברעאיש אלס שפראך פאר היינטיגער קולטור. אין שטאָדט האָט זיך געפונען א גרויסע צאָהל יונגעלייט און מענשען אין די מיטעלע יאָהרען, וואָס האָבען גוט געקענט

---

*) אין רוסלאנד זיינען געווען צוויי אזעלכע „ראבינער שוהלען“ — איינע אין ווילנא פאר אידישע שטעדט פון צפון רוסלאנד, און איינע אין זשיטאָמיר פאר זיד־רוסלאנד.

העברעאיש. ס׳איז געווען א היבשע צאָהל אזעלכע, וואָס האָבען פון צייט צו צייט „אריינגעשריבען" אין העברעאישע בלעטער, און עטליכע באריהמטע שריפטשטעלער העברעאישע. אז בעל־הבתישע יונגע לייט זאָלען נאָכ׳ן דאווענען שמועס׳ען וועגען דעם לעצטען נומער „המגיד", „המליץ", אָדער „השחר", אָדער דעקלאַמירען א העברעאישען שיר — דאָס איז אויך געווען איינע פון די געוועהנליכע זאַכען, וואָס איך פלעג זעהן ארום זיך.

איך האָב געוואוסט, אז ווילנא, די שטאָדט פון׳ם ווילנער גאון, איז אויך די שטאָדט פון „בערקע מיכאלישקער"*), דעם „גרויסען אפיקורס", וועלכען איך פלעג זעהן אויפ׳ן גאס. מיין טאַטע פלעגט איהם שילטען. איך האָב אָבער געוואוסט, אז ער האַלט איהם פאר א חכם, פאר א גרויסען מדקדק און פאר א גרויסען „בעל לשון"; און אז וואָס מעהר ער שילט איהם, אלץ מעהר סימן איז דאָס, אז ער אינטערעסירט זיך מיט איהם. דעם פאָלגענדען אנעקדאָט האָב איך פון מיין פאָטער געהערט, ווען איך בין געווען ווייניגער ווי נײַן יאָהר אַלט:

„א פרומער איד האָט באזוכט „בערל מיכאלישקער" און בײַ איהם געזעהען א מדרש אויפ׳ן טיש. דער מדרש איז געווען אײַנגעבונדען אין רויטע סאַפיאַן. דער פרומער איד האָט געפרעגט: „וואָס עפּעס אין רויטען?", און „בערקע" האָט געענטפערט: „עס איז געווען ווייס, מען האָט איהם אָבער געכאַפּט בײַ אזוי פיל ליגענס, אז ער איז רויט געוואָרען פאר שאנד".

קלמן שולמאַן פלעגט פאַרבײַגעהן אונזער שענק יעדען טאָג און איך האָב געוואוסט, אז ער איז „א גרויסער לשון־קודש׳דיגער מחבר", און אז זײַנע ספרים זײַנען „פון די היינטיגע". ער האָט געוואוינט אין שלמה קיסין׳ס הויף, אונגעפעהר א מינוט גאַנג פון אונז. און ווענינער ווי א מי־נוט גאַנג פון אונז, געהענדיג איבער קליין־סטעפאַן גאַס, האָט געוואוינט אײַזיק מאיר דיק; און אין דעמזעלבען הויף — משה

*) אדם הכהן לעווענזאָן.

רייכערסאָן, דער העברעאישער איבערזעצער פון קרילאָוו׳ס פאבלען און פּראָפעסער פון א דקדוק. זיין עלטערער איניגעל, הירשקע, פלעגט פארבייגעהן אונזער שענק, און איך האָב געוואוסט, אז זיין טאטע האט אויפגעשריבען א דקדוק, אָדער א פירוש אויף א דקדוק, אז ער גיט שטונדען אויף העברעאיש און אז ער איז א גרויסער אָרימאן.

„בערל מיכאלישקער“ פלעג איך זעהן אויף טייטשע גאס, ניט ווייט פון זיין וואוינונג, וועלכע איז געווען ניט ווייט פון מיין זיידען׳ס וואוינונג. איך פלעג קוקען אויף זיין הויכע פיגור מיט זיין גרויע באָרד, מיט דעם גרינעם קאָזיראָק איבער די אויגען, מיט זיין באריהמטען שטעקען אין האנט *).

שמואל יאָסעל פין איז נאָך דאן געווען אין די קרעפטיגע מיטעלע יאָהרען, און איך האָב געוואוסט, אז ער האָט א דרוק (וואָרים איינינע ספרים האָבען געטראָגען זיין נאָמען אויפ׳ן פּאָדער־בלאט). אויך האָב איך געוואוסט — פון מיין פאָטער — אז ער גיט ארויס א העברעאישען זשורנאל מיט׳ן נאָמען „הכרמל“ און אז ער איז איינער פון די לעהרער אין דער ראבינער שוהל.

איך האָב געוואוסט, אז די צוויי הויפען, וואו עס געפינט זיך די „גענזלאָרניע“, געהערען צו משה ראָזענסאָן, א משוגענער אפּיקורס, וועלכער שרייבט „מיסיאָנערסקע“ ביכלעך אויף לשון קודש. דאָס אלץ פלעג איך אָפט הערען פון מיין טאטען, וועלכער האָט ליב געהאט צו ריידען וועגען אפּיקורסים און זיי צו שימפּפען; הויכטזעכליך וועגען אפּיקורסים, וואָס האָבען געשריבען אויף העברעאיש.

אליקום צונזער האָט נאָך דאן געוואוינט אין ווילנא. זיינע לידער זיינען געווען אונגעהויער פּאָפּולער. מען האָט זיי געזונגען כמעט אין יעדער הויז, אין יעדען „וואָרשטאט“, אויף יעדער חתונה. דעם טיטול „פּאָעט“ האָט מען איהם נאָך דאן ניט געגעבען, איינפאך ווייל דער עולם האָט אזא וואָרט נאָך אין

*) דאָס איז דער שטעקען וועגען וועלכען ער האָט אמאָל געזאָגט, אז ער טראָגט איהם, ווייל ער האָט מורא פאר גאָט.

זיין לשון ניט געהאט. וואָס אנבעטרעפט דער אידישער אינ־טעליגענץ, איז זי געווען צו „אַסימילאַטאָריש“ און צו „סנאָביש“ צו אנערקענען אז אויף אידיש קען מען שרייבען פּאָעזיע. און דאָך האָבען געבילדעטע אידען זיך געהאלטען גרויס מיט צונזער׳ן, און דער עולם האָט דאָס געוואוסט.

אויף אן אונדייטליכען, אלגעמיינעם שטייגער, האָבען מיר, חדר־אינגלעך, דאָס אויך פארשטאנען. מיר האָבען געפיהלט, אז הגם „אליקום׳קע׳ס“ לידער זיינען אויף אידיש, האלט מען זיי אָבער העכער ווי די אנדערע זאכען, וואָס מען שרייבט אויף אידיש.

און אפילו צו אייזיק מאיר דיק׳ס אידישע מעשות, פון וועלכע אזעלכע אידען ווי מיין פאָטער, פלעגען ריידען מיט פאראכטונג — אפילו צו זיי האָט מען אויך געהאט א ניט־אויסגעשפּראָכענעם רעספּעקט.

אויף „זשארגאָנישע“ מעשות איז אויך ווילנא געווען דער צענטער. זיי האָבען זיך געדרוקט ביי די ראָמם און אין די פּאָר אנדערע אידישע דרוקען, וואָס ווילנא האָט פארמאָגט. אזעלכע מעשות פלעגען לייענען בעל־מלאכה־יונגען און ווייבער. פאר א גמרא־אינגעל האָט ניט געפּאסט זיי צו לעזען, און דאָך זיינען געווען ישיבה־בחורים, וואָס האָבען געשלונגען אזעלכע מעשות.

ראָם׳ס גרויסער דרוק איז דאן געווען אויף דער העכסטער שטופע פון זיין ערפאָלג. ארום יענער צייט האָט ער ארויס־געגעבען דעם באריהמטען ווילנער ש״ס, און צעהנדליגע ספרים און ספרים׳לעך, פרומע און היינטיגע.

דוואָרזשעץ׳ס דרוק און פין׳ס זיינען געווען א סך קלענער ווי ראָם׳ס, אָבער דאָרטען האָט מען אויך געדרוקט ספרים און ביכלעך, און אויסער זיי זיינען געווען נאָך א פּאָר אידישע דרוקערייען.

אנטאָקאָלסקי, א ווילנער, האָט שוין געהאט א שם אין דער וועלט אלס סקולפּטאָר, און מען האָט דערצעהלט „ווי גרויס ער איז ביי דעם קיסר“. און אנטאָקאָלסקי׳ס פאָטער האָט

נעהאַלטען אַ שענק לעבען מיין זיידע'ס וואוינונג, און זיינער אַ פעטער האָט געהאַלטען אַ שענק ניט ווייט פון אונז.

.2

מיין פאָטער.

איך קען דעם לעזער ניט געבען קיין באַגריף וועגען מיין ערציהונג אין די קינדער־יאָהרען, איידער איך וועל איהם באַקאַנט מאַכען מיט דעם כאַראַקטער פון מיין פאָטער, אַזוי ווייט ווי איך האָב איהם געקענט פאַרשטעהן. יעדער פאָטער האָט איינפלוס — מעהר אָדער וועניגער, דירעקט אָדער אינדירעקט — אויף די ערציהונג פון זיין קינד; און ביז מיין פערצעהנטען אָדער פופצעהנטען יאָהר איז מיין פאָטער'ס איינפלוס אויף מיין גייסטיגער אנטוויקלונג געווען זעהר גרויס. איך קען זאָגען, אז פון זיין כאַראַקטער איז, טיילווייז ווייניגסטענס, געווען אָפּהענגיג די ריכטונג פון מיין ווייטערדיגען גייסטיגען לעבען.

צוערשט אַ פּאָר שורות וועגען זיין אויסזעהן אין יענע יאָהרען.

ער איז געווען אַ הויכער, ניט קיין דיקער. האָר האָט ער געהאַט שווארצע און אַ פּנים אַ טיף־אידישען, מיט טונקעלע, אומעטיגע, איינגעגראָבענע אויגען, מיט אַ לאַנגען, סטאַרטשענדיגען, ביינערדיגען נאָז, מיט אַ שווארצע, ניט זעהר לאַנגע, צוויי־שפּיציגע באָרד. ער איז געווען דאַר אָבער שטאַרק געבויט, און ער האָט געהאַט לוסט צו פיזישע איבונגען. אויף געהן איז ער געווען אַ גרויסער בעלן. ער האָט ליב געהאַט זיך אוועקצולאָזען שפּאַצירען ווייט הינטער'ן שטאָדט, און אמאָל פלעגט ער אַזוי אוועקשפּאַצירען אַזש קיין פּאָברעזע. זיינע ברידער זיינען אויך אַזוי געווען.

אַזוי ווי זיין פאָטער איז געווען אַ רב, איז זעלבסט־פאַרשטענדליך, אז ער איז געווען אַ גמרא־אינגעל, און שפּעטער אַ ישיבה־בחור. דערנאָך האָט ער געלערנט „פאַר זיך", אין דער פרעמד, און „געגעסען טעג".

ווען איך האָב מיין פאָטער באַטראַכט אין די שפּעטערע

שכנא קאַהאַן (מיין פֿאָטער). — פֿאָטאָגראַפֿירט אין 1896.

יאָהרען (איידער איך בין אוועקגעפאָהרען פון רוסלאנד), האָב איך פארשטאנען, אז אין איהם האָבען געווירקט צוויי געגענ־געזעצטע שטרעבונגען צו דערזעלבער צייט. ער איז געווען אמת פרום, ליידענשאפטליך פרום — פרום אויף דעם גאנץ אלטמאָדישען, פארצייטיגען שטייגער. און ער האָט ניט געהאט קיין מאָדערנע בילדונג, וועלכע זאָל זיינע אָרטאָדאָקסישע אבערגלויבענס באגרענצען, אָדער ארומפאָלירען, וויינינגסטענס. און דאָך האָט ער געהאט אן אונגעהויערע דורשט נאָך בילדונג, נאָך אלעם פאָרטשריטליכעס.

צווישען די צוויי ריכטונגען איז אין זיין הארצען פאָרגע־קומען א צוזאמענשטויס. ער האָט געזעהען דעם ווידערשפרוך; ער האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפען. ווען ער וואָלט געהאט א נאָהענטען פריינד פון די משכילים פון יענעם דור, א דענקער, וואָס זאָל צו דערזעלבער צייט זיין א למדן, וואָלט ער געווים איהם פיל געהאָלפען. און איך קען זיך פאָרשטעלען, אז מיט אזא הילף וואָלט מיין פאָטער געוואָרען א פריידענקער. ער האָט אָבער אזעלכע פריינד ניט געהאט. די מענשען, וואָס זיינען געשטאנען אם נאָהענטסטען צו איהם, זיינען געווען לומדים פון דעם אלטען שניט, און א פאָר פון זיי זיינען געווען מענשען מיט אייזערנע כאראקטערען, און ער האָט צו זיי געפיהלט דעם טיפסטען רעספעקט.

איינער פון זיי איז געווען זיין פעטער עזריאל — עזריאל וואָלק — זיין פאָטער'ס א אינגערער ברודער. דער פעטער עזריאל האָט געוואוינט אין ווילקאָמיר, וואו ער האָט געהאלטען די שטאָדטישע געוויכט. ער איז געווען א למדן און א איב־טערעסאנטע פערזענליכקייט. ער איז אויך געווען א באַ'יסטער־טער פרומאק. ער האָט בוכשטעבליך געברענט מיט רעליגיעזען פאנאטיזם.

אָט איז א ביישפיל פון זיין כאראקטער. זיינער א אינגעל האָט אין חדר ניט געלערנט מיט געגוג חשק. הייסט ער איהם רופען דעם שוסטער. דער אינגעל ברענגט דעם שוסטער, מיי־נענדיג אז מען וויל איהם מאכען א פאָר נייע שטיוועלעך.

— נעמט איהם צו צו זיך אויף פינף יאָהר און מאכט

איהם פאר א גוטען שוסטער — זאגט דער פעטער עזריאל.

דער אינגעל וויינט. דער שוסטער לאכט. דער פעטער עזריאל צובייזערט זיך, טאראפעטשעט מיט'ן פוס. עס הייסט, אז ער מיינט עס גאנץ ערנסט. דער שוסטער האט קיין ברירה ניט, ער רעדט ווענען באדינגונגען, און דער אינגעל, מיט געוויין און מיט געשריי, מוז נעבעך מיט איהם מיטגעהן. ער קומט צולויפען צוריק, ער פאלט דעם טאטען צו די פיס, ער שווערט אז ער וועט לערנען מיט התמדה. ערשט ראן, כלומרשט ניט־ווילענדיג, ווערט דער פאטער מרוצה און שטעלט איהם „צו דער פראבע".

דער פעטער עזריאל האט געהאט עטליכע זיהן, און אלע זיינען זיי געווען לומדים. דריי פון זיי זיינען געווען רבנים. זיין אינגסטער זוהן איז נאך צו צוועלף־דרייצעהן יאהר געווען באוואוסט אלס עילוי (אין די שפעטערע יאהרען איז ער געווען דער רב פון פינסק, איינער פון די באקאנטע רבנים פון זיין צייט). ר' ליפע, דער איידעם פון דעם פארברעזער רב, ר' בערעלע, איז געווען זיינער א זוהן און ער איז שפעטער אויך געווארען א רב.

דער פעטער עזריאל איז געווען אן ארטאדאקס פון דעם טיפסטען סארט. ער איז געווען אזוי ווייט פון השכלה מיט די נייע גייסטיגע באוועגונגען, ווי ער איז געווען ווייט פון שמד, און איהם האט מיין פאטער בוכשטעבליך פארגעטערט. ער איז געווען זיין אידעאל מיט זיין פרומקייט און (פיליכט הויפטזעכליך) מיט זיין שטארקען אריגינעלען כאראקטער.

א צווייטער למדן, צו וועלכען מיין פאטער האט געפיהלט א טיפען רעספעקט, איז געווען זיינער אן אמאליגער רבי פון ניעמאנטשין. ער האט אויך געהאט א פעסטען כאראקטער. ער איז געווען פון יענע אידען, וואס האבען געקענט אנשלאגען א תלמיד אין זיינע עלטערען'ס הויז, ווען די מאמע איז געווען דערביי.

מיין פאטער'ס גוטע פריינד און נאהענטע באקאנטע זיינען כמעט אלע געווען ארטאדאקסישע פרומאקעס פון'ם אלטען טיפ. דאס איז געווען די וועלט, וואס האט אויף איהם געהאט איינ־פלוס. פאר איהר עפענטליכע מיינונג האט ער מורא געהאט.

און דאָך האָט איהם שטאַרק געצויגען צו העברעאישע, דאָס הייסט, צו „היינטיגע“ ביכלעך. און ער האָט אימער געטרוימט ווענען מאַכען מיר פאַר א געבילדעטען מענשען.

האַלטענדיג מיר אויפ'ן שויס, פלעגט ער זיינע טרוימען אויסריידען מיט ווערטער.

„בלי נדר ובלי שבועה — פלעגט ער זאָגען, קנייטענדיג מיר צערטליך אין באַק — אז גאָט וועט מיר העלפען, וועל איך דיר דינגען לעהרער אויף רוסיש, אויף דייטש, אויף פראַנ־צויז, אויף פידעל־שפּילען. דו מוזט מיר זיין א פּראָפעסאָר איד, אַלטער!“

הונדערטער מאָל האָב איך דיזע טרוימען פון איהם געהערט.

צום פּראַקטישען לעבען האָט ער נישט געטויגט. ער האָט זיך מעהר געפּאַסט צום קלויז ווי צו דער וועלט. א בלאַט גמרא פלעגט ער אָבער לערנען נישט אַזוי. איהם האָבען שוין מעהר אינטערעסירט ספרים, וואו עס ווערט גערעדט וועגען דעם מענשליכען גייסט אָדער וועגען דער וועלט אין אַלגעמיין. ער פלעגט לערנען דעם רמב"ם. און איך געדענק ווי ער האָט געקויפט דעם „ספר הברית“ ביי א מוכר ספרים און אָפּגעמאַכט, אז ער וועט איהם אויסצאָהלען אין דריי מאָל. ער האָט זיך צום „ספר הברית“ צוגעכאַפּט, און גאַנצע טעג פלעגט ער ריידען וועגען זיין אינהאַלט. מיין פאָטער איז דאַן אַלט געווען א יאָהר זעקס־זיבען־און־דרייסיג, און איך — ניין־צעהן.

ער, צוזאַמען מיט נאָך א איד, האָבען אויסגעשריבען דעם „המגיד“, וועלכער פלעגט קומען אויף אונזער אדרעס. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך ברענגען אַהיים דעם „המליץ“ און אַמאָל דעם „הלבנון“.

ער האָט געשריבען לשון קודש, מיט „מליצה“ פון דעם אַלטמאָדישען שניט. ער פלעגט אָבער שטענדיג לעזען נייע העברעאישע ביכלעך און זוכען נאָכצומאַכען זייערע אויסדריקע. ווען מען האָט געדאַרפט פּאַרטאַסען פעדערן אויף א מצבה, פלעגט מען זיך ווענדען צו איהם.

אויף זיין שטייגער האָט ער אין דער העברעאישער שפּראַך געפונען א פּאָעטישען טעם. ווען ער פלעגט לייענען א שטיקעל

העברעאיש אין דער הויך, פלעגען זיינע אומעטיגע אויגען שיינען מיט א אינטערעסאנטע ליכט.

ער האָט זעהר ליב געהאַט מוזיק, פיבעריש ליב געהאַט. צוליב א גוטען חזן, אָדער א נייעם נגון, וואָלט ער געגאַנגען צו־פוס עטליכע מייל. ער האָט אַליין אויך א סך געזונגען, אָבער פאַר׳ן עמוד פלעגט ער דאַווענען נאָר אין א געוועהנליכען שבת. ער האָט געהאַט א קלינגענדע, אונגעוועהנליך שטארקע שטימע, און פלעגט גרינג נעהמען א זעהר הויכען טאָן. אַזוי ווי ער איז געווען א כהן, פלעגט ער דוכנ׳ען, און דערביי פלעגט זיין „באהבה" זיך אויפהויבען צו א איבערראַשענדער הויך און פאַר־הילכען די קלויז. די שטימע איז אָבער געווען ניט קולטיווירט. ווען ער פלעגט זינגען שטילער, פלעגט ער זינגען מיט געשמאַק; הויפטזעכליך געוויסע נגונים, וועלכע האָבען אין זיך געהאַט געפיהל. איך געדענק זיי נאָך היינט.

אויף ימים נוראים פלעגט ער דינגען א „שטאָדט" אין „אַל־טען קלויז", וואו עס פלעגען דאַוונען די באַריהמטע חזנים. א „שטאָדט" איז דאָרטען געווען אביסעל צו טייער פאַר איהם. ער איז אָבער בארייט געווען ניט צו עסען, אבי יהושע פיינ־זינגער׳ן צו הערען.

ווען ער האָט נעהערט א נייע מעלאָדיע און זי איז איהם געפעלען געוואָרען, פלעגט ער בעטען מען זאָל זי איהם אויסלערנען, און דאַן פלעגט ער גאַנצע טעג ארומגעהן הין און צוריק איבער׳ן שענק און איהר זינגען, אָפט מיט א זיפץ. ווען ער האָט געשוויגען פון דאגות, פלעגט ער, פון צייט צו צייט, צוזאמעננעמען די ליפען, ווי צום פייפען, און ארויסלאָזען דעם אָטעם מיט אַן אומעטיגען קלאַנג. אָדער אַז ניט, פלעגט ער שטעהן ביים פענסטער און קוקען מיט זיינע אומעטיגע אויגען אויפ׳ן גאַס.

פרנסה־פראגען זיינען אויף איהם אימער געלעגען ווי א שווערע משא; אָבער ניט דאָס אַליין פלעגט אין איהם ארויסרופען אומעט. ער איז געווען א שטימונגס־מענש אין דעם שאַרפסטען זין פון דעם אויסדרוק. ווען ער איז געווען פרעהליך,

פלעגט ער זײַן צו פרעהליך. און װען ער פלעגט זײַן פאַר׳דאגה׳ט, פלעגט ער זײַן צובראָכען.

כמעט יעדער איד האָט ליב אַן אומעטיגען נגון. מײַן טאַטע אָבער האָט דאָס ליב געהאַט לײַדענשאַפטליך.

צו דעם לעבענס־קאַמף האָט ער װײניג געטויגט, און בײַ דעם שיקזאַל איז ער קײן ליבלינג ניט געװען.

אײנמאָל איז מײַן פאָטער געקומען פון דאַװנען זעהר אַ פאַר־טרויערטער און אַן אויפגערעגטער. און גלײַך װי ער איז אַרײַנגע־קומען, האָט ער זיך געזעצט אויף דער ערד און אַראָפּגעצויגען די שטיװעל פון זיך, און האָט זיך צואװײנט אויפ׳ן קול.

אין קלויז האָט ער יענעם פריהמאָרגען געדאַװענט בײַם עמוד. פלוצלונג געהט צו איהם צו אײנער פון די באַלעבאַטים, שטופּט איהם אַװעק פון עמוד און זאָגט צו איהם: „געהט ר׳ שכנא, איהר זײַט אַן אָבל״ *).

זײַן מוטער איז געשטאָרבען.

פונקט אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך דערװאוסט װעגען זײַן פאָטער׳ס טויט מיט עטליכע יאָהר פריהער, װען מיר האָבען נאָך געװאוינט אין פאָדברעזע.

עס זײַנען געבליבען צװײ ניט־פאַרהײראַטע קינדער — אַ בחור מיט׳ן נאָמען אברהם און אַ מײדעל, אַ יאָהר 14, מיט׳ן נאָמען חנה. פאַרהײראַטע זײַנען איבערגעבליבען דרײַ זיהן און צװײ טעכטער.

חנה׳ן האָט מײַן פאָטער שפּעטער צוגענומען צו זיך. זי האָט אין װילנא באַקומען אַ שטעלע אין אַ פּאַפּיר־קראָם אויף יאַטקעװער גאַס. זי פלעגט מיר דערצעהלען װעגען איהר באַלעבאָסטע, װעגען די קונדען, װעגען די קאָלירטע, געצירטע פּאַפּיר, װאָס אײנבינדער האָבען געקויפט צו זײער אַרבײַט.

אװערעמטשיק (אברהם) האָט געלערענט ערגעץ־װאו. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער זיך באַװײַזען אין װילנא אויף אַ קורצער צײַט — אַ שטילער, אַן עהרליכער, אַ ליבליכער.

---

*) אַן אָבל טאָר ניט דאַװנען פאַר׳ן עמוד.

אין ווילנא האָט געוואוינט א ברודער פון מיין געשטאָרבע־נער באָבען — „דער פעטער מאיר“. ער איז געווען א פארמעג־ליכער פיש־הענדלער, א קלוגער איד. אָפט פלעגט מיין פאָטער צו איהם געהן שבת־צו־נאַכט אויף א גלאָז טהיי, און ער פלעגט מיך מיטנעמען. שבת־צו־נאַכט פלעגען צום פעטער מאיר אויך קומען שדכנים וועגען חתנים פאר זיינער א טאָכטער, מיכליע. דער פעטער פלעגט די חתנים עקזאמינירען: האָבען מיט זיי א שמועס און געבען זיי עפּעס אויפצושרייבען (דערצו זיינען געווען אָנגעגרייט ספּעציעלע טינט און פעדער און פאפיר). ער פלעגט באַקוקען דעם קאנדידאט׳ס האנדשריפט, און, אויף שפּאס, אליין אויך עפּעס אויפשרייבען, צו ווייזען אז ער האָט זיך מיט זיין כתב אויך ניט וואָס צו שעמען.

.3

פרייטאָג־צו־נאַכט.

קערפּערליך איז מיין פאָטער געווען א שטארקער, אָבער דאָס האָט מיר ניט אינטערעסירט. זיינע נגונים, זיין בענקעניש, זיין התלהבות — זיי פלעג איך אויף מיין ניין־צעהן־יעהריגען שטייגער דורכלעבען צוזאמען מיט איהם.

איך ווייס ניט פּאָרוואָס דאָס איז — יעדעס מאָל ווען איך שטעל זיך איהם פאָר אין דער הייליגסטער שכינה פון מיין אָנדענקען נאָך איהם, זעה איך איהם אין א פרייטאג־צו־נאַכט, ווען מיר פלעגען געהן פון סטראשונער׳ס קלייזעל, נאָכ׳ן דאווענען.

פרייטאג, „נאָך האלבען טאָג“, און פרייטאג אווענט פלעגען איבערהויפּט זיין די טייערסטע טיילען פון דער וואָך ביי מיר. און זיין נעזיכט איז דער צענטער כמעט אין אלע דאמאָלסדיגע ליבע שטונדען.

פרייטאג איז מען א האלבען טאָג פריי פון חדר, און מאָרגען איז מען א גאנצען טאָג פריי. דאָס איז די הויפּטזאַך. א פרייהייטס־געפיהל, א גן־עדן געפיהל...

פון די סצענעס פון יענעם טאָג דערמאָן איך זיך ווי א רוס מיט א קיילעכדיגער רויטער באָרד, קומט מיט זיין וועגעלע

זאַמד — צוויי קאָפּיקעס אַ זעקעל. רויטע, פּייכטלעכע זאַמד, צו באַשיטען די אויסגעקערטע פּאָדלאָגע. דאָס איז געווען אונזער קאַוויאַר *).

— פּיעסקו, פּיעסקו קאָמו נאַדאָ? (זאַמד, זאַמד! ווער דאַרף זאַמד?) — פלעגט ער לופטיג שרייען מיט אַ ספּעציעלען נגון, אויסציהענדיג דעם קמץ פון „נאַדאָ" ווי אַ לאַנגען פּתח.

ער האָט געהאַט אַ הומאָר־געפיהל, און ער פלעגט צולייגען:

— לייפּציגער זאַמד, קעניגסבערגער, פּאַריזער, ווינער זאַמד!

די עטליכע ווערטער פלעגען מיר פאַרשטעהן, און לאַכען פון זיי. און ווען ער און זיין ווענעלע זיינען שוין געווען אוועק אין אַנדערע הויפען, פלעגען מיר, קינדער, אומגעהן און שרייען:

— פּעסקו, פּעסקו קאָמענאַדע!!

די אמת'ע ליכטיגע מאָמענטען פלעגען זיך אָנהויבען שפּעטער, ווען אין שענק האָט מען שוין אָנגעגאָסען די לעצטע קוואָרט בראַנפען דורך דער „לייקע", און די גאַס־טיר איז שוין געווען פאַרמאַכט.

לעבען טויער איז געשטאַנען אַ באַנק, און דאָרטען פלעגען זיך דאַן אויסזעצען ווייבער און מיידלעך, אַלע אויסגעצוואָגענע, אַלע אין ריין־אויסגעוואַשענע פּערקעלנע קליידלעך און יאַקלעך. לעבען באַנק, אין אַ ווינקעל פון טויער, איז געווען איינגעגראָבען אַ קלעצעל, צו פאַרטשעפּען די לייצעס, ווען עס פלעגט צופאָהרען אַ וואָגען. דאָרטען פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען עטליכע אינגלעך פון הויף, אינגלעך פריי פון חדר אויף אַ גאַנצען מעת־לעת.

דאָ פלעגען די מיידלעך שפּילען אין „ביקעל" — וואַרפען אַ קליינעם אייזערנעם באַלל אָן דעם ברוק, כאַפּען איהם אָן אָפּגעשפּרונגענעם, און צעהלען מיט אַ מיידעלשען נגון:

— צע־הען! צוואַנ־ציג! דריי־סיג! פער־ציג!...

ווען עס איז געוואָרען שפּעט, און מאַנסבילען מיט אינגלעך

---

*) קאַרפּעט, טעפּיך.

האָבען שוין גענומען געהן צו קבלת־שבת, פלעגט מען אָפּשטעלען די שפּיל.

— גענוג! שבת! — פלעגט אימיצער זאָגען מיט רעליגיעזע תענוג־פּורכט.

אָפט פלעגט פאַרבייגעהן אַ פאַרשפּעטיגטער שוסטער, אַ־ן איילעניש, טראָגענדיג אַ בלישטשענדע; אָקאָרשט געענדיגטע פּאָר שטיוועל צו אַ קונד.

דער טאַטע קומט אַרויס און אויסגעפּוצטער און איך געה מיט איהם מיט.

שבת פלעגט ער טראָגען אַ הויכען קאַפּעלוש. יעדער באַלע־באַטישער איד האָט אַזאַ געטראָגען. אָבער ניט אימער פלעגט ער איהם אָנטאָן צו קבלת־שבת; שבת — אימער. דער טאַטע אַליין פלעגט זיין קאַפּעלוש רופען, אויף שפּאַס, „מיין ווייק־שאָפּט". אָבער טאַקע נאָר אויף שפּאַס. ווען ער פלעגט איהם אָנטאָן, פלעגט זיין הויכע פיגור אויסזעהן אַ סך העכער. און דאָס האָט געשטימט מיט זיין באַגריף וועגען שבת.

זיינע שבת'דיגע בגדים ז'ינען באַשטאַנען פון אַ שוואַרצע געוועגטענע קאַפּאָטע און שוואַרצע געווענטענע הויזען. און די שטיוועל זיינען אימער געווען אָפּגעפּוצט גלאַנציג; דאָס איז שוין געווען מיין אַרבייט — אָפּצופּוצען זיינע שטיוועל און מיינע.

די געווענטענע קאַפּאָטע פלעגט ער אימער אָנטאָן פרייטאָג־צו־נאַכט אויך.

סטראַשונער'ס הויף (ער עקזיסטירט שוין ניט מעהר) איז געווען אַ לאַנגער און אַ שמאָלער. און ער איז געגאַנגען פּאַ־ראַלעל צו קליין־סטעפּאַן גאַס. ווען מען איז אַרויס פון אונזער שענק און מען האָט געשטעלט פינף אָדער זעקס טריט, איז מען געווען ביי זיין טויער. די קלייזעל איז געלעגען אין אַ ווינקעל פון זיין ווייטסטען ברעג. איהרע פענסטער זיינען אַרויסגעקומען אויף קליין־סטעפּאַן גאַס. ווען זי איז געווען באַלויכטען מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענג־לייכטער, און די באַלעבאַטים ז'ינען געווען אַרומגעוואַשען און אין זייערע

שבת'דיגע קאַפּאָטעס, האָט זיך דער שבת נעפיהלט אין אלע ביינער.

דער שבת הויבט זיך ערשט אָן. ער איז פּריש, ווי א פרישע בלום.

מיין טאַטע פלעגט מיר דערצעהלען וועגען דער נשמה יתירה, וואָס קומט אראָפּ פרייטאג־צו־נאַכט. איהר האָב איך אָבער געפיהלט ערשט שפּעטער, נאָכ'ן דאַווענען, אין שטוב. אין קלויז איז סתם געווען שעהן — שעהן פאר'ן אויג, פאר'ן אויער און פאר'ן הארצען.

דעם פרעהליכען גערויש פון קבלת־שבת און פון מעריב האָב איך ליב געהאַט. איך פלעג זיך אָבער פאַרטראַכטען, קוקען אויף די אידען: אויף לייבעטשקע סטראַשונער, דעם באַלעבאָס; אויף א דיקליכען הענדלער פון היי און האָבער; אויף זלמן דעם רעדערניק, פון וועלכען עס האָט זיך אימער געהערט דזשענגעכץ; אויף דעם יונגען קליין־בערדעלדיגען עסיג־מאַכער, פון וועלכען עס פלעגט זיך אימער הערען עסיג.

איינער א יונגערמאַן, אימיצענ'ס אן איידעם, האָט געהאַט א שם פאר א חריף, פלעג איך אויף איהם קוקען מיט באַוואונדערונג. מיט באַוואונדערונג פלעג איך אָבער אויך קוקען, ווי עס דאַווענט לייבעל דער רימער, וועלכער האָט געהאַט א שם פאר „א קינצלער א בעל מלאכה".

אנאַנדערער פון די דאַוונער, א יונגער איד מיט א קייזעלעכ־דיגען ווייסען פּנים, איז געווען א סופר; פלעגט ער מיר אויך אינטערעסירען. ווארים איך פלעג פּרוּווען שרייבען „קסיוועטענע" אותיות און ניט קענען; און ער האָט יאָ געקענט. ער פלעגט זיינע מזוזות אָדער מגילות שרייבען אין דעמזעלבען צימער, וואו מיין מאַמע פלעגט מיר אמאָל שיקען מיט איהר טשאָלענט, אין זאַביעגעם (סאַפּיעגאַ'ס?) הויף. פלעג איך זעהן ווי ער זיצט דאָרטען, אין זיין שלאַפראָק, און שרייבט מיט א פעדער פון אן אינדיק. שבת אין דער פריה פלעג איך אָפּט אהין געהן אָפּנעמען דעם טשאָלענט; שטעהן און וואַרטען מיט א גרופּע ווייבער, מיידלעך און א פּאָר אינגלעך,

ביז מען פלעגט אָפּבּרעכען די פּאַרטריקענטע ליים אַרום דער „זאַסלאַנקע“ און נעהמען אַרויסרוקען די טעפּלעך מיט דער „ווילקע“. דאַן האָט דער סופר ניט געאַרבּייט, נאַטירליך. ער איז אָבער געווען אין שטוב.

ביים דאַווענען פלעג איך אויך זעהן „אונזער“ שוסטער, אַ הויכער איד, ניט קיין געזונטער. „אונזער“ שניידער האָט געדאַווענט אַנדערשוואו.

מיט ספּעציעלע שעהנע פאַרבען מאָלט מיר דער זכרון ווי מיר געהען פון קלויז.

די גאַנצע לענג פון סטראַשונער'ס הויף געהען מיר דורך. דער טאַטע שמועסט מיט אימיצען, און איך טראָג זיין סדור, וואַרף איהם און כאַפּ איהם אין אַ געמיט פון צופרידענהייט און פון ערוואַרטונגען אויף דער פרייטאַג־צו־נאַכטיגער וועטשערע... מיר געהען פאַרביי זלמן דעם רעדערניק'ס רעדער און פּי־נעסעם הערינג־סקלאַד. מיר קומען צו צום גרויסען טויער, מיר געהען אַרויס אויפ'ן מערקל. דער טאַטע זינגט שטילער־הייט, און איך וואַרף און כאַפּ דעם סדור אין דער זעלבער־שבת'דיגער שטימונג, ווי ער זינגט.

דאַס אַלץ געדענקט זיך אַזוי קלאָר — כאָטש שטעל אוועק אַן איינגעפאַסטען לייוונט, און דער בילד וועט זיך אַליין אויסשפּרייטען איבער איהם, אַ לעבעדיגער...

מיר קומען אַריין אין שטוב מיט אַ „גוט שבת!“

— גוט שבת! — ענטפערט די מאַמע, אַן אויסגעצוואָ־גענע, אין אַ פריש־געוואַשענעם יאַקעלע, אַ פרייטאָג־צו־נאַכטי־מידע, אַ פרייטאַג־צו־נאַכטיג גוטמוטיגע.

דער טיש מיט דעם קלאָהרען טישטוך, די אָפּגעשייערטע לייכטער, די געבענשטע ליכט — די שכינה רוהט אויף זיי.

דער טאַטע געהט הין־און־צוריק, זינגענדיג באַגייסטערט:

— שלום עליכם, מלאכי השרת...

אָט דאַן דוכט זיך מיר אַז איך זעה פּיהלען די נשמה יתירה.

זי קלינגט אין זיין נגון. זי בלישטשעט אין די אויסגעשייערטע לייכטער דער מאמע׳ס.

מען וואשט זיך, מען זעצט זיך צום טיש — דער טאטע אויבען־אָן, ביי דער שמאָלער שטיקעל וואנט צווישען דעם רויטען שלאָף־באנק און דער טיר פון ספאלניע; די מאמע ביי א זייט טיש, און איך אויפ׳ן רויטען שלאָף־באנק אנטקעגען איהר. דער טאטע מאכט קידוש אויף די חלה. ער שניידט איינע פון זיי. ער גיט מיר א „מייצע״. די חלה איז פריש, „א מאכל״... מאָרגען וועט זי שוין ניט זיין פריש; און ניט קיין פרישע חלה האָב איך ניט ליב.

די פיש, די לאָקשען, די שטיקעלע פלייש, דער הייסער, פארעדיגער צימעס. צימעס האָב איך גראָד ליב געהאט ווען ער איז קאלט, ווי מען פלעגט איהם געבען מאָרגען אין דער פריה, ווען מען איז געקומען פון דאווענען. אָבער דאן איז שוין די נשמה יתירה אויך אן אָפּגעקיהלטע.

ווען די וועטשערע איז געענדיגט, הייסט מיר דער טאטע איהם ברענגען א שטרוי פון בעט, די צייהן צו קאלופען. אז עס זיינען פאראן צייהן־העלצלעך אויף דער וועלט, האָב איך אפילו ניט געהערט.

דאן נעמט זיך דער טאטע צום מדרש, די מאמע צו איהר טייטש־חומש און איך צום „ספר הישר״ אויף אידיש — צו איינצעלהייטען וועגען דער סדרה, מיט אָטעם־פארכאפענדע מעשות וועלכע זיינען אין חומש ניטאָ. אָדער דער טאטע לייענט מיט מיר דעם „יוסיפון״—אויך מעשות, פון וועלכע די הארץ ציטערט אזש.

פיער־און־פופציג, פינף־און־פופציג, זעקס־און־פופציג יאָהר צוריק איז דאָס געווען...

איצט, זיצענדיג ביי מיין דעסק, פארטראכט איך זיך וועגען יענער צייט. ס׳איז אלץ אזוי ווייט, אזוי ווייט, אָבער אזוי קלאָהר.

ווי א דייטליך־הילכענדער נגון פון א ווייטער פיאנאָ.

א געטליכער נגון.

4.

ערשטע באקאנטשאפט מיט רוסיש.

דער ערשטער יאָהר, וועלכען איך געדענק אין דער פּאָרמיע פון ציפּער, איז 1869.

אין יאַנואַר פון יענעם יאָהר, אין א ווינטער אָווענד, בײַ׳עת איך האָב זיך אויסגעטאָן צום שלאָפען, האָט מיין מאַמע באַ־מערקט, אַז איך היט מיינע קעשענעס פון איהר. זי האָט דורכגעטאפּט מיין קאַפּאָטקע און ארויסגענומען פון דאָרטען א „בוקוואַר" — א ביכעלע מיט א רוסישען „אַלף־בית" און די ערשטע טריט אין לערנען זיך לייענען רוסיש.

— פון וואַנען האָסטו דאָס? — האָט זי מיר שטרענג גע־נומען אויף א פאַרהער.

ניט ווייל זי האָט לייענען רוסיש געהאַלטען פאַר אַן עבירה איז זי געווען אין כעס. זי אַליין האָט אויך געקענט לעזען רוסיש אַביסעל. און מיר גופא וואָלט מען שפּעטער אויך געלער־נענט אַביסעל רוסיש. פאַרוואָס אָבער באהאַלט איך זיך מיט דעם? און ווי אַזוי האָב איך דעם ביכעל באַקומען? קאָסט עס געלט? טאָ פון וואַנען האָב איך דאָס?

זי האָט אריינגערופען דעם טאַטען. איך האָב צוערשט ניט געענטפערט; געשטאַנען א בייזער, זיך געוואָרפען, געוויינט און ניט גערעדט. איך בין געווען א בן יחיד, מיט א לעבעדיג אין דעם רעכטען אויער אַלס „א סגולה"; און מען האָט מיר גערופען „אַלטער" — אויך אַלס א סגולה. קורץ, איך האָב גע־וואוסט אַז מען וועט מיר גאָרניט טאָן.

זיי האָבען געביטען זייער טאַקטיק. גענומען גוטסקייט מיט גוטע. איך האָב זיך אָבער אַליין ניט „מודה געווען". ענדליך זיינען זיי געוואָר געוואָרען דעם אמת אָהן מיר.

א איינגעל האָט מיר פאַרקויפט דעם „בוקוואַר" פאַר צוויי קאָפּיקעס, און פאַר דריי קאָפּיקעס א וואָך האָט ער מיר „געלער־נענט רוסיש". דער איינגעל איז געווען דער זוהן פון א סטאָ־ליער, וועלכער פלעגט אריינקומען צו אונז אין שענק — דער זעלבער וואָס האָט פאַר אונז געמאַכט דעם רויטען שלאָף־באַנק

דער אינגעל איז געווען א פּאָר יאָהר עלטער פון מיר (איך געדענק ניט זײַן נאָמען). ער פלעגט אָבער מיט מיר אָפּט שמועסען. זיי האָבען געוואוינט אין שלמה קיסין׳ס הויף.

ער איז געגאנגען אין „נאראָדנאָיע אוטשילישטשע“, א קאָזיאָנע פּאָלקס־שול, וואו אידישע אינגלאך האָבען זיך געלערנט רוסייש און אריטמעטיק. איך בין איהם מקנא געווען וואס ער לערענט זיך רוסיש. און איך האָב איהם געבעטען ער זאָל מיר אויך לערנען. אויף דיזען אָרט איז דאָס ארויסגעקומען אונזער אָפּמאך.

אז דאָס איז געווען אין 1869 איז זיכער, וואָרים איך געדענק ווי ער האָט דעם יאָהר אויפגעשריבען אויף מײַן „בוק־וואר“, און איך האָב די ציפער נאָכגעשריבען אויף שטיקלעך פּאַפּיר. אז עס איז געווען אין יאנואר, ווייס איך, ווייל איך געדענק ווי שרייבענדיג די פיר ציפער, האָט ער געזאָגט אז דאָס איז דער נייער יאָהר, אז „מיט א וואָך פריהער איז געווען 1868 און איצט איז שוין 1869“.

יענעם אָווענד זיינען אונזערע פינאנציעלע באציהונגען איבערגעריסען געוואָרען. מײַן באגעהר צו קענען רוסיש האָט זיך אָבער מיט דעם ניט געענדיגט. וואו איך האָב נאָר געכאפּט א שטיקעל געדרוקטע רוסיש, פלעג איך דאָס פּרובען איבערלעזען. איך תאָב איבערגעלייענט די יארליקעס אויף אלע פלעשלעך אין אונזער שענק. איך האָב זיך געמאָטערט איבערצולייענען דעם „פּאטענט“ אויפ׳ן וואנט, די „זנאקעס“ (סיינס) אויף די קראָמען.

.5

אין שלמה קיסינ׳ס הויף. — א טאלאנטפולער אינגעל. — קלמן שולמאן. — עליע דער סופר און זיינע זיהן. — אנדערע איינוואוינער. — דער זאוואוליק. — מײַן מפּלה.

מײַן פערטער חדר אין ווילנא איז געווען אין שלמה קיסין׳ס הויף, א מינוט גאנג פון זשירמונסקי׳ס. דער רבי איז גע־

ווען א גרויסער למדן. ער איז געווען אלט און שוואך און מעהר ווי פיר אינגלעך האט ער ניט געהאלטען. דערפאר האט ער גע־נומען ניט ווייניגער ווי אכצעהן רובעל א זמן פון א אינגעל — א גרויסע סומע פאר יענע צייטען. אפילו מיט אזא שכר לימוד וואלט איהם אונמעגליך געווען צו לעבען, ווען זיין פרוי וואלט ניט געווען קיין פארדינערין. זי איז געווען א קרעמערקע אין שלמה קיסין׳ס שניט־קראם אויף גלעזער גאס, און זיי האבען זיך גע־וואוינט בעל־הבת׳יש און זעהר ציכטיג. דאס איז געווען דער ריינסטער און נעטסטער פון אלע מיינע חדרים.

אכצעהן רובעל איז פאר מיין פאטער ניט גרינג געווען צו צאהלען. ער פלעגט זיך באקלאגען וועגען דעם און זיך באריה־מען מיט מיין הויך־געפרייזטען רבי׳ן, מיט דער טיפקייט פון זיין לערנען און מיט דער פעולה וואס איך טו ביי איהם.

ווי מען האט דיזען מלמד גערופען, געדענק איך ניט. דאס איז דער איינציגער פון אלע מלמדים, וואס איך האב געהאט, וועמעס נאמען איך האב פארגעסען. מסתמא איז דאס דערפאר וואס איך האב ביי איהם פארבראכט די קירצסטע צייט (ניט רעכענענדיג מיין פעטער מענדע׳ס חדר) — נאר איין זמן. ער איז געווארען קראנק און מעהר קנעלען האט ער ניט געקענט.

איינער פון מיינע חברים ביי דיזען מלמד איז געווען א אינגעל מיט׳ן נאמען „עלקע". ער איז געווען א יתום און מיין פאטער איז באקענט געווען מיט זיין מוטער, וועלכע ער פלעגט לויבען אלס א אשה צנועה. ער איז געווען א שעהנער אינגעל מיט איידעלע געזיכטס־שטריכען, מיט אן אנגענעהמען שמייכעל, רויטע באקען, און מיט א שעהנע קאפ געקרייזעלטע האר. ער איז געווען א יאהר עלטער פון מיר און ער האט געהערט צו א העכערער כתה, דאס הייסט, אז מיט איהם האט דער רבי געלערענט באזונדער. א חוץ פעהיגקייט צום לער־נען האט ער ארויסגעוויזען טאלאנט צום שניצען און אויסצו־קנעטען פיגורען.

איינמאל, בשעת ער האט געהאלטען אין לערנען, האבען זיינע הענט אונטער׳ן טיש געארבייט אויף א שטיקעל וואקס. ער האט געלערענט מיט התמדה און דער רבי האט קיין זאך

ניט באמערקט. ווען ער האָט גענענדיגט דעם ענין, האָט ער אויפ'ן טיש ארויפגעלייגט די פיגורען פון צוויי קאטשקעלעך, ווי זיי שטעהען ביי א שיסעל מיט וואסער. איינע האלט דעם שנאָבעל אין די וואסער, און די אנדערע האלט די קעפעלע פאר־ריסען. זי שלינגט אראָפּ די וואסער וואָס זי האָט אָנגענומען אין מויל.

„ער וואקסט אן אנטאָקאָלסקי", פלעגט מען אויף איהם זאָגען.

דער זמן וואָס מיר האָבען געלערענט צוזאמען איז געווען ווינטער. איין מאָל, ווען עלקע און איך זיינען געשטאנען ביים אויווען, און איך האָב אויסגעשפרייט איין האנט נאָהענט צו די הייסע קאכלעס, האָט ער איהר צוגעדריקט צו דער קאכלע און גע־האלטען מיט גוואלט ביז זי איז באדעקט געוואָרען מיט פענכערס. איך האָב גענומען שרייען. עס איז אריינגעלאָפען דער רבי און איהם אָנגעפאטשט.

נאָך יענעם ווינטער האָב איך איהם קיין מאָל ניט געזעהן. א געוויסע צייט שפּעטער האָב איך געהערט, אז ווען אנטאקאָלסקי האָט באזוכט ווילנא האָט ער געזעהן עלקע'ם שניצעריי, און ער האָט איהם מיטגענומען מיט זיך קיין פּעטערסבורג, וואו ער האָט איהם געלערענט די סקולפּטאָר קונסט*).

דער חדר איז געווען אויף א צווייטען עטאזש און דער פענסטער איז ארויסגעקומען אויף א קליינינקען גאניקעל, וועלכער האָט ארויסגעקוקט אויפ'ן הויף. ווען די שויבען זיינען ניט געווען פארצויגען פון פראָסט, און איך בין ניט געזעסען ביי דער גמרא, האָב איך ליב געהאט צו קוקען דורכ'ן פענסטער.

דער הויף איז געווען א גרויסער און אויף איהם זיינען געשטא־נען עטליכע געביידעס, גרעסערע און קלענערע, געמויערטע און הילצערנע. ווער די איינוואוינער זיינען האָב איך געוואוסט נאָך פון פריהער, וואָרים כמעט יעדער פון זיי פלעגט פארבייגעהן פארביי

*) אין שפּעטערע יאָהרען האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער באַ־ריהמטער רוסישער סקולפּטאָר — דער גרעסטער זינט אַנטאָקאָלסקי — איליא גינזבורג, איז ניט קיין אַנדערער ווי מיין אַמאָליגער חבר „עלקע".

אונזער שענק, און איך פלעג ליב האָבען צו קוקען און בעאָבאכטען.

קלמן שולמאַן, דער העברעאישער שרייבער, האָט געוואוינט אין איינער פון די קלענערע הייזער, אין רעכטען מיטען פון קיסין׳ס הויף. כמעט אימער ווען ער פלעגט ארויסקומען פון זיין טיר, פלעגט ער האָבען א טרויעריג־פארטראכטען פנים. געקליידט איז ער געווען ה׳ינט־וועלטיג, אָבער ניט ווי א פראנט. זיין זוהן, וועלכער איז געגאנגען אין ראבינער שוהל און האָט געטראָגען א „קאזיאָנע״ היטעל—א ברייטע, א שווארצע, מיט א בלישטשענ־דען שווארצען קאזיראָק — האָט אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק פון אן „אמת׳ען גוי״.

אונטער דעם זעלבען דאך האָט געוואוינט א שעהנער איד מיט א שעהנע שווארצע באָרד, א לאנגע, א גרויסע, א פריצישע — איינע פון די באריהמטע בערד אין שטאָדט. ער איז געווען זעלטען ציכטיג געקליידט און ער האָט געהאט א הויכע וואזשנע פיגור, מיט א שטאָלצען פריצישען גאנג. ער איז אָבער געווען א איד ווי אלע אידען — א מעקלער דאכט זיך — און ער פלעגט אמאָל אריינקומען צו אונז אין שענק. איך פלעג ליב האָבען צו הערען ווי ער רעדט. ערשטענס, האָט ער געהאט א פיינע שטימע און א פיינע אויסשפּראכע. און צווייטענס, פלעגט ער דערצעהלען וואונדערליכע מעשות. איך האָב געוואוסט, אז זיינע שעהנע מעשות גלויבט מען ניט; אז איניגע פון זיינע ליגענס האָבען אזא שם ווי זיין ציכטיגע רייכע באָרד. און דאָס, צוזאמען מיט דער דאָזיגער באָרד זיינער און מיט זיין מערקווירדיגען לשון, פלעגט אויף מיר מאכען אן איינדרוק ווי א פאנטאזיע — אזוי ווי ער וואָלט איינגאנצען געווען אן אויסגעטראכטער.

אליהו „וואָלאָזינער״ האָט אויך געוואוינט אויף שלמה קיסינ׳ס הויף, — דער באריהמטער אליהו דער סופר, וואָס האָט געשריבען ספר־תורה׳ס פאר משה מאָנטיפיאָרען. ער האָט געהאט עטליכע זיהן, פון וועלכע מיין געוועזענער חבר פון חאצקעל׳ס חדר איז געווען דער אינגסטער, און זיי האָבען אלע געהאט טאלאנט צום צייכענען אָדער מאָלען. דער עלטסטער זוהן האָט אמאָל צו אונזער רבי׳ן ארויפגעטראָגען א „מזרח״, וואָס ער האָט אויפגעמאָלען, האָב איך זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען. אָבער א פּאָר יאָהר

שפּעטער האָב איך געזעהן ווי ער קוילעט הינער אין דער שחיטה־שטיבעל. אַ אינגערער זוהן איז נעגאַנגען אין דער ווילנער קונסט־שוהל, און איך פלעג זעהן ווי ער טראָגט גרויסע פּאָרטרעטען וואָס ער פלעגט אויפמאָלען מיט אַ בליישטיפט.

אליהו דעם סופר'ס פאָטער איז אויך געווען אַ סופר. ער איז אָבער שוין געווען צו אַלט צו ארבייטען.

אַ צווייטע פאַמיליע פון קיסינ'ס הויף געדענק איך אויך, הויפּטזעכליך ווייל זי האָט געהאַט עטליכע זיהן, און ווייל זיי זיינען אַלע געווען קורץ געוואַקסען. איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער ווען זיי פלעג איך ניט זאָגען אַז זיי זיינען „נידעריג", נאָר „קורץ" — אַזאַ איינדרוק האָבען זיי אויף מיר געמאַכט.

— אין קיסינ'ס הויף האָט אויך געוואוינט אונזער שניידער — אַ איד מיט אַן איינגעפאַלסקעטען נאָז; אויך האָט דאָרטען גע־וואוינט דער סטאָלער וואָס האָט געמאַכט אונזער רויטען שלאָף־באַנק און וועמענס אינגעל האָט מיר געלערענט שטעלען מיינע ערשטע טריט אין רוסיש לעזען.

אויף דעם זאַוואָליק, וואָס האָט זיך געצויגען פון שבח זשירמונסקי'ס הויף ביז שלמה קיסינ'ס הויף, פלעגען מיר זיך שפּילען און ארומלויפען. ער איז געווען באַוואוינט נאָר פון איין זייט (ווען מען איז געגאַנגען צו שלמה קיסינ'ס הויף צו, איז דאָס אויסגעקומען אויף דער לינקער זייט). דאָרטען זיינען געשטאַנען עטליכע איין־עטאַזשיגע הייזלאַך מיט די טירען אויפ'ן גאַס, און דאָרטען איז אויך געווען דער הויף, אויף וועלכען עס איז געווען די שחיטה־שטיבעל. ערב יום־כפור פלעגט מען פון גאַנץ שטאָדט אהער קומען מיט די כפרות. עס פלעגט זיין אַ לעבעדיגע וועלט.

די אַנקעגענדיגע זייט פון זאַוואָליק איז געווען פאַרנומען מיט „געוועלבען"*), וועלכע זיינען זומער געווען פול מיט עפּעל און באַרנעס.

---

*) אין זיד־רוסלאַנד איז אַ „געוועלב" אַ קראָם. אין ווילנא האָט מען מיט דעם וואָרט געמיינט אַ סקלאַד (ווערהויז) פון פרוכט. דער וואָרט האָט נאָך אַ באַדייטונג: אַ געבויגענער סופית, און אין דיזען זין ווערט ער געברויכט אומעטום.

דער ארײנגאנג צו די געװעלבען איז אָבער געװען פון זאװאל־נער גאס. אויפ'ן זאװאוליק האָט זיך דאָרטען געצויגען א לאנגע „טויטע" װאנט.

איין מאָל, אין א זומער, האָבען מיר ביי דיזער װאנט אויס־געגראבעלט א גרוב, און צוגעקומען צו איינעם פון די געװעלבען. חברה האָט גענומען שלעפּען עפּעל. עס איז געקומען מיין „נעקסט". איך האָב זיך איינגעבויגען, ארײנגעשטעלט א האנט, אָנגענומען אן עפּעל, און שוין געהאלטען ביים ציהען די האנט צוריק, װען — אַ, װעה־געשריען! אזוי װי א פייער האָט א ברען געטאָן איבער מיינע פינגער. איין מאָל און א צװייטען מאָל. איך רייס די האנט, אָבער די פיינדליכע קראַפּט, װעלכע ברענט דאָרטען אינװעניג, האלט איהר װי מיט צװאנגען. ענדליך האָט מען איהר באפרייט אָבער אָהן אן עפּעל.

דער װייטערער ברעג פון דעם זאװאוליק איז ארויסגעקומען אויף א ברייטען פּלאץ, װעלכער איז זיך צוזאמענגעקומען מיט זאװאלנע גאס. דאָרטען, אויף זאװאלנע גאס, איז געװען די פּאַ־ראדנע זייט פון דעם װילנער „הקדש". אביסעל װייטער איז געװען דער האָלץ־מארק, און דער „פּוסטער פּלאץ", װאו אינגלאַך פלעגען האלטען „מלחמות". װייטער איז געװען פלאַטער'ס באָד, װאו מיר פלעגען געהן אלע פרייטאָג.

שלמה קיסין'ס הויף שטעהט אויפ'ן ראָג פון דעם דערמאָנטען זאװאוליק און א צװייטען זאװאוליקעל. אויף איין זייט האָבען דאָרטען געװאוינט קריסטען, דורכאויס פּאָליאַקען, און אויף דער אנדערער זייט האָבען זיך געצויגען גערטנער.

6.

אין אַ רוסישער שוהל. — דקדוק. — „מכתב ללמד."

איך קען ניט גענוי באַשטימען װען דאָס איז געװען. עס האָט אָבער געמוזט זיין ארום דער צייט, ביי װעלכער מיר האָל־טען דאָ. איך בין אװעק אין א „נאראָדנאיע אוטשילישטשע" און האָב זיך פארשריבען. די דאָזיגע שוהלען האָט אויפגעהאלטען די רעגירונג ספּעציעל פאר אידישע קינדער, און טאַקע פאר אידי־

שע געלט אויך, וואָרים די קאָסטען זיינען געדעקט געוואָרען פון אָפּצאָהלונגען וואָס מען האָט געליינט ספּעציעל אויף אידען. אין ווילנא האָבען זיך געפונען עטליכע שוהלען אזעלכע. איינע פון זיי איז געווען אויפ׳ן „פערד־מארק״*), עטליכע מינוט גאנג פון אונזער שענק.

עס זיינען געווען צוויי קלאסען, און מען האָט מיר אריינגענומען אין דעם ערשטען. מען האָט מיר געגעבען א דינעם ביכעל מיט׳ן נאָמען „רוסקאיא גראמאטא״. דער לעהרער, א הויכער, מיט גרויסע האָר, אן ארומגעגאָלטער און אין א בלויען פראַק מיט מעשענע קנעפּ, האָט צו מיר גערעדט רוסיש. די אינגלעך, אלע אָהן היטלען, זיינען געזעסען אויף שווארץ־געפארבטע „סקאמייקעס״. איך בין קיינמאָל אין אזא וועלט פריהער ניט געווען.

איך האָב גלייך גענומען בענקען אהיים. איך האָב געוואוסט אז דער לעהרער איז א איד, און דאָך האָב איך פאר איהם מורא געהאט. פאר זיין געגאָלטער באָרד האָב איך זיך געשראָקען ניט ווענ׳יגער ווי פאר זיינע מעשענע קנעפּ, און פאר זיין רוסיש.

ווען איך בין געקומען אהיים, האָב איך דעם טאטען דערצעהלט די גאנצע געשיכטע. איך האָב געגלויבט אז ער וועט זיין בייז פארוואָס איך האָב זיך פארשריבען אָהן זיין וויסען.

---

*) דער נאָמען „פערד־מארק״ איז געבליבען פון פריהערדיגע צייטען. איצט איז דאָרטען גאָר געווען א מארק פון תבואה און פון אוגערקעס, יאגדעס, פאזיעמקעס, אגרעסען און אזוי ווייטער (היינט הייסט דער פלאץ „די האללעס״ — א נאָמען וועלכען אימיצער האָט גענומען פון דעם באַריהמטען פאריזער מארק פון גרינסען, פרוכט און אנדערע שפּייז־פּראָדוקטען). פערד האָט מען אין מיין צייט פארקויפט אויפ׳ן „פוסטען פּלאַץ״, ביי פופצעהן מינוט גאנג פון דאָרטען. דער אלטער נאָמען איז אָבער געבליבען, און מיט איהם האָט מען אייגענטליך גערופען ניט נאָר דעם תבואה מארק, נאָר דעם גאנצען געגענד, אריינרעכענענדיג אפילו אונזער „מערקעל״ מיט די צוויי סטעפאן־גאסען. אזוי פלעגט דאָס הייסען ביי די איינוואוינער פון אנדערע קווארטאלען. צום ביישפּיל: אין חאצקעל׳ס חדר און ביי מיין מומען אויפ׳ן הויף פלעגען די קינדער מיר רופען „אלטער פון פערד־מארק״.

איך בין אָבער אומזיסט געווען אונרוהיג. ער איז נאָך געווען שטאָלץ מיט מיר. אז א אינגעל פון צעהן יאָהר זאָל אליין אוועקגעהן אין „קלאס" און זיך פארשרייבען — דאָס האָט ער געהאלטען פאר א מערקווירדיגע כוואטסטווא. אי איך האָב זיך דערנאָך דערשראָקען פאר דעם לעהרער'ס מעשענע קנעפּ? האָט ער דאָס בעטראכט פאר א נאטירליכע זאך.

סתם אויפהערען צו געהן „אין קלאס", האָט מען ניט גע־קענט. עס האָט געשמעקט מיט א באזוך פון א רעגירונגס־בעאמטען, מיט שטרענגע פראגען, מיט סטראשונקעס. האָב איך געפאָדערט פון מיין פאָטער אז ער זאָל דעם נעקסטען טאָג געהן מיט מיר און בעטען דעם לעהרער ער זאָל מיר אויסשרייבען.

אויף מאָרגען איז ער מיט מיר אוועק אין דער שוהל. אז דאָס איז געווען ווינטער, ווייס איך פון דעם פאקט, אז דער טאטע איז געווען וואָרים אָנגעטאָן. איך זעה איהם, ווי פאר די אויגען, ווי ער שטעהט אין זיין גרינליך־שווארצען אויי־בער־ראָק, וועלכער איז געווען אונטערגעשלאָגען מיט בעראַש־קענע פוטער, און מיט זיין היטעל אין האנט — א הויכער, א דארער, מיט אן אראָפּהענגענדיגען שווארצען טשוב. די סצע־נע איז פאָרגעקומען אין דעם קלאס־צימער. די אינגלאך זיינען געזעסען מיט אויסגעשטעלטע אויגען.

רוסיש האָט מיין פאָטער ניט געקענט ריידען. ער האָט קוים ארויסגעמוטשעט עטליכע ווערטער, אז איך וויל ניט געהן, און אז ער בעט דעם הער לעהרער מיר צו ענטשולדיגען.

דער הער לעהרער האָט זיין בקשה מסתמא פארשטאנען פון דעם אויסדרוק פון זיין פּנים און פון זיינע אוואיעס, מעהר ווי פון זיין „רוסיש". און איך האָב דעם לעהרער'ס אנט־וואָרט פארשטאנען אויף אן עהנליכען אופן.

— זאָל ער געהן, אז ער וויל — האָט ער געזאָגט — איהר וועט אָבער באקומען א פּאָוויעסטקע (אן איינלאדונג צו קומען צו דער פּאָליציי).

דעם וואָרט „פּאָוויעסטקע" האָב איך פארשטאנען; און פאר דעם האָב איך זיך אזוי דערשראָקען, אז מיין אימה פאה

די מעשענע קנעפּ איז פארשוואונדען ווי צאָהן־וועהטאָג פאר־שווינדט פאר א גרעסערען שמערץ.

— געה, טאטע, אהיים! איכ'ל בלייבען! איך האָב שוין קיין מורא ניט — האָב איך געזאָגט.

ער איז אוועק, און איך האָב זיך גענומען פיהלען מונ־טער. איך בין געוואָרען איינער פון די לעבעדיגסטע אינגלעך אין קלאס.

דער לעהרער איז געוועזן שמואל יאָסעל פין'ס א זוהן. ער פלעגט זיך פוצען און האָט אָפט געביטען זיינע קליידער. ניט אַלע טאָג האָט ער געטראָגען זיין אָפיציעלען לעהרער־פראק. דאָס רוב פלעגט ער געהן אָנגעטאָן ווי א פּריוואט מענש און כמעט יעדען טאָג אין אַן אנדער ראָק. אמאָל פלעגט ער קומען אין א ברוינעם אָדער שווארצען פראק (סוואלאָו טעיל).

איך בין אין דער שול אָפּגעוועזן ביז'ן סוף ווינטער. דער־נאָך האָט מיין פאָטער מיר גענומען א פּריוואט לעהרער, א שילער פון ראבינער־שול — א נידעריגען יונגען־מאן, מיט הארטע, שווארצע האָר, מיט א הארטער „ניט היגער" אויסשפּראכע אין זיין אידיש, און מיט אַן אנגענעהמען שמייכעל. פאר א „פּאָ־וויעסטקע" האָבען מיר שוין ניט געהאט וואָס מורא צו האָבען. וויבאלד איך האָב געהאט א רוסישען לעהרער, בין איך שוין יוצא געוועזן. מען האָט דעם טאטען אָבער קיין פּאָוויעסטקע גאָר ניט געשיקט. די זאך האָט איבערהויפּט קיין ממשות ניט גע־האט. די רעגירונג האָט זיך אייגענטליך ניט געקימערט צי קינדער געהען אין אוטשילישטשע צי ניט. אידישע אינטעליגענ־טען, וועלכע האָבען זיך געזאָרגט וועגען פארשפּרייטען בילדונג צווישען אידען, — זיי האָבען דאָס געפּועל'ט ביי די טשינאָוו־ניקעס צו זיין שטרענג אין דיזער באציהונג. א אידישער שול־בעאמטער פלעגט געהן איבער די חדרים און סטראשען די קינ־דער, וואָס האָבען זיך ניט געלערענט קיין רוסיש.

דער רוסישער לעהרער האָט מיר זיינע שטונדען געגעבען אין שענק, ביי דעם גרויסען טיש, וואס איז געשטאנען לעבען דער שלאָף־באנק. די גאס־מענשען און אנדערע קונדען פלעגען

שטעהן ארום און זיך צוהערען, ווי ער לערענט מיט מיר. ער האָט מיט מיר געלעזען א רוסישע כרעסטאָמאַטיע (סקול־רידער) מיט׳ן נאָמען „רוסקאָיע טשטעניע", און דאָס פארטייטשט אויף אידיש. און ער האָט מיט מיר געלערענט אַן אָנהויב רוסישע גראַמאַטיק.

צו דער זעלבער צייט פלעגט א פּאָר מאָל אין וואָך צו מיר קומען אַן אנדער יונגערמאַן און מיך לערנען דקדוק. ער איז אויך געווען א „ראַבינטשיק", זעהר אַן אָרימער, אַן אָפּגעריסענער און א הונגעריגער, מיט א בלויען נאָז. אנשטאָט געלט האָט די מאַמע איהם געגעבען עסען.

צוערשט האָט ער די דקדוק מיט מיר געלערענט אין א ביכעל, וואָס איז געווען געשריבען אויף דייטש, נאָר מיט דעם ספּעציעלען שריפט פון טייטש־חומש. דערנאָך האָט ער מיט מיר געלערענט „מסלול" (א דקדוק אויף העברעאיש). איך האָב געפיהלט, אַז ער פארשטעהט אַליין ניט וואָס ער ערקלעהרט מיר. מיין פאָטער האָט דאָס אויך באַמערקט. ער אַליין האָט דקדוק געקענט גאָר נישקשה, פלעגט ער דעם „ראַבינטשיק" אויסהעלפען.

עס איז דאַן ערשינען א העברעאישער בריפען־שטעלער פון נפתלי משכיל איתן, אונטער דעם נאָמען „מכתב ללמד". מיין טאַטע האָט דעם ביכעל געקויפט און געלאָזען איינבינדען פאַר מיר. יעדען בריף האָט ער פריהער מיט מיר איבערגעלערענט, אַזוי ווי מען לערענט א קאַפּיטעל תנ"ך אין חדר. דערנאָך האָב איך דעם בריף איבערגעשריבען עטליכע מאָל, ביז איך האָב איהם געקענט אויף אויסוועייניג.

דער טאַטע האָט פון דעם „מכתב ללמד" גאָר געקוואָלען. ער איז ענטציקט געווען פון דעם לשון און פון די „געדאַנקען". און מיר האָבען די בריף אויך שטאַרק אינטערעסירט — הויפּט־זעכליך אַלס א נייעס. די שפּראַך איז ווי אין תנ"ך; אָבער אין תנ"ך ווערט דאָך גערעדט וועגען גאַנץ פאַרצייטיגע און גאַנץ פרעמדע זאַכען, און דאָ — וועגען היינטיגע. א חתן שרייבט צו א כלה, אָדער צו איהר פאָטער, אָדער א איד שרייבט א בריף וועגען מסחר.

.7

ישיעה*) באַלטערמאַנצער. — אייזיק מאיר דיק. — מאָטקע כּאַבאַד. — שייקע פּייפער.

אייזיק מאיר דיק האָט געוואוינט אויף קליין־סטעפאַן גאַס, אין אַ קליינעם הויף, וועלכער האָט געהערט צו איינעם אַ נאַטאַנזאָן, אַ „מענש אָהן אַ גאַרגעל", ווי די חדר אינגלעך פּלעגען ריידען וועגען איהם. זיי האָבען דערצעהלט אַז צוליב אַ האַלז־קראַנקהייט האָט מען איהם אויסגעשניטען זיין גאַרגעל און אריינגעשטעלט אַ גילדערנעם.

נאַטאַנזאָן'ס הויף איז געווען דער דריטער הויף פון שבת זשירמונסקי'ס. דאָרטען איז געווען מיין נעקסטער חדר. דעם מלמד'ס נאָמען איז געווען ישיעה, און אַזוי ווי ער איז געווען פון באַלטערמאַנץ — אַ שטעדטעל ניט ווייט פון ווילנא — האָט מען איהם געוועהנליך גערופען ישיעה באַלטערמאַנצער.

איך גלויב אַז ער האָט געהאַט די לענגסטע באָרד אין ווילנא. זי איז געווען פון אַ ברוינעם קאָליר, אייגענטליך פון עטליכע קאָלירען: העל־ברוין, דונקעל־ברוין, רויטלעך און אַ פּאָר אַנדערע שאַטירונגען. מען קען ניט זאָגען אַז זי איז געווען אַ שעהנע באָרד. איהר אונטערשטע האַלבע איז געווען זעהר שמאָל און צו־רונצעלט, און זי האָט זיך געצויגען צו דער ערד־צו ווי אַ שטריק וואָס מען האָט אָפּגעדרעהט נאָך דעם ווי זי איז צו־לאַנג געווען פאַרדרעהט.

ער איז געווען זעהר אַ קורצזיכטיגער, און זיין קורצזיכ־טיגקייט איז אין מיין מוח צוזאַמענגעוואַקסען מיט זיין אונ־געוועהנליך לאַנגער באָרד, אַזוי ווי איינס וואָלט געהאַט אַ שייכות מיט דאָס אַנדערע.

די ערשטע מסכתא וואָס איך האָב ביי איהם געלערענט איז געווען פּסחים. אויף דיזער מסכתא איז ער געווען אַ ספּע־ציאַליסט. דערנאָך האָבען מיר געלערענט „בבא מציאה" און „ביצה". איך האָב ביי איהם אָפּגעלערענט עטליכע זמנים.

---

*) דער נאָמען איז יהושע, נאָר דאָ ווערט ער דורכאויס געשריבען לויט דער אויסשפּראַך.

ישיעה באלטערמאנצער האָט מיט אונז געלערענט דקדוק אויך, ניט „מסלול", נאָר בן זאב'ס „תלמוד לשון עברי", א גרעסערער און דיקערער בוך. ער איז אויך ניט געווען קיין גרויסער „בעל דקדוק", און ער פלעגט דאָס מיט אונז לערנען אזוי ווי פון יוצא וועגן. ער האָט זיך אליין געמאַטערט צו פאַר־שטיין, און זיינע ערקלעהרונגען האָבען מיר גאָר ניט ערקלעהרט. דער געגענשטאנד איז מיר דעריבער געווען לאַנגווייליג. אָבער די גמרא האָט ער מיט אונז געלערענט מיט אינטערעס. און זיינע ערקלעהרונגען וועגען איהר זיינען פאַר מיר געווען דייט־ליך. האָב איך צו דער גמרא ביי איהם געהאַט חשק.

ער איז געווען א טרייער, עהרליכער מלמד און ער האָט גע־ארבייט שווער. זיין קול האָט אימער געקלונגען פארמאַטערט, און זיינע אויגען האָבען אימער אויסגעזעהן מיד.

ער האָט געהאַט א גרויסע משפחה — זיהן און טעכ־טער, — און אין באלטערמאנץ האָט ער געהאַט אן אלטען פאָ־טער מיט עטליכע ברידער, וועלכע פלעגען איהם אָפט באזוכען. כמעט אלע — פון ביידע פאמיליעס — האָבען געהאַט קורצע, פיר־קאנטיגע נעזער, און זיי זיינען איבערהויפט געווען שטאַרק עהנליך איינער צום אַנדערען.

באלטערמאנץ האָט געהאַט א שב פאַר איהרע קוכעלעך, וועל־כע זיינען געווען ממאכט פון בייגעל־טייג. פלעגט ישיעה'ס ווייב אומגעהן מיט א קאָשיק „באלטערמאנצער קוכעלעך".

זיי האָבען געהאַט א קליין קינד, א אינגעלע, און ווען ער פלעגט זיך צוּוויינען און דער רבי פלעגט ווערען אין כעס, פלעגט זי זיך צושרייען:

— וואָסי, ס'איז ניט דיין קינד? פון א קאָזאָק האָב איך איהם געבראכט?

קיין געפאהר האָט אין איהר געשריי אָבער ניט געשטעקט. זיי האָבען געהאַט א גוט לעבען. די גאנצע פאמיליע האָט געלעבט גוט צווישען זיך.

איך בין צו זיי צוגעבונדען געוואָרען, און פלעג זייער אינגעלע ברענגען „גוטע זאכען" פון אונזער שענק, מייסטענס א שטיקעל „רעטשיסניק". די מאמע פלעגט דאָס מיר געבען ספּעציעל פאַר איהם.

דער אינגסטער פון דעם רבין'ס אויפגעוואקסענע זיהן איז גע־וועזן אין מיין עלטער, און מיר זיינען געוועזן חברים. ער איז מיר געפעלען געוועזן פאר זיין פעהיגקייט צו קריצען חתימה'לעך, און „מייסטרעווען". צו אלץ האָט ער געטויגט. זיין נאָמען איז געוועזן יעקב; מען האָט איהם אָבער גערופען ניט „יאנקעלע", ווי אין ווילנא רופט מען געוועהנליך א אינגעל וואָס האָט דיזען נאָמען, נאָר „יאנקעלקע".

דער רביצין'ס עלטערע שוועסטער איז געווען פארהייראַט פאר ר' מאָטעלען, דעם ראש ישיבה פון דעם אינגסטען „שיעור" אין ראמיילעס קלויז. א קורצע צייט נאָכדעם ווי איך בין אָנגעקומען צו ישיעה באלטערמאנצער, איז זי געשטאָרבען, און עטליכע מאָנאַט שפּעטער האָט ר' מאָטעלע — א קליינער אידעל מיט א שיטערע געלע בערדעל — חתונה געהאט מיט ישיעה'ס עלטסטע טאָכטער. די כלה איז אפשר אלט געווען פופצעהן יאָהר. פריהער האָבען איהר פאָטער'ס תלמידים אויף איהר געקוקט ווי אויף א קליינע מיידעלע, במעט אונזער גלייכען. מיר פלעגען איהר זאָגען „דו". ר' מאָטעלע'ס זוהן פון דער ערשטער ווייב איז געווען עלטער פאר איהר. ווען איך האָב איהר צום ערשטען מאָל געזעהן אין א פארוק, האָב איך זיך צולאכט, און זי האָט זיך פארשעמט. איהר מאמע האָט זיך אויף מיר אָנגעבייזערט, און מיר שטרענג פארזאָגט איך זאָל גע־דענקען, אז זי איז ניט קיין מיידעל, נאָר א ווייבעל.

פון די אינגלאך וואָס האָבען געלערענט מיט מיר צוזאמען אין ישיעה'ס חדר, אין נאטאנזאָן'ס הויף, געדענק איך פיר. איינער פון זיי האָט געהאט דעם רבין'ס נאָמען — ישיעה'סע. ער איז געווען דער זוהן פון שמעון דניאל דעם „בורר". זיין פאָטער'ס באשעפטיגונג איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער פלעגט אויסגלייכען סכסוכים צווישען געשעפטס־לייט, אָדער זיי געבען עצות. ער האָט געהאט א שם פאר א קלוגען מענשען; און אזוי ווי זיינער א ברודער איז געווען א רייכער געשעפטס־מאן, איז ער באקאנט געווען מיט דער גאנצער סוחרים־וועלט און ווען עס פלעגט זיך מאכען עפּעס א צוזאמענשטויס, און עס האָט ניט געהאלטען ביים גיין אין „סוד" (געריכט), פלעגט מען זיך ווענדען צו איהם.

גאנץ אלט־מאָדישע מענשען האָבען אין אזא פאל געהאט א

„דין־תורה". ר' שמעון דניאל'ס קליענטען אָבער זיינען מייסטענס געווען מעהר אָדער וועניגער היינט־וועלטיגע מענשען. און ער אליין איז אויך געווען מעהר אָדער וועניגער א היינט־וועלטיגער. ער איז געווען געקליידט ווי א מאָדערנער בעל־הבית, און מיט זיינע גרויע האָר און אינטערעסאַנטען פּנים האָט ער געמאכט אַן איינדרוק פון א חכם — אזוי וועניגסטענס איז דאַן געווען מיין מיינונג.

איינמאָל, ווען ער האָט באַזוכט אונזער חדר, און ער האָט זיך מיט'ן רבי'ן פאַנאַנדערגערעדט וועגען עפּעס א פאמיליען אַנגעלע־גענהייט, האָט ער באַמערקט מיט א זיפץ:

— אזוי ווי איהר זעהט, ר' ישיעה. די גאַנצע וועלט קען איך געבען עצות, און זיך אליין קען איך קיין עצה ניט געבען.

איך געדענק ווי ער האָט אויפגעוועקט מיין סימפּאַטיע מיט דיזע ווערטער, און ווי איך האָב זיך געטראַכט: ווי קלוג ער רעדט! טאַקע א גרויסער חכם!

זיין איינגעל איז געווען דער שעהנסטער אין אונזער חדר, און אָנגעטאָן איז ער אויך געווען שעהן. ער האָט זיך געהאַלטען גרויס. איך פלעג איהם איבער־קרימען און מאַכען פון איהם חוזק. און די אינגלאַך האָבען דאָס ליב געהאַט צו זעהן. ער איז אָבער ניט געווען קיין שלעכטער אין נאַטור. אויף א געוויסע צייט פלעגען מיר זיין „חברים", און זיך טיילען מיט די גוטע זאַכען וואָס מיר האָבען געבראַכט פון דער היים. דערנאָך פלעגען מיר זיך צוקריגען און איך פלעג „איבערמישען" (איבערקרימען) זיין „גרויסקייט ביי זיך". דאַן פלעגען מיר זיין ברוגז א פּאָר וואָכען.

א צווייטער איינגעל, וועלכען איך געדענק פון דיזען חדר און פון דיזער צייט, איז געווען דער זוהן פון א אידען, וואָס האָט גע־האַלטען א סקלאַד פון ברעטער, אראָפּ זאַוואַלנע גאַס. פאַרביי־געהענדיג יענעם הויף פלעגט מען זעהן ווי מען צוזעגט א לאַנגע קלאָץ אויף ברעטער. די קלאָץ ליגט אויף הויכע אונטער־האַלטערס. איין זעגער שטעהט אויפ'ן קלאָץ און א צווייטער אונטער איהר; און אזוי זעגען זיי איהר, פיהרענדיג די זעג פון אויבען אראָפּ און פון אונטען ארויף.

דיזען איינגעל געדענק איך, ווייל אין דער צייט ווען מיר זיינען געגאַנגען אין חדר צוזאַמען, איז געשטאָרבען זיין מאַמע. עס איז

געווען א סענסאַציע. דער רבי, און הויפּטזעכליך די רביצין, האָבען געפּאַדעט אַרום איהם, געזיפּצט קוקענדיג אויף איהם. ער איז געווען דער „העלד פון טאָג". איך גלויב אז דאָס איז געווען דער הויפּט פּונקט פון דעם אינטערעס וואָס מיר, אינגלאַך, האָבען געהאַט אין דער טראַגעדיע. דעם אומגליק גופא האָבען מיר ניט אָפּגעשאַצט. קיין רחמנות אויפ'ן יתום האָבען מיר ניט געפּיהלט. אדרבא, מיר האָבען איהם נאָך מקנא געווען, פאַרוואָס מען מאַכט מיט איהם אַזא פאַראַד; און אויב מיר האָבען איהם אַרויסגעוויזען אויפמערקזאַמ־קייט, איז דאָס געווען טאַקע ווייל ער איז געווען דער „העלד פון טאָג". איך געדענק א נאַרישע פראַגע וואָס איך האָב איהם געפרעגט:

—וואָס טוסטו ווען דו קומסט אהיים? דו וויינסט?

און ער האָט געענטפערט ערנסט:

— אַביסעל. דער טאַטע וויינט שוין ניט מעהר.

א דריטער אינגעל איז געווען דער זוהן פון א רייכען גלעזער. זיין פאָטער פלעגט אָננעמען פאַדריאַדען אויף אַריינצושטעלען שויבען אין קאַזיאָנע געביידעס, אין רייכע פריצישע וואוינונגען אָדער אין קירכען. ער פלעגט אונז דערצעהלען וועגען דעם. זיין מו־טער איז שוין לאַנג געווען טויט. ביי זיין „מוהמען", דאָס הייסט, ביי זיין שטיף־מוטער, האָט געפעהלט די אונטערשטע לופּ (פון אַן אָפּעראַציע מסתמא). זי פלעגט דאָס פאַרשטעלען מיט א שוואַרצע פאַטשיילקע, וועלכע זי האָט געטראָגען אַרומגעבונדען אַרום געזיכט. איהר פּנים איז פון דער נאַטור געווען זעהר א שעהנער, און זי איז געווען פיל אינגער פאַר איהר מאַן. טראָץ איהר פעלער איז ער אין איהר געווען שטאַרק פאַרליבט. זיין אינגעל פלעגט דאָס אונז אַלץ דערצעהלען.

דעם גלעזער'ס אינגעל האָט געקענט אויף אויסווענינ אַלע ווערטער פון אליקום צונזער'ס לידער, און מיר ביידע פלעגען זיי זינגען מיט גרויס באַגייסטערונג. הויפּטזעכליך געדענק איך ווי מיר פלעגען זינגען זיין „אייזען־באַהן". עס זיינען געווען צוויי נגונים דערצו, פלעגען מיר פריהער זינגען מיט איינעם, דערנאָך מיט'ן צווייטען.

א פערטער אינגעל, וועמען איך געדענק, איז געווען א

שווארצער, א דארער, אזוי ווי אן איינגעטרוקענטער. מיר פלע־
גען איהם רופען „לאבודרע“.

מיין ערשטער זמן ביי ישיעה באלטערמאנצער איז געווען
א זומער. און איך פלעג אפט זעהן אייזיק מאיר דיק'ען אויפ'ן
הויף. ער פלעגט אומשפאצירען, מיט לאנגזאמע טריט, אין
מעשטעס (שטעק־שיך), מיט א פלאכע היטעל אויפ'ן קאפ, אי־
מער מיט א לולקעלע אין מויל און אימער מיט א שמייכעל אויף
די ליפען. דער שמייכעל איז געווען א איראנישער, ניט קיין
פריינדליכער.

מיר, קינדער, האבען געוואוסט, אז ער שרייבט „ביכלעך“.
מיר האבען געוואוסט, אז צו זיינע „ביכלעך“ פארהאלטען זיך אי־
דען ניט מיט רעספעקט, ווייל זיי זיינען געשריבען אויף אידיש.
מיר האבען אבער געוואוסט, אז ער האט אנגעשריבען א העברע־
אישען ביכעל אויך און אז טראץ זיינע „ביכלעך“, ווערט ער בא־
טראכט אלס א וויכטיגע פערזאן.

זיין פרוי איז געווען א גרויסע, פולע אידענע. זיי האבען
געהאט א געשטודירטען זוהן, פון א יאהר עטליכע און דרייסיג
אדער מעהר, איז ער געווען עהנליך צו איהר. און דעם זוהן'ס זיהן
זיינען אויך געווען עהנליך צו איהר. דער עלטסטער פון די
אייניקלעך איז געגאנגען אין גימנאזיע, און אין יענע צייטען איז
א אידישער גימנאזיסט אין ווילנא נאך געווען א זעלטענע ערשיי־
נונג. אזוי ווייט אין היינט־וועלטיגקייט זיינען נאך די אידען פון
אונזער שטאדט ניט אוועק. ווען א רייכע פאמיליע האט אראפ־
גענומען די האנט פון הארצען און זיך באשלאסען צו געבען א
אינגעל א „גויאישע“ ערציהונג, פלעגט זי איהם שיקען אין
ראבינער שוהל, און פון דארטען פלעגט ער פאהרען שטודירען אויף
דאקטאר. דאס איז שוין אויך געווען טריף גענוג, און סענסאציא־
נעל געגוג. אבער פאר אייזיק מאיר דיק'ס א זוהן — א הויי־
כער, א בלאנדער, א שעהנער, א געגאלטער, אן עכטער גוי —
איז קיין זאך ניט געווען טריף גענוג.

נאטאנזאן, דער מאן מיט דעם „גאלדענעם גארגעל“, האט
אויך אויסגעזעהן ווי אן עכטער גוי. ניט קיין הויכער, מיט ברייטע

פּלייצעס, מיט א גרויסע קאָפּ געקרייזעלטע דונקעל־ברוינע האָר, האָט ער אויסגעזעהן ווי א פּיאניסט. אזוי וואָלט איך היינט געזאָגט. דאַן אָבער איז ער פאר מיר געווען א בילד פון א שטאָרטישען פּוילישען פּריץ.

ער האָט גערעדט מיט א דיקען, האלב־הייזעריגען באַס, וועלכער האָט געשטימט מיט די מעשות וועגען זיין גילדערנעם נאָרגעל. מעגליך, אז ער האָט געליטען אויפ'ן האלז. ער האָט אָבער אויסגעזעהן פּאָלשטענדיג געזונט און שטארק.

זיין פרוי איז געווען אינגער פון איהם, און זי איז גע־ווען זעהר א שעהנע, א הויכע, א שלאנקע, און א אינטערעסאנטע. אז זי איז געגאנגען מיט די אייגענע האָר, איז איבעריג צו באַ־מערקען. די אינגלעך האָבען דערצעהלט אז צווישען זיי איז „געווען א ליבע" פאר דער חתונה. דאָס הייסט אָבער ניט גאָט־ווייס־וואָס. עס הייסט נאָר, אז וועגען אידען פלעגט מען דאָס וואָרט „ליבע" אדער „ליבען" ניט געברויכען; אז אזא אויס־דרוק איז געגאנגען נאָר אויף פּריצים. ווען א אידישער חתן האָט ליב געהאט זיין כלה, פלעגט מען זאָגען אז „ער ווייל איהר", „זי געפעלט איהם שטארק", „ער חלש'ט פאר איהר". ליבען האָבען געליבט גוים, און הויפּטזעכליך פּריצים.

אייזיק מאיר דיק'ס פרוי איז געווען א מלוה'טע. זי האָט געגעבען געלט אויף פּראָצענט. מיר דאכט אָבער, אז די געלט איז געווען דעם זוהן'ס. איך אליין פלעג א געוויסע צייט צו זיי קומען מיט וואָכער. מיין פאָטער האָט ביי זיי געליהען א גע־וויסע סומע.

אויף דעם זעלבען הויף האָב איך א פּאָר מאָל געזעהן דעם באריהמטען ווילנער מאָטקע כאַבאד. ער איז געווען א איד פון די מיטעלע יאָהרען, העכער ווי פון מיטעלען וואוקס, מיט א גליי־כער פינגור. ער האָט געהאט א קורצע בערדעל און אַרויס־סטאַר־טשענדיגע, גרויסע אויגען. ער האָט אימער געטראָגען א לאַנ־גען, ברוינעם ראָק, מיט צוויי קנעפּ פון הינטען און אין האנט פלעגט ער טראָגען א דיקען שטעקען.

אין ישיבה באלטערמאנצער'ס חדר האָב איך וועגען איהם גע־

הערט אן אנעקדאט: ער האט פון זיינעם א רבי'ן אמאל געמאכט שפאס מיט אן אונאנשטענדיגען וויץ, האט דער רבי איהם פאר־שאלטען, אז ער זאל מוזען ציהען זיין חיונה אלס „חבר" ("חכמה, בינה, דעת"), דאס הייסט, אלס וויצלינג.

איינמאל, ווען איך בין געגאנגען פון חדר אהיים, איבער קליין־סטעפאן גאס, איז מיר אויסגעקומען צו געהן הינטער איהם; האב איך איהם איבערגעיאגט און אויסגעשריען: „מאטקע כא־באר!"

ער האט זיך נאך מיר אביסעל נאכגעיאגט מיט זיין שטע־קען, — אפשר נאר אויף שפאס. איך בין אבער געלאפען שנע־לער פון איהם.

פארבייגעהענדיג וועל איך שוין אויך דערצעהלען וועגען דעם צווייטען באריהמטען ווילנער וויצלינג פון יענער צייט — וועגען שייקע פייפער. איהם האב איך אויך געזעהן עטליכע מאל. איך האב זאגאר געהאט די זכיה פון איהם צו קריגען א קניפ. ער איז געווען עלטער פון מאטקע'ן און שוין כמעט א בלינדער. איין מאל בין איך געזעסען לעבען איהם אין זא־וועל'ס שול, אין אונזער געגענט. מען האט געווארט אויף א מגיד, וועלכער האט פארשפעטיגט, און ער האט געזאגט עפעס א וויץ וועגען דעם.״ אין וואס דער וויץ איז באשטאנען גע־דענק איך שוין נישט. איך גערעדנק נאר, אז ער האט עטליכע מאל געזאגט: „ער וועט שוין קומען", און אז די ארומיגע מענ־שען האבען דערפון שטארק געלאכט. מסתמא איז דאס געווען פארבונדען מיט א ווארט־שפיל. פון דער אנדערער זייט איז לע־בען איהם געזעסען אן אנדער אינגעל. האט ער אונז ביידען גע;עבען א קניפ צו דער זעלבער צייט, און דערביי האט ער אויך געזאגט עפעס א וויץ. איינער פון די דערבייאיגע אידען האט צו אונז באמערקט, אז פון דעם קניפ טארען מיר ניט וויי־נען, ווייל אז ר' שייע טוט עפעס, דארף מען לאכען, ניט וויינען.

אין יענער צייט איז ער נאך געווען א משורר אין דער גרויסער שוהל און איך געדענק גאנץ גוט ווי ער פלעגט „פייפען". דאס הייסט: זינגען אויף זיין באריהמטער פאלצעט שטימע.

8.

מײַן פאָטער וויל מיר „מאַכען פאַר א גוי". — די ראַבינער שול. — א טראַגעדיע.

ווען איך האָב ביי ישיעה באַלטערמאַנצער אָפּגעלערענט דריי זמנים, איז ביי מײַן פאָטער געבליבען א פּלאַן, אַז ער וועט מיר אַוועקגעבען אין ראַבינער־שול. פאַר אַזאַ אידען וואָלט דאָס געווען א שטוינענדער שריט. מיר ווייסען שוין אביסעל פון דער ראַבינער־שול, וואו מען האָט אַלץ געלערענט אויף רוסיש, און מען איז געזעסען אָהן היטלען, — וואו די לעהרער און די שילער האָבען געגאָלט די בערד, געשריבען אום שבת און גערויכערט פּאַפּיראָסען אום שבת. שיקען א איינגעל אין ראַבינער־שול האָט געהייסען: „מאַכען איהם פאַר א גוי".

ווער איז געגאַנגען אין דער ראַבינער־שול? כ'האָב שוין געזאָגט, אַז רייכע „היינטיגע" פאַמיליען פלעגען זייערע קינדער אהין שיקען. עס זיינען אויך געווען אָרימע משפחות, ניט קיין פרומע, „אויסגעלאָסענע", וואָס זייערע זיהן זיינען געווען „ראַבינטשיקעס". ווייטער זיינען מעהרסטע פון די שילער געווען געוועזענע ישיבה־בחורים פון אַנדערע שטעדט, זיי האָבען אין ווילנא ניט געהאַט פאַר וועמען מורא צו האָבען. אָפּט פלעגט טרעפען, אַז א מיטעלער באַלעבאָס פלעגט אַריינגעהמען אַזאַ „ראַבינטשיק" צו זיך אין שטוב און איהם אויסהאָדעווען פאַר אַן איידים; אָדער אַז א אידישע מיידעל, א נייטערקע, האָט אויפגעהאַלטען א חתן אין ראַבינער־שול. מײַן פריוואַט לעהרער איז געווען אַזאַ חתן. זיין כלה איז געווען א נייטערקע. זי האָט געוואוינט מיט איהר מוטער, און ער האָט געוואוינט און געגעסען ביי זיי. דאָס איז געווען זיין נדן.

א געוויסע צאָהל פון די שילער זיינען געווען אויף „קאַזיאָנע", דאָס הייסט, אַז אין דער ראַבינער־שול האָט מען זיי געגעבען עסען און טרינקען און אויך שוך־און־קליידונג—א קאָסטיום פון שוואַרצע געוואַנט מיט א שוואַרצע, ברייטע היטעל. די מאַיאָריטעט אָבער האָט געוואוינט און געגעסען פּריוואַט.

די ראַבינער־שול איז באַשטאַנען פון צעהן קלאַסען. אין די ערשטע אַכט האָט מען אויסגעשטודירט אויף לעהרער אין „קאַ־

זיאָנע" שולען פאַר אידישע קינדער. ווער עס איז דורכגעגאַנגען אַלע צעהן קלאַסען, האָט געהאַט דאָס רעכט צו ווערען אַ „קאַזיאָנער רב". אין די לעצטע צוויי קלאַסען האָט מען געלערענט גמרא אין רוסישע איבערזעצונגען. אידישע געגענשטאַנדען האָט מען אויך געלערענט אין אַלע אַכט קלאַסען. דאָס האָט אָבער נאָר פאַרנומען אַ טייל פון דער צייט. ווייטער האָט דער שילער באַקומען אַן אַלגעמיינע בילדונג אויף רוסיש, מיט דעם זעלבען קורס ווי אין אַ רוסישער גימנאַזיע, אויסער לאַטיין און גריכיש.

דער וואָס האָט געהאַט אַ דיפּלאָם פון אַכט קלאַסען ראַבינער־שול האָט געקענט אַריינקומען אין יעדען אוניווערזיטעט אין רוס־לאַנד. און אַ געוויסע צאָהל פון די שילער האָבען נאָכהער שטודירט מעדיצין. אָט דאָס האָבען געהאַט אין זינען די רייכערע פאַמיליעס, וואָס האָבען אַהין געשיקט זייערע זיהן.

בלויז די לעהרער פון אידישע געגענשטאַנדען זיינען געווען אידען. די איבעריגע זיינען געווען קריסטען. צווישען די אידישע זיינען געווען עטליכע וואָס זיינען בארימט אין דער געשיכטע פון דער השכלה און אין דער העברעאישער ליטעראַטור, ווי צום בייַ־שפּיל, דער אויבענדערמאָנטער שמואל יאָסעל פין און יהושע שטיינבערג.

די ראַבינער־שול האָט פאַרנומען אַן איין־עטאַזשיגע הויז, אויפ'ן ראָג פון טראָקער און זאַוואַלנער גאַס. דאָרטען וואו עס פאַנגט זיך אָן פאַהוליאַנקאַ.

אידישע יונגעליייט מיט ביכלעך אונטער די אָרעמס, אין קורצע רעק, אייניגע אין היטלען, אַנדערע אָהן היטלען, האָבען דאָרטען אַרומגעהאַוועט ווי ביהנען אַרום אַ ביהנשטאָק. ווען איך פלעג דאָרט אַמאָל פאַרבייגעהן, פלעגט דער פּלאַץ מיר ציהען, ווי אַ טריפה זאַך, וואָס האָט אַ קליפּה אין זיך.

פילע פון די שילער זיינען געווען אָפּגעריסען און מען האָט געקענט זעהן אויף זייערע פּנים'ער אַז זיי האָבען ניט גענוג צו עסען. אין שטאָדט פלעגט מען זיי רופען „אָקרייציקעס", דאָס הייסט, אַז זיי פרעהען זיך ווען זיי כאַפּען ערגעץ וואו אַ שטיקעל „סקאָרינקע" צום עסען. און דאָך האָט מיך געצויגען אַהין.

דאָס וואָס איך האָב געלערענט ביי מיין רוסישען פריוואַט־לעהרער האָט דער דאָזיגער קליפּה צוגעגעבען קראַפט.

מיין פאָטער האָט געזאָגט אז ער וועט מיר לאָזען געהן אין ראַבינער־שול, און איך בין געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל. ווי קומט ער אָבער צו אזא געדאַנק? וואָס וועט דער פעטער עזריאל זאָגען? וואָס וועט זאָגען עליעטשקע? וואָס וועלען זאָגען די פרומע אידען, פון סטראַשונער'ס קלייזעל וואו ער האָט געדאַוונט?

דער לעזער ווייס שוין וועגען דעם צוזאַמענשטויס וואָס איז פאָרגעקומען אין מיין פאָטער'ס גייסט. זיינע „היינטיגע" אַמבי־ציעס וועגען מיר זיינען אין איהם געוואַקסען, ביז ער האָט זיך באַשלאָסען צו טאָן דעם איבערראַשענדען שריט.

ס'האָט געקאָכט, גאַנצע טעג האָט ער געפיהרט דעבאַטען, ער האָט אַלעמען פאַרזיכערט, אז זיין „אַלטער" וועט בלייבען אַן עהרליכער איד. „אַט וועט איהר זעהן!" און פון די דעבאַטען גופא איז ער באַגייסטערט געוואָרען.

דאָס איז געווען אין ענדע זומער, ביי דעם אָנהויב פון דעם נייעם לעהר־יאָהר. איך בין שוין געווען צוגעפּערטיגט אָנצוקומען אין ערשטען קלאַס. און אויף מאָרגען האָט מיר דער לעהרער באַ־דאַרפט פיהרען אין יענעם הויף, אויפ'ן ראָג פון טראָקער און זאַוואַלנער גאַס, צו וועלכען עס האָט מיך אַזוי געצויגען.

פּלוצלונג האָט מיין פאָטער פאַרלאָרען זיין מוט. א געוויסער איינפלוס האָט גענומען שטאַרק ווירקען אויף איהם. דאַכט זיך, אז א באַלעבאָס, א למדן, וועלכער פלעגט אָפט אריינקומען צו אונז אין שענק, האָט דאָ געשפּילט די וויכטיגסטע ראָלע.

א באַדייטונג האָט מסתמא אויך געהאַט דער פאַקט, אז עס איז געווען אלול. און אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט ער דאַן גראָד געהערט א באַריהמטען מגיד. איך געדענק, הגם ניט דייטליך, אז ער איז געקומען פון דער דרשה א צובראָכענער.

מיין פאָטער האָט ערקלעהרט, אז ער וועט פריהער זיך געהן זעהן „מיט'ן שווער" — מיט מיין מוטער'ס פאָטער, הייסט עס.

געוועהנליך האָט מיין זיידע'ס מיינונג ביי איהם קיין ראָלע ניט געשפּילט. דאָ איז אָבער געווען א ספּעציעלע לאַגע. ווי איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, האָט ער געוואָלט אז מיין זיידע זאָל

מיט איהם טיילען די פאראנטוואָרטליכקייט פאר דעם גרויסען שריט.

דער זיידע האָט געזאָגט „ניין", און איך בין געבליבען לערנען ביי ישיעה באַלטערמאַנצער.

ארום יענער צייט, אומגעפעהר, איז ווילנא אויפגערודערט געוואָרען פון א טראַגעדיע, וועלכע האָט געטראָפען אין א קרעטשמע א פאָר מייל פון שטאָדט. א גאַנצע פאַמיליע, א אידישע, איז אויסגע'הרג'עט געוואָרען דורך קריסטען—א פינף־פאַכער אָדער זעקס־פאַכער מאָרד מיט דעם צוועק צו באַרויבען. די גזלנים האָט מען גלייך געכאַפט און מען האָט געוואוסט אַלע שוידערליכע איינצעלהייטען פון דער בלוטיגער סצענע. איך געדענק, צום ביישפיל, ווי מען האָט דערצעהלט אַז איינער פון די באַנדיטען האָט אָנגענומען א וויינענדיגען קינד פאר די פיסלאַך און איהר אַזא שליידער געטאָן מיט'ן קעפעלע אָן אויוון, אַז דער מאָרך איז ארויסגעזעצט געוואָרען.

די הרוגים האָט מען געבראַכט צו קבורה אויפ'ן ווילנער בית־עולם, און מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס יענעם טאָג האָט זיך אָפּגעטאָן. מען האָט געזאָגט אַז עס איז ניטאָ קיין טרוקענע פאָר אויגען אין שטאָדט. און דאָס איז ניט געווען שטאַרק איבערטריבען.

צו דעם שוידער און רחמנות איז צוגעקומען א געפיהל פון אַן אַנדער סאָרט: דער אומגליקליכער קרעטשמער האָט געהאַט א שונא, א קאָנקורענט, און מען האָט חושד געווען, אַז יענער האָט דאָס אויף איהם אָנגערייצט די מערדער. דער באַשולדיגטער האָט געלייקענט. אַלזאָ האָבען אידען געפאָדערט אַז ער זאָל שווערען זיין אונשולד פאר די טויטע, אין טהרה־שטיבעל, וואו די מתים זיינען געלעגען איידער מען האָט זיי מקבר געווען.

איך בין געשטאַנען לעבען דעם טויער פון בית עולם בשעת מען האָט איהם אהין געבראַכט (אינוועניג אריינגעהן האָב איך, צו מיין גרויסען באַדויערען, ניט געטאָרט, ווייל איך בין א כהן). דער עולם איז געווען זייער גרויס, און כהנים זיינען אויך געווען א היבשע צאָהל; זיינען מיר אַלע געשטאַנען פון דרויסען און געקוקט.

דעם אידען, וועלכען מען האָט חושד געווען, האָט מען געפיהרט ווי א פארברעכער — ניט געפיהרט, נאָר געשלעפּט.

אפשר האָט ער ווען עס איז פון די קריסטליכע שכנים געזאָגט אז יענער קרעטשמער האָט געלט און דערפון איז דאָס ארויסגעקומען דער פינף אָדער זעקס־פאכער מאָרד. און אפשר איז ער אויף אזוי פיל אויך ניט געווען שולדיג. אז ער האָט די מערדער פשוט „אָנגערייצט" אויף זיין שונא, איז יעדענפאלס ניט וואהרשיינליך.

9.

די מגפה.

צו דער ראבינער שוהל האָט מען מיר צוגעפּערטיגט אין 1871. אין זומער פון דעם זעלבען יאָהר האָט אין ווילנא און אין די ארומיגע געגענדען אויסגעבראָכען א כאָלעריע מגפה — איינע פון די נאָכוועהענישען פון דער מלחמה צווישען פראנקרייך און פרייסען.

די מלחמה גופא, ווי ווייט זי האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין די געשפּרעכען וואָס איך האָב געהערט ארום זיך, געדענק איך גאַנץ גוט. אויך ערמאָנער איך זיך אָן אייניגע סצענעס, וואָס זיינען געווען פארבונדען מיט אזעלכע געשפּרעכען. צום ביישפּיל, אונזערער א שכן איז געווען אזוי באגייסטערט פאר'ן „פראנצויז", אז ער האָט אמאָל גענומען צוויי גלעזער, זיי צוזאמענגעשטויסען, און אויף דער וואָס איז געבליבען גאַנץ, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז דער פראנצויז!"

וועגען דער מלחמה האָט מען גערעדט אומעטום, הויפּטזעכליך אין די שוהלען, פאר'ן דאווענען און נאָכ'ן דאווענען. מיין טאטע פלעגט לייענען די מלחמה־באריכטען אין די העברעאישע צייטונגען וואו די „נייעס" איז געווען, ווענינגסטענס, א מאָנאט אלט.

פון דער פאריזער קאָמונע און איהר בלוטיגען סוף האָב איך דאַן ניט געהערט, און עס איז זעהר מעגליך, אז מיין טאטע האָט אויך וועגען איהר ניט געהאַט קיין באגריף.

די כאָלעריע איז געווען די שרעקליכסטע ערשיינונג, וועלכע איך האָב דורכגעלעבט אין מיינע קינדער־יאָהרען. פילע פון אונזע־

רע באקאנטע זיינען אין איהר אומגעקומען. יעדען פרייטאָג פאר־נאכט האבען מיינע עלטערען זיך געזעגענט מיט אלע קונדען פון אונזער שענק, ווינשענדיג איינע די אנדערע, אז מען זאָל זונטאָג דערלעבען זיך צו זעהן געזונטערהייד. און יעדען זונטאָג האָט אימעצער געפעהלט.

צווישען די קרבנות איז געווען ישיעה׳ס א טאָכטער, א מיידעלע פון א יאָהר צעהן. זי איז קראנק געוואָרען און מען האָט איהר גענו־מען אין הקדש. איך האָב איהר געזעהן דורכ׳ן פענסטער ליגענדיג אין איהר בעטעל, וואו אין א פּאָר שטונדען ארום איז זי געשטאָרבען. דאָס האָט אויף מיר געמאכט א טיפען איינדרוק.

כ׳האָב געזעהן ווי מענשען געהען ארום געזונטע און פרישע, און ווי פּלוצלונג באפאלט זיי די קראנקהייט, פון וועלכער עס איז דאָס רוב ניט געווען קיין רעטונג. זיי ווערען בלאַס, עס ווערט זיי ניט גוט, מען נעהמט זיי צו — און אין פילע פאלען הערט מען דערנאָך אז זיי זיינען געשטאָרבען.

א טויט־שרעק האָט אין שטאָדט געהערשט. אויף יעדען פּנים איז זי געלעגען.

אין פארשידענע קווארטאלען האָט מען ארגאניזירט „קאָמי־טעטען". אויף א הויף האָט מען אוועקגעשטעלט טישען מיט סאמאָווארען. מען האָט געגעבען טיי און געוויסע טראָפּענס יעדען וואָס האָט נאָר פארלאַנגט. אלע ווייליע פלעגט מען פון גאס אריינ־ברענגען א קרבן וואָס האָט אליין שוין ניט געקענט געהן.

איין קאָמיטעט אזעלכער האָט זיין הילפס־פּונקט געהאט אויף כּאָמינסקי׳ס הויף, וואו מיין זיידע האָט געוואוינט. פילע זיינען קראנק געוואָרען איינפאך פון שרעק, און אזעלכע האָט מען לייכט נעבראכט צו זיך. דער פּראָצענט פון טויטע איז אָבער געווען גרויס.

יעדער האָט געטראָגען אין קעשענע א פלעשעלע „טראָפּענס" מיט א שטיקעל צוקער. אז מען פלעגט אָנהויבען פיהלען ניט גוט, פלעגט מען ארויפגיסען א פּאָר טראָפּענס אויף די צוקער און דאָס אריינגעמען אין מויל. שרייבענדיג דיזע ווערטער פיהל איך דעם ריח פון די טראָפּענס. וואו מען איז געשטאנען און געגאנגען האָט מען איהם דאָן געפיהלט.

10.

ראָם'ס דרוק. — „יאַנקעלקע". — רוסישע שריפט. — מעשות. — אַ װײץ. — חתימה'לעך. — עטליכע פון מײנע חברים. — אַ ברונעם. — א ניט־באַצאָהלטער חוב.

ישיעה באַלטערמאַנצער האָט זיך אריבערגעקליבען אויף אַ נײער דירה — אויף יודע מאַנסקי'ס זאַוואוליק, אין אײנעם פון די צוויי הויפען פון דעם באַריהמטען ראָם'ס דרוק. די גרויסע אי־דישע דרוקערײ און די פאַרוואַלטונג איז געווען אויף'ן צווײטען הויף. דאָ האָט זיך געפונען נאָר די רוסישע אָפּטײלונג, און זי האָט געשפּילט א גאַנץ קלײנע ראָלע; ווארים קײן אויפלעגער פון רוסישע ווערק זײנען די ראָמס ניט געווען. זײ האָבען בעדאַרפט רוסישע שריפט נאָר צו אַזעלכע ספרים, ווי א סדור מיט א רוסישער איבערזעצונג, אָדער צו אַ רוסיש־אידישען ווערטער־ביכעל; און אַזעלכע אויסגאַבען זײנען געווען אַ קלײנע און זײטיגע טײל פון זײער געשעפט.

די רוסישע דרוקערײ איז געווען אויף דעם אויבערשטען עטאַזש פון אַן אײן־עטאַזשיגען מױער'ל, און אונטער איהר איז געווען אונזער חדר. אויף דעם זעלבען הויף האָט זיך געפונען נאָך אַ מויער, און ער איז אין גאַנצען געווען פאַרנומען מיט פּריוואַט וואוינונגען.

אנטקעגען דער רוסישער דרוקערײ און אונזער חדר האָט זיך געצויגען א לאַנגע וואַנט, וועלכע האָט געהערט צו דעם נעקסטען הויף, און אין וועלכער עס זײנען געווען צוויי, אפשר דרײ, פענסטער פון דעם אידישען דרוק. דאָרטען איז גע־שטאַנען אײנער פון די פּרעסען, און איך פלעג אָפּט שטעהן און קוקען דורך די פענסטער ווי מען ארבײט. װעגען עלעק־טרישע קראַפט צו אַזעלכע מאַשינען האָט זיך נאָך דאַן ניט גע'חלום'ט. אפילו קײן דאַמף איז בײ די ראָמס ניט געווען. די גרויסע ראָד האָבען געדרעהט צוויי ארבײטער.

א צווײטער פענסטער איז צו אונז ארויסגעקומען פון דער

סטעראָטיפּ אָפּטיילונג. דאָרטען פלעג איך קוקען אויף א אידען, וואָס איז געזעסען מיט א בערגעלע „פּאַפּ" אויף דער לינקער זייט פון זיין לינקער האנט און געקלעפּט שטיקלעך פּאַפּיר אויף דער לינקער זייט פון מאַטריצען.

די טיר צו דעם רוסישען דרוק האָט זיך געעפענט אויף א גאַניקעל, צו וועלכען עס האָט געפיהרט א משופּע'דיגער טרעפּ. ניט אימער האָט מען דאָרטען געאַרבייט. אָפּט איז די טיר גע־ווען פאַרשלאָסען, און דאַן פלעגען מיר ליב האָבען ארויפצוגעהן אויפ'ן גאַניקעל, דאָרטען זיצען און דערצעהלען זיך מעשות. איך און „יאַנקעלקע" פלעגען דאָס טאָן גאַנץ אָפּט.

עס זיינען געווען מאָנאַטען, ווען איך פלעג צו איהם קו־מען יעדען שבת נאָכ'ן עסען, ווען דער רבי האָט געשלאָפען. מיר פלעגען ארויפגעהן אויפ'ן גאַניקעל און לייענען מעשות. דאָרטען האָט מען מיר איבערגעלעזען די „מעשה בג' אחים". פון א שעהנער מעשה פלעג איך ארויסגעהן פון די כלים, און איהר איבערדערצעהלען פאַר יעדען וואָס האָט נאָר געוואָלט הערען.

דעם טיפסטען איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט א לאַנגע מעשה, וואָס אונז האָט דערצעהלט א איינגעל פון אן אנדער חדר. די טייל, מיט וועלכער זי האָט מיר ספּעציעל באַצוי־בערט, איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען:

מען זוכט אן אוצר. מען גראָבט און מען גראָבט. פּלוצלונג דערהערט מען פון אונטער דער ערד א מענשליכע שטימע. אי־מעצער זינגט. און דער געזאַנג איז פון א שלאָפענדע קינד. וואָס ווייטער מען גראָבט, אַלץ העכער קלינגט די שטימע — העכער און שעהנער. דער גרעבער ווערט פאַר'כשופט. עס לינט איהם שוין ניט אין זינען דער אוצר; ער וויל אויפגראָ־בען דאָס קינד. ער גראָבט ווייטער, ער קומט אָבער ניט צו קיין סוף. דער נגון קלינגט אַלץ שעהנער, אָבער אַלץ ווייטער.

דאָס איז אַלץ וואָס איך געדענק פון דער מעשה. איצט, ווען איך דערמאָן זיך אָן איהר, איז זי מיר זעהר אינטערע־סאַנט. פון וואַנען האָט דער איינגעל איהר גענומען? שטאַמט זי פון א ביכעל?

אויף דעם גאַניקעל פלעגען מיר אמאָל געפינען עטליכע בוכשטאַבען פון רוסישע שריפט. „דרוקערלעך" פלעגען מיר דאָס רופען. איינמאָל, דורך א שפּאַלט (איך געדענק ניט ווי אזוי), זיינען מיר צוגעקומען צו א קעסטעל פון צושאָטענע בלייענע אותיות. מיר האָבען ארויסגע'גנב'עט גאַנצע הויפענס „דרוקערלעך" און מיר האָבען מיט דעם געהאַנדעלט אין חדר. ענדליך האָט דער רבי דערזעהן, און ער האָט אונז אָנגעסטראָשעט, אז מען וועט אונז ארעסטירען — ניט פאַר'ן גנב'ענען, נאָר ווייל מען טאָר ניט האַלטען קיין „דרוקערלעך". פאַרוואָס, האָט ער אונז ניט ערקלעהרט. עס האָט געדויערט א דריי־פיר יאהר איידער איך האָב פארשטאַנען וואס פאר א שטרענגע קאָנטראָל די רעגירונג האָט איבער בלייענע אותיות, און אז דאָס האָט א שייכות צו דער פראַגע פון פרייע פּרעסע.

פון די אינגלעך וואס האָבען מיט מיר צוזאַמען געלערענט אין חדר אין דיזער צייט, געדענק איך „דעם גרויסען משה'קע" און „דעם קליינעם משה'קע". דעם גרויסען געדענק איך הויפּטזעכליך, ווייל ער האָט גערעדט מיט „ימין ושמאל". ער האָט געזאָגט „שבת", און ניט „סאַבעס", און דאָס איז א גאַנץ אונגעוועהנליכע זאך אין ווילנא. ער איז געווען א ווילנער א געבאָרענער. פון וואנען ער האָט גענומען דעם דאָזיגען „שין" ווייס איך ניט. אפשר איז זיין מוטער געווען פון אן אנדער געגענד. ווען איך פלעג אין כעס ווערען אויף איהם, פלעגען מיר זיינע „אריסטאָקראַטישע" „שינען" זיין עקעלהאַפט.

דער קליינער משה'קע האָט געהאַט א פיינע דיסקאַנט שטימעלע און ער איז געווען א משורר'ל ביי דעם באַריהמטען חזן פיינזינגער.

פיינזינגער פלעגט אין דער גרויסער שוהל אָפּט דאַווענען אויף בילעטען. דאַן פלעגט זיין אזא סציסק פון דרויסען, אז מען האָט געמוזט נעהמען א פּאָר קאָזאַקען אויף צו באַוואַכען דעם אריינגאַנג. צוויי קאָזאַקען אויף פערד אין שול־הויף! דאָס האָט געמאַכט א זאָנדערבאַרען איינדרוק. עס האָט אָבער פאַרגרעסערט די באַדייטונג פון פיינזינגער'ן און פון זיין כאָר אין

די אויגען פון די שטאָדט־לייט. און משה׳קע „דער קליינער" איז געווען אַ זינגעריל אין דעם דאָזיגען כאָר! מיר, די אַנדערע אינגלאַך פון ישיעה׳ס חדר, זיינען פּראָסט געווען שטאָלץ מיט דעם, וואָס ער איז אונזערער אַ חבר. ער אַליין האָט זיך אָבער גרויס ניט געהאַלטען. ער איז געווען אַ גוטער, אַ שטילער, סימ־פּאַטישער אינגעלע. מיר האָבען איהם ליב געהאַט.

גאַנץ שטאָדט האָט איהם געקענט. מען האָט זיך אינטע־רעסירט מיט פּיינזינגער׳ס יעדען משורר, אַזוי ווי אָפּערא־באַזו־כער אינטערעסירען זיך מיט יעדען אָפּערא־זינגער.

אַ דריטען אינגעל געדענק איך, ווייל ער איז געווען דער פעטסטער פון אַלע. זיין פאָטער איז געווען אַ בערשטעל־מאַכער. ווי דאָס רוב פעטע מענשען, איז ער שטענדיג געווען גוטמוטיג און פלעגט אָפט שמייכלען. מיר פלעגען איהם רופען „דער גראָ־בער" און ער אַליין פלעגט זיך אויך אַזוי רופען.

עס איז געווען נאָך אַ גוט־אָפּגעקאָרמעטער אינגעל, אָבער אַ קלענערער אין וואוקס, ווי „דער גראָבער". איטשקע האָט מען איהם גערופען. ער איז געווען אַ פּרוכט־הענדלער׳ס אַ זוהן. ער איז אויך געווען אַ לוסטיגער און אַ גרויסער לאַכער. צום לער־נען האָט ער קיין חשק ניט געהאַט.

איינמאָל אין אַן אָווענט איז ער געזעסען און „איבערגע־חזר׳ט" די תנ"ך. ער האָט געזאָגט דעם וואָרט „תהפוכות" (איבערקעהרעניש) מיט דער אידישער פּאַרטייטשונג, געזאָגט ווידער און ווידער אויף אַ מעכאַנישען שטייגער, און זיך אָפּט פאַרקוקט און פאַרטראַכט דערביי. די מויל האָט שוין אַליין אויסגערעדט די ווערטער:

„תהפוכות — איבערקערעניש... תתפוכות — איבערקערע־ניש..."

„דער גראָבער" האָט זיך באַנוצט מיט איינעם פון דיזע מאָמענטען און איבערגעמישט עטליכע בלעטער אין איטש־קע׳ס תנ"ך. איטשקע האָט דאָס ניט באַמערקט און ער האָט אַלץ געזאָגט:

„תהפוכות — איבערקערעניש... תהפוכות — איבערקע־רעניש..."

„דער גראָבער" האָט אָנגעוויזען דעם רבי'ן אויף דעם, און דער רבי האָט דעם שולדיגען זיך געהייסען לייגען אויפ'ן בענקעל און איהם אָפּגעשמיסען.

— דריי מאָל איבערגעקערט! — האָב איך אויסגעשריען — תהפּוכות איבערגעקערט, די בלעטער איבערגעקערט און איטש־קע'ן אַליין אויך איבערגעקערט!

— זעה, אז איך זאָל דיר אויך ניט איבערקערען, — האָט דער רבי מיר געסטראשעט.

פונדעסטוועגען האָט ישיעה מיין וויץ איבערדערצעהלט מיין טאַטען, און מיין טאַטע האָט זיך מיט דעם באַריהמט פאַר די שכנים.

דאָס איז געווען מיין לעצטער חדר, און איך געדענק כמעט אַלע אינגלאַך, וואָס האָבען דאָרטען געלערענט מיט מיר צוזאַ־מען די לעצטע פּאָר זמנים. אין סך־הכל האָב איך ביי ישיעה באַלטערמאַנצער פאַרבראַכט זעקס זמנים.

ער האָט געקענט קריצען חתימה'לעך („יאַנקעלקעס" האָט די „קונסט" פון איהם גע'ירש'ענט), און אַז אַ תלמיד פלעגט איהם קויפען אַ פּעקעל טאַבאַק צום רויכערען, פלעגט ער איהם מאַכען אַ חתימה'לע דערפאַר. לערנענדיג, פלעגט ער אָפּט אויסגראָבען בוכשטאַבען אין אַ שטיקעל שטיין (מייסטענס רשי־כתב) און אָפּט פלעגט ער דערביי האַלטען אין מויל דעם לאַנגען טשיבוק פון זיין ליולקע. זיינע קורצזיכטיגע אויגען פלעגען ליגען כמעט אויפ'ן שטיין, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנט; דער רויך פלעגט געהן דורך דער לאַנגער געדיכטער באָרד, און זיין „סנע־לען" פלעגט אַרויסקומען מיט אַ טשיבוקענער אויסשפּראַך און אַ שווערע פאַרמאַטערטע שטימע.

דער רבי האָט געוואוינט צוזאַמען מיט אַן אַנדער פאַמיליע. דער עלטערער זוהן פון דיזער פאַמיליע איז געווען אַ שילער אין ראַבינער־שול, וואו ער האָט געוואוינט און געגעסען „אויף קאַ־זיאָנע". ווען ער פלעגט קומען אַהיים אין זיינע שווארצע גע־וועגטענע קליידער, פלעג איך פון איהם די אויגען ניט אַראָפּ־

נעהמען. ער איז געווען א הויכער יונג, שעהן געוואקסען, מיט א שעהנעם, קיילעכדיגען פנים. און דאס האט פארגרעסערט מיין אינטערעס אין איהם. אבער ווען ער וואלט ניט געווען קיין שעהנער, וואלט ער מיך אויך געצויגען צו זיך. יעדער ראבינטשיק האט געוועקט א טיפע נייגעריגקייט און רעספעקט אין מיר.

זיין מוטער האט מיט איהם שטאלצירט. מיין רבי פלעגט אויף איהם קוקען קרום, ווי אויף א גוי. און איך בין אין איהם געווען פארליבט.

— ביסט איהם מקנא; דיך ציהט צו שמד, איך קען דאס זעהן, — האט דער רבי אמאל געזאגט צו מיר, — האסט אבער א טעות, אלטער, דיין טאטע איז אן עהרליכער איד; ער וועט דיר פאר א גוי ניט מאכען.

ישיעה באלטערמאנצער'ס צווייטער חדר קומט מיר ארויף אויפ'ן זינען כמעט יעדעס מאל, ווען איך הער דעם ווארט „ברונעם", ווארים אויף יענעם הויף האב איך געזעהן, ווי מען גראבט א ברונעם — פון דעם ערשטען רידעל ערד, וואס מען האט ארויסגענומען, ביז אלץ איז געווען פארטיג. ווארשיינליך איז דאס געווען א פלומפ, ווארים קיין אפענע ברונימער זיינען אין ווילנא ניט געווען. ווי מען האט אין דעם ברונעם איינגעשטעלט דעם פלומפ, געדענק איך אבער ניט.

מען האט איהם געגראבען אין מיטען הויף, און יעדע פרייע מינוט, וואס איך האב געהאט, פלעג איך שטעהן און קוקען. די פיער־קאנטיגע גרוב איז געווארען טיפער און טיפער, ביז עס איז געווארען א סכנה ארונטערצוקוקען. די גרעבער האט מען אראפגעלאזען און ארויפגעצויגען אין דעם זעלבען עמער, אין וועלכען מען האט ארויפגעצויגען די אויסגעגראבענע ערד.

דאס אלץ פלעג איך בעאבאכטען, ווי א פארגאפטער. און ווען אונטען האט שוין געבלישטשעט וואסער, האב איך געשפרונגען און געשריען פון התפעלות.

ווען איך האב געלערענט ביי ישיעה באלטערמאנצער, פלעג איך קויפען נאשערייען אויף א דערבייאיגען שעמער (סטענד).

דער שעמער איז געשטאַנען „ביי די יאַטקעס“, דאָרטען וואו מען קומט אַריין פון רודניצקער גאַס אָדער פון דאָבראָוואָלסקי׳ס הויף (אַן אַראָפּ־באַרגיגער דורך־הויף).

ער איז געשטאַנען כמעט ביים אַריינגאַנג צו יודע מאַנסקי׳ס זאַוואוליס, וואו דער חדר האָט זיך געפונען. געהאַלטען האָט איהם אַ מיידעל, און דאָס איז געווען אַן אומגעוועהנליכע זאַך, וואָרים דאָס רוב שעמערס האָבען געהערט צו פאַרהייראַטע פרויען. איך בין אַלזאָ געווען איינער פון איהרע „קונדען“. איך פלעג ביי איהר קויפען „מאָנעלאַך“, „אינגבערלאַך“, אמאָל אַן עפּעל אָדער אַ באַרנע, ביז זי האָט מיר גענומען געבען אויף־באָרג — צוערשט פאַר אַ גראָשען, דערנאָך פאַר אַ קאָפּיקע, און ביסלעכ־ווייז האָט מיין קרעדיט דערגרייכט ביז צוויי קאָפּיקעס. געוועהנ־ליך, האָב איך מיינע „חובות“ געצאָלט פּינקטליך. נאָר איינמאָל האָט זיך דאָס פאַרצויגען, און דאַן האָב איך זיך געשעמט פאַר איהר די אויגען צו ווייזען. איך האָב איהר גענומען אויסמיידען.

פון שבת זשירמונסקי׳ס הויף פלעג איך אין חדר געהן דורך רודניצקער גאַס אָדער דורך דאָבראָוואָלסקי׳ס הויף. מיר פלעגט אויסקומען פאַרבייצוגעהן דעם שעמער. און ווען זי וואָלט גראָד געקוקט אין מיין זייט, וואָלט זי מיר געזעהן. פלעג איך פריהער געוואָהר ווערען, וואו זי האַלט איהרע אויגען, און אויב עס איז ניט געווען קיין געפאַהר, פלעג איך געהן ווייטער, האַלטענדיג זיך ביים וואַנט.

פלוצלינג איז דער שעמער פאַרשוואונדען. די מיידעל האָט חתונה געהאַט. איך האָב זיך דערפרעהט. איך האָב זיך אָבער געשראָקען אויך. אמת, איך דאַרף זיך מעהר ניט היטען. אָבער וואָס טוט מען מיט דער עבירה? די פראַגע האָט מיך פאַרפאָלגט אַ לאַנגע צייט נאָכדעם ווי איך האָב שוין אויפגעהערט צו געהן אין חדר.

פערטער קאפיטעל.

פון צוועלף ביז פערצעהן.

1.

מיין מוטער און איהר משפחה.

מיין מוטער האָט געהאַט מעהר כאראקטער ווי מיין פאָטער. און מעהר פראקטישען שכל אויך. זי האָט ניט געהאַט די באַגייסטערונג און די בענקענישען, וועלכע האָבען געשטערט דעם פריידען פון זיין נשמה. זי האָט אָבער בעסער פארשטאַנען די וועלט. פון מיין מוהמע פייגען און פון אנדערע קרובים און באַקאַנטע פלעג איך הערען, אַז מיין מאַמע איז אַ קלוגע. איך פלעג אָבער אויך הערען, אַז זי איז אַ „שלעכטע" און אַ פארביסענע, און אַז זי „נעהמט זיך אָפּט דעם לעבען איבער גאַרנישט".

נעגען מיר האָט זי אויך אָפּט ארויסגעוויזען כעס. זי איז אָבער געווען אַ צערטליכע מוטער צו מיר, און איך האָב פאַר איהר צאָרן ניט מורא געהאַט.

זי האָט געקענט זיין גוט און פריינדליך צו אנדערע אויך, און דאַן איז זי געווען סימפּאַטיש און אינטערעסאַנט. און ווען זי איז געווען גוט געשטימט, איז אין איהר שמייכעל און אין איהרע רייד געלעגען אַ קלוגער הומאָר. מענשען האָבען זיך צו איהר געקלעפּט.

איך געדענק איהר נאָך אַלס אַ גאַנץ יונגע פרוי, ווען שבת פלעגט זי טראָגען איהר חופה־קלייד — אַ זיידענע, מיט וויינקאָלירטע און שווארצע פּאַסען. שפּעטער, ווען די קלייד איז שוין געווען צו אַלט און צו אַלט־מאָדיש, האָט זי איהר שוין ניט געטראָגען. זי איז אָבער נאָך עטליכע יאָהר געהאַנגען אין אַלמער

שיינע שרה קאַהאַן (מיין מוטער). — פאָטאָגראַפירט אין 1896.

—א דענקמאָל נאָך א צייט, ווען איך בין נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. מיר פלעגט זיך דוכטען, אז דאָס איז געווען אפשר מיט הונדערט יאָהר צוריק.

פון איהר חתונה איז איהר אויך איבערגעבליבען א פּאָר אויערינגלאך — א סך קליינע דימענטלאך אויסגעלייגט אין פי־גורען און איינגעפּאסט אין זילבער. פון צייט צו צייט, געוועהנ־ליך אין אן ערב יום־טוב, פלעגט זי זיי פּוצען מיט צוריבענע קרייד. זי האָט געהאט א ספּעציעלע בערשטעלע דערצו.

פרייטאָג בייטאָג, ווען איך פלעג קומען פון חדר, פלעגט זי מיך שיקען קויפען פּאר דריי גראָשען „קאסער" (מאקקאסער)־אויל — א רויטער בוימעלדינגער שטאָף, מיט וועלכען זי פלעגט באזאלבען איהר פּארוק.

ווען איך בין אלט געווען צעהן אָדער עלף יאָהר, איז אין דער מאָדע אריין א „סיניאָן" — צוויי אָדער דריי פלעכטלאך האָר צוגעטשעפּעט הינטער'ן פּארוק. און דיזע מאָדע האָט זי נאָכגעטאָן.

זי איז געווען פרום, אָבער אויף א געלאסענעם שטייגער. געוועהנליך פלעגט זי שבת געהן אין שוהל, מיט איהר גרויסען „קרבן־מנחה" סדור אונטער'ן אָרעם. און אויב ניט, פלעגט זי דאווענען אין שטוב, זאָגען שטילענקערהייד די ווערטער, מיט אן ערנסטער מינע, וועלכע איז אין מיינע אויגען געווען פול מיט חן. פילע יאָהרען שפּעטער, שוין זייענדיג לאנג אין אמעריקא, ווען איך פלעג זיך אָן איהר דערמאָנען, פלעגט זי מיר מייסטענס פּאָר־קומען אין דיזען בילד: זי זיצט איבער'ן סדור, און איהרע ליפּען באוועגען זיך מיט דער רוהיגער פרומער ערנסטקייט, וועלכע איז מיר געווען אזוי ליב.

אידיש האָט זי געשריבען מיט א גוטער האנד־שריפט. רו־סיש האָט זי אויך געקענט שרייבען און דייטש אויך — אביסעל בעסער ווי רוסיש. ווען זי איז געווען א מיידעל, האָבען איהר די עלטערען געשיקט אין א פּריוואט־שול פאר בעל־הבתישע מייד־לעך, און דאָרטען האָט מען זיי געלערענט דייטש מעהר ווי רו־סיש. קיין סך האָט מען זיי אָבער ניט אויסגעלערענט. איהר

אמאָליגען לעהרער האָב איך אָפט געזעהן אויפ'ן גאס — א הויכער שלאַנקער אלטער מאַן, אין א פעלערינע און אין א שטרויענער הוט. שרייבער האָט ער געהייסען. מיין מוטער פלעגט וועגען איהםריידען מיט א צערטליכען רעספעקט.

איהר פאָטער, שלמה גאָלדארבייטער, האָט געהאַט א ווייסע באָרד, און אנדערש האָב איך איהם קיינמאָל ניט געקענט. ער איז געווען א שמוקלער, און ווען מיין מוטער'ס מוטער האָט געלעבט, האָט ער — ריכטיגער געזאָגט, זי — געפיהרט א געשעפט. ער איז געווען א גאַנץ געוועהנליכער איד. לערנען האָט ער ניט געקענט, הגם ער האָט ליב געהאַט צו שפּילען א ראָלע פון א באַלעבאַטישען למדן. אין חסיד'ס קלויז (די באַריהמטע קלויז פון דעם ווילנער גאון), וואו ער האָט געהאַט א „שטאָדט", פונקט אנטקעגען ארון־קודש, פלעגט ער און נאָך אַלטע לייט יעדען מאָרגען נאָכ'ן דאַוונען זיצען ביי א „שיעור". מיין טאַטע פלעגט זאָגען, אז ער פארשטעהט ניט די גמרא און ווערט אנטשלאָפען איבער איהר, און איך האָב געוואוסט, אז עס איז אמת; אָבער מיין מוטער פלעגט ווערען אין כעס דערפאַר, און דיזער כעס איהרער פלעגט מיר זיין סימפּאַטיש.

א חוץ מיין מוהמע פייגען, האָט מיין מוטער געהאַט א שוועסטער — א אינגערע — מיט'ן נאָמען מערע, א שעהנע, מיט קלוגע שווארצע אויגען, און א ברודער, דעם אויבען־דערמאָנטען חיים־לייב, וועלכער האָט איצט געוואוינט אין פּעטערסבורג. ווען איך בין אַלט געווען א יאָהר צוועלף, האָט מערע חתונה געהאַט. זי האָט גענומען א ווילנער יונגערמאַן, וועלכער האָט אויך געוואוינט אין פּעטערסבורג.

איינע פון די פּאַסירונגען, וועלכע האָבען ביי מיר דאַן געהאַט א סענסאַציאָנעלע באַדייטונג, איז פאָרגעקומען ווען די יונגע פּאָר־פאָלק איז אָפּגעפאָהרען קיין פּעטערסבורג. די גאַנצע פאַמיליע איז געגאַנגען צום וואָקזאַל זיי באַגלייטען. מיר אָבער האָט מען איבערגעלאָזען אין חדר (ביי ישיעה באַלטערמאַנצער). איך בין אָבער אַליין אוועקגעלאָפען צום וואָקזאַל. דער זשאַנדאַר, וואָס איז געשטאַנען ביים טיר, האָט מיר ניט געוואָלט

ארײנלאָזען. בין איך געשטאַנען און געװײנט, ביז אימעצער האָט מיר אַרײנגענומען.

מײן מוטער, איהרע צװײ שװעסטער און איהר ברודער, חיים־ליב, זײנען געװען קינדער פון אײן פאָטער און אײן מוטער. זײער מוטער איז שױן לאַנג געװען טױט, און זײער פאָטער איז געװען פאַרהײראַט צו אַ צװײטע פרוי, װעלכע האָט געהײסען מלכה. ער האָט מיט איהר געהאַט אַ זוהן, הערצקע, אַ אינגעל מיט דרײ־פיער יאָהר עלטער פאַר מיר.

הערצקע פלעגט מיר זאָגען אַ סך ליגענס. ער האָט מיר, צום בײשפּיל, געפּרואװט אײנרײדען אַז ער געהערט צו אַ געהײמער חברה, בײ װעלכער ער איז אַ גענעראַל. אײנמאָל, װען ער איז מיט מיר געגאַנגען איבער'ן גאַס, איז פאַרבײ־געגאַנגען אַ סאָלדאַט, דרײענדיג מיט די ליפּען, אַזױ װי אײנער װאָס שװײנקט די מױל.

— דאָס גיט ער מיר אָפּ „טשעסט" (כבוד) — האָט הערצקע מיר ערקלערט — אַזױ איז דער זאַקאָן (געזעץ) פון אונזער חברה.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט געשטױגען, ניט געפלױגען. איך האָב אָבער געשװיגען; און אַזױ האָב איך זיך געהאַלטען צו אַלע אַנדערע ליגענס זײנע. איך האָב זיך אימער געמאַכט אַז איך גלױב אַלץ װאָס ער זאָגט מיר. איך האָב מורא געהאַט צו פאַרלירען זײן קאָמפּאַניע.

װעגען זײן „חברה" פלעגט ער מיר דערצעהלען אײניגע אונאַנשטענדיגע זאַכען. דאָס איז געװען אין אַ צײט װען איך האָב אָפאָרשט אָנגעהױבען צו פאַרשטעהן אַזעלכע ענינים. דיזע מעשות זײנע האָב איך ניט ליב געהאַט צו הערען. אָבער דאָס מודה זײן װאָלט געהײסען אַז איך בין נאָך אַ קלײנער אינגעל. פלעג איך צוהערען און שװײגען.

הערצקע האָט זיך גע'חבר'ט מיט גבריאל'קען — מײנער אַ קרוב פון מײן פאָטער'ס צד, װעלכער האָט געאַרבײט בײ אַ מלאכה אין דעמזעלבען הױף (כאָמינסקי'ס), און װעלכער איז געװען אַ היבשע ביסעל עלטער פון איהם; פלעגען זײ מיר

ביידע „מולירען" (בלאָפען, ליגען זאָגען). גבריאל׳קע איז אָבער שוין געווען א דערוואַקסענער יונג, און ביי די „חברה לייט" פון שטאָדט האָט ער טאַקע געשפּילט א ראָלע.

עס זיינען געווען געוויסע ארבייטער־מיידלעך, וואָס האָבען מיט זיי געהאַט מעהר אָדער ווייניגער אינטימע באַציהונגען. וועגען דיזע געהיימניסען פלעגט מיר דערצעהלען הערצקע, צולייגענדיג פינף אונאַנשטענדיגע ליגענס צו איין אַנשטענדיגען אמת.

די „חברה לייט" האָבען געהאַט זייער געהיימען לשון. כמעט אויף יעדע „לינקע" זאַך איז ביי זיי געווען א פאַרשטעלטער נאָמען אָדער צייכען. די דאָזיגע ווערטער און סיגנאַלען האָבען מיר גבריאל׳קע און הערצקע געלערנט. דאָס האָט געהייסען אז זיי גרייטען מיר צו צו ווערען א „יאַט" און דערנאָך א פאָלשטענדיגער „חברה מאַן". דערפאַר פלעגען זיי ביי מיר אויסנאַרען געלט און לערנען ווי צו גנב׳ענען פון מיין טאַטענ׳ס טיש־קעסטעל.

איינמאָל איז דורך קאַמינסקי׳ס הויף דורכגעגאַנגען אַן ארבייטער מיידעל. גבריאל׳קע האָט צו איהר געגומען שמייכלען און געמאַכט איינעם פון די אונאַנשטענדיגע צייכענס.

— ברעך אויס ביידע הענט! — האָט זי אָפּגעענטפערט מיט כעס.

— ווייסט וואָס דאָס הייסט אויף חברה לשון? — האָט הערצקע מיר פאַרטייטשט איהרע ווערטער — דאָס זאָגט זי איהם וואו זיי זאָלען זיך טרעפען אין זאַקרעטע׳ס וואַלד.

נאָך מערע׳ס אוועקפאָהרען, איז די צוגעבונדענקייט צווישען די איבערגעבליבענע צוויי שוועסטער, וועלכע איז אימער געווען גרויס, געוואָרען נאָך גרעסער. אז עס פלעגט אוועקגעהן א טאָג און זיי האָבען זיך ניט געזעהן, פלעגט איינע פון זיי קומען צולויפען צו דער אַנדערער. מיין מוהמע׳ס שטוב איז אימער געווען מיין שטוב, פונקט ווי די הויז פון מיינע עלטערען. איך האָב בוכשטעבליך געהאַט צוויי היימען מיט אמאָל.

ניט נאָר איז די מוהמע געווען ווי א מאַמע צו מיר, נאָר

מיין מוהמע פֿייגע (פֿייגע בייראַק). — פֿאָטאָגראַפֿירט אַרום 1896.

איהר מאן, דער נאָבעלער פעטער מיכל, איז געווען ווי א איבערגעבענער פאָטער צו מיר. זייערע צוויי קליינינקע מיידעלעך, ריוועלע און חוה׳לע, האָב איך זעהר ליב געהאַט. איך האָב דאן ניט געהאַט קיין שוועסטער און קיין ברידער, און זיי זיינען געווען ווי אמת׳ע שוועסטער ביי מיר. חוה׳לע איז געבאָרען געוואָרען ווען איך האָב געלערנט ביי חאַצקלען און איך האָב ביי זיי געגעסען אָנבייסענס. ריוועלע איז דאן אלט געווען דריי יאָהר.

דער פעטער פלעגט מיר לערנען ווי זיך אויפצופיהרען. צום ביישפיל: ווען מיר זיינען געזעסען ביים טיש און ער האָט ביי מיר געבעטען דעם מעסער, און איך האָב איהם דעם מעסער דערלאַנגט מיט׳ן קלונג, פלעגט ער ניט נעמען און מיט א שמייכעל וואַרטען ביז איך וועל איהם געבען מיט׳ן שטיל. ווען איך פלעג ביי זיי נעכטיגען פרייטאג־צו־נאכט, פלעגט ער מיר שבת אין דער פריה נעמען צום דאַוונען אין שמוקלערשער קלייזעל (אויף ניטקע טויבעס זאַוואָלאָק). אָפט פלעגט ער מיט מיר נעהן שפּאַצירען, און אויפ׳ן וועג מיט מיר ריידען וועגען מענשליכקייט, מיר ערקלערען אז מען דאַרף זיין אי אַן עהר־ליכער איד, אי אַן עהרליכער מאן.

.2

כאָמינסקי׳ס הויף. — „ספּאָרט". — העזעלעך. — סאָלדאַטען.

פון מיין צוועלפטען יאָהר אָן, ביז איך האָב פאַרלאָזען ווילנא, — און דאָס הייסט ביז א האלב יאָהר פאַר מיין פאַרלאָזען רוסלאַנד — האָט כאָמינסקי׳ס הויף געשפּילט א ראָלע אין מיין לעבען.

דאָס זיינען אייגענטליך צוויי הויפען אין איינעם. איינער אויף יאַטקעווער גאַס און דער צווייטער אויפ׳ן „פּלאַץ", אַנט־קעגען דעם שטאָדט טעאַטער. זיי זיינען באַהעפט מיט א שמאָלען, דונקעלען דורכגאַנג. פילע פלעגען זיי געברויכען אלס א דורך־הויף צו געהן פון יאַטקעווער גאַס צום „פּלאַץ", אָדער פאַרקעהרט.

מלכה, דעם זיידע'ס צווייטע פרוי, איז געשטאָרבען, און דער זיידע, וועלכער איז דאַן שוין געווען אַן אַלטער מאַן, האָט ניט געהאַט ווער עס זאָל פיהרען זיין הויז. אַזוי ווי דער פעטער מיכל האָט געהאַט דיזעלבע מלאכה ווי ער (ביי איהם האָט ער זיך טאַקע איהר אויסגעלערנט), איז באַשלאָסען גע־וואָרען צו פאַראייניגען זייערע דירות און זייערע וואַרשטאַטען. וואָס אַנבעטרעפט דעם פעטער, האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף איהם געהאַט אַ רעליגיעזער איינפלוס. פריהער האָבען זיך ביי איהם „ניט געפיהרט" קיין קינדער. און איצט, אַז ער האָט געהאַט צוויי טעכטערלעך, איז ער אימער געווען אונרוהיג: טאָמער האַלטען זיי זיך אויך ניט ביי איהם. איינמאָל איז ער באַקאַנט געוואָרען מיט אַ פרומען אידען, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ מין „בעל שם". ער האָט פאַר איהם אויסגעגאָסען זיין הארץ און יענער האָט איהם געגעבען אַ „רעצעפּט":

— בייט אייער דירה. משנה מקום, משנה מזל (אַז מען ענדערט דעם פּלאַץ, ענדערט זיך דער מזל).

זינט זיי האָבען זיך איבערגעקליבען אין כאָמינסקי'ס הויף, האָב איך אויף יענעם הויף פאַרבראַכט ניט ווייניגער צייט ווי אויף שבת זשירמונסקי'ס. דאָרטען איז געווען מעהר פּלאַץ אויף צו שפּילען זיך און שטיפען. דאָרטען זיינען אויך געווען מעהר אינגלעך.

מיר פלעגען זיך שפּילען אין „העזעלעך". מיר פלעגען זיך אויסשטעלען אין אַ צייל, און איינער פון אונז פלעגט אונז ציילען מיט געוויסע ווערטער, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין זין. עס זיינען געווען ביי זעכצעהן אָדער צוואַנציג ווערטער אַזעלכע, און זיי זיינען געגאַנגען אין גראַמען. דער אינגעל, אויף וועמען עס פלעגט אויסקומען דער לעצטער וואָרט, איז געווען דער וואָלף. די איבעריגע זיינען געווען די העזעלעך, און דער וואָלף פלעגט זיך נאָך זיי נאָכיאָגען. אויב ער האָט אימעצען געכאַפּט, איז יענער געוואָרען דער וואָלף.

די אונזיניגע גראַמען, מיט וועלכע מען פלעגט ציילען, זיינען געווען פון צוויי אָדער דריי סאָרטען. איך געדענקט נאָר די ערשטע „פערזען" פון צוויי „לידער" אַזעלכע:

„אוינקע דרוינקע, דרילא דרו
פיבער פאַבער פיבער פו.“

און

„סיינע זיינע
פאָמאַ זיינע
יא איוואַן
קאַפּיטאַן.
איסעל זיסעל
פאמא זיסעל.“

די לעצטע זילבע פלעגט דער צעהלער אויסציהען און אויסשרייען אין דער הויך. דאָס איז געווען דער סיגנאַל. ביי דיזער זילבע פלעגען די העזעלעך זיך צולויפען מיט א פרעהליכען געשריי, און דער וואָלף פלעגט זיך א לאָז טאָן זיך יאָגען נאָך זיי.

אַלס איינעם פון אונזערע „ספּאָרטס“ קען מען רעכענען די שפּאַצירען וואָס מיר פלעגען מאַכען צו די „סמאָטרעס“ (רעוויו פון סאָלדאַטען). די קלענערע סמאָטרעס (מיליטערי דרילס) פלעגען פאָרקומען ביי די קאַזארמעס; די גרעסערע — ביי די „נייע קראָמען“ (קאַטהעדראַל פּלאַץ, לעבען באָטאַנישען גאָרטען), און גאָר די גרויסע מאַנעווורעס — הינטער׳ן שטאָדט, ווייט אויף גרויס שניפּעשאָק אָדער אויף לוקעשקעס.

אין ווילנא איז דאַן געשטאַנען די 27טע דיוויזיע (א דיוויזיע איז באַשטאַנען פון פיער פּאָלקען אָדער רעגימענטען). דאַן האָבען רוסישע סאָלדאַטען געטראָגען ניט קיין פלאַכע היטלען, נאָר „קעפּיעס“, אָדער „קעפּקעס“ (פון הינטען איז די היטעל געגאַנגען ארויף־באַרג־צו און אויבען האָט זי זיך געענדיגט מיט א קליינע קיילעכדיגע „דענקע“. אונטען האָט זי געהאַט א שמאָלען „אָקאָלישאָק“ (ראַנד), און ביי יעדען פּאָלק פון דער דיוויזיע האָט דער אָקאָלישאָק געהאַט אַנאַנדער קאָליר). דער ערשטער פּאָלק האָט געהייסען „אָרענבורגסקי“ און זיין אָקאָלישאָק איז געווען רויט. דער צווייטער — „טראָיצקי“ — מיט א ווייסען אָקאָלישאָק; דער דריטער „אופימסקי“ — מיט א בלויען; און דער פערטער — „סאַראַטאָווסקי“ — מיט א שווארצען. די „פּאַגאָנעס“ אויף די פּלייצעס (שאָולדער־

סטרעפּס) האָבען ביי יעדען פּאָלק געהאַט דעמזעלבען קאָליר ווי דער אַקאָלישאַק. אָבער דער נומער אויפ'ן פּאַגאָן איז ביי אַלעמען געווען דערזעלבער: „27“ — דער נומער פון דער דיוויזיע. די צוויי ציפערען זיינען ביי די ווילנער אינגלעך פון יענע יאָהרען געבליבען איינגעקריצט אין זכרון אַלס אַ טייל פון זייער קינדערשען לעבען.

רויט איז דער באַליבטער קאָליר פון קינדער, און דאָס איז געווען איינע פון די צוויי אורזאַכען פאַרוואָס דער אָרענ־בורגסקער פּאָלק איז געווען אונזער ליבלינג. די צווייטע אור־זאַכע איז געווען דער פאַקט אַז ער איז געווען דער ערשטער און וויכטיגסטער פּאָלק אין דער דיוויזיע. צו אונזער מזל, איז זיין קאַזאַרמע געווען אויפ'ן „קליינעם פּלעצעל“, נאָר עטליכע מינוט גאַנג פון כאַמינסקי'ס הויף, און מיר פלעגען דאָרטען זיין גאַנץ אָפטע באַזוכער.

דאָרטען פלעגט מען לערנען נייע רעקרוטען און מען פלעגט מושטירען אַ ראָטע אָדער אַ באַטאַליאָן. ביי די נייע קראָמען פלעגט מען סמאָטרעווען אַ פּאָלק אָדער זאָגאַר די גאַנצע דיוויזיע. דאַן פלעגען די קאָמאַנדירען שוין זיצען אויף פערד, און עס פלעגט שפּילען אַ מיליטערישער אָרקעסטער.

די גרויסע מאַניעווורעס פלעגען פאָרקומען ניט מעהר ווי איינמאָל אין אַ זומער, און זיי זיינען געווען אַזוי ווייט, אַז נאָר אַ פּאָר פון די אינגלעך פלעגען זיי געהן זעהן. איך בין געווען איינער פון זיי. די סמאָטרעס ביי די „נייע קראָמען“ זיינען געווען אונזער אמת'ער „ספּאָרט“. ווען די סאָלדאַטען מיט זייערע ביקסען זיינען פאַרבייגעגאַנגען, צייל נאָך צייל, באַגלייט מיט די טענער פון טרומייטען, קלאַרנעטען, פליימען און פויקען, האָט דאָס האַרץ אַזש געשפּרונגען פון תענוג. דאָס איז געווען אי אָפּערא אי טעאַטער ביי אונז.

מיר האָבען געוואוסט די נעמען פון אַלע גענעראַלען און פון איינינגע פּאָלקאָווניקעס, פון אַלע קאַפּעל־מייסטערס און פון עטליכע מאַיאָרען. איך בין געווען אַ גאַנצער למדן אין דיזע זאַכען; און טאָמער האָט מיר געפעלט דער נאָמען פון אַ גענעראַל, אָדער עפּעס אַנאַנדער איינצעלהייט וועגען די פּיער

מיין פֿעטער מיכל׳ (מיכל בייראק). — פֿאָטאָגראַפֿירט אַרום 1896.

פאָלקען פון דער 27טער דיוויזיע, פלעג איך ניט רוהען ביז איך בין דאָס געוואָהר געוואָרען.

אויפ'ן שוהל־הויף — הויפטזעכליך אין „נייעם" קלויז — פלעגען זיך שבת געפינען א סך אידישע סאָלדאטען; פלעג איך אמאָל אהין געהן ספּעציעל, אום צו באקומען אנטוואָרטען אויף מיינע פראגען. אז איין אינגעל זאָל ביי אנאנדער אינגעל עפּעס פרעגען וועגען מיליטערישע ענינים, און יענער זאָל איהם אָפּשיקען צו מיר — דאָס איז געווען א גאנץ געוועהנליכע זאך. נאָר איין אינגעל איז געווען, וואָס האָט די דאָזיגע זאכען געוואוסט אזוי גוט ווי איך, און נאָך בעסער. זיין נאָמען איז געווען חיים'קע. ער פלעגט אימער האַלטען א קינד אויפ'ן האנט — זיינעם א קליינעם ברודערל. מיט'ן קינד פלעגט ער זיך ארומטראָגען גאנצענע טעג, און מיט איהם אויפ'ן האנט פלעגט ער געהן אויף די סמאָטרעס און זאגאר אויף די מאַ־נעווורעס, אזש אין די ווייטסטע טיילען פון שניפּעשאָק. מיר פלעגען זיך וואונדערען, ווי אזוי זיין האנט חלש'ט איהם ניט אָפּ.

איינמאָל האָט איינער פון די אינגלעך פון כאָמינסקי'ס הויף געמאכט אַן ענטדעקונג: א פלאץ, ביי א קאזארמע, וואו סאָלדאטען פלעגען מאכען גימנאסטיק, איז פּוסט און מיר קענען דאָרטען קלעטערען איבער די שטאנגען, „ברעכען זיך" אויף די „ווינגעלעך", שפּרינגען איבער די הילצערנע פערד. דער פּלאַץ איז געווען ביי קאזימירסקי זאוואולאָק, לעבען דעם אָנהויב פון סואוויעצער גאס. מיר האָבען זיך אָוועקגעלאָזען אהין און גע־נומען „ארבייטען". און פון דאמאָלס אָן זיינען מיר אהין געקומען גאנץ אָפט.

קיין גרויסער גימנאסט בין איך ניט געווען. אַלץ וואָס איך האָב געקענט טאָן, איז ארויפקלעטערען איבער א שטאנג, אָדער איבער א שטריק. א פּאָר פון מיינע חברים האָבען געוויזען פיל מעהר קונצען. איך האָב זיי מקנא געווען, און אום ניט אָפּצושטעהן פון זיי, פלעג איך אויף יענעם „פּלעצעל" קומען ווען קיינער האָט ניט געוואוסט, און פלעג זיך דאָרטען לערנען שפּרינגען, אָדער הענגען פון א הויכער ווינגעלע אויף

די ברעגעס פון מיינע פיס. קיין גרויסע רעזולטאטען האב איך אבער דורך דעם ניט דערגרייכט.

דער נעקסטער שכן צו מיין זיידען איז געווען „דער שטרייכער", א איד מיט'ן נאמען אברהם דוד ריט, וועמעס באשעפטיגונג איז באשטאנען אין פארבען פוטער־ווארג. ער האט געהאט פיער זיהן, און די מיטעלסטע צוויי זיינען געווען אונזערע חברים. זיי זיינען געווען די פלינקסטע „העזעלעך" און די בעסטע גימנאסטען.

מיט אונז פלעגט זיך אויך שפילען א „שייגעץ", דער זוהן פון דעם סטראזש. ער האט אבער גערעדט גוט אידיש. זיין מוטער האט פאר איהם געהאלטען א לעהרער, און ער האט זיך געפערטיגט צו דער גימנאזיע — א גאנץ אונגעוועהנליכע זאך פאר דעם זוהן פון א סטראזש. זיין נאמען איז געווען סאלקא (סאליא).

מיין זיידע האט געוואוינט אויף דעם הויף, וואס איז ארויסגעקומען אויף יאטקעווער גאס. אין מיטען הויף איז געשטאנען א פלומפ, איינער פון די בעסטע וואסער־קוואלען אין ווילנא. צעהנדליגע וואסער־טרעגער פלעגען אהער קומען אנפילען זייערע עמערס. און פרייטאג איז פון זיי דא געווען א גאנצער יאריד. מיין זיידע האט געוואוינט אין א אונטערשטע דירה, פונקט אנטקעגען פלומפ. פלעג איך אפט, פרייטאג נאכמיטאג, ווען איך בין געווען פריי פון חדר, שטעהן און קוקען אויף די וואסער־טרעגער ווי זיי קומען מיט ליידיגע עמערס, און איינער נאך דעם אנדערען גיעהען זיי צו צום פלומפ און פאמפען; און ווי דערנאך גיעהען זיי אוועק, יעדער מיט „א פאר וואסער" — לייכט, פעסט און רוהיג, ווי די „נאסטשע" מיט די פולע עמערס וואלטען געווען א טייל פון זיין קערפער.

פרייטאג נאכמיטאג פלעגען אויך קומען צעהנדליגע ארימע לייט נאך נדבות. אויף זיי האב איך אויך ליב געהאט צו קוקען. זיי פלעגען ארייןקומען איינציגווייז אדער קאמפאניעס־

ווייז. אין יעדער הויז פלעגט מען פרייטאג פאר זיי שוין אָנגרייטען גראָשענס „האַלבענס“ (האַלבע גראָשענס).

איך האָב געקענט ביי א העלפט פון אַלע וואסער־טרעגער און פון אַלע אָרימע לייט אין שטאָדט — אַלע פון מיינע פרייטאָג'דיגע בעאָבאכטונגען אין כאָמינסקי'ס הויף.

אויף דער אנדערער זייט פלומפּ, אויך אין א אונטערשטע דירה, האָט געוואוינט און געהאַט זיין ווארשטאַט „דער בראנזניק“. אין א ווינקעל פון דעם הויף האָט געוואוינט ליפּע דער וואַטע־מאַכער, און לייזער דער „פלעשעל מאכער“ (דאָס הייסט, ער פלעגט אויפקויפען ליידיגע אַלטע פלעשלעך און זיי פאַרקויפען). אין איינער פון די אנדערע דירות האָט געוואוינט רחל „די פוטער נייערקע“, אָרע „דער קירזשנער“ און חיה „די אייזען־קרעמערקע“. ביי דעם אריינגאנג פון יאטקעווער גאַס איז געווען סערע די שענקערקע'ס שענק, מיט א טיר ניט אין גאַס, נאָר „אין טויער“.

עס זיינען געווען אנדערע בעל־מלאכות און הענדלער. איך רייד אַלץ וועגען איינעם פון די צווילינג הויפען. מיט דעם אנדערען הויף, מיט דעם, וואָס קומט ארויס צום „פּלאַץ“, בין איך געווען ווייניג באַקאַנט. ער איז געווען אַזוי ווי א באַזונדערע וועלט פאר מיר.

דער נעקסטער הויף צו כאָמינסקי'ס, צו „טייטשע“ גאַס צו, איז געווען די קיילערשע יאטקע, וואו קריסטליכע קצבים האָבען פאַרקויפט זייער סחורה — אויך צוויי הויפען אין איינעם. אהין פלעגען מיר קיינמאָל ניט אריינקומען (אין 1919, ווען איך האָב ווילנא באזוכט נאָך אַן אָפּוועזענהייט פון 38 יאָהר, בין איך דאָרטען געווען צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען).

מיין מוהמע איז געווען באפריינדעט מיט אַלע ווייבער פון כאָמינסקי'ס הויף. אָבער איהר נעהנטסטע חבר'טע איז געווען סערע די שענקערקע. סערע האָט געהאַט פיער טעכטער. די עלטסטע, א ליבליכע, חנ'עוודיגע מיידעל, איז געווען ציוויליזירטער ווי דאָס רוב באַלעבאַטישע מיידלעך פון

איהר קלאַס. זי איז געווען באַקאַנט מיט שילער פון דער ראַבינער שוהל און זי האָט געקענט טאַנצען. אלזאָ, האָט מען וועגען איהר „גערעדט”. ווען זי האָט געקראָגען א חתן — א יונגען אלמן — און ער האָט זיך דערוואוסט וואָס מען זאָגט אויף איהר, האָט ער זיך געקווייקעלט. זי איז איהם אָבער שטאַרק געפעלען געוואָרען, און ער איז ענדליך געגאַנגען צו דער חופה. אויף מאָרגען נאָך דער חתונה, גלייך אין דער פריה, איז סערע אריינגעפאַלען צו מיין מוהמען מיט א פרעה־ליכער בשורה. זיי האָבען זיך געקושט און געהאַלזט, און פאַר שמחה האָבען זיי געלאַכט און געוויינט (איך האָב יענע נאַכט גראָד גענעכטיגט ביי מיין מוהמען און איך האָב געזעהן די סצענע). די גוטע נייעס איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען: עס האָט זיך ארויסגעצייגט אז די מעשות, וואָס בייזע צינגער האָבען פאַרשפּרייט אויף דער כלה, זיינען ניט געשטויגען, ניט געפלויגען — א פּוסטער בלבול. דער חתן איז געווען גליקליך־איבער־גליקליך.

אברהם דוד דעם שטרייכער׳ס עלטסטער זוהן איז געגאַנגען אין ראַבינער שוהל. אויך איז אהין געגאַנגען מיין פעטער׳ס א פּלימעניק. זיי זיינען געווען א סך עלטער פאַר מיר, און איך האָב זיי מקנא געווען אי זייער עלטערקייט אי דאָס וואָס זיי שטודירען. איך פלעג זיך צוהערען צו זייערע רייד און באַקוקען זייערע קורצע רעקלעך. מיט געוועהנליכע אידען האָבען זיי גערעדט אזוי ווי מיר אלע. מיר האָט זיך אָבער געדוכט אז זייער שפּראַך איז פאָרט ניט דיזעלבע ווי ביי אונז — זי איז אי אידיש, אי גויאיש.

3.

מאַשינען. — מיין זיידע׳ס מאַשין. — א דייטש. — די ערשטע נעה־מאַשין אין ווילנא.

מיין זיידע האָט געהאַט א מאַשין אויף צו פאַבריצירען באַפּוצונגס־שניר צו אָפּיצערסקע היטלען. דאָס איז געווען אן

אייזערנער טיש, אין וועלכען עס זיינען פלאך געלעגען פיער אדער זעקס צייהנערדיגע רעדער. מען פלעגט דרעהען א הענטעל, ווי ביי א קאטערינקע, און דערפון פלעגען זיך דרעהען די רעדער. אויבען אויף'ן טיש זיינען געשטאנען „סאלדאטען". ווען די רעדער זיינען געקומען אין באוועגונג, פלעגען די „סאל־דאטען" „מארשירען" אויף א געוויסען שטייגער, און אזוי ווי ארום יעדען פון זיי איז געווען ארומגעוויקעלט א זיידענער, זיל־בערנער אדער גילדערנער פאדים, פלעגט דורך זייער „מארש" א פראסטע שטריק ארומגעוועבט ווערען מיט שעהנע פעדים.

אין דער הויף, איבער דעם טיש מיט די „סאלדאטלעך", איז געווען צוגעפעסטיגט א גרויסער שפול, ארום וועלכען עס פלעגט זיך ארומוויקלען דער פארטיגער שנור. דערצו איז אבער נויטיג געווען אז דער שפול זאל זיך אויך דרעהען. צו דיזען צוועק האט מען געהאט א מיטעל, וואס וואלט זיך געפאסט פאר משה רבינו'ס צייטען: ביי דעם ענד פון דעמזעלבען שפול איז געווען ארומגעוויקעלט א פראסטע שטריק, און צו איהר ברעג איז געווען צוגעטשעפעט א צעהן־פונטיגע געוויכט. די געוויכט האט געשלעפט די שטריק צו דער ערד און דיזע קראפט האט לאנגזאם באוועגט דעם שפול. דערביי האט זיך אבער די געוויכט ביסלאכווייז אראפגעלאזען, און ווען זי האט דערגרייכט די פארלאגע, פלעגט מען איהר מוזען אויפהויבען, זיך שטעלען אויף א שטוהל, די שטריק ווידער ארומוויקלען ארום דעם שפול און דעם געוויכט ווידער צוטשעפען צו דעם שטריק. איך האב ליב געהאט צו דרעהען די מאשין און צוקוקען ווי עס „מארשירען" די „סאלדאטען". און די אפע־ראציע מיט דעם געוויכט און דער שטריק האב איך דורכגע־מאכט צעהנדליגע מאל.

אזוי איז דעם זיידען'ס מאשין געגאנגען פיעלע יאהרען. איינמאל האט איהר דערזעהן א מעכאניק, וועלכער האט געהאט א שטעלע אויף דער ווילנער טעלעגראף „סטאנציע" — א יונגער דייטש מיט א פראפעסארישען געזיכט, מיט ברילען איבער א פאר קורצזיכטיגע אויגען, מיט א שפיציגע געלע בערדעלע און מיט א טעלעגראף היטעל, וועלכע ער האט אימער געטראגען

אויף א זייט. ער האט די מאשין באקוקט און א שמייכעל געטאן.

דער רעזולטאט איז געווען, אז ער האט צו איהר צוגע־מאכט אן „ענדלאזען" לעדערנעם שנור, און דורך דעם האט די באוועגונג פון די צייהנערנע רעדער ממילא שוין באוועגט דעם שפול אויך. די געוויכט, מיט דער ארבייט, וואס האט זיך צו איהר געפאדערט, איז געווארען איבעריג. און די גאנצע גע־שיכטע האט געקאסט נאר צעהן רובעל.

איך האב זיך ניט געקענט אפוואונדערען — ניט אזוי פון דעם מעכאניק'ס שכל, ווי פון דעם פאקט, אז אזא איינפאכע זאך איז קיינעם אויפ'ן זינען ניט ארויפגעקומען.

מיין פעטער און מיין טאטע זיינען אויך געווען ענטציקט.

— א טייטש! א טייטש! — האט מיין פאטער פיל מאל אויסגערופען מיט באגייסטערונג.

דער פשט דערפון איז געווען, אז פון א דייטש קען מען ערווארטען די גרעסטע נסים. ווער איז געגאנגען אויף א שטריק? ווער האט אין צירק געוויזען אונגלויבליכע קונצען מיט פערד? אלץ דייטשען!!

ארום דערזעלבער צייט זיינען אין ווילנא אנגעקומען די ערשטע נעה־מאשינען. די שטאדט האט מיט זיי געקאכט.

עס האט זיך באוויזען א נייע מלאכה: „שטעפעריי". דער וואס האט געקענט קויפען א זינגער־מאשין און ארב'יטען אויף איהר, האט געהאט א פיינע חיונה. קירזשנער, שניידער, קאלדרע־מאכער, האבען צו איהם געטראגען ארבייט. מען האט זיך געפרייט אז ער האט נאר גענומען.

פילע עלטערען האבען זייערע אינגלעך אפגעגעבען צו שטעפער זיך לערנען די „גילדערנע" מלאכה. איינער פון זיי איז געווען מיין מוטער'ס שטיף־ברודער הערצקע, און ער פלעגט מיר דער־צעהלען די נסים פון דער „שטעפ־מאשין".

אויף לאנג איז דאס אבער קיין גילדערנע מלאכה ניט געבליבען. אין א פאר יאהר ארום איז שוין געווען צופיל שטעפער; און פילע קירזשנער, שניידער און נייטערקעס האבען

געהאט איינענע שטעפּ־מאַשינען, אָדער קליינע האַנד־מאַשינ־קעס צום נעהען.

4.

אין אַ ישיבה. — ר׳ עליע איטשע.

נאָך פּסח, ווען איך בין שוין געווען נאָהענט צו בר מצוה, האָט דער טאַטע מיר אָוועקגעגעבען אין דער פּלאָטשטשאַדקער ישיבה.

„פּלאָטשטשאַדקע" האָט דאָן געהייסען די קורצע געסעל, וואָס נעהט פון דעם „פערד־מאַרק" (די היינטיגע האַללעס) ביז אַ באַרג, וועלכער איז געשטאַנען כמעט גלייך ווי אַ וואַנט. אויבען, אויפ׳ן באַרג, געהט אַ שעהנע ברייטע וואָקזאַל־גאַס. דער וואָקזאַל איז נאָר אַ פּאָר מינוט גאַנג פון דאַנען. דער באַרג האָט איהם אָבער פאַרשטעלט, מיט דער שעהנער גאַס, מיט אַלעמען. ביי דעם סאַמע באַרג איז געווען אַ קליינער אַרומ־געצאַמטער פּלאַץ, וועלכער האָט געדינט אַלס אַ מין אָקסען־מאַרק, און נעקסט צו איהם איז געשטאַנען אַ קלייזעלע. אָט אין דיזער קלייזעלע איז געווען די ישיבה.

איבער׳ן באַרג האָבען געפיהרט טרעפּ — ביי פּופצעהן אָדער אַכצעהן. אָבער דורך דייכעס׳עם הויף, וועלכער געפינט זיך גלייך דערביי, האָט מען געקענט אַרויפגעהן אָהן טרעפּ. און דאָך איז דער דאָזיגער באַרג געווען אַ וואַנט צווישען צוויי גאַנץ פאַרשידענע וועלטען. אויבען זיינען געפאָהרען קאַרעטען, געגאַנגען היינטיג־געקליידעטע מענשען. די גאַס איז דאָרטען געווען ברייט, גוט אויסגעברוקירט, ציכטיג, און פון ביידע זייטען זיינען געגאַנגען צייל׳ען בוימער. אַ קורצע שטרעקע פון דאָרטען איז געשטאַנען דער שעהנער, כמעט נייער מויער פון דעם וואָקזאַל, מיט אַ פרייען סקווער פון פאָרענט. און אַנטקעגען דעם וואָקזאַל האָבען זיך געצויגען לאַנקעס און גערטנער. אונטען, ווידער, אויף פּלאָטשטשאַדקע און אויפ׳ן „פערד־מאַרק" האָט מען געזעהן נאָר בלאָטע און פּויערשע וועגען, פּאות־אידען, אידישע ישוב׳ניקעס, בעל־עגלות און פּויערים. די פּלאָטשטשאַדקער בלאָ־

טעם האָבען געהאַט אַ שם. אויף רוסיש האָט מען די געסעל טאַקע אַזוי גערופען: „גריאַזני פּערעאולאָק" (דער בלאָטיגער זאַוואולִיק), און אויף איהם האָבען זיך באַוועגט דאָרפסלייט, קריסטליכע און אידישע, וועלכע זיינען געקומען אין שטאָדט מיט זייערע סחורות, און שטאָדטיגע אידישע הענדלער פון דעם אַלטען שניט — פּאַרקויפער, קויפער, מעקלערס, לופט־מענשען אַלערליי. אויף פּלאָשטשאַדקע און ארום פערד־מאַרק האָבען זיך געפונען עטליכע אכסניות, יעדע מיט דעם נאָמען פון דער שטעדטעל, וועמעס איינוואוינער עס פלעגען זיך ביי איהר אָפּשטעלען.

אויבען אויפ'ן באַרג איז געווען איירָאָפּא פון דעם נייני־צעהנטען יאָהרהונדערט. אונטער איהם האָט געשמעקט מיט מיטעלאַלטער.

דער פּלאָשטשאַדקער ראש ישיבה האָט געהייסען ר' עליע איטשע. דאָס איז געוועז אַ הויכער, געזונטער איד, שטאַרק ווי אַ דעמב, מיט האָר און אַ באָרד שוואַרץ ווי זשוק און האַרט ווי דראָט; און מיט האָר פון דעמזעלבען קאָליר און האַרטקייט איז געווען באַוואַקסען ז'ין שטענדיג צוּבראָסטעטע ברוסט.

ער האָט געזאָגט צוויי שעורים — אַ „קלענערען" און אַ „גרעסערען". ווען ער האָט ניט געלערענט מיט זיינע תלמידים, פלעגט ער לערנען אַליין אָדער שמועסן, אָדער ארומגעהן לאַנגזאַם, אַ האַלב פאַרשלאָפענער. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אָפּ־שטעלען ביי דעם „שולחן", אויסקנאַקען די פינגער אויף איהם און ווידער נעמען געהן.

ער איז כמעט אימער געווען אין קלייזעל. מען האָט געזאָגט, אַז ער מאַכט אַ שנאַפּס. שכור האָב איך איהם אָבער קיינמאָל ניט געזעהן. ער האָט אָפט געשמייכעלט; אמאָל מיט גוטען, אמאָל מיט אַ בייזער איראָניע. פאַרביינגעהענדיג אַ אינגעל, פלעגט ער אמאָל איהם געבען אַ „שטורך" מיט אַ האַלב־שפּאַסיגען זידעל־וואָרט, אָדער „דריט־האַלבען פעטש", דאָס הייסט, געבען דריי פעטש און „אַרויסנעמען אַ קניפּ רעשטע".

זיצענדיג ביים שיעור, און ערקלערענדיג אַ טיפען ענין,

פלעגט ער „אויסקנאקען“ זיינע פינגער אָן טיש, אָדער עגבערען דעם נעקסטען תלמיד מיט זיין אייזען־הארטען פינגער.

זיין מוח האָט געארבייט לאנגזאם; אָבער מיט אַן אויבער־פלעכליכען פשט האָט ער זיך ניט באנוגענט. ער האָט געדורשט נאָך טיפקייט. לייכט איז דאָס איהם ניט אָנגעקומען. ער פלעגט זיך אָבער ווי עס איז „דערגרונטעווען“. איינינגע ענינים פלעגט ער באהאנדלען מיט אזא „חריפות“, אז לומדים פלעגען ספּעציעל קומען הערען ווי ער ערקלערט זיי פאר זיינע תלמידים. וואו נאָר עס איז געווען אַ פּירוש אויף אזא ענין, און וואו נאָר ער האָט געהערט ווענען אַ פּשט'ל, וואָס אימעצער האָט אויף איהם געזאָגט, האָט ער ניט גערוהט, ביז ער איז ווענען דעם געוואָהר געוואָרען מיט אַלע איינצעלהייטען, מיט יעדער דריידעלע.

„ער האָט אַ שווערע קאָפּ; ער האָט אָבער געהאָרעוועט אָהן אַ שיעור, און ער איז איבער־געוואַלט געוואָרען אַ למדן און אַ חריף“. אזוי אונגעפעהר האָט אין מיין געגענווארט ווענען איהם אמאָל געזאָגט אַ בעל־הבת'ישער למדן, איינער פון די פּלאַטשטשאדקער הענדלער, וועלכער פלעגט אָפט אריינ־קומען אין ר' עליע איטשע'ס קלייזעל.

ווען איך באטראַכט איהם היינט, פיהל איך אז דעם הענדלער'ס אָפּשאַצונג איז געווען ניט אינגאַנצען ריכטיג. עליע איטשע'ס מוח איז מסתמא געווען אַ שאַרפער, זיין לאָגיק אַ „גרונטאָוונע“, אַ טיפע, זי האָט אָבער ניט געאַרבייט פלינק. „איבער געוואַלט“ קען מען אפשר ווערען אַ למדן, אָבער ניט קיין חריף.

דער אונטערשיד צווישען אַ גמרא־חדר און אַ ישיבה איז באשטאַנען אין דעם, וואָס אַ חדר אינגעל האָט ניט געקענט „לייענען“ (אליין איבערלעזען אַ נייע שטיקעל גמרא און פאר־שטעהן איהר פשט), ווערהענד אַ ישיבה־בחור האָט יאָ געקענט.

דאָך, איינינגע פון די נייע אינגלעך אין ר' עליע איטשע'ס קלענערען שיעור זיינען נאָך אויך ניט געווען קיין בריה'ס אויף „לייענען“. און אויב אזעלכע תלמידים האָבען געקענט

באַצאָהלען אכט רובעל אַ זמן עקסטרא, פלעגט דער ראש ישיבה זיי געבען אַ ספּעציעלע פּאָר שטונדען יעדען טאָג, און זיי צופּערטיגען צו דעם מאָרגענדיגען שיעור. מיין טאַטע האָט זיך מיט איהם באַדונגען מיר אריינצונעמען אין דער ספּעציעלער גרופּע. אָבער גלייך דעם ערשטען טאָג האָט ר' עליע איטשע זיך ערקונדיגט, אַז איך קען אַליין „לייענען", און טראָץ די אכט רובעל, וואָס ער האָט דערביי פארלאָרען, האָט ער מיר געהייסען זאָגען דעם טאַטען, אַז איך „קען מיין שטעדטעל אַליין באַשטעהן".

אַ שעהנינקען בחור'ל פון אַ שטעדטעלע, וועלכע הייסט קאַליעלישאַק, אַשמיאַנער אויעזד, און מיך האָט ער געהאַלטען פאר די בעסטע תלמידים פון זיין קלענערען שיעור. אונז האָט ער אוועקגעזעצט לעבען זיך: דעם קאַליעלישקער פון איין זייט און מיר פון דער אַנדערער זייט. מיר איז אויסגעקומען צו זיצען צווישען דעם רבי'ן און דער גרויסער מעשענער מנורה, וועלכע איז געשטאַנען ביים וואַנט. ווען ער פלעגט זיך פאר־טיפען אין אַ שטיקעל „חריפות", און זיין מוח האָט „זיך געריהרט ווי אַ בער", פלעגען זיינע הענט זיין באַשעפטיגט מיט אונז. ער האָט אונז געשטופּט, געשלעפּט צו זיך, גע־שטויסען, געריסען, — אַזוי ווי דאָס וואָלט פארגרינגערען דעם געבורט פון דעם געדאַנק, מיט וועלכען זיין מאָרך איז שווער נעגאַנגען צו קינד. מיר זיינען ביי איהם געווען אַזוי ווי די קלאַווישען פון אַ פּיאַנאָ, וועלכע אַ קאָמפּאָזיטאָר מוטשעט, סטאַרענדיג זיך ארויסצובריינגען די מוזיקאַלישע אידעע, וואָס פּלאָנטערט זיך אין זיין מוח.

אָפט פלעגט ער מיר אַזאַ שטופּ טאָן צו דער מנורה, אַז איך פלעג דערזעהן דעם זיבעטען הימעל. אום דאָס צו פאר־היטען, פלעג איך זיך אַליין צורוקען צו דער מנורה. אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען, וואָרום ער פלעגט מיר אַ שלעפּ טאָן צו זיך און דערנאָך מיט זיין אייזערנער האַנט צוריק אַ שטויס טאָן.

אָבער נאָך אַלעמען, איז דאָס ביי מיר געווען אַ קליי־ניגקייט. די ערנסטקייט פון זיין לערנען, זיין גליהענדער איני־

טערעס אין דעם ענין, און די שארפע, טיפע לאָניק זיינע, פלעגען מיר פארשאפען א הויכען גראד פארגעניגען. ער פלעגט מיך פאר׳שיכור׳ען מיט גייסטיגען תענוג. קיינער פון מיינע חדר מלמדים האָט אויף מיר אזא ווירקונג ניט געהאַט.

עליע איטשע׳ס וואוינונג איז געווען גלייך ביי דער קלייזעל. א הויפעלע, אין דער פאָרמע פון א גאנץ שמאָלען פאַס, איז געווען די איינציגע אָפּטיילונג צווישען זיי. צוזאמען מיט דער וואוינונג איז געווען א שפייז־קרעמעלע, און די קרעמערקע איז געווען עליע איטשע׳ס פרוי, א שעהנע, שעהן־געוואקסיגע, ניט זעהר נעטע ווייבעל.

ביי דער קרעמעל אָדער אין קלויז גופא פלעגט מען עטליכע מאָל א טאָג זעהן א שווארץ־חנ׳עוודיגע אידענע פון א יאָהר פערציג, מיט קליינע שווארצע אויגען און א קלוגען, צוריקגעהאַלטענעם אָבער סימפּאַטישען שמייכעל. איהר נאָמען איז געווען רחה־רייזעל. זי איז געווען א פרומע „באַל־מיצוואָטניצע“ (בעל־מצוה׳ניצע), און — ווי ווייט איך האָב זיך דאן אינטערעסירט צו וויסען — האָט זי זיך געזאָרגט פאר די „אָרים־בחורים“, געקראָגען פאר זיי „טעג“ און געלט. אליין האָט זי איהר פרנסה געצויגען פון טענדלעריי. פון די געלט, וואָס זי האָט געזאמעלט, האָט זי פאר זיך קיין גראָשען ניט פארברויכט. די בחורים האָט זי גערינט ווי א טרייע, שטרענגע מאמע, און ביי ר׳ עליע איטשע׳ן איז זי געווען א מין מיניסטער.

כמעט יערען נאָכמיטאג, ווען מיר זיינען אלע געזעסען און געלערענט „לייענענדיג“ דעם מאָרגענדיגען שיעור, פלעגט זי אריינקומען, מיט א גרויסען שליסעל אין האנט, קוקען ווי מיר שאָקלען זיך איבער די גמרות און זיך צוהערען צו אונזערע גמרא־קולות.

איהר ליבלינג איז געווען א הויכער בחור, וואָס איז געזעסען ביי א „סטענדער“ אין א ווינקעל. ער האָט געלערענט בוכ־שטעבליך אָהן אן אויפהער. מייסטענס פלעגט ער ניט זיצען, נאָר שטעהן. שטעהן, שרייען מיט א הייזעריגען קול, און פּאטשען אין דער גמרא. זיין פנים האָט דערביי געהאַט א

פײנליכען אויסדרוק. ער איז געווען דער גרעסטער מתמיד אין דער ישיבה.

.5

מגידים. — דער אַנטאָקאָליער. — ר' ישראל סאַלאַנטער. — די צוויי סלוצקער. — חיים רומשעסקער. — דער קעלעמער.

איך האָב געלערענט מיט באגייסטערונג און געדאַווענט מיט באגייסטערונג. דאָס איז געווען די צייט פון מיין העכסטער רע־ליגיעזער התלהבות. אין מגידים, הויפּטזעכליך אין מוסר־זאָגער, בין איך דאַן געווען בוכשטעבליך פאַרקאָכט.

סטראַשונער'ס קלייזעל, וואו דער טאַטע און איך האָבען דאָס רוב געדאַווענט (אויסער ראש־השנה און יום־כפור) איז געווען צו קליין פאַר אַ מגיד. אָבער נאָהענט דערביי, אויף גרויס־סטע־פאַן גאַס, איז געווען אַ גרעסערע קלויז — עפּשטיינ'ס — און דאָרטען פלעגט יעדען שבת „זאָגען" דער „נאָוואָגאָראָדער" מגיד. ער פלעגט זיך פּשט'לען איבער דער סדרה. מוסר האָבען זיינע דרשות ענטהאַלטען ווייניג. דאָך פלעג איך איהם אָפט געהן הערען.

מעהר מוסר און מעהר פייער האָט געהאַט די מגידות פון דעם „אַנטאָקאָליער"*) — אַ קליינער אידעל מיט אַ קליינער בערדעל. פלעג איך איהם געהן הערען יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך באַוויזען אין שטאָדט. אַמאָל, אין אַן אלול־אָווענד, האָב איך איהם געהערט אין ר' שואל'קע'ס קלויז, פּונקט אַנטקעגען ראָמ'ס הויף, וואו עס איז געווען ישיעה באַלטערמאַנצער'ס חדר. זיין דרשה איז געווען אַ קייט פון פּשט'לעך, דורכגעוועבט מיט הייסער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדא. זיינע רייד, און הויפּטזעכליך זיין אייגענאַרטיגער נגון, האָט אויף מיר געהאַט אַן אומבאַשרייב־ליכע ווירקונג. מיין האַרץ איז צושמאָלצען געוואָרען פון פרומ־קייט און פון שרעק. איך האָב געקלערט וועגען דער געוועזענער

---

*) נאָוואָגאָראָד און אַנטאָקאָליע זיינען צוויי פאָרשטעדטלעך פון ווילנא. היינט זיינען זיי שוין אייגענטליך טיילען פון שטאָדט.

שעמערניצע און די צוויי קאָפּיקעס, וואָס איך בין איהר שולדיג געבליבען. דער פּלאַץ, וואו זי האָט מיט אַ יאָהר צוריק געהאַלטען איהר שעמער, איז געווען נאָהענט דערביי, לעבען ר' שואל'קע'ס קלויז...

אָט וועט באַלד זיין יום־כפור. די עבירות צווישען מענש און גאָט קענען דאָן פאַרגעבען ווערען. די עבירות אָבער, וואָס מען באַגעהט געגען אַ מענשען — ניט. זיי קען פאַרגעבען נאָר דער, געגען וועמען מען האָט געזינדיגט. היינט ווי אַזוי קען איך געפינען די געוועזענע שעמערניצע, באַצאָלען איהר דעם חוב און בעטען, זי זאָל מיר מוחל זיין?

דעם מגיד'ס נגון האָט מיר געשמיסען, ווי אַ בייטש, און איך האָב זיך צוגעהערט, געשלונגען זיינע ווערטער און געשלונגען מיינע טרעהרען.

דערנאָך האָב איך די גאַנצע דרשה מיט באַגייסטערונג איבערגעזאָגט פאַר מיין טאַטען און פאַר אַ פּאָר פון מיינע חברים.

אין ר' שואל'קע'ס קלויז פלעגען גוטע מגידים „זאָגען" גאַנץ אָפט, און איך האָב זיי אַלעמען געהערט. ימים־נוראים צייט איז געווען אַ מגידים־יאַריד. מען האָט „גע'מוסר'ט" אין פילע קלויזען. און אין דעם יאָהר, וועגען וועלכען איך רייד דאָ, האָב איך ניט פאַרפעהלט קיין איין מגיד. אויב איך האָב איינעם ניט געהערט אין איין קלויז, האָב איך איהם געכאַפּט אין אַן אַנדערען.

אין ר' שואל'קעס קלויז האָב איך אמאָל, אין אַ מיטען־וואָכיגען נאָכמיטאָג, געהערט דעם גרויסען ר' ישראל סאַלאַנטער; דעם באַריהמטען מוסר'ניק האָב איך אָבער ניט פאַרשטאַנען. מיין זכרון־בילד פון איהם שטעלט פאָר אַ אידען מיט אַ שעהנעם רויטליכען פּנים, מיט אַ קיילעכדיגער גרויער באָרד, ניט קיין הויכער, מיט ברייטליכע פּלייצעס. איך געדענק זיין שטימע, הויפּטזעכליך, ווי זי האָט געקלונגען ביים ענד, ווען ער האָט גע־שלאָסען מיט די ווערטער „חדש ימינו כקדם!" אז דער עולם האָט די דאָזיגע ווערטער נאָכגעזאָגט, ווי ער פלעגט פאָדערען,— דאָס געדענק איך ניט.

דער דאַמאָלסדיגער ווילנער שטאָדט־מגיד איז געווען אַ

שלאנקער אלטער מאן מיט א ווייסער באָרד, א גרויסער למדן, א שטילער מענש. איהם האָב איך אויך ווייניג פארשטאנען; אָבער דאָס איז געווען צוליב זיין אקצענט. ער איז געווען פון דובנע (דער באריהמטער „דובנער מגיד" איז שוין לאנג געווען טויט), און זיין וואָלינער אידיש האָט מיר געקלונגען כמעט ווי א פרעמדער לשון.

גוטע מגידים האָט מען אוֹיך געקענט הערען אין זאוועל'ס שוהל, דער גרעסטער רעליגיעזער צענטער פון דעם פערד־מארק געגענד. דאָרטען בין איך באקאנט געוואָרען מיט די מגידות פון ביידע „סלוצקער", צוויי ברידער, וועלכע זיינען דאן געווען באַריהמט איבער גאנץ ליטע. איינער פון זיי איז געווען א קריפּעל, און ווען ער פלעגט אָנהויבען צו דרשנ'ען אין א נייעם פלאץ, פלעגט ער זיך פאָרשטעלען פאר'ן עולם מיט די פאָלגענדע ווער־טער: „איהר האָט געהערט פון דעם הר הזתים, איהר האָט גע־הערט פון דעם הר גריזים, איצט וועט איהר הערען פון דעם האר־בול" (אזוי פלעגען רוסישע אידען אויסריידען דעם רוסישען וואָרט „הארבון" — א הויקער). זיין ברודער איז געווען א שעה־נער איד, און עטוואָס א היינטיגער. דעם „הארבול" געדענק איך אָבער בעסער. הגם פון די צוויי דרשות, וואָס איך האָב פון איהם געהערט, איז מיר אויך גאָרניט איבערגעבליבען.

אין זאוועל'ס שוהל איז געווען טעטיג חיים רומשעסקער. „זאָגען" פלעגט ער אין דער שוהל גופא. אָבער איינמאָל א וואָך פלעגט ער לערנען מיט א גרופּע בעל־מלאכות און אנדערע „פּראָסטע מענשען", און דאָס פלעגט ער טאָן אין א נעקסטען צימער, וואו מען האָט געדאווענט אין מיטען וואָך.

חיים רומשעסקע־ איז געווען די אינטערעסאנטסטע פיגור צווישען אלע מגידים, וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט. לייי־דער האָב איך איהם גענומען פארשטעהן און אָפּשאצען ערשט מיט יאָהרען שפּעטער, ווען איך האָב איהם שוין מעהר ניט גע־קענט הערען אָדער זעהן. ער איז געווען א פאלקס־מענש, און איך גלויב, אז פון איהם וואָלט זיך געקענט ענטוויקלען א טא־

לאנטפולער בעלעטריסט, ווארים ער האָט געהאט איינבילדונגס־קראפט און אויך הומאָר. זיינע משלים זיינען געווען פארב־רייכע רעאליסטישע בילדער, און זיינע פארטייטשונגען און ערקלערונ־גען — אָפט זעהר וויציגע — האָבען ענטהאלטען א סך ווערטער און ווערטלעך, וועלכע האָבען געהאט מעהר שייכות צום טעגליכען לעבען, ווי צו טויטע ספרים. אלץ איז ביי איהם געווען אין דער פאָרמע פון סצענקעס, וואָס ער האָט גענומען פון דער ארומיגער וועלט.

איך עראינער זיך, צום ביישפיל, ווי ער האָט געגעבען א משל מיט א באלעבאָס און א משרת א גראָבען יונג. דער משרת מאכט אן אונאנגענעהמען ליארם, און דער איידעלער באלעבאָס קען דאָס ניט פארטראָגען. דערביי האָט ער אויפגעמאָלען אזא לעבעדיגען בילד, אז איך האָב זיי ביידען געזעהן, ווי פאר די אויגען.

— ער געהט מיט זיינע גרויסע, גראָבע שטיוועלעס. כליאָפּ! כליאָפּ! כליאָפּ! — האָט ער פאָרגעשטעלט.

דעם „כליאָפּ! בליאָפּ! כליאָפּ!” האָט ער ארויסגערערט לאנגזאם, הויך און טעאטראליש. עס האָט געהילכט דורך דער גאנצער שוהל, און צו דער זעלבער צייט האָט ער מיט די הענט און מיט די אויגען און מיט א ספעציעלער שארפקייט אין דער אויסשפראך אָנגעדייטעט, ווי דער משרת שפרייזט מיט זיינע גראָבע שטיוועל.

דער משל האָט אין זיך געהאט א שטיק הומאָר, און דער עולם האָט זיך צולאכט אויפ'ן קול. ליידער געדענק איך ניט, אין וואָס דער שפאָס איז באשטאנען.

אויגען האָט חיים רומשעסקער געהאט גרויסע, ארוים־שטאר־צענדיגע. ווען ער פלעגט עפּעס שילדערען, פלעגט ער זיי אזוי אויסשטעלען, אז זיי פלעגען אין דער סצענקע אריינגעבען א זאָנ־דערבארע קראפט.

ביי די מאסען איז ער געווען זעהר פּאָפּולער. לומדים אָבער האָבען אויף איהם געקוקט פון אויבען אראָפּ. „בדחן” פלעגען זיי איהם רופען. פונדעסטוועגען פלעגען זיי זיינע דרשות געהן הערען.

אמאָל פּלעגט ער זיך ערלויבען אַן אויסדרוק אָדער זאָגאַר אַ גאַנצען משל, וועלכען זיינע קריטיקער פּלעגען האַלטען פאַר אונאַנשטענדיג. איך געדענק, צום ביישפּיל, ווי ער האָט ער־קלערט דעם אונטערשיד פון אַ קעפּס־ווייב און אַ געזעצליכע פרוי, און ווי מיין פאָטער האָט דערנאָך ווענען דעם געררעדט מיט עקעל.

ער איז געווען אַ הויכער, און אין דעם הויכען קאַפּעלוש, וואָס ער פּלעגט אימער טראָגען, האָט ער אויסגעזעהן, ווי אַ ריז, אין מיינע אויגען. ער האָט געהאַט אַ גרויסען נאָמען, אָבער ניט ווי אַנדערע באַריהמטע מגידים. ער איז געווען אַ באַזונדערע פּערזענליכקייט, און זיין באַריהמטקייט האָט געהאַט אַ באַזונ־דערען כאַראַקטער.

דער באַריהמטער קעלעמער מגיד האָט מיר היפּנאָטיזירט, אָבער צום באַדויערען האָב איך איהם מעהר ווי איינמאָל ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו הערען. אין ווילנא איז ער געווען ניט קיין אָפטער גאַסט, און די דרשה, וואָס איך האָב געהערט פון איהם איז געווען די לעצטע וואָס ער האָט געהאַלטען אויף יענעם באַזוך זיינעם. דאָס איז געווען אין אַ שוהל לעבען גרינעם בריק, דאַכט זיך. און דער איינטריט־פּרייז איז געווען דריי קאָפּיקעס. איך געדענק גוט זיין באַריהמטען נגון און דעם פלאַמענדען כאַראַקטער פון די מוסר־אַטאַקעס, וואָס ער האָט געמאַכט אויף זיינע צוהערער. איך געדענק די היסטעריע פון רעליגיעזע פּאַרווירונג און שרעק. דעם אינהאַלט אָבער פון זיינע רייד געדענק איך ליידער ניט. אויך האָב איך ניט קיין גאַנץ קלאָהרען בילד פון זיין אויסערליכען אויסזעהן: אַ ברייט־ביינערדיגער, מיט אַ שוואַרצע בערדעל, ניט קיין גרויסע, מיט סאַרע, ניט קיין שעהנע אויגען אין אַ ברייטליכען, ניט קיין שעהנעם פּנים. אַזוי איז ער פאַרבליבען אין מיין גע־דעכנים. איך בין אָבער ניט זיכער אַז אַזוי האָט ער ווירקליך אויסגעזעהען.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיין אויסזעהען וואָלט זיך בעסער געפּאַסט פאַר אַ בעל־עגלה — אַזוי ווי זיין אמונה־פייער און

זיין מוסר־צאָרן וואָלט געווען אַן אָפּגעטיילטע, באזונדער שווע־
בענדע זאַך.

.6
בר־מצוה.

עס איז געוואָרען נאָהענט צו מיין בר־מצוה, און איך האָב
גערארפט זיך נעמען גרייטען צו א דרשה. געוועהנליך פערטיגט
דעם אינגעל צו דער רבי, ביי וועמען ער לערנט. אָבער א ראש
ישיבה באשעפטיגט זיך מיט אזעלכע זאכען ניט. האָט די
ארבייט אויף זיך גענומען מיין פריהערדיגער רבי, ישיעה באל־
טערמאנצער, ביי וועמען איך האָב אָפּגעלערנט דריי יאָהר.

עס איז פאראַן עפּעס א ספר — גרוים ווי א גמרא —
פון וואנען מען האָט געשעפּט אלע דרשות אזעלכע. אלזאָ,
האָט ר׳ ישיעה פון דאָרטען גענומען א בר־מצוה פּלפּול פאר מיר.
עס האָט זיך נאטירליך געהאנדעלט וועגען לייגען תפלין, און
עס איז געווען א געוועב פון פשט׳לעך איבער א גמרא מיט
פרושים; אָבער אלץ וואָס איך געדענק פון דער דרשה איז
דעם נאָמען „שאגת אריה" און דעם ציפער 37. זי האָט זיך
אָנגעהויבען מיט א שטיקעל גמרא פון א „דף ל"ז" אין איינער
פון יענע מסכתות, וועלכע מען לערנט ניט אין קיין חדר און
זעלטען אין א ישיבה — „זבחים", דאכט זיך. ר׳ ישיעה האָט דאָס
מיט מיר איבערגעלערנט א פּאָר מאָל. דערנאָך האָב איך דאָס
אליין ווידערהאָלט עטליכע מאָל, ביז איך האָב די דרשה געקענט
אויף אויסווענינ.

איך האָב זיך אויך צוגעפערטיגט צו לייענען די הפטורה
אין שוהל — די הפטורה פון דעם שבת פון מיין בר מצוה. צו
דעם האָב איך זיך אין קיין הילף ניט גענויטיגט.

דער שבת איז געקומען. די צערעמאָניע איז געפּראוועט
געווען אין סטראשונער׳ס קלייזעל — אין דעם אויבען דער־
מאָנטען סטראשונער׳ס הויף, וועלכער איז געשטאנען כמעט
אנטקעגען שבח זשירמונסקי׳ס הויף. איך געדענק דעם טאטענ׳ס
„ברוך שפּטרני" און וואָס ער האָט צו מיר געזאָגט ווען מיר

זיינע געגאַנגען פון דאַוונען, צוזאַמען מיט עטליכע אידען, וועלכע ער האָט איינגעלאַדען צו דער שמחה; ער האָט מיר געהייסען זיך אריינגעמען אין זינען אַז פון איצט אָן בין איך שוין אַ איד פאַר זיך, ניט קיין אינגעלע מעהר, נאָר אַ פאָלנער מענש!

די שמחה איז פאָרגעקומען אין אונזער שענק. אַזוי ווי עס איז געווען שבת, איז די גאַס־טיר געווען צוגעמאַכט, און קיין זייטיגע מענשען זיינען ניט אריינגעקומען. צו דעם גרויסען טיש, וואָס איז געשטאַנען ביי דער רויטער שלאָף־באַנק, האָט מען צוגעשטעלט דעם קלענערען טיש. עס האָט זיך אָנגעקליבען אַן עולם פון אַ פאָר צעהנדליג מענשען: קרובים, שכנים, גוטע פריינד. ישיעה באַלטערמאַנצער איז, נאַטירליך, געווען צווישען די איינגעלאַדענע. עליע איטשע — ניט. אפשר איז מיין פאָטער ניט געווען נאָהענט גענוג באַקאַנט מיט איהם — איהם איינצו־לאַדען. צווישען די געסט איז אויך געווען דעם טאַטען'ס אַמאָליגער רבי.

איך האָב אָפּגעזאָגט מיין דרשה: מען האָט מיר געגעבען די געוועהנליכע קאָמפּלימענטען; מען האָט געטרונקען, צוגע־ביסען, געשמועסט, געזאָגט תורה. געזאָגט וויצען אויף מיין חשבון, און איך בין געוואָרען אַ בר מצוה אינגעל.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס וואָס ביז אַהער איז געווען, איז איינס, און דאָס ווייטערדיגע איז גאָר אַנאַנדער זאַך. איך בין גאָר אַנאַנדער מענש.

7.

מיין ברודערל. — אַ נייע מיליטער־סיסטעם.

דעם נעקסטען ווינטער איז געבאָרען געוואָרען אַ ברודער צו מיר — מיט מיין מאַמע'ס רויטע האָר און מיט איהר שעהנעם פנים. אין אַ דאָנערשטאָג אָוועט איז דאָס געווען, וואָרים איך געדענק ווי די מאַמע פאַרקנעט די חלה אויף שבת, מיט אַן אויסדרוק פון פאַרשטיקטע שמערצען. באַלד איז די חייבאַם געקומען.

נאָך א סמן, אז דאָס איז געווען דאָנערשטאג ביינאכט: גלייך ווי מען האָט מיר געוויזען מיין ברודערעל, בין איך אוועקגעלאָפען פון שטוב צו דעם „משמור“, וואָס איך פלעג לערנען יעדען דאָנערשטאג ביינאכט. דער משמור איז געווען אין „חסיד׳ס מנין“ (די קלויז פון דעם ווילנער גאון), וואו פילע אינגלעך פלעגען יענע נאכט פארברענגען אין לערנען און שטיפען.

א פינסטערע ווינטער נאכט איז דאָס געווען. איך געדענק ווי איך בין נעגאנגען דורך „די יאטקעס“ — ניט געגאנגען, נאָר געלאָפען. זאָלען די אנדערע אינגלעך זעהן אז איך היט ניט איבער דעם משמור.

ווען די היבאם האָט מיר געוויזען מיין רויט־העריגען ברודערעל, האָט זי צו מיר געזאָגט:

— אָט האָסטו א ברודערעל! איצטער ביסטו שוין ביליגער. ביסט אוים בן יחיד!

דאָסזעלבע האָב איך דערנאָך געהערט פיל מאָל. יעדער און יעדע, וואָס איז אריינגעקומען אָפּגעבען א מזל טוב און א קוק טאָן אויף די קינפעטאָרין מיט׳ן ניי־געבאָרענעם קינד, האָט מיר מודיע געווען אז איך האָב שוין ניט מיט וואָס זיך גרויס צו האַלטען; אז איך בין געוואָרען ביליגער.

מיין ברודער איז אָבער געווען א גוטער גאסט ביי מיר. איך האָב זיך אין איהם גלייך איינגעליבט. איך האָב איהם געלאָסטשעט, געפּלאָפּעלט און געזונגען צו איהם. אזוי ווי ער האָט נאָך ניט געהאט קיין נאָמען, האָב איך די ערשטע וואָך איהם גערופען „ברודער“. געזאָגט ליבעס־ווערטער צו איהם און געזונגען: „ברודער, ברודער, ברודער!“

מען האָט איהם א נאָמען געגעבען יצחק, נאָך ר׳ איציקעל סירווינטער, א רב, ביי וועלכען מיין פאָטער האָט געלערנט בחור־ווייז, און צו וועלכען ער האָט געהאט א באזונדערען רעספעקט.

יענעם יאנואר — 1874 — איז אריין אין קראפט דער נייער „אוסטאוו“ (געזעץ) וועגען מיליטער דינסט. פריהער פלעגט דער קהל פון יעדער שטאָדט אָדער שטעדטעל

דארפען צושטעלען א באשטימטע צאהל רעקרוטען, און דער רעגירונג האט ניט אויסגעמאכט ווי אזוי מען האט זיי באקומען. א רייכער האט זיך אפגעקויפט מיט געלט, אדער ער פלעגט אנשטאט זיך שטעלען אנאנדערען. לויט דעם נ׳ייעם געזעץ אבער, האט יעדער 21-יעהריגער מאנסביל זיך געמוזט שטעלען צום „פריזיוו“. און אפקויפען זיך אדער שטעלען אנאנדערען פאר זיך האט מען שוין ניט געקענט. עס זיינען געווען לגאטעם” (ספעציעלע פארגרינגערונגען), פאר א בן יחיד, למשל. ביי דעם פריזיוו האט יעדער געצויגען א נומער, און מען האט די קאנדידאטען באקוקט און באטראכט כסדר, פון נומער איינס אן. אלזא, איז מעגליך געווען, אז די פריזיוו בעאמטע זאלען באקומען די נויטיגע צאהל סאלדאטען איידער עס איז צוגעקומען צו א געוויסען נומער, און אלע קאנדידאטען, וואס זייערע נומערען זיינען געווען העכער, זאלען בלייבען פריי.

וועגען דעם נייעם „אוסטאוו“ האט מען ניט אויפגעהערט צו ריידען. מען האט אויך אפט געהערט די ווערטער „נייער סטעמפ“ (סיסטעם) און אידען האבען צוזאמענגעמישט דעם ווארט „סיסטעם“ מיט דעם ווארט „אוסטאוו“.

אומעטום האט מען געטאלקעוועט וועגען דעם נייעם „סטעמפ“ אדער דעם „נייעם סטאף“. יעדע פאמיליע, וואס האט געהאט א זוהן, איז געווען צוטראגען. דער וואס האט נאר געקענט לעזען רוסיש, האט געהאט אן ארבייט צו לייענען און פארטייטשען דעם „נייעם סטעמפ“. און אזעלכע „קענער“ זיינען דאן קיין סך ניט געווען.

אין דער פלאטשטשאדקער ישיבת בין איך געווען דער איינציגער, וואס האט געקענט „גוט לייענען רוסיש“. איינמאל, ווען איך בין געקומען צום שיעור, זאגט עליע איטשע צו מיר:

— איך ווארט טאקע אויף דיר. קענסט טאקע לייענען רוסיש? אדרבא, ווייז וואס דו קענסט! אט איז דער נייער סטעמפ. נא לייען און זאג מיר וואס דא שטעהט!

ער האט אין האנט מיר דערלאנגט דעם נייעם „אוסטאוו“. איידער איך האב גענומען לעזען, האט ער ארויסגעשיקט אנזאגען עטליכע פון די שכנים. א חוץ די ישיבה בחורים, האט זיך

אלזא אנגעקליבען אן עולם פון עלטערע מענשען.

— זעה נאר, אז דו זאלסט גוט פארטייטשען. נאר זיך ניט און נאר ניט דעם עולם, — האט ער געזאגט מיט זיין שמייכעל, — אז ניט וועסטו זיך ביי מיר ניט נארען.

איך האב גענומען לעזען און פארטייטשען. עס זיינען געפלויגען פראגען. איינינע שטעלען האב איך אליין ניט פארשטאנען, אבער דאס רוב האבען די עלטערע צוהערער פון איין ווארט, וואס איך האב פארטייטשט, פארשטאנען א גאנצען זאץ, און זיי האבען מיר אויסגעהאלפען. איך סך הכל איז אפגעגאנגען גלאט. ר׳ עליע איטשע האט מיר געגעבען א מערדערליכען קניפ אין באק און א שטוים אין זייט. דאס איז געווען זיין קאמפלימענט פאר מיין ערפאלג.

פינפטער קאפיטעל.

„אַ הפקר יונג"

מיר פאַרלאָזען דעם שענק. — מען מאַכט מיר פאַר אַ בעל מלאכה

דעם פעטער אריה לייב'ס געשעפטען זיינען די לעצטע פאַר יאָהר געגאַנגען בארג־אראָפּ. דעם פּאָדוואָל האָט ער שוין אויפגעגעבען. אַ געוויסע צייט האָט איהם געהאַלטען לייזער הענאך, דער חזן, און ער איז אויך לאַנג אין איהם ניט פארבליבען. ער האָט מיט דעם געשעפט זיך איבערגעקליבען אויף אַנאַנדער פּלאַץ. דעם צימער, וואו דער פּאָדוואָל האָט זיך געפונען, האָט מען פאַרדונגען צו אַ יונגע פאָר־פאָלק פאַר אַ דירה. די ענדערונג האָט אויף מיר געמאַכט אַ שאַרפען איינ־דרוק. יעדע ענדערונג האָט אויף מיר אַזוי געווירקט. איך האָב געבענקט נאָכ'ן פּאָדוואָל, און נאָך די סצענעס, וואָס פלעגען דאָרט פאָרקומען.

דער שענק האָט איצט געהערט צו מיינע עלטערען; אָבער קיין גליקען האָבען זיי מיט איהם ניט געמאַכט. זיי האָבען זיך געוואָרפען ווי אַ פיש אין אַ נעץ. די מאַמע פלעגט זיצען ביים טיש־קעסטעל מיט צוזאַמענגעדריקטע ליפען, מיט אַ פאַר־טראַכטער מינע, און דער טאַטע פלעגט גאַנצענע טעג אַרומגעהן איבער'ן שענק מיט אַ פאַר'חשך'טען פּנים, מיט אַ טראַגישען בליק אין זיינע שוואַרצע איינגעגראָבענע אויגען.

ענדליך האָבען זיי דעם שענק אויפגעגעבען. זיי האָבען זיך באַזעצט אין אַ קאַמער אין פּריים'עס הויף, דער צווייטער פון זשירמונסקי'ס, צו זאַוואַלנער גאַס צו. דער טאַטע האָט באַקומען אַ שטעלע אַלס בוכהאַלטער אין אַן אָגולנעם פּרוכט־געשעפט, וועלכער האָט אימפּאָרטירט סחורה פון קרים און פון

זיד־אייראָפּעאישע לענדער. זיין געהאַלט איז געווען קליין. ער האָט זיך אָבער געשעצט גליקליך וואָס ער איז באַפרייט געוואָרען פון זיינע קאָפּ־דרעהענישען.

איך פלעג צו איהם אָפט קומען. דער ריח פון אַפּעל־סינען, ברוינע עפּעל פון ווייטע געגענדען און וויין־טרויבען איז געווען אַנגענעהם, אָבער דער אונפריינדליכער פּנים פון דער שוואַרץ־אויגיגער, זעהר דאַרער באַלעבאָסטע, האָט אויף מיר געאָטהעמט מיט פראָסט, און איהר שטאָלצע באַציהונג צו מיין פאָטער האָט מיר פאַרביטערט מיין לעבען אין יענע וואָכען.

פילע יאָהרען שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין אַמעריקא, האָב איך אין דאָסטאָיעווסקי׳ס ראָמאַן „די ברידער קאַראַמאַזאָוו“ געלעזען וועגען די יסורים, וואָס א אינגעל האָט געהאַט ווען אימיצער האָט באַליידיגט און ערנידעריגט זיין פאָטער. איך האָב זיך גלייך דערמאָנט אָן די יסורים, וואָס איך פלעג האָבען אין יענעם פרוכט געוועלב. די דאַרע, שוואַרץ־אויגיגע באַלעבאָסטע האָט מיין טאַטען אייגענטליך קיינמאָל ניט באַליידיגט. זי האָט איהם קיינמאָל ניט גערופען אַנדערש ווי „ר׳ שכנא“, און זאָגאַר קיינמאָל ניט אָהן א געוויסען רעספּעקט אין איהר טאָן. אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט אויך געקלונגען א טאָן פון אונצופרידענהייט און פאַראַכטונג. אַלס בוכהאַלטער האָט ער געהאַט ווענינ אַרבייט. מען האָט ערוואַרטעט אַז ער זאָל העלפען אַלס פאַרקויפער אויך, און צו דעם האָט ער ניט געטויגט.

דאָס רוב פון די פרוכט איז געקומען פון דרום־געגענדען, און אין דיזען געוועלב האָב איך צום ערשטען מאָל געהערט די נעמען פון אַזעלכע שטעדט ווי טריעסט, יאַלטאַ, סימפּע־ראָפּאָל. הויפּטזעכליך טריעסט.

פון פרייס׳עס הויף האָבען מיר זיך איבערגעקליבען אין שלמה קיסין׳ס הויף. דאָרטען, אויפ׳ן ראָג פון די צוויי זאַ־וואַוליקעס, האָבען עטליכע טרעפּלעך געפיהרט אין דער אכסניה פון אַן אַלטער אלמנה, וועלכע איז געווען באַקאַנט אַלס

„די אולאַנערסקע“. ביי איהר איז געווען אַ פרייער צימער, און דאָס איז געווען אונזער נייע דירה.

מיין פאָטער האָט זיין שטעלע אין דעם פרוכט־געשעפט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. ער איז געבליבען אָהן פרנסה, און עטליכע מאָנאַט האָט די מוהמע פייגע און מיין פעטערסבורגער פעטער, חיים לייב, אונז אויסגעהאַלטען.

דאַן האָט מען גענומען שטעלען פראַגען וועגען מיין צו־קונפט. וואָס וועט זיין דער תכלית?

— האָסט דאָך אַ שפּיגעל פאַר זיך — האָט די מאַמע צו מיר געזאָגט צעהן מאָל אַ טאָג. דער „שפיגעל“ איז נאַ־טירליך געווען דער טאַטע. צו דען וויל איך אויסוואַקסען אַזאַ לא יוצלח ווי ער?

עס איז געווען נאָהענט צו פסח, דער סוף פון מיין צווייטען זמן אין דער פלאָשטשאַדקער ישיבה. דער טאַטע, די מאַמע, די מוהמע, דער פעטער מיכל, דער זיידע — אַלע זיינען געווען איינפאַרשטאַנען, אַז איך מוז זיך לערנען אַ מלאכה, אַן „איידעלע“, נאַטירליך. דער זוהן פון מיין פעטער'ס אַ באַ־קאַנטען איז געווען אַ שניצער, אַן אויסגעצייכענטער בעל מלאכה און אַ גוטער פאַרדינער; איז געבליבען אַז איך זאָל אָנקומען צו איהם. דער טאַטע האָט באַזוכט זיין וואַרשטאַט (דאָס איז געווען אויף באַקסט־גאַס, גלייך אַנטקעגען דעם אריינגאַנג צו דער אַראָפּ־באַרגיגער גאַס, וואָס פיהרט צו זאַרעטשיע). קו־מענדיג צוריק, האָט ער מיט ענטציקונג דערצעהלט וועגען דער אַרבייט וואָס ער האָט דאָרטען געזעהען.

איך בין צום שניצער אָנגעקומען גלייך נאָך פסח. מיר איז געווען קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען. איך האָב זיך געפיהלט דעגראַדירט, אַראָפּגעוואָרפען אויף אַ נידעריגערען לעבענס־שטאַ־פּעל. די שניצערייען, וואָס איך האָב אַרום זיך געזעהען, האָבען מיר ניט אינטערעסירט. דאָס וואָס מיין פאָטער האָט דאָרטען באַוואונדערט, האָט מען שוין סיי־ווי־סיי צוגענומען, און די הויפּט אַרבייט איז איצט באַשטאַנען אין אויסשניצען די האַלץ פון געוועהנליכע שטוהלען.

דער עלטסטער בעל מלאכה, א שעהנער יונג, וועלכער האט שוין אויסגעדינט זיין טערמין און געארבייט פון וואך, האט אין איין האנט געהאלטען א דלאט אין דער פארמע פון א גראבענדעל, און מיט דער פויסט פון דער אנדערער האנט האט ער געזועצט אין איהם; דאס האט דעם געצייג געטריבען איבער א פיסעל פון א שטוהל און אין איהר אויסגעשניצט א קיילעכדיגען קאנאל. דערביי האט דער בעל־מלאכה צוגעזונגען אין טאקט צו די קלעפ פון זיין פויסט. דער נגון איז געגאנגען אין אפגעהאקטע געצעהלטע טענער. ער איז געווען צוגעפאסט צו זיין ארבייט.

אויסער מיר, זיינען געווען נאך צוויי אינגלעך. איינער פון זיי האט מיר באהאנדעלט ווי א „דיאדקא" באהאנדעלט א נייעם סאלדאט. און דאס האט מיר געערגערט אהן א שיעור.

דער בעל הבית האט מ'ין פאטער צוגעזאגט מיר צו נעמען לערנען די מלאכה אויפ'ן שטעל. ער האט אבער זיין ווארט ניט געהאלטען. די ערשטע טעג איז מיין ארבייט באשטאנען אין טראגען טיילען פון שטוהלען פון א מעבעל־מאכער צו דעם שניצער און דערנאך צוריק צום מעבעל־מאכער. געהענדיג מיט מיין משא אויפ'ן גאס האב איך געציטערט טאמער באגעגען איך א באקאנטען. מיין באשעפטיגונג איז פאר מיר געווען א שאנדע. איך, א בעל־הבת'ישער אינגעל, א רב'ס אן אייניקעל, זאל שלעפען שטוהלען! ווען מען וואלט דארטען געמאכט די מערקווירדיגסטע קונסט־ווערק, וואלט מיר אויך אויפ'ן הארצען ניט בעסער געווארען.

2.

אוים בעל מלאכה. — אין ראמיילע'ס קלויז. — אין חסיד'ס מנין.

פרייטאג אין דער פריה האט דער בעל הבית זיך גענומען צו א וויכטיגער שטיקעל ארבייט: א ברעט, אויף וועלכער מען האט באדארפט, לויט א צייכנונג, אויסשניצען א פילפאכע בלומען־פיגור.

עס איז אריינגעקומען א שווארץ־חנ'עוודיגע מיידעל, דעם בעל־הבית'ס א שוועגערין.

— וואס איז דאס? — האט זי געפרעגט, צוקוקענדיג זיך צו זיין ארבייט.

אויף דעם האט ער איהר געענטפערט מיט א סקאנדאליעזען ווארט. זי האט אראפגעלאזען די אויגען. אבער שטארק אין כעס איז זי ניט געווארען. זי איז שוין מסתמא געווען צוגעוואוינט צו אזעלכע ווערטער.

ביי מיר אבער האבען די באקען זיך צופלאמט פון דעם ווארט. צו אזא לשון בין איך ניט געוואוינט געווען. און דער געדאנק, אז דאס איז די וועלט, צו וועלכער, איך דארף איצט געהערען, איז מיר געווען שרעקליך.

עטליכע מינוטען שפעטער האט דער בעל הבית אויפגעהערט צו ארבייטען, ארויפגעכאפט אויף זיך די תפלין און אנגעהויבען צו דאווענען שטילערהייט. אין א מינוט ארום איז ער צוגעגאנגען צו א ווינקעל, וואו עס איז געלעגען די מצה, וואס איז איבערגעבליבען פון פסח. ער האט אפגעבראכען א שטיקעל מצה און גענומען קייען — אין מיטען דאווענען און אין די תפלין.

דאס האט צוגעגאסען בוימעל צו מיין האס. אזא גראבער יונג! אזא ווילדע בריאה!

שפעט נאכמיטאג, ווען עס איז געקומען די צייט צו געהן אהיים, האט דער בעל הבית מיר צוגערופען צו זיך.

—איך האב געהערט, אז דו קענסט לייענען און שרייבען רוסיש. איז דאס אמת?

— יע.

— אויב אזוי, טא זאג מיר וויפיל דאס איז.

מיט די רייד האט ער מיר צוגעפיהרט צו דעם עלמעריל, וואו מען האט געהאלטען די געצייג. אויף א זייט פון דעם עלמעריל זיינען מיט קרייט געווען אויפגעשריבען צוויי ציפער. ער האט מיר אנגעוויזען אויף זיי.

— 77! — האב איך געענטפערט.

— ריכטיג! ווייסטו אבער וואס מען מיינט מיט דעם?

איך האָב ניט געוואוסט, און ער האָט מיר ערקלערט:

— דאָס הייסט, אז עס איז פאראן 77 שטיקלעך געציינג, און דו ביזט איצט דער אינגסטער אינגעל אין ווארשטאט, דארפסטו אויף דעם אכטונג געבען. פארשטעהסט? אויב עס וועט עפּעס פעהלען, וועסטו אטוויעצאיען („אָטוויעטשאיען", זיין פאראנטוואָרטליך).

איך האָב געזאָגט, אז איך פארשטעה, און בין אוועק אהיים מיט אַ פעסטען באשלום מעהר צוריק ניט צו קומען.

וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען מיר און מיינע עלטערען פרייטאג צונאכט און שבת, געדענק איך ניט. דאָס אָבער וואָס האָט פּאסירט זונטאג אין דער פריה, געדענק איך שוין צו גוט. דער טאטע איז גאַנץ פריה אוועק פון שטוב און איך בין געבליבען מיט דער מאמען. איך האָב איהר געזאָגט, אז איך וועל מעהר צו דעם שניצער ניט געהן. זי האָט גענומען שרייען, אז איך וועל בלייבען „אזא שטיק צרה ווי דער טאטע", און געפאָדערט אז איך זאָל גלייך געהן צו דער ארבייט. אויף דעם האָב איך געענטפערט מיט אזא פייער, מיט אזא ווילדען צאָרן, אז זי האָט זיך געכאפּט פאר'ן קאָפּ.

איך בין צו דעם שניצער מעהר ניט געגאנגען.

איך געדענק ווי די מאמע האָט מיין געשריי דערנאָך געשילדערט פאר'ן טאטען און פאר דער מוהמען.

— איך האָב זיך פאר איהם דערשראָקען, — האָט זי געזאָגט, — ער האָט געשריען אויף מיר מיט אזא רציחה, איך האָב געמיינט ער וועט מיר הרג'ענען. איך האָב געמ'ינט ער איז פון זינען אראָפּ.

לאנג נאָך יענעם זונטאג פלעגט זי דאָס איבערדערצעהלען — אזא טיפען איינדרוק האָט די סצענע אויף איהר איבער־געלאָזען.

איך בין אוועק אין ראמיילע'ס קלויז. מען האָט מיר פארהערט און אריינגענומען אין ר' איציקעל'ס שיעור. דאָס הייסט אין פערטען קלאס.

איינגאנצען זיינען געווען זעקס קלאסען: ר׳ מאטעלע׳ס, ר׳ משה׳לע׳ס קליינער שיעור, ר׳ משה׳לע׳ס גרויסער שיעור, ר׳ איציקעלע׳ס, ר׳ שמואל׳ס און ר׳ יאנקעל פעסקער׳ס.

צו ר׳ איציקל׳ען האט זיך מיר טאקע געוואלט אנקומען. וועגען איהם האב איך זיך א סך אנגעהערט פון ישיעה באלטערמאנצער. ווען איך בין געקומען אהיים און געזאגט דעם טאטען צו וועלכען ראש ישיבה מען האט מיר צוגענומען, האט ער זיך געהאלטען גרויס מיט מיר. און אפילו די מאמע האט אויך געשיינט. זי האט אפילו געזאגט: „וועסט שוין בלייבען אן ארימאן ווי דער טאטע״; אבער צו ווערען א בעל מלאכה האט זי מיר מעהר ניט געטריבען. דאך, אי זי, אי דער טאטע, פלעגען מיר אפט אויפווארפען, אז איך טהו וואס איך וויל; אז איך פרעג ביי זיי ניט קיין דעה. איצט, ווען ער פלעגט ווערען אין כעס אויף מיר, פלעגט ער מיך רופען „סאמא־וואליעץ״, אדער „הפקר יונג״. ערנסט האב איך אבער דיזע ווערטער ניט גענומען. עס איז איהם געווען ביטער אויפ׳ן הארצען, פלעגט ער דאס אמאל אויסלאזען צו מיר.

ראמיילע׳ס ישיבה איז געווען די גרעסטע אין ווילנא. א מאיאריטעט פון די בחורים איז געווען פון אנדערע שטעדט און שטעדטלעך, און מייסטע פון זיי האבען „געגעסען טעג״. ווען איינעם האט געפעהלט א „טאג״, פלעגט א שמש מיט איהם געהן פון שטוב צו שטוב, ביז עס האט זיך געפונען א פאמיליע, וואס האט איהם צוגענומען אויף יענעם טאג. עס זיינען געווען „טאג״־ספעציאליסטען, בריה׳ס צו אפעלירען צו פרומע ווייבער און ביי זיי צו פועל׳ען אז זיי זאלען אן ארים־בחור קארמענען איין טאג אין וואך. איינינגע פון זיי פלעגען נעהמען געצאהלט פאר זייער ארבייט — א גילדען (15 קאפיקעס) א „טאג״, דאכט זיך.

מיט דעם ווארט „טאג״ האט מען געמיינט אי דאס עסען, אי די בעלי־בתים ביי וועמען מען האט געגעסען.

דאס עסען איז הויפטזעכליך באשטאנען פון איין מאלצייט — אנבייסען (דינער). אויף וועטשערע פלעגט מען דעם ארים־

בחור געוועהנליך געבען אַ פּאָר קאָפּיקעס. און פריהשטיק איז אין דעם טאָג גאָרניט געווען אַריינגערעכענט.

די „טעג"-געבער זיינען מייסטענס אַליין געווען קבצנים. די רייכע פאַמיליען האָבען זיך דאָס רוב געפיהרט מעהר אָדער וויינינער היינט-וועלטיג, און קיין אָרים-בחורים האָבען זיי ביי זייער טיש ניט געוואָלט האָבען.

די טעג-עסער פון ראַמיילע'ס קלויז האָבען גענעכטיגט אין קלויז. זיי האָבען געשלאָפען אויף אַ מין פּלאַטפאָרמע פון ברעטער, דאָס רוף מיט אַ סיעניק (אַ זאַק מיט היי אָדער שטרוי) צוקאָפּען. אויף פרישטיק האָט די ישיבה זיי געגעבען אַ האַלב פונט ברויט. און אויב איינעם האָט געפעהלט אַ „טאָג" האָט ער אויף יענעם מעת-לעת באַקומען נאָך אַ פונט ברויט, דאַכט זיך.

דער וואָס האָט געהאַט מיט וואָס, האָט זיך געקויפט אַ שטיקעל קעז פאַר אַ גראָשען, און אפשר אויך פאַר אַ האַלבען גראָשען הייסע וואַסער אין אַ „טשאַינע". פילע פון די אָרים-בחורים האָבען אָבער געגעסען טרוקענע ברויט.

דער געלעגער איז געווען זעהר שמוציג. די גאַנצע קלויז איז געווען שמוציג.

יעדער בחור האָט געהאַט זיין קופערטיל (קעסטעל), און כמעט יעדער אויך אַ מעסעריל. דער קופערט-שליסעלע, וועלכער פלעגט אראָפּהענגען אויף אַ שנירעל פון האַלז, און דער מעסעריל זיינען געווען די צוויי געצייג, מיט וועלכע דער טאָג-עסער האָט זיך אויסגעצייכענט אין מיינע אויגען. אַזוי ווי איך האָב געגעסען און גענעכטיגט אין דער היים, האָב איך קיין קופערטיל ניט געהאַט און אַ מעסעריל איז מיר אויך ניט געווען נויטיג. די אָרים-בחור'שע וועלט איז געווען אַנאַנדערע ווי מיינע. יעדער קופערטיל איז געווען אַ פאַרשלאָסענע געהיימניס. יעדער שליסעלע האָט גערייצט מיין נייגעריגקייט.

דאָס לעבען צווישען די אָרים-בחורים האָט געהאַט זיינע באַזונדערע אינטערעסען, מנהגים, געזעצען — אַ באַזונדערע שפּראַך זאָגאַר. צום ביישפּיל: ווען איין בחור האָט ביי אַ צווייטען בחור געבעטען אַ שטיקעל ברויט, אַ פענעצעל אוגערקע, אַ שטיקעל הערינג, אָדער אביסעל „הייסע וואַסער", האָט

דאָס געהייסען אז ער בעט א „שאנץ“. אויב זיי זיינען געווען חברים, גוטע פריינד, האָט יענער ניט ענטזאָגט. אויב אָבער דאָס וואָס ער האָט גענעסען האָט ער אליין באקומען פון אנאנדערען, האָט ער געמעגט אנטזאגען. ווארום דער דין פון דער אָרים־בחור וועלט איז געווען, אז „א שאנץ פון א שאנץ איז פטור“.

די בחורים האָט מען גערופען מיט די נעמען פון זייערע שטעדט: „דער אָשמיאנער“, „דער נאָווארעדעקער“, „דער ווילקאָמירער“, א. אז. וו.

אויב עס זיינען געווען צוויי אָדער דריי פון איין שטאָדט, פלעגט מען צולייגען א צונעמעניש: „דער גרויסער נאָווארעדעקער“, דער „געשטופעלטער ווילקאָמירער“, צום ביישפיל.

יעדער שיעור איז „געזאָגט“ געוואָרען ביי א לאנגען טיש, וועלכער איז געשטאנען צווישען צוויי לאנגע בענק. דער ראש ישיבה איז געזעסען אין מיטען, ביים וואנט, מיט א צייל בחורים פון רעכטען האנט, א צייל בחורים פון לינקען האנט און א צייל בחורים אויף דער אנטקעגענדיגער באנק. דער בעסטער תלמיד פלעגט געוועהנליך זיצען פונקט אנטקעגען רבי׳ן. אויב ביים טיש איז ניט געווען גענוג פלאץ פאר אלע תלמידים, האָט מען פון הינטען צוגעשטעלט א זעהר הויכען, לאנגען באנק — א „באטרייסק“. די וואָס זיינען געזעסען אויף דער באטרייסקע, זיינען אויסגעקומען איבער די קעפ פון די וואָס זיינען געזעסען ביים טיש, אנטקעגען דעם רבי׳ן. דאָס זיינען מייסטענס געווען די ערגערע תלמידים. מיין פלאץ איז געווען ביים טיש נעקסט צו דעם בחור וואָס איז געזעסען פונקט אנטקעגען דעם ראש־ישיבה.

די גאנצע קלויז מיט איהרע ישיבות, מיט אלץ וואס דאָרטען איז פאָרגעקומען, האָט געקענט עקזיסטירען מיט טויזענט יאָהר צוריק — אזוי וועניג שייכות האָט זי געהאַט צו דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט.

ר׳ איציקעל איז געווען א איד פון די מיטעלע יאָהרען, ניט קיין מיאוסער. זיין פנים איז געווען אַן ערנסטער און אַן עכט בטלנ׳ישער. מיר האָבען געלערענט חולין. פון דעם שטיינער

ווי אַזוי ער האָט ערקלערט אַ ענין איז אין מיין זכרון ניט איבערגעבליבען קיין סליאַד.

פון די בחורים, וואָס האָבען דאַן געלערנט אין די זעקס קלאַסען, געדענק איך עטליכע וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט עפּעס. איינער איז געווען אַ גרויסער שווימער. ער האָט געקענט אריבערשווימען די ווילִיאַ הין און צוריק מיט אַמאָל. אַ צווייטער האָט געהאַט די שעהנסטע האַנטשריפט אין ראַמיילע'ס קלויז; אַ דריטער האָט געקענט אויפעסען צוויי פונט ברויט מיט אַמאָל; אַ פערטער איז געווען אַ גרויסער באָד־יונג (שטיפער) און שפּאַס־מאַכער. פון מיין אייגענעם שיעור געדענק איך אַ דאַרען, זעהר בלאַסען בחור, וועלכער האָט אויף מיר געמאַכט אַ איינדרוק מיט זיין פרומקייט און מיט דער חנ'עוודיגער באַגייסטערונג, מיט וועלכער ער פלעגט לערנען.

מיר ביידע, דיזער באַגייסטערטער בחור און איך, פלעגען דעם שיעור צוגרייטען אין חסיד'ס מנין, הגם ניט צוזאַמען. מיר האָבען דאָרטען איבערהויפּט פאַרבראַכט פילע שטונדען. מיר זיינען געווען וועניג באַקאַנט, און ער האָט מיט קיינעם זיך ניט געחבר'ט; געזעסען און געלערנט מיט אַ געשמאַקער התמדה. ער האָט זיך שעהן געוויגט ביי דער גמרא, און דער נגון איז ביי איהם געווען אַ שעהנער. זיין בלייכער פּנים פלעגט שיינען מיט התמדה־גליק. איך פלעג ליב האָבען צו קוקען און הערען ווי ער לערנט. זיין שטענדער איז געווען אין אַ גאַנץ אַנדער ווינקעל ווי מיינער. איך פלעג זיך אָבער שטעלען ניט ווייט פון איהם און איהם בעאָבאַכטען. אין מיין לערנען פלעג איך איהם פּרוּאווען נאָכמאַכען. אָבער מיין שטימע און מיינע באַוועגונגען האָבען אין זיך ניט געהאַט זיין חן, און איך פלעג זיך ערגערען דערפון.

עטליכע וואָכען האָב איך אויך הנאה געהאַט פון לערנען. דער גייסט פון חסיד'ס מנין האָט מיר געפאַנגען, איבערהויפּט אין אָווענט, ווען די גרויסע קלויז איז געווען פול מיט באַלע־באַטישע לומדים. ר' יאָסעלע דער מורה הוראה, דעם גרויסען ר' צלאַל'ס אַ ברודער, פלעגט דאַן זיצען אין זיין ווינקעל,

אויבען אָן ביים ארון קודש, זיצען און שאָקלען זיך איבער זיין גמרא, ניט ארויסלאָזענדיג קיין קול. א רייכער איד, א מלוה, פלעגט זיצען ניט ווייט פון איהם. ער פלעגט זיך ניט וויגען, נאָר זיינע קורצזיכטיגע אויגען פלעגען פאָהרען איבער דער גמרא הין און צוריק, און אנשטאָט זינגען מיט א גמרא־נגון, פלעגט ער ברומען, ווי א הונגעריקע חיה. מען האָט געזאָגט, אז ער איז א גרויסער למדן און א גרויסער בלוט־צאַפּער אלס פּראָצענטניק. ווען ער איז אָבער געזעסען ביי דער גמרא, האָט זיך גערוכט אז דאָס איז זיין גאַנצער לעבען.

איך פלעג זיצען אויף מיין זיידע'ס „שטאָדט", פּונקט אנט־קעגען ארון קודש און כמעט אנטקעגען ר' יאָסעלען. דער גרויסער צימער, באלויכטען מיט לאָמפּען פון אויבען און מיט עטליכע צעהנדליג ליכט אויף עטליכע צעהנדליג שטענדערס, איז געווען פול מיט גמרא געזאַנג. עס האָט אייך מיטגעשלעפּט. איך פלעג לערנען מיט חשק.

אָבער חולין האָט מיר ניט אינטערעסירט, און איז מיטען לערנען פלעג איך זיך פארטראכטען. איך פלעג לערנען אויפ'ן קול, זיך שאָקלען, זאָגען די ווערטער מיט פייער. מיינע גע־דאַנקען פלעגען אָבער אָפּט זיך אוועקטראָגען אין אנדערע וועלטען, און די אויערען האָבען ניט געהערט וואָס די מויל זאָגט.

3.

אוים גמרא.

צי איך האָב געלערנט מיט אויפמערקזאמקייט, צי איך האָב געטראכט וועגען אנדערע זאכען, דאָס לערנען האָט מיר פאר־שאַפט פילע מאָמענטען פון תענוג. איך פלעג שוועבען אין טרוים־לענדער. דער מוח האָט געארבייט, די הארץ איז געווען פול.

אָבער קיין אמת'ן אינטערעס אין דער גמרא האָב איך ניט געפיהלט. ווען מען וואָלט דאן ביי מיר געפרעגט, אויב איך וועל בלייבען ביים לערנען, וואָלט איך געזאָגט „יע". ביי

זיך אין הארצען וואָלט איך אָבער געוואוסט, אז איך מיין דאָס ניט. איך אַליין האָב זיך אזעלכע פראגען ניט געשטעלט. אָבער אויף אַן אונדייטליכען שטייגער האָב איך פארשטאַנען, אז פריהער־שפּעטער, וועל איך אוועקוואַרפען די ישיבה און דעם חסיד'ס מנין.

די איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אין מיטען פון מיין ערשטען זמן אלס ר' איציקעל'ס תלמיד.

איינמאָל אין אַן אווענט, אין חסיד'ס מנין, זיינען דריי יונגע לייט געזעסען און געשמועסט, און איך בין געשטאַנען און זיך צוגעהערט. איינער פון די דריי איז געווען א שטיקעל לעהרער פון שרייבען. אין אווענט פלעגט ער אהער אריינקומען לערנען א בלאַט גמרא. עס איז געקומען צורייד וועגען האַנט־שריפטען, און מיר האָט זיך פארגלוסט צו הערען דעם לעהרער'ס מבינות אויף מיין כתב. איך האָב געקראַגען טינט און פעדער מיט א בויגעלע פּאַפּיר, און האָב אויפגעשריבען א שורה.

זיין מיינונג איז געווען אַזוי אונגעפעהר: „באַזונדערע אותיות זיינען אויסגעצייכענט, אָבער פיינע אותיות איז נאָך ניט קיין כתב. די אותיות דאַרפען שטעהן ווי עס באַדאַרף צו זיין. ביי דיר שטעהן זיי שלעכט. איין בוכשטאַב האַלט די קאָפּ צו מזרח, א צווייטער — צו מערב, ווי א ראָטע שכור'ע סאָלדאַטען שטעהן זיי“.

איך בין ביי זיך שטאַרק אראָפּגעפאַלען, און דער יונגער לעהרער האָט ארויסגערופען גרויס רעספּעקט אין מיר.

איך האָב געזוכט געלעגענהייטען מיט איהם צו שמועסען. א צווייטען מאָל האָב איך מיט איהם גערעדט וועגען רוסיש לייענען. ער האָט מיר פאַרהערט און געזאָגט, אז איך לייען גוט און האָב א בעסערע אויסשפּראַכע ווי ער. ער האָט מיר אויך עקזאַמינירט אין רעכענען. ער האָט מיר געגעבען א שכל'דיגע „זאַדאַטשע“ (פּראָבלעם, אויפגאַבע), און איך האָב איהר „גערעשאיעט“ (געפונען דעם ריכטיגען ענטפער).

— ער וועט שוין ביי דער גמרא ניט בלייבען, — האָט ער באַמערקט צו א יונגען מאַן, וואָס איז געזעסען דערביי.

די געשפּרעכען, וואָס איך האָב געהאַט מיט'ן לעהרער

האַבען מיינע געדאנקען געגעבען א נייע ריכטונג. איך האָב זיך אליין גענומען פארשטעהן. עס איז מיר דייטליך געוואָרען אז צו דער גמרא האָב איך מעהר קיין חשק ניט, און אז מיר ציהט צום „ביכעל".

איך האָב איבערגעהיפּט א שיעור אין ראמיילע'ס קלויז, א צווייטען, א דריטען.

בשעת מיר האָבען געוואוינט אין פּריים'עס הויף, בין איך דאָרטען באקאנט געוואָרען מיט א אינגעל פון מאלאט, מיט'ן נאָמען הירשקע לעווענסאָן. שפּעטער האָט ער זיך גערופען שפּיעז. דער בעל הבית פון אונזער דירה, וועלכער איז אויך געווען א מאלאטער, האָט דערצעהלט, אז הירשקע'ס פּאָטער איז א סטאָליער, אָבער אז ער קען גוט לשון קודש און תכונה (אסטראָנאָמיע), און אז ער איז א גרויסער אפּיקורס. פונדעסטוועגען האָט הירשקע געלערנט גמרא אין ווילנא. זינט מיר האָבען זיך אריבערגעקליבען אין קיסינ'ס הויף, האָב איך איהם ניט געזעהן. איך האָב אָבער געהערט, אז ער האָט שוין די גמרא אוועקגעוואָרפען און אז ער געהט אין דער נאָראָדנאָיע אוטשילישטשע אויפ'ן פּעד־מארק. האָב איך איהם אויפגעזוכט.

— מען לערנט דאָרטען מיט טעם, — האָט ער געלויבט די שוהל, — גראמאטיק און דראָב (פּרעקשאָנס) לערנט מען גרונטיג.

גלייך אויף מאָרגען בין איך אריבערגעגאנגען אהין. מען האָט מיר עקזאמינירט און מען האָט מיר צוגענומען אין צווייטען קלאס. א פּאָר טעג בין איך נאָך אין דער ישיבה אויך געגאנגען. איך האָב אָבער ניט געענדיגט די וואָך. מאָנטאג בין איך שוין ביים שיעור ניט געווען. און דאס איז געווען דער סוף פון מיין גמרא לערנען.

ווען מיין פּאָטער האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט ער געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געזאָגט „הפקר יונג". שטארק אין כעס איז ער אָבער ניט געווען.

ער האָט דאן פּאָרדינט עטליכע רובעל א וואָך ביי דעם

פּאַדבּרעזער „סבאַרשטשיק" וואָלפע אַגוז, ביי קהל'שע אַר־בייט, און ער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיין נייער באַשעפטיגונג זיך צו אינטערעסירען מיט מיר. דאָך, פון צייט צו צייט פלעגט ער מיר פרעגען ווענגען די למודים, וואָס איך לערען אין „קלאַס". און איך האָב געקענט זעהן אַז עס געפעלט איהם. נאָר ווען ער פלעגט ווערען בייז אויף מיר, פלעגט ער מיר רופען „סאַמאָוואָליעץ" און „הפקר יונג" — טיטולען, וועלכע איך האָב פון איהם געהערט ביי דריי יאָהר צייט.

.4

אַריפמעטיק און גראַמאַטיק. — ציפּקין און וואָלפער.

ווען אַנשטאָט חדרים און ישיבות, וואָלט איך באַזוכט אַ גימנאַזיע, אָדער אַן אַמעריקאַנער פּאַבליק סקוהל, וואָלט איך צו עלף יאָהר געוואוסט מעהר ווי איצט צו פערצעהן. אָבער די גמרא, מיט וועלכער מען האָט פאַרנומען מיין מח פון מיין אַכטען יאָהר אָן, קען מען אויך מיט'ן האַנט ניט אָוועקמאַכען. ווי נאַריש עס איז צו מאַטערען אַ קינד מיט די ענינים פון כתובות, גיטין, בבא קמא, אָדער פסחים, אַלס גימנאַסטיק פאַר'ן מח איז דאָס אָבער גיט אוננויצליך. ווען איך האָב זיך גענומען צו דראָב, איז דאָס מיר אָנגעקומען לייכט. צו „שכל'ען" איז דער מח געווען געוואוינט, און די שטרענגע לאָגיק, וועלכע ער האָט אין אַריפמעטיק געפונען, אַנשטאָט די צוויי־פעלהאַפטע דריידלאַך פון די תנאים און אמוראים, איז געווען אַן אַנגע־נעהמע ענדערונג.

איך בין אָנגעקומען אין דער „אוטשילישטשע" אין מיטען זמן; איך האָב אָבער די אַנדערע שילער פון דעם צווייטען קלאַס באַלד דעריאָגט.

מיינע מלמדים און ראשי־ישיבות האָבען געזאָגט, אַז איך האָב אַ גוטע קאָפּ, און ציפּקין — מיין איצטיגער לעהרער אויף אַריפמעטיק — האָט מיר געגעבען דעמזעלבען קאָמפּלימענט.

ער פלעגט אונז לערנען מיט חשק. הגם ער האָט ליב

געהאט צו בטל'ען אויך. איין טיר פון אונזער קלאס־צימער האט געפיהרט אין דער וואוינונג פון א לעהרער, וועלכער האט געהאט קלאסען אין די מארגען־שטונדען; פלעגט ציפקין עפענען די דאזיגע טיר אין מיטען אוראק, און פארפירען א שמועס מיט יענעם'ס פרוי.

ער האט געהאט שווארצע האר און שווארצע וואנצעס, ציפקין, און זיין קאפ, צוזאמען מיט די האר, האט געהאט אן עכט־קיילעכדיגע פארמע. א לאכעדיגע שווארצע פילקע — אזוי שטעלט ער מיר זיך פאר אין מיין זכרון.

אין יענע צייטען פלעגען רוסישע לעהרער שלאגען די שילער מיט דער ליניייקע (רולער). דער שולדיגער פלעגט מוזען אויסשטעלען די האנט און מען פלעגט איהם מכבד זיין איין מאל, צוויי מאל, דריי מאל. ציפקין האט ליב געהאט זיך צו רייצען מיט זיין קרבן. יענער שטעהט מיט דער האנט אויס־געשטרעקט ווי א בעטלער, און ער, ציפקין, פארמעסט זיך און בארמעסט זיך אויף איהר מיט דעם הילצערנעם אינסטרומענט. דער אינגעל פינטעלט מיט די אויגען פאר שרעק; און ענדיגען ענדיגט זיך אפשר מיט גארנים. ציפקין האט איהם נאר גע־וואלט אנסטראשען.

דאס האט מיר עראינערט אן יאנקעל פויזנער, מיין רבי'ן. דערצו נאך איז אין ציפקין'ס קלאס געווען א אינגעל, וואס האט געקענט אויסשטעהן קלעפ פון דער ליניייקע, און פלעגט זיך מיט'ן לעהרער רייצען, אזוי ווי פאלקע פלעגט זיך רייצען מיט יאנקעל פויזנער.

ווען עס האט זיך געמאכט א שווערע „זאדאטשע", און די שילער האבען זיך געמאטערט איבער איהר, פלעגט ציפקין הנאה האבען קוקענדיג אויף זיי. און ווען איינער האט איהר „גערישעט", האט ער געשריען: „מאלאדיעץ!"

מיין חבר לעווענסאן־שפיעז איז געווען א מדים אויף זאדאטשעס. אבער איך בין אין א קורצער צייט געווארען זיין גלייכען. עס זיינען געווען נאך א צוויי אינגלעך, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט אין אריפמעטיק, און מיר פיער פלעגען זיך

פארוועטען צווישען זיך אין פאנאנדערפלאנטערען שווערע זאדאטשעס.

אריפמעטיק איז געוואָרען א גרויסער ספאָרט ביי מיר. איך פלעג זיך ניט באנוגענען מיט די חשבונות, וואָס מיר האָבען געמאכט אין קלאס. איך פלעג זיך ארומטראָגען מיט זא־ראטשעס אויסער דער שוהל אויך. עס זיינען געווען דריי פארשידענע „זאדאטשניקעס“ (ספעציעלע ביכלאך פאר אריפ־מעטישע אויפגאבען): מאלינין׳ס, יעווטושעווסקי׳ס און בוסע׳ס; האָב איך זיי אלע געקויפט אָדער געבאָרגט, און דורכגעמאכט יעדע שווערע „זאדאטשע“ אין יעדען פון זיי. און טאָמער האָב איך געהערט, אז אימיצער האָט עפעס א נייע זאדאטשע, א טיפזיניגע, פלעג איך מאכען אָנשטרענגונגען איהר צו באקומען. דאן פלעג איך זי געבען לעוועגסאָנ׳ען און א פאָר אנדערע חברים. עס האָט זיך ביי אונז צוזאמענגעשטעלט א מין זאדאטשע־קלוב.

אין דיזע אלע זאדאטשעס האָט זיך געהאנדעלט וועגען געוועהנליכע דראָב. ווייטער זיינען מיר אין דיזער שוהל ניט נעגאנגען. דעסיאטיטשנע דראָב (דעסימאלס) איז געווען אויף יענער זייט גרענעץ.

מיכאאיל וואָלפער, דער אוטשיטעל, וואָס האָט אונז גע־לערנט רוסיש לעזען, אויסלייגען און גראמאטיק, איז געווען איינער פון די בעסטע שוהל־לעהרער וואָס ווילנער אידען האָבען דאן געהאט. ער איז געווען א געבאָרענער פעדאגאָג, און ער האָט זיין ארבייט געטאָן מיט דער ליבע, וועלכע א קינסטלער פיהלט צו זיין קונסט.

ער האָט געהאט בלאָנדע האָר און א בלאָנדע בערדעל. דעם אונטערשיד צווישען איהם און ציפקינ׳ען, אין זייער אויס־זעהן, פלעגען מיר באצייכענען מיט די ווערטער: „דער געלער“ און „דער שווארצער“.

וואָלפער האָט געהאט מעהר פייער, און ציפקין — מעהר הומאָר. וואָלפער פלעגט ערקלערען דעם אוראָק מיט אזא הויכע און הארציגע שטימע, אז ער פלעגט אָפט ווערען הייזעריג.

ער איז געווען איינער פון יענע „ראבינטשיקעס“, וואָס

באַלעבאַטישע אידען האָבען אויסגעהאָדעוועט אַלס חתנים פאַר זייערע טעכטער. די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט שטודירט אין דער ראַבינער־שוהל, האָט ער זיך אויפגעהאַלטען ביי אַ פּוטער־קירזשנער, אַ הויכער, שוואַרץ־באָרדיגער איד, וועלכען איך פּלעג אָפּט זעהן ביי מיין זיידען׳ס שכן, דעם שטרייכער. וואָלפער׳ס פרוי, אַ הויכע, אַ שעהנע, מיט שעהנע, גרויסע אויגען איז געווען דעם פּוטער־קירזשנער׳ס אינגערע טאָכטער. זיין עלטערע טאָכטער איז אויך געווען פאַרהייראַט צו אַ קאַזיאָנעם לעהרער.

אין די אידישע שוהלען האָט מען דאַן געברויכט אַ רוסישע גראַמאַטיק פון איינעם הורוויטש, אָדער גורוויטש. דיזער גור־וויטש איז פריהער געווען אַ לעהרער אין דער ראַבינער־שוהל. דערנאָך האָט ער זיך גע׳שמדט, און זיין נאָמען איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין גוריעוו. אין דער ערשטער אויסגאַבע פון זיין גראַמאַטיק איז אויף דער פאָדער־בלאַט געשטאַנען גורוויטש. אין דער נייער אויסגאַבע אָבער איז שוין געשטאַנען דער „משומד־סקער" נאָמען. דיזען ביכעל האָט מען אונז געגעבען אין קלאַס. וואָלפער האָט זיך אָבער מיט איהם ווייניג באַנוצט. ער האָט געהאַט זיין אייגענע מעטאָדע. זיינע ערקלערונגען פלעגען מיר פאַרשרייבען, און אויף אַזאַ אופן האָט זיך ביי אונז אָנגעזאַמעלט אַ געשריבענע גראַמאַטיק.

איך האָב די גראַמאַטיק געלערנט מיט אַזאַ חשק ווי אַריפמעטיק. וואָלפער פלעגט אָבער אונז אַרויסגעבען קרילאָוו׳ס פאַבלען (משלים) אויסצולערנען אויף אויסווייניג, און צו דעם האָב איך קיין חשק ניט געהאַט. איך האָב כּיינמ געהאַט צו „זוברעווען" אויף אויסווייניג; און איבער געוואַלד לערנען האָב איך ניט געקענט. פלעג איך מיט דיזע מעשה׳לעך האָבען צרות. וואָלפּער פלעגט מיר מוסר׳ן, שרייען אויף מיר, שטעלען מיר אַ שלעכטע „מיינונג"*). עס האָט אָבער ווייניג געהאָלפען.

*) די „מיינונגען", אָדער „אָטמיעטקעס" (מאַרקס), זיינען געגאַנ־גען פון 1 ביז 5 (1 — זעהר שלעכט; 2 — שלעכט; 3 — צופרידענ־שטעלענד; 4 — גוט; 5 — אויסגעצייכענט). אַזוי איז געווען אין די פאַרשידענסטע סאָרטען שוהלען פאַר אינגלאַך אָדער בחורים. אין די גימנאַזיעס פאַר מיידלאַך זיינען די „מיינונגען" געגאַנגען פון 1 ביז 12.

עהנליכעס פלעגט פּאַסירען, ווען מען פלעגט אַרויסגעבען איבערצושרייבען אַ פּאָר געדרוקטע זייטלעך, אָדער צו מאַכען עטליכע גרינגע זאַדאַטשעס אין דער היים. אין אזא מעכאַנישער אַרבייט האָב איך קיין אינטערעס ניט געהאַט. איך פלעג איהר אָפּליינען ביז דער לעצטער מינוט, און אָפט פלעג איך קומען אין קלאַס מיט אַ תירוץ. פונדעסטוועגען פלעגט וואָלפער מיר ווייזען אויפמערקזאַמקייט, און מיר אָפט ערקלערט אַלס זיין בעסטער שילער נאָר אַ פוילער.

ענדע זומער איז געקומען אַ פאָלקס־שוהל אינספּעקטאָר. ער האָט אונז פאַרהערט, און די וואָס האָבען אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען, האָבען באַקומען אַ „סווידיעטעלסטוואָ" (סערטיפיקעיט). איך בין געווען איינער פון זיי.

ביידע לעהרער האָבען מיר פאַר'ן אינספּעקטאָר פאָרגעשטעלט אַלס אַ אינגעל מיט זעהר גוטע פעהיגקייטען, „אָבער אַ פוילער". אַלזאָ, האָט מען אין מיין סווידיעטעלסטוואָ געשריבען „פּיערען".

.5
אידישע גימנאַזיסטען. — מיין ברוינע קאַפּאָטקע.

אין אויגוסט פון יענעם זומער איז די צאָהל אידישע גימנאַזיסטען אין ווילנא שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרען. פּלוצלונג האָבען זיך באַוויזען ביי פופציג אָדער זעכציג אידישע אינגלעך אין די שעהנע גימנאַזיסטישע מונדירען און „קעפּיעס", אַזוי ווי די וואָס די רוסישע סאָלדאַטען פלעגען דאַן טראָגען. אין מיינע אויגען האָט די גאַנצע שטאָדט גענומען בלישטשען מיט זילבערנע קנעפּ און מיט זילבערנע „גאַלונען".

פריהער איז ביי אונז געווען נאָר איין גימנאַזיע, און אין איהר האָבען זיך געפונען זעהר ווייניג אידען. „גויעשקע" בילדונג איז נאָך געווען אַ נייעס, און נאָר פאַמיליען פון דעם רייכען, היינטיגען קלאַס, האָבען געוואַגט זייערע אינגלעך צו מאַכען פאַר גימנאַזיסטען.

אין מיין געדאַנק זיינען אידישע משפחות געווען צוטיילט

אויף אזעלכע, וואו די קינדער רופען די עלטערען „טאטע” און „מאמע”, און אזעלכע, וואו מען רופט זיי „פאפאשא” און „מאמאשא”. אין גימנאזיע זיינען געגאנגען נאר אינגלעך פון דעם „פאפאשא” קלאס.

די איינציגע גימנאזיע איז אבער געווארען צו קליין אפילו פאר דער קריסטליכער באפעלקערונג; אלזא, האט מען צו איהר צוגעגעבען א זעקס־קלאסיגע „פראגימנאזיע”; דאס הייסט, א גימנאזיע מיט נאר די ערשטע זעקס קלאסען. דער וואס האט געענדיגט די פראגימנאזיע, האט געקענט אריבערגעהן אין דעם 7טען קלאס פון דער אלטער גימנאזיע. אין דעם נייעם בילדונגס־אנשטאלט האבען זיך א לאז געטאן א סך אידישע קינדער.

אויף דער אלטער גימנאזיע איז מען צוגעוואוינט געווען צו קוקען ווי אויף א שוהל, וואו עס געהען זעהר ווייניג אידען. פון די פריהערדיגע יאהרען, ווען „גויעשקע” בילדונג האט זיך ביי אונז גערעכענט פאר א „טריפה'ן גערוכט, איז געווען איינגעווארצעלט א באגריף, אז זי איז ניט פאר אידען. מיט דער פראגימנאזיע איז אבער דער דאזיגער באגריף ניט געווען פארבונדען. און דער ווונש צו געבען א קינד מאדערנע ביל־דונג איז שטארק אויסגעוואקסען. קורץ, נאך איידער די פרא־גימנאזיע איז אויפגעעפענט געווארען, האט זיך גענומען הערען, אז אהין וועלען אנקומען א סך אידישע שילער. און עס איז געווארען א מין מאדע צו־צופערטיגען א אינגעל צו איהר. אפילו די פראגע וועגען שרייבען אום שבת האט שוין אויך ניט געשטערט.

אין אנפאנג אויגוסט, אלזא, האבען זיך באוויזען עטליכע צעהנדליג אידישע שילער פון דער נייער פראגימנאזיע. און צווישען זיי זיינען געווען ניט נאר אינגלעך פון דעם „פאפאשא” קלאס, נאר אויך פון דעם „טאטע” קלאס.

צווישען די נייע גימנאזיסטען האב איך געהאט איין גוטען באקאנטען. דאס איז געווען מיין „בן גיל”, שעפטעלע מיצקון, מיט וועלכען איך האב געלערנט אין חאצקעל'ס חדר. ער איז איצט געווען א הויכער אינגעל מיט ברייטע פלייצעס, און די

פאָרמע (יוניפאָרם) האָט איהם געפּאסט זעהר שעהן. זינט ער האָט איהר אָנגעטאָן האָבען מיר זיך באַגעגענט עטליכע מאָל, און יעדעס מאָל האָט ער זיך צו מיר פארהאלטען פריינדליכער ווי איך האָב ערוואַרט. צו געהן איבער'ן גאס מיט א גימנאזיסט איז ביי מיר געווען א גרויסער כבוד.

איך בין דאַן געווען זעהר אָרים געקליידעט. און מיין קאפּאָטקע איז געווען א לאנגע, אַן אַלטמאָדישע, א ברוינע, אַן אַלטע, א צוקנייטשטע. איך האָב זיך געוואונדערט וואָס ער שעהמט זיך ניט ארומצוגעהן מיט מיר. און ארומגעהענדיג מיט איהם, האָב איך זיך מיט מיין צרה'דיגער קאפּאָטקע געשעהמט פיל מעהרער ווי ווען איך בין געגאַנגען אַליין.

איינמאָל האָט ער מיר דערזעהן אויף דעם גרויסען קאטהעדראַל פּלאַץ, לעבען דעם באָטאַנישען גאָרטען. ביי א פאָרשטעלונג פון אַן אַלטען דייטש, וואָס איז געגאַנגען אויף א שטריק, איז דאָס געווען. ער איז צו מיר צוגעקומען מיט זיין געוועהנליכער פריינדליכקייט, און נאָך דער פאָרשטעלונג זיינען מיר שפּאַצירענדיג געגאַנגען אַהיים. באַלד האָבען מיר באַמערקט ווי א איד באַקוקט אונז מיט א שמייכעל. א מינוט שפּעטער איז דער איד צו אונז צוגעקומען און געזאָגט צו מיצקונ'ען:

— ווערסטו אַלעמאָל מיט איהם ארומגעהן? אין צוויי יאָהר, אין דריי יאָהר אָרום אויכעט?

וואָס מיצקון האָט געענטפערט, אָדער צי ער האָט איבער־הויפּט געענטפערט, געדענק איך ניט. די סצענע האָט זיך אָבער איינגעגראָבען אין מיין מח. דעריבער געדענק איך עס יענע ברוינע, צודרייטע, לאַנגע קאפּאָטקע מיינע. אַלע אַנדערע קאפּאָטקעס, וואָס איך האָב געטראָגען אינגעלוויוז, זיינען פון מיין זכרון פארשוואונדען. דיזע אָבער האָב איך ניט פאַר־געסען. איך געדענק איהר באַוועלגע מאַטעריע, איהר פאַר־ראָשטען ברוינעם קאָליר; איך געדענק ווי איהר ברעג, ביי די קנעפּלעך, האָט זיך געגרייזעלט אינוועניג־צו, און ווי דער אונטערשטער ברעג איז געהאַנגען ניט־גלייך.

מיצקון פלעגט מיר דערצעהלען וואס עס טוט זיך אין זיין קלאס, וועגען די לעהרער, וועגען די שילער, און וועגען אלץ וואס מען האט געלערנט.

א קורצע צייט שפעטער האט מען אין ווילנא געעפענט א רעאל־שוהל, און אהין זיינען אויך אנגעקומען פילע אידישע אינגלעך. די פארמעס פון די „רעאליסטען" זיינען געווען געמאכט פונקט ווי די פארמעס פון די גימנאזיסטען, נאר דער קאליר איז געווען אנאנדערער. ביי די גימנאזיסטען איז דער קאסטיום געווען פון בלויע געוואנט, באפוצט מיט ווייסע קאנטען און מיט זילבערנע גאלונען און זילבערנע קנעפ, און ביי די „רעאליסטען" — פון ברוינע געוואנט, באפוצט מיט געל און גאלד. צו באגעגענען אידישע אינגלעך אין „פריצישע" פארמעס פון דיזע צוויי סארטען, איז אין יענע פאר יאהר געווארען א גאנץ געוועהנליכע זאך, הגם מיט עטליכע יאהר פריהער האט זיך דאס נאך קיינעם ניט גע'חלום'ט.

אין דער גייסטיגער געשיכטע פון ווילנא, און פון גאנץ ליטא מסתמא, זיינען דיזע פאר יאהר באצייכענט מיט בולט'ע בוכשטאבען. אז זיי האבען געהאט א ווירקונג אויף מיינע גייסטיגע שטרעבונגען — איז זיך לייכט פארצושטעלען.

.6

דער לערער־אינסטיטוט. — איך האב ניט קיין פאפירען. — הירשקע לעווענסאן.

דעם פארינען יאהר, דאס הייסט אין 1873, האט די רעגירונג צוגעמאכט די ראבינער־שוהל, און אויף איהר ארט האט זי געגרינדעט א לעהרער־אינסטיטוט — איינעם אין ווילנא און איינעם אין זשיטאמיר. דער צוועק איז געווען צו־צוגרייטען לעהרער פאר א נייעם סארט רוסישע אנפאנגס־שוהלען („נאטשאלנאיע אוטשילישטשעס") פאר אידישע קינדער.

אַלע שילער פון דעם אינסטיטוט זיינען געווען אויף „קאַזיאָנע". די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבען שטודירט, האָט מען זיי געגעבען קוואַרטיר, עסען, שוך־און־קלייד. ווען דער שילער האָט געענדיגט, איז ער געווען באַזאָרגט מיט אַ לעהרער־שטעלע אין איינער פון די „נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשעס".

דער אינסטיטוט איז באַשטאַנען פון פיער קלאַסען. צו דעם ערשטען קלאַס האָט מען געמוזט זיין ניט וועניגער ווי זעכצעהן און ניט מעהר ווי זיבעצעהן יאָהר אַלט.

אום די שילער פון דעם אינסטיטוט זאָלען האָבען וואו צו פּראַקטיצירען זייער צוקונפטיגע פּראָפעסיע — וואו צו לערנען זיך לערנען — האָט מען ביי יעדען פון די צוויי אינסטיטוטען געעפענט אַ נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע. גערופען האָט מען איהר „אָדנאָ־קלאַסנאָיע" (איין־קלאַסיגע), אָבער דער איין קלאַס איז באַשטאַנען פון דריי אָפּטיילונגען, און אין יעדער אָפּטיילונג האָט דער אינגעל געדאַרפט פאַרבלייבען צוויי יאָהר. און פריהער פאַר דער ערשטער אָפּטיילונג איז נאָך געווען אַ צופערטיגונגס־קלאַס פאַר גאָר קליינע קינדער.

די גאַנצע געשיכטע איז געווען לעבערליך צוצווייגען. און מען דאַרף באַמערקען, אַז אין דער „נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע" האָט מען פאַרבראַכט ניט צוויי שטונדען אַ טאָג, נאָר זעקס — פון ניין ביז דריי.

דער וואָס האָט געענדיגט די ווילנער (אָדער זשיטאָמירער) „נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע", האָט געקענט אָנקומען אין אינסטיטוט.

פיער יאָהר אויף אַלעם פאַרטיגען און בילדונג, און דאַן זיין זיכער מיט אַ קאַזיאָנע לעהרער־שטעלע, אַ פּראַק מיט מעשענע קנעפּ, אַ היטעל מיט אַ קאָקאַרדע און אַ ראָלע פון אַ „טשינאָווניק" — וואָס האָט אין יענע צייטען געקענט זיין אַ שעהנערער תכלית פאַר אַ אינגעל פון מיין עקאָנאָמישען צו־שטאַנד? וועגען גימנאַזיע אָדער רעאַל־שוהלע האָב איך ניט געסמייעט צו דענקען. פאַר'ן לערנען אַליין האָט מען דאָרטען געמוזט צאָהלען אַ היבשע סומע. דאָס, צוזאַמען מיט דער

בלישטשענדער „פּאַרמע", איז ניט געווען פאַר מיין טאַטענ'ס פוסטער קעשענע.

ווען איך וואָלט זיך אביסעל צוגעפּערטיגט, וואָלט איך געקענט אָנקומען אין דער דריטער אפּטיילונג פון דער „נאַ־טשאַלנאַיע אוטשילישטשע". דאָס הייסט, אַז אין צוויי יאָהר ארום וואָלט איך אָנגעקומען אין אינסטיטוט; אָבער אין „נאַטשאַלנאַיע אוטשילישטשע" איז ניט געווען אזוי לייכט אריינצוגעהן ווי אין דער „נאַראָדנאַיע". מען האָט געמוזט האָבען „מעטריקעס" (געבורט־שיין), און מיר האָט מען דאָך ביי מיין געבורט ניט פאַרשריבען. מאַכען „געשוואָרענע מעט־ריקעס" ווידער, האָט באַדאַרפט קאָסטען אַ צעהן אָדער פופצעהן רובעל — אַ סומע וועלכע איך האָב ניט געקענט דאָקאַזשען. אַ חוץ דעם, איז דאָס געווען פאַרבונדען מיט צערעמאָניעס און שוועריגקייטען, וועלכע אַ פערצעהן־יאָהריגען אינגעל פון מיין קלאַס איז ניט געווען לייכט בייצוקומען.

הירשקע לעווענסאָן איז געווען אין דערזעלבער לאַגע. מיר פלעגען גאַנצע טעג ריידען וועגען די שילער פון דער דריטער אפּטיילונג „נאַטשאַלנע". מיר האָבען געקענט יעדען פון זיי מיט'ן נאָמען, געוואוסט ווער זייערע עלטערען זיינען.

איינער פון זיי איז געווען שימקע אראָנאָוויטש פון פּאָד־ברעזע, וועמען זיין מוטער האָט אלס קינד ארויפגעשטעלט אויפ'ן פּאָליצע אין אַ טאָפּ מיט פּערערען. ער איז איצט געווען אַ שעהנער יונג, מיט אַ שעהנעם רויטען פאַרב אין די באַקען. ווען איך פלעג זעהן ווי ער געהט מיט ביכער אונטער'ן אָרעם, פלעגט מיר די הארץ אויסגעהן פון קנאה, געמישט מיט ליבע, צו איהם.

מיר האָבען זיך אינטערעסירט מיט אלץ וואָס איז פאַר־געקומען אין דער „נאַטשאַלנע" און אין אינסטיטוט. מיר האָבען געהאַט פאַרשידענע אַנעקדאָטען וועגען די לעהרער (איינער פון זיי — אין דעם „פּריגאָטאָוויטעלנעם" קלאַס — איז איצט געווען מיכאַאיל וואָלפער).

איך פלעג מיט לעווענסאָנ'ען פארברענגען פיל צייט. ער איז געווען זעהר פעהיג, און מיר פלעגען מאכען „זאדאטשעס" צוזאמען, שמועסען, פאנטאזירען. ער פלעגט מיר דערצעהלען וועגען זיין שטעדטעל מאלאט, און וועגען זיין אינטערעסאנטען פאָטער.

הירשקע איז געווען אן אפיקורס, אזוי ווי זיין פאָטער. אָבער מיר באקעהרען האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. ער איז געווען עלטער און ענטוויקעלטער פאר מיר, אָבער טראָץ דעם און טראָץ זיינע גוטע פעהיגקייטען, איז ער ניט געווען אימשטאנד צו ענטפערען אויף די פראגען, וואָס איך פלעג איהם שטעלען. דאָס הייסט אָבער ניט, אז ער האָט ניט געהאט וואָס צו ענטפערען. ער איז געווען פון יענע מענשען, וואָס האָבען פיינט צו דעבאטירען. אויב זיי גלויבען ניט אין א זאך, מאכען זיי פון איהר חוזק. אנשטאָט זיך אריינצולאָזען אין ארגומענטען, לאכען זיי אָפּ. פון גאָט פלעגט לעווענסאָן מאכען שפּאָס, זאָגען גיפטיגע וויצען וועגען איהם.

איך בין שוין דאן ניט געווען פרום. דאָוונען האָב איך שוין לאנג אויפגעהערט. און שרייבען אום שבת האָב איך שוין אויך ניט מורא געהאט. אָבער אויפגעהערט צו גלויבען האָב איך ניט.

הירשקע האָט געגעבטיגט, אָהן געצאָהלט, ביי זיין לאנדסמאן אין פריים'עס הויף. און אויף עסען האָט ער פארדינט א פּאָר רובעל א מאָנאט פון אוראָקען. ער האָט אָפט צוגעהונגערט. ער האָט זיך אָבער אימער געמאכט פרעהליך. ער האָט פיל גערעדט וועגען געשלעכטס־ענינים. אזוי ווי ער איז געווען עלטער, האָט ער געהאט ערפאהרונגען, וועלכע זיינען מיר נאָך געווען פרעמד. אזעלכע זאכען פלעגט ער באהאנדלען אָהן צערעמאָניעס, מיט דעמזעלבען טאָן פון איראָניע, מיט וועלכען ער פלעגט ריידען וועגען רעליגיע. איך האָב דאָס פיינט געהאט. איך האָב געוואָלט, אז ער זאָל וועגען אזעלכע פראגען געברויכען אן אנשטענדיגערע, א ראָמאנטישערע שפּראַך. איך פלעג ווערען בייז און גיפטיג, און ער פלעגט מיר אויסלאכען.

.7

קרילאָוו. — הירשקע רייכערסאָן. — העברעאיש. — מיין ערשטע ערפאַהרונג אלם פארפאסער.

הירשקע לעווענסאָן און איך האָבען זיך גענומען צו קרילאָוו׳ס פאבלען. פילע פון זיי זיינען געווען צוזייהט איבער די רוסישע כרעסטאָמאַטיעס („רידערס“, לעזע־ביכלעך פאר שוהלען). מיר האָבען אָבער געקראָגען א בוך וואס האט ענט־האַלטען אַלע פאבלען קרילאָוו׳ס, און מיר האָבען איהם געלעזען און געלערנט כסדר, פון אָנהויב ביז׳ן סוף.

עס איז געוואָרען א קרילאָוו פיבער ביי מיר. גאַנצענע טעג פלעג איך זיצען ביי די פאבלען, ריידען וועגען ז״י, פאר־הערען זיך אין זיי מיט לעווענסאָנ׳ען. פילע פון זיי האָב איך אויסגעלערנט אויף אויסווייניג. דאָס איז מיר לייכט ניט אָנגעקומען, אָבער איצט האָב איך דאָס געטאָן מיט מיין איי־נענעם ווילען. קיינער האט מיר די פאבלען ניט אויפגעגעבען. איך בין געווען טיף פאראינטערעסירט, און, ווי אימער, האט מיין אינטערעס די שווערסטע ארבייט מיר גרינג געמאַכט.

קרילאָוו האט הירשקע׳ן און מיר געבראַכט אין נאָהענטע באַקאַנטשאַפט מיט הירשקע רייכערסאָנ׳ען, דעם זוהן פון דעם העברעאישען שרייבער, וואָס האט איבערגעזעצט דעם גאַנצען קרילאָוו אויף העברעאיש. זיי האָבען געוואוינט אויף קליין־סטעפּאַן גאַס (אין דעם הויף וואו א״יזיק מאיר דיק האט געוואוינט, און וואו עס איז געווען מיין ערשטער חדר ביי ישעיה באַלטערמאַנצער). א פּאָר מאָל אין טאָג פלעגט ער פארבייגעהן פּריים׳עס הויף. און — איך געדענק ניט ווי אַזוי — מיר זיינען באַקאַנט געוואָרען.

ער איז געווען אין דעמזעלבען עלטער ווי לעווענסאָן — צוויי אָדער דריי יאָהר עלטער פאר מיר. פריהער איז ער א פּאָר יאָהר געגאַנגען אין ראַבינער שוהל. אַלזאָ, האט ער רוסיש געלערנט גוט. ער האט אָבער געקענט העברעאיש אויך,

און אונטער זיין איינפלוס האָב איך און הירשקע לעווענסאָן גענומען לעזען העברעאישע ביכלעך.

לעווענסאָן איז באַלד אַוועקגעפאָהרען אין סוועגציאָן, וואו ער האָט באַקומען עפּעס אַ שטעלע. מיין אינטערעס אין העברעאישע ביכלעך האָט אָנגעהאַלטען אויך אַ געוויסע צייט נאָכדעם.

צוערשט איז דאָס מיר ניט אָנגעקומען לייכט. ביסלעכווייז האָב איך זיך אָבער צוגעוואוינט און זיי געלייענט כמעט אַזוי גרינג ווי קרילאָוו'ס פאַבלען. איך האָב איבערגעלייענט מאַפּו'ס „אהבת ציון" און „אשמת שומרון"; אַ ראָמאַנטישע ערצעהלונג מיט'ן נאָמען „הפודה ומציל", יהודה לייב גאָרדאָנ'ס „עולם כמנהגו" און אַ העברעאישע איבערזעצונג פון דעם „עוויגען יודע" („הצופה בארץ נוד").

פון מאַפּו'ס עכט ביבלישע שפּראַך האָב איך געהאַט גרויס הנאה. איך געדענק דעם תענוג, מיט וועלכען איך האָב צום צווייטען מאָל איבערגעלייענט „אהבת ציון". צוליב דער פאַרצייטיגקייט פון דער שפּראַך האָב איך זיך אַריבערגעטראָגען אין די דורות פון די נביאים. איך האָב זיך לעבעדיג פאָרגעשטעלט די פּערזאָנען פון דעם נאאיווען ראָמאַן און זייער תנ"ך לעבען. דאָס איז געווען מיין דריטער שטאַרקער ליטעראַרישער גענוס. דער ערשטער איז געווען מיט אַ יאָהר פיער־פינף פריהער, אין די פרייטאָג־צו־נאַכט'ען, ווען איך פלעג לעזען די סדרות „וישב", „מקץ", „ויגש" און „ויחי", און דעם „ספר הישר"; און דער צווייטער — ווען איך האָב געהערט די מעשה מיט די אוצר־גרעבער, וואָס האָבען דערהערט די געזאַנג פון אַ שלאָפענדען קינד.

דעם פאַרגעניגען, וואָס איך האָב געהאַט ביים לעזען „אשמת שומרון" געדענק איך שוואַכער. איך עראינער זיך נאָר מיין ענטציקונג פון אַ געוויסער שטעלע, וואו עס ווערט פאָרגעשטעלט ווי אין אַ יום־טוב'דיגען טאָג נעהט דער עולם פון אַ פאַרזאַמלונג, וואו עס האָט גערעדט ישעיה; די פערזאָנען פון דעם ראָמאַן שמועסען וועגען דעם נביא'ס רעדע.

אריינצופּאַסען אויסגעטראַכטע פּאַסירונגען אין דעם תנ"ך,

אזוי ווי זיי וואלטען אין אמת'ן פארגעקומען בשעת ישעיה האט געלעבט — דאס האב איך באטראכט אלס א וואונדערבארען איינפאל. און דורך דער סצענע האב איך דערפיהלט א נייעם טעם פון ווירקליכקייט אין דעם ראמאן.

דאס איז געווען מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט היס־טארישער בעלעטריסטיק.

„עולם כמנהגו" האט מיר אויך פארשאפט פארגעניגען, אבער פון אנאנדער סארט. איך האב הנאה געהאט פון דער סאטירע און הומאר, וואס די ערצעהלונג ענטהאלט. אם דייט־ליכסטען איז ביי מיר אין זכרון פארבליבען די סצענע, וואו א גאנצער עולם שלאגט כפרות מיט איין האהן, וועלכער איז צוגעבונדען צו דעם ברעג פון א שטאנג. דעם שטאנג מיט'ן האהן האלט מען אין דער הויך און מען דרעהט איהם איבער אלעמענ'ס קעפ.

דאס וואס איך האב געלעזען העברעאישע ביכלעך, איז מיין טאטען געפעלען געווען. א פאר פון זיי האט ער געליענט א סך פריהער פאר מיר, און א פאר האט ער איצט געלייענט. דעם „עולם כמנהגו" האבען מיר געלייענט אין איינעם. פונ־דעסטוועגען, ווען עס פלעגט איהם ביטער ווערען אויפ'ן הארצען, און איך פלעג איהם ארויסברענגען פון געדולד, פלעגט ער מיר רופען מיט מיין געוועהנליכען נאמען: „הפקר־יונג".

„

מיין חבר'שאפט מיט רייכערסאנ'ען איז פארטגעזעצט גע־ווארען אויך נאכדעם ווי לעווענסאן איז אוועקגעפאהרען.

זיין מוטער איז געווען טויט, און זיין פאטער איז געווען פארהייראט א צווייטען מאל. זיין שטיף־מוטער, א יונגע פרוי מיט רויטע האר, וועלכע זי פלעגט לאזען ארויסקריכען פון אונטער דער קאפ־טיכעל, איז געווען א גאסטפריינדליכע און א פרעהליכע; פלעג איך און לעווענסאן צו זיי ארויפקומען; און נאכדעם ווי ער איז אוועקגעפאהרען, פלעג איך אליין ארויפקומען. די פאמיליע האט שוין דאן געוואוינט אין אנאנדער דירה, אויף א לאנגען אייזערנעם גאניק, אין א גרויסען הויף אויף פראנציסקאנער גאס. זיי האבען געוואוינט זעהר ארים.

דער פּאָטער איז אַ גאַנצען טאָג געווען באַשעפטיגט אויף זיינע שטונדען, און ווען ער איז יאָ געווען אין שטוב, האָט מען אויך זעלטען געהערט זיין קול. ער איז אימער געווען פאַרנומען מיט'ן שרייבען, לעזען, אָדער טראַכטען. אַמאָל פלעגט ער אומגעהן איבער'ן שטוב און זיך שושקען מיט זיך אליין. „דאָס פאַרפאַסט ער אַ שיר" — האָט הירשקע מיר אַמאָל ערקלערט.

הירשקע איז געווען געזעלשאַפטליכער און רעדעוודיגער ווי זיין פּאָטער, און זיין טאָן איז כמעט אימער געווען אַן אנגע־נעהמער. צו זיין שטיף־מוטער האָט ער זיך פאַרהאַלטען פריינדליך, און ווען זי פלעגט מאַכען עפּעס אַ פרעהליכע באַ־מערקונג, פלעגט ער לאַכען מיט אַ סימפּאַטישען געלעכטער.

ער איז ניט געווען קיין געזונטער, הירשקע. דער פּנים איז ביי איהם אימער געווען בלאַס. זיינע שוואַרצע אויגען האָבען געהאַט אַ מונטערען בליק; אָבער ווען ער האָט גע־שמייכעלט, האָבען די דאָזיגע שוואַרצע אויגען, צוזאַמען מיט זיינע ווייסע צייהן, געבלישטשעט מיט אַ טראַגישער ווארנונג. זיין אויסזעהן פלעגט מיר פאַרשאַפען צער.

הירשקע רייכערסאָן האָט אָנגעהויבען איבערצוזעצען קרי־לאָוו'ען אויף אידיש, און ער האָט מיר איבערגעלעזען כמעט יעדען איבערזעצטען פאַבעל זיינעם.

איינמאָל האָב איך אויך געפּרואווט איבערזעצען אַ פאַבעל. איך האָב דאָס געטאָן נאָר אויף שפּאַס. אָבער הירשקע האָט געלויבט מיין איבערזעצונג, און ביי אונז האָט זיך אויס־געאַרבייט אַ פּלאַן, אַז איך זאָל איהם העלפען: איך זאָל איבערזעצען אַ טייל פון קרילאָוו'ס פאַבלען און ער זאָל מיינע איבערזעצונגען אריינגעמען אין זיין ווערק, אונטער זיין נאָמען.

איך בין געווען אויס'ן זיבעטען הימעל. דאָס וואָס מיין נאָמען וועט ניט דערמאָנט ווערען, האָט מיר ניט געקימערט — אבי מיינע גראַמען וועלען זיין געדרוקט.

מיר זיינען געווען אַזוי אונגערפאַהרען אין באַצוג צו פאַר־פאַסערשע רעכט און פאַרפאַסערשען כבוד, אַז מיר האָבען אין דעם פּלאַן קיין אוננאַטירליכקייט ניט געזעהן. ניט רייכערסאָן

האָט געמיינט מיר צו באַרויבען, ניט איך האָב געפּיהלט אַז ער געהט דאָ מיר טאָן אַן עולה. פאַרקעהרט: דאָס וואָס ער לאָזט מיר אַנטייל נעמען אין זיין ליטעראַרישער אַרבייט האָב איך געהאַלטען פאַר אַ טובה.

איבערזעצען קרילאָוו׳ס רוסיש אויף אידיש, און ניט סתם איבערזעצען, נאָר צוזאַמענשטעלען די ווערטער אין גראַמען — די דאָזיגע אַרבייט האָט מיר פאַרשאַפט אַ גרויסען פאַרגעניגען. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער זיס־ביטערער קליפּה, וועלכע מען רופט פאַרפאַסער־אַמביציע.

אָבער קיין בלומען־קראַנצען האָט מיר דיזע ערשטע פּראָבע ניט געבראַכט.

דעם „ליגנער״ — איינע פון די לענגסטע פאַבלען אין קרילאָוו׳ס זאַמלונגען, האָב איך געהאַלטען פאַר זיין גרעסטע מייסטערווערק. איך האָב איהר געקענט אויף אויסווענדיג. איך פלעג איהר ליב האָבען צו דעקלאַמירען. אַלזאָ, האָב איך איהר אויסגעקליבען פאַר מיין אָנהויב.

שפּאַצירענדיג מיט אַ באַקאַנטען, דערצעהלט דער ליגנער וועגען אַן אוגערקע גרויס ווי אַ באַרג. זיי דאַרפען אַריבערגעהן איבער אַ בריק, און זיין באַגלייטער זאָגט איהם, אַז דער בריק האָט אַזאַ טבע, דאָס ווען אַ ליגנער טרעט אויף איהם אַרויף, וואַרפט ער איהם אַריין אין טייך. דער ליגנער דערשרעקט זיך און ער הויבט אָן „אַראָפּצולאָזען״ פון דער גוזמא: די אוגערקע איז ניט געווען גרויס ווי אַ באַרג, נאָר ווי אַ הויז. דערנאָך ווערט זי ביי איהם נאָך קלענער; און אַזוי געהט עס ווייטער. ווען די צוויי פאַרבייגעהער האַלטען שוין ביי דעם בריק, איז שוין די אוגערקע אַזוי ווי אַלע אוגערקעס.

ווען איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבייט, האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז דער וויכטיגסטער וואָרט אין דער פאַבעל איז אַ שטערונג צו די פערזען. דער רוסישער וואָרט „אָגורעץ״ גראַמט זיך גרינג. צו דעם אידישען וואָרט „אוגערקע״ אָבער איז שווער צו געפינען אַ גראַם. האָב איך זיך אַזאַ עצה געגעבען: איך האָב די אוגערקע פאַרוואַנדעלט אין אַ נוס. צו „נוס״ איז לייכטער צו געפינען אַ גראַם.

דעם מילדען, גוטען הירשקען, וועלכער איז פון אַלץ געווען צופרידען, איז דער פּלאַן געפעלען געוואָרען, און פון מיין איבערזעצונג איז ער געווען ענטציקט.

אויף מאָרגען אָבער האָט ער מיר אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשורה: זיין פאָטער איז ניט נאָר געגען מיין „נוס", נאָר געגען אונזער גאַנצען פּלאַן.

אַן איבערזעצונג מוז זיין אַן איבערזעצונג — האָט ער געזאָגט. אין דעם אָריגינאַל ווערט דערצעהלט וועגען אַן אוגערקע, מוז בלייבען אַן אוגערקע. קרילאָוו האָט קיין פאַבעל וועגען אַ נוס ניט געשריבען. און וואָס אנבאַטרעפט מיין מיטאַרביי־טערשאַפט, קען מען דאָס איבערהויפּט ניט ערלויבען, ווייל די איבערזעצונג געהט אויף הירשקע'ס נאָמען און ניט אויף מיינעם, און באַנוצען זיך מיט פרעמדע אַרבייט טאָר אַ פאַרפאָסער ניט.

זעקסטער קאַפּיטעל

מיט לאַנגזאַמע טריט

.1

ווידער אין פאָלקס־שול. — מאַרגאָלין. — רוסיש.

מיין אינטערעס אין העברעאיש איז פארשוואונדען. מיר האָט אינטערעסירט נאָר איין שפראך: רוסיש. צו קענען גוט רוסיש און צו זיין א געבילדעטער מענש — דאָס איז געווען מיין הויפּט אמביציע.

אין שטוב איז אַלץ געהאנגען א חושך. אָבער פון לערנען זיך א מלאכה האָב איך ניט געוואָלט הערען. איך מוז שטודירען. פריהער צי שפּעטער — דיזער וואונש מיינער מוז מקוים ווערען.

איידער וואָס־ווען, האָב איך זיך מישב געווען ווידער צו געהן אין א „נאָרמאַלנאָיע אוטשילישטשע". אי, איך האָב שוין דאָס אַלץ געלערנט און האָב שוין אן אטעסטאַט? וועל איך דאָס דורכהאָבען נאָך אמאָל. יעדענפאלס וועל איך ווידער ריידען רוסיש אונטער דער השגחה פון א לעהרער, ווידער פּראַקטיצירען גראַמאַטיק און אריפמעטיק. עס איז אָבער אויך געווען א צווייטע אורזאַכע פארוואָס איך האָב זיך באַשלאָסען ווידער אָנצוקומען אין דער נאָראָדנאָיע אוטשילישטשע: אָט טאַקע די שווערע שטימונג, וואָס האָט געהערשט ביי אונז אין שטוב.

דאָס הייסט ניט, אז די מאַמע האָט מיר געטריבען צו געהן פאַרדינען, אָדער אז זי האָט מיר געטאַטשעט. זעלטען ווען איך האָב פון איהר געהערט א בייזען וואָרט; און פון דעם טאַטען נאָך זעלטענער. אויב ער האָט מיר אמאָל יאָ

גערופען „סאמאוואליעץ” אדער „הפקר־יונג”, האב איך געוואוסט, אז ער מיינט מיט דעם גארניט. אבער זיצען און קוקען אויף זייערע פארטרויערטע פנים׳ער איז מיר געווען שווער.

איך בין, אלזא, ווידער אריין אין דער נאראדנאיע אוטשי־לישטשע, אין דערזעלבער, וואו איך בין פריהער געגאנגען — אויפ׳ן פערד־מארק; אבער ניט צו געהן פון 2 ביז 4, ווי פריהער, נאר פון 12 ביז 2. דאן זיינען די לעהרער געווען אנדערע. אנשטאט ציפקינ׳ען און וואלפער׳ן — פונט און מארגאלין. איך האב געקענט זיך פארשרייבען גאר אין אנאנדער פלאץ, ווארום, ווי שוין געזאגט, זיינען אזעלכע אוטשילישטשעס אין ווילנא געווען עטליכע. אבער וועגען מארגאלינ׳ען, וועל־כער איז געווען דער לעהרער פון רוסיש לעזען און גראמאטיק, האב איך געהערט גינסטיגע מיינונגען.

די לעהרער, וואס האבען געגעבען אונטעררי‎כט פון 12 ביז 2 פאר אינגלעך, האבען פון ניין ביז עלף אין דער פריה געלערנט מיט מיידלעך, און פאר דער דאפעלטער ארבייט האבען זיי, א חוץ זייער געהאלט, באקומען וואוינונגען. פונט איז געווען דער הויפט (פרינסיפאל) פון דער גאנצער שוהל, און ער האט געהאט א גרעסערע קווארטיר ווי מארגאלין.

ביידע זיינען זיי געווען בלאנד. ווייטער אבער האבען זיי אויסגעזעהן גאנץ פארשידען. איינער פונקט פארקעהרט ווי דער אנדערער, — פלעג איך זיך קלעהרען. מארגאלין איז געווען הויך און שלאנק, און א בארד האט ער געטראגען א פולע, וועהרענד פונט איז געווען נידעריגער און פליישיגער, און די בארד האט ער אין מיטען אויסגעגאלט, איבערלאזענדיג באקען־בערד פון די זייטען. מיר פלעגט זיך דוכטען, אז פאר א לעהרער פון גראמאטיק פאסט זיך טאקע צו זיין הויך און צו טראגען א פולע בארד, און פאר א לעהרער פון אריפמעטיק — צו זיין ניט־הויך און טראגען באקען־בערד.

זיי האבען געוואוסט, אז איך האב שוין איינמאל געענדיגט. אבער דאס האט זיי ניט געקימערט. פארקעהרט: זיי האבען געוואלט האבען א שילער, וואס וועט מאכען א גוטען איינדרוק

אויף דעם אינספעקטאָר. אז דער אינספעקטאָר וועט מיר דער־קענען, האָבען זיי ניט געהאלטען פאר וואהרשיינליך.

מיינע ערוואַרטונגען אין באצוג צו מארגאָלינ׳ען זיינען פארווירקליכט געוואָרען. ער האָט ניט געהאט וואָלפער׳ס טאלאַנט אלס פעדאגאָג און ניט זיין ברען; ער איז אָבער געווען א פלייסיגער לעהרער און א גוטער מענש, און ער האָט אונז געלערנט ניט נאָר אין די צוויי שטונדען וואָס מיר זיינען געזעסען אין קלאַס, נאָר אין אנדערע שטונדען אויך.

איך בין געוואָרען א גאנצער איינגעהער אין זיין שטוב; און ער פלעגט אָפט מיט מיר זיצען ביי זיין טיש, לעזען מיט מיר, ערקלעהרען, דיקטירען, דורכקוקען וואָס איך האָב געשריבען.

ער איז אויך געווען אַן „אויסגעהאָדעוועטער חתן". זיין שווער האָט געהאלטען אַן אכסניה ניט ווייט פון שבת זשיר־מונסקי׳ס הויף.

אין די מאָנאטען, וואָס איך האָב פארבראכט אין זיין קלאַס און ביי איהם אין שטוב, האָב איך דערפיהלט אז די רוסישע שפראך ווערט א נאַטירליכער לשון ביי מיר. איך האָב אויף איהר שוין גערעדט פליסיג, און איך האָב זעהר ליב געהאט צו רעדען אויף איהר.

פון די אינגלעך, וואָס האָבען מיט מיר צוזאַמען געלערנט אין דעם צווייטען קלאַס פון פונט׳ס און מארגאָלינ׳ס שוהל, בין איך נאָהענט באקאַנט געוואָרען מיט דריי. איינער פון זיי — דער זוהן פון א רייכען געשעפטסמאַן — האָט געהייסען זאַקס; דער צווייטער — א זוהן פון דעם הויפט פעלדשער אין דעם אידישען האָספיטאל — האָט געהייסען שטריק, און דער דריטער — דער זוהן פון א פריוואַט לעהרער אויף פראַנצויזיש און אויף דייטש — גאָלדבלאַט. די ערשטע צוויי זיינען געווען נאָהענטע חברים צווישען זיך, און איינער פון די שילער, א בחור פון א יאָהר צוואנציג, האָט געזאָגט אויף זיי א וויץ, אז: „די שטריק איז ארומגעבונדען ארום דעם זאַק".

גאָלדבלאַט איז מיר געפעלען געוואָרען, ווייל זיין נאָמען האָט מיר געקלונגען שעהן: א גילדערנע בלאַט. דערנאָך איז

ער מיר אָבער געפעלען געוואָרען מיט זיך אַליין און מיר זיינען געוואָרען אינטימע חברים. ער האָט פאַרנומען לעווענסאָנ׳ס אָרט אין מיין הארצען. ער איז אָבער געווען א גאַנץ אַנדער טיפּ ווי דער זוהן פון דעם מאַלאַטער סטאָליער. אונזער אמת׳ע חבר׳שאַפט האָט זיך איינענטליך אָנגעפאַנגען אביסעל שפּעטער.

.2

איך פאָהר קיין טראָק און קום צוריק מיט ליידיגען. — אידישע אינגלעך רייסען זיך שטודירען. — דוד דעם פלעקסער׳ס איידעם. — טראָק. — אַ נאַכט.

איך האָב ניט גערוהט. איך מוז שטודירען. עס האָט מיר שוין ניט אויסגעמאַכט אויף וואָס אָדער וואו. אבי מאַכען פאָרטשריט. איך בין ניט געווען דער איינציגער אזעלכער.

פון אַלע זייטען האָב איך געהערט וועגען אינגלעך, וואָס פּערטיגען זיך צו צו עפּעס אַ שוהל. אין פּסקאָוו איז געווען אַ אוטשילישטשע פון פעלד־מעסטען (סורוועיאינג), האָט מען זיך געגרייט צום עקזאַמען אָנצוקומען אהין; אין גאָרקי, מאָהליוועור גובערניע, איז געווען אַן עהנליכע שוהל, האָט מען זיך געפערטיגט צו פאָהרען אהין. אין קיעווער גובערניע איז געווען אַן אַנשטאַלט, וואו מען האָט געלערנט גערטנעריי. דאַכט זיך, ווי קומט אַ איד צו אזא באַשעפטיגונג? פונדעסטוועגען האָבען זיך געפונען בעלנים אויף דעם אויך. ווען מען וואָלט געקענט אָנקומען אין אוניווערסיטעט אָהן אַן אטעסטאַט פון אַכט קלאַסען גימנאַזיע מיט פילע יאָהרען לאַטיין, גריכיש, מאַטעמאַטיק, וואָלטען טויזענדער אידישע בחורים געפלויגען שטודירען מעדי־צין אָדער יוריספּרודענץ. אַזוי אָבער ווי דאָס איז געווען אונמעגליך, האָט מען זיך געקליבען צו אַזעלכע שטודיומס, צו וועלכע מען האָט קיין גימנאַזיע־אַטעסטאַט ניט געפאָדערט.

אין מאַריאַנפּאָל, סואוואַלקער גובערניע, איז געווען אַ פּראָ־גימנאַזיע, וואו דער דירעקטאָר און די לעהרער זיינען ניט געווען אַזוי שטרענג ווי אין ווילנא. האָבען זיך אהין אוועקגעלאָזען

עטליכע צעהנדליג אידישע איינגלעך, וואָס האָבען אין ווילנא ניט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען.

איך האָב זיך באַשלאָסען דערווייל צו פאָהרען אין טראָק, און אָנקומען אין דער דאָרטיגער „אויעזדנאָיע אוטשילישטשע". אַזא שוהל האָט געהאַט די הויפט שטאָדט פון יעדען אויעזד, און טראָק איז געווען די הויפט־שטאָדט, און ניט מעהר ווי פיער מייל פון אונז. א אוטשילישטשע פון דיזען סאָרט איז באַשטאַנען פון צוויי קלאַסען; זי איז אָבער געשטאַנען העכער ווי א „נאַראָדנאָיע". צווישען אַנדערע זאַכען האָט מען דאָרטען געלערנט געאָמעטרישע „טשערטשעניע" (צייכענען), און פון איהר האָט מען צוגעלאָזען אין געוויסע טעכנישע שוהלען אָדער שוהלען פון ערד־מעסטען, ווי די פּסקאָווער אָדער די גאָרקער, למשל. און קיין מעטריקעס האָט מען דאָרטען ניט געפאָדערט.

נאָך אַן אורזאַכע, פאַרוואָס איך האָב זיך אויסגעקליבען די טראָקער שוהל, איז געווען דער פאַקט, אַז דאָרטען האָט געוואוינט דוד דער פּלעקסער, און ביי איהם האָב איך געקענט האָבען א פּרייע קוואַרטיר. און מכח עסען, איז עטליכע גילדען א וואָך געווען גענוג פאַר מיר. און טאָמער וועט מען דאַרפען צוהונגערען, בין איך אויף דעם אויך געווען באַרייט. וואָס אַנבעטרעפט דער רייזע קיין טראָק, האָט זי געקאָסט א קליי־ניגקייט — דרייסיג קאָפּיקעס, דאַכט זיך, פאַר א בילעט אויפ'ן באַהן ביז לאַנדוואַראָוואָ, און פון דאָרטען מיט א פוהר עטליכע ווערסט.

איך האָב זיך גענומען גרייטען צום צווייטען קלאַס או־יעזדנאָיע אוטשילישטשע. דאָס איינציגע וואָס מיר האָט געפעלט איז געווען געאָמעטרישע „טשערטשעניע". האָב איך ערגעץ־וואו געקראָגען א העפט מיט פיגורען און מיט געשריבענע ערקלע־רונגען און אַן אַלטען צירקעל, און האָב זיך גענומען צו דער אַרבייט.

דאַן האָב איך זיך דערוואוסט טשיקאַווע זאַכען. וועגען דעם ראַדיוס (ווייטקייט צווישען דעם מיטעל־פונקט פון א קייקעל און דעם קייקעל גופא) בין איך געוואָהר געוואָרען דאָס פאָלגענדע, צום ביישפּיעל: ער איז פונקט אַזוי לאַנג ווי

יעדער קאַנט פון אַן עכטע זעקס־קאַנטיגע פיגור, וועלכע פּאַסט זיך פּונקט אַריין אין דעמזעלבען קייקעל. אויף דיזען אַרט האָב איך זיך אויסגעלערנט אויפצייכענען אַן עכטע זעקס־קאַנטיגע פיגור. ווי פון אַ זעקס־קאַנטיגע צו מאַכען אַ צוועלף־קאַנטיגע אָדער אַ דריי־קאַנטיגע, קען מען שוין דאַן אַליין פאַרשטעהן. איך האָב זיך אויך אויסגעלערנט צוטיילען אַ ווינקעל אויף צוויי אָדער אויף דריי גלייכע טיילען, און אַנדערע „קונצען“, וואָס זיינען שייך צו פּראַקטישער געאָמעטריע.

דאָס אַלץ האָט מיר שטאַרק פאַראינטערעסירט, און ווען אַ זאַך האָט מיר פאַראינטערעסירט, בין איך אין איהר שוין פאַרקאָכט געוואָרען. וואו איך האָב נאָר געכאַפּט אַ שטיקעל פּאַפּיר, האָב איך אויף דעם געדרעהט מיט מיין צירקעל, „געוויי־רעט“, געמאָסטען, געמאַכט פיגורען. טאָג און נאַכט האָב איך זיך מיט דעם באַשעפטיגט.

— שאַ, ער האָט שוין עפּעס אַ נייע משוגעת! — האָט די מאַמע געזאָגט.

איך האָב באַדאַרפט האָבען צוויי צירקלען: איינעם אויף אַריינצושטעלען אַ בליישטיפט און צו מאַכען סייקלען, און איינעם אויף צו מעסטען. דאָס האָב איך אָבער ניט געקענט דערקאַזשען, האָב איך דעמזעלבען צירקעל געברויכט צו ביידע צוועקען, אָדער איך פלעג מעסטען מיט פּאַסיקלעך פּאַפּיר, אַזוי ווי אַ פאַרצייטיגער שניידער נעמט אַ מאָס.

ווען איך האָב זיך ענדליך צוגעקליבען צו פאָהרען קיין טראָק, האָט די מאַמע געוויינט, אַזוי ווי איך וואָלט געפאָהרען קיין אַמעריקאַ.

דוד דער פלעקסער איז ניט געווען אין דערהיים. אָבער זיין פרוי, זיין טאָכטער און זיין איידעם, וועלכע האָבען געוואוינט צוזאַמען, זיינען געווען זעהר גאַסטפריינדליך צו מיר. דער איידעם איז געווען אַ בלעכער, און ער האָט זיין אַרבייט געטאָן אין דערהיים. עס איז געווען גענוג ענג אָהן מיר אויך. זיי האָבען אָבער געטאָן אַלעס מעגליכעס מיר צו מאַכען בעקוועם.

ווען איך בין געקומען, האָט מען שוין אין דער אויעזרנאַיע

אוטשילישטשע געלערנט, אוןביידע קלאסען זיינען שוין געווען פול.

דוד דעם פלעקסער'ס איידעם—א קליינינסקער, א יונגינסקער, א גוטהערציגער, מיט א קליינינסקער בערדעלע און מיט א ליב־ליכען שמייכעל אויף די ליפען, האט גענומען „עפעס טאן, דעם סמאטריטעל ווייכער צו מאכען". ער האט געקויפט עטליכע פונט צוקער און דאס איהם אוועקגעטראגען א „מתנה". דער סמאַטריטעל האט אבער די „מתנה" ניט אנגענומען, און דער בלעכער האט די צוקער אומגעקעהרט דעם קרעמער — אזוי האט ער מיט איהם אפגעמאכט.

ער האט געזוכט אנדערע „ווייך־מאכענדע" רפואות. ער האט אבער ניט געקענט געפינען.

מיט דעמזעלבען צוועק ווי איך איז קיין טראק דאן גע־קומען נאך א ווילנער אינגעל. איהם האט מען אויך ניט צוגענומען, און מיר האבען די עטליכע טעג דארטען פארבראכט צוזאמען.

טראק, די אמאליגע שטאדט פון ליטווישע פרינצען, איז באריהמט מיט דריי זאכען: מיט איהרע אזיערעס, מיט די חורבות פון פארצייטיגע הערשער און מיט איהרע קאראאימען. האבען מיר דאס אלץ באקוקט.

מיר האבען געזעהן ווי מען פאררוכט נעצען צום פאנגען פיש. דורך א פענסטער האבען מיר געזעהן און געהערט ווי א קאראאימער מלמד לערנט מיט א תלמיד; און אויף א לאדקע זיינען מיר צוגעפאהרען צו אן אינזעל וואו עס געפינען זיך די היסטארישע חורבות, און דארטען פארבראכט ביי א שעה צייט.

דאס אלץ איז מיר געווען אינטערעסאנט, אבער דעם שטארקסטען איינדרוק האט אויף מיר געמאכט נאר אנאנ־דער זאך.

די נאכט איז געווען זעהר א פינסטערע. איך און דער אנדערער ווילנער אינגעל זיינען געגאנגען איבער דער הויפט גאס און געשמועסט. די ליכט פון די הייזער האבען פון ווייטען אויסגעזעהן ווי שטערען אין הימעל. אזוי האט זיך מיר אויס־געדוכט. אלץ האט מיר אויסגעקוקט אזוי ווי א וועלט וואס

נעפינט זיך גאנץ ווייט פון אונז. דער בילד איז פאר מיר געווען א נייעס. אין א גרויסער שטאָדט איז אזא נאכט ניט מעגליך. און אפשר האָט דער איינדרוק געשטאמט פון דעם וואס איך בין איצט צום ערשטען מאָל געווען אין דער פרעמד. אזוי, צי אזוי — מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט אז די ליכט, וואס זעהען זיך אין דעם תהום פון פינסטערניש, שיינען אין ווייטע צויבער־געצעלטען.

אויף מאָרגען בין איך אוועקגעפאָרען פון טראָק. מעהר בין איך דאָרטען קיינמאָל ניט געווען, און דיזער נאכט־בילד איז די בולט'סטע עראינערונג וואס מיר איז פארבליבען פון איהר.

3.

נייע דירות. — קאָזלאָווסקי'ס הויף. דער אונגערקע מארק. — גנבים. — גראמאטיק. — אויסגעדינטע סאָלדאטען.— נאדעל, גאָלדמאַן, באדאנעס.

מיין פאָטער האָט זיך געמוזט נעמען צו זיין אלטער פרנסה — מלמדות. ער האָט דאָס געטאָן ניט אין ווילנא, נאָר אין א דאָרף מיט'ן נאָמען בערעזאָווקע. אין ווילנא האָט ער זיך געשעמט צו קנעלען. דאָס איז אָבער געווען נאָר איין אורזאכע, און ניט די וויכטיגסטע. די הויפט־זאך איז באשטאַנען אין דעם, וואָס אויף צוזאמענשטעלען א חדר געגען דער ברענענדיגער קאָנקורענץ פון די שטאָדטישע מלמדים האָט איהם געפעלט בריה'שקייט, קאמף־פעהיגקייט. אין בערעזאָווקע, ווידער, האָט ער צוזאמענשטעלען דעם חדר ניט באדאַרפט. איהם האָט דאָרטען געדונגען א ישוב'ניק צו לערנען מיט זיינע דריי אינגלעך. דער ישוב'ניק איז געווען א רייכער בעל־הבית, און ער האָט איהם געצאָהלט א גוטען שכר למוד און קעסט.

די מאמע האָט זיך מיט מיר דאַן אריינגעקליבען אין א קליינעם צימער אין א דורכהויף, וועלכער איז געגאנגען פון דער זאוואַלנע (אנטקעגען זאוועל'ס הויף) צו די „בוסאקעס", לעבען דעם פלאץ וואו דער פעטער מאיר האָט געוואוינט.

מסתמא איז איצט געווען נענוג צום לעבען, ווארים די מאמע איז געווען אין א בעסערען געמיט.

זי פלעגט אפט אריינגעהן צו דעם פעטער מאיר, וואו זי פלעגט ליב האבען צו פארברענגען מיט זיין שעהנע און קלוגע טאכטער, איטקע. אבער עפטער פלעגט זי נאטירליך באזוכען איהר פאטער און שוועסטער אין קאמינסקי'ס הויף.

אין דעם דורכהויף האבען מיר געוואוינט נאר א האלב יאהר, דאכט זיך. דערנאך האבען מיר זיך אריבערגעקליבען אויפ'ן סאמע פערד־מארק. אבער פון דארטען איז אויך געווען ניט ווייט צום פעטער מאיר.

די נייע דירה איז געווען אין א גרויסען, גרויסען הויף — קאזלאווסקי'ס; מיר האבען דארטען געוואוינט ביי א אידען וואס פלעגט באשטעלען פעלצען ביי פעלצען־שניידער און זיי דערנאך פארקויפען. די הויפט ראלע אין דעם געשעפט האט געשפילט זיין טאכטער — שוין ניט קיין יונגע מיידעל, וועלכע האט געהאט א שם פאר א קלוגע און א בריה. זי פלעגט מיט די פעלצען פאהרען אויף יארידען.

זייער דירה איז געווען אין א קעלער, און מיר האבען דארטען געהאט א שמאלען קאמער.

איך האב שוין געזאגט, אז דער פערד־מארק איז אין אמת'ען געווען א תבואה־מארק. אהער פלעגען פויערים ברענגען זייער קארן, ווייץ, גערשטען, האבער, זוימען, און דא פלעגען אידען דאס ביי זיי אפקויפען. ארום דעם מארק האבען געוואוינט אידישע סוחרים און סוחרים'לעך, קאמיסיאנערען, הענדלער, מעקלער, מעקלערלעך אלערליי, וואס האבען דא געשעפט זייער חיונה.

די גרעסערע סוחרים האבען די תבואה געשיקט קיין דייטשלאנד, און דעם נאמען פון דער דייטשער שטאדט קעניגס־בערג האט מען דא געהערט עפטער ווי די נעמען פון ווילנער גאסען.

די ערד אויפ'ן מארק און ארום און ארום איז אימער געווען אויסגעפינטעלט מיט קערנער, און די לופט האט אימער גע־

טראָגנן דעם אנגענעמען ריח פון תבואה — פון „געטריידע“, ווי די אינגערע סוחרים פלעגן זאָגן.

דריי זייטן פון דעם מאַרק זיינען אַרומגעזוימט מיט הויפן. די דריטע זייט, וועלכע איז זיין לענג, איז אָפן. דאָ, אין מיטן פון דעם אָפענעם ברעג איז געשטאַנען אַ גרויסע הילצערנע הויז, וואו עס האָט זיך געפונען די שטאָדט־געוויכט. דאָ פלעגט מען וועגן סחורה. מען האָט דאָס גערופן „די ראַטהויז“. פאַרוואָס, ווייס איך ניט.

ביי איינעם פון די צוויי קירצערע ברעגעס פון דעם מאַרק, ביי קאָזלאָווסקי'ס הויף, נעמליך, פלעגט אַ טייל פון דעם שטח דינען אלס אַ מאַרק פון גרינסען און לייכטע פּרוכט. אהער פלעגט דער פריהלינג קומען דירעקט פון די דאָרפישע גערטנער, פארקערפערט אין פריש־קאַלירטע, פריש־זאַפטיגע אוגערקעס, מערען, קרוטשקע (ברוטשקע), אַרבעס־שויטען, פּאַרעטשקעס, ברוסניצעס — הויפּטזעכליך אוגערקעס. דאָ איז געווען דער אוגערקע יאַריד פון ווילנא.

אַ אוגערקע אָקאָרשט פון דער פייכטער ערד, ניט קיין צו גרויסע, און ניט קיין צו דיקע, אַ גרינע אוגערקע, ניט קיין צו דונקעלע, מיט „פּאָקען“ און מיט אַ ווייסען „בייכעל“ — וואָס קען, דאַכט זיך, זיין געשמאַקער? „אַ מתנה פון גאָט!“ פלעגן די ווייבער זאָגן, גריזשענדיג אַן אוגערקע. „אַ גרוס פון דער נאַטור!“ — האָט אַמאָל געזאָגט אַן אַלטער אַפּיקורס, וואָס האָט זיך געשניטען אויף אַ פּאַעט. טראָקער אוגערקעס זיינען געווען די בעסטע.

וועגן מיט אוגערקעס. בערג אוגערקעס אויף דער ערד. ווייבער מיט קאָשיקעס שפּאַרען זיך, און פּלאָנטערן זיך מיט זשעדנע אויגען. ווען זיי הויבען אָן צו קלייבען, דאַכט זיך אייך, אַז פון אַנריהרען גופא ווערען זיי ווי מיט וויין באַזויפען.

אויפ'ן מאַרק פלעגנ̄ן זיך אַרומדרעהען וואָגען־גנבים און קעשעניקעס, עלטערע און אינגערע. געזונטע יונגע לאָבוסעס און מיטעל־יעהריגע פּאַרברעכער, וועלכע האָבען מיט דער מלאכה זיך באַשעפטיגט פון קינדווייז אָן.

שפּעט נאָכמיטאָג, ווען דער מאַרק איז שוין געווען פּאַריבער,

פלעגען זיי זיך צוזאמענקלייבען לעבען „ראטהויז" און דער־צעהלען זיך מעשות. מיט זיי צוזאמען פלעגען שטעהן פינגער־מלאכה'ניקעס; א פאר כמעט עהרליכע מענשען, און אמאל זאגאר א פאלשטענדיג עהרליכער מאן. זיי פלעגען שטעהן און ריידען מיט זיי, אזוי ווי א פרומער איד רעדט מיט א באקאנטען משומד, צו וועמען ער איז שוין צוגעוואוינט.

די עהרליכע הענדלער און הענדלערקעס האבען פאר די קעשעניקעס מורא געהאט. ווען זיי פלעגען שטילערהייט קענען ווארנען א קרבן, אז מען נעהמט זיך צו זיין קעשענע, פלעגען זיי דאס טאן. אפען אפשטעלען א גנב האט מען ניט געוואלט ריזיקירען. מען דארף אבער ניט מיינען, אז די קעשעניקעס האבען געמאכט גרויסע געשעפטען. מייסטענס איז דאס באַ־שטאנען אין ארויסציהען א טיכעל פון א קעשענע. אויך זיינען זיי ניט געווען גרוים אין צאהל. ווען עס וואלט געווען א נשקשה'דיגע פאליציי, וואלט מען זיי געקענט אויסראמען אין איין טאג.

איך פלעג ליב האבען צו שטעהן ביים טויער פון קאזלאוו־סקי'ס הויף און קוקען אויפ'ן מארק, ווען ער איז געווען אין פולען גאנג. נאר צוויי מאל האב איך געזעהן די גנבים ביי דער „ארבייט".

איינמאל האב איך פון ווייטען געזעהן ווי א קעשעניק בא'גנב'עט א יונגע קריסטליכע באלעבאסטע, וואס איז געקומען מיט א קאשיק נאך אוגערקעס. ער האט זיך צו איהר צוגע־דריקט אין דעם סציסק, אויפגעהויבען די זייט פון איהר קלייד אביסעל, דא וואו די קעשענע איז געווען, כדי זי זאל ניט פיהלען ווי ער „ארבייט", און ארויסגענומען א בלעכענע פושקעלע מיט געלט. ביי מיר איז איינגעפאלען די כשמה קוקענדיג. אבער צולויפען און איהם אפהאלטען האב איך ניט געסמייעט. ווען די יונגע פרוי האט זיך גענומען צו איהר קעשענע, צו באצאהלען פאר די אוגערקעס, און זי האט זיך געכאפט, אז ס'איז ניטא די פושקעלע, האט זי געוויינט מיט הארצרייסענדע קולות.

א צווייטען מאל האב איך געזעהן אזא סצענע: א פויערטע

איז געזעסען אין אַ וואָגען מיט איהר קינד. איז צוגעגאַנגען איינער פון די עלטערע גנבים, אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד און גענומען געהן. די פויערטע איז מיט אַ געשריי אַראָפּגעשפּרונגען און זיך גענומען יאָגען נאָכ׳ן גנב. דערווייל איז אַנאַנדער גנב צוגעלאָפען און צוגעכאַפּט אַ פּעלץ, וואָס איז געלעגען אויפ׳ן וואָגען. די פויערטע האָט דעריאָגט דעם גנב, און ער האָט איהר אומגעקערט דאָס קינד, כלומרשט אַזוי ווי די גאַנצע געשיכטע וואָלט געווען ניט מעהר ווי אַ שפּאָס. ווען זי איז צוגעקומען צו איהר וואָגען און זיך געכאַפּט אַז דער פּעלץ איז ניטאָ, איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכע סצענע.

איינער פון די קעשעניקעס, וואָס האָבען „אָפּעריִרט" אויפ׳ן מארק, איז געווען אַ אינגעל, וואָס האָט מיט מיר צוזאַמען געאַרבייט אין דעם שניצער׳ס ווארשטאַט, וואו איך האָב זיך געזאָלט לערנען די מלאכה. עס פלעגט מיר בלוטען מיין הארץ קוקענדיג אויף איהם. איך פלעג מורא האָבען טאָמער רעדט ער צו מיר. ער האָט דאָס אָבער קיינמאָל ניט געטאָן. ער פלעגט מיר פארביינגעהן אַזוי ווי ער וואָלט מיר ניט געקענט.

קאָזלאָווסקי׳ס הויף איז, אַלזאָ, געווען ביי איינעם פון די קירצערע זייטען פון דעם מארק. דער אנטקעגענדיגער קורצער זייט איז דער אָנהויב פון פלאָשטשאַדקע. עליע איטשע׳ס ישיבה איז געווען אַ מינוט גאַנג פון אונז. אין גייסט אָבער איז זי איצט געווען טויזענדער מייל פון מיר. איך האָב געלערנט נאָר רוסישע ביכלעך, און זיך אינטערעסירט נאָר מיט היינטיגער בילדונג — אויף רוסיש. און מיינע חברים האָבען געהאַט דיזעלבע גייסטיגע אינטערעסען ווי איך.

איינער פון זיי איז געווען אַ אינגעל מיט שיטערע צייהן, מיט׳ן נאָמען נאַדעל — דער זוהן פון אַן אויסגעדינטען סאָלדאַט. צו דעם באַלעבאַטישען קלאַס האָבען אַזעלכע טאַטעס, ווי זיינער, ניט געהערט, און פאַר קיין יחוס האָט אַזאַ באַקאַנטשאַפט זיך ניט גערעכענט. איידער עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די „נייע סיסטעם" פון מיליטערישער דינסט, פלעגט מען פאַר סאָלדאַטען מייסטענס אָפּגעבען בחורים פון גאַנץ אָרימע עלטערן.

זיי פלעגען בלייבען אין דינסט פילע יאָהרען, און נאָר אַ קליינע צאָהל פון זיי פלעגט קומען צוריק אין די אידישע געגענדען. אין פעטערסבורג, מאָסקווע און אַנדערע רוסישע שטעדט זיינען אייניגע אויסגעדינטע אידישע סאָלדאַטען געווען צווישען די רייכסטע אידען. זיי האָבען זיך דאָרטען ארויפגעארבייט (אידען, ניט קיין געוועזענע סאָלדאַטען, האָבען דאָרטען ניט געהאַט קיין וואוין־רעכט). ביי אונז אין דער ליטע אָבער האָבען זיי זיך גערעכענט צווישען די אָרימסטע און די נידע־ריגסטע פאמיליען. געוועהנליך וואָלט אַ אינגעל פון מיין קלאַס מיט דעם זוהן פון אַזאַ פאָטער זיך ניט גע׳חבר׳ט. איך האָב אָבער אויף דעם געקוקט גאַנץ אַנדערש. אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט קען דאָך ריידען רוסיש — גראַמאַטיקאַליש, צי ניט, אַבי אַ סך בעסער ווי מיין טאַטע און מיין פעטער. און דאָס איז ביי מיר געווען דער עיקר פון אַלע עיקרים, און נאָדעל, דער אינגעל, האָט ווירקליך געהאַט אַן אויסגעצייכענטע רוסישע אויסשפּראַך. אַלזאָ, איז ער ביי מיר גראָד געווען אַ תקיף.

נאָדעל און איך, און עטליכע אַנדערע אינגלעך פלעגען זיך פאַרהערען אין גראַמאַטיק. עס האָט זיך ביי אונז אויסגעארבייט אַ מין גראַמאַטיק ספּאָרט, פּונקט ווי ביי אונז איז געווען אַן אַריפמעטיק ספּאָרט.

מאַרגאָלין האָט שוין לאַנג גע׳פּסקנ׳ט, אַז איך קען גראַמאַ־טיק אויסגעצייכענט. פונדעסטוועגען האָב איך זיך צו דעם ווי־דער גענומען מיט התמדה.

עס זיינען געווען פאַרשידענע ביכער איבער דעם ענין. „אַנ־טאָנאָוו׳ס גראַמאַטיק” און „גאָוואָראָוו׳ס גראַמאַטיק” זיינען גע־ווען גרעסערע און גרינדליכערע ווערק ווי די וואָס איך האָב פריעהר געלערענט. האָב איך דיזע צוויי אויך „דורכגעהאַט”. און מיט דעם האָב איך זיך נאָך אויך ניט באַנוגענט. איינער פון די וויכטיגסטע געלערטע אין רוסישער גראַמאַטיק איז גע־ווען ניקאָלאַי גרעטש. ער האָט געהאַט אַ קליינעם ביכעל פאַר שוהלען, און ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסען, דיקען בוך אי־בער דעם זעלבען געגענשטאַנד. דאָרטען איז אַלץ געווען פיל אויספיהרליכער ווי אין אַלע אַנדערע ביכלעך, מיט פילע ערקלעה־

רונגען וועלכע יענע האָבען ניט ענטהאלטען. דיזער דיסער, גרויסער בוך פלעגט זיין באקאנט אלס דער „פּאָלנער גרעטש“. אן ענליכער בוך איז אויך געווען פון א געלערנטען מיט׳ן נאָמען וואָסטאָקאָוו.

דיזעביידע ווערק האָבען אייגענטליך געהערט צו א פריהערדיגען דור. זיי זיינען שוין איצט געווען ארויס פון געברויך. אָבער איך האָב זיך איינגע׳עקשנ׳ט: איך מוז מיט זיי באקאנט ווערען.

איך פלעג אָפּט זיך ארומדרעהען אין דעם „ליטעראַטורני פערעאולאָק“ — א קליינער זאַוואוליקעל ניט ווייט פון דער פּאָסט, וועלכער איז געווען כמעט אינגאנצען פארנומען מיט קרעמלעך פון געניצטע רוסישע ביכער. דאָרטען פלעג איך זוכען זאַדאַטשניקעס און גראמאַטיקס. און דאָרט האָב איך געקראָגען א גאנץ אלטען „פּאָלני גרעטש“ און א גאנץ אלטען „פּאָלני וואָסטאָקאָוו“.

גאנצענע טעג און נעכט פלעג איך אָפּזיצען אין אונזער קעלער־קאַמער אין קאָזלאָווסקי׳ס הויף איבער דיזע ביכער.

אין מיין אינגעלשען קרייז האָב איך באקומען א שם פאר א גראַמאַטיק־למדן.

פון די אנדערע אינגלעך, וואס האָבען געהערט צו דיזער גרופּע, אויסער נאדעל׳ן, וויל איך דאָ דערמאָנען א אינגעל מיט׳ן נאָמען גאָלדמאַן, א קירזשנער׳ס א זוהן, און א אינגעל מיט׳ן נאָמען שאול באדאנעס, וועמעס פאָטער האָט געהאַט א שטעלע ביי דעם ווילנער קהל.

די באדאנעס פאמיליע האָט געוואוינט אויף טייטשע גאס, לעבען גיטקע טויבעס זאַוואוליק, און איך פלעג דאָרטען אריינקומען. באדאנעס איז געווען אינגער פון מיר. ער איז מיר געווען סימפּאַטיש מיט זיין כאראקטער און מיט זיין ליבע צו אריפמעטיק און צו גראַמאַטיק. אויך איז זיין פאָטער געווען אן אנגענעהמער מענש, ניט קיין נאַר, און — אויף זיין שטייגער — א דענקער.

.4

די גאָלדבלאַטס. — איך לערן זיך מאָלען. — קאַסאַקע אויגען.

ארום דער זעלבער צייט בין איך נאָהענט באפריינדעט גע־וואָרען מיט מיין פריהערדיגען שוהל־חבר יאנקעלע גאָלדבלאַט, און ביסלעכווייז האָבען מיר גענומען פארברענגען א סך צייט צו־זאמען — אמאָל ביי אונז, אָבער מייסטענס ביי זיינע עלטערען.

די גאָלדבלאַט פאמיליע איז געווען א גרעסערע ווי אונזערע און פון א גאנץ אנדער כאראקטער. דער פאָטער האָט, דאכט זיך, אמאָל געוואוינט אין פאריז. יעדענפאלס האָט ער פראנ־צויזיש גערעדט פליסיג און איז געווען באקאנט מיט איהר לי־טעראטור. די אורעָקען האָט ער נעגעבען אין באלעבאטישע הייזער אָדער ביי זיך אין שטוב.

די הויז האָט זיך געפיהרט אויפ'ן אידישען שטייגער, אָבער ניט אזוי אלט־מאָדיש ווי ביי אונז. גאָלדבלאַט, דער לעהרער, איז געווען געקליידט היינט־וועלטיג, און האָט געהאט אן אינטע־ליגענטען אויסזעהן.

די פאמיליע האָט געוואוינט אין יאָסעל עליע'ס הויף, אויף זאוואָלנע גאס, לעבען קאָמניצקער, אויף א צווייטען (און אפשר אויף א דריטען) עטאזש, אין צוויי אָדער דריי זעהר ליכטיגע און זעהר ציכטיגע צימערלעך. די מוטער איז געווען אינגער ווי דער פאָטער און בלאָנדער. זיי האָבען געהאט פיר קינדער, אלע אינג־לעך, פון וועלכע יאנקעלע, מיין חבר, איז געווען דער עלטסטער. יאנקעלע איז געווען בלאָנד און זעהר עהנליך צו דער מוטער.

די פאָדלאָגעס זיינען ביי זיי אימער געווען ריין ווי אן אָקאָרשט־אָפגעוואשענער טיש. אין אלט־מאָדישע הייזער איז מען צו אזא ציכטיגקייט ניט געווען געוואוינט. במעט אלץ האָט זיך דאָ געפיהרט ניט ווי אין די אנדערע הייזער, פון וועלכע איך האָב געוואוסט.

די פאמיליע איז ניט געווען רייך. מען האָט זיך געמוזט רעכענען מיט יעדען גראָשען. דאָך זיינען די קינדער געווען

געקליידט בעסער און שעהנער ווי איך, און דער גאַנצער לעבען איז דאָ געגאַנגען אויף א ברייטערען שטייגער. אויך האָט זיך דאָ אין אלץ געפיהלט מעהר פינקטליכקייט ווי ביי אונז אָדער ביי מיין מוהמען; א פינקטליכקייט, וועלכע איז געווען א טייל אי פון דער אַלגעמיינער ציכטיגקייט, אי פון דער אויסגערע־כענטקייט.

ווען איך בין גוט באקאנט געווארען מיט דיזער משפחה, בין איך צום ערשטען מאָל געווארען באוואוסטזיניג פון דעם פאקט, אז יעדע שטוב איז א באַזונדערע וועלטעלע, מיט א באַזונדערען כאראקטער. איך האָב דאָס דאַן נאטירליך ניט אויס־געדריקט אויף דיזען שטייגער. דער געדאנק איז אָבער ביי מיר געווען דייטליך.

יאנקעלע פלעגט לעזען רוסישע ביכער, מייסטענס רייזע־באַ־שרייבונגען, ערצעהלונגען וועגען ווייסע אמעריקאנער און זייערע מלחמות מיט אינדיאנער, אָדער וועגען שקלאַפען־הענדלער און זייערע שווארצע שקלאַפען. די ערצעהלונגען זיינען געווען אי־בערזעצט פון אמעריקאנער ווערק, מייסטענס פון מעין ריעד. ער פלעגט די ביכער נעמען אויף „פראָקאַט“ ביי א בחור מיט'ן נאָמען מיכעלסאָן, וועלכער האָט געהאט א ביבליאָטעק אויף אויסצובאָר־גען, און וועלכען איך פלעג אָפט זעהן אויפ'ן גאס מיט א באַרג ביכער אונטער'ן ארעם, מיט אַן אָנגעשטרענגטען ערנסטען בליק אין זיינע אויגען, אזוי ווי קיין אנדער זאך ווי זיינע ביכער און זיינע קונדען וואלטען פאר איהם ניט עקזיסטירט. צעהן מאָל א טאָג פלעג איך איהם זעהן.

יאנקעלע פלעגט מיר דערצעהלען דעם אינהאַלט פון די בלוט־פארגליווערענדע מעשות וואָס ער האָט געלעזען און איך פלעג דאָס צוהערען מיט דעם טיפסטען אינטערעס. אָבער אליין האָב איך אזעלכע ביכער ניט געלעזען. איך האָב ניט געקענט באַ־צאָהלען די „פראָקאַט“־געלט.

מיר האָבען צווישען זיך גערעדט אמאָל אויף אידיש, אמאָל אויף רוסיש. וואס ווייטער, אלץ מעהר אויף רוסיש.

מיר פלעגען געהן שפּאַצירען צוזאַמען, שמועסען, טרוימען צו־זאַמען. ער איז ניט נאָר געווען נעט געקליידט, נאָר אויך א

שעהנער איננעל, מיט לאַנגליכע בלאָנדע לאָקען, מיט אַ שעהנער פיגורעל. ער איז געווען שעהנער פון מיר (איך האָב זיך אי־בערהויפּט געהאַלטען פאַר ניט קיין שעהנעם אָבער מיין מאַמע איז אין דעם ניט געווען איינפאַרשטאַנען מיט מיר). ער איז מיר געפעלען געווען הגם זיין נעטקייט און פּינקטליכקייט פלעגט מיר אמאָל ארויסברענגען פון געדולד, און איך פלעג איהם זאָגען אַ פּאָר שטעכיגע ווערטער וועגען דעם. צוקריגט האָבען מיר זיך אָבער קיינמאָל ניט.

די פראַגע וועגען גאָט האָט אונז געגומען אינטערעסירען גאַנץ ערנסט, און מיר פלעגען וועגען דעם אָפט ריידען און אַר־גומענטירען. קיין טאָלק האָבען מיר אָבער אין דעם ענין ניט געקענט דערגעהן. מיר האָבען ארומגעבלאָנדזשעט, און ווער עס זאָל אונז ארויספיהרען אויפ׳ן וועג האָבען מיר ניט גע־האַט. זיין פאָטער איז ניט געווען זעהר פרום, אָבער אַ גלויבינגע־ איז ער געווען.

איינמאָל ווען איך בין געקומען צו איהם האָט ער מיר גע־וויזען דעם בילד פון אַ הענדעלע, וועלכען ער האָט קאָפּירט פון אַ געדרוקטער צייכנונג. איך בין ערשטוינט געוואָרען — אַזוי גוט איז דאָס געווען. דערנאָך האָט ער קאָפּירט דעם פּאָרטרעט פון דעם דאַמאַלסדיגען דייטשען קייזער, ווילהעלם דעם ערשטען, דעם אַלטען ווילהעלם מיט די ווייסע „באַקען־באָרדען״. דאָס האָט מיר נאָך מעהר פּאַרוואונדערט. אַלע האָבען געזעהן אַז יאַנקעלע האָט טאַלאַנט צום „ריסעווען״ (מאָלען, צייכענען). אַלזאָ, איז ער אוועק אין דער ריסאָוואַלנאַיאַ שקאָלאַ. און שפּעטער האָט ער מיר צוגערעדט אויך זיך צו פאַרשרייבען.

מיינע פינגער האָבען זיך צו אַזאַ ארבייט ניט געקלעפּט. אָבער נייע ערפאַהרונגען זיינען פאַר אַ איננעל אימער אינטערע־סאַנט. און די ריסאָוואַלנאַיאַ שקאָלאַ איז געווען אַ רוסישע. מען האָט דאָרטען קיין אַנדער שפּראַך ווי רוסיש ניט גערעדט. צוליב דעם אַליין בין איך בערייט געווען אהין אַנצוקומען. אגב, האָב איך ניט געהאַט וואו די צייט אהין־צו־טאָן. אין קיין עקזאַ־מען ביים אריינקומען איז ניט געווען.

די צייכנונגס־שוהל איז געווען אויף א גרויסען הויף „אראַפּ־ברייטער גאַס", ניט ווייט פון דעם באָטאַנישען גאָרטען און דעם קאַטעדראַל פּלאַץ. ווען מען איז געגאַנגען צום גאָרטען, איז דאַס אויסגעקומען פון דער לינקער האַנט.

דער קלאַס־צימער איז געווען א גרויסער זאַל פּול מיט גיפּסענע פיגורען און טישלעך מיט ברעטלעך צום צייכענען. ביי א פּאָר פון די פענסטער זיינען געזעסען צוויי יונגע קריסטען און געמאָלען גרויסע בילדער מיט אויל־פארב. א קליינע מינאָרי־טעט פון די שילער איז באַשטאַנען פון אידען. רוסען איז אויך געווען ווייניג. די איבעריגע זיינען געווען פּאָליאַקען. די לעהרער זיינען אָבער געווען רוסישע און אין דער שוהל האָבען אלע גע־רעדט רוסיש.

מיר האָט אויפגענומען א לעהרער מיט'ן נאָמען ריעזאַנאָוו — א הויכער מאַן מיט א גרויסע, שעהנע, ווייסע באָרד, מיט א בילד־שעהנעם פּנים א גוטען. ער האָט מיר געשטעלט גאַנץ ווייניג פראַגען.

— איהר ווילט זיך לערנען צייכענען, האַ? נו, גוט! מיר'ן זעהן ווי ס'וועט געהן.

מיט דיזע ווערטער האָט ער מיר געגעבען א בויגען פּאַ־פּיר, א בליישטיפט און אן איינפאַכע געדרוקטע פיגור, און ער האָט מיר אָנגעוויזען אויף א פּלאַץ וואו זיך צו זעצען.

איך האָב געצייכענט, געריבען מיט א מעקער, ווידער גע־צייכענט; מעהר געריבען ווי געצייכענט. איך האָב אין דעם פּאַפּיר אויסגעריבען א לאָך. מיר האָט זיך געוואָלט לויפען אהיים. איך האָב אָבער קיין מוט ניט געהאַט מודה צו זיין, אז איך בין דורכגעפאַלען. ריעזאַנאָוו איז אפילו צו מיר ניט צוגעגאַנגען.

אויף מאָרגען האָב איך ביי איהם גענומען א נייעם בויגען פּאַפּיר. איך האָב ווי עס איז איבערגעצייכענט די פיגור. דער־נאָך האָט מען מיר געגעבען א צווייטע, א דריטע. דער לעה־רער פלעגט צוגעהן צו מיר אויף א פּאָר סעקונדען, פאַרריכ־טען מיין ארבייט און ווידער פאַרשווינדען. איינמאָל האָט ער זיך צוגעזעצט און איבערגעצייכענט די גאַנצע פיגור אויף

מיין פאפיר. דערביי האָט ער זיך צורעדט, און ריידענדיג האָט ער צוגעשמייכעלט גוטמוטיג.

— קיין מאהלער וועט פון אייך ניט ארויסקומען — האָט ער געזאָגט — בעסער פארקויפט אפעלסינעס (אראנדזשעס).

ער האָט דאָס געזאָגט מיט אזא פריינדליכען טאָן, אז איך האָב זיך ניט־ווילענדיג צולאכט. און מיין געלעכטער איז איהם געפעלען געווארען.

— נו, נעם זיך ניט דעם לעבען — האָט ער געזאָגט, „דור־צענדיג" מיר, — מיר וועלען זעהן. אפשר וועסטו פאָרט טויגען צו וואס עס איז. פרוף צייכענען געאָמעטרישע פיגורען.

ער האָט פאר מיר אוועקגעשטעלט דריי וויים־געפארבטע קלעצלעך — א פיר־קאנטיגע, אויף איהר א פיראמידע און דער־ביי עפּעס אן אנדער פיגור. איך האָב געזעהן ווי אן אנדער שילער מעסט מיט זיין בליישטיפט פון ווייטען די פארהעלטנים־מעסיגע לענג און ברייט פון א פיגור; האָב איך אויך אזוי געטאָן.

רעזיאנאָוו איז שוין צו מיר צוגעקומען ווי צו א גוטען באקאנטען. ער האָט באקוקט מיין ארבייט און געזאָגט:

— פארשטעהן, פארשטעהסטו; די פינגער זיינען אָבער ביי דיר הינקענדע. קענסט דאָך עפּעס קיין גלייכע ליניע ניט מאכען.

און ער האָט ווידער איבערגעמאכט די גאנצע צייכנונג.

יאנקעלע גאָלדבלאַט איז געזעסען ביי דער ווייטסטער וואנט פון דעם גרויסען זאל — דארטען וואו עס האָבען זיך געפונען די וויכטיגערע שילער. ער האָט געמאָלען פון גיפּסענע מענשליכע פיגורען, און ער איז שנעל געגאנגען פאָרווערטס. אין א קורצע צייט ארום האָט ער אָנגעהויבען צו מאָלען לעבעדיגע מענשען. אלע טאָג איז געקומען א קריסט מיט א באָרד און די שילער פון דער העכסטער גרופּע האָבען איהם געצייכענט, יעדער פון זיין פּאָזיציע.

צו דער אויבען־אָן'איגער גרופּע האָט אויך געהערט א ישיבה־בחור מיט א פּנים אויף וועלכען עס זיינען געוועזן אויס־

געגאַסען צוויי זאַכען: אַז ער איז אַ ישיבה־בחור און אַז ער האָט טאַלאַנט. אזא איינדרוק האָט ער אויף מיר געמאכט. צו יענער גרופּע האָבען געהערט נאָך צוויי אידען: אַ אינגעלע מיט'ן נאָמען פּאַס, פון שלמה קיסין'ס הויף, און אַ שעהנער יונג מיט'ן נאָמען בוטקאָווסקי, דער זוהן פון אַ מאַן, וואס האָט געהאלטען אַ זומער־פּלאַץ. ווייטער איז די גרופּע באַשטאַנען פון קריסטען.

ווען איך האָב געזעהן ווי יאַנקעלע, דער ישיבה־בחור און פּאַס „ריסעווען", בין איך אַפּהענטיג געוואָרען. איך האָב געוואוסט, אַז איך בין דאָ פאַרקראָכען אויף אַ פרעמדער חתונה. וועגען דעם איז שוין ביי מיר ניט געווען קיין צווייפעל. איך האָב זיך אָבער איינגעג'עקשנ'ט: וויבאַלד אַז איך „פאַרשטעה", מוז איך זיך אויסלערנען. אויב די פינגער טויגען ניט, וועלען זיי אַזוי לאַנג ארבייטען, ביז זיי וועלען יאָ טויגען.

איך האָב „געריסעוועט" אין דער שוהל און אין דער היים. אין מיטען נאַכט פלעג איך זיך אַמאָל אויפכאַפּען, אָנצינדען אונזער קליינינקען לעמפּעלע און זיך זעצען „ריסעווען".

רעזיאַנאָוו האָט שוין פאַר מיר אויפגעהאַנגען אַן „אָרנאַ־מענט" — אַ בלומען־פיגור פון גיפּס, און איך האָב דאָס אויפ־געמאָלען אויף פּאַפּיר. דערנאָך האָט ער מיר געגעבען אַ גרע־סערען און שווערערען אָרנאַמענט.

וואָס אָנבאַטרעפט דעם „קאָנטור" — די הויפּט־שטריכען פון דער פיגור — איז שוין ביי מיר „געגאַנגען אויף אַ גאַנג". איינמאָל האָט רעזיאַנאָוו מיר זאָגאַר געגעבען אַ קאָמפּלימענט. ער האָט געזאָגט אַז אַן אויג האָב איך „ניט קיין שלעכטע".

לייכט איז די ארבייט מיר ניט אָנגעקומען. איך האָב זיך גענוג געמאַטערט און אַ סך געמעקט איידער דער קאָנטור איז פאַרטיג געוואָרען. אָבער ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען איז ער געווען ריכטיג און גוט.

באַלד איז געקומען די צייט, ווען איך האָב זיך אָנגעהויבען צו לערנען „טושעווען" — מאַכען שאָטענס. דאָ האָב איך צום ערשטען מאָל באַמערקט, אַז אויף אַ קיילעכדיגער זאַך געהט די ליכט ביסלעכווייז איבער אין אַ לייכטען שאָטען, און פון

א לייכטען שאָטען אין א דונקעלערען, און אזוי ווייטער. ווען מען מאכט דאָס ווי עס בעדארף צו זיין, פיהלט זיך די קיילעכ־דיגקייט. דאָס און אנדערע אזעלכע זאכען האָב איך זיך איצט דערוואוסט צום ערשטען מאָל, און פון יעדער ענטדעקונג וואס איך האָב געמאכט בין איך באַגייסטערט געוואָרען.

דעם קאָנטור פלעגען מיר מאכען מיט א פּראָסטען בליי־שטיפט אויף א פּראָסטען פּאפּיר, א דיקען און ניט קיין גאַנץ־ווייסען. ווען דער קאָנטור איז פאַרטיג געוואָרען, פלעגט מען אונז געבען בעסערע פּאפּיר, און א טושעוואַלנעם בליישטיפט — א ווייכען און א שווארצען. דעם לינקען זייט פון דעם פּראָס־טען פּאפּיר פלעגען מיר דאן באשמירען מיט קויל, איהם אויס־שפּרייטען איבער דעם בעסערען בויגען פּאפּיר, און ביי די פיר ווינקלען איהם צושפּילעווען מיט מעשענע „קנאָבקעס". דאן פלעגען מיר די שטריכען פון דעם קאָנטור איבערגעהן מיט א פּראָסטען בליישטיפט ביז דער גאַנצער קאָנטור איז אונטען, אויף דעם ווייסען פּאפּיר, אפּגעדרוקט געוואָרען מיט קויל. דעם פּראָס־טען פּאפּיר פלעגען מיר אראָפּרייסען און אוועקוואַרפען, און דאן פלעגען מיר זיך נעמען טושעווען.

צו דעם האָב איך ניט געטויגט. איך האָב פאַרשטאַנען וואו מען דאַרף האָבען שאָטען, וואָס פאַר א סאָרט שאָטען, און ווי אזוי מען דאַרף דאָס טאָן; דאָס האָט מען אָבער געדאַרפט אויסאַרבייטען מיט געדולד; און געדולד האָט מיר געפעהלט.

יאַנקעלע פלעגט דעם שאָטען „לייגען" אין דער פאָרמע פון שטריכען, וועלכע האָבען זיך איבערגעקרייצט ווי די פעד־דים פון א נעץ אָדער א סאַטקע. עס איז געווען שעהן צו קו־קען ווי די לעכעלעך פון דעם נעץ קומען ביי איהם ארויס אזוי ווי צוצוויגענע קעסטעלעך, אדער „לעקעכלעך", דאָ שיטערער, דאָ געדיכטער, דאָ גאָר געדיכט. ער האָט די שאָטענס געריי־סעוועט מיט געדולד, אָבער געדולד אליין וואָלט דאָ ניט גע־האָט קיין ווערט. ער האָט זיי אויסגעאַרבייט מיט א קינסטלע־רישען צוועק, מיט טעם און מיט חן. ער פלעגט זיצען מיט דעם בליישטיפט אין האַנט. די קאָפּ אביסעל אָן־א־זייט, דער שפּיץ צונג אביסעל ארויס פון די ליפּען; און אזוי זיצענדיג פלעגט

ער ווארפען און ווארפען די שטריכען, אין דער לענג, אין דער ברייט, אָן־א־זייט, און ביסלעכווייז פלעגט די פיגור ביי איהם באקומען בולט'קייט און נשמה — עפּעס אזוי ווי זי וואָלט נעלעבט אין פארבאָרגענהייט, און ער וואָלט מיט די כשוף־באַוועגונגען פון זיינע פינגער איהר ביסלעכווייז אויף דער ווייסער וועלט ארויסגעלאסטשעט. אזא מין געפיהל פלעג איך האָבען קוקענדיג ווי ער טושעוועט.

אָפּטושעווען איין שטיקעל האָב איך געקענט שעהן. אויף מעהר האָב איך אָבער קיין גערולד ניט געהאַט. מיין בליי־שטיפט פלעגט זיך אוועקלאָזען שפּרינגען און שארען זיך; און פלעגט מיר איבערפיהרען א גוטען קאָנטור.

עס זיינען געווען וואָכען, ווען איך האָב מיט מיינע טור־שעוואַלנע „קעסטעלעך" פארמאָלען א וועלט. וואו איך האָב נאָר געפונען א ליידיגע שטיקעל פּאפּיר האָב איך עס פארדעקט מיט איבערגעקרייצטע שטריכען.

דער הויפּט־לעהרער איז געווען ניט ריעזאַנאָוו, נאָר איינער מיט'ן נאָמען טרוטנעוו, א מאַן פון א יאָהר פופציג, הויך און גרויס, ווי א ריז; מיט א שווארצע, עטוואָס גרויליכע, באָרד, און מיט דונקעל־בלויע ברילען אויף די אויגען. ער איז געווען דער פּרינסיפּאל פון דער שול.

ער פלעגט געהן מיט לאַנגזאַמע טריט. דאָס און זיינע דונקעלע ברילען האָט געגעבען זיין גרויסע, הויכע פיגור אַן אויסדרוק פון טראַגישער וויכטיגקייט. אזוי ווי א שאָטען פלעגט ער זיך באַוועגען איבער'ן זאַל. קיין מורא האָט ער אָבער ניט ארויסגערופען. איך האָב געהערט, אז ער איז אַן עהרליכער מענש און א גוטער קינסטלער; האָב איך צו איהם געפיהלט רעספּעקט און מיטלייד. מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט, אז ער האָט עפּעס אַן אונגליק.

די קריסטליכע שילער זיינען געווען לוסטיגער און ליאַרמ־דיגער ווי די אידישע. אזוי ווי זיי וואָלטען זיך מעהר געפיהלט ווי ביי זיך אין דער היים. אָבער די טאַלאַנטפולע אידישע שי־לער האָבען זיך אויך געפיהלט גוט, זיי האָבען אָבער אויסגעזעהן

ערנסטער — אזוי ווי פארזארגט. נאר איין אידישער שילער פלעגט איבערקעהרען א וועלט צוזאמען מיט די קריסטליכע שטי־פערס. ער איז געווען פון א רייכער פאמיליע, און קיין טא־לאנט האט ער ניט געהאט.

איינער פון די קריסטען פלעגט איבערקרימען ווי א איד רעדט רוסיש, און עטליכע טעג נאכאנאנד האט ער געזונגען אן אונאנשטענדיגע לידעלע וועגען א סאלדאט און א אידישער גאסען־מיידעל. ער האט זיך אבער גע׳חבר׳ט מיט א אידישען שילער, און אלע האבען געזאגט אז ער איז א „דימענט“.

ביי זיך אין הארצען האב איך געוואוסט אז איך וועל לאנג אין דער קונסט־שוהל ניט בלייבען. די פראגע איז נאר געווען, ווי אזוי מען הערט אויף צו געהן, וואס פאר א תירוץ מען זאגט. האט דער שיקזאל מיר אונטערגערוקט א תירוץ: איך בין קראנק געווארען אויף די אויגען. זיי זיינען ביי מיר גע־ווארען רויט און זיי האבען געטרערט.

איך געדענק ניט צי איך בין געגאנגען צו א דאקטאר. איך גלויב אז ניט, מסתמא נאר צו א פעלדשער. עס האט זיך פאר־צויגען אויף עטליכע וואכען, און ווען איך בין געזונט געווארען, זיינען מיינע אויגען געווען קרום. איך בין געווארען א קאָ־סאָקער.

איך האב זיך געשעהמט די אויגען צו ווייזען אין דעם בוכשטעבליכען זין פון דעם אויסדרוק. איך האב שטארק געליטען דערפון.

איינמאל, ווען איך בין געגאנגען דורכ׳ן מארק, לעבען פלאשטשאדקע האט א אינגעל וועלכער איז געזעסען אויף א שוועל, אין אן אפענער טיר, צו מיר אויסגעשריען:

— עה! וואו׳סטו גענומען דיינע קרומע אויגען?

ווען ער וואלט מיר א שטאך געטאן מיט א מעסער, וואלט איך קיין גרעסערען וועהטאג ניט געפיהלט.

ער איז געווען עלטער פאר מיר און איך האב איהם כמעט ניט געקענט. איך פלעג איהם זעהן אויפ׳ן גאס, און אלץ וואס איך האב געוואוסט וועגען איהם, איז, אז ער איז א גראבער

יונג, ניט קיין גנב, נאָר א „ווייסער חברה'ניק", ווי מען רופט דאָס אין אנדערע שטעדט. איך האָב גאָר ניט געוואוסט אז ער האָט מיר ווען־עס־איז באמערקט.

זיינע ווערטער האָבען מיר פארשאפט די טיפסטע שמערצען, און דאָך האָבען זיי מיר הנאה געטאָן אויך. דער פאקט, אז איך האָב נאָך פריהער געהאט די זכיה צו ציהען דיזען לאָבוס'עס אויפמערקזאמקייט, אז ער גערענקט ווי איך האָב אויסגעזעהן, איז פאר מיר געווען אן אנגענעהמער סורפריז.

.5

מיין רעוואָלוציע געגען גאָט. — מיין פראָפאגאנדא.

איך האָב זיך פארטיפט אין געאָגראפיע. אין די רוסישע גימנאזיעס און אנדערע שוהלען האָט מען דאן געברויכט סמיר־נאָוו'ס לעהר־ביכער איבער דיזען געגענשטאנד, א ווערק אין דריי טיילען. איך האָב זיך גענומען צו דעם ערשטען פון זיי — אָן התחלה־אפהאנדלונג וועגען דעם גאנצען ערד קוגעל.

די ערשטע עטליכע בלעטלעך זיינען געווען פארנומען מיט אָן אנהויב פון „מאטעמאטישע געאָגראפיע": ווי אזוי די ערד זעהט אויס, ווי זי דרעהט זיך ארום זיך אליין און ארום דער זון; פון וואנען עס נעמט זיך טאָג און נאכט, זומער, ווינטער, פרילינג און הערבסט; די פארשידענע פאָרמען פון דער לבנה, לקוי חמה און לקוי לבנה.

דער ביכעל איז געשריבען געוואָרען פאר שולען און אלץ איז אין איהם זעהר קורץ. דייטליכער ערקלעהרען וועט שוין דער לעהרער, הייסט עס. אזוי ווי איך האָב קיין לעהרער ניט געהאט, איז מיר ניט אלץ געווען קלאָהר. די שווערסטע עטליכע שורות זיינען פאר מיר געווען די, וואו עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען די פיר צייטען פון יאָהר: זומער, ווינטער פריהלינג און הערבסט. אין מיטען פון יענער זייטעל איז געווען א צייכ־נונג, וועלכע האָט געוויזען ווי די ערד באוועגט זיך ארום דער זון. דער ערד־קוגעל האָט זיך געזעהן אין זיינע פיר פארשי־

דענע לאַגעס. די ערקלעהרונג איז אָבער געווען אזוי קורץ אז איך האָב ניט פאַרשטאַנען ניט די ווערטער ניט די צייכנונג.

עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָב איך ניט אויפגעהערט צו קו־קען אויף דער צייכנונג. ווידער און ווידער האָב איך איבערגע־לייענט די קורצע ערקלעהרונג, סטאַרענדיג זיך אריינצודרינגען אין דעם זין פון די ווערטער און דער פיגור. און ווען איך האָב דעם בוך ניט געהאַלטען, איז אויך געווען דאָס זעלבע. איך פלעג אומגעהן הין־און־צוריק איבער אונזער שמאָלען קאַמער, אלץ מאַטערענדיג זיך בייצוקומען די רעטעניש. און ווען איך בין געגאַנגען איבער׳ן גאַס, איז מיר געלעגען אין זינען די זעל־בע פראַגע. זי האָט מיר בוכשטעבליך פאַרפּאַלגט. איך האָב געדאַרט און געדאַרט דעם מח און די רעטעניש איז אלץ גע־בליבען איינגעהילט אין פינסטערניש.

איינמאָל אין א שבת נאָכמיטאַג, געהענדיג פון באָטאַ־נישען גאָרטען, דורך אראָפּ־ברייטער גאַס, האָב איך זיך אָפּ־געשטעלט ביי א פענסטער פון א גראַווירער. אין יענע יאָהרען האָט א זיגעל געשפּילט א פיל גרעסערע ראָלע ווי היינט. יעדער באַלעבאַטישער מענש האָט געהאַט זיין חתימה׳לע, און רייכע סוחרים און פריצים פלעגען האָבען חתימות מיט שעהנע קאָסט־באַרע הענטלעך, אויבען דיק און אונטען שמעלער, ווי א בערנע. פלעג איך ליב האָבען צו קוקען אויף דיזע ארטיקלען, ווי זיי זיינען אויסגעשטעלט ביי א גראַווירער אין פענסטער. אייניגע פון זיי, מיט הענטלעך פון א שיינענדען, ווייך־קאָלירטען שטיין, פלעגען מיר פשוט באַצויבערען. איך פלעג טרוימען וועגען האָ־בען אזא חתימה׳לע מיט מיין נאָמען.

אין א געוויסען שבת נאָכמיטאַג, אלזא, בין איך געשטאַנען און זשעדנע באַקוקט די פענסטער־אויסשטעלונג ביי א גראַ־ווירער אראָפּ־ברייטער גאַס. געקוקט, באַוואונדערט די טייערע הענטלעך פון די זיגלען, און צו דער זעלבער צייט געטראַכט וועגען דעם „שכל״ פון די פיר יאָהרעסצייטען. פּלוצלונג איז מיר אלץ פאַרשטענדליך געוואָרען.

גלייך ווי איך בין געקומען אהיים, האָב איך זיך צוגע־

כאפט צו סמירנאָוו'ס געאָגראפיע. יא, אַלץ איז קלאָהר! די אורזאכע פארוואָס עס איז זומער, ווינטער, פרילינג און הערבסט איז געוואָרען אזוי דייטליך ווי די אורזאכע פון טאָג און נאכט, אָדער פון לקוי חמה און לקוי לבנה.

איך בין געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל.

אזוי טיף, און דאָך אזא איינפאכער שכל! די ענטדעקונג האָט אויף מיר געהאט אַן אונגעהייערע ווירקונג און האָט גע־פיהרט צו אנדערע ענטדעקונגען.

וויבאלד עס איז אַן איינפאכער שכל, טאָ וואָס איז מיט גאָט?

איינע פון די גרעסטע געהיימניסען האָט זיך ארויסגעצייגט פאר א גאנץ פארשטענדליכע, נאטירליכע זאך. אויב אזוי, טאָ פארוואָס זאָל דאָס זעלבע ניט זיין מיט אלע אנדערע געהיימ־ניסען? אויב איך קען זיי נאָך ניט ערקלעהרען, הייסט דאָך דאָס ניט, אז עס איז אונמעגליך זיי צו ערקלעהרען.

איך האָב זיך געפיהלט גליקליך און איך בין געווען אין א פיבער פון אונרוהיגקייט. מיין מח האָט געארבייט אָהן אַן אויפהער. איך האָב זיך געשטעלט נייע פראגען — אַלץ וועגען גאָט און זיינע נסים. צו די אנטוואָרטען אויף דיזע פרא־גען בין איך שוין לייכט צוגעקומען. עס איז מיר געוואָרען אלץ דייטליכער און דייטליכער, אז עס איז ניטאָ קיין נסים און עס איז ניטאָ קיין גאָט.

דער ערשטער שטארקער געפיהל דערביי איז געווען א געפיהל פון באפרייאונג: ניטאָ שוין פאר וועמען מורא צו האָבען!

פריהער האָבען מיינע עבירות געשטערט מיין רוה. איך האָב ניט געדאַווענט, מחלל שבת געווען, איך האָב זיך אויפגע־פיהרט אזוי ווי א ניט־גלויביגער; אין הארצען אָבער האָב איך יא געגלויבט אדער, יעדענפאלס, געצווייפעלט טאָמער איז פאראַן א גאָט און אויף יענער וועלט וועט מען ברענגען און בראָטען. איצט אָבער בין איך געווען זיכער, אז מען וועט ניט ברענגען און ניט בראָטען. עס איז ניטאָ ווער!

דיזער באפרייאונגס־געפיהל האָט געהאט א ספעציעלע

שייכות צו מיינע „עבירות״; הויפטזעכליך צו דעם חוב וואָס איך בין שולדיג געווען יענער שעמערניצע, לעבן ישיעת באַלטערמאַנ־צער׳ס חדר.

איצט, אַלזאָ, האָב איך פאַר איהר שוין קיין מורא ניט! ניטאָ קיין גאָט — ניטאָ ווער עס זאָל מיר באַשטראָפען דער־פאַר!

אום זיך צו איבערצייגען, אַז איך גלויב ווירקליך ניט אין גאָט, האָב איך איהם געשאָלטען. איך האָב די קללות אויס־גערעדט אין דער הויך. איך האָב זיי אַרויסגעזאָגט גאַנץ פריי, אָהן אַ ברעקעל מורא. איך בין אַליין ערשטוינט געוואָרען פאַר וואָס איך שרעק זיך ניט.

פלוצלונג פאַלט מיר איין אַ קשיא: וויבאַלד אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט, טאָ וועמען שילטסטו? אַז דו שילטסט, איז דאָך אַ סימן, אַז דו ביסט נאָך ניט אינגאַנצען איבערצייגט, אַז ער איז ניטאָ. האָב איך אויפגעהערט גאָט צו שילטען.

איך פלעג קלעהרען וועגען דער אפיקורסות פון הירשקע לעוועסאָן. ער האָט אימער חוזק געמאַכט פון גאָט, איהם גע־זידעלט, געוויצעלט זיך איבער איהם. הייסט עס, אַז ער איז נאָך ניט קיין אמת׳ער אפיקורס. איך בין אַלזאָ אַ גרעסערער אפיקורס פאַר איהם.

אַ פּאָר וואָכען אײדער דיזע שורות זיינען געשריבען געוואָ־רען, האָט איינער פון מיינע דאַמאַלסדיגע חברים מיר דער־מאָנט געדאַנקען, וואָס ער האָט פון מיר געהערט אַרום דער צייט ביי וועלכער מיר האַלטען דאָ. איך מיין גרישאַ (הירשקע) ביע־ליקאָוו׳ען, פון גרוים־סטעפּאַן גאַס, דער וואָס האָט מיט מיר צוזאַמען געלערענט ביי חאַצקלען דעם מלמד*).

ווען ער איז אַלט געווען אַרום דרייצעהן יאָהר (איך בין מיט צוויי יאָהר עלטער), האָב איך צו איהם אַמאָל געזאָגט: „עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל רעליגיאָנען, און יעדער איז זיכער, אַז זיינע איז די ריכטיגע. מיר מיינען, אַז די אידישע אמונה איז

*) ער איז געקומען קיין אַמעריקא אין 1923, און מיר האָבען זיך באַגעגענט, אין שיקאַגאָ, אין יוני 1925, נאָך דעם ווי מיר האָבען זיך ניט געזעהן 44 יאָהר.

די ריכטיגע. פאר וואָס? ווייל דאָס איז גראָד די אמונה פון אונזערע פּאַטערס. ווען זייער גלויבען וואָלט געווען דער קריסט־ליכער, וואָלטען מיר די קריסטליכע רעליגיע געהאלטען פאר די אמת'ע".

די ווערטער האָבען אויף איהם געהאַט אזא ווירקונג, אז יום כפור, ווען זיין פּאַטער האָט איהם גענומען אין קלויז, האָבען זיי איהם געשטערט אין דאַווענען.

דיזען געשפּרעך מיינעם מיט ביעליקאָוו'ן געדענק איך ניט. איך געדענק אָבער די געשפּרעכען וואס איך האָב דאן געהאַט מיט אַנדערע אינגלעך. איך האָב ערקלערט מיינע אטעאיסטישע אידעען פאר וועמען איך האָב נאָר געקענט. אַם דייטליכסטען עראינער איך זיך מ'ינע פריידענקערישע רייד מיט א נעטען, ציכטיגען ישיבה־בחור, וואס האָט זיך אויפגעהאלטען אין סטראַ־שונער'ס קלייזעל, און מיט א אינגעל פון פערד־מארק.

מיר האָבען שוין לאַנג ניט געוואוינט לעבען סטראַשונער'ס הויף. איך בין אהין געקומען אומישנע אום צו טענה'ן מיט דעם דאַרטיגען ישיבה בחור, וועלכען איך האָב גוט געקענט.

מיין הויפּט ארגומענט מיט איהם איז באשטאַנען, אונגע־פעהר, אין פאָלגענדען: די לומדים, די פרומע אידען, קענען ניט קיין געאָגראפיע, קיין אַסטראָנאָמיע, קיינע פון די וויסענשאַפ־טען, וואָס מען לערענט אין גימנאַזיע און אוניווערסיטעט. זיי לערנען ניט און פארשטעהען ניט. זיי זאָגען, אז עס איז דאָ א גאָט. פון וואַנען ווייסען זיי? עס שטעהט אין חומש! און דער חומש פון וואַנען ווייס? קיין ערקלעהרונגען גיט ער ניט. ער הייסט גלויבען אויפ'ן וואָרט. מאָלע וואס ער הייסט! ווער האָט אויפגעשריבען די ווערטער: „צום ערשטען האָט גאָט באַ־שאַפען הימעל און ערד"? וואס פאר א באַווייז האָבען מיר אז מען קען איהם גלויבען?

אונזערע געשפּרעכען פלעגען פּאָרקומען אין דער ווייבער־שער שוהל פון סטראַשונער'ס קלויז. דאָרטען האָט ער גע־שלאָפען, און דאָרטען, אונטער איינעם פון די בענק, איז גע־שטאַנען זיין קופערטעל.

אויף איינעם פון די בענק האָב איך מיט קרייד אָנגעציי־כענט די פיגורען פון סמירנאָוו'ס געאָגראַפיע, און האָב איהם געגעבען צו פאַרשטעהן „דעם שכל" פון טאָג און נאַכט, פון די פיר צייטען פון יאהר, פון לקוי חמה און לקוי לבנה; מיט גרויס באַגייסטערונג האָב איך פאַר איהם פאַרגעשטעלט ווי די ערד איז „קיילעכדיג ווי אַן עפּעל". און ווי אויף דעם עפּעל ליגט אויסגעשפּרייט די וואַסער, און אין דער וואַסער ליגען דריי גרויסע שטיקער ערד און אַ סך קליינע שטיקלעך. איך האָב איהם געוויזען ווי די ערד דרעהט זיך און דרעהט זיך אַרום זיך אַליין און צו דער זעלבער צייט געהט זי אַרום און אַרום דער זון.

איך געדענק ווי איך האָב איהם געבראַכט אַ משל פון אַ דריידעל. דרעהענדיג זיך, שטעהט עס ניט אויף אַן אָרט; עס געהט. „היינט לאָמיר זיך פאַרשטעלען, אַז אין מיטען טיש ברענט אַ לאָמפּ, און אַז די דריידעל געהט אַרום איהם. דער לאָמפּ — דאָס איז די זון, און די דריידעל — דאָס איז די ערד".

אויף אַזאַ שטייגער פלעג איך צו איהם ריידען און ריי־דען. און ער פלעגט זיך צוהערען מיט אויפמערקזאַמקייט. אָבער אַליין האָט ער קיין איינציגען וואָרט ניט געזאָגט.

דאַן האָב איך געמיינט, אַז ער האָט מורא אַרויסצואַווייזען אפּיקורסות, טאָמער פאַרלירט ער זיינע „טעג" און מוז זיך זוכען אַן אַנדער קאַווּרטיר. אין שפּעטערע יאהרען, ווען איך פלעג זיך דערמאָנען וועגען איהם און אונזערע שמועסען, פלעג איך זיך איהם פאַרשטעלען אַנדערש. ער איז פּשוט געווען פון די, וואָס האָבען קיין מיינונג ניט און קענען ניט האָבען, סיידען די פראַגע ריהרט אָן זייערען אַ פּערזענליכען אינטע־רעס אין דעם געוועהנליכסטען זין פון דעם אויסדרוק. ער איז אַבסאָלוט ניט געווען פעהיג צו דענקען, און ער האָט קיין פראַגען ניט געשטעלט. איז יאָ דאָ אַ גאָט, איז ניטאָ קיין גאָט — איהם איז געווען אַלץ איינס. אַלע גלויבען און דאַוונען, גלויבט ער אויך און דאַוונט אויך! איך באַווייז איהם, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט, הערט ער זיך צו, ווי מען הערט צו אַ מעשה, אָדער אַ

ליד. ס'איז אינטערעסאַנט. ווייטער גענהט דאָס איהם ניט אָן.

איך האָב אויבען געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ נעטער, אַ ציכטיגער. צווישען ישיבה־בחורים איז ער געווען אַ זעל־טענהייט. ער האָט געשלאָפען אין קלויז, אויף בענק, און דאָך האָט ער אימער אויסגעזעהן ריין און פריש ווי אַ נייע ליאַלקע. און זיין ריידען איז אויך געווען אַזוי: צום פּונקט, מיט אַן אָנ־גענעהמען שמייכעל, און ניט צו פיל ווערטער.

דער פערד־מאַרק'ער אינגעל וועלכען איך האָב „פּראָפּאַגאַנ־דירט" האָט געהאַט מעהר ווארימקייט אין זיך, און ער האָט אויף מיינע רייד זיך אָפּגערופען. איינמאָל איז ער צו מיר גע־קומען צולויפען אַן אויפגערעגטער, אַ גליקליכער, און האָט גע־זידעלט גאָט מיט אונאַנשטענדיגע ווערטער. איך האָב איהם גע־געבען צו פאַרשטעהן, אַז דאָס האָט קיין זין ניט, אָבער מעהר ווי דיזע סצענע געדענק איך וועגען איהם ניט, אפילו ווי ער האָט אויסגעזעהן האָב איך אויך פאַרגעסען.

מיין נייע איבערצייגונג האָב איך געפיהלט גאַנצע טעג. איך בין געווען אַזוי ווי אַ ניי־געבוירענער. די וועלט האָט ביי מיר גאָר אַן אַנדער פּנים געקראָגען.

6.

געאָגראַפיע. — אַ שטימע דורך אַ פענסטערעל. — מיינע שילער. — די ריטט פאַמיליע. — אַנדערע שילער.

איך האָב געהאַט עטליכע אוראָקען (פּריוואַט־שטונדען, „לע־סאָנס") און די געאָגראַפיע האָב איך געקויפט פון מיינע איי־גענע פאַרדינסטען. איך האָב אויך געקויפט „אילאַין'ס קאַרטע" פאַר אָנפאַנגער, אַ גרויסער בוך פון ניין שעהן־קאָלירטע לאַנד־קאַרטען. איך האָב זיך גענומען לערנען די נעמען פון אינז־לען, האַלב־אינזלען, מיסען (קייפּס), ימים, זאַליוועס (גאָלפס), פּראָליוועס (סטרעיטס), טייכען; איך פלעג זיי אויסזוכען אויף דער קאַרטע און ווייטער לערנען ביז איך האָב זיי געקענט זאַ־

גען אויף אויסוועניג, כסדר, ווי זיי זיינען געשטאַנען אין סמיר־נאָוו'ס געאָגראַפיע.

איך האָב געוואוסט אז ניט אַלע אינזלען, למשל, וואָס דאַר־פֿן ווערען אויסגערעכענט, זיינען וויכטיג, אז אין גימנאַזיע אָדער אין נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע היפּט מען זיי איבער. אָבער היפּען האָט מיר מיין האַרץ ניט געלאָזען. ווייבאַלד זיי שטעהען ביי סמירנאָוו'ען, טאָר מען זיי ניט דורכלאָזען.

מערקווירדיג: לערנען אויף אויסוועניג איז מיר געווען שווער און איך האָב דאָס פיינט געהאַט. אָבער אין דיזען פאַל האָב איך דאָס געטאָן מיט פאַרגעניגען. ווי ס'איז ערקלערט געוואָרען אין א פריהערדיגען פּלאַץ, איז עס געווען דערפאַר וואָס איך האָב זיך דערצו גענומען אליין. קיינער האָט מיר די אויפגאָבען ניט אויפגעגעבען. קיינער האָט מיר זיי ניט געצוואונגען צו לערנען. די ארבייט איז געווען מיין אייגענע פּריווילעגיע אונטערנעהמונג, האָב איך איהר געטאָן מיט פאַרגעניגען. דער קלאַנג פון די ווערטער האָט אין מיינע אויערען געהילכט ווי א ליד. איך פלעג אוּמגעהן הין־און־צוריק און זיי איבערזאָגען ווי־דער און ווידער. אפילו ווען איך האָב זיי שוין געקענט גוט אויף אויסוועניג, פלעג איך אַלץ מאַרשירען און „זוברעווען". איך פלעג פּראָסט היפּנאָטיזירט ווערען פון דעם טאַקט פון מיינע טריט און פון דעם נגון, מיט וועלכען איך האָב ארויסגעברומט די ווערטער. איך פלעג פּאַרטזעצען געגען מיין אייגענעם ווילען, ביז איך האָב שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט צו מאַרשירען.

אייניגע פון די אינזלען אדער „מיסען" איז אויף מיין קאַר־טע שווער געווען צו געפינען. פלעג איך אָפּזיצען שטונדען־ווייז זיי זוכענדיג. די מאַמע האָט געשריען אז איך וועל בלייבען אָהן אויגען, און איך פלעג טאָן דאָס מייניגע.

קיין אמת'ער לאָמפּ איז ביי אונז ניט געווען. מיר האָבען געהאַט א קעראָסין לעמפּעלע, וועלכער איז באַשטאַנען פון א מין פלעשעלע מיט א קנויט, און מיט א דרעטעל, וועלכער פלעגט זיך רוקען ארויף און אראָפּ. קיין גלאָז האָט דער לעמפּעלע ניט געהאַט. ער איז ניט געווען צוגעריכט דערצו. שטאַרק גע־רויכערט האָט ער אָבער ניט. ביי דיזען לעמפּעל פלעג איך

אָפּזיצען ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער מאַמע'ס בעט איז געשטאַנען הינטער דעם קליידער־אַלמער, און מיין בעטעל איז געשטאַנען דאָ,ביים טיש. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ווען די מאַמע האָט געשלאָפען, פלעג איך זיצען איבער מיין קאַרטע, אדער מאַכען זאַדאַטשעס אדער לייענען גאָגאָל'ס „די טויטע נפשות" — זעהר אָפט ביז אויף דרויסען פלעגט ווערען ליכטיג.

דער פענסטערעל פון אונזער קעלער־צימער איז ארויסגע־קומען אויף דעם טראָטואַר (סייד־וואָק) פון דער גאַס, וואָס געהט פון זאַוואַלנער גאַס ביז אָסטראַ־בראַם. דורך דאָרטען פלעגט מען פון געוויסע געגענדען געהן אין די זומער־פּלעצער — ליובאַ־וויטש'עס סאָד, נאָווי ראַי און זשעלעזנאַיאַ כאַטקאַ — און צוריק אהיים. אונזער טיש איז געשטאַנען האַרט אונטער דעם דאָזיגען פענסטערעל.

איינמאָל אין אַ זומער נאַכט, אַרום איינס אַזייגער, ווען איך בין געווען פאַרטיפט אין מיין קאַרטע, זוכענדיג עפּעס, האָב איך דערהערט אַ געשפּרעך. אַ פּאָר פון די פאַרבייגעהער האָ־בען זיך איינגעבויגען און אריינגעקוקט.

— זעה, זעה! — האָט געזאָגט אַ פרויען שטימע, אויף אידיש, — איבער אַ לאַנד־קאַרטע זיצט ער! און זעה נאָר דעם לאָמפּ! אַ פלעשעל! ניטאָ אפילו קיין לאָמפּ אין שטוב! דאָס וואַקסט אַ גרויסער דאָקטאָר!

איך האָב אויבען דערמאָנט די „אוראָקען" וואָס איך האָב געקראָגען. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרען אין כאָמינסקי'ס הויף און — דירעקט אָדער אינדירעקט — דורך מיין מוהמע פייגען (פאַרבייגעהענדיג וויל איך באַמערקען, אַז די דירה, וואו זי און איהר פאַמיליע האָבען געוואוינט צוזאַמען מיט מיין זיידען האָט ביסלאַכוויז זיך גענומען רופען אויף איהר נאָמען. פריהער פלעגט דאָס הייסען „דעם זיידע'ס"; מיט דער צייט אָבער, ווען ער איז געוואָרען אַלט, און זי מיט איהר מאַן האָבען געשפּילט די גאַנצע ראָלע, האָט זיך דער נאָמען געבי־טען. פון זיך אַליין איז דאָס געוואָרען. אנשטאָט צו זאָגען

„איכ'ל געהן צום זיידען" האָב איך גענומען זאָגען „איכ'ל געהן צו דער מוהמע'ן." און אויף אן עהנליכען שטייגער פלעגט ריידען מיין פאָטער און אלע קרובים. נאָר מיין מוטער פלעגט זאָגען „איכ'ל געהן צום טאטען", ווי אימער). דורך איהר לעבעדיגקייט, טעטיגקייט און פריינדליכקייט, איז די מוהמע געוועזן די צענטראל פיגור ניט נאָר ביי זיך אין שטוב, נאָר אויך אין דעם גאנצען הויף, און צוליב איהר האָבען די שכנים מיר באהאנדעלט ווי אן אייגענעם.

מיינע ערשטע שילער האָב איך באקומען ביי דער פאמיליע פון אברהם דוד ריטט, דעם שטרייכער (א פארבער פון פוטערווארג), וועלכער האָט געוואוינט איבער מיין מוהמע'ס דירה, און וועלכען איך האָב דערמאָנט אין א פריהערדיגען קאפיטעל.

אזוי ווי ביי דיזער משפחה פלעג איך האָבען אן אוראָק כמעט יעדען טאָג, און דאָס האָט אָנגעהאלטען נאָהענט צו דריי יאָהר, וועל איך דעם לעזער מיט איהר באקאנט מאכען.

די טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט צו די ריטט'ס, האָבען זיך אָנגעהויבען ביי דער סאמע טיר פון מיין מוהמע'ס וואוינונג, און די צוויי פאמיליעס זיינען אימער געוועזן זעהר פריינדליך איינע צו דער אנדערער. צוויי פון ריטט'ס זיהן, חיים'קע און שימקע, זיינען געוועזן אין מיין עלטער, און ביז מיט א יאָהר פריהער פלעגען מיר זיך שפּילען אין „הע[illegible]עלעך" צוזאמען, ווי עס איז שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען. מיר זיינען געוועזן חברים זינט איך בין אלט געוועזן אכט־ניין יאָהר. ווען איך בין שוין געוועזן פערצעהן יאָהר אלט, האָט זייער מוטער מיר גערונגען, איך זאָל זיי און זייער אינגערען ברודער'ל, מאיר'קע, געבען אוראָקען.

אברהם דוד דער שטרייכער האָט זיין מלאכה גע'ירשנ'ט פון זיין פאָטער, און צוזאמען מיט איהר האָט ער אויך גע'ירשנ'ט א סעקרעט, ווי אזוי צו מאכען די פארשידענע פארבען. דאָס איז געוועזן ניט נאָר א מלאכה, נאָר א געשעפט אויך. יעדענפאלס האָט די שטרייכעריי איהם געטראָגען א היבשען איינקונפט, און די שטוב האָט זיך געפיהרט גאנץ ברייט.

זייער וואוינונג איז אייגענטליך באשטאנען פון איין גרויסען צימער; נאָר פון איהם זיינען גַעוֶוען אָפּגעצאמט, מיט הילצערנע

סעפערענעס, דריי קליינינקע קאמערלעך. דער פלאץ, וואס אין איבערגעבליבען, איז אבער געווען גרויס גענוג. אומעטום האט אימער געשמעקט מיט פוטערוואַרג און מיט פארב. דער גרויסער צימער, וועלכער איז געווען אי דער ווארשטאט, אי דער עס־צימער, אי דער זאל, איז כמעט אימער געווען פארהאנגען און פארוואָרפען מיט אלערליי פעלען.

אברהם דוד, א איד פון די מיטעלע יאהרען, א הויכליכער, א שלאנקער, מיט א גרויליך שווארצער באָרד, איז געווען א שאפעט (א זאאיקע), און דעם פעהלער האבען אויך געהאט פינף פון זיינע זעקס קינדער. די פינגער זיינען ביי איהם געווען אין גאנצען שווארץ — אימער שווארץ; אפילו ווען ער איז געקומען פון באָד. שבת פלעגט ער זיין געקליידט גאנץ ציכטיג און א ביסעל היינטיג אויך; אבער די פינגער זיינען אלץ געבליבען שווארץ.

דאס איז געווען א שטוב פון מענשען מיט גילדערנע הערצער. ווער עס האט זיך נאר גענויטיגט, האט דא באקומען שטיצע. ווער עס האט נאר געהאט עפעס צו פארקויפען, האט דא געפונען א קונה, איינפאך ווייל מען האט איהם ניט געקענט אפזאגען. זיי האבען געגעבען אפען און זיי האבען אויך געגעבען באהאלטענדיג זיך איינער פון דעם אנדערען. יעדער האט מורא געהאט, אז די אנדערע וועלען איהם אויפוואַרפען, אז ער אדער זי איז צו גוט. צו קענען קארגען און זיין הארט־הערציג איז ביי דער משפחה געווען פאררעכענט פאר א גרויסע מעלה, און יעדער מיטגליד איהרער פלעגט זיך סטארען דיזע מעלה ארויסצואווייזען. יעדער מיטגליד האט אבער געוואוסט, אז די אנדערע זיינען „ניט בעסער“ פאר איהם.

אברהם דוד איז געווען א כעסן, ווי פילע זאאיקעס, און ער פלעגט דק שרייען אויף זיין פרוי און קינדער, פארוואס זיי ווארפען זיך מיט געלט; אבער אין אמת'ן האט ער אויך קיינעם ניט געקענט אפזאגען. מען האט נאר פאר איהם געדארפט מאכען א קרומע האוואיע.

זיין פרוי, רחל לאה, א גרויסע, דיקע אידענע, מיט סטאר־טשענדע נאאיווע אויגען, איז געווען א מענש בוכשטעבליך אהן א גאל. זי האט אימער געהאלטען אין קויפען זאכען, וואס זי האט

אַבסאָלוט ניט באַדאַרפט, נאָר ווייל זי האָט רחמנות געהאַט אויף די טענדלערקעס (פּעדלערקעס). יעדעס מאָל פלעגט זי זיך שטאַרק דינגען, אום צו ווייזען דעם מאַן און די קינדער, אַז זי איז אַ „שלעכטע", און רעכענט זיך מיט יעדען גראָשען. די טענדלערקעס האָבען שוין אָבער געוואוסט, אַז זי וועט באַצאָהלען אַ סך מעהר ווי די זאַך איז ווערט.

דאָס רוב פלעגט דער מסחר געמאַכט ווערען „געהיים", קיינער זאָל ניט וויסען. דערנאָך פלעגט זיך אָנהויבען אַ פראַגע: וואו טוט מען אַהין דעם יאַקעל, צי די שטיקעל וואָל, צי די עטליכע אַרשין לייוועגט, צי די „באַסטען־טוך"? זי פלעגט רק האַלטען אין זוכען אַן אָרט וואו עפּעס צו באַהאַלטען. יעדער ווינקעלע אין שטוב, יעדער פאַרבאָרגענער, אָדער כלומר'שט פאַרבאָרגענער פלאַץ, איז געוועזען פאַרשטאָפּט מיט „קאָנטראַבאַנד". איך קאַמאָד איז געוועזען אַזוי פאַרפּאַקט און פאַרפּלאָנטערט, אַז זי האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו האָבען אַ נוץ פון איהם. אונטער די בעטען און אונטער דער קאַנאַפּע זיינען געלעגען פּעק און פּעקלעך מיט גע־היימע סחורה. דער שלאָף־צימער און נאָך אַ צימער האָבען אויס־געזעהן ווי אַ סקלאַד פון אַ שמאַטע־הענדלער.

די דינסטמיידעל — רח'קע האָט זי געהייסען — איז איי־גענטליך געוועזען די אמת'ע באַלאַבאָסטע אין שטוב, און אַלע האָבען פאַר איהר מורא געהאַט. אין שפּעטערע יאָהרען, ווען איך האָב געלייענט אַנ־סקי'ס גלענצענדע ערצעהלונג „אין אַ אידישער פאַ־מיליע", האָב איך רח'קען דערזעהן ווי פאַר די אויגען. דער שריפט־שטעלער האָט איהר ניט געקענט. ער האָט געמיינט אַן אַנדער הויז מיט אַן אַנדער דינסט. אַזעלכע רח'קעס זיינען אָבער פאַראַן אַ סך.

ריטעט'ס דינסט איז געוועזען אַזאַ עהרליכע נשמה ווי איהר באַלאַבאָסטע. זי האָט אָבער געהאַט מעהר כאַראַקטער און אויך מעהר שכל ווי רחל לאה, און געטריי איז זי געוועזען דער הויז ניט ווייניגער ווי זי. זי איז ניט געוועזען קיין צו יונגע און קיין צו שעהנע אויך ניט. און ווען די קינדער פלעגען זיך קריגען מיט איהר, פלעגען זיי אויף זייער זאַאיקעוואַטען שטייגער איהר אַמאָל רופען „אַלטע מאַד". דערנאָך פלעגען זיי האָבען געוויסענביסע דערפון, און זיך חנפ'ענען צו איהר.

איסאַק, דער עלטסטער זוהן — אַ הויכער, אַ שטאַרקער, אַ שעהנער יונג, מיט ברייטע פּלייצעס, אָבער אויך אַ שאַפּעט, האָט געענדיגט די ראַבינער־שול, און איצט האָט ער שטודירט אויף וועטערינאַר אין דערפּט.

זיין פאָטער פלעגט זיך באַקלאָגען, וואָס זיין שטודירען ציהט זיך אַזוי לאַנג, און ער פלעגט מאַכען שפּאַס פון איהם. אין אמת'ן אָבער איז איסאַק געוועזען זיין שטאָלץ. בלויז איהם האָט מען אין שטוב גערופען מיט דער רוסישער פאָרמע פון זיין נאָמען. אַלע איבעריגע קינדער האָט מען גערופען אויפ'ן געוועהנליכען אידישען שטייגער.

די עלטסטע טאָכטער האָט חתונה געהאַט אין אַן אַנדער שטאָדט. די איבעריגע קינדער — דריי אינגלעך און אַ מיידעלע — זיינען געווען אין שטוב.

מיין ראָלע אלס לערער האָב איך אָנגעפאַנגען פון מאיר'קען — זעהר אַ סימפּאַטישער אינגעלע פון אַ יאָהר צעהן אָדער עלף. ער איז אָנגעקומען אין דעם פּריגאָטאָוויטעלנעם קלאַס (צופּערטיגונגס־קלאַס) פון דער נייער „נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע“, ביים אינ־ספּיטוט. אַלזאָ, האָט רחל לאה מיר גענומען מיט איהם איבער־צולערנען די אוראָקען (דער פאָטער פלעגט זיך אין אַזעלכע זאַכען ניט מישען).

זי וואָלט איהם געקענט דינגען אַן עלטערען און וויכטיגערען לעהרער. זי האָט אָבער געוואָלט מיר געבען צו פאַרדינען. איך האָב מיט מאיר'קען געלערענט מיט גרויס אינטערעס און איבער־געבענהייט, און זייער איסאַק'ס אַ חבר, וועלכער האָט אַמאָל זיך צוגעהערט ווי איך לערען מיט'ן אינגעל, האָט מיך שטאַרק געלויבט פאַר זיינע עלטערען.

דורך דעם האָב איך חיים'קען, דעם עלטסטען פון די היימישע דריי זיהן, אויך אריינגעקראָגען פאַר אַ שילער. ער האָט שוין גע־האַט לעהרער און ער האָט שוין געקענט אביסעל רוסיש. ער האָט אָבער זיין לערנען אָוועקגעוואָרפען, און זיך גענומען צו שטרייכעריי. ער האָט געאַרבייט ביים פאָטער און איהם האָט מען באַטראַכט אלס דעם צוקונפטיגען יורש פון דעם געשעפט. איהם האָט אברהם דוד פאַרטרויט זיינע טעכנישע סודות. ער איז געווען שעהן געוואַקסען,

חיים׳קע, און האָט געהאַט אַ שעהנעם פּנים (ער איז געווען שטאַרק עהנליך צו איסאַק׳ען), און זאַאיקעוועט האָט ער זיך נאָר אַ ביסעל.

ער פלעגט טראָגען גוטע היינטיגע קליידער, אָבער זיינע פינגער זיינען אויך אימער געווען שוואַרץ ווי פּעך.

אַזוי ווי איך האָב אָנגעהויבען צו געבען מאיר׳קען אוראָקען אין דעם יאָהר פון מיין קרילאָוו־באַגייסטערונג, און איך האָב וועגען דעם ענין גערעדט צו יעדען, וואָס האָט נאָר געוואָלט הערען, פלעג איך פאַר חיים׳קען פאָרלעזען אייניגע פאַבלען, איהם צו ווייזען וואָס פאַר אַ טייערע ווערטלעך אין זיי ליגט, און ווי שעהן זייער שפּראַך איז. און ער פלעגט מיך אויסהערען, אַ ביסעל כלומר׳שט אָפּלאַכענדיג פון מיין באַגייסטערונג, ווי ס׳איז געווען זיין שטייגער און זיין פאָטער׳ס שטייגער. מיינע ערקלעהרונגען האָבען איהם אָבער פאַראינטערעסירט.

איינמאָל, ווען זיין מוטער האָט זיך צוגעהערט צו אַזאַ גע־שפּרעך צווישען אונז, האָט זי צו איהם געזאָגט:

— פאַרוואָס זאָלסטו אויך דאָס ניט קענען? ווייסטו וואָס, זאָל דער אַלטער דיר אויך געבען אַן אוראָק.

ער האָט צוגעשטימט. אַ חוץ קרילאָוו׳ען האָב איך מיט איהם געלערענט רוסישע גראַמאַטיק. צו דער גראַמאַטיק האָט ער צו־ערשט קיין חשק ניט געהאַט. איך האָב איהם אָבער ניט אָפּגעלאָזען, ביז ער האָט געלערענט ביידע געגענשטאַנדען.

אַ היבשע ביסעל האָט מיר דערביי געהאָלפען אַ מין קאָנקור־רענץ־געפיהל, וועלכען חיים׳קע האָט געהאַט צו זיינעם אַ חבר, דעם זוהן פון אברהם דוד׳ס אַ גוטען פריינד. דער חבר איז געווען מעהר געבילדעט ווי חיים׳קע. ער האָט געאַרבייט ביי אַ פּראָסבע־שרייבער, ווי מען פלעגט אין ליטע רופען אַן אַדוואָקאַט, איידער מען איז צוגעוואוינט געוואָרען צו אַן אויסגעשטודירטען יוריסט. ער האָט געלעזען רוסישע ביכער און געשריבען „מליצה" אויף רוסיש. ער איז געווען אַ גרויסער באַריהמער, דער חבר. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען צו די ריטט׳ס, פלעגט ער פאָרלעזען עפּעס אַ שעהנע שטיקעל, וואָס ער האָט „פאַרפאַסט". דאָס פלעגט אָנצינדען אַ געפיהל פון קנאה און פאַרדרוס ניט נאָר אין חיים׳קען, נאָר אין דער גאַנצער פאַמיליע. ווען ער פלעגט אַוועקגעהן, פלעגען

זיי איבערקרימען זיין באריהמעריי. אלזא, האָבען זיי אַלע געוואָלט, אז חיים׳קע און שימקע זאָלען ניט זיין אזוי ווייט צוריקגעשטאנען פון דעם חבר.

איינמאָל האָט דער חבר פאַר אונז פאַרגעלעזען א באשרייבונג פון א זון־אונטערגאנג. עס איז ווירקליך געווען שעהן, וואונדער־שעהן. עס איז אָבער געווען ניט זיינע, נאָר טורגעניעוו׳ס. טור־געניעוו׳ס ווערק גופא האָב איך נאָך דאמאָלסט ניט געלייענט; אַלס אַן אויסצוג אָבער האָב איך דאָס געזעהן אין א כרעסטאָמאטיע (רידער); אין וועלכער—האָב איך ניט געדענקט. איך האָב זאָגאר ניט געדענקט, אז די שילדערונג איז טורגעניעוו׳ס. אָבער אז איך האָב דאָס געזעהן ערגעץ־וואו אין א בוך, בין איך געווען זיכער.

— עס איז ניט דיינע! — האָב איך אויסגעשׂאָסען.

דער חבר האָט זיך גענומען שווערען, אז עס איז יאָ זיינע, און איך האָב גע׳טענה׳ט, אז איך האָב דאָס געזעהן געדרוקט.

ער האָט זיך גענומען פלאָנטערען; ער איז געוואָרען רויט. עס איז געווען דייטליך, אז וואָס איך זאָג, איז אמת. ווען ער איז אוועק, האָט חיים׳קע און זיין מוטער מיר אויסגערעדט, פארוואָס איך האָב „פארגאָסען זיין בלוט״. די געשיכטע האָט זיי אָבער פארשאַפט פארגעניגען.

אויף מאָרגען האָב איך געזוכט און געפונען די דערמאָנטע שילדערונג — אין טורגעניעוו׳ס ווערק. איך האָב דעם באנד גענומען אויף פּראָקאט אין סטראַקונ׳ס בוך־קראָם און איהם גע־בראכט צו די ריטט׳ס. ווען חיים׳קע און שימקע האָבען דאָס איבערגעלעזען, האָבען זיי געקוואָלען. דאָך, ווען דער חבר איז צו זיי ווידער געקומען, האָבען זיי צו מיר געוואונקען מיט שטרענגע מינעס, אז איך זאָל איהם „ניט פארגיסען דאָס בלוט״. דער חבר האָט זיך געמאַכט ניט־וויסענדיג, און מיט מיר איז ער געווען אדרבא ואדרבא.

מיין קורס האָט זיך ביי די ריטט׳ס שטאַרק אויפגעהויבען.

שימקע האָט געהאט א לעהרער, און ער האָט געהאלטען ווייטער ווי חיים׳קע, אָבער אויף גראַמאַטיק האָט ער מיך געדונגען.

— איצט וועסטו ביי אונז שוין האָבען צו טאָן טשאָנגלע, —

האָט רחל לאה דאָן צו מיר געזאָגט. דאָס וואָרט „טשאַנגלע" (נאָכ־אַנאַנה, „סטעדיַ") האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק, וואָרים מיין מוטער און מיין מוהמע האָבען איהם קיינמאָל ניט געברויכט.

איך האָב אויך געגעבען אַן אוראָק ביי רחל „די פּוטער־נייהערקע" — איהר עלטערען אינגעל. אָבער מעהר ווי דעם אַלגעמיינעם פאַקט געדענק איך ניט. מיין מוהמע האָט מיר גע־קראָגען נאָך אַן אוראָק ביי נאָך אַ פאַמיליע פון כאָמינסקי'ס הויף. אָבער וועגען דעם געדענק איך נאָך וועניגער.

איינער פון מיינע שילער איז געווען אַ פּלימעניק פון מיין אַמאָליגען רוסישען לעהרער, דער „ראַבינער", וועלכער פלעגט קומען מיט מיר לערנען אין אונזער שענק. איצט איז ער שוין געווען פאַרהייראַט (פאַר דער נייטאָרין, וואָס האָט איהם אויפגעהאַלטען). די ראַבינער שול האָט ער אָבער ניט געענדיגט. די פרוי האָט געפיהרט אַ וואַרשטאַט, און ער האָט געגעבען אוראָקען. זיין פּלי־מעניק, מיין שילער, איז געווען אַ רויט־האָריגער אינגעל פון אַ יאָהר צוועלף. געצאָהלט פאַר איהם האָט מיר ניט זיין פאָטער, נאָר טאַקע זיין אָנקעל. ער האָט מיר אָבער געצאָהלט נאָר מיט צוזאָגונגען. זיין מיין איז געווען גוט. ער האָט איינפאַך ניט געהאַט.

— איהר לעגט מיר אָפּ און איהר לעגט מיר אָפּ, — האָב איך צו איהם איין מאָל געזאָגט, כאַפּענדיג איהם אויפ'ן גאַס, און ריידענדיג צו איהם אויף רוסיש. אויפ'ן ראָג טייטשע גאַס און גיטקע טויבע'ס זאַוואָלאָק איז דאָס געווען.

— אַבילע איך וועל דיר אָפּגעבען, — האָט ער מיר געענט־פערט אויף אידיש. דאָס געדענק איך אויך צוליב אַ וואָרט. אין ווילנא זאָגט מען „אַבי", ניט „אַבילע". מיין געוועזענער לעהרער איז געווען פון אַ שטעדטעל אין קאָוונער גובערניע.

איך האָב אויך געגעבען אַן אוראָק אַ פאַרהייראַטען יונגען מאַן. ער און זיין פרוי האָבען געהאַלטען אַ קראָם פון שטיקלעך וואַרע, און דעם אוראָק פלעג איך איהם געבען אין קראָם. אַלע ווײַלע פלעגט ער זיך פאַררייידען מיט אַ קונה, אָדער מיט דער פרוי, און דערנאָך פלעג איך איהם מוזען אָפּגעבען די צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אויף דיזען אָרט. אַנשטאָט איין שעה פלעגט מיר

אויסקומען מיט איהם צו זיצען אַנדערהאַלבען, אָדער זאָגאר מעהר. ווי דיזער שילער האָט אויסגעזעהן און וואו זיין קראָם איז געווען, געדענק איך ניט. דער אוראַק האָט אָנגעהאַלטען נאָר אַ קורצע צייט.

מיט חיימ׳קען האָב איך אָפט גערעדט וועגען רעליגיע. איך האָב זיך געסטאַרעט איהם צו באַקערען. ער האָט מיר אָבער יעדעס מאָל אָפּגעפּטר׳ט מיט אַ שפּאַס. ער איז ניט געווען פרום, אָבער שרייבען אום שבת וואָלט ער ניט געשריבען, הגם געלט האָט ער שבת יאָ געהאַלטען. איינלאָזען זיך אָבער אין דער פראַגע, צי עס איז דאָ אַ גאָט, צי ניט, האָט ער ניט געוואָלט.

יעדען פרייטאָג־צו־נאַכט פלעגט ער געהן אין טעאַטער, דער־נאָך פלעגט ער מיר דערצעהלען, וואָס ער האָט דאָרטען געזעהן. האָב איך איהם אמאָל געשטעלט אַ פראַגע: ווי באַלד אז ער האָט ניט מורא צו קויפען אַ בילעט אום שבת, טאָ פאַרוואָס האָט ער מורא צו שרייבען אום שבת? — האָט ער געמאַכט שפּאַס פון מיין קשיא.

איין שילער האָב איך געלערענט אָהן געלט. דאָס איז געווען אַ ישיבה־בחור, וועלכען איך האָב געקענט פון חסיד׳ס מנין. איהם האָב איך דעם אוראָק געגעבען הויפּטזעכליך, ווייל ער האָט זיך צוגעהערט צו מיין אפּיקורס׳ישער פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט זיך טאַקע אינטערעסירט מיט מיינע ערקלעהרונגען און ער האָט זיי פאַר־שטאַנען. ער איז געווען אַ פעהיגער בחור; ער האָט אָבער געהאַט אַן אונגעהייערע הויכע מיינונג וועגען זיך. אָפט פלעגט ער זיך מיט מיר דינגען וועגען דעם פשט פון אַ רוסישען וואָרט, הגם דאָס רוב איז זיין אייגענער פירוש געווען ניט מעהר ווי אַ בויך־סברא. איינמאָל האָבען מיר זיך דורך אזא דעבאַטע צוקריגט און איך האָב איהם אויפגעהערט צו לערנען.

7

אין דער ווילנער שטאָדט־ביבליאָטעק.

יעדער נייער טריט, וואָס איך האָב געשטעלט, איז געווען דער רעזולטאַט פון שווערער אַרבייט, אָדער פון אַ צופאַל. די וועלט איז פאַר מיר געוואָרען ברייטער, אָבער זעהר לאַנגזאַם. ווען איך

וואָלט געהאט א וועג־ווייזער, וואָלט איך פארשפּאָרט א סך מיה און צייט. איך האָב געטאַפּט ווי א בלינדער, און בין געגאַנגען פּאַמעלעך ווי א בלינדער. א הייַנטיגער ווילנער אינגעל, אפילו אן אָרימער, דאַרף אַזאַ שווערע און לאַנגע גייסטיגע רייזע ניט דורכמאַכען. די טאַטעס זיינען אַנדערע און די קינדער זיינען אַנדערע. א צעהן־יעהריגער ווילנער אינגעל פון דער אומוויסענד־סטער פאַמיליע ווייס היינט פילע זאַכען, וועלכע מיר זיינען קוים געוואָהר געוואָרען צו פערצעהן אָדער פופצעהן יאָהר.

צום ביישפּיל: איך בין שוין געווען מעהר ווי פערצעהן יאָהר אַלט, איידער איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אין ווילנא איז פאַראַן א פרייע ביבליאָטעק, וואָס געהערט צו דער רעגירונג און אַז יעדער קען אהין אריינקומען, זיצען אין א פיינעם זאַל און לעזען די בעסטע ביכער. און איידער איך האָב ביי זיך גע׳פּועל׳ט צו געהן אהין, בין איך שוין געווען מעהר ווי פופצעהן יאָהר אַלט. מיין טאַטע און די טאַטעס פון מיינע חברים האָבען די דאָזיגע ביבליאָטעק ניט באַדאַרפט האָבען און זיי האָבען פון איהר ניט געוואוסט.

די ביבליאָטעק איז געשטאַנען אין א שעהנעם ווינקעל, אַנט־קעגען דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר׳ס הויף, וואו עס פלעגט זיך אָפּ־שטעלען דער קיסר יעדעס מאָל ווען ער האָט באַזוכט ווילנא. נאָהענט דערביי איז אויך געווען די גימנאַזיע. אויף דער געביידע פון דער ביבליאָטעק האָבען געבלישטשעט צוויי גרויסע גילדערנע ווערטער: „פּובליטשנאַיאַ ביבליאָטעקאַ". איך פלעג דאָרט אָפט פאַרבייגעהן כמעט פון קינדווייז אָן, וואָרים דורך דאָרטען פלעגען מיר געהן קוקען אויף דעם גרויסען שעהנעם פאָנטאַן, וואָס האָט געשפּריצט ביי דעם „קיסר׳ס דוואָרעץ" — דאָס הייסט ביי דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר׳ס וואוינונג. וואָס דאָס איז אַזוינס, האָב איך אָבער ניט געוואוסט, און האָב ווענען דעם קיין קשיות ניט געפרעגט.

עס זיינען אָבער דאָן שוין געווען אידישע יונגע לייט, גימנאַ־זיסטען, אינסטיטוטשיקעס, געוועזענע „ראַבינטשיקעס", וועלכע האָבען די ביבליאָטעק באַזוכט און זיך געפיהלט אין איהר ווי אין דערהיים, און דורך א פּאָר פון זיי האָב איך ענדליך געמאַכט די ענטדעקונג, אַז אהין איז אַזוי לייכט אריינצוקומען ווי אין חסיד׳ס קלויז.

איך בין אוועק אהין. איך האָב געעפענט די גרויסע שעהנע טיר מיט א געפיהל פון עהרפורכט. איך בין צוגעגאַנגען צום קאטאלאָג, אויסגעזוכט די קארטעל פון טורגעניעוו'ס ווערק, אויס־געפילט דעם צעטעלע און דאָס דערלאַנגט דעם ביבליאָטעקאר, וועל־כער איז געזעסען אין דער הויך, אין א ווינקעל, לעבען טיר.

איך געדענק ווי ער האָט אויסגעזעהן: דאַר, מיט גלאַט־פאר־קעמטע האָר, אָהן א באָרד, מיט דינע ליפּען. ער האָט אויף מיר גע־מאַכט דעם איינדרוק פון א דייטש. ער האָט מיר אויפגענומען העפליך, און האָט מיר באלד געבראכט דעם ערשטען באנד פון טורגעניעוו'ס ווערק. איך האָב זיך געלאָזען צו דעם לאַנגען לעזע־טיש. אָבער דער ביבליאָטעקאר האָט מיך פארהאַלטען:

— איהר מוזט פריהער אויסטאָן אייער אויבער־ראָק, — האָט ער געזאָגט, ווייזענדיג אויף דעם פאָדער־צימער, — אין אַן אויבער־ראָק איז פארווערט צו לעזען.

— עס איז ניט קיין אויבער־ראָק, — האָב איך געענטפערט, רויט־ווערענדיג.

עס איז געווען זומער, און מיין קאַפּאָטקע — פון א דונקעל פּיאָלעטענעם קאָליר — איז ניט געווען קיין קורצע. עס איז איי־גענטליך געווען ניט קיין ראָק און ניט קיין אויבער־ראָק, נאָר ביידע צוזאמען. קיין ספּעציעלען זומערדיגען אויבער־ראָק האָב איך איבערהויפּט קיינמאָל ניט געהאַט. אָבער דער ביבליאָטעקאר האָט גע'פסקנ'ט, אז עס איז אַן אויבער־ראָק, און איך האָב געמוזט פאר־לאָזען דעם פּלאַץ. אזוי ווי א צופּאטשטער בין איך ארויסגעגאַנגען.

איך האָב ניט גערוהט ביז איך האָב געקראָגען א קורצען רעקעל. מיין מוטער'ס א ווייטער קרוב, אַן אַפּטייקער, האָט מיר געשאָנקען זיינעם א ראָק פון א בלויען טוך. די שטאָף איז געווען א גוטע; דער ראָק איז אָבער געווען צו גרויס אויף מיר; וואָרים דער אַפּטייקער איז געווען מיט עטליכע יאָהר עלטער פאר מיר. האָט מען דעם ראָק געלאָזען איבערניצעווען (פאר מיין אייגען־פארדינטען געלט).

דריי מאָל א טאָג בין איך געלאָפען צום שניידער, און ער איז גראָד געווען פארנומען מיט וויכטיגערע באשטעלונגען. ענדליך איז מיין ראָק פארטיג געוואָרען — דער ערשטער „קורצער ראָק",

וואָס איך האָב ווען עס איז געטראָגען .פיהלענדיג זיך אין איהם ווי א כלה אין איהר חתונה־קלייד, בין איך אוועקגעלאָפען אין דער ביבליאָטעק.

טראָגענדיג דעם „נייעם" רעקעל פון אונטען, און מיין פיאָ־לעטענע קאַפּאָטקע פון אויבען, האָב איך מיין „אויבער־ראָק" וואזשנע אויסגעטאָן און איהם דערלאַנגט דעם שווייצאר, וועלכער האָט מיר געגעבען א מעשענעם טשעק מיט א נומער. איך בין אריין אין דעם לעזע־זאַל מיט א זיגרייכער מינע. איך האָב נעפאָדערט און באקומען דעם ערשטען באנד פון טורגעניעוו'ס ווערק און זיך געזעצט לעזען. איך האָב זיך געפיהלט אזוי ווי פּלוצלינג וואָלט איך געוואָרען צעהן מאָהל מעהר גוי ווי פריהער.

איך האָב געלעזען מיט התמדה. טאָמער בין איך ניט געווען זיכער אין דעם פשט פון א וואָרט, האָב איך איהם נאָכגעקוקט אין דאיל'ס ווערטער־בוך, וועלכער איז באשטאנען פון עטליכע גרויסע בענדער. און דאיל'ס ווערטער־בוך האָט מיר ווייטער אָנגעפילט מיט רעספּעקט און מיט תענוג. די רוסישע ערקלערונגען אויף די „שווערע" רוסישע ווערטער האָב איך פארשריבען. דער פארשרייבען האָט געדויערט, און האָט מיר שטארק געשטערט צום לעזען; וואָרים איך פלעג ניט פארצייכענען בלויז דעם פשט, וואָס איך האָב געדארפט האָבען, נאָר אלע באדייטונגען וואָס דער וואָרט האָט. עס איז געווען אן ארויסגעוואָרפענע פּראצע. אָבער זי האָט מיר אויך פארשאפט פארגעניגען.

אלע טאָג בין איך אהין געגאנגען, און האָב דאָרטען פארבראכט צו פיר־פינף שטונדען א טאָג. איך געדענק דעם ביבליאָטעק ריח פון דעם זאַל און די שטילקייט, וועלכע האָט אין איהם ארומגע־שוועבט. איך געדענק דעם בונד פון דעם בוך; איך געדענק דעם טעם פון דעם מעשענעם טשעק, וועלכען איך פלעג האַלטען אין מויל און קייען שטילערהייט בשעת איך האָב געלעזען. דער דאָזיגער טעם פון דעם קיהלען מעטאל איז אין מיין זכרון ספּעציעל פארבונדען מיט דעם טעם פון טורגעניעוו'ס שורות וועגען דעם טויט פון דעם גרויסען שריפטשטעלער גאָגאָל — אן ארטיקעל, פאר וועלכען מען האָט איהם ארעסטירט.

אין דיזער ביבליאָטעק האָב איך איבערגעלעזען אַלע ווערק טורגעניעוו׳ס, פון אָנהויב ביז׳ן ענד. איך האָב דאָרטען אויך געלעזען אָסטראָווסקי׳ס דראַמע „גראָזאַ“ און דאָבראָליובאָוו׳ס קריטיק איבער איהר.

איך האָב שוין געוואוסט, אַז פּיסאַרעוו איז אַ פאַרבאָטענער שרייבער, אָבער נאָר צוויי פון זיינע בענדער זיינען געווען פאַר־באָטען: דער צווייטער און דער נייטער. האָב איך גענומען אַנדערע ביכער זיינע, און אין איינעם פון זיי האָט זיך גראָד גע־פונען אַ קריטיק אויף טשערנישעווסקי׳ס באַריהמטען ראָמאַן „וואָס זאָל מען טאָן?“, וועלכער איז געווען אַ סך „טריפ׳ער“ ווי פּיסאַ־רעוו׳ס „געפעהרליכסטע“ ווערק. אין וואָס די דאָזיגע טריפ׳קייט באַשטעהט, האָב איך געוואוסט זעהר אונדייטליך. און די קריטיק איז פאַר מיר געווען ווי אַ טומאַן.

איך האָב זאָגאַר ניט געקענט זאָגען, אַז איך פאַרשטעה גוט טורגעניעוו׳ען. זיין שפּראַך איז מיר געווען קלאָר ווי קריסטאָל, און אויך שעהן ווי קריסטאָל. אָבער וואָס טורגעניעוו וויל מיט זיין באַזאַראָוו׳ען אָדער מיט זיין אינסאַראָוו׳ען, האָב איך ניט פאַרשטאַנען. איך האָב געלעזען צוליב דעם תענוג, וואָס די שפּראַך האָט מיר פאַרשאַפט און צוליב די נייע ווערטער, וואָס זיינען מיר צוגעקומען פון לעזען, מיט דער הילף פון ווערטער־בוך.

די ווילנער עפענטליכע ביבליאָטעק איז פאַר מיר געווען אַ טעמפּעל פון גייסטיגען פאָרטשריט, און אין פאַרלויף פון פילע מאָנאַטען האָב איך אין איהר פאַרבראַכט גליקליכע שטונדען.

8

אונערוואַרטעטע פאַרדינסטען.

עס איז אַרויס אַ געזעץ, אַז די יאָהרען פון געוויסע אידישע יונגע לייט זאָלען באַשטימט ווערען לויט זייער „נאַרוזשני וויד“ (אויסערליכער אויסזעהן). דאָס איז געווען שייך צו די, וואָס האָבען זיך באַדאַרפט שטעלען צום „פּריזיוו“ (רוף צו מיליטער דינסט) און וועלכע מען האָט ניט פאַרשריבען אין דער צייט פון

זייער נעבורט; עס איז אלזאָ ניט געווען קיין דייטליכער באַווייז, ווי אַלט זיי זיינען, און די רעגירונג האָט חושד געווען, אַז אַזעלכע „פּריזיוואָניקעס" גיבען אָן זייערע יאָהרען פאַלש, מיט דעם צוועק זיך אויסצודרעהען פון דינסט. אַלזאָ, זיינען באַשטימט געוואָרען קאָמיסיעס, יעדען יונגען אידען אַזעלכע צו באַקוקען און אָפּצו־שאַצען זיין עלטער. מען האָט געשאַצט לויט זיין אויסזעהן, און צי מען האָט געטראָפען, צי ניט — די אָבשאַצונג איז אָנגענומען געוואָרען אַלס זיינע יאָהרען.

דערביי איז פאָרגעקומען אַ סך קאָמישעס און אַ סך אַנטי־סעמיטישע ביידזווילליגקייט, אידיאָטסטוואָ און כאַבאַר־נעמעריי.

אין אידישע שטעדט און שטעדטלעך איז געווען אַ מהומה.

די קאָמיסיע איז ביי אונז געזעסען אין דער געביידע פון דער דומאַ (ראַט־הויז, סיטי־האָל) אויף טראַקער גאַס. יעדער קאַנ־דידאַט האָט געדאַרפט אָנגעבען אַ „זאַיאַוולעניע", אַן ערקלעהרונג, אַז ער וויל זיך „שטעלען צום נאַרוזשני וויד", און די עטליכע שורות האָבען געמוזט געשריבען ווערען אויף רוסיש, נאַטירליך. אַלזאָ, האָבען אַ פּאָר פון מיינע באַקאַנטע בחורים׳לעך דערביי געמאַכט אַ „היבשע מטבע". איינער פון זיי איז געווען דער אויבען דער־מאָנטער גאָלדמאַן, דער זוהן פון אַ קירזשנער; דעם צווייטען׳ס נאָמען געדענק איך ניט. ווען איך האָב זיך דערוואוסט דערפון, בין איך אויך געגאַנגען אַהין.

אין דעם פאָדער־צימער פון דער „דומאַ" אַרום אַ פענסטער איז געווען אַ גאַנצער יאַריד. די זאַיאַוולעניעס זיינען געשריבען געוואָרען אויפ׳ן פענסטער, און אַרום די שרייבער זיינען געשטאַנען מענשען מיט קליינגעלט אין די הענד, וואַרטענדיג אויף זייער רייהע.

איך האָב זיך באַזאָרגט מיט טינט און פעדער און זיך אויך גענומען צו „ביזנעס". גאָלדמאַן, וועלכער איז געווען מיינער אַ חבר און ניט קיין שלעכטער אין נאַטור, האָט גאָרניט געהאַט דאַגעגען. דער צווייטער אָבער האָט ניט געוואָלט ליידען. איך האָב אָבער גערעדט רוסיש בעסער ווי ער, און ווען איך האָב מיט איהם גענומען ריידען אויף רוסיש און אָפּלאַכען פון זיין „מאָנאָ־פּאָל", האָט ער נעביטען דעם טאָן. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבען

מיר געמאכט א קאָפּעראַציע. איינער איז געשטאַנען אויפ'ן גאַס און געכאַפּט דעם קונד גלייך ווי ער איז צוגעקומען צו דער טיר פון דער דומא, און די אנדערע צוויי האָבן געשריבען.

עס האָבען זיך באַוויזען נאָך קונקורענטען, אָבער געגען אונזער „טראָסט" זיינען זיי געווען הילפלאָז.

פּאָר א זאַיאַוולעניע פּלעגט מען באַצאָהלען א גילדען — פופצעהן קאָפּיקעס. ווען אימיצער האָט געפּרוואווט אראָפּלאָזען דעם פּרייז, האָט ער אויך ניט געפונען קיין בעלנים, וואָרים דער עולם האָט געהאַט צוטרוי נאָר צו אונז.

די ערשטע צוויי וואָכען האָט געדענגט מיט גילדענס. דערי נאָך זיינען זיי געוואָרען זעלטענער. ביז עס איז געקומען אן ענד צו דער גאַנצער פּרנסה.

אויף דיזען אַרט האָב איך פאַרדינט ביז זעכציג רובעל — א ריזיגע סומע פאַר מיר!

פון אונזערע קליענטען געדענק איך נאָר איינעם. און ניט אזוי איהם גופא, ווי זיין פרוי, וועלכע האָט אונז אַלעמען באַצויבערט. זי איז געווען פון פוילען, און איהר „פאַרצויגענע" שפּראַך איז געווען פול מיט חן אין אונזערע ליטווישע אויערן. אפשר וואָלטען מיר דאָס ניט באַמערקט, ווען איהר קיילעכדיגער, קלאָר־ווייסער פּנים'ל וואָלט ניט געווען פול מיט קינדערשען חן.

זי האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען און צו זיפצען, און צו מאַכען טרויעריגע אוואַיעלעך. און מיר האָבען ניט אויפגעהערט איהר צו טרייסטען און צו פאַרזיכערען, אז איהר מאַן וועט באַקומען „א גוטען נאַרוזשנעם וויד".

איך האָב גענומען קלערען וועגען מאַכען מעטריקעס און גרייטען זיך אָנצוקומען אין אינסטיטוט.

מיין מוטער האָט געקוואָלען פון מיינע זעכציג רובעל און באַוואונדערט מיין בריה'שקייט; אָבער אז איך וועל אָנקומען אין אינסטיטוט, וואו מען האַלט אַלע שילער „אויף קאַזיאָנע" און דער־נאָך גיט מען יעדען פון זיי א קאַזיאָנע לעהרער־שטעלע — אז אזא גליק זאָל מיר געשעהן, האָט זיך איהר ניט געגלויבט.

3

א פּלאָנטער פון קאָרידאָרען און געפּיהלען. — דריי בחורים. — פאַרבאָטענע פרוכט. — א סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע. — טשערנישעווסקי׳ס „וואָס זאָל מען טאָן?"

דריי יונגע לייט, אַלע פיל עלטער פון מיר, האָבען געהאַלטען א קוואַרטיר צוזאַמען און איך פלעג ביי זיי אָפּליגען גאַנצענע טעג און אָוונדען. נאָר עסען און שלאָפען פלעג איך געהן אַהיים.

פּינקטליך אויסרעכענען, ווען דאָס איז געווען, איז מיר אוממעגליך. איך ווייס, אַז איך בין שוין דאַן געווען נאָהענט צו זעכצעהן יאָהר. פילעס פון יענער צייט איז אין מיין זכרון ניט נאָר קלאָר, אַזוי ווי נעכטען וואָלט דאָס געווען, נאָר עס האָט א דייטליכען סדר אויך. עס זיינען אָבער פאַראַן פאַקטען, וועלכע זיינען טיף איינגעקריצט אין מיין מוח, אָבער וועגען וועלכע עס איז מיר שווער צו זאָגען, צו וואָסער צייט זיי געהערען. אַזוי איז דאָס מיט די עטליכע מאָנאַטען, וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביי די דריי בחורים.

זייער צימער האָט זיך געפונען אין א זאָנדערבאַרען פּלאַץ.

אין ווילנא איז דאַן געווען א ספּעציעלע יאַטקע פון גענז (איך געדענק ניט, צי מען פלעגט דאָרטען פאַרקויפען נאָר „טולעס" — געגנז, וואָס זיינען שוין געקוילעט, ארומגעפּליקט און פאַרטיג צום בראָטען — אָדער לעבעדיגע אויך). דאָס איז געווען אויף א גרויסען הויף, עטליכע טריט פון דער גרויסער יאַטקע, אויף א געסעל, וואָס פיהרט צו קאַמניצקער גאַס. דער הויף האָט געהייסען „געגנזלאַרניע".

דיזער הויף און דער נעקסטער האָבען געהערט צו דעם העבּרעאישען שריפטשטעלער ראָזענסאָן, וועלכער פלעגט שרייבען האַלבמשוגע׳נע ביכלעך פון א האַלב־מיסיאָנערסקען כאַראַקטער.

די צוויי הויפען זיינען אין זייערע אויבערשטע עטאַזשען געווען פאַראייניגט דורך לאַנגע, געדרעהטע קאָרידאָרען — א פּלאָנטער, פון וועלכען א פרעמדען מענשען איז ניט געווען לייכט זיך אַרויסצופּלאָנטערען. זיי האָבען געהאַט א שם, די דאָזיגע

קארידארען. קיין סך וואוינונגען זיינען אין זיי ניט געווען. איהר זייט געגאנגען און געגאנגען איידער איהר האט דערזעהן א טיר.

איינע פון די טירען האט געהערט צו דער קוואַרטיר פון מיינע דריי פריינד. זייער צימער איז געווען א היבשער, מיט אן אפגע־זונדערטער טייל, אהן א טיר, וועלכע האט געדינט אלס ספאלניע. דער פענסטער איז ארויסגעגאנגען אנטקעגען א טויטער וואנט. צווישען דעם פענסטער און יענער וואנט איז געווען א שמאלינקער ליכטיגער שטח. קיין גאס און קיין מענשען האט מען אבער פון דארטען ניט געזעהן.

א שרייבער פון שונד־ראמאנען וואלט יענע קארידארען מיט יענעם צימער אויסגעקליבען פאר דער הויפּט־קוואַרטיר פון א שאיקע גנבים, פאלש־געלט־מאכער, אדער „קידנעפּערס". ווי אזוי מיינע דריי פריינד האבען דעם פלאץ ענטדעקט, ווייס איך ניט. ביליג איז ער געווען געוועזן געוואָנג, אבער זיין אפגעזונדערטקייט איז פאר זיי געווען נאך וויכטיגער ווי דער פּרייז.

צוויי פון די דריי יונגע לייט זיינען געווען אינטעליגענטען; איינער פון זיי האט געהייסען כאצקעל נאוויק, א געזונטער, ברייט־פּלייציגער, פרעהליכער יונג. איך האב איהם געקענט פון דער פּלאשטשאדקער ישיבה. ער האט געגעבען שטונדען אויף לעזען און שרייבען רוסיש און א ביסעל רעכנען.

דער צווייטער אינטעליגענט האט געהייסען לייזער (זיין פאַ־מיליען־נאמען געדענק איך ניט). ער האט פריהער געלערענט אין ראמיילע'ס קלויז, און איצט איז ער גאנצע טעג געזעסען איבער א רוסישער גראמאטיק אדער אן אלגעברא. ער האט באקומען שטיצע פון זיין מוטער, אן אלמנה, וועלכע האט געהאלטען עפּעס א קראם.

לייזער איז געווען דער העכסטער אין וואוקס, א הויכער בחור, מיט ניט קיין גלאטען פּנים, מיט גרויסע עהרליכע אויגען, מיט אן אומגעלומפּערטער גרויסער פיגור.

דער דריטער — ניט קיין הויכער, אבער גוט געוואקסען, מיט א גרויסע „פּאטלע" געקרייזעלטע האר — פלעגט געהן פון הויז צו הויז מיט א סידור און א טייטעל און לערנען מיידלעך דאווענען. געוועהנליך פלעגען אזעלכע מלמד'לעך זיין אלטמאדישע אידען

פון די מיטעלע יאָהרען און פון א גאַנץ אָרימען און עם־הארצ'ישען אויסזעהן. דיזער לעהרער איז געווען א יונגער פראַנט. די האָר פלעגט ער פריזירען ביי א פּאַרוק־מאַכער, און שבת פלעגט ער זיין אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג. אומוויסענד איז ער אָבער געווען ניט ווענינער ווי אנדערע הויז־צו־הויז מלמדים פון יענער צייט. ווען זיינע אינטעליגענטע מיט־קוואַרטיראַנטען און זייערע געסט פלעגען זיצען און שמועסען ועגען „שוואַרצע פּינטעלעך", פלעגט ער זיך צוהערען מיט רעספּעקט.

די דריי בחורים זיינען געווען גוטע גאַסט־פריינדליכע מענ־שען, און צו זיי פלעגען איינגעהן יונגע לייט פון פאַרשידענע קלאַסען: ישיבה־בחורים, משכילים; אזעלכע, וואָס האָבען גע־לערענט און געלעזען רוסישע ביכער, און אונוויסענדע יונגע בעל־מלאכה'ס.

פון קיין ארבייטער, וואָס זאָלען געהערען צו דער סאָציאַליס־טישער באוועגונג און ווערען דורך איהר ענטוויקעלט, האָט מען נאָך דאַן ניט געוואוסט. דער „בונד" האָט זיך נאָך קיינעם ניט גע'חלום'ט. אין ווילנא איז דאַן געווען א טיפּ בעל־מלאכה, וואָס פלעגט געהן לערנען „חיי אדם" אין דער „חברה פּועלים". אייניגע פון דיזען טיפּ זיינען געווען באגייסטערטע פרומאַקעס. פון אר־בייטער וואָס זאָלען זיין אידעאַליסטען אויף א היינט־וועלטיגען שטייגער, האָט מען נאָך דאַן קיין באגריף ניט געהאַט. די עטלי־כע יונגע בעלי מלאכות, וואָס פלעגען קומען אין דער „גענזעלאַר־ניע" (אזוי פלעגען מיר געוועהנליך רופען די דירה פון די דריי יונגע לייט), זיינען געווען ארבייטער, ווי אלע אידישע ארבייטער פון יענע יאָהרען. די מאַיאָריטעט פון די איינגעהער איז באַ־שטאַנען פון בחורים אָדער אינגלעך, וואָס האָבען געשטרעבט צו בילדונג אויף רוסיש. אזוי ווי נאָוויק, לייזער, און איך. מיר פלעגען לעזען און זיך טיילען מיט דאָס געלעזענע. מיר פלע־גען מאַכען „זאַראַטשקעס", שמועסען וועגען דער פּראָגימנאַזיע און וועגען דעם אינסטיטוט.

צווישען די געסט זיינען געווען א פּאָר העברעער, באַלעזענע מענשען, וועלכע פלעגען ריידען וועגען גאָט, נאַטור — פילאָזאָפישע

געראַנקען, מיט וועלכע זיי זיינען געווען בעקאַנט. איך פלעג זיך צו זייערע רייד צוהערען מיט א טיפען אינטערעס.

נאָוויק און לייזער האָבען מיך באַהאַנדעלט ווי א אינגערען ברודער וואס איז געבילדעטער פאר זיי. און דאָס איז געווען הויפּטזעכליך דערפאַר, וואָס איך האָב גערעדט רוסיש א סך בע־סער ווי זיי, ווארים אין מאַטעמאַטיק האָט לייזער געהאַלטען וויי־טער פון מיר. ער איז שוין געווען א גאַנצער מחותן מיט אַל־געבראַ, און איך האָב אַלגעבראַ ערשט גענומען לערנען. דערפאַר אָבער האָב איך אחוץ רוסיש געקענט מעהר געאָגראַפיע ווי ער.

גאַנצע טעג פלעגט לייזער זיצען און מאַכען אַלגעברישע זאַדאַטשעס, צוהאַלטענדיג א פּיצעלע בליישטיפט מיט א גרוי־סען, אומגעלומפּערטען פינגער, און הויך אראָפּשלינגענדיג דעם אָטעם פון צייט צו צייט. אזוי האָט ער זיך פארזיגעלט אין מיין זכרון.

זיין דורשט נאָך בילדונג האָט אין איהם געגליהט, ער האָט אָבער אָנגעהויבען אביסעל צו שפּעט, און דער קאָפּ אָהן א לעה־רער איז געווען א שווערער.

פריהער, ווען ער האָט געלערענט אין דער ישיבה, האָט זיין מוטער, די אלמנה, אין איהם געשפּייזט איהר צוקונפטיגען קריש. איצט האָט זי גאָר ניט פארשטאַנען, וואס דאָ קומט פאָר. זי האָט געזעהן, אז ער איז עפּעס פארקאָכט ניט אין קיין אידישע זאַ־כען. זי האָט זיך גע׳חידוש׳ט. זי האָט אָבער קיין קשיות ניט געפרעגט. זי איז געווען זיכער, אז וואס ער טוט איז גוט.

ער איז געווען א פעהיגער מענש, א סימפּאַטישער, און אַן ערנסטער. זיינע גרויסע אויגען האָבען אָפט געהאַט אַן אומע־דיגען אויסדרוק אין זיך. א גאַנץ אנדער סאָרט מענש איז געווען נאָוויק. ער איז כמעט אימער געווען פרעהליך. אָפט פלעגט ער מאַכען א שפּאַס, דערצעהלען אַן אנעקדאָט, אָדער סתם זיך לוס־טיג מאַכען.

עס פלעגען אריינקומען א פּאָר יונגע לייט, וואָס האָבען אין רוסישע בילדונג געהאַלטען ווייטער פון מיר. איינער פון זיי איז געווען א געוועזענער שילער פון ראַבינער־שול. א צווייטער, וועלכען איך שטעל זיך אימער פאָר מיט צוויי ביכלעך אונטערן

ארעם, האָט זיך געפּערטיגט צום פערטען קלאַס גימנאַזיע. א דריטער איז געווען א גוטער העברעער, וועלכער האָט זיך געלערנט רוסיש און האָט געהאַט גרויסע צרות מיט דער אויסשפּראַכע. לייזער און נאָוויק האָבען אויך געהאַט א שווערען קאַמף מיט די רוסישע קלאַנגען. זיי פלעגען זיך אָפּט ווענדען צו מיר ווע־גען דעם און איך פלעג זיי ווייזען ווי מען דאַרף אויסריידען אַזא וואָרט אָדער אַזא. עהנליכע הילף פלעגט ביי מיר בעטען דער העברעער. איך פלעג לייענען פאַר איהם און ער פלעגט נאָכ־זאָגען די ווערטער נאָך מיר.

דער לעזער דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז דאָ האַנדעלט זיך ווענגען ווילנא, וואו דייטליך אויסצורײדען א „שין", אנדערש ווי א „סמך", איז א קונסט. דער „מיאַכקי זנאַק" איז אויך געווען א גאַנץ שווערער עסק. זאָגען דעם וואָרט „גאַרקי" (ביטער) אויפ'ן ריכטיגען רוסישען שטייגער איז פאַר אידען איבערהויפּט געווען ניט לייכט.

עס פלעגען אַריינקומען אַנדערע יונגע לייט, וועלכע האָבען זיך געצויגען צו בילדונג און צו נייע געדאַנקען. די וואוינונג פון די דריי בחורים איז געוואָרען א נעסט פון גייסטיגע שטרע־בונגען און פון גייסטיגע פרייהייט. אָבער דאָס איז ניט געווען דאָס איינציגע. צוזאַמען מיט גייסטיגע בענקעניש איז אויך געווען א בענקעניש נאָך ליבע און נאָך געשלעכטס־אינטערעסען פון ניט קיין ראָמאַנטישען כאַרט.

צו דעם פּראַנטאָווסקען מלמד'ל פלעגען קומען צוויי שעהן־געוואַקסענע שניידער־יונגען מיט זייערע כלות און מיט א פּאָר אַנדערע מיידלעך. זיי פלעגען מייסטענס קומען שבת בייטאָג, און זייער הויפּט־צוועק איז געווען טאַנצען. און מיר פלעגען אַלע אַנטייל נעמען. דאָרטען האָט מען מיר אויסגעלערנט א קאַדריל און א לאַנסיע. קיין קלעזמער זיינען ניט געווען. מען פלעגט אַליין טאַנצען און אַליין זינגען דעם נגון.

א געוויסע צייט בין איך אַזוי פאַרקאָכט געווען אין קאַד־רילען און לאַנסיעס, אַז איך פלעג מיט אונגעדולד וואַרטען אויפ'ן נעקסטען שבת, ווען מען וועט ווידער טאַנצען.

ווען די געסט זיינען געווען דיזע יונגע שניידער מיט זייערע כלות און זייערע חבר'טעס, זיינען די פּאַרהעלטניסען צווישען די צוויי געשלעכטער געווען העכסט אַנשטענדיג. עס פלעגען אָבער אריינקומען אַנדערע מיידלעך אויך, הגם ניט אָפט. און אפילו דיזע האָבען אויך געהערט צו דעם אַנשטענדיגען קלאַס. קיין גאַסען־מיידלעך וואָלט מען אהער ניט אריינגעלאָזען. דאָך זיינען געווען לוסטיגע שטונדען פון א סאָרט, וועגען וועלכען מען קען ניט שרייבען. דאָ בין איך מיט אַזעלכע ערפאהרונגען באַקאַנט געוואָרען צום ערשטען מאָל. די דריי מיט־קוואַרטיראַנטען זיינען געווען מיט פיר־פינף יאָהר עלטער ווי איך.

איינמאָל איז אהין געקומען אייזיק מאיר דיק'ס אַן אייניקעל, א גימנאַזיסט פון פערטען קלאַס. ער האָט געטראָגען זיינע בלישטשענדע גימנאַזיסטישע קליידער. עפּעס האָט ער זיך פאַרזינדיגט, און מורא געהאַט צו קומען אהיים. דאָ, ביי די גאַסט־פריינדליכע בחורים, האָט ער גענעכטיגט עטליכע נעכט.

ער האָט גערעדט רוסיש און דייטש און אויך אביסעל פראַנצויזיש. אידיש האָט ער כמעט ניט געקענט ריידען. און דאָס האָט אונז גאָר באַצויבערט. אז א אינגעל, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין ווילנא, זאָל ניט קענען ריידען קיין אידיש — דאָס איז דאַן געווען א גרויסע זעלטענהייט. מיר האָבען אַרום איהם אַרומגעפּאַדעט אַזוי ווי ער וואָלט געווען א קרוינפּרינץ.

אייניגע פון די יונגע לייט האָבען איהם פּאַרוואָרפען מיט פראַגען וועגען דער גימנאַזיע, וועגען זיין פּאָטער'ס הויז; אַנדערע האָבען געפרעגט וועגען זיין זיידען. ווען ער האָט ניט געוואוסט צו ענטפערען, פלעגט ער אויסקלעהרען אַן ענטפער. איך האָב געפיהלט, אז וואָס ער זאָגט איז אָפט ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. כ'האָב אָבער אויך געפיהלט, אז ער איז ניט קיין ליגנער פון דער נאַטור און אז מיר אליין ברענגען איהם דערצו מיט אונזערע חניפות.

אין דער צייט וואָס איך בין געווען אַן איינגעהער אין דער גענזלאַרניע, האָב איך איבערגעלעזען מיכאַילאָוו'ס צוויי ראָמאַנען:

„אז מען האקט האלץ, פליהען שפענער“ און „די העררן אָב־נאָסקאָוו“.

מיכאילאָוו׳ס ראָמאַנען זיינען געווען זעהר פּאָפּולער. אין דער ליטעראַטור האָט מען זיי אָבער ניט אריינגערעכענט.

ארום דער זעלבער צייט האָב איך אויך דורכגעלעזען „איינער אליין קען מען ניט פיהרען קיין מלחמה“, פון דעם דייטשען שריפט־שטעלער שפּילהאגען, אין א רוסישער איבערזעצונג. דער ראָמאַן האָט א ראדיקאלען מיין, און אנטהאלט אַן אַנצוהערעניש אויף פערדינאנד לאסאל׳ען. איך קען אָבער ניט זאָגען, אז איך האָב אין איהם פארשטאנען מעהר ווי די מעשה.

איך האָב אויך איבערגעלעזען „די זומער־קוואַרטיר אויפ׳ן רהיין“, פון בערטהאָלד אוערבאך, אויך אין א רוסישער איבער־זעצונג (מיט טורגעניעוו׳ס אַן הקדמה), און „אין דער הויך“, פון דעמזעלבען שרייבער.

איינמאָל, אין א נאָכמיטאָג, ווען עטליכע פון אונז זיינען געזעסען אין צימער, האָט זיך אויפגעעפענט די טיר און עס איז אריינגעקומען א קליינינקער אינגעלע מיט א געדרוקטען פּאַפּיר אין האַנט.

— א איד האָט עס מיר געהייסען אריינטראָגען צו אייך, — האָט ער געזאָגט, איבערגעבענדיג איינעם פון אונז דעם שריפט.

די געדרוקטע שורות האָבען געהאט אַן אונגעוועהנליכען אויס־זעהן. מיר האָבען גלייך דערפיהלט, אז ס׳איז ניט קיין „כשר׳ער“ ארטיקעל.

— וואו איז ער? וואו איז ער? — האָבען מיר געפרעגט דעם אינגעל.

— איך ווייס ניט. ער האָט מיר געהייסען אריינטראָגען.

דער אינגעלע האָט געזאָגט, אז דער „איד“ האָט איהם צוגע־פיהרט צו אונזער טיר. מיר האָבען געעפענט די טיר, באַקוקט די קאָרידאָרען. ניט געווען שוין קיין איד.

אויף דעם בויגען פּאַפּיר זיינען אויף איין זייט געווען געדרוקט אידישע שורות, און אויף דער צווייטער זייט — העברעאישע (מעגליך, אז איך האָב א טעות און ס׳איז געווען אויף אידיש און

אויף רוסיש. אז עס איז געווען אויף צוויי שפּראַכען — דאָס געדענק איך קלאָר).

עס איז געווען אַ סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אז די פּראָקלאַמאַציע האָט געשריבען ליעבערמאַן *), דער רעדאַקטאָר פון דעם וויענער „האמת", די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטונג אויף העברעאיש.

דאָס איז געווען דער ערשטער פאַרבאָטענער שריפט, וואָס כ'האָב ווען עס איז געזעהן. עס האָט אונז אַלעמען צוטרייסעלט, אָבער קיין קלאָרען באַגריף וועגען די געדאַנקען, וואָס די פּראָ־קלאַמאַציע האָט אויסגעדריקט, האָט קיינער פון אונז ניט געהאַט.

אַ ביסעל שפּעטער האָט אימיצער געבראַכט טשערנישעווסקי'ס אויבען־דערמאָנטען פאַרבאָטענעם ראָמאַן „וואָס זאָל מען טאָן?", און מיר האָבען איהם געלעזען פאַר־וויַיז. אזוי ווי דער פענסטער איז אַרויסגעקומען אַנטקעגען אַ טויטער וואַנט, האָט קיינער ניט געקענט אַריינקוקען. דאָך האָבען מיר איהם געלייענט נאָר ביינאַכט, פאַר פאַרמאַכטע לאָדען.

בשעת איך האָב געלעזען פּיסאַרעוו'ס קריטיק אויף דיזען ראָמאַן, האָב איך קוים פאַרשטאַנען וואָס איך לעז; און איצט, ווען איך האָב געלייענט דעם ראָמאַן גופא, האָב איך איהם פאַר־שטאַנען ניט פיל מעהר. איך האָב געוואוסט, אז מען האַלט דאָס פאַר אַ גרויסע ווערק, אז מען פאַרגעטערט דאָס. אין וואָס אָבער די דאָזיגע גרויסקייט באַשטעהט, האָב איך ניט פאַרשטאַנען. איך האָב זאָגאַר ניט געקענט זעהן, פאַר וואָס דער בוך איז פאַרבאָטען. אין מיין קאָפּ איז געווען אַ טומעל. דער ראָמאַן האָט מיך גע־לאַנגוויילינט אָהן אַ שיעור; אָבער ניט ענדיגען איהם, האָב איך ניט געוואַגט.

---

*) ער האָט זיין לעבען געענדיגט אין ראָטשעסטער, ניו יאָרק סטייט, אויף אַ טראַגישען אופן. ער איז אַהין געקומען צוליב אַ פּרוי, און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין ניו יאָרק האָב איך געקענט זיין זוהן. ער איז געווען אַ פּעהיגער יונגערמאַן; ער איז אָבער אין זיינע יונגע יאָהרען אַראָפּ פון זינען.

די עטליכע מאָנאטען, וואָס איך האָב פארבראכט אין דער „גענזלאַרניע", זיינען געווען א געמיש פון איינדרוקען און באַגערען, פון שעהנע גייסטיגע ליידענשאַפטען און אַנדערע. די פיר ווענט, וואָס האָבען פארבאָרגען פארבאָטענע פרוכט פון א'ין מין, האָבען אויך פארבאָרגען פארבאָטענע פרוכט פון א גאַנץ אַנדער מין.

דאָ בין איך דייטליכער באַקאַנט געוואָרען מיט די אומרוהיג־קייטען, גייסטיגע און קערפּערליכע, וועלכע א אינגעל לעבט דורך אָין די יאָהרען, ווען עס הויבט זיך אָן פאַנאַנדערצובליהען אי דער גוף, אי די נשמה.

ארום יענער צייט בין איך באַקאַנט געוואָרען מיט דעם טעם פון ראָמאַנטישער בענקעניש.

מיינע עלטערען זיינען מיט מיר געגאַנגען אויף א חתונה. דער כלה'ס עלטערער ברודער האָט ארויסגעוויזען א הייסע איבערגע־בענהייט צו איהר און צו דער גאַנצער משפחה. ער איז אויך געווען דער לוסטיגסטער מחותן אויף דער שמחה — ניט אויפ־געהערט צו טאַנצען און צו שטיפען. ער איז מיר זעהר געפעהלען געוואָרען.

דער כלה'ס א אינגערע שוועסטערל, א מיידעלע פון א יאָהר פערצעהן, מיט שעהנע שווארצע אויגען, האָט ער גערופען מיט א שעהן־פארצויגענעם נאָמען. דערנאָך האָט ער, זינגענדיג, איהר גענומען צו זיך אויפ'ן שויס און געצערטעלט.

די סצענע האָט מיך אזוי עלעקטריזירט אז א ציטער איז דורך מיין הארצען דורכגעלאָפען. פון יענעם מאָמענט אָן האָב איך פון איהר די אויגען ניט אראָפּגענומען. און דעם גאַנצען אָווענט האָט מיר געצויגען צו זייביידען.

אויף מאָרגען האָב איך געבענקט נאָך דער גאַנצער סצענע; אָבער נאָך דער פערצעהן יאָהריגער מיידעלע, אלס הויפּט־פיגור.

איך בין געווען פארליבט. אָבער מעהר ווי צוויי אָדער דריי טעג האָט דאָס ניט געדויערט.

10

איך פאַרטיג זיך צום אינסטיטוט. — מיין לעהרער. — לע־ווינסקי. — די לעמעלמאַנס. — אַ שניידער מיט אַ בלאָנדער באָרד. — מיין טרוים ווערט פאַרווירקליכט.

איך האָב זיך גענומען גרייטען צום אינסטיטוט. דאָס האָט ביסלאַכווייז פאַרשלונגען מיין גאַנצען אינטערעס. איך האָב גע־וואוסט דעם נאָמען פון יעדען אינסטיטוטשיק און איינצעלהייטען וועגען זיין פערזאָן. ווען איך פלעג דערזעהן אימיצען פון זיי אויפ׳ן גאַס, אין זיין שוואַרצען קאָסטיום מיט זיין שוואַרצער ברייטער היטעל, מיט איהר גלאַנציגען „קאָזאַראָק״, פלעג איך פיהלען אכטונג און קנאה. איך פלעג אמאָל ספּעציעל אַריבערגעהן אויף דעם פּלאַץ, וואו דער אינסטיטוט איז געשטאַנען, און פלעג שטעהן און קוקען אויף דער געביידע. אַריינגעהן אינוועניג האָט אַן אויסער־ליכער מענש ניט געוואַגט. דער טויער איז מייסטענס געווען צו־געמאַכט, נאָר אַ „פאָרטאָטשקע״ איז געווען אָפען, אי דאָס נאָר בייטאָג, נאַטירליך.

די פענסטער פון דעם עס־זאַל זיינען אַרויסגעקומען אויפ׳ן גאַס. זיי זיינען אָבער געווען הויך איבער דער ערד, און אַריינקוקען אין זיי האָט מען געקענט נאָר ווען מען איז געשטאַנען פון ווייטען. אַ פּאָר מאָל בין איך אַנטקעגען די פענסטער געשטאַנען אין דער מיטאָג־שטונדע. פאַר׳ן עסען און נאָכ׳ן עסען פלעגען די שילער זינגען אַ קורצען פּסוק אויף רוסיש; האָט זייער כאָר מיר גע־קלונגען ווי די טייערסטע מוזיק.

איינמאָל, ענדע זומער, האָב איך זיך דאָרטען אַרומגעדרעהט אין דער צייט פון די עקזאַמענעס פאַר די נייע קאַנדידאַטען. כ׳האָב געוואוסט דעם נאָמען כמעט פון יעדען קאַנדידאַט, און די וואָס מען האָט אַריינגענומען, זיינען ביי מיר געווען די גליקליכסטע מענשען אין ווילנא.

איך געדענק, ווי זיי האָבען געגעסען זייער ערשטען „קאַזיאָ־נעם״ מאָלצייט אין אינסטיטוט. דער שניידער האָט נאָך ניט גע־האַט געבראַכט זייערע קאָסטיומען, האָבען זיי געטראָגען זייערע

איינענע, היימישע קליידער. און דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ זעל־טענעם חן אין מיינע אויגען.

זיי זיינען מייסטענס געווען ניט קיין ווילנער*); און אויף זייערע פנים'ער איז געווען אויסגעגאָסען, אַז זיי זיינען „ניט־היגע”. אָבער דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט דעם רעספעקט, וואָס איך האָב צו זיי געהאַט. אַזוי ווי די וויי טערע שטעדט וואָלטען געשאַפען וויכטיגערע מענשען.

דאָס איז געווען אין אויגוסט 1876. איך בין שוין דאַן איי־גענטליך געווען געגרייט צו דעם איינטריט־עקזאַמען; עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַן אָפּהאַלט מיט די מעטריקעס, און איך האָב פאַרלאָרען אַ יאָהר.

צווישען מיינע חברים און באַקאַנטע האָט וועגען דעם אינ־סטיטוט עקזיסטירט אַ באַגריף, אַז וויפיל מען זאָל זיך ניט גרייטען, וועט אַלץ זיין ווייניג. מען פלעגט דערצעהלען וועגען דער שטרענג־קייט פון די לעהרער, וועגען זייערע ענדלאָזע פאָדערונגען. הויפּטזעכליך האָבען אַזעלכע מעשות זיך אַרומגעטראָגען אין באַ־צוג צו רוסיש. טיילווייז זיינען זיי געווען אמת.

אידען קענען ניט ריידען קיין רוסיש; זיי האָבען אַ שלעכטע רוסישע אויסשפּראַכע און דער אינסטיטוט פאַרטיגט צו רוסישע לעהרער פאַר אידען. אַלזאָ, מוז מען זעהן, אַז די דאָזיגע אידישע לעהרער זאָלען ריידען רוסיש מיט אַ גוטער רוסישער „פּראָאיזנאָ־שעניע” (אויסשפּראַך). דיזען וואָרט האָבען מיר אימער געהאַלטען אין מויל. אידישע אינגלעך זיינען ביי אונז געווען צוטיילט אויף צווי קלאַסען: אויף די, וואָס האָבען אַ גוטע „פּראָאיזנאָשעניע” און אויף די, וואָס האָבען אַ שלעכטע „פּראָאיזנאָשעניע”.

אַלע האָבען געזאָגט, אַז איך געהער צו דעם ערשטען קלאַס. אָבער דאָך דאַרף מען די „פּראָאיזנאָשעניע” ווייטער שלייפען. ווי קען מען דאָס ריזיקירען? ס'איז דאָך עפּעס אַן עקזאַמען אַנ־צוקומען אין אינסטיטוט!

*) פילע פון זיי זיינען געווען פון אויעזדנע שטעדטלעך, וואו זיי האָבען געענדיגט אַן „אויעזדנאָיע אוטשילישטשע”.

רוסיש איז אַלזאַ געווען די הויפּט־זאַך. אָבער אין באַצוג צו די אַנדערע געגענשטאַנדען איז מען ביי דעם איינטריט־עקזאַמען אויך געווען שטרענג. קורץ, איך האָב גענומען אַ לעהרער, און, נאַטירליך, ניט קיין אַנדערען ווי אַן אינסטיטוטשיק, איינעם, וואָס האָט אַליין געהאַט די זכיה אריינצוקומען אין דעם „קדשי קדשים” און וואָס זיינע לעהרער ווען מיך עקזאַמינירען.

דעם לעהרער האָב איך גענומען ניט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט נאָך צוויי קאַנדידאַטען. איינער פון זיי, לעווינסקי, איז געווען זעהר אַ פעהיגער אינגעל, אַ מילדער, אַ סימפּאַטישער. מיר זיינען געוואָרען נאָהענטע חברים. מיין צווייטער שותף האָט געהייסען לעמעלמאַן; ביי זיינע עלטערען אין הויז, אין מאַיערקע'ס הויף, אויף גיטקע טויבע'ס זאַוואַליק, האָט דער לעהרער אונז געגעבען די „אוראָקען”.

לעמעלמאַנ'ס פאָטער איז געווען אַ זאָנדערבאַרער אידעל. זיין פּרנסה איז באַשטאַנען אין פּראָסבע־שרייבעריי, און ער האָט געהאַט צו טאָן מיט רעגירונגס־קאַנצעלאַריעס. ער איז געווען אַ כאַראַק־טערלאָזער, פאַרטומעלטער, גוט־הערציגער מענש, אָבער זעהר אַ היציגער. אַז ער פלעגט אריינקומען אין כעס, פלעגט ער זיך אָנ־צינדען ווי אַ שוועבעלע און מאַכען ווילדע סצענעס אין שטוב. זיין פרוי אָבער — אַ שטילע, אַ קלוגע — האָט געוואוסט, ווי איהם איינצושטילען. דער זוהן, אַ בן יחיד, איז ביי זיי געווען „די אויג אין קאָפּ”. זיי האָבען איהם גוט געקאָרמעט און גוט געקליידט. איך געדענק איהם מיט זיין ציכטיגען אויסזעהן און הויפּטזעכליך מיט זיין זאָנדערבאַרער פּאָכאָדקע. ער פלעגט ניט געהן, נאָר שפּרייזען, אַזוי ווי מיט יעדען טריט וואָלט איהם אויסגעקומען אריבערצושפּרינגען אַ לוזשע.

אונזער לעהרער — אַ הויכער יונגערמאַן, ניט קיין מיאוס'ער — האָט געהייסען שימעל. ער איז יענעם זומער אריבערגעגאַנגען אין דעם לעצטען קלאַס. דאָס איז געווען אין די וואַקאַציע מאָ־נאַטען, און ער איז געווען פריי צו געבען אוראָקען.

אייגענטליך האָבען מיר אַלע דריי געהאַט אַ בעסערע „פּראָ־איזנאָשעניע” ווי ער. ביי איהם האָט דער אידישער אַקצענט גע־קלונגען דייטליכער ווי ביי אונז. און דאָך פלעג איך זיך סטאַרען

נאָכצומאַכען ווי ער רעדט אויס רוסישע ווערטער — ניט די אויס־שפּראַך, נאָר דעם ניגון.

די לעמעלמאַנ׳ס האָבען געהאַט א קאַמער צו פאַרדינגען, און דאָרטען האָט געוואוינט א שניידער, ביי וועמען עס האָט געאַרבייט זיין טאָכטער — א הויכע, גרויס־ביינערדיגע מיידעל, מיט זעהר בלאָנדע האָר, מיט גרויסע ווייסע אויגען און מיט בלוטלאָזע ווייסע באַקען. אָפט פלעגט זי שטעהן אויפ׳ן שוועל פונ׳ם קאַמער און זיך צוהערען ווי שימעל גיט אונז דעם אוראָק.

11

ענדליך ווערט מיין וואונש מקוים. — א שניידער מִיט א רויטער באָרד.

מאַכען די מעטריקעס איז געווען ניט קיין לייכטע זאַך. מען האָט געמוזט אָנקומען צו פאַרשידענע טשינאָווניקעס. אַזוי ווי אין דער צייט פון מיין געבורט האָט מען מיר אין די רעגירונגס־ביכער ניט פאַרשריבען, האָט מען איצט באַדאַרפט האָבען צוויי עדות, וואָס זאָלען שווערען, אז זיי געדענקען דעם טאָג. צו שפּילען אזא ראָלע, האָבען זיך גענומען צוויי פעטערס מיינע: דער פעטער מיכל און דער פעטער אהרטשיק (דער מאַן פון מיין מוהמע טשערנע — מיין פאָטער׳ס א שוועסטער). זיי האָבען באַדאַרפט שווערען פאַר א „פּריסטאַוו" (פּאָליציי קאַפּיטאַן), אָדער פאַר זיינעם א געהילף, אז זיי געדענקען פּינקטליך דעם דאַטום, ווען איך בין געבאָרען געוואָרען; און די שבועה־צערעמאָניע האָט מיט זיי באַדאַרפט דורכמאַכען דער ווילנער קאַזיאָנער רב, אין דעם פּריסטאַוו׳ס אַנ־וועזענהייט. דאָס אַלץ איז געווען פאַרבונדען מיט גרויסע אומ־באַקוועמליכקייטען. אָבער פאַר א פּאָר רובעל האָט מען זיי געקענט אויסמיידען.

קליאַטשקאָ, אונזער דאַמאָלסדיגער קאַזיאָנער ראַבינער, האָט צוגעפערטיגט דעם פּאַפּיר און מיט דעם בין איך אוועק צו אַן אונטער־פּריסטאַוו מיט׳ן נאָמען פּיעווצאָוו, און ער האָט אונטער־געשריבען, אז מיינע צוויי אָנקעלס האָבען געשוואָרען אין זיין

געגענוואָרט. כאָטש ער האָט זיי קיינמאָל אין זיינע אויגען ניט אָנגעזעהן.

מיט'ן פוס האָט ער אַרויסגערוקט דעם טיש־קעסטעל פון זיין שרייב־טיש; איך האָב אהין אריינגעלייגט צוויי רובעל, און דער טיש־קעסטעל האָט זיך פארמאכט. דאָס איז געווען די אָפיציעלע „שבועה“, וואָס ער האָט בייגעוואוינט.

מיט דיזער „שבועה“ האָב איך באַדאַרפט דורכגעהן עטליכע אָפטיילונגען פון דער ווילנער „דומא“. איך האָב באַדאַרפט זיך זעהן מיט עטליכע טשינאָווניקעס און יעדען האָט מען עפּעס באַדאַרפט געבען. איינעם מעהר, אַן אַנדערען ווענינער. איינער אַ „רעגיסטראַטאָר“, מיט אַ פּנים ווי אַן אוגערקע, וואָס איז באַדעקט מיט „פּאָקען“, האָט נאָר אויפגעשריבען אַ נומער אויף מיינע מעטריקעס; און איהם האָב איך אָפּגע'פּטר'ט מיט פופצעהן קאָפּיקעס.

אין אַ מזל'דיגער שעה זיינען די מעטריקעס פאַרטיג געוואָרען. דער מזל איז אָבער געווען פאַרבונדען מיט שלים־מזל. איך האָב דעם פּאַפּיר באַקומען זומער, 1877; שבעה עשר בתמוז פון יענעם זומער בין איך געוואָרען 17 יאָהר אַלט, און די עקזאַמענעס זיינען געווען מיט אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער; און לויט די געזעצען פון דעם אינסטיטוט האָט מען ביים אַנקומען געדאַרפט זיין ניט מעהר ווי זיבעצעהן יאָהר אַלט.

איך האָב געהאָפט, אַז מען וועט אויף די פּאָר מאָנאַט זיך ניט אָפּשטעלען און מען וועט מיר צולאָזען. איך האָב אָבער שטאַרק געצווייפעלט, און בין געווען שטאַרק צוטראָגען.

דער שיקזאַל האָט אָבער אָנגעגרייט אַ רפואה פאַר דער מכה — אַ רפואה אין דער געשטאַלט פון אַ שניידער מיט אַ רויטער באָרד.

הירשקע ביעליקאָוו האָט זיך אויך צוגעפּערטיגט צום עקזאַמען אַנצוקומען אין אינסטיטוט, און מיט זיינע יאָהרען איז אויך געווען אַ שוועריגקייט; אָבער פון אַ פאַרקערטען סאָרט ווי מיינע. ער איז געווען צו יונג, מיט עטליכע מאָנאַטען ווענינער ווי זעכצעהן יאָהר.

אין אַזאַ פאַל האָבען אידען געהאַט אַ כלל: מען דאַרף גע־

פינען דעם פריץ׳ס שניידער. אַ שניידער איז נאַטירליך אַ איד, וועט ער אפשר פועל׳ן אַ טובה ביים פריץ. ביעליקאָוו׳ס פאָטער איז אַלזאָ געוואָהר געוואָרען, ווער עס נעהט פאַר׳ן דירעקטאָר פון אינסטיטוט. אָט דאָס איז געווען דער שניידער מיט דער רויטער באָרד.

דער רויטער איד איז מיט דעם קליינעם ביעליקאָוו אַריבער־געגאַנגען צום דירעקטאָר, איהם פאָרגעשטעלט אַלס זיינעם אַ פּלי־מעניק, און געבעטען מען זאָל איהם צולאָזען צום עקזאַמען. מען האָט איהם צוגעלאָזען, און ער איז אָנגעקומען.

לעמעלמאַן און גאָלדמאַן דעם קירזשנער׳ס זיינען אויך אָנ־געקומען.

ווען הירשקע׳ס מוטער האָט געזעהן מיין פאַרצווייפלונג, האָט זי מיר דערצעהלט, ווי אַזוי מען האָט איהר זון צוגעלאָזען צום עקזאַמען. קורץ — איך בין אַוועק צו דעם זעלבען שניידער און — פאַר דריי רובעל, דאַכט זיך, בין איך אויך געוואָרען זיין פּלימעניק.

ער האָט מיר געהייסען וואַרטען ביז אַ געוויסען טאָג, ווען ער וועט אָפּטראָגען אַ בגד פאַר דעם דירעקטאָר׳ס פרוי. דאַן האָט ער מיר מיטגענומען. עס האָט זיך געעפענט די טיר און מיר זיינען אַריינגעקומען. עס האָט זיך באַוויזען דער דירעקטאָר — אַ דאַרער מאַן, פון מיטעלען וואוקס, מיט „באַקענבאַרדען״, אָהן וואָנצעס. דער שניידער האָט אויף זיין צרה׳דיגען רוסיש געזאָגט, אַז איך בין זיין ווייב׳ס אַ שוועסטער׳ס אַ זוהן (ביעליקאָוו׳ן האָט ער געמאַכט פאַר אַ פּלימעניק פון אַן אַנדער צד).

עס קלינגט מיר אין די אויערען, ווי ער זאָגט דאָס וואָרט „סיאָסטראַ״ (שוועסטער). ער האָט עס געזאָגט אויפ׳ן פּוילישען שטייגער. ער האָט אָבער געמיינט, אַז עס איז רוסיש.

דער דירעקטאָר האָט ניט געשטעלט קיין פראַגען און ער האָט באַווילינגט זיין בקשה.

אַזוי ווי די עקזאַמענס האָבען זיך שוין געענדיגט און אין אינסטיטוט האָבען זיך שוין אָנגעהויבען די אוראָקען, האָט מען מיר פאַרהערט אין די קלאַס־צימערען, אין דער צייט פון לערנען.

איך האָב געדאַרפט געהן פון קלאַס צו קלאַס. אין איין צימער איז דאַן געווען גראָד באַשעפטיגט דער לעהרער פון רוסיש, האָב איך דאָרטען ביי איהם געהאַלטען עקזאַמען. פון דאָרטען בין איך געגאַנגען אין דעם צימער וואו עס האָט זיך דאַן געפונען דער לעהרער פון אריפמעטיק, דערנאָך אין דעם צימער וואו עס האָט זיך געפונען דער לעהרער פון געאָגראַפיע, רוסישע היסטאָריע, און אַזוי ווייטער.

בשעת מען האָט מיר פאַרהערט, זיינען די שילער געזעסען מיט אויסגעשטעלטע אויגען. דאָס האָט מיר אָבער ניט געשטערט. איך האָב אויף אַלע פראַגען געענטפערט מונטער, און ריכטיג. איבעריגענס וואָלט מען מיך מסתמא אריינגענומען, ווען מיינע ענטפערס וואָלטען אפילו ניט געווען צופרידענשטעלענד. „פּראָטעקציע” איז „פּראָטעקציע”.

מיין באַגער, מיין אידעאַל איז אַלזאָ ענדליך פאַרווירקליכט געוואָרען. איך בין געוואָרען אַ שילער פונ׳ם ווילנער אידישען לעהרער־אינסטיטוט, אויף קאַזיאָנע קעסט און קליידער.

זיבעטער קאפיטעל.

אין דעם ווילנער לעהרער־אינסטיטוט

1.

געאָרגיעווסקי סקווער. — אין דעם מיטעלסטען פון דריי מויערען.

די צארישע רעגירונג האָט געוואָלט באפעסטיגען דעם אנדענקען פון מוראוויאָוו, דעם גענעראל־גובערנאטאָר פון ווילנא. האָט זי איהם אוועקגעשטעלט א „פאמיאטניק" (דענקמאל). דאָס איז געווען נאָכדעם ווי ער האָט מיט תליות דערשטיקט דעם פוילישען אויפשטאנד פון 1863. זיינע תליות זיינען געשטאנען אין דער פאָרשטאָדט לוקעשקעס, און דעם דענקמאל האָט מען אויפגעבויט אויפ'ן וועג פון דאָרטען צו דעם גרויסען קאטהעדראל פלאַץ.

דער מאָנומענט איז געווען אין דער פאָרמע פון א גאָלד־באצירטען קלויסטערעל, אָהן א פיגור*).

ארום איהם האָט מען אויסגעלייגט לאָנקעס מיט בלומען־בייטען און מען האָט פארפלאנצט ציילען בוימער. עס איז ארויסגעקומען א קליינער פארק אָדער סקווער מיט א בליש־טשענדע געביידעלע אין מיטען.

ווען די לאָנקעס זיינען געווען באדעקט מיט גראָז און די בוימער מיט בלעטער; ווען די בלומען האָבען געבליהט, און די זון האָט זיך געשפיגעלט אין די גילדערנע באפוצונגען, איז דער סקווער געווען זעהר שעהן. אין פריהלינג און אין זומער פלעגט מען אהין קומען אטעמען די אנגענעהמע לופט, הגם קיין

---

*) שפעטער, ווען איך בין שוין ניט געווען אין ווילנא, האָט מען איהם געשטעלט א גרעסערען דענקמאָל, אין אַן אַנדער פלאַץ.

גרויסען עולם האָט מען דאָרטען קיינמאָל ניט געזעהן, און אידען כמעט גאָרניט. פון די געדיכט־באַוואוינטע גאַסען איז דער פּלאַץ געווען צו ווייט, און געדיכט באַוואוינט זיינען געווען נאָר אידישע גאַסען.

מען פלעגט ארום דעם דענקמאָל שפּאַצירען. אָבער זיין בלוטיגען פשט האָט זעלטען ווער געוואוסט.

געוועהנליכע אידען פלעגען דעם סקווער רופען מיט אַן אַלטען נאָמען זייערען: „ברוך שרייבער׳ס פּלאַץ". ביי אינ־טעליגענטע אידען אָדער קריסטען פלעגט ער הייסען „ביים פּאַמיאַטניק". מיט דעם אָפיציעלען נאָמען — געאָרגיעווו־סקי סקווער — איז דער עולם געווען ווייניג באַקאַנט.

אפשר איינער פון טויזענד האָט געהאַט אַ באַגריף, אַז די פינקעלדיגע קירכעלע איז אַ מצבה נאָך מוראַוויאָוו׳ן. און דער יונגער דור האָט זאָגאַר ניט געוואוסט, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ מוראַוויאָוו אויף דער וועלט.

מוראַוויאָוו׳ס אָנדענקען האָט דער פּאַמיאַטניק ניט באַ־פעסטיגט.

פּאַזע דעם סקווער געהען צוויי גאַסען, וועלכע קרייצען זיך דאָ איבער. איינע פון זיי איז דאָס דער וועג, וואָס געהט פון לוקעשקעס צום קאַטהעדראַל פּלאַץ. די צווייטע פיהרט צו דער ווילִיאַ מיט איהר גרינעם בריק. קיין וואוינונגען זיינען אויף זיי, נעגענאיבער דעם סקווער, דאָן ניט געווען. אויף דער, וואָס פיהרט צום טײַך, איז געשטאַנען אַ גרויסע, נידעריגע געביידע מיט ווייניג פענסטער. יונגע קריסטען פלעגען זיך דאָרטען לערנען רייטען און אַ פּאָר מאָנאַט אין יאָהר פלעגט שפּילען אַ צירק. אויף רוסיש האָט מען דאָס גערופען „מאַנעזש" און אויף אידיש — „דער צירק". אויף דער לוקעשקער גאַס איז דאָ געווען דער פּאַרקאַן פון אַ סאָד.

ביי די אַנדערע צוויי זייטען פון דעם סקווער זיינען קיין גאַסען ניט דורכגעגאַנגען. דאָרטען האָבען זיך געפונען צו עטליכע מויערען מיט טראָטואַרען, און שמאָלע אויסגעברוקירטע פּאַסען פאַר דראָזשקעס אָדער וועגען. אָבער קיין סך דראָזשקעס

אָדער וועגען האָט מען דאָ ניט געזעהן. דאָס רוב איז געווען שטיל.

די צוויי טראָטואַרען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, ווי א „דאַלעד", אין א ווינקעל אָהן א דורכגאַנג, און אין דיזען ווינקעל זיינען געשטאַנען, אויך ווי א „דאַלעד", צוויי „טויבע" ווענט, אָהן פענסטער און אָהן טויערען. פון אויבען זיינען איבער זיי אריבערגעהאַנגען א פאָר צווייגען פון בוימער. דאָס איז געווען דער איינציגער פאַרמאַכטער ווינקעל פון דעם סקווער. די אַנדערע דריי ווינקלען זיינען געווען אָפענע, און זיי זיינען ארויסגעקומען אויף די דערמאָנטע גאַסען.

דער געגענד איז געווען איינער פון די שעהנסטע אין ווילנא. די ווילִיאַ פליסט ניט ווייט פון דאָרטען. דער גרינער בריק איז ניט מעהר ווי דריי אָדער פיער מינוט גאַנג פון דעם „צירק". און פון דעם סקווער ביז דעם קאַטהעדראַל־פּלאַץ געהט דער געאָרגיעווסקער פּראָספּעקט, וועלכער איז אין מיין צייט באַשטאַנען פון צוויי שעהנע אַלעען אָהן וואוינונגען.

אויף איינער פון די צוויי שטילע זייטען פון דעם סקווער זיינען געשטאַנען דריי מויערען. אין דעם מיטעלסטען האָט זיך געפונען דער אידישער לעהרער־אינסטיטוט. דאָרטען האָב איך פאַרבראַכט פיער יאָהר.

די אַנדערע צוויי געביידעס זיינען אויך געווען בילדונגס־אַנשטאַלטען. איינע א גלחים־סעמינאַר; די אַנדערע — די ווילנער רעאַל־שוהל. צום סעמינאַר האָבען געהערט די צוויי „טויבע" ווענט פון דעם פאַרמאַכטען ווינקעל. דער אריינגאַנג איז געווען אויף אַנאַנדער גאַס. די סעמינאַריסטען און זייערע לעהרער האָט מען דאָ ניט געזעהן. און הגם איך האָב אין דעם נעקסטען הויף אָפּגעלעבט פיער יאָהר, האָב איך קיינמאָל זאָגאַר ניט געוואוסט וואו עס קומט ארויס דער טויער צום סעמינאַר און וואָס פאַר א וועלט דאָרטען איז.

געוועהנליך פלעג איך זיך מיט אַלץ אינטערעסירען, אַלץ באַקוקען און באַטראַכטען. דיזע געהיימניספולע געביידע אָבער האָט קיין מאָל ניט גערייצט מיין נייגעריגקייט. איך האָב אפילו

דער ווילנער לעהרער־אינסטיטוט (און אַ ברעג פון דער רעאַל־שול). איצט איז אין דער געבוידע
▩ העברעאישער און אַ אידישער לעהרער־סעמינאַר.

ניט געוואוסט, ווי מען קומט אין איהר אריין. ניט געוואוסט און ניט געוועזן נייגעריג צו וויסען. איך בין זאגאר ניט געוועזן זיכער, אז דאס איז ווירקליך א סעמינאר. אלץ וואס איך האב געוואוסט באשטימט, איז, אז דער אנשטאלט האט צו טאן מיט יונגע גלחים, פארטיגע אדער צוקונפטיגע.

גאנץ אנדערש איז געוועזן די רעאל־שולע. זי האט איהר אריינגאנג געהאט ביים סקווער, אזוי ווי אונזער אינסטיטוט. פון ניין ביז דריי פלעגט דארטען שווירבלען און גריבלען מיט „רעאליס־טיש"־געקליידעטע אינגלעך, און א געוויסע צאל פון זיי זיינען געוועזן אידישע קינדער. זי איז פאר אונז געוועזן אן אפענע וועלט און נעהענטער צום הארצען אויך. זי האט מיר אינטערעסירט, און וואס אין איהר טוט זיך, האב איך געוואוסט מיט פילע איינצעל־הייטען.

ווען איהר זייט אריין אינוועניג אין דעם מיטעלסטען טויער, האט איהר פאר זיך געהאט א גרויסען אויסגעברוקירטען הויף; און דאס ערשטע וואס האט זיך אייך געווארפען אין די אויגען איז געוועזן א הויכער־הויכער שטאנג, אויבען מיט צוויי אייזענדלעך, פון וועלכע עס זיינען אראפגעהאנגען פיר לאנגע שטריק. דאס איז געוועזן א ווינעלע אזא — א טייל פון די איינריכטונגען פאר גימנאסטיק. די אייזענדלעך האבען זיך געקענט פריי באוועגען, און מיט זיי צוזאמען — די שטריק. פיר שילער פלעגען זיך אוועק־זעצען, און אנהאלטענדיג זיך יעדער פאר זיין שטריק, פלעגען זיי זיך פארנאנדערלויפען און, מיט א שפרונג, זיך א לאז טאן פליהען אין דער לופטען, ארום און ארום דעם שטאנג. ווען דער אימפעט איז אפגעשוואכט געווארען און די שטריק האבען זיך אראפגעלאזען, פלעגען זיי זיך ווידער פאנאנדערלויפען און זיך ווידער אוועק־טראגען אין דער לופטען. „גיגאנטישע טריט" האט דאס געהייסען.

דער הויף איז געוועזן אדעליג־ציכטיג, און די לופט איז דא געוועזן א סך בעסער ווי אין מיטען שטאדט. עס האט זיך געאטעמט מיט'ן אטעם פון דעם פארפלאנצטען סקווער. פריהלינג האט דא געשמעקט מיט סאד און פעלד און מיט דער נאהענטקייט פון טייך.
ווען איהר זייט אריינגעקומען פון דעם סקווער, האט איהר

אויפ'ן הויף געזעהן עטליכע געביידעס: איינע א גרויסע און פינף קליינע. די גרויסע געביידע האט זיך געפונען ביי דער רעכטער האנט פון די „גיגאנטישע טריט”. דארטען האבען די שילער געלערענט, געגעסען, געשלאפען, געלעבט.

דער ערשטער צימער אין דער דאזיגער געביידע אויף איהר אונטערשטען עטאזש (גראונד פלאאר), גלייך ביים אריינקומען פון הויף, איז געווען דער גימנאסטיק־זאל. איהר האט דא געזעהן שטאנגען, שטריק, לייטערס, וואגע'לעך, א לעדער־באצויגענעם הילצערנעם פערד, און נאך אזעלכע „סנאריאדען”. גימנאסטיק איז געווען באטראכט אלס א וויכטיגער טייל פון דעם אינסטיטוט'ס ערציהונג. די צוקונפטיגע אידישע לעהרער האט מען געוואלט „אויסמענטשלען” קערפערליך אזוי גוט ווי גייסטיג, מאכען זיי געזינטער און פלינקער. אזוי איז געשטאנען אין די אפיציעלע ערקלעהרונגען פון דעם רייכס־מיניסטעריום, בשעת דער אינסטיטוט איז געגרינדעט געווארען.

אויף דעם זעלבען עטאזש, נאר צום סוף צו, איז געווען דער עס־זאל. געווענליך פלעגט דער אוראָק פון גימנאסטיק פארקומען פאר'ן עסען. ער פלעגט זיך שליסען מיט א פאראדנעם מארש ארום און ארום דעם גימנאסטיק־זאל, און פון דארטען — צו מיטאג. מען פלעגט אריינמארשירען, זיך אויסשטעלען ארום די טישען, יעדער אויף זיין פלאץ, זינגען אויף רוסיש די „המוציא” אין כאר, און זיך נעהמען צו דער אכילה.

ברייטע טרעפ האבען פון די גימנאסטיק איינריכטונגען געפיהרט צו דעם נעקסטען עטאזש, וואו מען האט געלערענט. א שמאלער קאָרידאָר מיט פיר ווייסע טירען פון פיר קלאס־צימערען. די פאָדלאָגע איז געווען געמאַלט אויף טונקעל־רויט, אימער פריש געוואקסט, אימער גלאנציג. ביי יעדער פון די ווייסע טירען איז געשטאנען א עטאזשערקע אין דער פארמע פון א גרויסען שטענדער, אונטען הענגערס און אויבען שטעלען, אפגעפאָלירט, מיט א גלאנץ ווי א שפיגעל. פון איין זייט האט דער קאָרידאָר געהאט פענסטער צום הויף. אויף זיין אנדערער זייט, ביים וואנט, זיינען געשטאנען גלעזערנע אלמערס. ווען איך בין אנגעקומען, זיינען דארטען געלעגען ביכער און אינסטרומענטען,

וועלכע מען ברויכט ביים לערנען מיזיק און כעמיע. שפעטער א ביסעל האָט מען געבראַכט נייע, גרעסערע שאפעס. די ביכער האָט מען אריבערגעטראָגען אין אן אנדער פלאַץ, און אין די שאַ־פעס האָט מען אריינגעשטעלט אינסטרומענטען און פיגורען, וועלכע מען האָט אויסגעשריבען פון פעטערסבורג, א מאסע „אבראַז־שטשיקעס" (ספעסימענס) פון מינעראלאָגיע, מאָדעלען פון אנאַ־טאָמיע, איינינע גיפסענע קעפ, ביוסטען, קאַרטען, א. ז. וו. די קורצע וואנט, ביי דעם עק קאָרידאָר, איז געווען פארהאנגען מיט א גרויסע געאָגראפישע קאַרטע.

ווען איך האָב דעם קאָרידאָר געזעהן צום ערשטען מאָל, האָט זיין גלאַנץ, זיין אפיציעלער שטאָלץ און זיין וויסענשאפטליכער פוץ מיר פשוט איבערגעשראָקען.

דאָ פלעגען די שילער ארומגעהן הין און צוריק, לערנענדיג די אורא̇קען, שמועסענדיג, טראַכטענדיג, בייַנקענדיג.

אין אָווענד, ווען מען פלעגט צופערטיגען דעם מאָרגענדיגען אוראָק, אָדער אין דער פריה, צווישען איין אוראָק און דעם נעקס־טען, פלעגט דאָ רוישען ווי אין א ביהנשטאָק.

דאָ און אין די קלאַס־צימערען פלעגען די שילער מייסטענס געהן אין זייערע וואָכעדיגע קאָסטיומען, בילינע גרויע קאַרטענע רעקלעך, מיט הויזען פון דעם זעלבען שטאָף. דער רעקעל האָט זיך אויבען ביים האלז פארהעקעלט, און די הויזען האָבען זיך נים פארשפיליעט ווי געווענליך, נאָר פון די זייטען, צו איין קנעפעל אויף א זייט. אויף צו לערנען, און הויפטזעכליך צו מאַכען גימ־נאַסטיק, זיינען דיזע קאָסטיומען געווען בעקוועם.

די לעהרער זיינען אין אינסטיטוט אימער געגאנגען אין זייערע אפיציעלע פראַקען און וועסטען פון בלויע געוואַנט מיט מעשענע קנעפ, בארעקט מיט אָדלערס. דאָס איז געווען די „פאָר־מע" פון לעהרער און אנדערע בעאַמטע, וואָס האָבען געדינט אין דעם בילדונגס־דעפּארטמענט איבער גאַנץ רוסלאַנד.

ביי דעם אריינגאַנג אין קאָרידאָר, אויף א פאָר טרעפלאַך, איז געווען די „אוטשיטעלסקאיא" — א צימער פאַר די לעהרער. דאָרטען פלעגען זיי פארברענגען די צייט צווישען די אוראָקען, און דאָרטען פלעגט דער לעהרער־ראַט אָפּהאַלטען זיינע זיצונגען.

ווען מען פלעגט קלינגען צו אן אוראָק, פלעגען די לעהרער זיך באווייזען אויפ'ן קאָרידאָר מיט גרויסע דארע „זשורנאַלען" אונטער די אָרעמס. דער אונטערשיד צווישען זייער בלישטשענ־דיגע רעק און ווייסע מאַנישקעס, פון איין זייט, און די גרויע קאָר־טענע רעקלעך פון די שילער, פון דער אנדערער זייט, איז געווען שאַרף און איינדרוקספול.

ווען עס פלעגט זיך דערהערען דער גלעקעל, פלעגען די שילער זיך צולויפען, יעדער אין זיין קלאַס־צימער.

דאָרטען זיינען געשטאַנען רייהען „סקאַמייקעס" (סקוהל־דעסקס) און אַ טישעל פאַר'ן לעהרער. די סקאַמייקעס זיינען גע־ווען קורצע, צו צוויי שילער אויף אַ באַנק, און זיי זיינען געווען פון דעם זעלבען סאָרט ווי אין די גימנאַזיעס און רעאַל־שולען: פּאָלירטע, אויבען שוואַרץ און ביי די זייטען ברוין, ווי די הויכע עטאַזשערקעס אויפ'ן קאָרידאָר. די אויבערשטע ברעטעל האָט זיך געעפענט, דעם שילער זאָל זיין גראַם זיך צו זעצען אָדער זיך צו שטעלען.

ווען דער לעהרער פלעגט אריינקומען אין קלאַס, פלעגען די שילער אַן עפען טאָן די סקאַמייקעס און זיך געבען אַ שטעל, אַלע מיט אַמאָל, זיך צוריקזעצען און צומאַכען די סקאַמייקעס מיט אַ מיליטערישען טאַקט.

אויף די ווענט פון די קלאַס־צימערען זיינען געהאַנגען גרויסע קאַרטען — געאָגראַפישע, היסטאָריש־געאָגראַפישע, זאָאָלאָגישע, אַנאַטאָמישע — און אין פראָנט איז געשטאַנען אַ גרויסע שוואַרצע ברעט.

די פענסטער פון די ערשטע דריי קלאַסען זיינען ארויסגעקומען אויפ'ן שעהנעם סקווער, אנטקעגען דעם גאָלד־באַפּוצטען דענקמאָל. אין מאַי פלעגען די שילער דאָ זעהן ווי דער פריהלינג קומט, ווי די לאָנקעס ווערען באַדעקט מיט פרישע גראָז און די בוימער — מיט בלעטער און אַקאַציע־קווייטען. די פענסטער פון דעם פערטען קלאַס זיינען ארויסגעקומען אויפ'ן הויף.

אויף אַ שמאָלער פאָרטזעצונג פון דעם קאָרידאָר איז געווען דער „אַקטאָווער" זאַל, דער גרעסטער און שעהנסטער צימער אין דעם אינסטיטוט. דאָרטען פלעגען פאָרקומען די עקזאַמענס און

דער ווילנער לעהרער־אינסטיטוט פון אַ זייט (מיט דער וואַנט און דעם גאַרטען פון אַמאָליגען גלחים־סעמינאַר). — פאָטאָגראַפירט אין 1926

אלע פאראדנע צערעמאָניעס. און דאָרטען פלעגט מען אונז לערנען זינגען. די פאָדלאָגע איז געווען א פארקעט. אויפ'ן מיטען פון דער וויכטיגסטער וואנט איז געהאנגען א גרויסער פאָרטרעט פון אלעק־סאנדער דעם צווייטען. עס איז געשטאנען א שעהנער לאנגער טיש, מיט א גרינעם טישטוך, א גרויסע שפיגעל־שיינענדע פיאנאָ, און עטליכע רייהען שטוהלען.

די שלאָף־צימערען און א צימער מיט קראנקע און מיט א לאנ־גער קופערנער קאָרעטע צום וואשען זיך, זיינען געווען אויף דעם נעקסטען עטאזש.

עס איז אויך געווען א כעמישע און פיזישע לאבאָראטאָריע, א ביבליאָטעק און א „געבעט־צימער", מיט אן עמוד און אן ארון־קודש, וואו שבת פלעגט מען כלומרשט דאוונען, מיט איינעם פון די שילער אין דער ראָלע פון א חזן.

אין א ווייטערער טייל פון דער געביידע האָט זיך געפונען די באָלניצע (האָספיטאל).

קיין באָד איז אין אינסטיטוט ניט געווען. עס איז געווען איין וואנע, א קופערנע, אָבער נאָר פאר די קראנקע, און זי האָט זיך געפונען לעבען דער באָלניצע. וואנעס זיינען אין ווילנע דאן איבער־הויפט געווען א גרויסע זעלטענהייט. איין מאָל אין צוויי וואָכען פלעגט מען אונז פיהרען אין באָד, ווי סאָלדאטען.

ווען איך בין אָנגעקומען אין אינסטיטוט, איז די נאטשאלנאָיע אוטשילישטשע, וואו די שילער פון פערטען קלאס האָבען פראק־טיצירט אלס לעהרער, געווען אויף א באזונדערען הויפ, וועל־כער איז מיט א שמאָלען דורכגאנג געווען באהעפט מיט דעם גרוי־סען הויף. שפּעטער אָבער האָט מען איהר איבערגעטראָגען אין דער הויפּט־געביידע. עס איז געווען גענוג פלאץ.

דער סקווער איז געווען ביי צוואנציג מינוט גאנג פון די אידי־שע גאסען. זיין כאראקטער אָבער און דער כאראקטער פון דעם ארומיגען געגענד האָט געמאכט אן איינדרוק, אזוי ווי עס וואָלט געווען גאנץ ווייט פון דאָרטען. דעריבער, ווען א שילער פלעגט געהן ערגעץ וואו, פלעגט מען זאָגען, אז ער געהט „אין שטאָדט".

„אין שטאָדט” פלעגט מען לאָזען געהן אויף פרייטאָג־צו־נאַכט און שבת. דאן פלעגען די אינסטיטוטשיקעס זיך אויספוצען אין קאָסטיומען פון שווארצען געוואַנט. דער ראָק איז געווען מיט א סטאָן און מיט צוויי קנעפ פון הינטען, און די הויזען האָבען זיך פארשפיליעט אויפ׳ן געוועהנליכען שטייגער. ווינטער האָבען זיי געטראָגען אויבערדעס פון א דיקען שווארצען געוואַנט. די היטעל איז געווען פון דעם זעלבען שטאָף ווי דער שבת׳דיגער קאָסטיום — א ברייטע, א שווארצע, מיט א גלאַנציגען קאָזיראָק. טשינאָווניקעס פלעגען טראָגען אזעלכע היטלען.

מען האָט די שילער געגעבען אונטער־וועש — א העמד און גאַטקעס פון עכטע, אָבער גראָבע לייווענט. קיין אויבער־העמדער אָדער שטייפע קראַגענס האָט מען זיי ניט געגעבען. דאָס האָבען זיי אליין געקויפט (אויב זיי האָבען געהאַט מיט וואָס). געוועהנליך פלעגען זיי קויפען נאָר קראַגענס, וועלכע זיי פלעגען צושפיליען צו דער קאַזיאָנער ניט־געקראָכמאַלטער אונטער־העמד. דאָס רוב פלעגען זיי זיי אָנטאָן נאָר דאן, ווען זיי זיינען געווען אויסגע־פוצט אין די געוועהנטענע קאָסטיומען. א גאַנצע וואָך, ווען זיי האָ־בען געטראָגען די קאָרטענע בגדים, פלעגט פון דעם רעקעל ארויס־שטעקען דער פאַרמלאָזער קאָלנער פון דער אונטער־העמד. דער קאַזיאָנער האַלז־טוך איז געווען פון שווארצען אטלאַס, און פון דעם זעלבען פאַסאָן ווי די האַלז־טיכלעך פון אָפיצערען אין דער ארמעע: א באַנד ארום האַלז און א פאַרטוכעל פון פאָרענט צו פאַרשטעלען די אויבערשטע שטיקעל אונטער־העמד. צו אַן אויבער־העמד מיט א מאַנישקע האָט ער ניט געטויגט. אָבער אַן אויבער־העמד האָט זיך געקענט פארגינען נאָר א גאַנץ קליינע צאָל פון די אינסטיטוט־שיקעס, און זיי פלעגען שוין קויפען „ציווילנע” האַלזטיכער אויך.

די קעסט איז געווען ניט קיין שלעכטע, בעסער ווי דאָס רוב פון די שילער האָבען געהאַט ביי זייערע עלטערען. פלייש האָט מען געגעבען אלע טאָג, און די פּאָרציעס זיינען ניט געווען קיין קליינע. מען פלעגט זעהר אָפט געבען רינדס־בראָטען. פאַר פילע פון די שילער איז דאָס געווען אַן אריסטאָקראַטישער מאכל, הויפּטזעכליך פאַר די וואָס זיינען געווען פון די קלענערע שטעדטלעך. די אָרימע

אידישע בעל־הבית'טע פון יענע צייטען האט געקענט קאכען א שטיקעל פלייש, אבער ניט בראטען.

די שפייז איז פיליכט ניט געווען גענוג פארשידענארטיג, און מען פלעגט זיך באקלאגען, אז זי איז שוין מיאוס געווארען. אבער אז מען זאל זיך באקלאגען אויף דעם עסען גופא, געדענק איך ניט.

פריהשטיק איז באשטאנען פון א געפלאכטענע בולקע (אהן פוטער) מיט א גלאז זיסע טהיי. וואס מען האט געגעבען אויף וועטשערע געדענק איך ניט.

צוועלף אוהר, אין דער צייט פון דער גרויסער „פערעמיענע" (ריסעס), האט מען אונז געגעבען גרויסע „מייצעס" ברויט מיט פוטער, וועלכע מיר פלעגען באשיטען מיט זאלץ. מיר פלעגען דאס עסען מיט גרויס אפעטיט, און קייענדיג פלעגען מיר איבער־זאגען דעם נעקסטען אוראק.

דער נאכט־לעגער איז אויך געווען ניט קיין שלעכטער: אייזערנע בעטען מיט גוטע מאטראצען, און ציכלעך מיט ליילעכער פון דעם זעלבען ווייסען שטאף ווי די אונטער־וועש — עכטע לייווענט, הגם גראבלעכע. די קאלדרעס זיינען געווען וואלענע, און צו זיי זיינען מיט גרויסע שטעך געווען צוגענייהט ווייסע ליילעכער, וועלכע מען האט יעדע וואך געביטען צוזאמען מיט די אונטערשטע ליילעכער און מיט די ציכלעך. אלץ איז געווען אבסאלוט ריין. איך ווייס ניט, צי ווער עס איז פון די שילער האט אין דער היים געהאט אזא ציכטיגען און געזונטען געלעגער.

ווען איך בין אנגעקומען, איז אין דעם ערשטען קלאס געווען איין און צוואנציג שילער; אין דעם צווייטען — פערצעהן; אין דעם דריטען נאך ווייניגער, און אין דעם פערטען נאך ווייניגער.

אין דעם יאהר ווען איך האב געענדיגט (1881) איז אין אלע קלאסען געווען דריי און פופציג.

לעהרער זיינען געווען צוועלף. אין דעם זיינען אריינגערעכענט: די לעהרער אויף גימנאסטיק, אויף האנדשריפט, אויף צייכענען און אויף זינגען. עס זיינען געווען צוויי לעהרער אויף העברעאישע

געגענשטאנדען, און זיי זיינען נאטירליך געווען אידען („פאר־טייטשט" און ערקלעהרט האבען זיי אבער אלץ אויף רוסיש). אויך איז דער לעהרער פון זינגען געווען א איד, אבער ער האט זיך כמעט געהאלטען פאר א קריסט.

עס זיינען געווען צוויי „נאדזיראטעלעס" (אכטונג־געבער), וועלכע זיינען טאג און נאכט געווען מיט די שילער, צו צוועלף שטונדען יעדער, און ביידע זיינען זיי געווען רוסען.

דער „עקאנאם" (פארוואלטער איבער דערווירטשאפט) האט געמוזט זיין א איד, ווייל די קיך איז געווען א כשר'ע און אין דער ארדנונג פון דעם אינסטיטוטישען לעבען האט מען שבתים און יום־טובים געמוזט נעהמען אין אנבאטראכט.

די דינער, א חוץ דער קעכין, זיינען געווען קריסטען.

די שילער האבען ניט געטארט ריידען קיין אידיש צווישען זיך—דורכאוים רוסיש. ווען מען פלעגט כאפען א פאר, ריידענדיג זייער מוטער־שפראך, פלעגט מען זיי סטראשען צו באשטראפען.

2.
די ערשטע טעג.

די וואס האבען „אין שטאדט" געהאט וואו צו נעכטיגען, האבען פרייטאג פארנאכט געקענט אוועקגעהן אויפ'ן גאנצען מעת־לעת. שבת־צו־נאכט האט מען געמוזט קומען צוריק.

שפעטער א ביסעל האט מען איינגעפיהרט נאך א שטרענגערע סיסטעם. יעדער שילער האט געהאט א „בילעט" — א ביכעלע אין וועלכען די נאדזיראטעלעס האבען פארשריבען ווי ער האט זיך געלערענט און אויפגעפיהרט אין פארלויף פון דער וואך. אויב ער האט ניט געהאט קיין גוטע „אטמיעטקעס" האט מען פרייטאג פארהאלטען זיין בילעט, און ער האט ניט געקענט ארויסגעהן. דאס האט געהייסען, אז ער איז אויף פרייטאג־צו־נאכט און שבת „ארעסטירט".

ווען איך בין געווען אין מיין לעצטען יאהר, האט מען אנגעהויבען ארויסצולאזען די שילער אויף א שעה יעדען טאג אויך. דער דירעקטאר האט זיך ארומגעזעהן, אז די פארמאכטקייט און

איין־טאָניגקייט פון זייער לעבען איז ניט גוט פאר זייער געזונט און געמיטה. די בילעט סיסטעם האָט ער אָבער ניט אָפּגעשאפט.

די ערשטע דריי יאָהר פון מיין לעבען אין אינסטיטוט האָט מען אלזאָ א גאנצע וואָך ניט ארויסגעלאָזען. די ערשטע טעג נאָך מיין אָנקומען האָט דאָס און די אייזערנע דיסציפּלין איבערהויפּט אויף מיר געווירקט זעהר שווער.

איך בין געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל פון דעם געדאנק, אז איך בין ענדליך אן אינסטיטוטשיק; אז דער שעהנער קאָרידאָר, דער גרויסארטיגער אקטאָווער זאל, דער גרויסער עס־זאל — דאָס אלץ איז „מיינע". איך בין געווען דורכגעדרונגען מיט דעם פאקט, אז איך מארשיר צוזאמען מיט יענע אינסטיטוטשיקעס, וועלכע איך פלעג אזוי מקנא זיין; אז איך עס מיט זיי, זינג מיט זיי, האָב די זעלבע לעהרער ווי זיי. אָבער צו דער זעלבער צייט איז אויף מיין הארצען געלעגען א דריקענדע משא. איך האָב זיך געפיהלט ווי א רעקרוט אין דער קאזארמע. איך האָב נעביינקט אהיים.

ווען אימיצער פון די לעהרער וואָלט זיך אינטערעסירט, גע־זאָגט מיר א פריינדליכען וואָרט, וואָלט געווען אנדערש. די לעהרער האָבען זיך אָבער מיט אונז געהאלטען אזוי ווי אָפיצירען מיט סאָלדאטען.

דעם ערשטען יאָהר האָט די אונאנגענעהמסטע שטימונגען אין מיר ארויסגערופען דער לעהרער פון רוסיש און געשיכטע. אָרלאָווי־סקי האָט ער געהייסען — זעהר א הויכער רוס, מיט א שיטערער בלאָנדער בערדעל, וועלכער האָט שטענדיג געליטען פון קאטאר. ער האָט געטראָגען דעם נייעסטען און בעסטען פראק, און זיין גאָלדע־נער זייגער און גילדערנע קייטעלע האָבען אויסגעזעהן שעהנער און טייערער ווי די זייגערס מיט די קייטלעך פון די אנדערע לעהרער.

דאָס וואָס ער האָט יעדע מינוט געברויכט זיין פאטשיילקע, האָט ניט געשטערט דעם איינדרוק וואָס ער האָט געמאכט אלס א שעהנער מאן און א פראנט.

מיר האָבען איהם אָבער געהאלטען פאר א שלעכטען און א ביטרען. ער האָט קיינמאָל ניט געשריען אויף א שילער; אָבער אז מען האָט איהם ניט געענטפערט ווי עס באדארף צו זיין, פלעגט ער

אראפּלאָזען די אויגען טרויעריג, און דאן האָבען מיר שוין גע־וואוסט, אז אין „זשורנאל" וועט שטעהן א שלעכטע „אָט־מיעטקע".

דעם ערשטען מאָל, וואָס ער האָט מיר ארויסגערופען, בין איך איהם ניט געפעלען געוואָרען. אפשר האָט זיך מיר דאָס גע־דוכט. יעדענפאלס בין איך געוואָרען נערוועז. איך האָב זיך פאר־טשעפּעט און ניט געקענט ארויסקריכען.

— סאָדיטיעס!*) — האָט ער געזאָגט מיט אן אומעדיגען קול, אראָפּלאָזענדיג זיינע אויגען.

די שילער וואָס זיינען געזעסען לעבען דעם לעהרער'ס טישעל, האָבען דערנאָך געזעהן ווי ער שטעלט מיר א „2".

איך בין געווען זיכער, אז ער האָט מיר פיינט ווייל איך בין א קאַסאָקער. און איך האָב זיך גענומען דעם לעבען דערפון.

דער לעהרער פון אריפמעטיק איז דאן געווען ניט קיין הויכער מאן, מיט א גרויסע שווארצע באָרד און גרויסע שווארצע ברעמען. זיין נאָמען איז געווען א פראנצויזישער — מאָרעל. אן אויס־שפּראכע האָט ער געהאַט א ריכטיגע, אָבער עפּעס אזוי ווי שוין א צו־ריכטיגע. זיינע שארפע „ריש'ען" האָבען געקלונגען ווי ביי אן אויסלענדער, וואָס האָט זיך גוט אויסגעלערענט אויסריידען די ווערטער אויפ'ן עכט־רוסישען שטייגער, און זאָלצט שוין איבער אביסעל.

ער האָט געהאַט א זאָנדערבארען גאנג מיט זאָנדערבארע אוואַיעס. ער פלעגט זיינע אויגען מיט די גרויסע ברעמען אָנשטעלען אזוי ווי מיט כעס, און יעדען וואָרט פלעגט ער אויסשרייען מיט א בייזער פּינקטליכקייט. ווען דער שילער פלעגט צוגעהן צום טאָפעל און זיך נעהמען פאר דער שטיקעל קרייד, פלעגט ער איהם הייסען אָנהויבען דעם חשבון „גאָר פון אויבען און ביי דעם סאמע ברעג טאָפעל". די דאָזיגע ווערטער האָט ער קיינמאָל ניט דורכ־געלאָזען, און ער פלעגט זיי אימער אויסריידען מיט א קאָמישער מינע פון שטרענגקייט. נאָכ'ן אורואָק פלעגען מיר דאָס איבער־קרימען.

---

*) זעצט זיך אנידער.

מיר האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ שטרענגען, און מיר האָבען פאַר איהם מורא געהאַט. אין הארצען האָב איך געפיהלט, אַז ער איז גאָר ניט קיין שלעכטער. דאָך אין דעם אַלגעמיינעם בילד פון פרעמדקייט און שטרענגקייט זיינען זיינע מאַניערען געווען אַ נאַטירליכע טייל.

אַ פריינדליכען וויץ האָבען מיר אָפט געהערט נאָר פון אַ לעהרער מיט'ן נאָמען ליעפין — אַ געזונטער בלאָנדער קאַצאַפּ מיט פרעהליכע בלויע אויגען. ע"ר האָט מיט אונז געלערענט געאָגראַפיע און נאַטור־וויסענשאַפט. מיר האָבען ווייניג געהאַלטען פון זיין קענטשאַפט. מיר האָבען געגלויבט, אַז די אוראָקען האָט ער אויסגעלערענט אויף אויסווענינג און ער ווייס נאָר דאָס, וואָס ס'שטעהט אין זיין ביכעל. מיר האָבען אָבער באַוואונדערט די שפּראַך וועלכע ער פלעגט ברויכען אין ריידען. און מיר האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ גוטען סימפּאַטישען מענשען.

אָבער אפילו ער האָט אויך מיט אַ שילער קיינמאָל ניט גערעדט ווי מיט זיין גלייכען. ער פלעגט אַמאָל מאַכען שפּאַס מיט אונז; ער פלעגט דאָס אָבער טאָן ווי אַ מענש וואָס געהערט צו אַן אַנדער וועלט.

עס האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז אויפ'ן פערטען אָדער פינפטען טאָג נאָך מיין אָנקומען האָט מען די שילער געפיהרט אין באָד. דאָס איז אימער פאַר זיי געווען אַ געלעגענהייט זיך אָראָפּצוכאַפּען „אין שטאָדט" אויף אַ פּאָר שעה. אין באָד פלעגט מען געהן שפּעט נאָכמיטאָג, פלעגען זיי דערנאָך אוועקגעהן ערגעץ־וואו און קומען אין אינסטיטוט אכט אוהר, צו וועטשערע.

אַזוי ווי מיין מומע'ס וואוינונג איז געווען נעהנטער ווי דער מאַמע'ס, האָב איך מיין מוטער געלאָזט וויסען, אַז זי זאָל דאָרטען זיין יענעם אָוונד. עס איז געווען אַ באַגעגעניש, אַזוי ווי מיר וואָלטען זיך ניט געזעהן אַ פּאָר יאָהר. מיין מוטער האָט מיר געקושט מיט טרעהרען אין די אויגען. איהר שמחה און שטאָלץ מיט מיר זיינען געווען געמישט מיט דער בענקעניש, וואָס זי האָט יענע עטליכע טעג געפיהלט נאָך מיר.

דערנאָך האָט זי גענומען מאַכען שפּאַס. זי און די מומע האָ־

בען אָנגעהויבען מיר אויסצופרעגען וואָס מען עסט אין אינסטיטוט, ווי מען שלאָפט, וואָס פאר א חברים איך האָב, ווי אזוי דער אינ־סטיטוטסקער שניידער האָט מיר גענומען די מאָס אויף מיינע צוויי קאָסטיומען.

אין געוויסע זאכען בין איך צו 17 יאָהר נאָך געווען נאָר א קינד. איך האָב זיך גענומען באַריהמען מיט דער גרויסאַרטיגקייט פון דעם אינסטיטוט. איך וויים ניט וואָרום, אָבער מעהר פון אַלץ האָב איך זיך באַריהמט מיט דער פּיאַנאָ. פּיליייכט איז דאָס געווען דערפאר, וואָס פּיאַנאָס האָבען געהאַט נאָר רייכע פאמיליעס.

איך געדענק די ווערטער, וואָס איך האָב דערביי געזאָגט:

— איך האָב דאָך שוין עפּעס געזעהן פאָרטאָפּיאַנעס; אָבער אזא פאָרטאָפּיאַן האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געזעהן.

דערנאָך האָב איך זיך גענומען דעם לעבען, פאַרוואָס איך האָב דאָס געזאָגט. וואו האָב איך דאָס אזוי געזעהן פאָרטאָפּיאַנעס? אפשר האָב איך געהערט פון א פענסטער ווי מען שפּילט אויף אזא אינסטרומענט. געזעהען האָב איך א פּיאַנאָ נאָר ווען מען האָט איהר אריינגעטראָגען אין א רייכער וואוינונג ערגעץ־וואו, אָדער דעם איינציגען מאָל וואָס איך בין געגאַנגען זיך לערנען זינגען ביי נאטהאנסאָן'ען, דעם מוזיק־לעהרער. די מאַמע און די מומע ווייסען דאָך דאָס. אין הארצען מאַכען זיי מסתמא חוזק פון מיין נארישער באַריהמעריי.

יעדעס מאָל, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיינע ווערטער „איך האָב דאָך שוין עפּעס געזעהן פאָרטאָפּיאַנעס", פלעג איך זיך עסען דאָס הארץ.

ווען איך בין צוגעוואוינט געוואָרען צו דעם אינסטיטוטסקען לעבען, האָב איך אהיים שוין ניט געבענקט. אָבער אויף דעם פריי־טאָג־צו־נאַכט מיט'ן שבת פלעג איך אימער ווארטען מיט אומגע־דולד. איך פלעג בוכשטעבליך צעהלען די טעג מיט די שעה'ען.

דעם ערשטען יאָהר וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין אינסטיטוט איז דער דירעקטאָר געווען דער אויבען דערמאָנטער גוואיטא. ער איז געווען א לאַטיש דאַכט זיך. יעדענפאַלס האָט ער רוסיש גערעדט ניט ווי אַן עכטער רוס.

מיר פלעגען איבערקרימען זיין רוסיש.

מעהר פון אלץ פלעגען מיר אפלאכען, ווי ער שרייט צו א שילער „ניע גריעטסיא או פיעטשקי!“ (ניט ווארימט זיך ביים אויוועו!). ער האט דאס געהאלטען פאר אומגעזונט, און ווען ער פלעגט אימעצען זעהן ביי איינעם פון די ווייסע קאכלע־אויווענס, וועלכע זיינען געשטאנען אויפ'ן קארידאר אדער אין די קלאס־צימערען, פלעגט ער די דאזיגע ווערטער אויסשרייען מיט א שטרענגער מינע.

אין ערשטען קלאס האט גוואיטא דעם בעסטען שילער באַשטימט אלס אונזער „צענזאר“ (מאניטאר). זיין ראָלע אלס עלטסטער האט דער איינגעל איבערטריבען. איין מאל, זעהענדיג ווי איינער פון אונז ווארימט זיך ביים אויוועו, האט ער צו איהם אויסגערופען „ניע גריעטסיא או פיעטשקי!“ מיט גוויטא'ס שטרענגער אויסשפראכע, מיט אלעמען.

זינט דאן האבען מיר איהם א נאמען געגעבען „ניע גריעטסיא או פיעטשקי!“, איבערקרימענדיג ווי ער מאכט נאך דעם די־רעקטאר.

נאך גוואיטא'ן איז אלס דירעקטאר אנגעקומען אן עכטער רוס מיט'ן נאמען קאטעלניקאוו, און ער איז אויף דער שטעלע פאר־בליבען ביז איך האב נעענדיגט, און נאך עטליכע יאהר שפעטער אויך.

דאס איז געווען א קרעפטיגע און אינטערעסאנטע פערזענ־ליכקייט; הגם, ווי ווייט מיר, איינגלאך, האבען געקענט פארשטעהן, ניט קיין סימפאטישע.

3.

ווי אזוי מען האט מיט אונז געלערענט.

אין א שוהל ווי דער אינסטיטוט, אדער א גימנאזיע, באקומען די שילער א סיסטעמאטישע בילדונג, ווי מען רופט דאס. מען לערענט זיי מיט א געוויסער סיסטעם, לויט א באשטימטער פראָ־גראם, און ניט ווי עס לערענט זיך א איינגעל, וואס ענטוויקעלט

זיך אָהן א לעהרער, לעזענדיג וואָס עס מאַכט זיך, אָהן א פּלאַן און א טאָלק. און צו באַקומען סיסטעמאַטישע בילדונג איז טאַקע זעהר וויכטיג. די פראַגע איז אָבער אויף וואָס פאַר א סיסטעם זי איז נעגרינדעט.

פון דאַן ביז היינט האָט די פּעדאַגאָגיע געמאַכט פאָרטשריט. אין דער ערציהונגס־וועלט איז נאָך היינט אויך דאָ גענוג דומהייט, אבערגלויבען און פאַלשקייט; אָבער אין יענע יאָהרען, און בפרט נאָך אין רוסלאַנד פון יענער צייט, האָט דאָס אַלץ עקזיסטירט אין א פיל גרעסערער מדרגה.

רוסלאַנד׳ס בילדונגס־סיסטעם איז געווען קאָפּירט פון דייטש־לאַנד; און צו אַלע דייטשע פעהלערען האָט די צאַרישע רעגירונג צוגעגעבען ספּעציעלע רוסישע חסרונות פון יענע צייטען. די דייטשע סיסטעם איז געווען דורכגעדרונגען מיט א קאַזאַרמע־גייסט. אָבער אין דער דייטשער קאַזאַרמע איז געווען א סך מעהר קולטור ווי אין דער רוסישער.

די צאַרישע אימפּעריע איז געווען א לאַנד פון טשינאָווניקעס, און די וואָס האָבען גערינט אין דעם „מיניסטעריום פון פאָלקס־בילדונג", האָט מען געמאַכט פאַר אַזעלכע טשינאָווניקעס ווי די בעאַמטע פון די אַנדערע דעפּאַרטמענטס. מיט דעם מיינען מיר ניט נאָר, אַז דער לעהרער האָט זיך געסטאַרעט צו „דערדינען" זיך דורך אונטערטעניגקייט צו זיינע עלטסטע; מיר מיינען אויך, אַז אין דעם קלאַס־צימער גופא האָט ער געמוזט רעפּרעזענטירען דעם גייסט פון דער צאַרישער הערשאַפט.

עס זיינען געווען אויסנאַהמען — סימפּאַטישע, עהרליכע לעהרער, וועלכע האָבען געטאָן זייער בעסטעס צו פיהרען זייערע תלמידים אויפ׳ן וועג צו ליכט און פאָרטשריט. אָבער ערשטענס, זיינען זיי געווען ניט מעהר ווי אויסנאַהמען; און צווייטענס, זיינען זיי געווען מאַכטלאָז געגען דער הערשענדער סיסטעם.

אין אינסטיטוט האָט מען געלערנט אַזוי ווי מען האָט דאַן געלערנט אין אַלע גימנאַזיעס און רעאַל־שוהלען. די לעהרער זיי־נען מייסטענס געווען פון דעם זעלבען שניט (זיי האָבען געענדיגט אוניווערסיטעט, יעדער אויף די ספּעציעלע געגענשטאַנדען, אויף וועלכע ער האָט דערנאָך געגעבען אונטערריכט). און אָפט איז א

לעהרער פון א גימנאזיע אנגעקומען צו אונז, אדער פארקעהרט. די לעהר־ביכלעך זיינען געווען די זעלבע און דער שטייגער — דער זעלבער.

דאס רוב האבען די שילער „געזוברעוועט” — אויסגעלערענט ווארט־אין־ווארט אויף אויסווייניג. איבערזאגען אן אוראק מיט איינענע ווערטער — דאס האט מען זעלטען געטאן. ווי א מאשין פלעגט דער שילער אין זיך אריינלערנען די ווערטער, און ווי א מאשין, ווי א פאנאגראף, פלעגט ער זיי צוריק ארויסדרעהען, ווען דער לעהרער האט איהם אויסגערופען.

עס זיינען זאגאר געווען געווען אזעלכע, וואס פלעגען איינזוברעווען אן אוראק אין מאטהעמאטיק, און ווען איהר פלעגט פרואווען ענדערען דעם גאנג פון די ווערטער, אדער איבערדרעהען די צייכנונג (אין געאמעטריע), פלעגען זיי שוין ניט קענען זיך ריהרען פון ארט. אין באצוג צו א ענין ווי היסטאריע, איז דאס זוברעווען געווען דער כלל; און אזעלכע וואס האבען אריינגענומען אין זיך דעם שכל, דעם אינערליכען אינהאלט פון א פאסירונג, און איהר איבערגעגעבען אויף זייער אייגענעם שטייגער — אזעלכע זיינען געווען א זעלטענע אויסנאהמע.

דער לעהרער האט דאס נאטירליך געזעהן, אבער איהם האט דאס ניט געארט. דאס רוב לעהרער האבען דאס „זוברעווען” פשוט געפאדערט. זיי האבען דאס ניט אויסגעדריקט מיט ווערטער; אבער ווען אימיצער האט איבערגעזאגט דעם אוראק אויף א זעלבסטשטענדיגען אופן, און ניט אויף א מאשינאווען, האבען זיי ארויסגעוויזען אומצופרידענהייט. זיי האבען זיך געטשעפעט, און דער שילער האט געמעגט וויסען דעם אוראק אויסגעצייכענט, פלעגט ער קיין הויכע „אטמיעטקע” ביי זיי ניט באקומען.

עס איז א פאקט, אז דאס רוב לעהרער האבען די אוראקען אליין אויך „איינגעזוברעוועט”. זיי האבען דאס געפרואווט פארבארגען. עס איז אבער ניט געווען שווער צו באמערקען. געוועהנליך פלעגען זיי „זוברעווען” פון אן אנדער ביכעל, ניט פון דעם, וואס די שילער האבען געברויכט. עס פלעגט אבער אפט טרעפען, אז די שילער האבען געכאפט דעם קוואל, פון וועלכען די לעהרער שעפען זייער תורה. עס זיינען געווען לעהרער, וואס פלעגען דעם

אוראָק איבערשרייבען מיט אייגענע פראַזען, און די דאָזיגע פראַזען „אויסזוברעווען". און יעדען יאָהר פלעגט מען פון זיי הערען די זעלבע אויסדריקע מיט די זעלבע ווערטער. א לעהרער פון גע־שיכטע, למשל, האָט מיט געשיכטע זיך ניט אינטערעסירט. ער איז ניט געווען באַלעזען אין דעם ענין. ער האָט ניט געהאַט קיין ברייטען באַגריף וועגען איהם. און אויף זיין אוראָק האָט ער גע־קוקט ווי אויף א „סלוזשבע"־פליכט. מעהר ווי דאָס וואָס אין ביכעל שטעהט, האָט ער כמעט אליין ניט געוואוסט. דער שוהל־ביכעל איז ביי איהם געווען דער איינציגער וועג־ווייזער און פיהרער. אויב דער אינגעל האָט געזאָגט פונקט ווי דאָרטען שטעהט, איז דער לעהרער געווען זיכער, אַז עס איז גוט. טאָמער האָט ער געברויכט אַנדערע ווערטער, האָט דער לעהרער שוין זיין גע־פיהל פון זיכערהייט פאַרלאָרען.

עס איז אָבער געווען נאָך אַן אורזאַכע אויך. די צאַרישע רעגירונג האָט פיינט געהאַט יונגעלייט וואָס האָבען אייגענע גע־דאַנקען. דאָס האָט ביי איהר געשמעקט מיט „קראַמאָלא", דאָס הייסט מיט רעוואָלוציע, מיט די „נייע אידעען", וועלכע האָבען זיך דאַן פאַרשפּרייט אין די רוסישע אוניווערסיטעטען. „ניט סמעיע צו דיינקען! טהו ווי אַלע! געה אויף דעם אויסגעטראָטע־נעם וועג!" — דאָס איז געווען דער כלל; און ווען א שילער האָט אַרויסגעוויזען א נייגונג צו דענקען זעלבסטשטענדיג, האָט מען אויף איהם געקוקט מיט חשד. ווען א שילער האָט זיך ניט געהאַלטען שטרענג ביי די ווערטער פון דעם קאַזיאָנעם ביכעל, און האָט אַרויסגעוויזען אַן אייגענעם פאַרשטאַנד, האָט דאָס געמאַכט א שלעכטען איינדרוק.

קיינער פון די לעהרער האָט דאָס ניט אַרויסגעזאָגט. אָבער אַזוי איז געווען דער הערשענדער גייסט. צו האָבען אייגענע גע־דאַנקען, אידעען, צו געהן אויף א נייעם וועג איבערהויפּט, האָט שוין געהייסען „קראַמאָלא".

דער דאַמאָלסדיגער אינספּעקטאָר פון דער ווילנער פּראָגימ־נאַזיע האָט פאַרבאָטען זיינע שילער צו טראָגען קראַגענס מיט פאַר־בויגענע שפּיצען. דאָס איז שוין ביי איהם געווען א „נייער וועג". כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז די דאָזיגע שפּיצען פלעגט

ער רופען „אידעען". „אהא! א קראנען מיט אידעען!"—פלעגט ער זאגען, און ער פלעגט סטראשען צו נעהמען א שעהרעלע און די „אידעען" אפשניידען.

ווען די שוהל־ביכלעך וואלטען פארפאסט געווארען מיט שכל, וואלט נאך געווען א האלבע צרה. האט זיי דאס גראד געפעהלט. מיר וועלען דא נעהמען די דאמאלסדיגע שוהל־ווערק איבער גע־שיכטע אלס ביישפיל. דאס זעלבע וואלט מען געקענט זאגען וועגען אנדערע געגענשטאנדען — וועגען געאגראפיע, נאטור־וויסענשאפט, א. א. וו., מיט אזא אויסנאהמע ווי מאטהעמאטיק.

אין די זיבעציגער און אכציגער יאהרען זיינען אין אלע רוסישע שוהלען נעגאנגנען אילאוואיסקי'ס היסטאריע־ביכלעך: זיין „אלגעמיינע געשיכטע", „רוסישע געשיכטע", „אלטע געשיכטע", „מיטעלע געשיכטע", „נייע געשיכטע". דיזע ביכלעך האבען מיר געלערענט.

א פאר פון זיי זיינען דורך א צופאל מיר ארייגגעקומען אין די הענט מיט עטליכע און דרייסיג יאהר שפעטער, און איך בין ערשטוינט געווארען. וועגען דעם לאקייסקען גייסט, מיט וועלכען זיי זיינען דורכגעדרונגען, רייד איך דא ניט. אפילו פון א לא־קייסקען שטאנדפונקט האבען זיי אויך קיין זינען ניט.

דעם שילער איז געווען אבסאלוט אונמעגליך צו דערגעהן א טאלק. וועגען דער וויכטיגסטער היסטארישער פאסירונג האט מען איהם מכבד געווען מיט עטליכע שורות, וועלכע האבען איהם וועגען איהר ניט געגעבען קיין באגריף. אין די נעקסטע עטליכע שורות האט זיך שוין געהאנדעלט וועגען אן אנדער פאסירונג אדער סיטואציע, און אזוי ווייטער. די היסטארישע פאקטען זיינען געווען אנגעדרייטעט, אזוי ווי טרוקענע „קעפלאך" פון קאפיטלען.

ווען א אינגעל לערנט היסטאריע און ער געפינט אין איהר א טאלק, האט ער הנאה. קיין אינטערעסאנטערער געגענשטאנד איז ניטא. אין א לעהר־בוך קען מען, נאטירליך, אין קיין איינצעל־הייטען זיך ניט ארייינלאזען; מען קען אבער א היסטארישע פא־סירונג דערצעהלען גאנץ בקיצור, און דאך איהר מאכען אינטערע־סאנט. מען דארף נאר דעם תלמיד געבען א מעגליכקייט איהר צו פארשטעהן. ווי אילאוואיסקי אבער האט געשריבען געשיכטע, איז

זי געווען טרוקען און זינלאָז און ערגער ווי לאַנגווייליג. זיין שפּראַך איז געווען אַ גוטע, אַ שעהנע זשאַרגאָן; אָבער מיט דעם האָט ער נאָר פאַרטומעלט דעם שילער'ס מוח. קיין טעם האָט זי אין די שורות ניט אריינגעגעבען. בלעטלעך און בלעטלעך זיינען געווען פאַרנומען מיט ווערטער וועגען צוזאַמענשטויסען צווישען קעניגען, וועגען מלחמות און ווידער וועגען מלחמות. קיין בילד פאַר די אויגען און קיין קלאָרען באַגריף אין געדאַנק האָט דער שילער ניט געקענט באַקומען — ניט וועגען דער באַטרעפענדער צייט, ניט וועגען איהרע מענשען, ניט וועגען די אמת־אינטערע־סאַנטע זאַכען וואָס זיינען ביי זיי פאָרגעקומען; ניט זשאַרגאָן וועגען די קעניגען מיט די מלחמות, וועגען וועלכע אילאָוואַיסקי האָט גערעדט.

אין אינסטיטוט זיינען געווען איינציגע שילער, וואָס האָבען געהאַט אַ גוטען זכרון און סתם גוטע פעהיגקייטען, און זיי פלעגען אילאָוואַיסקי'ס בלעטלעך לייכט אויסלערנען און נעדענקען. טאָלק אָבער האָבען זיי אין זיי ניט געפונען.

שילער מיט אַ שווערען זכרון און אָהן פאַרשטאַנד פלעגען אַזעלכע אוראָקען אויך בייקומען. זיי פלעגען נאָר דאַרפען האָרע־וועון מעהר. וואָס ביי איינעם האָט געדויערט אַ האַלב־שעה, פלעגט ביי אַ צווייטען נעהמען צוויי אָדער דריי שעה. דער רעזולטאַט איז אָבער געווען דער זעלבער. און דעם לעהרער איז אויך געווען אַלץ איינס — אבי מען האָט דעם אוראָק געקענט אויף אויסווייניג.

איינער פון די „בעסטע" שילער אין אינסטיטוט, אין מיין צייט, איז געווען אַ באַריהמטער „טופּיצא" („גראָבע קאָפּ"). עס טרעפט אָפט, אַז אַזא שילער האָט גראָד אַ לייכטען זכרון. איהם אָבער האָט די נאַטור דאָס אויך ניט געגעבען. דער לערנען אויף אויסווייניג פלעגט איהם אָנקומען שווער. ער פלעגט מאַרשירען איבער'ן קאָרידאָר און כליאָבען די ווערטער אַזוי ווי לאָקשען; און אַזוי שפּרייזענדיג הין און צוריק, הין און צוריק, פלעגט ער זוברע־ווען, ביז ער האָט דעם אוראָק געקענט אויף אויסווייניג.

עס זיינען געווען עטליכע אמת־פעהיגע בחורים, וועלכע האָבען געהאַט אַ גוטען זכרון אויך. מיט זיי וואָלט מען געקענט אַ סך

אויפטאָן, אָבער ניט דורך אַזעלכע ביכלעך ווי אילאָוואיסקי׳ס, און ניט מיט אַזאַ סיסטעם, ווי די וואָס האָט ביי אונז געהערשט.

היינט זיינען פאַראַן אייניגע שוהל־ביכלעך איבער היסטאָריע, וואָס גיבען דעם שילער אַ קלאָרען אַלגעמיינעם באַגריף וועגען דעם ענין, און עס איז זיי אינטערעסאַנט צו לעזען. זיי גיבען איהם אַן אויסגעצייכענטען בילד פון דער אָדער יענער היסטאָרישער צייט. ער שטעלט זיך איהר פאָר; ער פאַרשטעהט איהר. ער לעבט זיך אין איהר אריין. אַזאַ בוך לערענט מען מיט פאַרגעניגען און מיט אמת׳ע נוץ.

און אַ גוטער לעהרער באַנוגענט זיך ניט מיט דעם. אַ חוץ דעם שוהל־ביכעל, וועיזט ער די שילער אָן אויף ביכער, וואו זיי קענען וועגען דעם ענין לעזען אויספיהרליכער. אַזעלכע ביכער זיינען פאַר דעם איינגעל אינטערעסאַנט ווי אַ ראָמאַן. מען דאַרף נאָר וויסען ווי איהם צו פאַראינטערעסירען. און נאָך דעם ווי ער האָט שוין דאָס איבערגעלעזען, האָט דער לעהרער מיט איהם אַ געשפּרעך וועגען דאָס געלעזענע. ווען דאָס לערנען געהט צוזאַמען מיט׳ן לעזען, און ביידע קומען פאַר אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַ פאַרנונפטיגען וועג־וועיזער, איז אָן אוראָק ניט אַן אונאַנגענעהמע און נוצלאָזע פליכט, נאָר אַ קוואַל פון תענוג און פאָרטשריט.

אין אינסטיטוט האָט מען פון אַזאַ סאָרט לערנען ניט געוואוסט, און אין דעם איז ער ניט געוועזען פאַרשידען פון די רוסישע גימנאַזיעס אָדער רעאַל־שוהלען. די לעהרער פלעגען די שילער אויפגעבען די אוראָקען, אַזוי ווי מען ניט אויף מאַשין־אַרבייט, און אויף מאָרגען פלעגען זיי זעהן צי די שילער האָבען זייער פליכט ערפילט. דאָס איז אַלץ. קיין נעהנטערע באַציהונגען צווישען זיי האָט ניט עקזיסטירט. און מעהר ווי מיט דעם אוראָק האָבען זיי זיך אין באַצוג צו זייער לערנען ניט אינטערעסירט.

אָבער אוועק׳פּטר׳ען אַלע אונזערע לעהרער מיט דעם זעלבען כּלל קען מען אויך ניט. עס זיינען צווישען זיי געוועזען אויסנאַהמען: קאַטעלניקאָוו, דער דירעקטאָר, וועלכער האָט אין די העכערע צוויי קלאַסען געלערענט מאַטהעמאַטיק; שטיינבערג, דער אינספּעקטאָר,

וועלכער האָט אין אַלע קלאַסען געלערענט דקדוק און תנ"ך; און לאַווראָוו, דער לעהרער פון נאַטור־וויסענשאַפט (זאָאָלאָגיע, באָטאַניק, מינעראַלאָגיע) און פיזיק, און א ביסעל פיזיאָלאָגיע און כעמיע.

.4
די לעהרער.

קאַטעלניקאָוו, דער דירעקטאָר, האָט דעם אינסטיטוט געפיהרט מיט אַן אייזערנער האַנט, און ער איז געווען אַ „טריי־אונטערטהעניגער". „אידעען" פון אַ פּאָליטישען כאַראַקטער האָבען אין זיין מוח קיין נעסט ניט געפלאָכטען. ער איז אָבער פון דער נאַטור געווען אַ מענש מיט אַ זעלבסטשטענדיגען כאַראַקטער און מיט אַ זעלבסטשטענדיגען אָרט דענקען און טאָן; און דאָס האָט זיך ארויסגעוויזען אין זיין ארבייט אַלס לעהרער און אַלס פּראָפעסער פון אַ לעהר־בוך.

אַלס לעהרער פון געאָמעטריע, גלויב איך, אַז ער איז געווען איינער פון די בעסטע אין רוסלאַנד. אין אַזאַ געגענשטאַנד קען מען אַלס לעהרער קיין סך נייעסען ניט אויפטאָן. אַלץ נעהמט נאָך דער שטרייננער לאָגיק, און אַ שטרייננע לאָגיק איז פאַראַן נאָר איינע. דאָך קען מען דעמזעלבען אמת ארויסזאָגען אויף פאַרשידענע אַרטען. מיט פאַרשידענע מיטלען קען מען איהם קלאָהר מאַכען פאַר איך, און קאַטעלניקאָוו פלעגט דאָס טאָן אויף זיין אייגענעם אַרט, מיט אָריגינעלע אייגענע מיטלען. אין אַ געאָמעטרישען שכל פלעגט ער נאָר אַ נייע נשמה ארייננבלאָזען. אַזוי פלעגט זיך מיר דוכטען.

ווען מיר האָבען שוין געענדיגט די גאַנצע געאָמעטריע, און געגומען אַלץ איבערלערנען ווידער פון אָנפאַנג, איז ער ניט געגאַנגען כסדר פון אָנהויב ביז'ן סוף, ווי פריהער. נאָר ער האָט דעם גאַנצען געגענשטאַנד צוטיילט אויף אָפּטיילונגען לויט אַזאַ פּלאַן, אַז דאָס גופא האָט געשאַפען אַ נייע קלאָרקייט; עס האָט דעם ענין אונז געמאַכט נאָך דייטליכער און אינטערעסאַנטער ווי פריהער.

איך בין ענטציקט געוואָרען. איך האָב געאָמעטריע גוט געקענט און געליבט. דאָך האָט מיר געדוכט, אַז ערשט איצט הויב איך איהר אָן צו פאַרשטעהן אין אמת'ן.

דער לעהר־בוך, וואָס ער האָט געדרוקט, איז געווען איבער מעכאַניקע, אַ געגענשטאַנד וועלכען מען האָט ניט געלערנט ניט ביי אונז, און ניט אין די גימנאַזיעס, נאָר אין די רעאַל־שולען (אין דעם העכסטען קלאַס), און דער ביכעל איז געווען אַנערקענט פאַר דאָס בעסטע שוהל־ווערק איבער דעם ענין. מען האָט איהם געברויכט איבער גאַנץ רוסלאַנד, און איך פלעג זעהן ווי רעאַליסטען פון דעם נעקסטען הויף קומען אריין צו קאַטעל־ניקאָוו'ען קויפען דעם ביכעל.

ער האָט געהאַט אַ טהעטיגע, אונרוהיגע נאַטור, וועלכע פלעגט איהם שטענדיג טרייבען צו נייע פלענער, צו נייע אויפ־טואונגען. און ער האָט זיך געהאַלטען ניט ווי אַלע מענשען פון זיין שטאַנד. צום ביישפיל: ער האָט קיינמאָל ניט געטראָגען קיין קאַפעלוש, נאָר אַ היטעל — די אָפיציעלע היטעל, מיט דער קאָקאַרדע פון דעם בילדונגס־דעפּאַרטמענט — ווי אַן איינפאַכער טשינאָווניקעל. אויך האָט ער קיינמאָל ניט גע־טראָגען קיין פראַק; אימער אַ מונדיר. איינפאַך — ווייל אַ היטעל און אַ מונדיר זיינען בעקוועמער. דעם מונדיר פלעגט ער ליב האָבען צו פאַרשפּילען איינגאַנצען, און דאַן פלעגט ער אָפט אריינרוקען די האַנט אין בוזים. אַ קאַפּעלוש און אַ פראַק זיינען געווען עלעגאַנטער, מעהר מעשה פראַנט; אָבער מיט אַזעלכע זאַכען האָט ער זיך ניט אינטערעסירט, סיידען ער פלעגט דאַרפען געהן אין טעאַטער אָדער אויף אַ וואַזשנעם באַנקעט אפשר; און דאַן פלעגט ער אָנטאָן אַ שוואַרצען פראַק מיט אַן אויסגעבלויזטע, ווייסע מאַנישקע.

ער האָט אַבסאָלוט קיינמאָל ניט געטראָגען קיין שירעם. אפילו אין דעם גרעסטען רעגען ניט. קיין געדולד ניט געהאַט.

אַ טעמפּעראַמענט האָט ער געהאַט אַ פייערדיגען, און אַ כאַראַקטער אַ הערשערישען. ער איז געווען אַ הויכער, אַ שלאַנ־קער, מיט אַ קרעפטיגע, באַוועגליכע פיגור, מיט אַ אינטערע־סאַנטען ברונעטען פּנים פון רעגעלמעסיגע געזיכטס־שטריכען,

וועלכע האָבען אָנגעוויזען אויף אַ שטאַרקען ווילען און נערוועזע ענערגיע.

איך האָב אויבען געזאָגט, אַז מיר האָבען איהם געהאַלטען פאַר ניט קיין סימפּאַטישען מענשען. אָבער וואָס האָבען מיר געוואוסט וועגען איהם און וואָס האָבען מיר געוואוסט פון מענשליכע כאַראַקטערען בכלל?

יועץ איך דערמאָן זיך איצט וועגען קאַטעלניקאָוו׳ען, פאַר־דריסט מיר פאַרוואָס איך האָב זיך קיינמאָל ניט געטראָפען מיט אימעצען וואָס וואָלט מיר געקענט געבען איינצעלהייטען פון זיין נאַטור און פון זיין לעבען. אַז ער איז ניט געווען קיין דריי־פאַר־אַ־גראָשענער טיפּ — אין דעם בין איך איבערצייגט.

יהושע שטיינבערג, אונזער אינספּעקטאָר, איז באַקאַנט אַלס דער פּראָפעסער פון אַ דקדוק, אַלס פילאָלאָגישער פאָרשער, און אויך אַלס שריפטשטעלער. אין דער העברעאישער וועלט פון די זיבעציגער און אַכציגער יאָהרען איז ער געווען איינע פון די בולט׳ע פיגורען.

היינטיגע העברעאיסטען זיינען אין די פילאָלאָגישע ער־קלערונגען פון דער שפּראַך אוועק אַ סך ווייטער ווי ער. ספּע־ציאַליסטען אויף דיזען ענין זאָגען מיר, צום ביישפּיל, אַז שטיינבערג, האָט די אַראַבישע שפּראַך ניט געקענט, און אָהן דעם איז אַ גרינדליכע באַקאַנטשאַפט מיט דער אָפּשטאַמונג פון העברעאישע ווערטער און מיט דער געשיכטע ווי אַזוי דער לשון האָט זיך ענטוויקעלט, אונמעגליך. אַזוי איז דאָס אָנגענומען ביי די פילאָלאָגען פון אונזער צייט. אויף זיינע פאָרשונגען און ערקלערונגען זאָגט מען היינט, אַז זיי זיינען פאַרעלטערט, צוריקגעשטאַנען. מיט פערציג־פופציג יאָהר צוריק אָבער האָט יהושע שטיינבערג רעפּרעזענטירט דאָס וויכטיגסטע און בעסטע וואָס אין דעם דערמאָנטען געגענשטאַנד איז דאַן אויפגעטאָן געוואָרען, און זיין דקדוק האָט זיך גערעכענט פאַר דעם לעצטען וואָרט פון דיזער וויסענשאַפט.

זיין דקדוק האָט דאַן עקזיסטירט נאָר אין דעם רוסישען אָריגינאַל, און ער האָט איהם געלערנט מיט אונז מיט גרינד־

ליכקייט און מיט ליבע. ער האט מיט אונז אויך געלערנט ישעיה — אלץ אויף רוסיש — אויך פון אן איינענעם ווערק, א געדרוקטען. און דיזע אוראקען זיינע האבען זיך אויך אויסגעצייכענט מיט טיפקייט און מיט א ווארימען אינטערעס פון זיין זייט.

לערנענדיג מיט אונז פלעגט ער אימער מאכען ענדערונגען אין זיין איינענעם ווערק, און מיר פלעגען זיי צושרייבען צו זיינע געדרוקטע שורות.

זיין יעדער אוראק איז געווען פול מיט ערקלעהרונגען, הויפטזעכליך פילאלאגישע; אבער אויך אזעלכע, וואס זיינען שייך צו היסטאריע, געאגראפיע אדער נאטור־וויסענשאפט.

ער איז געווען א וויכטיגער לעהרער — א צו־וויכטיגער איינענטליך. זיין ריכטיגער פלאץ איז געווען אין אן אוני־ווערסיטעט. ער איז פון דער נאטור איבערהויפט געווען מעהר געלעהרטער ווי לעהרער.

דער אמת איז אבער, אז ווען ער וואלט געווען דער בעהינסטער פעדאגאג אין דער וועלט, וואלט זיין ארבייט מיט אונז אויך געווען פרוכטלאז. מיר האבען זיך מיט העברעאיש ניט אינטערעסירט. און דאס איז א צו מילדער אויסדרוק. מיר האבען זיך געשעהמט מיט דעם פאקט, אז מיר מוזען דאס לערנען. מיר האבען שטיינבערג'ס אוראקען באזוכט און צוגע־פערטיגט ניט־זילענדיג.

אין מיין קלאס איז געווען נאר איין אויסנאהמע, איין שילער, וואס האט ליב געהאט העברעאיש, געקענט די שפראך און זיך צוגעהערט צו שטיינבערג'ס ווערטער מיט אינטערעס.

שטיינבערג איז אזוי געווען פארטיפט אין זיין פילאלאגיע, און אזוי צוטראגען, אז עס איז איהם לייכט געווען אפצונארען. בשעת דער שילער פלעגט פאר איהם זאגען דעם אוראק, פלעגט ער, שטיינבערג, האלטען זיינע קורצזיכטיגע אויגען אויף זיין טישעל, און אפט נארניט הערען, וואס יענער זאגט. און אז ער פלעגט יא הערען, פלעגט דער שילער אין דערהויך לעזען

פון דער געדרוקטער איבערזעצונג, און שטיינבערג פלעגט מיינען, אז ער זאָגט דאָס אליין. דאָס פלעגט טרעפען צוויי־דריי מאָל אויף יעדען אוראָק זיינעם.

ער פלעגט אונז ארויסגעבען צו מאַכען איבערזעצונגען פון רוסיש אויף העברעאיש. פלעגט פאַסירען דאָס פאָלגענדע: ער רופט אויס א שילער, און יענער קומט צו צום טישעל מיט זיין איבערזעצונג. שטיינבערג קוקט דאָס דורך, פאַרריכט גרייזען, מאַכט סתם פאַרבעסערונגען, שטעלט אונטער דער איבערזעצונג אוועק אַ „אָטמיעטקע", און שרייבט זיך אונטער. דער שילער קערט זיך אום אויף זיין באַנק, און שטיינבערג רופט אויס א צווייטען שילער. דער צווייטער שילער האָט אָבער קיין איבערזעצונג ניט צוגעפערטיגט. ער האָט געהאָפט, אז אויף דעם אוראָק פון העברעאיש וועט מען איהם היינט ניט אויס־רופען. וואָס־זשע טוט מען? כאַפּט ער דעם ערשטען שילער'ס העפט און טראָגט צו צום טישעל די איבערזעצונג, וואָס שטיינבערג האָט אָקאָרשט איבערגעקוקט. ער האַלט צו די העפט אזוי, אז די פרישע אָטמיעטקע מיט דעם לעהרער'ס אונטער־שריפט פאַרשטעלט ער מיט די פינגער. אזוי לייגט ער דאָס אוועק, אַלץ האַלטענדיג די פינגער אויפ'ן פּאַפּיר. דער צוטראָ־גענער פילאָלאָג באַמערקט קיין זאַך ניט. ער שטעלט זיינע קורצזיכטיגע אויגען און אויף די שורות, מיט איין פינגער קלאַפּט ער אויף זיין גרויער וואָנצע, ווי זיין שטייגער איז געווען, און לעזט ווידער.

זיינע אייגענע ענדערונגען, וועלכע ער האָט געמאַכט מיט דריי מינוט פריהער, דערקענט ער איצט ניט. ער מאַכט א פּאָר נייע ענדערונגען; ער בייזערט זיך אויף דעם שילער פאַר א נייעם גרייז; זוכט אויף דער זייטעל אויס א פרייען פלאַץ, שטעלט א נייע „אָטמיעטקע", גאָר אַנאַנדערע ווי פריהער, און שרייבט ווידער אונטער זיין נאָמען — אויף אַנאַנדער ווינקעל פון דעם בלאַט.

ווען איך בין געווען אין פערטען קלאַס, איז שטיינבערג קראַנק געוואָרען אויף א פוס, און איז אָפּגעלעגען א היבשע צייט. ווען ער איז געקומען צוריק צו אונז, האָט ער אביסעל



יהושע שטיינבערג.

צוגעהונקען. ארום דיזער צייט איז אימיצער געשטאָרבען אין זיין פאמיליע.

איינמאָל, ווען ער איז געווען אין אונזער קלאַס, האָט סאטעלניקאָוו איהם ארויסגערופען אין קאָרידאָר. א שילער פון אַנאַנדער קלאַס איז דאן גראד געווען אויפ׳ן קאָרידאָר און ער האָט צוגעהערט דעם פאָלגענדען געשפּרעך:

— איך האָב אייך אָנצוזאָגען א טרויעריגע נאַכריכט — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט אין א שפּאַסיגען טאָן.

— די לעצטע צייט בין איך אזוי צוגעוואוינט געוואָרען צו טרויעריגע ערפאַהרונגען, אז די ערגסטע נייעס קען מיר שוין ניט איבערראשען.

— עס איז אָנגעקומען פאַר אייך א נאַכריכט פון דעם הייליגען סינאָד, אז מען האָט אייך באַשטימט א מתנה פון 500 רובעל פאַר אייער ווערטער־בוך, — האָט דער דירעקטאָר איהם דאן ערקלעהרט.

דער ווערטער־בוך איז געווען פון העברעאיש אויף רוסיש, און ער איז ערשינען מיט אייניגע מאָנאַטען פריהער. אזוי ווי העברעאיש לערנט מען אין די גלחים־סעמינאַרען און אַקאַדעמיעס, איז דער בוך געווען וויכטיג פאַר דעם „סינאָד“ (דער מיני־סטעריום איבער די קירכען).

איינער פון אונזערע שילער האָט אַמאָל ערהאַלטען א בריעף פון אַמעריקא. ער האָט געהאַט א פאַרהייראַטען ברודער אין באָסטאָן, און זיין פרוי איז געווען א געבאָרענע אַמעריקאַ־נערין, האָט זי צו איהר מאַן׳ס בריעף צוגעשריבען א זייטעל אויף ענגליש. מיר זיינען אַלע געווען איבערצייגט, אז שטיינ־בערג קען פילע שפּראַכען. וועגען ענגליש איז ביי אונז קיין ספק ניט געווען. אַלזאָ, האָט דער דערמאָנטער שילער איהם געגעבען איבערלעזען דעם באָסטאָנער בריעף. מיר זיינען געווען זיכער, אז ער וועט איהם איבערגעבען דעם אינהאַלט גלייך אויפ׳ן אָרט. שטיינבערג האָט אָבער דעם בריעף אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע און צוגעזאָגט אויף מאָרגען צו ברייגנען די איבערזעצונג. מיר זיינען געווען שטאַרק ענטוישט. צי דען

מוז ער האָבען ווערטער־ביכער און צייט אויסצוגריבלען די בעדייטונג פון א פּאָר צעהנדליג ענגלישע שורות?

צווישען די בעסערע לעהרער האָב איך אריינגערעכענט לאוורָאָוו'ען, דעם לעהרער פון נאטור־וויסענשאפט און פיזיק. ער האָט זיך מיט זיינע געגענשטאנדען אינטערעסירט, און ער האָט זיי אונז געלערנט אויף די נייסטע וועגען, וואָס האָבען דאן עקזיסטירט. איך גלויב ניט, אז ער האָט געהאט באזונדערע פעהיגקייטען בכלל און אלס לעהרער בפרט. דאָך האָט ער אונז אין געוויסע באציהונגען געבראכט גרויסע נוצען. צום ביישפּיל: ער האָט אונז עטליכע מאָל געפיהרט אונטער'ן שטאָדט, געוויזען געוויסע פלאנצונגען, אָנגעצייגט אויף זייערע פארשידענע טיילען, און אונז אלץ געגעבען צו פארשטעהן.

אָהן אזעלכע „עקסקורסיעס" איז באָטאניק א לאנגווייליגער געגענשטאנד. מיט זיי האָט ער איהר פון טויט לעבעדיג געמאכט. נאָך יעדען שפּאציר אזעלכען פלעגען מיר גאנצע טעג פאנאנדערגלידערען סווייטעלעך, באקוקען זיי, קוקען אין ביכעל, לעזען אין אנדערע ביכער וועגען דעם ענין. ליידער אָבער האָבען אזעלכע וויסענשאפטליכע שפּאצירען שטאטגעפונען נאָר א פיער־פינף מאָל. די אלגעמיינע אונטערריכט־סיסטעם איז ניט געווען צוגעפּאסט צו זיי.

לאוורָאָוו איז אָנגעקומען צו אונז דירעקט פון אוניווערסיטעט, און ער האָט נאָך אויסגעוויזען ווי א סטודענט. א הויכער, א דארער, מיט ווייכע, לאנגע, בלאָנדע האָר, וואָס זיינען שעהן געפאלען פון ביידע זייטען קאָפּ איבער'ן שטערן, האָט ער אויף אונז געמאכט אן איינדרוק פון א ראדיקאלען סטודענט. און אין אמת'ן איז ער דאן טאקע געווען אביסעל אָנגעשטעקט מיט די „נייע אידעען". ער האָט זאָגאר געשריבען אָהן דעם בוכשטאב „טוויארדי זנאק". דער בוכשטאב איז א גאנץ איבעריגער, און ראדיקאלע יונגעלייט האָבען זיך געוואוינט אויסצוקומען אָהן איהם. אלזא, האָט מען דאָס געהאלטען פאר א סמן פון „קראמאָלא".

פארוואָס דאָס האָט לאוורָאָוו'ען ניט געשאדט צו זיין

קאריערע, איז פאר מיר א רעטעניש. עס איז זעהר מעגליך, אז טראָץ זיין „ראדיקאליזם“, איז ער געווען א געוועהנליכער טשינאָווניק, און אז פערזענליך האָט ער אויף נאטשאלסטוואָ געמאכט אַן איינדרוק אלס א „טריי־אונטערטהעניגער“ בעאמטער. איך גלויב, אז ער איז געווען א כאראקטערלאָזער מענש. מיט די „טוויאָרדי זנאקען“ האָט ער יערענפאלס באלד שלום געמאכט.

קיין אונסימפאטישער איז ער אָבער ניט געווען. ער האָט עהרליך געארבייט אונז צו געבען א ריכטיגע ערציהונג אין זיין אפטיילונג. מיט זיין שמייכעל, מיט זיין אלגעמיינעם אויסזעהן און מיט זיינע מאניערען איז ער געווען פון דעם סאָרט וואָס געפעלט אלעמען. ער האָט געהאַט חן ביי אונז, און ער האָט געהאַט חן ביי די לעהרער און ביי דעם דירעקטאָר. דאָס איז מסתמא געווען איינע פון די אורזאכען פארוואָס מען האָט זיינע ניט־געפעהרליכע „עבירות“ קיין אויפמערקזאמקייט ניט גע־שאָנקען.

די גרעסטע צאָהל אוראָקען האָט אונז געגעבען א לעהרער מיט'ן נאָמען דאדיקין — דער לעהרער פון רוסיש און פעדא־גאָגיק. אונטער דעם נאָמען „רוסיש“ האָט מען ארייננערעכענט עטלאכע געגענשטאנדען, וואָס זיינען פארבונדען מיט דער רוסישער שפראך, ווי צום ביישפיל, סלאוויאניש — די מוטער פון רוסיש, — טעאָריע פון ליטעראטור, געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראטור. דאָס אלץ האָט אונז געלערנט דאדיקין.

אויף דער רוסישער שפראך גופא האָט מען אונז געגעבען מעהר שטונדען ווי אויף אלע אנדערע ענינים — פיעל מעהר ווי מען האָט נעגעבען די שילער פון די גימנאזיעס אָדער רעאל־שוהלען. דער צוועק איז געווען „איבערצוברעכען אונזער צונג“, און איינצופלאנצען אין אונז דעם הערשענדען לשון אזוי גרינדליך ווי מעגליך. מיט'ן לערנען אויף אויסוויינינ האָט מען געמיינט צו ענטוויקלען אונזער זכרון. אָבער דער ספּע־ציעלער צוועק איז דערביי געווען צו פארבעסערען אונזער רוסישע אויסשפראך.

די גאנצע פיער יאָהר, צום ביישפיל, האָבען מיר נעמוזט

לערנען געדיכטען אויף אויסווייניג. אַלע טאָג אזוי. דאַדיקין פלעגט נעמען פושקין'ס א באַריהמטע פּאָעמע, און יעדען טאָג אונז „אויפגעבען" א געדרוקטע זייטעל. אויף דיזען אַרט האָבען מיר אויסגעלערנט אויף אויסווייניג דעם גאַנצען „יעווגעני אָניעגין", „פּאָלטאַווא", „באַכטשיסאַראַיסקי פאָנטאַן", און אָהן א צאָהל קלענערע פּאָעמען.

דאָס האָט מען גערעכענט פאַר א גוטען מיטעל ביי אונז איינצושטעלען א ריכטיגע רוסישע „פּראָאיזנאָשעניע".

די פליכט אויסצולערנען פּאָעמעס אויף אויסווייניג האָבען מיר אַלע פיינט געהאַט, אפילו די וואָס האָבען געהאַט א גוטען לייכטען זכרון האָבען דאָס אויך געהאַלטען פאַר א לאַסט. און דאַדיקין איז געווען זעהר שטרענג צו אונז. מיר האָבען פאַר איהם מורא געהאַט מעהר ווי פאַר אַלע אַנדערע לעהרער, אויסער קאַטעלניקאָוו'ען, און מיר פלעגען איהם שטענדיג קריטיקירען צווישען זיך. פון זיין אַרט לערנען אונז ליטעראַטור, סלאַ־וויאַנישע גראַמאַטיק אָדער פּעדאַגאָגיק, פלעגען מיר אָפּלאַכען.

עפּעטער פון אַלץ פלעגט ער די שילער באַשולדיגען, אז זיי ריידען געוויסע בוכשטאַבען אויס צו האַרט. ער פלעגט שרייען: „מיאַכטשע! מיאַכטשע! (ווייכער! ווייכער!), און דערביי פלעגט זיין נעזיכט אויסדריקען אונגעדולד און כעס.

דאָס רוב פלעגט דער שילער ניט פאַרשטעהן וואָס ער מיינט. אן אויסשפּראַכע איז איינגעוואָרצעלט כמעט פון גע־באָרענשאַפט אָן, און מיר פיהלען גאָרניט צי מיר ריידען האַרט אָדער ווייך. ווען דאַדיקין וואָלט אונז געוויזען אין וואָס עס באַשטעהט דער אונטערשיד צווישען דעם וואָרט „משאי", למשל, ווי ער זאָגט איהם אַרויס, און ווי מיר זאָגען איהם אַרויס, וואָלט אונז לייכטער געווען זיך צו פאַרבעסערען, דאָס האָט ער אָבער ניט געטאָן. ער פלעגט נאָר שרייען „מיאַכטשע!", און מיר האָבען ניט געקענט באַגרייפען מיט וואָס זיין „משאי" איז דאָס ווייכער ווי אונזערער.

ווען מיר פלעגען צווישען זיך ריידען וועגען דאַדיקין'ען און אָפּלאַכען פון איהם, פלעגען מיר איבערקרימען זיין „מיאַכטשע! מיאַכטשע!".

דאָך האָבען מיר זיך ביי איהם פיעל אויסגעלערנט, און מיר פלעגען זיך באריהמען, אז מיר ריידען רוסיש בעסער ווי די אידישע גימנאזיסטען.

ער איז געווען א ברונעט, מיט שווארצע האָר און „באקען־בערד“, מיט א גלייכע פיגור און א שטאָלצע „פּאָכאָדקע“. ער האָט געטראָגען העל־בלויע ברילען, און דער ברונעטער קאָליר פון זיין הויט האָט אויך פארטראָגען אין א בלויקייט. ער איז געווען א שעהנער מאנסביל פון א יאָהר דרייסיג. אין שטאָדט האָט ער געהאַט א שם פאר א „קראסאוועץ“.

צו דערזעלבער צייט, וואָס ער האָט געלערנט מיט אונז, האָט ער געגעבען אוראקען אין דער מיידעלשער גימנאזיע אויך, און מען פלעגט דערצעהלען, אז פילע פון זיינע שילערינס זיינען פארליבט אין איהם. א מיידעל איז געניינט זיך צו פארליבען אין איהרען א לעהרער (אָדער א גלח), אפילו ווען ער איז ניט קיין שעהנער; אָבער ער האָט באזיגט א סך מעהר הערצער ווי די אנדערע לעהרער פון דער מיידעלשער גימנאזיע.

דער לעהרער פון געשיכטע איז נאָך אָרלאָווסקי'ן צוערשט געווען איינער טורצעוויטש, א הויכער, א פארשלאָפענער. ער פלעגט האָבען א געוואוינהייט אריינצולייגען זיין זייגער אין מויל, און אזוי ארומצוגעהן הין און צוריק איבער'ן קלאס־צימער, ווי א פאר'חלום'טער. מיר האָבען איהם געהאלטען פאר א „גוטען“ לעהרער. דאָס הייסט, ער איז ניט געווען קיין שטרענגער.

ער איז אוועק, און אויף זיין פלאץ איז אָנגעקומען א לעהרער מיט'ן נאָמען פּראוואָסודאָוויטש — א לעבעדיגערער און א שטרענגערער, ווי טורצעוויטש. אויך איז ער געווען קלענער געוואקסען ווי טורצעוויטש, א גוט־אָפּגעקאָרמעטער, א בלאָנדער, מיט א קלוגען שמייכעל אויף זיין לעבעדיגען פנים. ער איז געווען ניט קיין אונפעהיגער מענש, אָבער היסטאָריע האָט ער מיט אונז געלערנט אויפ'ן קאזיאָנעם שטייגער.

וואָהל, דער צווייטער לעהרער אויף אידישע געגענשטאנדען, האָט מיט אונז געלערנט אידישע געשיכטע, תהלים, קאטעכיזם

(פרינציפען פון דער אידישער רעליגיע), „מורה נבוכים" און נאך א ווערק פון רמב"ם — איך געדענק שוין ניט וועלכע.

אפט, ווען איך דערמאן זיך אן איהם, דערמאן איך זיך אויך אן פראוואסודאוויטש'ען. וואהל האט געהאט אן עכט־אידישען פנים, מיט א גערדיכטע, שווארצע בארד, וועהרענד פראוואסודאוויטש האט געהאט א רוסישע, אדער אפשר א רוסיש־פוילישע, געזיכט, מיט העלע האר און א העלע בערדעל. אבער אייגען האבען זיי ביידע געהאט כיטרע־קלוגע, און די פיגורען זיינען ביי ביידען געווען נידעריגער ווי מיטעל־מעסיגע און גוט־געשפייזטע. ביידע זיינען געווען ניט קיין נארָנים, און ניט קיין טעמפּע מענשען; און ביידע האבען געשיינט צו זיין באלעזען; און דאך האבען זיי ביידע מיט אונז געלערענט אויף דעם געוועהנליכען קאזארמע שטייגער.

קיין געדרוקטע אידישע געשיכטע איז אויף רוסיש נאך דאן ניט געווען; האט וואהל פון דייטשע קוואלען צוזאמענגע־שטעלט א געשריבענעם לעהר־בוך איבער דעם געגענשטאנד. זיינע „זאפּיסקעס" (געשריבענע אוראקען) פלעגען מיר איבער־שרייבען איינער ביי דעם אנדערען, דאס הייסט ביי די, וואס האבען דעמזעלבען אוראק געלערענט פאראיאהרען. און אזוי זיינען זיי איבערגעגעבען געווארען פון יאהר צו יאהר.

יעדען אוראק פלעגען מיר איבערשרייבען און „אויסזוברע־ווען". ווען אימיצער האט אמאל געפרופט זאגען א שטיקעל מיט זיינע אייגענע ווערטער, פלעגט וואהל ווערען אין כעס.

כמעט יעדער פון אונז האט געהאט זיינע אייגענע „זא־פּיסקעס". איך בין צוערשט געווען איינער פון די אויסנאהמען. איבערשרייבען, קאפּירען איז ניט קיין אינטערעסאנטע באשעפ־טיגונג. אלזא, האב איך דאס אלץ אפגעלייגט און אפגעלייגט.

ווען איך בין אריבערגעגאנגען פון צווייטען קלאס אין דריטען, אין דער וואקאציע צייט, האט מיינער א פריוואט שילער מיר פארגעשלאגען דאס צו טאן פאר מיר. זיין נאמען איז געווען האלפערין, און ער איז געווען זעהר א סימפּאטישער און אינטערעסאנטער אינגעל. איך האב איהם געגעבען אוראקען אין די פרייע מאנאטען, און דורך דעם זיינען מיר צוגעבונדען

געוואָרען איינער צום אנדערען. ער פלעגט שרייבען מיט גרויסע, קלאָרע, דייטליכע בוכשטאבען. אלזאָ, האָב איך זיין פאָרשלאָג אָנגענומען מיט פארגעניגען. און אז כ'האָב שוין געהאט איינגענע „זאפּיסקעס", האָב איך זיך שוין פאר דער זאך גענומען ווי עס בּאדארף צו זיין (ווי מיין טבע איז געווען כמעט אין אלץ). איך האָב געקויפט די בעסטע פאפּיער, וואָס איך האָב געקענט קריגען אין ראדין'ס קראָם, בין אריין צו אן איינבינדער און דאָס געלאָזען איינבינדען אין א שטארקען, גוטען, שעהנעם בּונד. אין דעם דאָזיגען בוך האָט האלפּערין אריינגעשריבען די אלע „זאפּיסקעס" וואָהל'ס, ניט נאָר פון די ערשטע צוויי קלאסען, נאָר אויך פון די נעקסטע צוויי.

פון די אנדערע געגענשטאנדען, וועלכע וואָהל האָט מיט אונז געלערנט, שטעהט תהלים אין מיין זכרון אמ'בּולט'סטען. מיר האָבען געהאט גרויסע ברייטע תהלים'ס, מיט דעם אָריגינאל אויף איין זייט און דער רוסישער איבערזעצונג אויף דער אנדערער. דעם תהלים פלעגט ער פאר אונז פארלעזען, פאר־טייטשען און ערקלעהרען. מיר פלעגט זיך אָבער דוכטען, אז יעדער קאפּיטעל איז א מיש־מאש פון ווערטער, וואָס קלעפּען זיך ניט איינער צום אנדערען.

ער האָט זיך אלץ געקליבען זיינע „זאפּיסקעס" צו דרוקען. ער האָט אָבער געהאט ווייניג ענערגיע. איידער ער האָט זיך צוגעקליבען, האָט אנאנדערער אָפּגעדרוקט א אידישע געשיכטע אויף רוסיש, און דערביי האָט ער זיך גאנץ ברייט באנוצט מיט וואָהל'ס „זאפּיסקעס". יענער איז געווען א לעהרער אין דער נאטשאלנאיע אוטשילישטשע, וועלכע איז געווען פארבונדען מיט אונזער אינסטיטוט. אלזאָ, האָט וואָהל איהם אָנגעקלאָגט פאר'ן דירעקטאָר, און דער רעזולטאט איז געווען א קאָלעגע־געריכט. וואָהל האָט אין דער געדרוקטער היסטאָריע אָנגעוויזען אויף גאנצע זייטלעך, וואָס זיינען געווען כמעט ווערטערליך גענומען פון זיינע „זאפּיסקעס".

אין זיין פארטיידיגונג האָט דער אָנגעקלאָגטער ערקלעהרט, אז ער האָט די זאפּיסקעס געלעזען, און די אָנגעוויזענע שטעלען זיינען מסתמא פארבליבען אין זיין זכרון אָהן זיין באוואוסטזיין.

די זיצונגען פון דעם געריכט זיינען פאָרגעקומען אין איינעם פון די קלאַס־צימערען. ווען די ריכטער האָבען אָנגעפאַנגען זייער בעראַטונג, איז וואָהל און דער אָנגעקלאָגטער ארוים אין קאָרי־דאָר. איך געדענק ווי מיר האָבען געקוקט ווי זיי געהען אום הין און צוריק, אויפגערעגטע, אויסמיידענדיג ניט צו קומען נאָהענט איינער צום אַנדערען.

געענדיגט האָט זיך דער פּראָצעס, ווי דאָס רוב אַזעלכע פּראָצעסען ענדיגען זיך: מען האָט דעם אָנגעקלאָגטען ניט געוואָלט רואינירען, און מען האָט די געשיכטע פארגלעט מיט א קאָמפּראָמיס.

וואָהל האָט דאַן ענדליך זיך גענומען צו דער ארבייט, און זיינע „זאפּיסקעס" צוגעפערטיגט צום דרוקען. דער בוך איז ערשינען, ווען איך בין שוין ניט געווען אין רוסלאַנד.

איך האָב בעמערקט, אז וואָהל איז געווען א באַלעזענער מענש. אָפּט, זאָגענדיג דעם אוראָק פאַר אונז, פלעגט ער צוגעבען אינטערעסאַנטע איינצעלהייטען, אָדער מאַכען באַמער־קונגען, וועלכע זיינע „זאפּיסקעס" האָבען ניט ענטהאַלטען. דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטערט צו פאָדערען אז מיר זאָלען זיינע „זאפּיסקעס" לערנען וואָרט־אין־וואָרט אויף אויסווייניג.

אמאָל, אין אַן אוראָק, אין וועלכען עס זיינען דערמאָנט געוואָרען די כלים פון דעם בית המקדש, ווי מען האָט זיי געפיהרט אין טיטוס'עס זיעג־פּראָצעסיע, האָט ער באַמערקט:

— אין רוים שטעהט עד היום דער דענקמאָל, וואָס מען האָט אוועקגעשטעלט לכבוד טיטוס'עס זיעג, און אויף איהם זיינען אויסגעקריצט די דאָזיגע כלים. אויף דיזען ארט ווייס מען ווי זיי האָבען אויסגעזעהען.

די באַמערקונג האָט אויף מיר געמאַכט א טיפען איינדרוק. פון דאַמאָלס אָן האָב איך געגאַרט צו זיין אין רוים.

רוסיש האָט וואָהל גערעדט מיט א פיינער ליטעראַרישער שפּראַך, אָבער מיט א ליטוויש־אידישער אויסשפּראַך.

ווען ער פלעגט דערהערען א אידישען וואָרט פון א שילער, פלעגט ער זיך געבען א כאַפּ, אַזוי ווי פון ווייטאָג, פונקט ווי מען וואָלט נעזאָגט אַן אונאַנשטענדיגע זאַך.

אלס צווייטער לעהרער אויף מאטעמאטיק, אונטער קא־טעלניקאוו׳ען, איז געווען א רוס מיט׳ן נאמען איוואן אנדרע־יעוויטש זיוזיוקין (מארעל איז אוועק ווען איך בין אריבערגע־גאנגען אין צווייטען קלאס). אין יאהרען איז ער געווען דער עלטסטער פון אלע לעהרער. ער האט געמוזט זיין א יאהר פופציג, און אפשר מעהר. ניט קיין הויכער, אינגאנצען ארומ־געגאלט, אהן וואנצעס, זעהר א העפליכער, מיט א שמייכעל אויף זיין געגאלטען פנים, האט ער געמאכט דעם איינדרוק פון א טשינאווניק פון פריהערדיגע דורות. ער פלעגט אין אונז ארויסרופען א געמישטען געפיהל פון ליבע און שפאט. און דער שפאט איז געווען טיילווייז פארבונדען מיט דעם קלאנג פון זיין נאמען, וואָרים „זיוזיוקין" איז אן אנצוהערעניש אויף „שכור".

ווען ער פלעגט זיצען ביי זיין טישעל און קוקען אין זשורנאל, און דאן פון דעם זשורנאל אויפהויבען די אויגען, פלעגט איין אויג אויסזעהען א סך גרעסער ווי די אנדערע.

ווען א שילער פלעגט ניט וויסען זיין אוראק, פלעגט זיוזיוקין מאכען אזא טרויעריגען פנים, אז עס פלעגט זיך אונז ווען לאכען. זיין טרויעריגער פנים פלעגט אמאל שמעקען מיט א שלעכטער „אטמיעטקע", אבער ניט אימער.

אין אלגעמיין קען מען זאגען, אז ער איז געווען א ליבלינג ביי אונז.

איינמאל האבען מיר זיך דערוואוסט ווען זיין געבורטסטאג איז און מיר האבען איהם צוגעגרייט א סורפריז. יענעם טאג, ווען ער איז אריינגעקומען אין קלאס, האבען מיר זיך אוועק־געשטעלט און אויסגעשריען אין א כאר: „מיר באגריסען אייך מיט אייער געבורטס־טאג, איוואן אנדרעיעוויטש!" פון אנגע־נעהמער איבעראשונג איז ער געוואָרען רויט ווי א בוריק. ער האט זיך גענייגט אהין און אהער, אפשר צעהן מאל. דערביי האט ער באמערקט מיט א שמייכעל:

— די יאהרען געהען ניט צוריק. שוין דער 47טער גע־בורטס־טאג.

אין א יאהר ארום, דעמזעלבען טאג, האט זיך די סצענע ווידערהאלט. מיר האבען איהם באגריסט מיט זיין געבורטס־

טאָג; ער האָט זיך געזעגנט און געדאַנקט אונז. דערביי האָט ער אַזוי געזאָגט:

— יאָ, די יאָהרען געהען ניט צוריק! פאַר־אַ־יאָהרען בין איך געווען 46 און היינט שוין 47!

ביי אונז האָט זיך אָנגעקליבען אַ גאַנצער זשאַרגאָן פון שפּאַסיגע ווערטלעך און פראַזען, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען פון אונזער אינסטיטוטישען לעבען, און די דאָזיגע באַמערקונג זיוזיוקין׳ס איז געווען איינע פון זיי. ווען מיר האָבען געפיהלט אַז אַ שילער זאָגט אַ ליגען, פלעגען מיר אויסשרייען:

— יאָ! פאַר־אַ־יאָהרען 46 און היינט שוין 47!

דער לעהרער פון מוזיק איז געווען די וויכטיגסטע פיגור אין דער מוזיקאַלישער וועלט פון ווילנא. ער איז געווען דער קאַפּעלמייסטער פון דעם אָרקעסטער אין דעם ווילנער טעאַטער, און אַן איינגעהער ביי דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר און ביי דער גאַנצער קריסטליכער אַריסטאָקראַטיע פון שטאָדט. דעם אידישען עולם האָט זיך כמעט ניט געגלויבט, אַז ער איז געבליבען אַ איד. רוסיש האָט ער אָבער גערעדט שלעכט, און מיט אַ שטאַרקען אידישען אַקצענט. און אַ פּנים האָט ער געהאַט אַן עכט־אידישען.

זיין נאָמען איז געווען עבאַן, און זיינע עלטערן זיינען געווען קאָוונער אידען.

ער איז געווען ניט הויך געוואַקסען און האָט געהאַט אַ געל־דונקעלען פּנים, שוואַרצע האָר און שוואַרצע באַקען־בערד. איבעריג שעהן איז ער ניט געווען. ער האָט זיך אָבער אַזוי געפּוצט, אַז מען האָט איהם כמעט געהאַלטען פאַר אַ שעהנעם יונג.

אין די הויכע פענסטער האָט מען איהם באַדאַרפט האָבען צוליב זיין מוזיק. און אויף אַ מוזיקער פלעגט מען דאָרטען קוקען ווי אויף אַ מין פּורים־שפּילער. אין אַזאַ ראָלע איז אַ איד אויך גוט. עבאַן פלעגט זיך אָבער האַלטען אַזוי ווי

מען וואָלט איהם אהין גערופען צוליב איהם אליין, גלייך ווי ער וואָלט געווען א גראַף אָדער א הויכער גענעראַל.

פון טעאַטער און פון פּריוואט קאָנצערטען האָט ער געהאט א פיינעם איינקונפט, און ער האָט געלעבט טאקע ווי א גראַף. וואס פאר א אינטערעס ער האָט געהאט צו לערנען אידישע אינסטיטוטשיקעס זינגען, ווייס איך ניט גענוי. מיר דאכט אָבער, אז דער „פּאָפּעטשיטעל" (דער הויפּט איבער די בילדונגס־אנשטאַלטען פון די זעקס גובערניעס פון ווילנער ווילנא איז געווען די הויפּט־שטאָדט), האָט איהם געבעטען, אז ער זאָל די שטעלע אָננעמען.

אין די מוזיק־אוראָקען האָבען די אינגלעך פון דער נאַ־טשאַלנאָיע אוטשילישטשע אנטייל גענומען צוזאמען מיט די שילער פון די פיער קלאַסען אינסטיטוט. אויף דיזען אָרט האָבען מיר געהאט א כאָר פון פיער־ערליי שטימען: דיסקאַנטען, אַלטען, טענאָרען און באַסען — צוזאמען ביי אכציג־ניינציג זינגער. אזוי ווי די שילער פון פערטען קלאַס זיינען געווען פּראַקטיקאַנטען אין דער נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע, איז אויס־געקומען אז זיי האָבען זיך געלערנט זינגען מיט זייערע תלמידים אינאיינעם.

עבאַן איז געווען אַן אויסגעצייכענטער כאָר־דיריגענט און אָרגאַניזאַטאָר, און ער האָט ביי אונז אויסגעארבייט איינע פון די בעסטע געזאַנג־אָרגאַניזאַציעס אין די זעקס גובערניעס. אַלס לעהרער אָבער האָט ער געהאַט צו ווייניג געדולד.

אָפּט, ווען א שילער פלעגט נעמען א פאַלשען טאָן, פלעגט ער מאַכען אזעלכע גוואַלדען, אז מען האָט געקענט הערען איבער'ן גאַנצען הויף. דעם שולדיגען פלעגט ער זידלען אויף א קאָמישען אופן. אמאָל, צום ביישפּיל, האָט ער צו א שילער פון פערטען קלאַס גענומען שרייען: „איך וועל אייך אָנכאַפּען פאר אייער לאַנגען נאָז און שלעפּען אייך איבער'ן גאַנצען זאַל". און דעם אונגליקליכען'ס תלמידים פון דער נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע האָבען דאָס געהערט.

ביי אזעלכע סצענעס פלעגט עבאַן'ס קאָמישער רוסיש קלינגען נאָך קאָמישער ווי געוועהנליך.

אלס מוזיקער איז ער אפשר געווען צו גוט פאר אונז.

ער האָט מיט אונז געזונגען רוסישע פאָלקס־לידער און צאַריש־פּאַטריאָטישע געזאַנג, ווי „באָזשע צאַריא כראַני", „קאָל סלאַווען", „סלאַווסיא". די נגונים זיינען שעהן, הויפּט־זעכליך פון די פאָלקס־לידער. ניט אומזיסט זיינען זיי געוואָרען פּאָפּולער איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט.

נאָר אַ פּאָר מאָל האָט ער געמאַכט אויסנאַהמען. פון דיזע איז ביי מיר אין מוח פארבליבען אַ נגון צו לערמאָנטאָוו'ס וואונדערבארען געדיכט:

„איבער'ן הימעל, אין מיטען נאַכט, איז אַ מלאך געפלויגען,
און אַ שטילע ליעד האָט ער געזונגען..."

עבאַן האָט זיך פיעל אָנגעמאַטערט איידער ער האָט אונזער כאָר אויסגעלערנט דאָס צו זינגען ווי ער האָט געוואָלט. הויפּט־זעכליך האָט ער געהאַט צרות מיט אַ געוויסע שטעלע, מיט אַ האַלבען טאָן. עס איז אַלץ ארויסגעקומען גרילצענדיג; די פארשידענע שטימען איז געווען שווער זיך צוזאַמענצוזיינגען. ער האָט געליאַרעמט, געשטורעמט, געמאַכט משוגענע סצענעס, ביז ער איז ענדליך ביינעקומען אַלע שוועריגקייטען, און מיר האָבען דעם דעליקאַטען נגון געזונגען אמת שעהן.

אין שפּעטערע יאָהרען, ווען איך פלעג דעם נגון איבער־זינגען אין מיין געדאַנקען און זיך דערמאָנען ווי ער האָט דאָס אונז געלערנט, האָב איך געפיהלט, אז ער האָט די פּאָעטישע ווערטער צוזאַמען מיט דער מוזיק באַגריפען מיט אַ קינסט־לערישען געשמאַק.

קיין אידישע לידער האָט מען ביי אונז ניט געזונגען. אַזעלכע זאַכען האָבען זיך דענסמאָל אפילו קיינעם ניט גע'חלום'ט. ניט נאָר אַזאַ טיפּ ווי עבאַנ'ען, נאָר אפילו אַ אינטעליגענטען אידען, וואָס האָט זיך צו נאַטשאַלסטוואָ ניט גע'חנפ'עט און פון אידען ניט געוויי̇כט, אויך ניט.

איך האָב געזאָגט, אז אין דער מוזיק וועלט פון אונזער שטאָדט איז עבאַן געווען די וויכטיגסטע פיגור. ווי הויך ער איז אין זיין פאַך געשטאַנען אין דער ווירקליכקייט, ווייס איך ניט. ער האָט זיך געלערנט אין אַ קאָנסערוואַטאָריום, און ער

איז געווען זעהר מוזיקאליש. וועגן דעם קען קיין צווייפעל ניט זיין.

ער האט זיך ספעציאליזירט אלס פידעל־שפילער; און ווען ס'פלעגט פארקומען א וויכטיגער קאנצערט מיט א פילאנטראפישען צוועק, אין וועלכען די הויכע געזעלשאפט איז געווען פאראינטערעסירט, פלעגט ער אנטייל נעמען מיט זיין פידעל. אויב זיין שפילען וואלט געהאט עפעס א באדייטונג אין א גרעסערער שטאדט, קען איך ניט זאגען. ווארשיינליך ניט.

איך האב איהם עטליכע מאל געזעהן אין דעם ווילנער טעאטער. ווען די לאזשען און דער פארטער האבען געבלישטשעט מיט מיליטערישע עפאלעטען און קנעפ, מיט קלאהר־ווייסע מאנישקעס און מיט דעקאלטירטע דאמען, און ער פלעגט זיך באווייזען, ארויפקריכען אויף דעם הויכען קאפעל־מייסטער שטוהל, א מאך־טאן מיט'ן שטעקעלע, און דער ארקעסטער פלעגט נעמען שפילען, — פלעגט זיך מיר דוכטען, אז ער איז דער הערשער פון ווילנא.

דער לעהרער פון ריסעווען איז געווען מיין אלטער פריינד ריעזאנאוו, פון דער צייכנונג־שוהל. זיינע אוראקען זיינען געווען ניט מעהר ווי א צערעמאניע. ער פלעגט מייסטענס זיך אוועקזעצען אויף דעם שילער'ס פלאץ, און איהם אויפמאהלען די גאנצע פיגור, אויף וועלכער יענער האט זיך געמאטערט. דאס האט געהייסען, אז ער „פאררינכט" איהם זיין ארבייט און ווייזט איהם ווי מען דארף צייכענען.

ארום איהם פלעגען זיך געווערנליך ארומקלייבען אלע שילער פון דעם קלאס. זיצענדיג און ריסעווענדיג, פלעגט ריעזאנאוו אונז דערצעהלען אנעקדאטען, פון וועלכע מיר פלעגען זיך האלטען ביי די זייטען. ער פלעגט אונז אויך דערצעהלען וועגען זיינע רייזעס. זיינע שילדערונגען זיינען געווען פול מיט הומאריסטישע איבערטרייבונגען. אפט פלעגט ער אזא ערצעהלונג באפעפערען מיט גאנץ אונאנשטענדיגע איינצעלהייטען.

איין מאל, אויף אן עקזאמען פון מאטהעמאטיק, איז איהם אויסגעקומען צו זיין איינער פון די אכטונג־געבער. זיין פליכט

איז געווען צו זעהן, אז די שילער זאָלען ניט איבערשרייבען איינער פון דעם אנדערען; אז יעדער זאָל טאָן די ארבייט מיט זיינע אייגענע קרעפטען. אָבער אנשטאָט צו ערפילען זיין פליכט, האָט ער די בעסערע שילער אליין געהייסען אויסהעלפען די שוואכערע.

— גיכער! לעבעדינער! — האָט ער צו זיי גערופען, שעפּ־טשענדיג די ווערטער, — דער דירעקטאָר קען אריינקומען יעדע מינוט.

ער האָט אליין געטראָגען צעטעלעך פון איין שילער צום צוויי־טען.

צו די עקזאמענס פון דעם ערשטען קלאס האָט יעדער פון אונז באדארפט צושטעלען א העפט מיט צייכנונגען. אָנשטאָט דאָס צו־צופערטיגען אליין, האָב איך געבעטען מיין חבר גאָלדבלאט'ן, דעם קינסטלער, און ער האָט פאר מיר אויפגעריסע־ווען ביי א טוץ זאכען. עס איז געווען וואונדער־שעהן, און איך האָב דאָס דערלאנגט די עקזאמענאטאָרם אלס מיין אייגענעם פּראָ־דוקט. זיי האָבען זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען. ריעזאנאָוו האָט נאַטירליך פארשטאנען, אז עס איז ניט מיין ארבייט. ער האָט זיך אָבער געמאכט ניט וויסענדיג, און געהאָלפען מיר לויבען. איך האָב דאן באקומען די העכסטע „אָטמיעטקע" פאר ריסעווען.

די גאנצע פיר יאָהר, איין מאָל א וואָך וויינינגסטענס, פלעגט צו אונז קומען א לעהרער פון האנד־שריפט. קאלוגין האָט מען איהם גערופען. ער האָט אונז אויך געגעבען אוראָקען אויף געאָ־מעטרישער צייכנונג, אָבער זיין הויפּט־ארבייט איז געווען צו באַ־זאָרגען, אז מיר זאָלען קענען אונזערע צוקונפטיגע שילער לערנען שרייבען. ער אליין האָט געהאַט א וואונדערבארע האנדשריפט. ער האָט זיך אָבער געהאלטען פאר א קינסטלער אין מאָהלען אויך, און ער פלעגט אונז שטענדיג געבען אָנצוהערעניש אויף די „פּראָ־פעסאָרען", וואָס האָבען איהם געלערענט, אזוי ווי ער וואָלט גע־ענדיגט א הויכע קונסט־אקאדעמיע. אין אמת'ען האָט ער גע־ענדיגט עפּעס א שוהלכעל פון ריסעווען, ניט קיין וויכטיגע. פלע־גען מיר שטענדיג אָפּלאכען פון איהם.

ער איז געווען הויך, שלאנק און דאר ווי א שטעקען. און

נעהן פלעגט ער וואזשנע, אזוי ווי ער וואָלט געווען דער וויכטיג־סטער פון אלע לעהרער.

דער לעהרער פון גימנאסטיק איז געווען א דייטש מיט׳ן נאָ־מען מאהר, א געוועזענער אָפיצער פון דער דײַטשער ארמעע. ער האָט זיך געהאַלטען מיט טאַקט, און פון צייט צו צייט פלעגט ער זאָגען א וויץ. רוסיש האָט ער גערעדט מיט א דייטשען אקצענט, אָבער אָהן גראמאטיקאַלישע גרייזען. און דער אקצענט גופא האָט אויך ניט געקלונגען צו שאַרף.

זיין פאך האָט ער געקענט גוט.

די צוויי „נאַדזיראַטעלעס", וואָס האָבען אכטונג געגעבען אויף די שילער, זיינען געווען איינע פון די נייעסטען וואָס דער שטרענגער און אומרוהיגער קאטעלניקאָוו האָט איינגעפיהרט. איינער פון זיי האָט געהייסען רובעראָווסקי; דער צווייטער — סוויעטאוואס־טאָקאָוו.

רובעראָווסקי איז אויך געווען דער „פיסמאָ־וואָדיטעל", דער סעקרעטער פון דער ביוראָ. ער איז געווען אינגער, א ביסעל העכער אין וואוקס און פיל לעבעדיגער ווי זיין קאָלעגע. ער איז געווען א פיאניצע, אָבער א פעהיגער, ענערגישער מענש. און ווי עס טרעפט אָפט מיט שכורים, פלעגט ער זיין גרעסטע און פעהיגסטע טהעטיגקייט ארויסווייזען גראַד דאַן, ווען ער איז געווען באַזויפען. ער איז געווען קאטעלניקאָוו׳ס ליבלינג, און ווען ער איז געווען שכור, פלעגט ער זיך ערלויבען צו זאָגען זאכען, פאַר וועלכע אַן אנדערער וואָלט טרוקען ניט אָפשניידען. א פרעהליכער, לוסטיגער, אינטערעסאנטער קערל.

סוויעטאָוואָסטאָקאָוו האָט אויסגעזעהן ווי א דיאַדטשאָק (שמש) פון אַן אָרימער רוסישער קירכע. קיין קראַגען און קיין אויבער־העמד האָט ער אויף זיין לעבען ניט געטראָגען, און זיין נאָז־טיכעל איז געווען פון א טונקעל־בלויען קאָליר. דאָס רוב פלעגט ער האַלטען די הענט אויף הינטען, מיט א שמעק טאַבאַק צווישען צוויי פינגער פון זיין רעכטער האַנט.

ער איז געווען אַן עהרליכער, א שטילער, א גוטער — א טיפּ פון א פארצייטיגען דור. הגם ער איז אַלט געווען ניט מעהר ווי עט־

ליבע און פערציג יאָהר. ער האָט אויסנעשטודירט אויף גלח, און די סעמינאַריע איז געווען אַזוי ווי אַפּגעזינגעלט אויף זיין פּנים, אויף זיין באָרד, אויף זיין אָרט קליידען זיך, אויף זיין גאַנג, און אויף דעם גוטען, עהרליכען שמייכעל וואָס פלעגט אָפט באַלייכטען זיין פּנים.

ער פלעגט אונז דערצעהלען פון זיינע קינדער־יאָהרען, און הויפּטזעכליך פון זיינע יאָהרען אין דער סעמינאַריע.

ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן איהם, וואָלט ער אונז ערלויבט אַלערליי פריהייטען. ער איז אָבער געווען אַ טרייער טשינאָווניק, און פאַר קאַטעלניקאָוו׳ען האָט ער מורא געהאַט ווי פאַר פייער.

אין סך הכל האָבען מיר פון די צוויי נאַדזיראַטעלעס קיין אונטערדריקונגען ניט געהאַט. מיר האָבען ליב געהאַט זייער קאָמפּאַניע און האָבען צו זיי געהאַט פריינדליכע געפיהלען.

טראָצקי, דער עקאָנאָם, געהערט אייגענטליך ניט צו דיזען קאַפּיטעל. ריידענדיג אָבער וועגען די מענשען, וועלכע האָבען זיך געפונען אַרום אונז, קען מען איהם ניט איבערהיפּען.

ער איז געווען אַ קלוגער, פּראַקטישער מענש, און ער האָט געוואוסט ווי אויסצוקומען מיט קאַפּריזנע עלטסטע, אָהן חניפות און ניט פאַרלירענדיג זיין רעספּעקט צו זיך אַלס איד. אונז, שילער, האָט ער באַהאַנדעלט גוט. מיר זיינען געווען צופרידען מיט איהם און מיר האָבען באַוואונדערט זיין טאַקט און זיין שכל.

ער איז געווען אַ שעהנער מאַן פון אַ יאָהר פערציג, מיט אַ געדיכטע קייַלעכדיג־אַרומגעשאָרענע ברוינע בערדעל, מיט אַ קלוגען שמייכעל.

ער האָט געענדיגט די ווילנער ראַבינער־שוהל, און איז געווען אַן אינטעליגענטער מענש. דאָך איז ער געווען גאַנץ פרום. זיין הויז האָט זיך געפיהרט שטרענג אידישלעך, און ער האָט אַלע טאָג געדאַווענט. אָבער אַזוי ווי ער איז ביי אונז געווען פּאָפּולער, האָבען מיר דאָס ניט אויסגעלאַכט.

ווען איך בין געגאַנגען אין דער נאַראָדנאַיע אוטשילישטשע, איז ער געווען דער „נאַדזיראַטעל" איבער אַלע שוהלען פון דיזען

סאָרט. ער פּלעגט פאַרשרייבן די שילער וואָס זיינען עטליכע טעג ניט געקומען און פּלעגט זיי באַזוכן, אויסצוגעפינען די אורזאַכע פון זייער אָבוועזנהייט.

וואָס פאַר אַ סאָרט מענשען זיינען אונזערע לעהרער געווען אַלס מענשען?

ווען איך שטעל זיך איצט דיזע פראַגע, פיהל איך, אַז איך בין ניט אימשטאַנד אויף איהר צו ענטפערען. ביי אונז זיינען זיי געווען פאַרטיילט אויף „גוטע" און „שלעכטע", און אויף אַזעלכע װאָס „ווייסען" און אַזעלכע וואָס „ווייסען גאַרניט". מיר זיינען געווען צו יונג און צו ווייניג ענטוויקעלט צו האָבען כאַראַקטער־באַגריף.

אַ חוץ דעם: וואָס ווייס אַ אינגעל פון זיין לעהרער'ס לעבען? ער זעהט איהם נאָר אין איין ראָלע, און דאָס איז, ביז אַ געוויסען גראַד, אַ טעאַטער־ראָלע.

אַ לעהרער אין קלאַס־צימער פאַר זיינע שילער, האָט ניט זיין איינענעם „איך". ער איז אָנגעסטראַיעט אויף אַ געוויסען שטיי־נער. ער מאַכט אַ „פּוריע". זיינע טריט זיינען ניט קיין נאַטיר־ליכע; זיין שטימע איז ניט קיין נאַטירליכע; זעלטען ווען אַ לעהרער האַלט זיך מיט די שילער אַבסאָלוט נאַטירליך. אַ פּשיטא שוין ווען עס האַנדעלט זיך וועגען יענע צייטען, ווען אַרום און אַרום האָט געהערשט דער גייסט פון צאַרישען מיליטאַריזם. אַן עלטערען מענשען איז איבערהויפּט ניט לייכט זיך צו האַלטען איינ־פאַך מיט אַ אינגעל. רעדט דען אַ מוטער מיט אַ קליין קינד אויף איהר געוועהנליכען שטייגער?

עס פאַנגט זיך אָן דער אורעק. מיר זיצען אויף אונזערע בענק און וואַרטען — איינגע מיט שרעק אין האַרצען, ווייל זיי האָבען ניט אויסגעלערנט דאָס, וואָס מען האָט אויפגעגעבען; אַנדערע מיט אונגעדולד און אַ וואונש אויסגערופען צו ווערען און צו באַקומען אַ הויכע „אָטמיעטקע". עס עפענט זיך אויף די טיהר. עס באַווייזט זיך דער לעהרער, אין זיין בלויען פראַק מיט די מעשענע קנעפּ, מיט זיין גרויסען, דינעם „זשורנאַל" אונטער'ן אָרעם. מיר גיבען זיך אַ שטעל, ווי סאָלדאַטען,

און מיר גיבען זיך א זעץ צוריק, ווי סאָלדאטען. „ער" זעצט זיך אנידער, רופט אויס די נעמען און פארצייכענט די וואָס פעהלען. ענדליך רופט ער אויס דעם ערשטען שילער.

אויב דער שילער איז ניט איינער פון זיינע ליבלינגען, פאנגט זיך דאָ אָן א קאַץ־און־מויז שפּיל. דער לעהרער האַלט זיך אזוי ווי ער וואָלט געוועז דעם שילער'ס א שונא. ער וויל איהם כאַפּען אז ער האָט דעם אוראָק ניט געלערנט. און דער אינגעל איז אָנגעשטרענגט איבערצוקומען די געפאהר.

אויב דער שילער איז א גוטער שילער, אָדער סתם א ליבלינג, ענטפערט ער פריי און פרעהליך, מיט א טאָן פון זיכערהייט. אָבער אין א געוויסען זין איז די סצענע אַלץ דורכגעדרונגען מיט א טעאטראַלישקייט. דער גוטער שילער קאָקעטעוועט פיליכט אביסעל פאר די אנדערע שילער. ער שטעלט אפשר ארוים דעם פאקט, אז ער איז א תקיף ביי דעם לעהרער, און דערביי ווערט געשאפען אן אונאנגענעהמע שטימונג ביי די אנדערע שילער.

אַלץ ווענדעט זיך אָן דעם כאראַקטער פון דעם לעהרער, אָן דעם כאראַקטער פון דעם שילער, אָן דעם כאראַקטער פון די אנדערע שילער, און אָן ספּעציעלע אומשטענדען פיליכט. אָן אבסאָלוטע איינפאַכקייט און נאַטירליכקייט עקזיסטירט אין א קלאַס־צימער יעדענפאלס זעלטען.

ביי זיך אין דערהיים איז דער לעהרער א גאַנץ אנדערער מענש. ווען ער געפינט זיך אין געזעלשאַפט אויף אַן צווענד ערגעץ וואו, אָדער ווען ער געהט ארום הין און צוריק אין זיין אייגענעם צימער, איינער אליין מיט זיינע געדאַנקען און געפיהלען — דאַן איז ער א גאַנץ אנדערע באַשעפעניש; און דאַן האָבען מיר איהם ניט געזעהן; אלס אַזעלכען האָבען מיר איהם ניט געקענט.

איינינגע פון די לעהרער האָבען מיר ליב געהאַט; צו אנדערע האָבען מיר זיך פאַרהאַלטען מיט פיינדשאַפט. צו איינינגע האָבען מיר געפיהלט רעספּעקט; צו אנדערע—פעראַכטונג. ווער ווייס אָבער צי אונזערע באַציהונגען צו זיי זיינען געוועזן

באגרינדעט ? מיר האָבען זיי ניט געקענט, און מיר האָבען זיי ניט פארשטאַנען.

און זיי אונז האָבען אויך ניט געקענט, און אויך ניט פאַר־שטאַנען. זיי האָבען זיך געהאַלטען אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען פאַר אַ מייל פון אונז.

5

ווי הויך איז געשטאַנען דער אינסטיטוט ? — שוהל בילדונג און בילדונג נאָך דער שוהל.

די בילדונגס־אַנשטאַלטען ווערען געוועהנליך צוטיילט אויף גראַדען. די אוניווערזיטעטען געהערען צו דעם העכסטען גראַד, די גימנאַזיעס צו דעם מיטעלען, א. ז. וו.

דער אינסטיטוט האָט אָפיציעל זיך גערעכענט פאַר אַ „סרעדנעיע אוטשעבנאָיע זאַוועדעניע" (אַ מיטעלער בילדונגס־אַנשטאַלט), אַזוי ווי אַ גימנאַזיע. אין אוניווערזיטעט האָט מען מיט אַן אַטעסטאַט פון אינסטיטוט ניט צוגענומען. מען האָט אַהין אָבער אויך ניט צוגענומען מיט אַן אַטעסטאַט פון אַ רעאַל־שוהל. עס האָט זיך געפאָדערט דוקא אַן אַטעסטאַט פון אַ גימנאַזיע. דאָס איז געווען הויפּטזעכליך ווייל אין די גימנאַזיעס האָט מען געלערענט לאַטיין און גריכיש. האָט מען אין אינסטיטוט דערפאַר געלערענט איינינע זאַכען וועלכע זיינען אין דעם גימנאַזיסטישען קורס ניט געווען איינגעשלאָ־סען : העברעאיש, נאַטור־וויסענשאַפט, פּעדאַגאָגיק און אַזאַ אינטערעסאַנטען און באַלעהרענדען געגענשטאַנד ווי פּעדאַגאָגישע אַנטראָפּאָלאָגיע.

אין מאַטעמאַטיק איז מען אין אַ גימנאַזיע געגאַנגען אַביסעל ווייטער ווי ביי אונז. מען האָט דאָרטען געלערענט טרי־גאָנאָמעטריע און אַביסעל קאָסמאָגראַפיע. דערפאַר אָבער האָט מען ביי אונז געאָמעטריע און אַלגעברא געלערענט גרינדליכער ; און אין שוהל־בילדונג, אַלס אַ מיטעל צו ענטוויקלען לאָגישע דענ־קונגס־פעהיגקייטען, צו „שאַרפען דעם מוח", און צו דער זעל־

בער צייט איהם דיסציפלינירען — אויף דעם איז געאָמעטריע אונגעהייער וויכטיג.

דער אַטעסטאַט וואָס אַ שילער האָט באַקומען, ווען ער האָט געענדיגט גימנאַזיע, האָט געהייסען (און אַזוי הייסט דאָס נאָך אין פילע לענדער היינט אויך) „אַטעסטאַט פון אויפגע־וואַקסענקייט.״ דאָס הייסט, אַז מען איז אַ פאָלנער מענש, גרייט צו שטודירען אַ פּראָפעסיע. אָבער ווי שוין געזאָגט: דער הויפט אונטערשיד צווישען אַ גימנאַזיע און אַלע אַנדערע מי־טעל־שוהלען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין דער ערשטער האָט מען געלערנט לאַטיין און גריכיש און אין די אַנדערע ניט.

איך בין ניט איינפאַרשטאַנען מיט די, וואָס מאַכען דיזע צוויי אַלטע שפּראַכען אַוועק מיט דער האַנט. איך גלויב, אַז צו אַ בילדונגס־קורס זיינען זיי וויכטיג. אויף דיזע צוויי שפּראַכען איז אויסגעוואַקסען די קולטור, אויף וועלכער אונזער היינטיגע קולטור איז געגרינדעט. און לאַטיין איז, אַ חוץ דעם, די מוטער־שפּראַך פון עטליכע פון די היינטיגע ציוויליזירטע לשונות, און מאַסען לאַטיינישע ווערטער ווערען געברויכט אין אַלע ציווילי־זירטע שפּראַכען.

די הויפט פראַגע איז אָבער, נאָך אַלעמען, אַ פראַגע פון אַלגעמיינע גייסטיגע ענטוויקלונג, און ניט צי דער שילער לערנט גראַד דאָס אָדער עפּעס אַנדערש.

וואָס מען לערענט אין די אָנפאַנגס־שוהלען און מיטעל־שוהלען איז אַ פונדאַמענט פאַר ווייטערע ענטוויקלונג. די שוהל דאַרף דעם שילער צופערטיגען צו דער בילדונג, וואָס ער וועט דערנאָך אַליין באַקומען — דורך לעזען צייטונגען, זשורנאַלען, ביכער און דעם וויכטיגסטען פון אַלע ביכער — דאָס לעבען גופא.

עס איז אַן אַלטער ווערטעל: די אויפגאַבע פון דער שוהל איז דעם שילער צו „לערנען זיך לערנען״.

נאַטירליך, עס זיינען פאַראַן געגענשטאַנדען, אָהן וועלכע אַ בילדונגס־קורס וואָלט קיין זינען ניט געהאַט. אַזעלכע זיי־נען גראַמאַטיק, געאָגראַפיע, היסטאָריע, אַריפמעטיק, געאָמעט־ריע און אַלגעבראַ. צי מען לערענט זיי מיט אַ גוטע סיסטעם,

צי מיט א שלעכטע; צי דער לעהרער פארשטעהט זיין פאך, צי ניט — ווי שלעכט מען זאָל דיזע געגענשטאנדען ניט לער־נען, איז אלץ בעסער ווי זיי גאָר דורכצולאָזען. ניט צו האָבען קיין באקאנטשאפט מיט זיי הייסט אבסאָלוטע אונוויסענהייט. זיי זיינען דער ווינקעל־שטיין פון דעם פונדאמענט. אָהן זיי איז ניטאָ אויף וואָס צו בויען.

שפעטער קען דער שילער פארגעסען אייגצעלהייטען פון זיין געאָגראפיע, היסטאָריע, מאטעמאטיק. אן אלגעמיינער באגריף בלייבט אָבער ביי איהם אימער, און פון דעם באשטעהט דער פונדאמענט פון זיין אינטעליגענץ.

א אינגעל אָדער א מיידעל געהט אלע טאָג אין שוהל, וואו אויף די ווענט הענגען געאָגראפישע קארטען. טאָג איין, טאָג אויס, האָבען די אויגען פאר זיך א קארטע פון אייראָפא, א קארטע פון די פאראייניגטע שטאטען. דאָס קינד זאפט זיי אריין אין זיין גייסט. און דאָס שפּילט א גרויסע ראָלע אין דער געבילדעטער פערזענליכקייט, וועלכע ווערט שפעטער אין איהם ענטוויקעלט. דער וואָס האָט קיין געאָגראפיע קיינמאָל ניט געלערענט און איז מיט איהר עיקר קיינמאָל ניט באקאנט גע־וואָרען, איז אין געוויסע באציהונגען אזוי ווי א בלינדער.

מיט'ן לעזען קען מען אונטער געוויסע אומשטענדען אויפ־טאָן פיליייכט מעהר ווי מיט לערנען אין שוהל. דאָס געהט אָבער אויף אנדערע ענינים, אויף ווייטערע, אָבער ניט אויף אזעלכע געגענשטאנדען, ווי די וואָס זיינען דאָ אנגערופען גע־וואָרען.

מיר נעמען דאָ דעם אינסטיטוט אלזאָ אלס א פּלאץ, וואו מען האָט דעם שילער געגעבען דעם פונדאמענט פון בילדונג, דעם עיקר פון אזא ערציהונג, וואָס זאָל איהם צוגרייטען צו זעלבסט־ענטוויקלונג דורך לעזען און לעבענס־ערפאהרונגען. און אלס אזעלכער איז ער געווים געשטאנען אויף דעם זעלבען שטאפּעל ווי א גימנאזיע אָדער א רעאל־שוהל. אין באצוג צו דעם גראד בילדונג וואָס דער שילער האָט באקומען, האָט ער געהערט צו דער זעלבער מדרגה.

איך האָב געזאָגט, אז אָפיציעל האָט זיך דער אינסטיטוט גערעכענט פאַר א מיטעל־שוהל, אזוי ווי א גימנאַזיע. צום ביישפּיל: ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען מיליטער דינסט, האָט די רעגירונג די אויסגעשטודירטע יונגע לייט געגעבען א געוויסע „לגאָטע", דאָס הייסט, מען האָט פאַרקלענערט די צייט פון זייער דינסט. עס האָט זיך געווענדעט וואָס פאַר א גראַד שוהל זיי האָבען געענדיגט; און אין דיזער באַציהונג האָט א אינסטיטוטסקער אַטעסטאַט געהאַט דיזעלבע קראַפט ווי א גימנאַזיסטישער. ער האָט דעם געענדיגטען געגעבען דיזעלבע „לגאָטע".

די עפענטליכע מיינונג האָט דעם אינסטיטוט אָבער געהאַלטען נידעריגער ווי א גימנאַזיע, און געזעלשאַפטליך זיינען מיר אויך געשטאַנען נידעריגער ווי די גימנאַזיסטען. ווען איינער פון אונז איז באַקאַנט געווען מיט א גימנאַזיסט, פלעגט ער זיך באַריהמען מיט דעם.

א גימנאַזיסט איז געווען א צוקונפטיגער דאָקטאָר אָדער יוריסט, וועהרענד דער אינסטיטוטשיק איז געווען פאַראורטיילט אויף א קאַריערע פון א שוהל־לעהרער. און דער אונטערשיד אין די „פאָרמעס" (יוניפאָרמס) האָט דערביי אויך געשפּילט א ראָלע: דער שוואַרצער קאָסטיום מיט שוואַרצע קנעפּ, מיט דער שוואַרצער היטעל פון דעם אינסטיטוטשיק האָט זיך ניט געקענט גלייכען צו דעם בלישטשענדען מונדיר מיט די ניקעלנע קנעפּ און דער „קעפּיע", מיט דעם ניקעלנעם „הערב" פון דעם גימנאַזיסט.

און נאָך אַלעמען, ווען איך מאַך דעם פאַרגלייך היינט, זעה איך א וויכטיגען פּונקט צו גונסטען פון די גימנאַזיסטען אפילו אין דער פראַגע פון ענטוויקלונג. אונזער קאַזאַרמע־לעבען איז געווען א שטערונג צו אונזער גייסטיגען וואוקס. מיר זיינען געווען אויסגעשלאָסען פון דער וועלט. די גימנאַזיסטען זיינען געווען פריי ארומצוגעהן; זיי האָבען זיך געזעהן מיט מענשען. זיי זיינען פיל מעהר געקומען אין באַריהרונג מיט דער ווירקליכקייט ווי מיר. דאָס האָט זיך געפיהלט אין זייערע מאַ־

ניערען און אין זייער אַרט ריידען. זיי זיינען געווען „ראַזוויאַז־נער“, וועלטליכער, מוטיגער צווישען מענשען.

6
וואָס פאַר א שילער איך בין געווען. — צווייערליי פליי־סיגקייטען.

געוויסע זאַכען געדענק איך זעהר גוט; אָבער ציפער, נעמען, און טרוקענע פאַקטען, וואָס ערוועקען אין מיר ניט קיין אינ־טערעס, איז מיר שווער צו געדענקען. און אין א שוהל שפּילען ציפער און נעמען א גרויסע ראָלע און עס קומט דעם שילער אויס צו לערנען דוקא דאָס וואָס איהם אינטערעסירט ניט.

איך קען ניט לערנען אָדער לעזען א בוך וואָס געפעלט מיר ניט. אויף שריט און טריט זעה איך מענשען וואָס קענען דורכ־לעזען צעהנדליגער ביכער, צו וועלכע זיי זיינען אבסאָלוט גלייכ־גילטיג, אָדער וועלכע לאַנגווייליגען זיי זאַגאַר. איך האָב דערצו קיין געדולד ניט. ווען איך הויב אָן צו לייענען א ווערק, און עס אינטערעסירט מיר ניט, מוז איך דאָס באַלד אַוועקוואַרפען, סיידען עס איז פאַראַן א ספּעציעלער צוועק אין מיין לעזען, און דער צוועק גופא איז אינטערעסאַנט: ווען עס קומט מיר אויס צו שרייבען א קריטיק, למשל.

ציפער איז מיר איבערהויפּט שווער צו געדענקען. אויך איז מיר שווער מיט זיי זיך צו באַשעפטיגען. ווען איך האָב צונויפצורעכענען א צייל מיט ציפער, פאַרטראַכט איך זיך אין מיטען און מוז ווידער אָנהויבען פון אָנהויב. צו בוכהאַלטעריי וואָלט איך געווען אבסאָלוט אונפעהיג.

ווען אָן ענין אינטערעסירט מיר יאָ, ווער איך אין איהם פאַרשלונגען. איך ווער באַגייסטערט. ווען א בוך געפעלט מיר, קען איך זיך פון איהם קוים אָפּרייסען. איך זיץ איבער איהם ביז טיעף אין דער נאַכט. איך לעז איהם מיט דער טיעפסטער אויפמערקזאַמקייט און באַמערק די קלענסטע איינ־צעלהייט אין איהם. און איך טראַכט וועגען איהם וואו איך שטעה און געה.

אזא בוך גערענק איך שוין לייכט און אויף לאנג. איך גערענק אין איהם אזעלכע איינצעלהייטען, וועלכע מאנכע פון די לעזער, וואס האבען א פיעל בעסערען זכרון ווי איך, פאר־געסען באלד.

דאס וואס איז שייך צו פארשטאנד, און דאס וואס האט א בילדליכען כאראקטער, אדער וואס אפעלירט צו דעם דרא־מאטישען געפיהל, ווירקט אויף מיין איינבילדונגס־קראפט און מאכט אויף מיר א טיפען איינדרוק.

איך בין געבארען געווארען מיט פיל מעהר איינבילדונגס־קראפט ווי מעכאנישען זכרון, און מיט פיל מעהר טעמפעראמענט ווי געדולד. און צו האבען ערפאלג אין א שוהל פון דעם אלטען שניט, פאדערט זיך געדולד א סך מעהר ווי טעמפעראמענט, און מעכאנישער זכרון — א סך מעהר ווי איינבילדונגס־קראפט און פארשטאנד.

פון די שלעכטע שילער בין איך קיינמאל ניט געווען. איך בין קיינמאל ניט דורכגעפאלען אויף אן עקזאמען. פון די בעסטע אין א קלאס בין איך אבער אויך קיינמאל ניט געווען.

ביי אונזערע לעהרער איז דער עיקר געווען די געדולד און דאס גערענקען, און ביי מיר איז דער עיקר געווען דאס פארשטעהן און דער אינטערעס.

אין די נייעסטע און בעסטע ווערק איבער פעדאגאגיק, אין דער צייט ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, ווערט אזא סיסטעם ווי די, וואס האט געהערשט אין אונזער אינסטיטוט, שארף קריטיקירט און פארדאמט.

מען פארדאמט די מאדע צו געבען א שילער לערנען אויף אויסוועניג. עס ווערט ערקלעהרט, אז אנשטאדט צו ברייגנען נוצען, ברייגנט עס א גרויסען שאדען.

„עס פארקריפעלט די דענקונגס־פעהיגקייט און די איינביל־דונגס־קראפט" — אזוי ערקלעהרען די בעסטע אויטאריטעטען פון דער היינטיגער פעדאגאגיק. — „עס שטערט דעם שילער צו ענטוויקלען זיינע גייסטיגע כחות. עס פאראליזירט זיין זעלבסט־שטענדיגקייט. אנשטאדט איהם צו געוואוינען זיך צו פארלאזען

אויף זיינע איינענע גייסטיגע קרעפטען, געוואוינט מען איהם זיך צו פארלאָזען אויפ'ן „זוברעווען". די ערפאהרונג האָט גע־וויזען, אז די אלטע סיסטעם מאכט פון פעהיגע קינדער אונ־פעהיגע; פון קלוגע, דענקענדע קינדער — נאראָנים.

די בעסטע פעדאגאָגיקער היינטיגע ווייזען אָן אויף דעם פאקט, אז אן אונגעהויערע צאָהל פון די גרויסע מענשען פון דער וועלט, פון איהרע גאונים, האָבען ניט געהאט קיין גוטען זכרון. יעדער פון זיי האָט געהאט אנדערע פעהיגקייטען, וועלכע זיינען וויכטיגער ווי זכרון. זיי האָבען געקענט אר'יינדרינגען, באנעהמען און שאפען. און יעדער פון זיי איז געווען טיעף פאראינטערעסירט אין זיין פאך. און צוליב דיזער אונגעהויערער פאראינטערעסירטקייט האָט ער שוין זיין ספעציעלען ענין גע־דענקט אויך. אינטערעס ברענגט זכרון — ניט פארקערט.

די לעהרער פון אינסטיטוט האָבען דוקא געפאָדערט „זוב־ראָווקע", דוקא געפאָדערט, אז אנשטאָדט צו ד ע נ ק ע ן, זאָל מען ג ע ד ע נ ק ע ן.

גראָד אין דער צייט ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, זיינען אמעריקאנער פעדאגאָגען און פסיכאָלאָגען פאראינטערע־סירט אין קריטיקען געגען א געוויסען פאָרשטעהער פון דער אמעריקאנער פעדאגאָגיע. ער רעפרעזענטירט מיט זיך די מעכאנישע סיסטעם. ער האלט דוקא פון ג ע ד ע נ ק ע ן מעהרער ווי פון ד ע נ ק ע ן. ער גלויבט, אז דאָס גיט בעסערע, פראַק־טישערע רעזולטאטען. ביי איהם איז דער עיקר דאָס דער שילער זאָל וויסען די אונטערשטע שורה פון א חשבון. דער שכל, וועלכער פיהרט צו דיזער אונטערשטער שורה — דאָס איז ביי איהם ארויסגעוואָרפען.

דיזע פעדאגאָגישע שול האָט אין אמעריקא געהערשט א לאנגע צייט. איצט אָבער ווערט זי אטאקירט. וויכטיגע ביכער זיינען געגען דעם געשריבען געוואָרען אין ענגלאנד און אין דייטשלאנד, און די בעסערע פעדאגאָגען פון אמעריקא ז'ינען פאָלשטענדיג איינפארשטאנען מיט זיי.

די אלטע סיסטעם פון אונזער אינסטיטוט האָט אלץ מע־כאניזירט, פארוואנדעלט אין מאשין ארבייט. און א איינגעל

מיט אזא טעמפעראמענט ווי מיינער האט דאס ניט געקענט פארטראָגען.

געגען דיזער סיסטעם האט מיין נאטור פראָטעסטירט, רעוואָלטירט. עס פלעגט צוברעכען מיין שטימונג. איך פלעג זיך פיהלען אונגליקליך.

מייסטע פון די אוראקען האבען מיר געלאנגווייליגט, אָבער ניט דוקא ווייל דער געגענשטאנד גופא האט מיר ניט אינטערעסירט. ווארים עס זיינען געווען געגענשטאנדען, וועלכע וואָלטען מיר יאָ געקאָנט אינטערעסירען און וועלכע האָבען מיך דאָך געלאנגווייליגט. עס האט זיך געווענדט אָן דעם אָרט ווי אזוי מען האט זיי מיט אונז געלערנט און געצוואונגען צו לערנען.

איך וועל דאָ געבען אַ פּאָר ביישפּילען.

געאָגראפיע, בשעת דער גוטער ליעפּין איז געווען אונזער לעהרער, האָב איך פיינט געהאַט ווי דעם טויט. איהם אליין האָב איך ליב געהאַט, וואָרים ער איז געווען איינער פון די סימפּאַטישסטע און גוטהערציגסטע לעהרער וואָס מיר האָבען געהאַט. ער האט אָבער זיין געגענשטאנד אונז געגעבען אויף אַ מאשינאָוועז שטייגער און אָפּט אָהן אַ טאַלק. ער פלעגט אַ סך היפּען. דערנאָך פלעגט ער „דערכאַפּען" דאָס איבערגעהיפּטע אויף אזא שטייגער, אז עס פלעגט ארויסקומען אַ פּלאָנטער. און יעדענפאלס פלעגט מען דעם אוראָק מוזען „זוברעווען" ווי אַ פּאַפּוגאַי, און צו דעם האָב איך קיין געדולד ניט געהאַט.

איידער איך בין אָנגעקומען אין אינסטיטוט, ווען איך האָב אליין געלערנט געאָגראַפיע, האָב איך דאָס געטאָן מיט מיין אייגענעם ווילען און מיט מיין אייגענעם טאַלק. דאַן איז אפילו דאָס זוברעווען מיר געווען אינטערעסאַנט. איצט אָבער זיינען די אוראָקען פון געאָגראַפיע ביי מיר געווען אזוי ווי די ארבייט, וואָס אַ שקלאַף באַקומט פון דעם שקלאַפּען־טרייבער.

ווען מיר זיינען געווען אין דריטען קלאַס, איז ליעפּין פון אונז אוועק. דאַן האָט העכערע רוסישע געאָגראַפיע אַ געוויסע צייט מיט אונז געלערענט אַ לעהרער מיט'ן נאָמען בראַנ־

צעוו. ער איז גראָד געווען אַ באַלזוענער, ענטוויקעלטער מענש — איינער פון די ווייניגע אויסנאַהמען וואָס מיר האָבען ווען עס איז געהאַט (איך האָב איהם ניט אַריינגעשטעלט אין דעם צע־טעל פון אונזערע בעסערע לעהרער, ווייל קיין רעגעלמעסיגע שטעלע האָט ער אין אינסטיטוט ניט געהאַט, און אין סך הכל איז ער ביי אונז אָפּגעווען נאָר אַ פּאָר מאָנאַט). ער האָט אונז ערקלעהרט די עקאָנאָמישע באַדייטונג פון פאַרשידענע רוסישע געגענדען, דעם כאַראַקטער פון דעם קלימאַט און פון דער ערד, און וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט צו אינדוסטריע און האַנ־דעל. ער האָט אונז באַקאַנט געמאַכט מיט אַ קלימאַטאָלאָגישע קאַרטע. צוערשט האָב איך געמיינט, אַז דאָס אַלץ איז זעהר טרו־קען און לאַנגווייליג. ער האָט אָבער אין זיינע אוראָקען אַריינ־געגעבען אַזוי פיל וויסענשאַפטליכען שכל, אַזוי פיל זאַפט, אַז כל זמן ער איז ביי אונז געווען, איז דאָס ביי מיר געווען אַ ליבלינגס־געגענשטאַנד.

זייענדיג אין פערטען קלאַס האָב איך איבערגעלעזען באָקל'ס באַריהמטע „געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד". איך האָב דאָס געלייענט מיט אַזא התמדה, אַז ניט איינמאָל האָב איך צוליב דעם פאַרפעלט צו לערנען די אוראָקען אויף מאָרגען. לער־נען אָבער היסטאָריע, ווי פּראַוואָסודאָוויטש פלעגט איהר אונז אַרויסגעבען, איז פאַר מיר געווען אַן אָפּקומעניש.

מאַטעמאַטיק האָב איך געליבט, און מען האָט מיר גערעכענט פאַר איינעם פון די בעסטע מאַטעמאַטיקער אין אינסטיטוט. דאָס איז אָבער געווען שייך צו דעם שכל פון אַ „זאַדאַטשע". דאָ וואו מען האָט געדאַרפט מאַכען אַ מעכאַנישען חשבון, מיט אַ סך ציפער, פלעגט מיר פעלען גדולד; און איך פלעג זיך פאַרטראַכטען און פאַרפּלאָנטערען.

קאַטעלניקאָוו האָט מיך אַמאָל אָפּגעשעטעלט אויפ'ן קאַרי־דאָר און געזאָגט:

— איהר זייט אַ גרויסער פוילער, קאַהאַן! אַלע לעהרער זאָגען, אַז איהר האָט אויסגעצייכענטע פעהיגקייטען, נאָר איהר האָט ניט קיין חשק צום לערנען. איהר וועט שווין ביי מיר לער־נען, נישקשה! איך וועל אייך ווייזען ווי זיך צו פוילען!

ער האָט מיר ניט פארשטאנען. קיינער פון די לעהרער האָט קיינעם פון די שילער ניט פארשטאנען.

דער אמת איז, אז איך בין געווען אי א פוילער, אי א פלייסיגער — עס האָט זיך געווענדעט אָן דער ארבייט וואָס מיר איז אויסגעקומען צו טאָן. אזוי בין איך דעם גאנצען לעבען. אויב א זאך איז מיר אינטערעסאנט, קען איך ארבייטען בוכ־שטעבליך טאָג און נאכט.

שפעטער, אין מיין זעלבסטשטענדיגען לעבען, האָב איך אי־מער געהאט א שם פאר אונערמידליכע טעטיגקייט און ארבייט־זאמקייט. און מיינע לעהרער האָבען מיך געהאלטען פאר א פוילען!

עס זיינען פאראן צוויי ערליי פוילע: אזעלכע, וואס האָ־בען איינפאך ניט קיין ענערגיע און קיין ארבייטס־פעהיגקייט, און אזעלכע וואָס האָבען דאָס יאָ, אָבער נאָר פאר ארבייט, וואָס אינטערעסירט זיי.

דער צווייטער סאָרט פוילען זיך איז אייגענטליך א נאטיר־ליכער טייל פון דער ענערגישער נאטור. פון א אינטערעסאנ־טער באשעפטיגונג ווערט זי עלעקטריזירט און א ניט־אינטערע־סאנטע האָט א פארקערטע ווירקונג: זי שטויסט איהר אָפּ. דער וואס קען פלייסיג ארבייטען אָהן אן אינטערעס אין דער ארבייט איז אן ארבייטס־מאשין, ניט קיין ענערגישער מענש. אזא שילער לערענט פלייסיג אלץ וואָס מען גיט איהם.

די לעהרער פון יענע צייטען האָבען אזא אונטערשיד ניט געמאכט. זיי האָבען די שילער צוטיילט אויף מתמידים און פוילע, און ווען א שילער האָט צו א געגענשטאנד ניט געהאט קיין חשק, האָט דאָס געהייסען אז ער איז א פוילער. ווייטער האָ־בען זיי קיין קשיות ניט געפרעגט. פראגען פון טעמפעראמענט, איינבילדונגס־קראפט, דענקונגס־פעהיגקייט, פראגען פון כאראק־טער און פערזענליכקייט — אזעלכע זאכען האָבען פאר זיי ניט עקזיסטירט.

אין אונזער לעהר־בוך איבער פעדאגאָגיק איז געווען א פראזע: „מען דאַרף האָבען אין זינען דעם קינד׳ס ספעציעלע

נאטור.״ די פראזע האט זיך אין דעם בוך באגעגענט אזוי אפט, אז מיר פלעגן פון איהר אפלאכען. מיר האבען ניט פארשטאנען איהר וויכטיגקייט. מיר האבען געמיינט, אז יעדעס מאל ווען דער פארפאסער וויים ניט וואס צו זאגען — וואס דער ערציהער דארף טאן — דרעהט ער זיך ארוים מיט די ווערטער, אז עס ווענדט זיך אן דעם כאראקטער פון דעם קינד, און אז דעריבער קען מען קיין כלל ניט געבען. מיר האבען געוואוסט, אז אונזערע לעהרער האבען יא א כלל, נעמליך, אז דער וואס האט ניט קיין חשק צום לערנען, יענער איז א פוילער. באטראכטען דעם ספע־ציעלען כאראקטער פון דעם אדער יענעם שילער — אזעלכע זאכען איז זיי גאר ניט איינגעפאלען.

מיר האבען געלערענט סטאיונין'ס טעאריע פון ליטעראטור און יעווסטאפיעוו'ס געשיכטע פון רוסישע ליטעראטור. דאס איז מיר געווען אינטערעסאנט און איך האב עס געלערענט מיט התמדה, הויפטזעכליך סטאיונין'ס. אין שפעטערע יאהרען האב איך זיך איבערצייגט אז די טעאריע וואס סטאיונין ערקלעהרט האט קיין ממשות ניט. דאן אבער האב איך געמיינט, אז זי איז ריכטיג, און ער האט איהר איבערגעגעבען אזוי קלאהר און מיט אזא פיינע שפראך, אז איך בין געווען באגייסטערט.

קריסטאלאגראפיע איז א טייל פון מינעראלאגיע. זי בא־שעפטיגט זיך מיט דער פארמע פון קריסטאלען, און ווי אזוי איין פארמע געהט איבער אין אן אנדערער. אויף דיזען ענין האט מען ביי אונז אין צווייטען קלאס אפגעגעבען א סך צייט. דאס איז געווען אן אונזין, אבער דער געגענשטאנד איז מיר געווען אינטערעסאנט אלס גימנאסטיק פאר'ן מח. די פארשידענע פאר־מען פון די קריסטאלען און זייערע ענדערונגען פלעג איך זיך פארשטעלען אזוי ווי איך וואלט זיי געהאט פאר די אויגען. אלזא, האב איך דיזע אורזאכען געלערענט מיט חשק און באקומען הויכע אטמיעטקעס.

די „זאפיסקעס״ איבער באטאניק האב איך ניט געקענט פאר־טראגען. ווען לאווראוו האט אונז אבער גענומען אין פעלד, אנגעוויזען אויף געוויסע פלאנצונגען און ערקלעהרט ווי זיי לע־

בען, האט דער געגענשטאנד ביי מיר באקומען גאר אן אנדער טעם. איך האב זיך שטארק פאראינטערעסירט און האב זיך פארטיפט אין א ספעציעלען בוך וועגען דעם לעבען פון פלאנ־צען. איך און אנדערע צוויי שילער האבען געקראגען א וואז, איינגעפלאנצט אין איהם א באב און בעאבאכטעט ווי ער שפראצט, ווי ער ענטוויקעלט זיך.

שפעטער האט לאווראוו אונז געלערנט באטאניק אין א גו־טען בוך. ער איז אבער געווען צו טרוקען, און צו ווייניג צו־געפאסט צו אונזערע אומשטענדען.

פיזיק האב איך זעהר ליב געהאט, און איך האב וועגען יע־דען אוראק איבער דיזען געגענשטאנד געלעזען א סך מעהר ווי אונזער לעהר־בוך האט ענטהאלטען. פון די עטליכע רובעל וואס איך פלעג האבען געבענדיג אוראקען אין דער וואקאציע צייט, האב איך געקויפט די בעריהמטע שוהל־ווערק פון גאנא (א דיקער בוך איבער פיזיק, איבערזעצט פון פראנצויזישען), און איך פלעג אפט אויף איהם פארברענגען שטונדען, וועלכע איך האב בעדארפט אפגעבען אויף צו לערנען די מארגענדיגע אוראקען. איך פלעג זיך ניט קענען אפרייסען. יעדער נייער פיזישער געזעץ און „שכל" מיט וועלכען איך בין באקאנט געווארען, האט מיר אריינ־געבראכט אין א מערקווירדיגער באגייסטערונג. איך פלעג ארומ־געהן ווי א בארוישטער.

עטליכע מאל האט מען ביי אונז געמאכט עקספערימענטען איבער פיזיק. און דאן בין איך געווען גליקליך־איבער־גליקליך.

איין מאל איז אין ווילנא געקומען א דייטש מיט א וויסענ־שאפטליכען אינסטרומענט צו ווייזען פארשידענע מיקראסקאפישע חיה'לאך אין א שטארק פארגרעסערטער פארמע. אין א פינסטערען צימער, אויף א הענגענדען ליילעך, האט ער געוויזען, צום ביישפיל, די באשעפענישען וואס געפינען זיך אין א טראפען וואסער, אין א ברעקעל קעז, א. א. וו. זיינע פארשטעלונגען האט ער געגעבען אין א זאל פון דער ווילנער ערשטער גימנאזיע, און איין אווענד איז געווען באשטימט פאר די שילער פון אונ־זער אינסטיטוט. אלזא, האט מען אונז אהין אוועקגעפיהרט.

זיין רוסיש איז געווען קאָמיש, אָבער מיר איז דאָס ניט געלעגען אין זינען. איך בין געווען פּאַרטיפּט אין די זאַכען וואָס ער האָט אונז געוויזען און ערקלעהרט; און עטליכע מאָנאַטען נאָכדעם האָב איך זיך אינטערעסירט מיט מיקראָסקאָפּישע פאָרשונגען.

איך האָב געקויפט א זילבערנעם זייגער (ער האָט געהאַט אן אויבערשטע טירעלע, וועלכע האָט זיך געעפענט ווען מען האָט א דריק געטאָן דעם קנעפּעלע ביים ברעג. דאָס איז דאַן געווען א נייעס. פריהער האָבען די זייגערס זיך געעפענט אָהן א פּרוזשינע. פון אָנציהען אָהן א שליסעלע האָט מען נאָך דאַן אויך ניט געוואוסט). און איינמאָל, אין א פּרייטאַג־צו־נאַכט, זיצענדיג ביי מיינע עלטערען ביים טיש, האָב איך ענטדעקט אז מיט דעם בלישטשענדען דעקעל און מיט די ליכט קען מען מאַכען עקספּערימענטען. דער דעקעל קען דינען אַלס אן איינגעבויגענער שפּיגעל, וועגען וועלכען איך האָב געלערענט אין פּיזיק. אַלזאָ, האָב איך איהם געהאַלטען נעגען דעם פלאַם פון א ליכט, דאָ נעהנטער און דאָ ווייטער. און די פּראָבע איז געווען אן ערפאָלגרייכע.

ווען איך האָב דערזעהן די ליכט מיט'ן פלאַם אראָפּ און מיט די חלב ארויף, האָב איך געשפּרונגען פאַר שמחה. איך האָב דאָס געוויזען דעם טאַטען. פון אָנהויב האָט ער זיך ענטזאַגט צו קוקען. ערשטענס, האָט איהם מיין גאַנצער עקספּערימענט אויסגעזעהן אזוי ווי חלול שבת. צווייטענס, האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט אנערקענען אז דאָס, וואָס מען לערענט אין די ניט־אידישע „ביכלעך” האָט א ממשות. איך האָב איהם אָבער ניט אָפּגעלאָזען און ער האָט א קוק געטאָן.

— טאַקע אַ חידוש! — האָט ער געזאָגט ניט ווילענדיג, און ער האָט געקוקט ווידער און ווידער.

אין דער ביבליאָטעק פון דעם אינסטיטוט איז אָנגעקומען „דאָס לעבען פון איינאָפּעאישע פעלקער”, פון וואַדראָוואַזאָווא (א פּרוזי). דאָס איז דאַן געווען א נייע ווערק, און די

שילער האָבען זיך אַ כאַפּ געטאָן דאָס לעזען. מען האָט זיך קוים דערוואַרט אויף דער רייהע. איך האָב דעם בוך געלעזען מיט דעם טיפּסטען אינטערעס, און איך געדענק ווי איך האָב צו אימיצען פון די אַנדערע שילער געזאָגט:

— פאַרוואָס גיבען זיי אונז ניט אַ סך אַזעלכע ביכער צום לעזען? דאָס געהערט דאָך צו געאָגראַפיע. פאַרוואָס קאָרמעט מען אונז נאָר מיט טרוקענע אוראָקען?

מיר האָט זיך געדוכט, אַז דורך וואַדאָוואַזאָוואַ׳ס בוך בין איך באַקאַנט געוואָרען מיט די ענגלענדער, מיט די שפּאַניער, מיט די איטאַליענער, מיט די באַלקאַנישע פעלקער, און איך האָב באַ־קומען גאָר אַ נייעם חשק צו יענע טיילען פון דער געאָגראַפיע, וואו עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען זייערע לענדער.

די שילער האָבען וועגען דעם בוך אָפט גערעדט. פון די וויכטיגע נאַציאָנען האָבען ז׳י זיך ספּעציעל פאַראינטערעסירט מיט די ענגלענדער, ווייל פיל פון דעם וואָס וואַדאָוואַזאָוואַ האָט דערצעהלט וועגען זיי, איז אונז אויסגעקומען אַזוי זאָנדער־באַר. זיי האָבען זיך אונז פאָרגעשטעלט ווי זאָנדערבאַרע באַשעפּענישען.

מיר האָבען ביי איהר, צום ביישפּיל, געלייענט, אַז ווען צוויי ענגלענדער באַגעגענען זיך, זאָגען זיי: „פיינער וועטער היינט!״ אָדער „עס זעהט אויס ווי רעגען״. און דאָס איז אונז פאָרגע־קומען זעהר קאָמיש.

איינמאָל האָט אַ שילער באַמערקט ווי אַן אַנדער שילער, גע־הענדיג איבער׳ן קאָרידאָר, ניט זיך פּלוצלונג אַ נייג און זאָגט צו זיך אַליין:

— פיינער וועטער!

די סצענע איז גלייך איבערגעגאַנגען פון שילער צו שילער, פון קלאַס צו קלאַס. מען האָט זיך געקייקעלט לאַכענדיג. מען האָט איהם איבערגעקרימט, און אַ געוויסע צייט איז זיין צונעמעניש געווען „פיינער וועטער.״

איך האָב שוין גערעדט וועגען פעהיגע שילער, וועמען דאָס לערנען פלעגט אָנקומען לייכט, און וועגען אונפעהיגע, וואָס

פלעגען מיט פראצע בייקומען אלע שוועריגקייטען און גוט „איינ־זוברעווען" דעם אוראָק. דאָס רוב פלעגען די אוראָקען זיי אויך לאנגווײלען. זיי האָבען אָבער געהאַט געדולד צו זיי, און איך ניט. פאר מיר איז דאָס געווען קאַטאָרגע.

עס איז געווען א טיפ שילער (און ער געפינט זיך אור־מעטום און אין אלע צייטען), וואס מוז אויסלערנען דעם אוראָק אזוי, אז ער זאָל באַקומען די העכסטע אָטמיעטקע. ער האָט איהם שוין אויסגעלערענט. ער קען איהם שוין. ער מוז אָבער איהם ווידער לערנען, ווידער און ווידער, ביז ער וועט איהם קענען „אויף א פינף" (די העכסטע אטמיעטקע). דער ענין הויבט איהם ניט אָן צו אינטערעסירען. דאָס מאַכט איהם אָבער ניט אוים. ער מוז אויסלערנען „אויף א פינף".

ווען דער געגענשטאַנד האָט מיך ניט אינטערעסירט, האָב איך קוים געהאַט געדולד גענוג דעם אוראָק אויסצולערנען „אויף א דריי".

איין מאָל, אויף פראוואסודאָוויטש'עס אָן אוראָק איבער היסטאָריע אין פערטען קלאַס, האָב איך, זיצענדיק אויף מיין באַנק, אויפגעשריבען א גראַם:

„מאָלאָ נאַאוקי
מנאָגאָ מוקי".

דאָס הייסט: „ווייניג וויסענשאַפט, א סך אָפּקומעניש."

ער האָט באַמערקט, אז איך שרייב עפּעס און האָט זיך ניט צו, איז ער צו מיר צוגעגאַנגען. און איך בין געווען אזוי פאר־טיפּט אין מיינע גראַמען, אז איך האָב זיינע טריט ניט געהערט. ער האָט גענומען מיין פּערו.

— וואָס הייסט עס? — האָט ער געפרעגט, רויט־ווערענדיג פון כעס, — אזא חברה־מאַן זייט איהר? איך וועל דאָס ווייזען דעם דירעקטאָר.

צי ער האָט דעם דירעקטאָר דערצעהלט, צי ניט, ווייס איך ניט. מען האָט מיר אָבער ניט באַאונרוהיגט.

.7

שילער וואָס געפינען חן אין א לעהרער'ס אויגען און פאר־קערט. — אין קארצער. — פאָליאקאָוו. — איך לערען זיך שפּילען קלאַרנעט.

כמעט יעדער שותל־לעהרער האָט זיך זיינע ליבלינג־שילער און אזעלכע וואס האָבען ביי איהם קיין חן ניט. איינציגע שילער האָבען חן ביי אַלע לעהרער. דאָס רוב זיינען דאָס די, וואָס זיינען פעהיג און פלייסיג. עס זיינען אָבער פאראַן אנדערע אויך.

אין אונזער קלאַס איז געווען א שילער, וועלכער איז געווען א מייסטער אויף צו'חנפ'ענען זיך צו די לעהרער. ער האָט דאָס געטאָן אויף פארשידענע וועגען. צום ביישפּיל: ער פלעגט זיך אריינגעמען אין קאָפּ די ספּעציעלע אויסדרוקען וואָס די לעהרער פלעגען געברויכען, און ווען ער פלעגט זוברעווען דעם אוראָק, פלעגט ער אין איהם אריינזוברעווען די דאָזיגע ווערטער. פאר דאָס רוב לעהרער איז דיזע אויפמערקזאַמקייט געווען זעהר אנ־גענעהם. דער שילער, וועגען וועלכען איך דערצעהל דאָ, איז גע־ווען איינער פון די „וואָס לערנען אימער „אויף א פינף". מיר האָבען איהם אַלע געהאַלטען פאר אַן אונפעהיגען. דאָך פלעגט ער האָבען די העכסטע אטמיעטקעס. די לעהרער פלעגען זעהן אז ער זאָגט דעם אוראָק „ווי א וואסער", און אז ער הערט זיך צו צו זייער יעדען וואָרט. אָפט פלעגט זיך דערביי ארויסווייזען זיין טעמפּקייט. אָבער דאָס האָט איהם ניט געשטערט. ער פלעגט אַלץ באַקומען א הויכען ציפער.

ער איז געווען זעהר כיטרע. ביי די שילער איז ער ניט גע־ווען פּאָפּולער. ביי די לעהרער אָבער — יאָ.

א צווייטער שילער, וואָס פלעגט זיך חנפ'ענען צו די לעה־רער האָט געהאט גוטע פעהיגקייטען. ער וואָלט געקענט האָבען גוטע אטמיעטקעס אָהן חניפות. ער האָט אָבער געהאַלטען פון דעם כלל, אז „אין צווייען איז שטארקער".

עס זיינען אויך געווען אזעלכע, וואָס האָבן די הויכע אָט־מיעטקעס באַקומען נאָר דורך זייערע פעהיגקייטען.

איינינע פון די לעהרער האָבן זיך צו מיר פאַרהאַלטען זעהר גוט. מאַרעל, צום ביישפּיל, זיוזיוקין, שטיינבערג, ליעפּין. ווע־גען ליעפּינ׳ס פריינדליכקייט צו מיר איז מיר ספּעציעל אינ־טערעסאַנט זיך צו דערמאָנען, ווארים איך פלעג זיינע אוראָקען קוים צופּערטיגען. ער איז מיט מיר ניט געווען צופרידען און ניט געקענט זיין צופרידען. ער האָט מיר אָבער פאַרגעבען אַלע מיינע זינד.

ביי ראַדיקין׳ען האָב איך קיין חן ניט געהאַט. דאָס איז הויפּטזעכליך געווען דערפאַר, וואָס די פערזען וואָס ער פלעגט אונז ארויסגעבען אויסצולערנען אויף אויסווייניג, פלעג איך קענען קוים „אויף א דריי.״

סתם לערנען אויף אויסווייניג איז אַלע שילער געווען אונ־אַנגענעם, אָבער פילע פון די אַנדערע פלעגען מיט אַזא אוראָק זיך געבען מיה, און אַז מען פלעגט זיי אויסרופען, פלעגט דאָס ביי זיי געהן ווי א קאַפּיטעל תהלים ביי אַן אַלטען תהלים־זאָגער. איך האָב צו דעם קיין געדולד ניט געהאַט, און ביי מיר פלעגט דאָס זעלטען ארויסקומען גלאַט. א פּאָר מאָל פלעג איך זיך פאַרטשעפּען, שטעהן און וואַרטען ביז איך וועל זיך דערמאָנען אָדער דער לעהרער וועט מיר דערמאָנען.

וואָס פאַר א מאָמענט דאָס איז געווען! איך שטעה און שוויינ, און מיר קלאַפּט דאָס הארץ; די אַנדערע שילער קוקען אויף מיר — ווער מיט מיטלייד, און ווער קווועלענדיג פון מיין אונגליק; און ראַדיקין קוקט אויף מיר דורך זיינע בלויע ברילען, קוקט און וואַרט ווי א קאַלטער גזלן.

ווען דער שילער האָט דעם אוראָק ניט געוואוסט, פלעגט ער צו איהם זאָגען: „סאַדיטעס!״ (זעצט זיך אַנידער) מיט א ספּעציעלען טאָן און מיט א ספּעציעלער אויסשפּראַכע. אין דעם וואָרט פלעגט קלינגען פאַרדרוס, סטראַשונאַק און לעהרערישע זעלבסטווירדע. און אין אונזער לעבען צווישען זיך, ווען איינער פלעגט עפּעס זאָגען א נאַרישקייט, אָדער האָבען א טעות, אדער

ניט וויסען וואס צו ענטפערען אויף א פראגע, פלעגען מיר אויף שפאס איהם זאגען „סארדיטעס!”, פונקט ווי דאדיקין פלעגט דאס אויסריידען.

איך בין געווען איבערצייגט, אז דאדיקין באהאנדעלט מיך ניט מיט יושר.

איינמאל, ביי דעם אנפאנג פון דעם יאהר, וואס איך האב פארבראכט אין דעם דריטען קלאס, האט ביי מיר געפלאצט די געדולד. ווען ער האט צו מיר געזאגט זיין „סארדיטעס!” האב איך אויסגעשסאען:

— איהר טשעפעט זיך צו מיר!

— סארדיטעס! — האט ער איבערגעזאגט, קוים קאנטראָלירענדיג זיין צארן.

— איהר טשעפעט זיך צו מיר! — האב איך געשריען ווי א ווילדער.

— סארדיטעס!

— צי איך וועל זיצען, צי איך וועל שטעהן, דער פאקט איז דערזעלבער: איהר טשעפעט זיך צו מיר!

אזוי „ווידערשפעניגען” האט זיך פריהער נאך קיינער ניט ערלויבט.

עס איז געווען א סענסאציע. דאדיקין האט מיין פאר־ברעכען באריכטעט דעם דירעקטאר, און מען האט גערופען א לעהרער־ראט. דאס איז געווען א פרייטאג. די לעהרער האָ־בען זיך פארזאמעלט נאכמיטאג, און זיי זיינען אפגעזעסען ביז שפעט אין אווענד. די אנדערע שילער זיינען אוועק „אין שטאדט”. מיר אבער האט מען דעם בילעט שוין ניט געגעבען.

וואס דער לעהרער־ראט האט באשלאסען האב איך יענעם אווענד ניט געוואוסט. די שילער וואס זיינען געקומען נעכ־טיגען אין אינסטיטוט זיינען געווען זיכער אז מען האט מיר אויסגעשלאסען.

אויף מארגען, שבת, אין דער פריה, ווען איך בין אומגעגאנ־גען איבער'ן גרויסען הויף מיט א ביכעל אין האנט, דערהער איך ליעפינ'ס באסאווע שטימע הינטער זיך. דער קלענערער

הויף׳ל איז ארויסגעקומען אויף אן אנדער גאס, און ער איז איצט גראד דורכגעגאנגען, געהענדיג פון יענער גאס צו דעם סקווער.

— צו וואס האט איהר דאס באדארפט, קאהאן? — האט ער געזאגט. — „ניט געווען קיין אונגליק, האבען די שדים איהם אנגעפאמפעט" — האט ער צוגעלייגט א רוסישען שפריכווארט. — איצט וועט איהר דריי מעת־לעת זיצען אין קארצער אויף ברויט און וואסער און א גאנצען ווינטער ניט ארויסגעהן אין שטאדט.

אויף דיזען ארט האב איך זיך דערוואוסט מיין פסק.

ווען מען האט מיר אריינגעפיהרט אין קארצער איז גע־ווען ערב יום כפור.

קיין ספעציעלען געפענגנים צימער האט דער אינסטיטוט ניט געהאט. מיין טורמע איז געווען אין דעם וואנע־צימער פון דעם האספיטאל. דארטען האב איך די דריי נעכט געדארפט שלאפען אויף דער הויכער פארלאגע אדער אין דער קופערנער וואנע.

די פליכט מיר אהין אריינצופיהרען און פארשליסען איז געפאלען אויף טראצקי׳ן דעם עקאנאם. ער האט בעדארפט זעהן, אז איך זאל ניט האבען אויף וואס צו שלאפען און קיין אנדער שפייז ווי ברויט מיט וואסער. ער האט געוואוסט, אז מיינע חברים האבען פאר מיר אנגעגרייט וואס צו עסען. ער האט זיך אבער געמאכט ניט־וויסענדיג. איך האב אין דעם וואנע־צימער געפונען א גאנצען בארג מיט בולקעס, עטליכע „נאפאלעאנטשיקעס", א פאר טוץ אפעלסינען און עטליכע אויי־בער־רעק צו דינען מיר אנשטאט קישענס און קאלדרעס.

אויף צו לעזען האב איך אין קארצער גענומען טאלסטאי׳ס „קריג און פרידען" — צוויי גרויסע, דיקע בענדער — און עפעס נאך א ווערק.

מיין געלעגער האב איך זיך געמאכט אויף דער פארלאגע. די וואנע האב איך געברויכט אלס א סקלאד צו האלטען די פראוויזיע.

מען האט מיך פארשפארט ביינאכט, און קיין ליכט האט מען מיר ניט געגעבען. לעזען איז געווען אונמעגליך.

ווען איך בין אויפגעשטאנען אין דער פריה, האט זיך ארויס־

נעצייגט אז די סעודה וואס די חברים האבען פאר מיר אנגע־גרייט, האבען די מייז צוגריזשעט.

איך האב גענומען קלאפען אין טיר, ביז עס איז צוגעקו־מען איינער פון די דינער. איך האב איהם געזאגט אז איך האב ניט קיין ברויט. אזוי ווי עס איז געווען יום כפור, איז טראצקי אוועק אין שוהל, און עס איז ניט געווען צו וועמען זיך צו ווענדען. מיינע חברים האבען זיך דערוואוסט. זיי הא־בען געפרופט אריינשמוגלען נייע שפייז. עס איז אבער גע־ווען אונמעגליך. ענדליך האט איינער פון זיי זיך געמאכט הארץ און געגאנגען זאגען דעם דירעקטאר, אז קאהאן קלאפט אין טיר און באקלאגט זיך, אז מען האט איהם ניט געגעבען קיין ברויט.

— עס מאכט ניט! זאל ער אביסעל צוהונגערען — האט קאטעלניקאוו געענטפערט.

שפעטער איז געקומען טראצקי און האט מיך געבראכט ברויט, און די שילער — נייע גוטע זאכען.

איך האב זיך גענומען לעזען „קריג און פרידען“. א גרוי־סע טייל פון די ערשטע בלעטער זיינען געווען פארנומען מיט נעשפרעכען אין אריסטאקראטישער געזעלשאפט; און אזוי ווי אין דער נאפאלעאנישער צייט, צו וועלכער דער ראמאן איז שייך, האט די הויכע רוסישע געזעלשאפט צווישען זיך מייס־טענס גערעדט פראנצויזיש, זיינען די דאזיגע נעשפרעכען געווען איבערגעגעבען אין דיזער שפראך, און אונטען אין „פוס־נאטיצען“, האבען זיך געפונען רוסישע איבערזעצונגען (אין שפעטערע אויס־נאבען האט טאלסטאי דאס געענדערט: אין דעם טעקסט גע־העז די נעשפרעכען שוין אויף רוסיש).

איך געדענק דעם שטארקען איינדרוק וואס דאס ווערק האט אויף מיר געמאכט. מעהר פון אלץ געדענק איך ווי איך האב באוואונדערט טאלסטאי׳ס באשרייבונג ווי דער אינגערער וואל־קאנסקי ליגט אין א הויכען גראז היץ, און ווי עס דוכט זיך איהם אז ער הערט געוויסע קלאנגען. דאס איז וואהרשיינליך געווען דאס ערשטע מאל וואס איך האב אפגעשאצט דעם קינסט־לערישען אינהאלט פון א פסיכאלאגישער שילדערונג.

פון מיין פענסטער האָב איך געקענט זעהן איינעם פון די פענסטער אין טראַצקי'ס וואוינונג. דעם ערשטען טאָג איז ביי דעם פענסטער געזעסען טראַצקי'ס פרוי. מיט א גרויסען מחזור אדער סדור איז זי געזעסען. דאָס איז געווען די איינציגע זאך, וואָס האָט זיך געזעהן פון מיין פענסטער. איך בין אָבער געווען צופרידען. דער ראָמאַן האָט מיר פארשאפט אזא פאר־גניגען, אז איך האָב זיך געפרעהט וואָס איך קען איהם לעזען גאַנצענע טעג.

פון צייט צו צייט פלעגט איינער אדער צוויי פון די שילער אָנקלאַפּען אין טיר, און דורכ'ן טיר מיט מיר שמועסען ביי א האַלבע שעה.

די דריי מעת־לעת זיינען אוועק א סך אנגענעהמער ווי איך האָב ערוואַרטעט.

אזוי ווי איך האָב דעם „טערמין" אָנגעפאַנגען אין אָווענד, האָט מען מיך באפרייט אויך אין אָווענד. פּונקט 8 אוהר, ווען די שילער פון אַלע קלאַסען האָבען זיך פארזאַמעלט אין דעם עס־זאַל, האָט מען מיך אויך אהין אריינגעפיהרט. איך האָב פארנומען מיין געוועהנליכען פּלאַץ.

אין המוציא־געזאַנג האָב איך קיין אנטייל ניט גענומען. אַלץ האָט מיר אויסגעזעהן זאָנדערבאר. אין די דריי טעג זיינען מיינע אויגען אזוי צוגעוואוינט געוואָרען צו דעם ענגען קרייז פון דעם וואַנע־צימער, אז אין די ערשטע מינוטען האָבען זיי ווייטער ווי אזא קרייז ניט געקענט זעהן.

איך האָב געפיהלט ווי אַלע קוקען אויף מיר. איך בין געווען שטאָלץ ביי זיך.

מיט עטליכע מאָנאַט פריהער האָט דעם אינסטיטוט באַ־זוכט דער אידישער מיליאָנער פּאָליאַקאָוו, און ביים געזעגענען זיך האָט ער צוגעזאָגט א מתנה פאר די שילער: מוזיקאַלישע אינסטרומענטען. האָט זיך גראָד אזוי געמאכט, אז די אינסטרו־מענטען זיינען אָנגעקומען אין דער צייט ווען איך בין געזעסען אין קארצער. די אינסטרומענטען זיינען געווען אויסגערעכענט אויף צו אָרגאַניזירען אַן אָרקעסטער פון די שילער, און דעם

צעמעל האָט צוזאמענגעשטעלט עבאן, וועלכער האָט זיך אונ־טערגענומען אונז צו לערנען שפּילען. עס זיינען אָנגעקומען צוועלף פידלען, אַן אַלט, אַ וויאָלאָנטשעל, צוויי פלייטען און צוויי קלאַרנעטען. די פידלען מיט די פלייטען האָט מען גלייך צוכאַפּט. די אַנדערע אינסטרומענטען און איין קלאַרנעט האָט מען אויך ווי עס איז ארויסגע׳פּטר׳ט. אויף דעם צווייטען קלאַר־נעט אָבער האָט זיך קיין בעלן ניט געפונען. ווען איך בין ארויס פון קארצער, איז דאָס געווען דער איינציגער פרייער אינסטרו־מענט, און אזוי ווי מיר האָט זיך זעהר געוואָלט זיין אין דעם אָרקעסטער, האָב איך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו ווע־רען אַ „קלאַרנעטיסט".

פידעל שפּילען האָט עבאן די שילער אליין געלערענט. צו די קלאַרנעטען און פלייטען אָבער האָט ער צוגעדונגען צוויי מו־זיקאַנטען פון זיין טעאַטער אָרקעסטער. דער קלאַרנעטיסט איז געווען אַ דארער יונגערמאַן מיט אַ קליינע שווארצע בערדעלע. דער צווייטער — אַ גרויסער, דיקער מאַן, אַ געגאָלטער און אַ שמייכעלדיגער, אַ איד מיט אַ קליינינקע שפּאַנישע בערדעלע אונטער׳ן לופּ.

דער דארער איז אַלזאָ געווען מיין לעהרער. רוסיש האָט ער קוים געקענט אויסריידען אַ וואָרט, און אידיש ריידען האָט מען ניט געטאָרט. האָט ער זיך נעבאך געמאַטערט, און מיר, זיינע צוויי שילער, האָבען קוים פארשטאַנען וואָס ער מיינט. אפילו די טיילען פון זיין אינסטרומענט האָט ער ניט געקענט אָנרופען אויף רוסיש. „קלאַפּאַן", צום ביישפּיל, האָט ביי איהם געהייסען „קלאַפּע".

זיין נאָמען געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר, אז ער איז געווען אַ שוואָגער פון „גדליה׳קע דעם קלעזמער", וועלכען מען האָט גערעכענט פאַר דעם גרעסטען פידעל־שפּילער אין שטאָדט. פארשידענע אַנעקדאָטען פלעגט מען וועגען דעם דאָזיגען גדליה׳קע דערצעהלען — וועגען איהם פערזענליך און וועגען די וואונ־דער פון זיין שפּילען. גדליה׳קע׳ס פאָטער איז אויך געווען אַ קלעזמער, און זיינע ברידער אויך; און די שוועסטער האָבען

חתונת געהאט פאר קלעזמער. דאָס איז געווען די באריהמטסטע מוזיקאנטען־פאמיליע אין דעם ווילנער געגענד.

ארויסברעגגען פון דעם קלארנעט א גוטען טאָן האָב איך זיך אויסגעלערענט לייכט; און ווען איך האָב געשפילט אליין, אָהן אן ארקעסטער, איז ביי מיר געגאנגען נישקשה. ווען איך האָב אָבער געפּרואווט אָנטייל נעהמען אין דעם אָרקעסטער, איז מיר געווען שווער צו האַלטען דעם טאקט. איך פלעג צוטומעלט ווערען און בלייבען הינטערשטעליג.

איך בין ניט געווען דער איינציגער אזעלכער. עבאן פלעגט זיך כאַפּען פאר'ן קאָפּ, שרייען; עס האָט אָבער ניט געהאָלפען.

ער האָט געהאט א שטארקע אמביציע אונזער אָרקעסטער איינצוסטראָיען, ווארים דער „פּאָפּעטשיטעל" איז אין דעם געווען פאראינטערעסירט, און דער עיקר—דער אָלמעכטיגער פּאָליאקאָוו פון פעטערסבורג האָט דאָך, אויף זיין פּאָרשלאג, די אינסטרומענ־טען געשאָנקען. האָט ער געארבייט מיט אלע כחות, ביז ער האָט, ווי עס איז, געהאט ערפאָלג.

א פּאָר ווערטער וועגען פּאָליאקאָוו'ען און זיין וויזיט.

געשטאמט האָט ער פון א גאנץ געוועהנליכער אידישער פאַ־מיליע אין דינאבורג (דווינסק). איצט אָבער איז ער געווען א פּאָדריאדטשיק אויף בויען אייזענבאהנען און האָט זיך געוואָרפען מיט מיליאָנען. דורך דעם האָט ער געהאט פארבינדונגען אין די העכסטע רוסישע קרייזען און א גרויסען איינפלוס. ווען א רוסי־שער קניאז אָדער גראף איז געווען געבראָכען, פלעגט פּאָליאקאָוו איהם געבען א כלומרשט'דיגע שטעלע ביי זיך און צאָהלען איהם א הויכען געהאלט. מען פלעגט דערצעהלען, אז אין זיין פּאָדער־צימער קען מען אימער געפינען הויכע רוסישע אריסטאָקראטען (פונקט אזא סצענע ווערט פאָרגעשטעלט אין טאָלסטאָי'ס „אננא קארענינא", נאָר אָנשטאָט פּאָליאקאָוו, איז דער נאָמען באָלגארי־נאָוו). פּאָליאקאָוו איז געווען אן אומוויסענדער מענש, אָבער דאָס האָט איהם ניט געשטערט צו זיין ראָלע.

ווי אזוי ער קומט צו באזוכען דעם אינסטיטוט, ווייס איך ניט גענוי. געהערט האָב איך דאָס פאָלגענדע: אין א געשפּרעך מיט דעם מיניסטער פון בילדונג האָט פּאָליאקאָוו ארויסגעוויזען

און אינטערעס אין דער פארשפרייטונג פון דער רוסישער שפּראַך צווישען אידען. דורך דעם איז געקומען צורייד וועגען אונזער אינסטיטוט, און מען האָט איהם איינגעלאַדען זעהן וואָס פאַר אַ „גוטע רוסען" מען מאַכט פון אונז.

ער איז צו אונז געקומען מיט זיין זוהן. דאַוויד, דאַכט זיך, האָט ער געהייסען. דער פאָטער האָט אויסגעזעהן צו זיין אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע־און־פופציג, מיט אַ רויטען פּנים, באַדעקט מיט שטעכיגע ווייסינקע הערעלעך. און זיין זוהן איז געווען אַ יונגער־מאַן מיט אומעדיגע אויגען און מיט אַנגעבלאָזענע באַקען. גע־בראַכט צו אונז האָט זיי דער פּאָפּעטשיטעל אליין. אין דער באַ־גלייטונג פון דעם דירעקטאָר, האָט די קאָמפּאַניע באַזוכט אַלע אונ־זערע קלאַסען. עבאַן איז אויך געקומען און ער האָט די געסט געוויזען, ווי פיין מיר קענען זינגען רוסישע לידער.

ווען זיי זיינען אַוועקגעפאָהרען, האָבען מיר זיי איבערגע־קרימט — דעם עלטערען פּאָליאַקאָוו מיט זיינע גרויע הערעלאַך, און דעם זוהן — מיט זיינע אַנגעבלאָזענע באַקען. און אונזער לוסטיגער לעהרער, ריעזאַנאָוו, האָט זיי איבערגעקרימט אויף זיין שטייגער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּנים? — האָט ער געזאָגט, מאַ־כענדיג אַ משונה'דיגע אוואיע — יאָ געגאָלט און ניט געגאָלט! היינט דער זוהן! (דערביי האָט ער געמאַכט אַזאַ פּאָר אַנגעבלאָ־זענע באַקען, אַז מיר האָבען זיך געהאַלטען ביי די זייטען פון גע־לעכטער).

.8

די שילער. — עטליכע פון זיי. — מיר גיבען אַרויס אַ זשורנאַל.

מיט יאָהרען שפּעטער האָט איינער פון די באַקאַנטע רוסישע רעוואָלוציאָנערען מיר דערצעהלט וועגען דעם לעבען אויף קאַ־טאָרגע. צווישען אַנדערע זאַכען, האָב איך פון איהם געהערט, אַז דאָס, וואָס זיי זיינען געווען צוזאַמען, האָט ניט גוט געווירקט

אויף ז'ייערע באציהונגען צווישען זיך. זיי זיינען זיך מיאוס גע־וואָרען. דער טייערסטער חבר, א רעוואָלוציאָנער, מיט וועלכען מען האָט צוזאמען געשטעלט דעם לעבען אין קאָן, איז געוואָרען אונערטרעגליך.

אין א געוויסען זין האָט דאָס זעלבע פּאסירט אלס רעזולטאט פון אונזער געצוואונגענעם לעבען אימער אינאיינעם — אין איין שלאָף־צימער, ביי איין טיש צום עסען, אין איין קלאס־צימער, איין קאָרידאָר. עס זיינען געווען פריינדשאפטען, אָבער פאר־העלטניסמעסיג ווייניג. ביטערע קריגערייען און לאנגע גיפטיגע ברוגז'ן זיינען אויך ניט געווען קיין צו־אָפטע זאך, אָבער אין הארצען האָט מען זיך ניט ליב געהאט.

נאָך וואקאציע־צייט, ווען מען האָט זיך ווידער פארזאמעלט נאָך א שיידונג פון עטליכע וואָכען (אין אינסטיטוט פלעגט אויף זומער איבערבלייבען נאָר א קליינע צאָל שילער), פלעגען די באציהונגען זיין גאנץ אנדערע. די ערשטע פּאָר טעג האָט מען זיך זאָגאר געפרעהט איינער מיט'ן אנדערען. דערנאָך אָבער פלעגט מען זיך ווידער מיאוס ווערען.

עס זיינען געווען אויסנאמען. אין מיין קלאס, צום ביישפּיל, איז געווען א שילער מיט'ן נאָמען טראצקי, א ווילקאָמירער; האָ־בען מיר איהם אלע געליבט. ער איז געווען א מילדער, א גוטער. ער האָט צו קיינעם ניט געהאט קיין אנדערע געפיהלען ווי פריינד־ליכע. און אזוי האָבען מיר אלע געפיהלט צו איהם אויך.

ער איז געווען העכער ווי פון מיטעלען וואוקס און ניט קיין מאָגערער. ער פלעגט אויפשטעהן זעהר פריה און אומגעהן הין און צוריק איבער'ן קאָרידאָר, אמאָל לערנען דעם אוראָק און אמאָל גלאט אזוי. דערביי האָט ער געהאט א געוואוינהייט זיך צו האלטען ביי דער סאמע וואנט. ער איז ניט געווען עלטער פאר די אנדערע שילער. אויף שפּאס אָבער פלעגט ער ליב האָבען צו שפּילען די ראָלע פון אונזערען א זיידען. ער פלעגט צוגעהן צו א חבר, איהם אָננעהמען פאר'ן שפּיץ מאָרדע און זאָגען: „אך דו נארעלע!” (אָנשטאָט דעם וואָרט „נארעלע”, פלעגט ער געברויכען אנאנדער וואָרט, א שפּאסיג־אונאנשטענדיגען, וועלכער איז כאראק־טערסיטיש פאר א זיידען).

האָבען מיר איהם א נאָמען געגעבען „זיידע".
זיין קאָרטענער קאָסטיום איז אויף איהם אימער געווען צו־שמאָל, און די קאָרטענע הויזען — צו־קורץ. זיין פליישיגער קערפער פלעגט ארויססטארטשען. ווען ער איז געווען אָנגעטאָן וואָכעדיג, איז דער אלגעמיינער איינדרוק געווען ווי פון א געזונטען דאָרפס־יונג, גאָרניט ווי פון א זיידען. צו זיין כאראקטער האט זיך אָבער דער נאָמען געפּאסט. יעדענפאלס האט דער נאָמען גוט אויסגעדריקט אונזערע געפיהלען צו איהם, און אזוי האָבען מיר איהם גערופען, ביז מיר האָבען געענדיגט.
ווען מיר זיינען געווען אין דריטען קלאס, האָבען מיר איהם צוגעגעבען א באָבען.
א שילער פון גראָדנא, מיט'ן נאָמען סענא, מיט זעהר ווייכע האָר פון אש־קאָליר, פלעגט אָפט זיצען און טראכטען שטילער־הייט; שפּילען זיך מיט זיינע ווייכע זיידענע האָר און טראכטען. ער איז דאָס געווען דער שילער, וועגען וועלכען איך האָב אויבען געזאָגט, אז ער האט גוט געקענט העברעאיש און דקדוק. ער איז געווען א פעהיגער מענש. ווען ער פלעגט זיצען פארטראכטערהייט, פלעגט ער ווירקליך אויסזעהן עלטער ווי אלע אנדערע שילער, און אפשר איז ער טאקע געווען עלטער. מיר פלעגען זאָגען, אז ער זיצט, ווי א „באָבעצע". ביז אימיצען — איך געדענק ניט ווער — איז איינגעפאלען דער געדאנק איהם צו קרוינען פאר א „באָבען" צו אונזער „זיידען".
איינמאָל, אין א שבת־צו־נאכט, ווען די שילער האָבען זיך אומגעקערט פון „שטאָדט", האט איינער פון אונזער קלאס, א שי־לער מיט'ן נאָמען צילשטיין (א שוואָגער פון מיין אמאָליגען רבי'ן, חאצקעל), ארויסגענומען פון קעשענע א מתנה פאר דער „באָ־בען". די מתנה איז געווען א בינטעל „פּרוטסעס" (שפּיזלעך), מיט וועלכע א אידענע ארבייט א זאָק) און ער האט דאָס דערלאנגט סענא'ן.
דער שפּאס האט אונז געגעבען שטאָף פאר געלעכטערס און וויצען אויף א גאנצען ווינטער.
מען האט אויך גערעדט וועגען קויפען א לולקע פאר'ן „זיי־דען". אָבער צי מען האט דאָס פארווירקליכט, געדענק איך ניט.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז שאַרפע קריגערייען זיינען פאָרגע־קומען ניט אָפט. גוואַלדיגע זידעל־ווערטער האָט מען געהערט זעלטען. און צו געשלעגן איז קיינמאָל ניט געקומען. יעדענפאַלס איז אין מיין זכרון ניטאָ קיין איינציגער פאַל אַזעלכער. דער גע־וועהנליכער שימפ־וואָרט איז ביי אונז געווען „איספּאָרטשענני" (פאַרדאָרבענער).

עס זיינען געווען שילער, וועמען די אַנדערע פלעגען אין אמת'ן האַלטען פאַר „איספּאָרטשעננייע" און זיי טאַקע אַזוי רופען צווישען זיך. אָבער אַזעלכע איז געווען ניט מעהר ווי איינער, העכסטענס צוויי אין אַ קלאַס. אין אַלגעמיין זיינען די שילער געווען עהרליכע בחורים, מיט אַנשטענדיגע כאַראַקטערס און זיי האָבען דאָס אָנערקענט איינער אין דעם אַנדערען. מען פלעגט גלאַט באַריידען איינער דעם אַנדערען, אָנווייזען אויף פעהלערען, אָפּ־לאַכען, אָבער דאָס איז דאָך אַ גאַנץ געוועהנליכע טבע ביי מענ־שען. פאַראַן אַ סך אמת גוטע מענשען, וואָס זיינען גרויסע באַ־ריידער און העצע־מאַכער.

וואָס עס טוט זיך ביי יענעם אין האַרצען, ווייסט מען ניט. אפשר טראָגט זיך אימיצער אַרום מיט פאַרבּרעכענס אין זיינע גע־דאַנקען און אויף זיינע באַקאַנטע מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ מענשען, וואָס קען קיין צוויי ניט צעהלען. עס טרעפט אַמאָל אַן אונאַנגענעהמע איבערראַשונג. אַזאַ איבערראַשונג האָט געהאַט דער אינסטיטוט, בשעת איך בין געווען אין ערשטען קלאַס. די פּאַסי־רונג האָט מען אָבער געדענקט פילע יאָהרען שפּעטער אויך.

עס האָבען זיך גענומען באַווייזען צייכענס פון אַ געהיימער האַנט, וואָס שטרעבט אַנצוטאָן סענסאַציאָנעלע שאָדענס. צום ביישפּיל: איבער דער גאַנצער לענג פון דעם קאָרידאָר פלעגט אין געוועהנליכע טעג ליגען אַ געשטריקטער קאַוויאָר (ראָננער); האָט מען איינמאָל, אין דער פריה, ווען מען איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, איהם געפונען באַגאָסען מיט טינט. עס האָט נאָך ניט פּאַספּייעט איבערצוגעהן דיזע סענסאַציע, ווי מען האָט געפונען אַ נייעם סקאַנדאַליעזען היזק.

ווער האָט דאָס אַלץ געטאָן? וואָס פאַר אַ צוועק האָט ער דערביי?

די געשיכטע האָט אָנגענומען אַזאַ נערוודער, אַז דער פּאָפּע־משיטעל אַליין איז געקומען און וועגן דעם געהאַלטען אַ רעדע אין יעדען קלאַס. ער האָט צו אונז אַפּעלירט, אַז מיר זאָלען ענט־דעקען דעם פאַרברעכער. און אויב די „העסליכקייטען" וועלען ניט אויפהערען — האָט ער געסטראַשעט — וועט מען צומאַכען דעם אינסטיטוט.

די שילער פון פערטען קלאַס האָבען די זאַך גענומען ספּעציעל ערנסט, וואָרים זיי האָבען שוין געהאַלטען נאָהענט צו ענדיגען, און ווען מען זאָל צומאַכען דעם אינסטיטוט, וואָלט זייער גאַנצע מיה פאַרלאָרען געגאַנגען. זיי האָבען אויך געהאַלטען רעדעס פאַר די שילער פון די אַנדערע קלאַסען. זיי האָבען זיך געבעטען, מיר זאָלען דעם שולדיגען כאַפּען, מיר זאָלען ראַטעווען דעם אינ־סטיטוט.

פון זייערע רעדעס האָבען מיר אָפּגעלאַכט (עס איז איבער־הויפּט געווען אַ מאָדע אָפּצולאַכען פון די העכערע שילער). אויפ־געבראַכט פון די סקאַנדאַלען זיינען מיר אָבער אַלע געווען.

די שילער פון פערטען קלאַס האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַ מין דעטעקטיוו קאָמיטע און געהיט דעם אינסטיטוט אַזוי, אַז די אַנדערע קלאַסען זאָלען דאָס ניט באַמערקען.

איינמאָל האָט מען אויף דער פּאָדלאָגע פון דעם טואַלעט, ביים וואַנט, באַמערקט אַ בערגעלע צושאָטענע קאַלך. דאַן האָט מען דערזעהן, אַז דער גאַז־רעהר איז אַביסעל צודרעהט. די „דע־טעקטיווס", צוזאַמען מיט'ן עקאָנאָם און מיט'ן דירעקטאָר, האָ־בען אַלץ באַקוקט און אויסגעפאָרשט און זיי זיינען געקומען צום שלוס, אַז דער היזק־מאַכער האָט געוואָלט צוברעכען דעם רעהר און אַרויסלאָזען דעם גאַז, נאָר אימיצער איז אַריינגעקומען, ווען ער האָט געהאַלטען אין מיטען דער אַרבייט, און ער איז געצוואונגען געווען גלייך אויפצוהערען און פאַרשווינדען. זיי זיינען אָבער גע־ווען זיכער, אַז ער גלויבט, דאָס מען האָט גאָרניט באַמערקט, און אַז ער וועט זיין אונטערנעהמונג פּרואווען פאַרענדיגען.

די „דעטעקטיווס" האָבען גענומען היטען דעם טואַלעט. איינ־

ציגווייז האָבען זיי זיך פארשלאָסען אין איינעם פון די טואלעט־צימערלעך און געקוקט דורכ'ן לעכעל פון שלאָס. זיי האָבען זיך גע־ביטען. אלע צוויי שטונדען האָט די פליכט ערפילט אַן אנדער שי־לער פון פערטען קלאַס. זיי האָבען זיך אָרגאַניזירט צו האלטען די וואך טאָג און נאכט.

מען האָט איהר אָבער לאַנג ניט באדארפט אָנהאלטען. דער צווייטער אָדער דריטער וועכטער האָט אין אַ געוויסען מאָמענט געזעהן, ווי עס קומט אריין אַ שילער, קוקט זיך ארום, גיט אַ כאַפּ דעם גאַז־רעהר און הויבט איהם אָן צו רייסען מיט אלע כחות. דער „דעטעקטיוו" איז ארויסגעפלויגען פון זיין באהעלטעניש און ארויפגעשפרונגען אויף דעם פארברעכער.

עס איז געוואָרען אַ מהומה, אַ נערוועזע אויפרעגונג, אַ ווילדער געשריי.

דער שולדיגער איז געווען אַ שילער פון דעם דריטען קלאַס, וועלכען קיינער האָט ניט חושד געווען. ער איז געווען אַ שטילער בחור, פון די, אויף וועמען מען זאָגט, אַז זיי קענען אַ פליג אויף דער וואַנט ניט אָנריהרען.

ער איז געווען איינער פון די גאַנץ ווייניגע שילער אין אינ־סטיטוט, וועלכע האָבען געהאט רייכע עלטערען. די פאמיליע האָט געוואוינט אין ראַם'ס הויף, וואו עס האָט זיך געפונען די רוסישע דרוקעריי, און וואו איך האָב אמאָל געלערענט ביי ישיעה באלטערמאַנצער.

צו וואָס האָט ער געטאָן די „העספליכקייטען", ווי דער פּאָפּע־טשיטעל האָט דאָס גערופען?

ער איז געווען איינער פון די גאַנץ ווייניג שילער אין אינ־אַן עקזאַמען דורכגעפאלען. און ער איז געווען זיכער, אַז יענעם יאָהר וועט ער ווידער דורכפאלען. אין אינסטיטוט אָבער האָט מען מעהר ווי פינף יאָהר ניט געקענט זיין. ווען איינער פלעגט דורכ־פאלען אַ צווייטען מאָל, פלעגט מען איהם אויסשליסען. אום אלזאָ אויסצומיידען די שאנדע, האָט ער זיך באשלאָסען צו שאפען אַזאַ לאַגע, אַז מען זאָל דעם אינסטיטוט צומאכען, איידער עס וועט קו־מען צו די עקזאַמענס. ווען מען וואָלט איהם ניט געכאַפּט, איידער

עס איז שוין געווען צו שפּעט, וואָלט אפשר ארויסגעקומען אַ נע־פּעהרליכע שרפה. ער איז אָבער געווען באַרייט אויף אַלץ.

עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען ליב געהאַט אימיצען אָפּצוטאָן אַ שפּיצעל. און אַמאָל פלעגט דער שפּאַס אָרגאַניזירט ווערען פון עטליכע שילער, און זאָגאר פון אַ גאַנצען קלאַס. צום ביישפּיל: אַ איינגעל האָט געקראָגען אַ געוויסען בוך, פון וועלכען איינער פון די לעהרער האָט געשאַפּען זיין „אייגענע" חכמה — יענע באַמערקונגען זיינע, וואָס זיינען אין אונזערע שול־ביכער ניט געווען. דער איינגעל האָט קיינעם ניט געזאָגט, וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז. מיר האָבען זיך אָבער דערוואוסט. אַלזאָ, ווען ער איז געזעסען און איהם געלעזען, איז פלוצלונג אימיצער אריינ־געקומען פון קאָרידאָר און איהם געזאָגט, אַז דער עקאָנאָם רופט איהם. ער איז ארוים און ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער דעם בוך ניט געפונען. דער פּסק איז געווען, אַז יעדער פון אונז זאָל דעם בוך איבערלעזען, און אַז ער זאָל איהם ערשט באַקומען דאָן, ווען מיר וועלען אַלע פאַרטיג ווערען.

דעם אינטערעסאַנטסטען שפּאַס האָט מען אָפּגעטאָן אַ שי־לער, וואָס האָט צו אָפט געקעמט זיינע האָר ביים שפּיגעל. ער איז געווען אין צווייטען קלאַס (איך בין דאָן געווען אין דריטען). ער האָט געהאַט שעהנע שווארצע האָר, געדיכטע, ווייכע און גלאַנ־ציגע, און ער פלעגט זיי פאַרקעמען ווי אַ פּאַרוק. ער איז געווען אַן עהרליכער און אַ גוטער. אבער פאַר קיין חכם האָט מען איהם ניט געהאַלטען. און דיזען אינטערעס אין זיינע האָר און אין זיין קעמעלע פלעגט ער ארויסווייזען אין קאָמישע פאָרמען. אין מיטען לערנען דעם אוראָק, למשל, אין רעכטען מיטען התמדה, פלעגט ער פלוצ־לינג ארויפלויפען אויפ'ן צווייטען עטאַזש, וואו מיר פלעגען זיך וואַשען און אָנטאָן, צופליהען צום גרויסען שפּיגעל, באַקוקען זיין „פּאַרוק" און נעהמען איהם איבערקעמען.

אין אונזער קלאַס איז אויך געווען אַ שילער, וועלכער פלעגט זיך אינטערעסירען מיט זיינע האָר, ווי אַ פּרויענצימער. ער פלעגט זיך שערען ניט ביי דעם צירולניק פון אינסטיטוט, ווי אַלע, נאָר ביי אַ „פּאַרוק־מאַכער" אין שטאָדט. זיינע פיין ארומגעשאָ־

רענע האָר פלעגט ער אָפט גלעטען און טאַפּען. ער פלעגט דאָס אָבער טאָן אויף אַ נאַטירליכען שטייגער. קיין געלעכטער פלעגט דאָס ניט אַרויסרופען. דער שילער אָבער, וואָס האָט געקעמט זיינע האָר אַלע ווײַלע, איז געווען אַ קוואַל פון אייביגען שפּאַס.

איינמאָל, בשעת דער נאַדזיראַטעל האָט צוטיילט די בריף, האָט דער „סעמעלניק" באַקומען אַ בריף פון זיין שטעדטעל (אָדער פון אַ דערבייאיגען פּלאַץ).

עטליכע שילער פון זיין קלאַס האָבען איהם דערביי בעאָבאַכ־טעט; וואָרים דער בריף איז געווען אַ פאַבריצירטער. דעם פּאָסט־זיגעל האָט נאָכגעמאַכט (מיט אַ „טושעוואַלנעם" בליישטיפט) איינער פון זיינע מיטשילער.

די, וואָס האָבען דעם „קיבעץ" אָרגאַניזירט, האָבען געזעהן, ווי דער בחור מיט די שוואַרצע האָר באַקוקט די אומבאַקאַנטע האַנט־שריפט אויפ'ן אַדרעס, ווי ער לעזט דעם נאָמען פון דער שטאָדט אויפ'ן „זיגעל", ווי, מיט אַן אויסדרוק פון פאַרוואונדע־רונג, עפענט ער אויף דעם קאָנווערט, נעהמט אַרוים דעם בריף און הויבט אָן צו לייענען.

ביי דער ערשטער שורה ווערט זיין פּנים באַגאָסען מיט אַ פלאַמענדער רויטקייט; זיינע אויגען זיינען פול מיט ערשטוינונג און מיט אַ נערוועזער נייגעריגקייט. ער לעזט ווייטער. ער איז צוטומעלט, צוטומעלט פון גליק.

דער בריף איז פון אַ פּריילין. ער קען איהר ניט. זי קען איהם אָבער יאָ. זי קען איהם גוט, זעהר גוט. זי האָט איהם געזעהן דאָרטען און דאָרטען. ער איז איהר געפעלען געוואָרען פון ערשטען בליק. זי איז גלייך באַצויבערט גע־וואָרען. זי איז שטערבליך פאַרליבט אין איהם. זי קען איהר ליבע ניט קאָנטראָלירען. זי האָט געמוזט שרייבען צו איהם.

אין דעם בריף איז געווען איינגעשלאָסען אַ צווייטער בריף. די שרייבערין ערקלערט, אַז דאָס איז צו איהרער אַ קוזינע, וועלכע וואוינט אין ווילנא (דער אַדרעס איז געווען אויפ'ן קאָנווערט). אין דעם איינגעשלאָסענעם בריף ליגט דער שרייבערינ'ס פאָטאָגראַפישע בילד, וועלכען זי שיקט צו

איהר. אלזא, ווען ער וועט אזוי גוט זיין איבערגעבען דעם בריף צו איהר ליבער קוזינע, וועט יענע איהם ווייזען דעם בילד.

די סצענע איז פארגעקומען אין א מאנטאג, און געהן „אין שטאדט“ וועט ער ערשט קענען פרייטאג אווענט. הייסט עס, אז ער דארף א גאנצע וואך ווארטען.

א גאנצע וואך האט חברה פון איהם די אויגען ניט אראפגעלאזען.

ער איז ארומגעגאנגען ווי א צומישטער. געוועהנליך פלעגט ער די אוראקען לערנען פלייסיג. איצט האט ער זיי קוים צוגעפערטיגט. די האר האט ער געקעמט נאך עפטער ווי פריהער.

אלע ווײלע פלעגט ער ארויסנעהמען דעם בריף „צו דער קוזינע“, און טאפען דעם „פאטאגראפישען בילד“, וועלכער איז געלעגען אינוויינינ.

ער האט בוכשטעבליך ניט געקענט שלאפען.

ענדליך האט ער ניט אויסגעהאלטען. אין א געוויסען נאכמיטאג איז ער ארויף אויפ'ן צווייטען עטאזש, האט אויפגעריסען דעם קאנווערט, און ארויסגענומען — א קעמעלע!

איינע פון יענע קעמעלעך, וואס האבען ציינדלעך פון ביידע זייטען, און די גרויס פון א פאטאגראפישען בילד.

איינער פון די קאנספיראטארס, וואס האבען פון איהם די אויגען ניט אראפגעלאזען, האט געזעהן ווי ער געהט ארויף אויפ'ן צווייטען עטאזש; אלזא, איז ער שטילערהייט איהם נאכגעגאנגען. דארטען האט ער בייגעוואוינט דעם טראגי־קאמישען מאמענט.

די נעקסטע סעקונדע האט דער גאנצער אינסטיטוט גע־קראכט פון געלעכטער. און דער קרבן האט געשריהען:

— איספארטשעננייע! איספארטשעננייע!

די איינצעלהייטען פון דעם פלאן האט אויסגעארבייט און דורכגעפיהרט א שילער מיט'ן נאמען יאקובאווסקי, פון בריסק. אידער ער איז אנגעקומען אין אינסטיטוט, האט ער געענדיגט פיער קלאסען גימנאזיע. ער איז געווען א פעהיגער בחור

און א טאלאנטפולער אויך, איינער פון יענע וואס טויגען צו אלץ. ער האט געשפילט פידעל, געריסעוועט, דערצעהלט אינטערע־סאנטע אנעקדאטען און צוגעקלערט אינטערעסאנטע שפאסען. ער איז געווען א גוטער חבר, און איז געווען זעהר פאפולער.

פאפולער איז אויך געווען א שילער פון א העכערען קלאס ווי אונזערער. א הויכער־הויכער ברונעט פון גראדנא, מיט'ן נאמען האלפערן. זיין פאפולערקייט איז אבער געווען פון אנאנדער סארט ווי יאקובאווסקי'ס. יאקובאווסקי האט ניט ארויסגעוויזען אז ער פיהלט דאס. האלפערן ווידער האט זיך געהאלטען ווי דער פאפולערסטער און וויכטיגסטער שילער אין אינסטיטוט. ער איז געווען א לעבעדיגער יונג, און א פלינקער „גימנאסט". ער איז געווען אזוי הויך געוואקסען, אז אויפ'ן גאס פלעגען מענשען זיך אפשטעלען קוקען אויף איהם, און ער איז געווען שטאלץ מיט דעם. ער איז געווען דער „ספארט" פון אינסטיטוט, און צו איהם האבען זיך געקלעפט פילע פון די שילער, הויפטזעכליך פון די אינגערע.

אזוי ווי ער איז געווען איינער פון די בעסטע אין גימנאס־טיק, און דער העכסטער אין וואוקס, פלעגט ער פיהרען דעם מארש. אז ער האט די ראלע ליב געהאט, האט מען דאן געקענט באמערקען אין זיין פיגור, אזוי גוט ווי אויף זיין סימפאטישען שווארץ־חנ'עוודיגען פנים. מיט די הענט צונויפ־געדריקט אין פויסטען, מיט די ארעמס אביסעל אונסגעשפרייט, מיט זיין שלאנקען קרעפטיגען לאנגען קערפער גלייך ווי א סטרונע, פלעגט ער שפרייזען מיט א מיליטערישען פייער, געהענדיג ארום און ארום דעם גימנאסטיק־זאל, דרעהענדיג זיך אהין און אהער, מיט די פופציג־זעכציג אנדערע שילער הינטער איהם, ביז ער פלעגט אונז אריינפיהרען אין דעם גרויסען עס־זאל. ער פלעגט דאס טאן מיט אזא מאניער, אזוי ווי דער עס־זאל וואלט געווען א פעסטונג און ער, מיט אונז, זיין ארמעע, וואלטען איהר איינגענומען נאך א העלדישער אטאקע.

א מערקווירדיגער גימנאסט איז אויך געווען א שילער, וועלכער איז געווען א סך קלענער אין וואוקס ווי האלפערן — א בחור'ל מיט א קינדערשער פיגור און א קינדערשען פנים'ל.

איך מיין דעם אויבען־דערמאָנטען ביעליקאָוו׳ען. זיין קליי־נער קערפּער איז געווען גוט געבויט, און ער איז געווען זעלטען פלינק. ער פלעגט קלעטערען און שפּרינגען ווי א קאַץ, און מאַכען די נעפעהרליכסטע קונצען. אָבער ניט נאָר אין גימ־נאַסטיק איז ער געווען געראָטען, אין לערנען אויך. ער האָט געהאַט אַן אויסגעצייכענטען זכרון און גלענצענדע פעהיגקייטען צו מאַטעמאַטיק.

צווישען די גוטע שילער איז געווען איינער טאַמארין. ער איז געווען מיט א קלאַס העכער פון מיר און מיט צוויי־דריי יאָהר עלטער. פונדעסטוועגען פלעגען מיר אָפּט פאַרברענגען צוזאַמען. איך פלעג ליב האָבען מיט איהם צו שמועסען.

א הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט ניט קיין גלאַטען און ניט קיין שעהנעם, אָבער ניט קיין אונאַנגענעהמען פּנים; א רוהיגער, מיט א קלוגען שמייכעל, האָט ער מיר אינטערעסירט מיט זיין באַלעזענהייט און מיט זיין געלאַסענעם הומאָר. ער פלעגט פאַר מיר לעזען זיינע „סאַטשיניעניעם“ (קאָמפּאָזישאָנס), און איך פלעג זיי באַוואונדערען. די אַנדערע שילער האָבען אויך געהאַט א הויכע מיינונג וועגען איהם. און ער איז אין אַלגעמיין געווען פּאָפּולער, אָבער אויף א גאַנץ אַנדער אופן ווי יאַקובאָווסקי אָדער האַלפּערן. ווארים ער איז געווען א שטילער מענש, און צו קאָמפּאַניעס שפּאַס־מאַכער האָט ער געהאַט ווייניג שייכות. זיין הומאָר איז ניט געווען פון דעם ספּאָרטישען סאָרט.

איך בין געווען זיכער, אַז זיין נאָמען וועט זיך הערען אויף דער וועלט. אָבער דיזער סאָרט נביאות ווערט זעלטען מקוים.

פּאָפּולער איז אין מיין צייט אויך געווען א שילער מיט׳ן נאָמען פּאַס, פון שלמה קיסינ׳ס הויף — א פּעטינקער, א רויטינקער, מיט א פרעהליכען שמייכעל (דער פּאַס, וואָס איז אויבען דערמאָנט געוואָרען צווישען די טאַלאַנטפולע שילער פון דער צייכנונג־שוהל, איז געווען א אינגערער ברודער זיינער).

ער איז אויך געווען א גוטער שילער. זיין פּאָפּולאַריטעט

גריגאָרי ביעליקאָוו. — פאָטאָגראַפירט אין
דער עלטער פון דרייסיג יאָהר.

האָט ער אָבער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין פנים און זיין שמייכעל ניט ווייניגער ווי זיינע פעהיגקייטען.

אין אַ פריהערדיגען פּלאַץ איז מיר אויסגעקומען צו באַמערקען וועגען אַ געוויסען שילער, אַז ער איז געווען פּאָפּולער ביי די לעהרער און אונפּאָפּולער ביי די שילער. דאָס איז געווען אַ כיטרער עגאָאיסט, אַ טשינאָווניק. ער האָט פאַר־שטאַנען ווי צו „דערדינען" זיך ביי נאַטשאַלסטווא. אין זיינע באַציהונגען צו די חברים אָבער איז ער געווען ענג־הערציג, קאַרג און פאַלש.

אַ צווייטען האָבען די שילער ניט געליבט, איינפאַך ווייל ער האָט געהאַט אונסימפּאַטישע מאַניערען. ער איז גראָד געווען אַן עהרליכער מענש און ניט קיין שלעכטער אויך. ער איז אָבער געווען אַ גרויסער נודניק, און אָפט פלעגט ער ערוועקען שנאה איינפאַך דורך אַ טאַקטלאָזען וואָרט אָדער טהאַט.

געווען אַ שילער, וועלכער איז געווען אי פּאָפּולער, אי ניט־פּאָפּולער. מען האָט ליב געהאַט זיין קינדערשע עהרליכקייט. זיין נאַאיווער, קינדערשער שכל איז אָבער געווען אַ געגענשטאַנד, איבער וועלכען מען פלעגט זיך לוסטיג מאַכען.

אַמאָל האָט איינער פון די שילער פאָרגעשלאָגען אַ גע־וויסע שפּיל, דורך וועלכע מען קען כלומרשט אויסגעפינען ווער עס איז אַ ליגנער. מען נעמט עטליכע שטרוי, אַלע פון דער־זעלבער לענג, און יעדען שילער גיט מען איינעם, ער זאָל איהם האַלטען אַ געוויסע צייט אין מויל. דערנאָך נעמען אַלע די שטרויען אַרויס פון די מיילער. דאַן זעהט מען: אויב ביי איינעם איז דער שטרוי געוואָרען לענגער, איז אַ סימן אַז ער איז אַ ליגנער. דער דערמאָנטער אינסטיטוטשיק איז געווען איינער פון די אַנטייל־נעמער, און זיין שטרוי איז ביי איהם איז מויל קירצער געוואָרען.

דער צימער האָט געשטורמט פון געלעכטער.

איניגע פון די שילער האָבען אין דער געשיכטע געזעהען אַ באַווייז, אַז ער איז גאָר ניט עהרליך. איך בין מיט זיי ניט

געווען איינפארשטאנען. איך האב אויסגעדריקט די מיינונג, אז זיין אפגעביסענער שטרוי באווייזט נאר אז ער איז נאריש און אבערגלויבעריש. און היינט, ווען איך דערמאן זיך אן איהם מיט פארשידענע איינצעלהייטען, בלייב איך ביי דערזעלבער מיינונג. ער איז געווען א עהרליכער און גוטער מענש. ווען ער פלעגט פרואווען זיין כיטרע, פלעגט ער ניט טויגען דערצו, און עס פלעגט ארויסקומען א גרויסע נארישקייט.

געווען א שילער, וואס האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע אונאנשטענדיגע רייד. ער האט איינגענטליך געגרעדט ווייניג. ער איז אימער געווען פארנומען מיט'ן לערנען. ער האט געהאט א טעמפען מוח, און גאנצענע טעג פלעגט ער ארומגעהן און „זוברעווען". נאך פלוצלונג פלעגט ער צו אייך צולויפען, געבען א גאס מיט די עקעלהאפטע נבול פה, און ווידער נעמען לויפען הין און צוריק, ווידער „זוברעווען".

ווען אדם הכהן לעווענסאן („בערקע מיכאלישקער") איז געשטארבען האט מען אויף איהם געמאכט א הספד אין דער „טהרת הקדש" שוהל*) דאס איז געווען א שוהל פון „בער־לינטשיקעס", פון „אפיקורסים". אין קיין אנדערער שוהל וואלט מען אויף דעם גרויסען אפיקורס נאטירליך קיין הספד ניט געמאכט. אויף דיזער פארזאמלונג האט מען גענומען דעם גאנצען אינסטיטוט. דעם הספד, אויף רוסיש, האט געמאכט קליאטשקא, דער קאזיאנער רב, און אויף מארגען האט דער נבול־פה'ניק קליאטשקא'ס רעדע איבערגעקרימט אויף אזא שטיי־גער, אז זיינע צוהערער האבען זיך געקייקעלט פון געלעכטער, און די באקען זיינען ביי זיי רויט געווארען פון בושה. אבער אין מיטען דרשנ'ען איז ער אנטלאפען און האט ווידער גענומען לערנען דעם אוראק אויף אויסווייניג.

---

*) א שוהל פאר „היינטיגע", פאר אינטעליגענטערע מענשען, „פראנ־טען". געוועהנליכע אידען פלעגען איהר רופען „בערלינער שוהל" (א „בערלינטשיק" האט געהייסען א איד וואס טראגט א קורצען ראק און שערט אדער גאלט זאגאר די בארד).

איינער פון אונזערע שילער איז געווען א קאך־לעפעל. אין אלץ האט ער זיך געמישט. ווען מען האט עפעס געדארפט ארגאניזירען, איז ער געווען א גאנצער מחותן דערביי. יעדע נייעס איז אנגעקומען צו איהם, און פון איהם איז דאס פאר־שפרייט געווארען איבער'ן אינסטיטוט.

איינמאל, ווען ער האט געמאכט ארדנונג אויפ'ן „קארידאר", האב איך געזאגט:

— וואס ביסטו, א פריסטאוו (פאליציי־קאמיסאר)?

דערנאך איז דאס אויפגעכאפט געווארען פון די אנדערע שילער, און דער „צונעמענעם" האט זיך צו איהם אנגעקלעפט.

ער איז געווען איינער פון די בעסטע זינגער אין אינ־סטיטוט. ער האט זיך ניך אויסגעלערנט לעזען נאטען, און ער פלעגט עבאנ'ען העלפען ארגאניזירען דעם כאר.

צילשטיין, דער שילער וואס האט דער „באבען" געבראכט שפיזלעך א מתנה, האט געהאט א שעהנע האנדשריפט, אן אנגענעהמע שטימע צום זינגען און אן אנגענעהמען סטיל אין שרייבען. ער איז געווען א ציכטיגער, א פינקטליכער, א נעטער. און דאס זעלבע האט זיך געפיהלט אין אלץ וואס ער האט געטאן. אלץ איז ביי איהם געווען אין ארדנונג, און אלץ האט ער געטאן אין דער ריכטיגער צייט. געלערנט האט ער זיך אויך נעט — אזא איינדרוק האט דאס געמאכט. ער האט געהאט גוטע פעהיגקייטען — לייכטע און עפעס אזוי ווי אויך נעטע.

פון זיינע שפיזלעך פאר דער „באבע'ן" האט דער לעזער געקענט זעהן אז ער האט געהאט הומאר. דאס האט זיך ארויסגעוויזען אין זיין שרייבען אויך.

דעם ווינטער, ווען מיר האבען פארבראכט אין דעם דריטען קלאס, האבען מיר „ארויסגעגעבען" א זשורנאל; האט זיין ארטיקעל ארויסגערופען א סך געלעכטער און לויב־געזאנג. „אויסלענדישע קארעספאנדענץ" האט ער דאס גערופען. דאס איז געווען א „באריכט" פון די לעצטע נייעס אין צווייטען קלאס, און די גאנצע זאך איז געווען פול מיט א לייכטען

געטען מין הומאָר. דער אַרטיקעל האָט געהאַט אַ גרויסע סירקו־לײשאָן. מען האָט איהם געלעזען אין אַלע קלאַסען.

פון די אַנדערע בייטראַגען צו דעם זשורנאַל געדענק איך אַן אַרטיקעל פון דעם נאַאיוו־עהרליכען שילער. ער איז געווען דער באַלעזענסטער אין אונזער קלאַס, און ער האָט געהאַט די רייכסטע רוסישע שפּראַך אין שרייבען. מיר פלעגען זאָגען, אַז ער ברויכט צו הויכע פּראָזען, אָבער אין האַרצען האָבען מיר צו זיין שרייבען געהאַט רעספּעקט. אין דעם זשורנאַל האָט ער אַריינגעגעבען אַן אַרטיקעל וועגען אַ סאָציאַלען ענין, און די שפּראַך איז געווען פול מיט בלומען.

דער „זשורנאַל" איז געווען אַ געשריבענער, און נאָר אין איין עקזעמפּליאַר. מען האָט גענומען אַ העפט, אויפגעשריבען אַ פּאָדער־בלאַט (דעם נאָמען געדענק איך ניט), און דאַן האָט יעדער „מיטאַרבייטער" אריינגעשריבען זיין אַרטיקעל.

איך האָב אַריינגעשריבען אַ געדיכט, וועלכע האָט פאַר־נומען עטליכע זייטלעך. זי האָט געשילדערט אַ פריהמאָרגען אין אינסטיטוט — די סצענעס ווען מען שטעהט אויף, ווען מען געהט צו פריהשטיק, ווי מען פיהלט זיך ווען מען גרייט זיך צו די אורקען און בשעת עס קומען אריין די לעהרער.

דייטליך געדענק איך נאָר איין פראַזע — וועגען דעם ווי נאָכ'ן אָפּוואַשען זיך װאַרפט דער שילער זיין שטיקעל זייף אריין אין דעם טיש־קעסטעל פון זיין „טאַבורעט".

אין איהר פאָרמע איז די געדיכט געווען אַ נאָכאַהמונג נאָך פּושקין'ס „יעווגעני אָניעגין", וועלכע מיר האָבען ביי דאַריקינ'ען אויסגעלערנט אויף אויסווייניג.

די פאָרבערייטונגען צום „זשורנאַל" האָבען געדויערט אַ פּאָר וואָכען. ענדליך איז ער פאַרטיג געוואָרען. דאַן, אין אַן אָווענד, איז ער „פּאַרעפענטליכט" געוואָרען. מיר זיינען אַלע געזעסען אויף די ערטער. איינער האָט וואַזשנע פאָרגעלייענט די פּאָדער־בלאַט, און דאַן האָט יעדער מיטאַרבייטער פאָרגע־לעזען זיין ווערק. דאָס האָט געהייסען, אַז דער זשורנאַל איז „ערשינען".

אַלע זיינען געווען אין אַ יום־טוב'דיגער שטימונג. מיר

האָבען דאָס באַטראַכט פאַר איינער פון די וויכטיגסטע פּאַסי־
רונגען פון יענעם ווינטער.

מ׳ין געדיכט האָט אויך געהאַט א גרויסע „צירקולאַציע“.
מען האָט איהר געלעזען אין אַלע קלאַסען, און איך האָב באַקומען
א סך קאָמפּלימענטען. טאַמארין האָט איהר שטאַרק געלויבט,
און דאָס איז ביי מיר געווען טייערער פון אַלץ.

איינער פון די אַרטיקלען אין אונזער „זשורנאַל“ איז געווען
געגרינדעט אויף א געוויסען קאַפּיטעל פון פּאָמיאַלאָווסקי׳ס
ראָמאַן „שילדערונגען פון דער בורסא“. מיט דעם וואָרט „בורסא“
האָט מען געמיינט א גלחים־סעמינאַר, וואו די שילער באַקומען
קאַזיאָנע קעסט, א פאַרמאַכטער אַנשטאַלט, אַזוי ווי אונזער
אינסטיטוט. פּאָמיאַלאָווסקי׳ס ווערק איז געווען איינע פון די באַ־
ריהמטסטע אין דער רוסישער ליטעראַטור, און אַזוי ווי אונזער
לעבען איז געווען ענליך צו דעם וואָס ווערט דאָרטען פאַרגע־
שטעלט, פלעגען מיר אונזער אינסטיטוט רופען „בורסא“ און
זיך אַליין — „בורסאַקעס“.

מעהר ווי דער ערשטער נומער פון אונזער זשורנאַל איז
ניט ערשינען.

.9

ווי איך האָב זיך געפיהלט אין אינסטיטוט.

איך בין א שטימונגס־מענש, און אין מיינע גאַנץ יונגע
יאָהרען האָט זיך דאָס אפשר געפיהלט נאָך שטאַרקער ווי
שפּעטער.

זייענדיג אין אינסטיטוט, פלעג איך אַמאָל זיין לוסטיג און
לעבעדיג, אַנטייל נעמען אין אַלע שפּאַסען און שטיפערייען, און
אַמאָל א פּאָר טעג נאָכאַנאַנד אומגעהן מיט א שווערע האַרץ,
א שווייגענדיגער, א פאַרכמאַרעטער.

ווען איך בין געווען אין א גוטען מוטה, פלעג איך האָבען
מעהר חשק צום לערנען, און פלעג זיך צווינגען גוט צוצו־
פּערטיגען אפילו אַזעלכע אוראָקען, וועלכע איך האָב זעהר פיינט
געהאַט. אָבער אָפט פלעגט טרעפען, אז דאָס גופא — דאָס

לערנען איבער־גוואַלט — פלעגט מיר מיין גוטען מוטה צו־שטערען. איך פלעג אַראָפּפאַלען ב״י זיך, און פלעג זיך האַלטען פאַר דעם אונגליקליכסטען מענשען אין דער וועלט; און אָפּט פלעגט מיין שטימונג שוין אַזוי בלייבען אַ גאַנצען טאָג אָדער מעהר ווי איין טאָג.

אפילו די געגענשטאַנדען, מיט וועלכע איך האָב זיך שטאַרק אינטערעסירט, האָבען מיר אויך אָפּט פאַרשאַפט מעהר שמערצען ווי פרייד. געאָמעטריע, צום ביישפּיל. דאָס איז געווען איינער פון מיינע באַליבטע למודים. איך פלעג קענען אָפּזיצען אַ גאַנצען נאָכמיטאַג און אָוונט, אַרבייטענדיג אויף שכל'דיגע געאָמעטריישע „זאַדאַטשעס", וואָס האָבען ניט געהאַט קיין שייכות צו דעם מאָרגענדיגען אורא‏ָק. אָפּט פלעג איך אַליין לערנען די „טעאָרעמעס", צו וועלכע דער לעהרער האָט מיט אונז נאָך גאָרניט דערגרייכט. איך האָב אימער געהאַלטען ווייטער ווי דער קלאַס. דאָך, אויב דער מאָרגענדיגער אוראָק איז באַשטאַנען פון אונאינטערעסאַנטע אויסרעכענונגען מיט אַ סך ציפער, פלעג איך זיך פוילען איהם צוצופערטיגען. איך פלעג די אַרבייט אָפּלייגען אויף מאָרגען אין דער פריה, און מאָרגען אין דער פריה פלעג איך איהר טאָן ווי אַ מאַרטירער.

אמאָל פלעגט אַ לעהרער מיר אַרויסברייננגען פון נעדולד, און דאָס פלעגט מיר קיין גוטעס ניט פאַרשאַפען.

וועגען מיין צוזאַמענשטויס מיט דאַדיקין'ען, האָב איך שוין דערצעהלט. עטוואָס עהנליכעס, הגם אין אַ פיעל מילדערער פאָרמע, האָב איך אמאָל געהאַט מיט קאַטעלינקאָוו'ן; אַליין. ער האָט מיר אויסגערופען צום טאָפעל, און מיר געהייסען ערקלערען די לעצטע געאָמעטרישע טעאָרעמע, וואָס מיר האָבען געלערנט. איך האָב געמאַכט די צייכנונג, געשטעלט די בוכשטאַבען און גענומען ערקלערען. איך האָב די טעאָרעמע געקענט אויסגעצייכענט. אָבער קאַטעלניקאָוו האָט זיך אריינגעמישט אין מיינע ווערטער, און ער האָט ניט ווילענדיג פאַרטומעלט אי מיר, אי זיך אַליין. ער האָט געפּרוּאווט אַרויסקריכען פון דעם פּלאָנטער, און איך בין געשטאַנען און געוואַרט.

אזוי ווי ער איז געווען שטאָלץ, האָט ער געמרואווט דעם בלבול אַרויפוואַרפען אויף מיר.

— וואָס שטעהסט איהר און קוקט ווי א פאר'חלום'טער? אָט פליהט א וואָראָנע! — האָט ער מיט א בייזען שפּאָס אָנ־געוויזען דורכ'ן פענסטער.

איך האָב אוועקגעלייגט די קרייד, צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָב כלומרשט גענומען זוכען די וואָראָנע.

— אָט פליהט זי! אָן דאָרטען! — האָט ער געשריהען.

— חוצפּה האָט איהר גענוג, דאָס ווייס מען שוין.

נאָך דעם האָט ער מיר זעלטען אויסגערופען, און ווען ער האָט מיר יאָ אויסגערופען, האָט ער אויסגעמיטען מיר אין די אויגען צו קוקען. א היבשע צייט האָט דאָס געדויערט. זיינע אוראָקען זיינען מיר דאַן געווען זעהר אונאַנגענעהם.

איך פלעג מקנא זיין די שילער, וואָס האָבען אימער געהאַט געדולד און התמדה, די וואָס האָבען מיט חשק געלערענט אַלע אוראָקען, צי זיי זיינען זיי געווען אינטערעסאַנט צי ניט. איך האָב אָנגענומען דעם כלל אַז אזוי איז ריכטיג; און מיין טבע צו האָבען חשק נאָר צו די אוראָקען, וואָס האָבען מיר אינטערעסירט, האָב איך באַטראַכט פאַר אַן אומגליק.

די גרעסטע שמערצען פלעגען מיר פאַרשאַפען אילאָוואַי־סקי'ס לעהר־ביכער איבער געשיכטע. די קורצקייט, די טרו־קענקייט, די טעם־לאָזע שעהנע פראַזען פון זיינע קאַפּיטלאַך האָבען אין מיר געשפּייזט א געפיהל, אַז מען מוטשעט מיר אָהן א צוועק און אָהן א זין.

צו דערזעלבער צייט, וואָס איך פלעג זיך מאַטערען איבער דעם קאַזיאָנעם היסטאָריע ביכעל, פלעג איך אמת'ע היסטאָריע לעזען מיט א ליידענשאַפטליכען חשק. ביי זיך אין הארצען פלעג איך טענה'ן: „אָט האָסטו דאָך יאָ ליב היסטאָריע!" און איך פלעג זיך אַליין אָפּענטפערען: „דו ביזט נאָר א בריה צו לעזען דאָס וואָס פאַרשאַפט דיר פאַרגעניגען. לעזען איז איבערהויפּט א צייט־פאַרטרייב. מען דאַרף אָבער ל ע ר נ ע ן; מען דאַרף ניט זיין קיין פוילער, און לערנען וואָס מען הייסט..."

אזוי ווי דער וואָרט „לערנען" וואָלט געגאַנגען נאָר אויף

אזא גייסטיגע ארבייט, וועלכע איז פארבונדען מיט געשמאקלאזע פראצע!... אבער אזא באגריף האבען די אנדערע שילער אויך געהאט.

איך האב געוואוסט אז איך האב בעסערע פעהיגקייטען ווי געוויסע פון אונזערע מתמידים. אין הארצען האב איך זיי גערופען „גראבע קעפ". און צו דערזעלבער צייט פלעג איך זיי שטעלען העכער פאר זיך, זיי מקנא זיין. און וואס אנבאטרעפט די שילער פון די העכערע קלאסען, הויפטזעכליך פון דעם פערטען קלאס, ווען איך בין געווען אין דעם ערשטען אדער צווייטען, פלעגט זיך מיר דוכטען, אז זיי געהערען גאר צו אנאנדער מין מענשען. איך פלעג כמעט פארגעסען, אז זיי זיינען מיט צוויי, דריי יאהר עלטער פאר מיר, און אז אין צוויי אדער דריי יאהר ארום וועל איך האלטען וואו זיי האלטען איצט. מיר פלעגט זיך דוכטען, אז זיי זיינען געבארען געווארען געבילדעטער, אנטוויקעלטער און העכער פאר מיר — און אז איך וועל אזא מדרגה קיינמאל ניט דערגרייכען.

א מערקווירדיגע ווירקונג פלעגען אויף מיר האבען די רוסישע פאלקס־לידער, וואס מיר פלעגען זינגען אין עבאן'ס כאר. דער טרויער, וועלכער קלינגט אין זיי, איז ניט קיין אידישער טרויער. דאך פלעגט ער מיר באצויבערען. זיין פרעמדקייט גופא פלעגט מיר באצויבערען. די געהיימניספולקייט פון זייער מוזיק איז דורך דעם געווארען טיפער און שעהנער. א שעהנער, אומעדיגער נגון פלעגט מיר אימער אויפטרייסלען; מיר ברענגען כמעט צו טרעהרען. און דא האט געהילכט א יאמער פון אן אונבאקאנטע ווייטקייט, א יאמער צוזאמען מיט אן אויסגוס פון מוט. ווען עבאן פלעגט נעמען שפילען אויף דער שפיגעלדיג־פאלירטער פיאנא און דער כאר פלעגט א דונער טאן: „אין פעלד איז א בעריאָזע געשטאנען", אדער „ביי דעם טייכעלע, ביי דעם בריק", אדער „וועקט מיר ניט, מיר יונגינקע מיידעלע, צו־פריה פארטאג". פלעג איך, זינגענדיג, פיהלען, אז מיין הארץ צוגעהט אין מיר, און א גאנצען טאג פלעג איך דעם

נגון זינגען שטילערהייט, אָדער ער פלעגט זיך זינגען אין מיין מוח, אַזוי ווי אַן אַקאָמפּאַנימענט צו דער עלענדקייט און בענקעניש, וועלכע האָט מיר מיין האַלז געדריקט.

.10
באַרישניעס. — פרייליִנס און מיידלעך. — „מאָראַל".

אין אינסטיטוט זיינען געווען אייניגע שילער, אויף וועלכע מען פלעגט זאָגען, אַז זיי האָבען „באַרישניעס". דאָס הייסט, אַז זיי פיהרען באַקאַנטשאַפט מיט גימנאַזיסטקעס אָדער מיט אַנדערע אינטעליגענטע מיידלעך. קיין אונאַנשטענדיגע באַ־ציהונגען האָט מען מיט דעם ניט געמיינט. אַבסאָלוט ניט. דער וואָס האָט „געהאַט באַרישניעס", האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ קאַוואַליער ביי זיי. ער פלעגט מיט זיי געהן שפּאַצירען, באַזוכען זיי אין זייערע עלטערען'ס הויז, אָפּגעבען זיי „דאַמען־רעכט", באָרגען זיי ביכער צום לעזען און ווייזען זיי אויפ־מערקזאַמקייט אויף אַנדערע קאַוואַליערישע שטייגערס.

ווען איינער האָט „געהאַט באַרישניעס", איז דאָס ניט געווען קיין באַווייז, אַז ער געפעלט דעם שעהנעם געשלעכט. עס האָט נאָר געהייסען אַז ער ווייס ווי באַקאַנט צו ווערען מיט מענשען; אַז ער איז ניט קיין ישיבה־בחור און קען שפּילען די ראָלע פון אַ קאַוואַליער.

אין שטאָדט זיינען געווען גענוג באַלעבאַטישע טעכטער, ניט קיין גאַנץ רייכע, פאַר וועמען אַ „אינסטיטוטשיק" איז געווען אַ גוטער שדוך. אין אַזאַ הויז איז פאַר אונזערע שילער געווען לייכט אריינצוקומען. מען האָט נאָר באַדאַרפט האָבען מוט אָדער אַ געלעגענהייט דערצו. און מיט דעם וואָס מען האָט אַ מיידעל באַזוכט פון צייט צו צייט אָדער זאָגאַר אָפט, האָט מען אויף זיך קיין פאַרפליכטונגען ניט גענומען. מען האָט געקענט מאַכען וויזיטען ביי עטליכע פרייליִנס אין דערזעלבע־ר צייט — היינט ביי דער, מאָרגען ביי יענער. געוועהנליך האָט מען אויף דעם געקוקט נאָר ווי אויף געזעלשאַפטליכע באַ־ציהונגען.

וואָס עס איז געווען ביי דער מיידעל אָדער ביי איהר מוטער אין הארצען; ווי אזוי איינעע פון זיי האָבען אָנ־געפיהרט די דיפּלאָמאטישע שאך־שפּיל ארייגצוציהען דעם אָדער יענעם אינסטיטוטשיק אין נעץ — דאָס איז אנאנדער פּראגע. ווען א יונגערמאן האָט זיך ניט געלאָזען פאנגען, האָט ער געקענט „האָבען" אזוי פיעל „בארישניעס" וויפיעל זיין הארץ האָט געגלוסט, און ניט ווערען קיין חתן דערביי.

מיט דעם וואָרט „בארישניע", אָדער „פריילין" (ווען מען האָט גערעדט אויף אידיש), האָט מען געמיינט א מיידעל וואָס קען גוט ריידען רוסיש. עס זיינען געווען אויסנאהמען, אזעלכע וואָס זייער רוסיש איז געווען אין א צרה'דיגען צושטאנד און וואָס זיינען דאך געווען אנערקענט פאר „בארישניעס", פּליסיג האָבען זיי אָבער די שפּראך גערעדט; א רוסישען בוך לייענען האָבען זיי געקענט (מעהר אָדער ווייניגער), און הינט־וועלטיגע מאניערען, עטיקעט און מנהגים האָבען זיי אויך געוואוסט. אָהן דעם איז מען געווען א „מ י י ד ע ל", ניט קיין בארישניע, און ניט קיין פריילין.

דער גרענעץ צווישען א „פריילין" און א „מיידעל" איז געווען א שארפער. א שילער זאָל זאָגען אז ער איז באקאנט געוואָרען מיט א „פריילין", און מיט דעם זאָל ער מיינען א אידישע טאָכטער, וואָס קען ניט קיין רוסיש און האלט זיך ניט ווי א אינטעליגענטקע — דאָס וואָלט געווען אזוי אוננאטירליך, ווי אז איינער זאָל זאָגען „קאָסטיום" און מיינען מיט דעם א לאנגע, פארצייטיגע קאפּאָטע, מיט הויזען, וואָס זיינען אריינ־גערוקט אין די שטיוועל.

א „מיידעל" האָט אין יענע צייטען אפילו קיין הוט ניט געטראָגען. מיט עטליכע יאָהר פריהער געווים ניט. ווען איך בין געווען אין אינסטיטוט, האָט עס ערשט אָנגעהויבען ביסלעכ־ווייז אין דער מאָדע אריינצוגעהן. געהן דורכ'ן גאס אין א הוט, און מיט א זונען־שירם — דאָס פלעגען טאָן נאָר „פריילינס", ניט „מיידלעך".

אין ווילנא זיינען דאן געווען איניגע אָנגעזעהענע באַ־לעבאטישע פאמיליעס, וואָס זייערע טעכטער האָבען זיך גע־

קליידט אויפ׳ן אלטמאָדישען שטייגער. עס זיינען זאָגאר געווען עטליכע גאנץ רייכע פאמיליעס אזעלכע. אין אזוינע הייזער זיינען „סטודענטען״, — דאָס הייסט, גימנאזיסטען, רעאליסטען אָדער אינסטיטוטשיקעס — ניט איינגעגאנגען, סיידען זיי זיינען געווען קרובים.

אויף דעם טיטול „באַרישניע״ איז הויפּטזעכליך געווען באַרעכטיגט א פריילין וואָס איז געגאנגען אין דער מיידעלשער גימנאזיע. אזוי איז דאָס פארשטאנען געווארען לויט אונזער געברויך פון דעם וואָרט.

מיידלעך, וואָס האָבען שוין די גימנאזיע געענדיגט, זיינען נאָך דאן געווען ווייניג, ווארים די מאָדע, אַז אידישע טעכטער זאָלען אויף דיזען ארט ערצויגען ווערען, איז נאָך געווען א צימליך נייע זאך. איך ווייס ניט, אויב אין דער צייט ווען איך בין אָנגעקומען אין אינסטיטוט, איז די מאָדע אלט געווען זעקס־זיבען יאָהר.

די גימנאזיסטקעס האָבען געטראָגען ברוינע קליידלאך מיט שווארצע פארטוכער. דאָס איז געווען זייער פאָרמע (יוניפאָרם). מאנטלען און היט האָבען זיי געטראָגען וועלכע זיי האָבען געוואָלט. אָהן א הוט איז א גימנאזיסטקע אויפ׳ן גאס יעדענ־פאלס ניט געגאנגען.

א ברוינע קליידעל איז ביי אונז געווען דער סימבאָל פון דאמען־צויבער. דער געדאנק וועגען איהר האָט געשטערט דעם אינסטיטוטשיק׳ס פרידען. דעם אינסטיטוטשיק׳ס מעהרער ווי דעם גימנאזיסט׳ס — ערשטענס, ווייל א גאנצע וואָך האָט ער געלעבט ווי א מאָנאך אין א קלויסטער; צווייטענס, ווייל מיט זיינע שווארצע קנעפּלעך האָבען די ברוינע קליידלעך זיך אינטערעסירט א סך ווייניגער ווי מיט די זילבערנע קנעפּ פון דעם גימנאזיסט.

אין באצוג צו גייסטיגע ענטוויקלונג זיינען די „באַרישניעס״ ביי זיך ניט געווען שטאַלץ. צום ביישפּיל: ווען זייערע לעהרער פלעגען זיי אויפגעבען צו שרייבען א „סאָטשיניעניע״ (קאָמפּאָזישאָן), פלעגען זיי בעטען זייערע קאוואליערען דאָס צו

טאָן פאַר זיי. האָט אַ אידישע טאָכטער זיך געשעמט מיט דעם, וואָס זי קען ניט לערנען אַ בלאַט גמרא? אַזוי האָט אַ „באַרישניע“ זיך געשעמט מיט דעם, וואָס זי קען ניט אויפשרייבען קיין „סאָטשיניעניע“. זי האָט זאָגאַר געקאָקעטירט מיט דעם.

ע נ ט וו י ק ל ע ן אַ „באַרישניע“ האָט געהייסען מיט איהר לעזען ראַדיקאַלע ביכער, — ניט פון די אמת־פאַרבאָטענע, נאָר פון די „כמעט פאַרבאָטענע“, ווי פיסאַרעוו'ס ווערק, צום ביישפּיל. איך רייד דאָ ניט וועגען די יונגע לייט, וואָס האָבען געהערט צו אַ רעוואָלוציאָנערען „קרוזשאָק“, אָדער וועלכע האָבען אַזוי געלעזען אונטערערדישע ליטעראַטור, נאָר פון גימנאַזיסטען אָדער אינסטיטוטשיקעס, וואָס האָבען אַ „טריפ'ען“ ביכעל אָדער בלעטעל קיינמאָל אין די אויגען ניט געזעהן. ביי אַזעלכע אינטעליגענטע יוננעלייט איז אויך געווען אַ מאָדע פאַר אַ פריילין זיך אויסצו־פּיינען מיט „ענטוויקעלטקייט“ און צו שפּילען די ראָלע פון אַן „ענטוויקלער“ ביי איהר. איינער פון די פּאָפּולערסטע ענינים, וועגען וועלכע דער קאַוואַליער האָט געפיהרט זיין געשפּרעך אין אַזאַ פאַל, איז געווען די ב אַ פ ר י י אונג, ד י ג ל י י ך־ ב אַ ר ע כ ט י ג ו נ ג פ ו ן ד ע ר פ ר ו י. אין יענע צייטען איז דאָס ביי אידישע ווייבער אַרויסגעקומען דער ווערטעל: „מאַנ־צע־פּאַציע“, דאָס הייסט, אַז די ווייב זאָל „צופּאַצען“ (צופּאַטשען) דעם מאַן.

די „באַרישניעס“ פלעגען פון זייערע קאַוואַליערען הערען דרשות, אַז די פרוי מוז זיין אַזוי פריי און אַזוי ענטוויקעלט גלייכ־טיג ווי דער מאַן, און אין אַ מינוט אַרום פלעגען זיי קאָקעטי־רען מיט זייער גייסטינגער אונבאַהאָלפענקייט פאַר זיי.

עס איז שוין דאַן געווען אַנאַנדער מין „באַרישניעס“ אויך. ניט נאָר אַזעלכע, וואָס האָבען אַליין געקענט שרייבען „סאָטשי־ניעניעס“ און זיינען געווען גוט באַלעזען, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס האָבען אַרויסגעוויזען העלדען־טאַטען אין דעם פרייהייטס־קאַמף. אַזעלכע זיינען אָבער דאַן געווען אַ זעלטענער אויסנאַהם. סתם באַלעזענע און ענטוויקעלטע פרויען איז נאַטירליך געווען אַ גרע־סערע צאָהל, אָבער זיי זיינען נאָך אויך געווען אַן אונגעוועהנ־ליכע ערשיינונג.

אלס א מאָדע־זאַך אָבער האָט דער ראַדיקאַלער געדאַנק שוין דאַן דערגרייכט כמעט אַלע אינטעליגענטע אָדער זאָגאַר האַלב־אינטעליגענטע קרייזן. די ווירקונג פון דער רוסישער ליטעראַטור און פון דער פּראָגרעסיוועס רוסישער זשורנאַליסטיק איז שוין דאַן געווען צימליך גרויס.

איך געדענק אַ סצענע ווי איינער פון אונזערע שילער האָט זיך געגרייט צו אַ וויזיט ביי אַ „באַרישניע“. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געלערנט אַ געוויסען קאַפּיטעל פון פּיסאַרעוו'ס ווערק — ניט געלייענט, נאָר טאַקע געלערנט. מיט קיין גוטע פעהיגקייטען האָט דיזער שילער זיך ניט אויסגעצייכנט. דער אַרטיקעל איז פאַר איהם געווען אַ שווערע שטיקעל גמרא. האָט ער איהם געלייענט און געלייענט, געקניימשט דעם שטערן, געדאַרט דעם קאָפּ, געזוכט הילף ביי אַנדערע שילער, און אַלץ, ווייל ער האָט געדאַרפט האָבען וועגען וואָס צו ריידען מיט דער „באַרישניע“. מיט אַנדערע ווערטער — מיט וואָס אויף איהר צו מאַכען אַן איינדרוק.

ער האָט זיך געגרייט צו דעם וויזיט פאַר אונז אַלעמען אין די אויגען. וואָרים דאָס האָט געהייסען, אַז ער געהט די באַרישניע „ענטוויקלען“. אויף אַ מין הייליגער אַרבייט געהט ער. אַלזאָ, האָבען אַלע איהם געוואונשען ערפאָלג. אַזוי האָבען מיר זיך פאַרהאַלטען צו איהם.

איך בין געזעסען ניט ווייט פון איהם און צוגעקוקט ווי ער האָרעוועט איבער פּיסאַרעוו'ס ערקלערונג פון אַ געוויסען גע־דאַנק, וועלכער געפינט זיך ביי דעם פראַנצויזישען פילאָזאָף, אויגוסט קאָנט. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען די רעליגיעס פון ווילדע פעלקער. דער וואָרט „פעטיש“ *) האָט זיך ווידערהאָלט ווידער און ווידער. איך האָב יענעם ווערק געלעזען מיט אַ געוויסער צייט פריהער, און איך בין געווען גוט באַקאַנט מיט דעם אינהאַלט.

---

*) אַ חיה, אַ בוים, אַ באַרג. אָדער אַ טייך, וועגען וועלכען דער ווילדער גלויבט אַז אין דעם ליגט אַ געטליכע קראַפט, און צו וועלכען ער דינט.

איצט, אלזא, האב איך זיך צוגעקוקט און צוגעהערט ווי יענער שילער מאטערט זיך דאס צו פארשטעהן. אין הארצען האב איך געפיהלט ווי לעכערליך די גאנצע געשיכטע איז. איך גלויב אבער ניט, אז איך האב דאס פאר ווענען עס איז ארויסגעזאגט. מען וואלט עס באטראכט פאר א חלול השם.

פארוואס האט ער ניט אויסגעקליבען קיין לייכטערען ענין? פארוואס עפעס גראד דיזען? גאנץ איינפאך: אין יענע וואכען איז דאס געווען דער פאפולערסטער ענין צווישען די באלעזענע שילער פון אינסטיטוט. דער געגענשטאנד איז אין יענעם מאמענט ביי אונז געווען אין דער העכסטער מאדע.

עס האט זיך גראד אזוי געמאכט, אז אין דעם אווענד, ווען דער דערמאנטער „ענטוויקלער" האט באזוכט יענע „בארישניע", איז דארטען אויך געווען טראצקי, אונזער „זיידע". דאס איז ארויסגעקומען אין א פרייטאג־צו־נאכט. אויף מארגען אווענד, ווען אלע שילער זיינען זיך ווידער צוזאמענגעקומען אין אינסטיטוט, האט טראצקי פאר אונז געשילדערט ווי יענער האט די פריילין „ענטוויקעלט". איינע פון די סצענעס וואס ער האט פארגעשטעלט איז געווען די פאלגענדע: דער „ענטוויקלער" באמערקט, אז דער הענג־לייכטער האט זיך א וויג געטאן. ציהט ער דער פריילין'ס אויפמערקזאמקייט דערצו, און דערביי פארזשמורעט ער די אויגען פילאזאפיש און זאגט:

„דער פרימיטיווער מענש וואלט אויף דעם געזאגט, אז דאס איז א פעטיש."

ביי דער בארישניע קומט דאס ווארט אויס קאמיש, און זי צולאכט זיך.

— איהר לאכט? — זאגט דער „ענטוויקלער" — עס א ז אבער א גאנץ ערנסטע זאך. א פעטיש איז ניט קיין קליי־ניגקייט.

דער „ענטוויקלער" הייבט אן צו ערקלעהרען וואס א פעטיש איז. ער פרואווט איבערגעבען דעם געדאנק, וועלכען ער האט געלעזען ביי פיסארעוו'ן. ער קען אבער ניט, און ער לאזט זיך אוועק סתם פלאפלען מיט פראזען. עס איז שוין געווען צו לע־כערליך, און דער נוטער, עהרליכער טראצקי האט א פוסטען אנ־

שטעל פיינט געהאט. דעריבער האָט ער דאָס אונז איבערדער־
צעהלט.

איך האָב געזאָגט, אַז די באַציהונגען צו „באַרישניעס" זיינען געווען אבסאָלוט ריינע און אנשטענדיגע (ווענען אויסנאַהמס־פאַלען רעדט מען ניט). פון צולאָזענקייט האָט מען צווישען אונ־זערע שילער איבערהויפּט ווייניג געהערט. עס פלעגט טרעפען אַז איינער האָט זיך באַריהמט מיט אינטימע ערפאַהרונגען, זיגען, אָבער זעלטען — אַזוי זעלטען, אַז קיין דייטליכען פאַקט אַזעל־כען קען איך זיך ניט דערמאָנען. מיר זיינען געווען יונג און שע־מעוודיג. כמעט אַלע האָבען מיר געהערט צו העכסט אנשטענ־דיגע אַלט־מאָדישע פאַמיליען, און צו אַ קליינער וועלט. אַזעלכע זאַכען ווי מאַנסבילשע דרייסטקייט און אַ פרייער מאַניער מיט פרויען זיינען ביי אונז געווען אַ זעלטענהייט. און אויסגעלאַסענ־הייט איז געווען אַ פּריוואַט זאַך, מיט וועלכער מען האָט זיך ביי אונז ניט באַריהמט, סיידען אפשר אין די אינטימסטע געשפּרעכען מיט דעם אינטימסטען חבר.

איך האָב געוואוסט פון שילער וואָס באַזוכען אונאַנשטענ־דיגע הייזער. אָבער ערשטענס, איז זייער צאָהל געווען זעהר קליין (אין אונזער קלאַס איז, ווי ווייט איך האָב געוואוסט, גע־ווען נאָר איינער אַזעלכער) ; צווייטענס, האָט דאָס צו אונזער מאָ־ראַל — ווי מען רופט דאָס — קיין שייכות ניט געהאַט. אויף די אנדערע שילער האָט זיין ביישפּיל ניט געווירקט. און וואָס אַנבאַטרעפט איהם אַליין, האָט דאָס אויף זיינע באַציהונגען צו אנשטענדיגע פרויען קיין שום איינפלוס ניט געהאַט.

איבעריגענס קען איך ווענען אַזעלכע ענינים ריידען נאָר אין באַצוג צו מיין אייגענעם קלאַס, וואָרים יעדער קלאַס איז געווען אַ באַזונדערע וועלטעלע, כמעט אַזוי אָפּגעצאַמט פון די אנדערע דריי קלאַסען ווי דער גאַנצער אינסטיטוט איז געווען אָפּגעצאַמט פון „שטאָדט". זעלטען ווער פון די שילער עס האָט געהאַט אַן אינטימע באַקאַנטשאַפט און געפיהרט אינטימע געשפּרעכען מיט אַ שילער פון אַן אנדער קלאַס.

עס זיינען געווען אַ פּאָר, העכסטענס דריי, נבול־פּה'ניקעס

אין דעם אינסטיטוט. אָבער זייערע שמוציגע רייד האָבן זיך זעלטן באַצויגן אויף געשלעכטס־טעמעס.

די פיער יאָהר וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין אינסטיטוט, זיינען די יאָהרען ווען אין דעם בחור'ל וואַקסט אויף דער מאַנס־ביל. אין דעם רויטען, יונגען בלוט צאַפּעלט די אונרוהיגקייט, וועלכע בליהט אין די פעלדער און זינגט אין די וועלדער. וועגען וואָס פאַר א אַוואַנטורע, טרעוואָגע, בענקעניש, דער אָדער יענער שילער האָט זיך געשושקעט מיט זיך אַליין — דאָס איז געווען זיין זאַך. יעדער האָט זיך ארומגעטראָגען מיט זיינע סודות, פּאָעטישע און ניט־פּאָעטישע — מייסטענס אזעלכע, צו וועלכע קיין אנדער לעבעדיגע באַשעפעניש אויסער איהם האָט ניט געהאַט קיין שייכות. כמעט אַלע האָבן געהאַט דעם זעלבען מין סעקרעטען, אָבער יעדען האָט זיך געדוכט אז ער איז דער איינציגער וואָס האָט אזעלכע סעקרעטען.

.11

„אין שטאָדט". — מיין זיידע שטאַרבט. — איך מאָל זיין פּאָרטרעט.—אליקום צונזער.—„דער שוואַרצער יונגער־מאַנטשיק". — טערקישע קריגס־געפאַנגענע.

ווען איך בין אָנגעקומען אין אינסטיטוט, האָבן מיינע על־טערען געוואוינט אין קאָזלאָווסקי'ס הויף, ביי דעם פעלצען־הענדלער אין קעלער. עטליכע מאָנאַט שפּעטער — נאָך פּסח, דאַכט זיך — האָבן זיי זיך אריבערגעקליבען אויף פלאַשטשאַדקע, נאָ־חענט דערביי. צוערשט האָבן זיי דאָרטען געוואוינט אין סטראַ־שונער'ס הויף, אין א צימער וועלכען זיי האָבן געדונגען ביים פעטער מאיר'ן, און שפּעטער — אין דעם אנטקעגענדיגען הויף. מיין פאָטער האָט דאַן געהאַט א חדר אין ווילנא גופא, ניט ביי זיך אין שטוב, נאָר אנדערשוואו.

פרייטאָג־צו־נאַכט און שבת פלעג איך ביי זיי עסען, און פרייטאָג־צו־נאַכט פלעג איך געוועהנליך אויך נעכטיגען ביי זיי — אויף דעם זעלבען רויטען שלאָף־באַנק, וועלכען איך פלעג פאַר־

שרייבען מיט קרייד, ווען איך בין געווען א חדר־אינגעל און מיר האבען געוואוינט אויף שבח זשירמונסקי׳ס הויף. זעהר אפט פלעג איך אבער פרייטאג־צו נאכט שלאפען אין מיין מוהמע׳ס הויז. דארטען איז מיר געווען נראמער און נעהנטער צו מיינע באקאנטע.

אזוי איז אויך געווען אין די זיבען וואקאציע וואכען. איך פלעג עסען און נעכטיגען ביי מיינע עלטערען אויף פלאשטשאדקע, אין טיילווייז ביי מיין מוהמע׳ן אין כאמינסקי׳ס הויף.

אין דעם ווינטער, ווען איך בין געווען אין ערשטען קלאס, איז געשטארבען מיין צווייטער זיידע.

איך געדענק ווי מען האט מיר אנגעזאגט די טרויעריגע נייעס, און ווי איך בין געגאנגען פון אינסטיטוט, אויף מיין וועג צו כאמינסקי׳ס הויף. דאס איז געווען אין א פריהמארגען. אויפ׳ן סקווער, לעבען דעם אינסטיטוט, האב איך באגעגענט שטיינבערג׳ן, אונזער לעהרער און אינספעקטאר. ער האט חושד געווען אז איך געה „אין שטאדט" אהן ערלויבניש, און ער האט מיר אפגעשטעלט.

— מיין זיידע איז געשטארבען; דער דירעקטאר האט מיר ערלויבט צו געהן צו דער לויה — האב איך געענטפערט, און ער האט מיך אפגעלאזען.

אז דיזער צוטראגענער מענש זאל מיר באמערקען און האבען אין זינען אז ס׳איז אין מיטען־וואך, ווען מיר קענען נים ארויסגעהן פון אינסטיטוט — דאס איז מיר געווען א חידוש.

דעם זיידען׳ס לויה געדענק איך נים. איך געדענק נאר די שטימונג, דעם נעפיהל, אז איצט איז די מוהמע די פאל־שטענדיגע באלעבאסטע און דער פעטער דער פאלשטענדיגער באלעבאס איבער אלץ, הגם אין אמת׳ן איז פריהער אויך אזוי געווען.

באלד נאך דעם זיידען׳ס טויט האב איך זיין פאטאגראפישען בילד אוועקגעטראגען אין אינסטיטוט און געמאכט א פארגרעסערטע צייכנונג דערפון. עס פארשטעהט זיך. ריעזאנאוו האט געהאט א היבשען חלק אין דעם. אבער א גרויסער טייל פון דער ארבייט איז געווען מיינע. ווען דער פארטרעט איז פאר־

טיג געווארען, האָב איך איהם מיט גרויס פאראד אוועקגעטראָ־
גען צו דער מוהמע׳ן. איך בין געווען איבערצייגט, אז עס איז
זעהר „פּאָדאָבנע“ (עהנליך). אָבער ווען די מוהמע האָט א קוק
געטאָן, האָט זי געמאַכט א קרומע מינע, אַזוי ווי איך וואָלט
פארשוועכט דעם אָנדענקען פון איהר פאָטער. מיין מוטער איז
געקומען און זי איז איינפארשטאַנען געווען מיט דער מוהמע׳ן,
אז עס איז ניט דער זיידע. איך האָב גע׳טענה׳ט, געבייזערט
זיך, געבעטען זיך מען זאָל איינזעהן ווי עהנליך עס איז צום
זיידען. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען.

איך האָב ערווארט אז מען וועט דעם פּאָרטרעט איינפאַסען
אין א שעהנעם ראַם און אויפהענגען אויפ׳ן וואַנט, איבער דער
קאַנאַפּע, אָבער אפילו אין א פארבאָרגענעם ווינקעל האָט מען
דעם פּאָרטרעט אויך ניט געוואָלט האָבען. איך האָב איהם ארויפ־
געלייגט אויפ׳ן אויוון, און דאָרטען איז ער אָפּגעלעגען איבער
צוויי יאָהר איידער איך האָב איהם ווידער באַקוקט. און דאַן
האָב איך אַליין געזעהן, אז ער האָט ניט קיין ווערט.

איך האָב גענומען א מעסער און איהם צושניטען אויף שטיק־
לאַך.

יענעם ווינטער האָב איך צום ערשטען מאָל געהערט אליקום
צונזער׳ען אויף א חתונה. מיינע עלטערען האָבען נאָך דאַן גע־
וואוינט אין סאַזלאָווסקי׳ס הויף. די חתונה איז געווען ביי א
נאָהענטען קרוב פון דעם פעלצען־הענדלער, ביי וועמען זיי האָ־
בען געדונגען דעם קאַמער. איך האָב אימער געגאַרט צו הערען
„אליקום׳קען“, ווי ווילנער אידען פלעגען איהם רופען. זיינע לי־
דער זיינען געווען אונגעהייער פּאָפּולער, און איך האָב זיך א סך
אָנגעהערט וועגען די וואונדער וואָס ער באַווייזט אלס בדחן און
אלס זינגער פון זיינע אייגענע ווערק. אז ער האָט טאַלאַנט,
פלעגט מען וועגען איהם ניט זאָגען, איינפאַך ווייל אין באַצוג
צו קונסט־זאַכען האָבען אלט־מאָדישע אידען דאָס וואָרט קיינ־
מאָל ניט געברויכט. מען פלעגט זאָגען, אז איינער האָט „א
טאַלענט“, אָבער מיט דעם האָט מען גאָר געמיינט, אז ער קען

עפּעס א מלאכה — שניידעריי, שוסטעריי, אדער אַן אנדער האַנד־ווערק.

ליובענדיג „אליקומקע׳ס” ברחנות און זיינע לידער, פלעגט מען צוגעבען אנדערע מעלות אויך. מען פלעגט דערצעהלען, אז ער איז געבילדעט, אז ער רעדט גוט רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש.

ער האָט דאַן געוואוינט אין מינסק, וואו ער האָט געהאַט א געשעפט, א שניט־קראָם, דאַכט זיך. די ברחנות האָט ער אָבער קיינמאָל ניט אויפגעגעבען, און פון צייט צו צייט פלעגט ער אויפפירען די אידען מיט א נייע ליד, וועלכע מען פלעגט זינגען אין יעדער הויז און ביי יעדען וואַרשטאַט — ניט נאָר אין דעם ווילנער געגענד, נאָר איבער גאַנץ ליטא און אין וואָלין און פּוילען אויך. די ברחנים פון אלע לענדער פלעגען מיט צונזער׳ס לידער אונטערהאַלטען דעם עולם אויף חתונות.

ער פלעגט אָפט קומען קיין ווילנא, אויף א רייכע חתונה. איך האָב איהם קיינמאָל ניט געהערט. דאָ האָט זיך אָבער געמאַכט א חתונה, וואו איך האָב געקענט זיין א מחותן. האָב איך זיך געווענדעט צום דירעקטאָר פון אינסטיטוט און באַקו־מען אַן ערלויבעניש צו געהן אַהין.

דער כלה׳ס עלטערען זיינען געוועזען גאַנץ קליינע באַלעבאַ־טים. באַצאָהלען צונזער׳ען פאַר דעם אָוועגד, וואָלט ניט גע־ווען נאָך זייער קעשענע נאָך. ער איז אָבער געוועזען דער כלה׳ס א קרוב און ער האָט קיין געלט ביי זיי ניט גענומען.

איך בין געקומען א היבשע צייט איידער מען האָט אָנ־געהויבען די צערעמאָניע. צונזער איז געלעגען אויף א באַנק אין א זייטיגען צימערעל און געדרעמעלט. אזוי האָב איך צוערשט געמיינט. עס האָט זיך אָבער ארויסגעצייגט, אז ער האַלט די אויגען צוגעמאַכט כדי מען זאָל מיינען אז ער שלאָפט. ער איז געלעגען און געטראַכט, צוגעפּערטיגט די ברחנ׳ישע שורות, וואָס ער וועט זאָגען ביי דעם „באַזעצענס”.

ווען די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעפאַנגען, און ער האָט גע־נומען ריידען צו דער כלה, איהר באַגריסען און מוסר׳ן, זיינען זיינע ווערטער געווען געבויט אויף איהר נאָמען, אויף די נעמען פון דעם חתן און אויף די נעמען פון זייערע עלטערען. פון יע־

דען בוכשטאב האט ער געמאכט א ווארט, און אזוי איז ער גע־גאנגען הין און צוריק, הין און צוריק, ווידער און ווידער, אהן א שיעור. און די פראזען זיינען ביי איהם ארויסגעקומען גלאט און אינטערעסאנט, זעהר נעראטען. אזוי, וויינינגסטענס, איז גע־ווען מיין מיינונג. און דאס אלץ האט ער צוזאמענגעשטעלט אין עטליכע מינוט, אט דארטען, לינענדיג און דרעמלענדיג כלומר׳שט!... איך האב זיך ניט געקענט אפוואונדערען.

שפעטער, ביי דער סעודה און די דרשה־געשאנק, האט ער גע־זונגען א פאר פון זיינע לידער, וועלכע זיינען שוין דאן געווען נוט באקאנט און באריהמט. זינגענדיג האט ער מיט׳ן פוס צו־געקלאפט צום טאקט, און אין זיין זינגען גופא איז דער טאקט ארויסגעקומען מיט א שארפע בולט׳קייט. דאס, און דאס צו־שפילען פון די קלעזמער, האט זיך צוזאמענגעגאסען אין א מוזיקא־לישע איינינקייט, וועלכע האט מיר באצויבערט. אזוי ווי פאר די אויגען זעה איך איהם — ניט קיין הויכער, און ניט קיין דיקער, מיט א שיטערע, בלאנד־ברוינע בערדעל, און א בלאסליכען פנים — ווי ער שטעהט און זינגט, צוקלאפענדיג מיט איין פוס און מאכענדיג מיט ביידע הענט צום ארקעסטער. דער טאקט פון זיין זינגען איז איבערגעגאנגען צו זיינע צוהערער ווי עלעקטריצי־טעט. דער גאנצער עולם האט מיטגעזונגען, אהן ווערטער, און אהן ווערטער מיטגעצעהלט זיין טאקט.

אין דעם איז באשטאנען דער הויפט סעקרעט פון זיין ער־פאלג: אין דעם אונפארגלייכליכען טאקט פון זיינע נגונים.

נגון איז אין זיינע א ליד איינענטליך פאראן ווייניג. עס איז גיכער א „רעטשיטאטיוו", א „זאגעכץ", ווי חזנים רופען דאס; אמאל א טענה, אמאל א נעבעט, אמאל אן ארגומענט, אן ערקלעה־רונג. עס שמעקט מעהר מיט אנימאציע און מיט לעבענס־פילא־זאפיע ווי מיט פאעזיע. אבער דאס האט א איד ליב; און דער טאקט, דער ריטם, גיסט אין די טענער אריין די וויין פון מוזיק.

די ליד זינגט זיך פון זיך אליין. עס איז אייך שווער אויפ־צוהערען. הויבט איהר איינמאל אן, ציהט אייך צו זינגען, ציילענדיג דעם טאקט מיט אייערע נערוועז ווייטער און ווייטער.

מיין אינסטיטוטסקער קאָסטיום האָט געצויגען צונזער'ס אויפמערקזאַמקייט. איך בין געווען דער איינציגער „געשטודיר־טער" אין זאַל. ער איז צו מיר צוגעגאַנגען און מיר האָבען גע־שמועסט. וואָס ער האָט געזאָגט און וועגען וואָס מיר האָבען גערעדט, געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר, אז איך האָב איהם נעגעבען באַנייסטערטע קאָמפּלימענטען, אז איך האָב געפּרובט ריידען רוסיש מיט איהם, און אז דערביי בין איך ענטשויט גע־וואָרען. זיין רוסיש איז געווען אַ קלעגליכע. איך האָב געזעהן אז קיין מאָדערנע בילדונג האָט ער ניט. איך האָב געוואוסט, אז ער קען גוט העברעאיש, אָבער דאָס האָט מיך ניט אינטערעסירט. מיין ענטוישונג האָט מיר פאַרשאַפט שמערצען. שפּעטער אָבער האָט דאָס נאָר פאַרגרעסערט מיין באַוואונדערונג. אזאַ מענש זאָל קענען שרייבען אזעלכע לידער!...

אין אינסטיטוט האָב איך דערנאָך ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען איהם.

יענעם ווינטער האָט ווילנא געלעזען רינעזאָן'ס „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", וואָס איז אָקאָרשט ערשינען. איך האָב וועגען דעם בוך געהערט אין מיין מוהמע'ס שטוב. אלע האָבען איהם געלעזען און געזיפצט איבער די יסורים פון יוסף'ן, דעם העלד פון דעם ראָמאַן. אזוי ווי ער איז דער העלד, איז ער נאַ־טירליך אַ סימפּאַטישער, אַן עהרליכער און אַ גוטער, און די צרות שטעהט ער אויס פון דעם שוואַרצען יונגען מאַן, וועלכער איז זיין שוואָגער. יוסף איז דער מלאך פון דעם ראָמאַן, און זיין שוואָ־גער — דער טייוועל. ער אינטריגירט נעגען יוסף'ן, פאַרהאַלט זיינע בריף צו זיין פרוי און אַ לאַנגע צייט מיינט מען אז ער האָט איהר אוועקגעוואָרפען.

מיין נוטער פעטער מיכל האָט יוסף'ס אנגסטען זיך אזוי גענומען צום הארצען, אז ער האָט פאַרלאָרען דעם אַפּעטיט צום עסען און איז קראַנק געוואָרען.

אין דער צייט, וואָס איך בין געווען אין ערשטען און אין צווייטען קלאַס, איז פאָרגעקומען די רוסיש־טערקישע מלחמה פון

1877—1878. יעדען שבת, ווען איך פלעג באזוכען מיין מוהמע'ן, פלעג איך מוזען ארויפקומען צו אברהם דוד דעם שטרייבער און פאר איהם לעזען די מלחמה־דעפּעשען אין דעם פּעטערסבורגער „גאָלאָס", וועלכע איז דאן געווען די גרעסטע און וויכטיגסטע ציימונג אין רוסלאנד.

ביי דעם פעטער מאיר'ן זיינען געשטאנען רעזערוויסטען, וועלכע מען האט גערופען צום קריג. דאָס זיינען מייסטענס געווען פויערים, וואָס האָבען שוין אין דער ארמעע אָפּגעדינט צו עטליכע יאהר. מען האט זיי געלאָזען געהן אהיים, אָבער פופ־צעהן יאָהר האָבען זיי זיך נאָך גערעכענט אין „זאפּאס", און איצט, אז עס האט אויסגעבראָכען דער קריג, האָבען זיי געמוזט געהן צום פראָנט. אין ווילנא איז געווען דער פארזאמלונגס־פונקט פון דעם געגענד, און אזוי ווי אין די קאזארמעס איז ניט געווען גענוג פלאץ, האט מען זיי צוטיילט צווישען די איינוואוינער. וואו עס איז נאָר געווען א שמיקעל פרייע פלאץ, האט מען אריינגע־שטעלט א פּאָר זאפּאסנע סאָלדאטען. ביי מיין פעטער מאיר'ן אין הויז איז געווען א זאל און אן עס־צימער. האט מען דאָרטען אריינגעגעבען עטליכע סאָלדאטען אזעלכע. און אזוי ווי דאָרטען, אין א קאמער, האָבען געוואוינט מיינע עלטערען, בין איך מיט די סאָלדאטען באקאנט געווארען.

זיי האָבען נאָך ניט באקומען קיין סאָלדאטסקע קליידער; און זיי זיינען נאָך ניט געווען ארומגעשאָרען און ארומגעגאָלט. זיי האָבען אויסגעזעהן ווי געוועהנליכע פויערים. זיי זיינען געשלאָפען אויף דער ערד.

די גרופּע איז באשטאנען דורכאויס פון „סטאראָ־ווערצעס" אָדער „קאצאפּעס". זיי האָבען אלע געטראָגען בערד און זיי האָבען גערעדט רוסיש ווי „גרויס־רוסען", און ניט ווי ליטווינער, פּאָליאקען אָדער „ווייס־רוסען", וועלכע האָבען זיך די שפּראַך אויסגעלערענט אין דער ארמעע*).

זיי האָבען זיך פאר מיר באקלאָגט, אז זיי האָבען געמוזט

*) די פויערים באַפעלקערונג אַרום ווילנא באַשטעהט פון פּאָליאקען, ווייס־רוסען און ליטווינער. עס זיינען אָבער געווען געגענדען, וואָס זיינען געווען באַוואוינט פון „סטאַראָווערצעס".

פארלאָזען זייערע פאמיליען און געהן אין מלחמה. זיי האָבען ניט געזיפצט. און מיט ווערטער האָבען זיי זייער פארצווייפלונג אויך ניט אויסגעדריקט. מען האָט דאָס אָבער געקענט פיהלען אין זייערע שטימען און אויף זייערע געזיכטער.

איינעם פון זיי געדענק איך: אַ שעהנער פויער מיט אַ זעהר שיטערע פלאַקסענע באָרד. איך געדענק אויך די שטילע, פארטרויערטע טענער פון זיין שטימע. אַן אַבסאָלוט אונגעוויינטער מענש. ער האָט ניט געוואוסט וואו טערקיי איז, פארוואָס עס איז מלחמה, און פארוואָס ער מוז געהן אין פייער.

בולט שטעהען אויך אין מיין זכרון אַ פּאָר פּאָרטרעטען פון טערקישע אָפיצערען, וואָס זיינען אין ווילנא געוועזען אין „פלען" (געפאַנגענשאַפט). ביי אונז האָבען זיך געפונען ביי אַ טויזענד קריגס־געפאַנגענע, און בייטאָג פלעגען זיי ארומגעהן איבער'ן שטאָדט, שטילע, אומעדיגע.

דייטליך עראינער איך זיך די געזיכט פון אַ טערקישען אָפיצער, וועלכען איך האָב געזעהן אויף דער „נאַבערעזשנאַיא" (אויסגעגלייכטער ברעג) פון דער ווילִיא, און פון אַ צווייטען, וועלכער האָט געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט לעבען דעם באָטאַנישען גאָרטען. דער ערשטער איז געזעסען אויף איינעם פון די בענק פון דער „נאַבערעזשנאַיא", געזעסען און שווייגענדיג געקוקט אויפ'ן וואַסער. ער האָט געהאַט אַן איידעלען אינטעליגענטען אויסדרוק, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך קען אויף איהם לעזען די בענקעניש וואָס ציהט זיין הארץ. דער צווייטער איז געשטאַנען און געזונגען שטילערהייט. זיין נגון האָט מיר געקלונגען אַביסעל ווי אידיש.

.12

באקאַנטשאַפטען. — זומער־פלעצער. — צווישען די רעלסען. — לעוואַנדא. — אַ באַגעגעניש. — אַ שפּאַציר. — שטימונגען. — גאָרעצקעכע'ס קאַפּע. — „מאָראַזשעניע".

אויף די „סקאמייקעס" אין קלאַס־צימער זיינען מיר געזעסען נאָכ'ן אלף־בית נאָך. נעקסט צו מיין נאָמען, וועלכער

הויבט זיך אָן מיט א „קאַ“, איז גענאַנגען דער נאָמען לעווין. אלזאָ, בין איך מיט לעווינ׳ען — א שילער פון אשמענע, ווילנער גובערניע — די גאַנצע פיער יאָהר געזעסען אויף א׳ין „סקאַמייקע“, און די געלעגערם אין די שלאָף־צימערען זיינען אויך געווען באַשטימט נאָכ׳ן אלף־בית; זיינען אונזערע בעטען אימער געשטאַנען איינע לעבען דער אַנדערער.

לויט זיינע אָפיציעל פאַרשריבענע יאָהרען, איז לעווין געווען פון דעם זעלבען עלטער ווי איך. אין בין אָבער געווען זיכער אַז ער איז מיט א יאָהר צוויי עלטער פון מיר. מיר האָבען געהאַט גאַנץ פאַרשידענע כאַראַקטערם. אָבער זייענדיג בוכשטעבליך טאָג און נאַכט צוזאַמען, זיינען מיר גיך צוגע־וואוינט געוואָרען איינער צום אַנדערען. איך בין געווען א היציגער. ער אָבער האָט געהאַט א געלאַסענערע נאַטור. אלזאָ, איז צווישען אונז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען קיין צוזאַמענשטויס, און מיר זיינען געווען נאָהענטע חברים. ניט צו נאָהענט. מיר האָבען זיך קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו „איהרצען“. אונזערע באַציהונגען זיינען אָבער אימער געווען פר׳ינדליכע.

מיר פלעגען דאָס רוב לערנען די אוראָקען צוזאַמען, און זייענדיג „אין שטאָדט“ פלעגט ער אמאָל קומען צו מיינע עלטערען אָדער מוהמען, און איך פלעג מיט איהם צוזאַמען באַזוכען א פאָר/פאַמיליען, ביי וועלכע ער איז געווען אָן איינ־געהער. אַזעלכע פאַמיליען האָט ער געהאַט א היבשע צאָהל, ווארים ער איז געווען פון די מענשען, וועלכע מאַכען לייכט באַקאַנטשאַפטען און פיהלען זיך אומעטום ווי ביי זיך אין דער היים.

אויף אונזער ערשטער וואַקאַציע, נאָך די עקזאַמענס, ווען מיר זיינען איבערגעגאַנגען אין צווייטען קלאַס, האָט ער באַ־קומען אָן אוראָס, פאַר וועלכען מען האָט איהם, א חוץ געצאָהלט, געגעבען קעסט און לאָזשי דורכ׳ן זומער; און איך האָב איהם דאָרטען אָפט באַזוכט. ער האָט געלערענט מיט א אינגעלע, וואָס ער האָט געפערטיגט צו גימנאַזיע. דעם אינגעלע׳ס א שוועסטער האָט יענעם זומער געענדיגט די מיידעלשע גימנאַזיע. און אין שטוב פלעגען אריינקומען איהרע חבר׳טעס און א

גריגאָרי לעווין. - פאָטאָגראַפירט אין דער עלטער פון 40 יאהר.

פּאָר גימנאַזיסטען. דער פאָטער פון דער פאַמיליע איז געווען א וואויל־האָבענדער פעלדשער, מיט'ן נאָמען משה־ברוך זאַק, און ער האָט געלעבט אויף א מאָדערן־באַלעבאַטישען שטייגער. ער איז גע־ווען א הייסער פּאָטער און א גאַסט־פריינדליכער מענש. האָבען זיין טאָכטער'ס באַקאַנטע ביי איהם אימער געהאַט א ווארימען ווילקאָמען. איך בין מיט דער פאַמיליע גוט באַקאַנט געוואָרען און פלעג דאָרטען זיין אָן אָפטער גאַסט.

אַמאָל פלעגען מיר אַלע געהן הינטער'ן שטאָדט, געוועהנליך אין ווימפּעלעם (בעטלעהיים, בית לחם), וועלכער איז דאַן געווען איינער פון די צוויי לעבעדיגסטע „היינט־וועלטיגע" זומער־פּלעצער אין ווילנא.

די אַלט־מאָדישערע בעל־חבתים, וואָס האָבען געקענט נעמען א זומער־קוואַרטיר, פלעגען זיך דינגען א צימער אין „רוזעלע" (ירושלים). ווימפּעלעם איז פון רוזעלע ניט ווייט. דורך א וועלדעל פלעגט מען דורך ווימפּעלעם צוקומען צו די רעלסען פון אייזען־באַהן, און אויף יענער זייט פון די רעלסען איז „זישע־ליעזנאַיאַ כאַטקאַ", דער צווייטער זומער־פּלאַץ, וואו עס פלעגט זיך צוזאַמענקלייבען א חיינטיגער עולם.

אין ווימפּעלעם און זשעליעזנאַיאַ כאַטקאַ זיינען געווען א פּאָר קאַפּעס און ביער־האַלעס, וואו עס האָבען געזונגען רוסישע און דייטשע שאַנסאָנעטקעס, און אַרום יענע פּלעצער האָבען זיך געפונען די „היינטיגע" זומער־קוואַרטירען.

מען פלעגט שפּאַצירען צווישען די רעלסען פון דעם אייזען־באַהן. אַזוי פלעגען די פּאָרלעך אָדער גרופּען אָפּגעהן א פּאָר ווירסט, זעלטען מעהר.

א פּאָפּולערער פונקט אויף דיזע שפּאַצירען איז געווען די „דריטע קאָסאָרקע"*). די פרוי פון דעם וועכטער האָט פון

---

*) מיט דעם וואָרט „קאָסאָרקא" האָט מען געמיינט א שטיבעל, וואו עס האָט געוואוינט אן אייזענבאַהן־וועכטער. זיין פליכט איז געווען אַכטונג צו געבען אויף די רעלסען, און ווען עס איז אָנגעקומען א צוג — אַרויסצושטעלען א קליינע פאָהן אַלס א סיגנאַל צו די רעלסען זיינען אין גוטען צושטאַנד.

דרויסען אוועקגעשטעלט א טישעל מיט בענקלעך. דאָ פלעגט מען זיך צוזעצען, און באשטעלען ברויט מיט מילך אָדער מיט זויער־מילך.

אויף מיינע שפּאצירען ארום „זשעלעזנאיא כאטקא“ האָב איך דאָ אָפט געזעהען דעם רוסיש־אידישען שרייבער, לעוואנדא. ער האָט דאָ געוואוינט אויף אַ דאטשע. איך פלעג איהם זעהן מיט פאַרשטעהער פון דער עלטערער אידישער אינטעליגענץ. ער און באגראָוו זיינען דאן געווען די איינציגע בעלעטריסטען, וואָס האָבען געשריבען פון אידישען לעבען אויף רוסיש. אז דעם „שווארצען יונגען מאנטשיק“ אָדער אנאנדער ראָמאן, וואָס איז געשריבען געווען אין אידיש, זאָל מען רופען א בעלעטריס־טישע ווערק, איז אין יענע יאָהרען קיינעם ניט איינגעפאלען. איך האָב איבערגעלעזען לעוואנדא'ס א בוך — „שמואל גימפּעלס“ — נאָך איידער איך בין אָנגעקומען אין אינסטיטוט, און ווייטער האָט ער מיר ניט אינטערעסירט. אלס א טייל פון דער רוסישער ליטעראטור האָט מען איהם ניט גערעכענט, ניט איהם און ניט באגראָוו'ען; און ווען זיי וואָלטען אפילו געהאט מעהר טאלאנט ווי טורגעניעוו, וואָלט מען זיי אויך ניט אריינגערעכענט. זייערע ווערק זיינען געווען א ליטעראַרישע וועלטעל פאר זיך, ניט קיין אידישע און ניט קיין רוסישע; און די שטרעבונג פון אינסטיטוטשיקעס אָדער פון אידישע גימנאזיסטען איז געווען צו זיין באקאנט מיט דער רוסישער ליטעראטור.

איינמאָל בין איך געגאנגען פון אינסטיטוט צוזאמען מיט א שילער פון א העכערען קלאס (איך בין געווען אין צווייטען און ער אין דריטען). עס איז געווען א „טאבעלני דיען“ (רעגירונגס יום־טוב), און מיר זיינען געווען פריי. אונז איז אויסגעקומען צו געהן אין דעמזעלבען געגענד. ווען מיר האָבען אזוי אָפּגעשפּאצירט ביי צוואנציג מינוט און מיר האָבען דער־גרייכט די פאראדנע טיר פון דעם אידישען האָספּיטאל, האָבען מיר באגעגענט צוויי גימנאזיסטקעס. עס האָט זיך ארויסגע־

ציינט, אז זיי זיינען מ׳ין באגלייטער׳ס באקאנטע — הויפט־זעכליך די העברער פון זיי.

מיר האבען זיך אפגעשטעלט. ער האט זיך מיט זיי באגריסט און מיר פארגעשטעלט פאר זיי. די ווערטער „איך האב די עהרע פארצושטעלען: הערר דער־און־דער און פריילין די־און־די" — די דאזיגע ווערטער און די גאנצע צערעמאניע איז שוין ביי מיר ניט געווען קיין נייעס. און דאך פלעגט דאס מיר יעדעס מאל אויפרודערען און ברענגען פארב אין מיינע בלייכע באקען. א פשיטא שוין, ווען מען האט מיר פארגעשטעלט פאר א „ברוינע קליידעל"!

די העברערע פון די צוויי גימנאזיסטקעס איז ניט געווען קיין שעהנע. אבער איהרע אויגען — שווארצע — האבען געבלישטשעט מיט לעבענס־לוסט. זי האט צו מיין מיטגעהער געהאט א ביטע: דער לעהרער פון רוסיש — טאקע אונזער דאדיקין — האט זייער קלאס אויפגעגעבען א „סאטשיניעניע", אלזא, האט זי פארלאנגט אז ער זאל דאס פאר איהר אויפ־שרייבען.

— אויף ווען האט ער דאס אייך אויפגעגעבען? — האט ער געפרעגט.

— קטשטירנצטמו!*) — האט זי געענטפערט.

דער פולער ווארט איז: „ק׳טשעטירענאדצאטאמו", אבער אין ריידען ווערט ער פארקירצט. עטליכע קלאנגען ווערען פאר־שלונגען. האט זי מיט דעם קאקעטירט.

עטליכע מאל האט זי זיך געפונען א תירוץ דעם ווארט ווידער איבערצוזאגען, כדי ווידער צו קאקעטעווען מיט איהר עכט־רוסישער אויסשפראך.

דערביי האט זי צום יונגענמאן קאקעטיש געבלישטשעט מיט איהרע שווארצע לעבענס־לוסטיגע אויגען און קאקעטיש געשמייכעלט מיט איהר ניט־שעהנעם מויל.

איך האב דאס אלץ פארשטאנען אזוי קלאהר ווי איך האב

---

*) צום פערצעהנטען פון דעם מאנאט.

פארשטאנען אז ניט די „סאָטשיניעניע“ איז דאָ וויכטיג, נאָר דאָס וואָס זי איז אַ „זי“ און ער אַן „ער“.

די מיידעל האָט אויף מיר ניט געמאַכט קיין גוטען איינדרוק, ניט מיט איהר פּנים, ניט מיט איהר קאָקעטסטוואָ. זי איז אָבער פאָרט געווען אַ באַרישניע! פאָרט אַ גימנאַזיסטקע! האָב איך איהר קאַוואַליער מקנא געווען די בלישטשענדיגע בליקען וואָס זי וואַרפט צו איהם.

איך בין שוין דאַן באַקאַנט געווען מיט דריי־פיער באַרישניעס, אַ חוץ די מיידעל וואָס איך האָב באַגעגענט לעבען האָספּיטאַל. אָבער מיינע באַקאַנטשאַפטען — ריכטיגער, מיינע קאָסאָקע אויגען — פלעגען מיר פארשאַפען מעהר שמערצען ווי פארגעניגען.

איך בין געווען זעהר עמפפינדליך אין אַלגעמיין; אין באַצוג אָבער צו דיזען פּונקט האָט מיין עמפפינדליכקייט אַריבערגעטראָטען אַלע גרענעצען.

ווען אַ באַרישניע האָט אין מיין אַנוועזענהייט גערעדט צו אַן אַנדער קאַוואַליער, פלעג איך מיינען אַז זי רעדט צו איהם און ניט צו מיר, ווייל ביי איהם זיינען די אויגען גלייכע און ביי מיר ניט. און ווען זי האָט גערעדט צו מיר, פלעג איך זיין דורכגעדרונגען מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז זי קוקט מיר אין די אויגען, אין מיינע אונגליקליכע אויגען. אַ פיבער פון שאַנד פלעגט מיך אָנגרייפען — פון שאַנד, נידערגעשלאָגענקייט און עטוואָס עהנליכעס צו שרעק.

מיר האָט זיך גערוכט, אַז קיין באַרישניע וועט מיט מיר ניט וועלען געהן איבער'ן גאַס; און ווען אַ באַרישניע איז יאָ געגאַנגען מיט מיר, פלעג איך זוכען עפּעס אַ ספּעציעלע אורזאַכע, אַ ספּעציעלען מיין דערביי.

איך האָב זיך געשראָקען פאַר געזעלשאַפט. אָבער דאָס האָט מיר נאָר פאַרביטערט און געגעבען איבערטריבענעם מוט באַקאַנט צו ווערען מיט באַרישניעס און צו באַזוכען זיי, און פון צייט צו צייט האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג צו אַן „אָווענד“ (פאַרטי), צו אַ געבורטס־טאָג אונטערהאַלטונג אָדער אַזוי צו־

נאסט. און אין א פּאָר הייזער, וואו עס זיינען געווען באַרישניעס, פלעג איך זיך פיהלען היימיש און האָב אויף קיין איינלאַדונג ניט בעדאַרפט וואַרטען.

מיט מיין טעמפּעראַמענט און אונערשעפּליכע לעבעדיגקייט פלעג איך אָפט זיין די נשמה פון א קאָמפּאַניע. און דערנאָך פלעג איך געהן צוריק אין אינסטיטוט אָדער צו מיינע עלטערען מיט א וואונד אין הארצען — אמאָל אָהן אן אמת'ער אורזאַכע.

אין דעם נעקסטען העכערען קלאַס נאָך אונזערען איז געווען א שילער, וועלכער איז אויך געווען קאָסאָקע, נאָך פיל ערגער ווי איך. פלעג איך איהם אימער אויסמיידען. איין מאָל איז אַזוי אויסגעקומען, אז איך האָב געמוזט מיט איהם ריידען (אימעצער האָט אונז ביידען גראָד געליהען דעם זעלבען בוך און מיר האָבען געדאַרפט אָפּמאַכען ווער עס זאָל איהם לעזען פריהער); האָט דערביי ביי מיר געפלאַמט דער פּנים און עס האָט מיר געקלאַפּט דאָס הארץ, אַזוי ווי מען וואָלט מיר געכאַפּט ביי א פאַרברעכען.

א געוויסע צייט נאָך מיין באַגעגעניש מיט דער הויכער, לעבענס־לוסטיגער גימנאַזיסטקע, האָב איך זיך מיט איהר גע־טראָפען אויף אן „אָוועגד", ביי א פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַ־נען פון אן אלמנה מיט צוויי טעכטער. די צוויי שוועסטער זיינען ניט געווען קיין „פּאָלשטענדיגע באַרישניעס", אָבער רוסיש האָ־בען זיי גערעדט, און זייערער א קרוב איז געווען אונזערער א שילער; פלעגט ער אָפט אהין ברענגען א פּאָר פון זיינע חברים. איינמאָל האָבען זיי געמאַכט א גאַנצע „וועטשערינקע", און איך מיט נאָך א פּאָר אינסטיטוטשיקעס זיינען געווען צווישען די איינגעלאַדענע. ווען איך בין געקומען אהין, האָב איך צווישען די געסט געפונען די הויכע גימנאַזיסטקע.

פון דער וועטשערינקע גופא איז אין מיין זכרון קיין אָפּ־דרוק ניט פאַרבליבען. עס איז נאָר פאַרבליבען דאָס פאָלגענדע, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דער וועטשערינקע:

ווען מען האָט זיך געזעגענט מיט דער פאַמיליע און זיך אָנגעטאָן צו געהן, האָבען די קאַוואַליערען מיט די באַרישניעס

צווישען זיך באשטימט ווער עס זאל וועמען אפפיהרען אהיים, און אויף מיין גורל איז גראד אויבגעקומען צו באגלייטען די הויכע נימנאזיסטקע. וואהרשיינליך האט דאס געהאט א שייכות צו די געגענדען וואו אונזערע עלטערען האבען געוואוינט, ווארים עס איז געווען אין א פרייטאג צונאכט, און איך האב געגעכטיגט אין דער היים. יעדענפאלס איז דאס אזוי באשטימט געווארען; און זי האט גארנים געהאט דאגעגען. פארקעהרט, זי האט מיין קאנדידאטור אנגענומען מיט פרייד. מיר זיינען געגאנגען שפאצירענדיג, און מיר האבען אוועקגעשפאצירט א היבשע שטיק פון אונזער וועג, ביז מיר האבען זיך געפונען ביי דער ווילא, אויף דער „גאבערנשנאיא”.

מיר האבען זיך צוגעזעצט אויף איינעם פון די בענק. עס איז געווען שפעט. אין ארום און איז געווען שטיל. קיין שפור פון א מענשען. עס איז געווען א לבנה־נאכט. די לופט איז געווען פול מיט זילבער־שיין, און שטיקלעך זילבער האבען געפינקעלט אין טייך. מיר זיינען געזעסען און גערעדט, און זי האט דעם געשפרעך פארקירעוועט אויף א שטיפערישער ריכטונג. זי האט זיך לוסטיג געמאכט און קאקעטעוועט אהן א שיעור.

— נים מיר הונדערט קושען! — האט זי צו מיר געזאגט, נים אויף רוסיש נאר אויף אידיש.

זי האט דאס געזאגט אין א טאן פון שפאס. זי האט אבער געשמייכעלט מיר אין פנים אריין מיט איהר קאקעטישען, לעבענס־לוסטיגען שמייכעל.

— ניין! — האב איך געענטפערט, א שעמעוודיגער, א צומישעלטער.

— גיב מיר טויזענד קושען! — האט זי ווייטער געשפאסט.

— ניין!

— צעהן טויזענד, צוואנציג טויזענד!

— ניין!

— א מיליאן קושען!

— ניין!

איך האָב געמיינט אַז זי מאַכט חוזק פון מיר. איך האָב זיך צו איהר ניט צוגעריהרט. און אַזוי האָב איך איהר אָפּגע־פיהרט אַהיים.

דערנאָך האָב איך זיך גענומען דעם לעבען פּאַרוואָס איך בין געווען אַזאַ נאַר. צוערשט האָב איך איהר יאָ פאַרשטאַנען און ניט פאַרשטאַנען. עס האָט זיך מיר ניט געגלויבט. צו דען האָט זי טאַקע געמיינט איך זאָל איהר קושען — איך, דער סאָ־סאָקער? ניין, זי האָט געוויס געמאַכט חוזק פון מיר... פאַר־וואָס אָבער האָט זי געוואָלט איך זאָל איהר באַגלייטען? און פאַרוואָס איז זי מיט מיר פאַרגאַנגען ווייט פון אונזער וועג, אַזש צו דער נאַבערעזשנאַיאַ, אַזוי שפּעט ביינאַכט?

גאַנצענע טעג האָב איך געדאַרט דעם מוח איבער דער פראַגע. איך האָב אָנגעשטרענגט מיין זכרון זיך צו דערמאָנען יעדען טאָן פון איהר שטימע, יעדע מינע פון איהר פּנים, בשעת זי האָט גערעדט צו מיר... אויב זי האָט טאַקע געמיינט איך זאָל איהר קושען, האָלט זי מיר איצט מסתמא פאַר אַ „שלימעזאָלניס"... דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיר נעערגערט מעהר פון אַלץ.

ווען איך בין אַ ביסעל מעהר באַקאַנט געוואָרען מיט ווירק־ליכקייטען, האָב איך וועגען דעם זין פון יענער סצענע שוין מעהר קיין צווייפעל ניט געהאַט.

איך האָב זיך ערקונדיגט, אַז מיין אַנגסט אין באַצוג צו מיין אויסזעהן איז אָפּט איבערטריבען, — אַז מען ווייכט פון מיר גאָר ניט אַזוי ווי איך מיין. אָפּט, אָבער ניט אימער. דער סך הכל איז געווען, אַז מיינע אויגען האָבען מיר ניט אויפגעהערט צו מוטשען.

עס זיינען געווען געוויסע שטונדען, ווען די האַרץ איז גע־שפּרונגען פון לעבענס־פרייד. אָבער אַם דייטליכסטען געדענקען זיך שטונדען פון פּיינליכער מרה שחורה. אין מיין בלוט האָבען געשפּילט פאַרשידענע דורשטען. איך פלעג אָפּט פיהלען אַן אוּ־מעט, שאַרף ווי אַ קערפּערליכער וועהטאָג. אין אַ העכערען גראַד אָדער אַ נידעריגערען, פיהלט מסתמא אַזוי יעדער בחור'ל

— יערער אינגעל, וואָס קומט אריין אין די יאָהרען, ווען עס צובליהט זיך אי דער גוף אי די נשמה.

אזעלכע שטימונגען זיינען אין מיין זכרון הויפּטזעכליך פאַר־בונדען מיט דעם אָנקומען פון פריהלינגס־אָטעם דורך די אָפענע פענסטער פון אינסטיטוט, און — נאָך מעהר — מיט מיינע זומער אָוועגדען אין ווילפלעדעם און „זשעלעזנאָיא באַטקאַ".

פון די אוראָקען, וואָס איך האָב געגעבען וואַקאַציע־צייט האָב איך זיך געלאָזט מאַכען א זומער־מאַנטעל, א ליכטען און א לאַנגען, ווי דאַן איז געווען די מאָדע, און איך האָב זיך געקויפט א זומערדיגען שירעם פון ליכטע העל־בלויע שטאָף מיט א טראָפּסטענעם שטעקעל. דאָס האָב איך זיך ערוואָרבען אין מיין צווייטער וואַקאַציע, און אין מיין דריטער האָב איך זיך באַשטעלט א לייוועגטענעם קאָסטיום. מיט דעם האָב איך גע־טראָגען די שוואַרצע אינסטיטוטסקע היטעל. אזוי געקליידעט, פלעג איך כמעט יעדען אָוונד פאַרברענגען אין די זומער־פלעצער.

שרייבענדיג דיזע ווערטער, זעה איך זיך, ווי איך שפּאַציר אַרום, פראַנטעווענדיג מיט דעם האַלב־אָפענעם העל־בלויען שירעם אין האַנט — א דאַרער, א בלייכער, מיט א פּנים וואָס האָט אויסגעזעהן אינגער ווי איך בין געווען אין אמת׳ען, און מיט אויגען בלויליכע, וועלכע האָבען מיר אזוי פיל שמערצען פאַר־שאַפט.

איך בין באַקאַנט געוואָרען מיט געגוג באַרישניעס און נימ־נאַזיסטען. אָבער יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט פאַרבייגעהן א קאָמפּאַניע, צו וועלכער איך האָב ניט געהערט, פלעגט זיך מיר דוכטען, אז זייער וועלט איז פאַרבאָטענע פרוכט פאַר מיר, אז זיי זיינען וויכטיגערע מענשען ווי איך.

אין מיר האָבען געשטורעמט אַמביציעס, שטרעבונגען, באַ־געהרען, איפּערזוכטען, קנאה אין דעם געוועהנליכען זין פון דעם וואָרט, און דאָס איז געווען באַהעפט מיט אַן אונאויפהערליכען באַוואוסטזיין פון מיין פעהלער.

וואָס מעהר באַקאַנטשאַפטען איך האָב געהאַט, אַלץ עלענ־דער און איינזאַמער האָב איך זיך געפיהלט, און אַלץ ווייניגער

האָב איך געהאַלטען פון זיך. יעדער האָט זיך מיר אויסגעדוכט גרעסער און וויכטיגער פאַר מיר.

איך בין שטענדיג געווען אונרוהיג. עס איז מיר שווער געווען איינצוזיצען אויף אַן אָרט. זומער בייטאָג, ווען עס האָט קיין זין ניט געהאַט צו געהן אין די זומער־פלעצער, פלעג איך ארומשפּאַצירען איבער'ן שטאָדט. אַראָפּ ברייטער גאַס איז געווען אַ גרויסער, צוגעדעקטער הויף, וואו צוויי איטאַליענער, ברידער, האָבען געהאַנדעלט מיט בילדער און מיט קונסט־מאַטעריאַלען. איך בין מיט דעם פּלאַץ באַקאַנט געוואָרען דורך „יאַנקעלע" גאָלדבלאַט, וועלכער פלעגט דאָרטען קויפען בליישטיפטען, פּאַפּיר, וואַסער־פאַרב. אַלזאָ פלעג איך איצט אין די זומער־טעג אָפט אהין אריינקומען באַקוקען די בילדער, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט, די אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען אויסגעלעגט אין גלעזערנע שאַכטלען, און די צוויי ברידער גופא, מיט זייערע קליינע בערדעלעך און איטאַליענישע געזיכטער, וועלכע זיינען געווען אַזוי ענהליך איינער צום אַנדערען.

דורך זייער צוגעדעקטען הויף פלעג איך אריינגעהן אין אַן אַנדער גרויסען הויף, אונטער'ן פרייען הימעל, און פון דאָרטען ווייטער. איך פלעג שפּאַצירען אַרום דער ערשטער גימנאַזיע, אריינגעהן אין דער ביבליאָטעק, זיצען און לעזען, ווידער ווערען אומרוהיג, ווידער געהן — איבער טראָקער גאַס, צו פּאָחוליאַנקע, פאַרביי „זאַקרעטע'ס" וואַלד.

לעבען דער ערשטער גימנאַזיע איז געווען „גאַרעצקאַיאַ'ס" קאַפעינע — די איינציגע פון וועלכער איך האָב געוואוסט. דאָרטען פלעגען זיך צוזאַמענקומען אינטעליגענטע יונגעלייט טרינקען אַ גלאָז קאַפע און לעזען אַ צייטונג. עטליכע פון מיינע באַקאַנטע זיינען דאָרטען געווען אָפטע איינגעהער. איך אָבער האָב דעם פּלאַץ ערשט אָנגעהויבען צו באַזוכען, ווען איך בין שוין אריבערגעגאַנגען פון צווייטען קלאַס אין דריטען. אין אַ זומערדיגען שבת אין דער פריה איז דאָס געווען. איך האָב זיך דאָרטען געפיהלט ניט בעקוועם, אַזוי ווי אין אַ צו־הויכער וועלט וואָלט איך זיך אריינגעשפּאַרט.

צו די ביר־האַלעס און קאַפע־שאַנטאַנען פון „ווימלעעם" און

„זשעליעזנאיא כאטקא" בין איך שוין געווען געוואוינט, און צו „גארעצקאיא'ס" פלאץ — נאך ניט. איך האב געהאט צו־וועניג גלויבען אין זיך, און יעדער נייער טריט איז מיר אנגעקומען שווער.

אויף טראקטער גאס איז געווען שאפנער'ס קאנדיטערסקאיא. דורכ'ן טיר פלעג איך זעהן ווי גימנאזיסטען און גימנאזיסטקעס פאססאסקעווען זיך דארט מיט „פיראזשניעס" שטעהענדיגער־הייט; אדער איך פלעג זיך אפשטעלען קוקען ווי ביים פענסטער זיצט מען און מען עסט „מאראזשענאיע" (אייז־קרים). איינמאל האב איך געזעהן, ווי אן אפיצער עסט גרינע מאראזשענאיע. אזא מאראזשענאיע האב איך נאך קיינמאל ניט געזעהן.

אריינגעהן אינוועניג איז געווען א צו אריסטאקראטישער שריט פאר מיר. דער איינציגער סארט „מאראזשענאיע", וואס איך האב ווען עס איז געגעסען זייענדיג אין רוסלאנד, איז גע־ווען דער מין, וועלכען עס פלעגען ארומטראגען איבער די גאסען „מאראזשעננייקעס" — רוסישע פויערים פון טווערער גובערניע, אין רויטע רובאשקעס און הארטע קאפעליושען.

זיי האבען זייער סחורה געטראגען אין א פעסעל אויפ'ן קאפ־פעלוש; געגאנגען וויגענדיג מיט דער האנט, וואס איז געווען פריי, און אלע ווילע זיך אפגעשטעלט אויסצושרייען: „מארא־זשענני סאכאר!" זיי האבען אייך געגעבען פאר צוויי קאפיקעס, פאר דריי קאפיקעס, אדער פאר פינף קאפיקעס; און זייער אר־טיקעל איז אייך צוגאנגען אין אלע גלידער. וואס, דאכט זיך, האט שוין געקענט זיין געשמאקער?

איך פלעג זיך פרואווען פארשטעלען דעם גן־עדן טעם פון די „מאראזשענאיע", וואס מען באקומט אין א קאנדיטארסקאיא, און פלעג ניט קענען. ערשט שפעטער, אין ניו יארק, אין פאריז, אין בערלין, אין וויען, האב איך זיך ערקונדיגט, אז די טייערסטע „אייז קרים", „גלאסס" אדער „געפרארענעס" פון די רייכסטע קאנדיטערייען אין דער וועלט איז אזוי ווי מיטען־וואך נעגען יום־טוב אין פארגלייך מיט די „מאראזשענאיע" פון דעם טווע־רער פויער אין דער רויטער רובאשקע.

.13

טעאטער. — מיין פעטער חייב לייב.

די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין רוסלאַנד, האָב איך דעם טעאטער באַזוכט ב״י אַ צעהנדליג מאָל, ניט מעהר. איך מיין דעם רוסישען טעאטער. פון קיין אידישען טעאטער האָט מען ביי אונז דאַן ניט געוואוסט. ווען איך בין געווען אין דריטען קלאַס אינסטיטוט, האָב איך צום ערשטען מאָל געהערט, אַז אין אָדעס איז פאַראַן אַ גאָלדפאַדען, מיט אַ אידישער טרופּע. ביי אונז האָט מען אָבער ווייניג גערעדט דערפון, און וועגען די אידישע פּיעסען האָב איך קיין באַגריף ניט געהאַט.

אַ רוסישער טעאטער איז אין ווילנא געווען פון פילע יאָה־רען. די געביידע — פּונקט אַנטקעגען דעם אַריינגאַנג אין רוד־ניצקער גאַס — איז שוין געווען אַן אַלטע, און ווי ווייט איך האָב דאַן געהערט, איז געווען אַ צייט, ווען מען פלעגט דאָר־טען שפּילען אויף פּויליש. דערנאָך האָט מען דאָס אָבער פאַר־באָטען, און מען האָט געשפּילט נאָר אויף רוסיש. מען האָט אויפ־געפיהרט דראַמעס, קאָמעדיעס, אָפּערעטקעס, און אַמאָל זאָגאַר אַן אָפּערא.

דער טעאטער איז געווען אַ שטאָדט־טעאטער.

איך האָב איהם באַזוכט צום ערשטען מאָל, ווען איך בין שוין געווען אין אינסטיטוט. מיין פעטער חיים לייב, מיין מוטער׳ס ברודער, האָט מיר מיטגענומען.

אויבען איז שוין דערמאָנט געוואָרען, פאַרביי־געהענדיג, אַז ער האָט זיך באַזעצט אין פּעטערסבורג. דאָרטען האָט ער זיך „אַרויפגעאַרב״יט“ אויף אַ פאַבריק פון שמוקלעריי, זיין פאָטער׳ס מלאכה. די פאַבריק איז געוואַקסען, און ער איז געוואָרען רייך. ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדען צו זיינע שוועסטער, און ער פלעגט אָפּט קומען זיך זעהן מיט זיי. און יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען, איז דאָס אין אונזער פאַמיליע געווען אַ גרויסע פּאַסירונג.

איין מאָל, אַלזאָ, ווען ער האָט באַזוכט ווילנא, האָט ער מיר גענומען אין טעאטער. ער איז געווען געקליידט ווי אַ

פראַנט און האָט געלעבט ווי אַ פּריץ. אין ווילנאַ איז ער איינ־געשטאַנען אין האָטעל „דאַגמאַרא“, וועלכן מען האָט אָקאָרשט אויפגעבויט, ניט ווייט פון באַהן, אויף דעם הויפּט־וועג וואָס פיהרט צום צענטער פון שטאָדט.

ער האָט געקויפט בילעטען אויף צוויי פון די בעסטע פּלע־צער אין „פּאַרטער“ (אָרקעסטרא). דערצו האָט מען געדאַרפט האָבען אַ געקראָכמאַלטע ווייסע אויבער־העמד. איך האָב אַזאַ העמד ניט פאַרמאָגט, אָבער דער פעטער האָט דאָס מיר געבאָרגט פון זיין באַגאַזש. זיין העמד איז געווען צו גרויס אויף מיר, און דער שוואַרצער שניפּסעל האָט זיך ניט געהאַלטען אין דעם קראַ־גען. מיר האָבען אָבער ווי עס איז בייגעקומען אַלע שוועריג־קייטען.

אין טעאַטער בין איך געזעסען אַזוי ווי ניט נאָר די העמד וואָלט געווען געקראָכמאַלט, נאָר איך אויך. איך האָב מורא געהאַט זיך אַ ריהר צו טאָן, טאָמער קריכט זי אַרויס פון מיין אינסטיטוטסקער וועסט, און טאָמער שפּרינגט אַרויס אַ „זאַפּאָנ־קע“.

מען האָט געשפּילט די אָפּערעטע „זשיראָפלע־זשיראָפלאַ“. די הויפּט־ראָלע האָט געהאַט אַן אַקטיאָר מיט'ן נאָמען נעווסקי — דער „שטערן“ פון דעם ווילנער טעאַטער, וואו ער פלעגט שפּילען אין אָפּערעטעס און אין דראַמעס.

דער טעאַטער גופא, מיט דעם עולם און מיט אונזער עבאַנ'ען אין דער ראָלע פון קאַפּעל־מייסטער, איז פאַר מיר געווען ניט וועניגער נייעס, ווי דאָס וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער ביהנע. איך האָב געקוקט אויף די לאָזשעס, אויף די אויסגעפּוצטע דאַ־מען, אויף די אָפיצערען מיט די גענעראַלען; איך האָב פאַר־ריסען די קאָפּ צו דער גאַליאָרקע.

עס איז נאַטירליך געווען אַ פרייטאָג־צו־נאַכט. אַז ניט וואָלט איך ניט געווען פריי. יענע נאַכט האָב איך גענעכטיגט מיט מיין פעטער אין האָטעל.

ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן — ביי אַ יאָהר פינף־און־דרייסיג — הגם אַ טייל פון זיינע האָר איז געווען אין גאַנצען גרוי.

אין פעטערסבורג האָט ער זיך אויסגעלערנט ריידען רוס־סיש, אָבער ניט גוט. און מיין רוסישע שפּראַך האָט איהם ניט געלאָזט צורוה. ער האָט זיך צו מיר פאַרהאַלטען מיט אַ געמיש־טען געפיהל: מיט אַכטונג און מיט שטאָלץ, וואָס זיין שוועס־טער׳ס זון „שטודירט“, וואָס איך, דער „אַלטער“, מיט וועמען ער פּלעגט זיך שפּילען אין פּאָרברעזע, רעדט אַזוי גוט רוסיש; און צו דער זעלבער צייט האָט ער אויף מיר געקוקט, ערשטענס, ווי אויף אַ אינגעל, צווייטענס, ווי אויף אַ קבצן, וואָס איז נאָך אויפ׳ן לעבען אין טעאַטער ניט געווען און מוז ביי איהם לייהען אַ העמד. און דיזער אָרימער אינגעל רעדט רוסיש אַ סך בעסער פון איהם! ער האָט זיך געשעהמט און געערגערט.

ער האָט זיך געסטאַרעט מיט מיר צו ריידען אויפ׳ן אינטעלי־גענטען שטייגער, און ער האָט אַלע ווײַלע געבּרויכט דעם וואָרט „וופּעטשאַטליעניע“ (איינדרוק).

אויף מאָרגען האָט ער מיר ניט אָפּגעלאָזען פון זיך. ער האָט באַזוכט מיינע עלטערען און די מוהמען, און אומעטום האָב איך געמוזט זיין מיט איהם. ביי וועמען ער איז געווען צו טשאָלענט, געדענק איך ניט. מסתמא ביי דער מוהמען. שפּעטער אַביסעל, ווען מיר האָבען ארומגעשפּאַצירט איבער׳ן שטאָדט, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— קום, לאָמיר אַריינגעהן אין אַ גוטען קריסטליכען רעסטאָראַן.

איך האָב געוואוסט פון אַ פּוילישען רעסטאָראַן, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דעם הויף פון דער צייכנונג־שוהל, אַראָפּ ברייטער גאַס. איך האָב דאָרטען אַמאָל געגעסען מיט אימעצען. דער פּרייז פון אַ פּאָלשטענדיגען מאָלצייט איז געווען צ״ואַנציג קאָפּיקעס. פון קיין בעסערען פּלאַץ האָב איך ניט געוואוסט. ווען איך האָב מיין פעטער צוגעפיהרט צו די טרעפּ, האָט ער זיך מיט פאַראַכטונג אומגעקעהרט צוריק. איך האָב זיך געפיהלט ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

ניט ווייט פון יענעם הויף איז דער באָטאַנישער גאָרטען. דאָרטען, אינוועניג, איז געווען אַ קאַפע־רעסטאָראַן, און איך פּלעג זעהן ווי אָפיצערען אָדער ציווילע פּריצים עסען דאָרטען אויפ׳ן

באלקאן. אבער פיהרען אהין מיין אנקעל איז מיר גאר ניט איינ־
געפאלען. ער האט אבער אליין געוואוסט פון דעם פלאץ, און ער
האט מיר גענומען אהין.

ווען מיר זיינען אהין געקומען, האט ער באשטעלט עטליכע
געריכטען, פון וועלכע איך געדענק הויפטזעכליך פיש, געקאכט
אויף א ניט־אידישען אופן, אבער מיט א זעלטענעם טעם.
דער גאנצער מאלצייט איז געווען געשמאק אויף א שטיינער,
וועלכער איז פאר מיר געווען א נייעס. אזוינס האב איך פריהער
נאך קיינמאל ניט פארזוכט. אין אווענד האב איך דאס אלץ
מיט באגייסטערונג דערצעהלט פאר מיינע מיט־שילער.

שפעטער בין איך אין טעאטער געגאנגען פאר מיינע איי־
גענע געלט, אבער שוין ניט אין פארטער נאר אויף דער גא־
ליארקע, וועלכע איז געווען אונטער'ן סאמע סופיט. ניט פון יעדען
פלאץ האט מען געקענט זעהן די סצענע. מען האט געמוזט
קומען זעהר פריה און לאנג זיצען אויף די טרעפ אויבען ביי
דער טיר פון דער גאליארקע, זיצען אוןווארטען, ביז מען וועט
עפענען. אויב איהר זייט ניט געקומען פריה גענוג און איהר
זייט ניט געזעסען נאהענט צום טיר, האט איהר דערנאך אינ־
ווענינ ניט געקענט פארכאפען קיין גוטען פלאץ, און איהר האט
נאר ניט געקענט זעהן.

אם דייטליכסטען געדענקט איך, ווי איך האב אין דעם וויל־
נער טעאטער געזעהן אסטראווסקי'ס „גראזא" און ספאזשינסקי'ס
„מאיארשא". איך געדענק אויך די פארשטעלונגען פון גאגאל'ס
„רעוויזאר", פון די פראנצויזישע מעלאדראמעס: „הינטער דער
וואנט פון א קלויסטער", און „די צוויי יתומים"; און פון די
אפערעטעס: „פעריקאלא" און „מאדאם מאנגא".

די פאפולערסטע שוישפילערין איז געווען אן אקטריסע מיט'ן
נאמען סורעוויטש. זי האט געשפילט יונגע ראלען; און אויף
דער ביהנע האט זי אויסגעזעהן ווי א מיידעלע. אין אמת'ען אבער
האט זי געמוזט זיין א יאהר פופציג, אויב ניט מעהר; ווארים
מען פלעגט זאגען, אז זי האט אין דעם ווילנער טעאטער נאך

געשפּילט אויף פּויליש, און דאָס איז געווען מיט פילע יאָהרען צוריק.

פון די אנדערע ווירקטיגע אקטריסעס געדענק איך מעלני־קאָוואַ'ן און טאַנינסקאַיאַ'ן, און פון די מענער, אויסער נעווסקי'ן — גאָרעוו'ען. ער האָט געשפּילט די ווירקטיגסטע דראַמאַטישע ראָלען.

ווען איך האָב איהם געזעהן אין „הינטער א קלויסטער־וואַנט", בין איך געווען אומצופרידען. ער האָט ניט גערעדט אויף א נאַטירליכען אופן. ער האָט דעקלאַמירט. איך האָב דאָס אויס־געדריקט פאַר א פּאָר פון אונזערע שילער, וועלכע האָבען איהם אין דער ראָלע אויך געזעהן. זיי זיינען מיט מיר ניט געווען איינ־פאַרשטאַנען.

— דו ווילסט אַז אַן אַקטיאָר זאָל ריידען ווי מען רעדט אויף'ן גאַס? — האָט איינער פון זיי גע'טענה'ט — ס'איז דאָך עפּעס א טעאַטער. מען וויל האָבען שעהנע רייד. געוועהנליכע רייד קען מען דאָך האָבען אומזיסט.

אַזוי אומגעפעהר האָט ער אַרגומענטירט.

מיר האָבען זיך געווענדעט צו ריעזאַנאָוו'ן, דערנאָך צו וואָהל'ן (וואַהרשיינליך זיינען זייערע אוראָקען געווען די נעקסטע). און ביידע האָבען זיי גע'פּסק'ענט צו גונסטען פון מיין מיינונג.

אין „מאַיאָרשאַ" אָבער האָט גאָרעוו מיר פאָלשטענדיג צו־פרידענגעשטעלט.

.14

א פּלאַן זיך צו באַפרייען פון דעם אינסטיטוט. — לאַטיין. — דער פּלאַן פאַלט דורך.

איידער איך בין אָנגעקומען אין אינסטיטוט, האָט זיך די קאַריערע פון דעם אויסגעשטודירטען אינסטיטוטשיק מיר פאַר־געשטעלט אין בלומען־פאַרבען. ווען איך בין דאָרטען אָפּגעווען א פּאָר יאָהר, האָב איך אויף מיין צוקונפט געקוקט גאַנץ אַנדערע ברילען.

„א גליק! זיין א לעהרער דעם גאנצען לעבען!..." פלעג איך זאָגען, ריידענדיג מיט מיין מוטער.

מיט'ן זאָגען אליין האָב איך זיך אָבער ניט באנוגענט. איך האָב זיך באשלאָסען אויף א וויכטיגען שריט: זיך באפרייען פון אינסטיטוט, ארייננעהן אין גימנאזיע און פון דאָרטען אין אוני־ווערזיטעט, וואָרים — ווי שוין געזאָגט — מיט אן אטעסטאט פון אינסטיטוט האָט מען אין אוניווערזיטעט ניט צוגענומען. ארויסנעהן פון אינסטיטוט איז אָבער ניט געווען לייכט. ביים אָנקומען אין ערשטען קלאס פלעגט מען ביי יעדען שילער נעמען אן אונטערשריפט, אז נאָכ'ן ענדיגען וועט ער וועניגס־טענס אכט יאָהר דינען אלס לעהרער אין א רעגירונגס־שוהל. אלזאָ, האָט מען קיינעם ניט ערלויבט ארויסצוטרעטען, סיידען ער האָט באצאָהלט פאר די קעסט און די קליידער, וואָס מען האָט איהם געגעבען. ווען ער האָט זיך אָבער זעהר שלעכט געלערענט און ער איז דורכגעפאלען צוויי מאָל ביי די עקזאמענס, און אונטער געוויסע אומשטענדען זאָגאר איין מאָל, האָט דער דירעקטאָר אליין איהם אויסגעשלאָסען. אלזאָ, האָב איך זיך באשלאָסען צו מאכען, אז מען זאָל מיר אויסשליסען.

דער געדאנק האָט אָנגענומען די פאָרמע פון א באשטימטען פלאן אין אָנפאנג פון מיין דריטען יאָהר. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דאָס געווען אין די דריי טעג, וואָס איך האָב פארבראכט אין קארצער. דער פלאן איז באשטאנען אין פאָל־גענדען: גלייך אָנהויבען צו לערנען לאטיין און זיך צוגרייטען צום זעקסטען אָדער זיבעטען קלאס גימנאזיע; די „אוראָקען" פאָרלויפיג צו לערנען, כדי דער דירעקטאָר זאָל ניט חושד זיין, אז איך פארנאכלעסיג אומישנע. ווען אָבער עס וועט קומען צו אונזערע אינסטיטוטסקע עקזאמענס, זאָל איך דורכפאלען און זעהן צו מאכען מען זאָל מיר איננאנצען אויסשליסען.

די הויפט־זאך, וואָס מיר האָט געפעהלט, זיינען געווען די צוויי קלאסישע שפראכען — לאטיין און גריכיש. האָב איך גלייך אָנגעהויבען צו לערנען לאטיין. איך האָב געקויפט קיונער'ס לאטיינישע גראמאטיק, און אָנגעהויבען צו ארבייטען, שוין נאָרניט ווי א פוילער. געוועהנליך פלעג איך אויפשטעהן זיבען אוהר.

איצט האָב איך אָנגעהויבען אויפצושטעהן פינף אָדער זאָגאר פיער אוהר. עס איז געווען ווינטער, און אויפ'ן הויף פלעגט נאָך זיין שטאָק־פינסטער. אויפ'ן קאָרידאָר פלעגנען אַ פּאָר פון די דינער דאן פוצען די פּאָדלאָגע, און עס פלעגט ברענען א לעמ־פּעל. עס איז געווען טונקעל. איך פלעג געהן הין און צוריק פון איין עק קאָרידאָר ביז'ן אנדערען, — געהן און „זוברעווען" אויף אויסוועניג לאטײנישע ווערטער און זייער באדייטונג, אויס־נאהמען פון געוויסע גראַמאַטיקאַלישע כללים, א. ז. וו. די אויס־נאהמען זיינען געווען אויסגעשטעלט אין גראַמען, כדי עס זאָל זיין לייכטער זיי איינצולערנען. און איך האָב זיי „געזוברעוועט" מיט גרויס אפּעטיט, פּונקט ווי אַמאָל, איידער איך בין אָנגעקומען אין אינסטיטוט, האָב איך „געזוברעוועט" די נעמען פון אינזלען אָדער טייכען. ווען איך פלעג פארגעסען א וואָרט, פלעג איך צוגעהן צום לעמפּעל, אריינקוקען אין בוך און זיך ווידער אוועקלאָזען הין און צוריק און „זוברעווען".

ביעליקאָוו האָט אויך זיך געפּערטיגט צו גימנאַזיע. איך האָב געזאָגט זיין מוטער, אז האָבענדיג אזעלכע פעהיגקייטען, האָט ער זיך ניט בעדאַרפט צופרידענשטעלען מיט א לעהרער־קאַריערע, און אזוי ווי זי האָט געהאט אונטערנעהמונגס־גייסט, איז דער געדאַנק איהר געפעלען געוואָרען, און זי האָט איהר זוהן צוגעגעבען חשק זיך צו נעמען צו מיין פּלאַן. אַלזאָ, פלעגט ער אויך אויפשטעהן פאַרטאָג לערנען לאַטײן.

זעהר אָפט פלעגט אונזער „זיידע", טראָצקי, אויך אויפשטעהן פריה, הגם קיין לאַטײן האָט ער ניט געלערענט. מיט די אוראַקען האָט ער אין יענע שטונדען אויך זיך ניט באַשעפטיגט. ער פלעגט סתם ארומגעהן איבער'ן קאָרידאָר, געהן הארט ביי דער וואַנט און שווייגען (אויף דעם פלעגען מיר אָנווייזען ווי אויף א באַשטעטי־גונג, אז ער איז א זיידע. „אַן אַלטען מאַן שלאָפט זיך ניט", פלעגען מיר זאָגען מיט געלעכטער).

שבת, ווען איך בין געגאַנגען „אין שטאָדט", פלעג איך זיך זעהן מיט באַקאַנטע גימנאַזיסטען, און זיי פלעגען מיך פאַר־הערען אין לאַטײן, און צוהעלפען דאָ וואו איך האָב זיך אין הילף גענויטיגט.

א גימנאזיסט פון פינפטען קלאס, מיט׳ן נאָמען סראמניק, פלעגט מיט מיר פארברענגען דריי־פיר שעה יעדען שבת, און שפּעטער איז מיר באהילפיג געווען א גימנאזיסט מיט׳ן נאָמען מיילאכזאָן, פון אכטען קלאס, דער זוהן פון א זייגער־מייסטער. מיר פלעגען געהן שפּאצירען צוזאמען, און שפּאצירענדיג פלעגט ער מיך פארהערען אין סינטאקסיס. דער לאטיינישער סינטאקסיס איז פול מיט שארפזיניגע שכל׳ען, און דאָס האָב איך ליב געהאט. אלס איבונג אין סינטאקסיס פלעגט מיילאכזאָן מיר געבען רוסישע זאצען איבערצוזעצען אויף לאטיין.

איך האָב געקויפט קעסלער׳ס „לאטיינישען סינטאקסיס" און קרעמער׳ס לאטיינישען גראמאטיק, און די רוימישע שריפטשטעלער צעזאר און סאלוסט, און איך האָב אויף זיי פארבראכט יעדע מינוט וואָס איך האָב געקענט אָפּרייסען. די שכל׳דיגע טיילען פון דער גראמאטיק זיינען מיר געווען זעהר אינטערעסאנט, און איך פלעג זיי לערנען מיט באזונדערע התמדה. איך פלעג קוים דערלעבען דעם שבת, אום צו זעהן זיך מיט מיילאכזאָנ׳ען, און צו מאכען דעם וועכענטליכען שפּאציר מיט איהם.

עס איז געקומען צו די עקזאמענס. אלע האָבען גאנצענע טעג און אָוועגדעס׳ געלערענט די אוראָקען וואָס מען האָט דורכגעהאט דעם גאנצען יאָהר. איך אָבער און ביעליסאָוו האָבען נאָר געלערענט לאטיין.

איך האָב געמאכט שנעלע פּאָרטשריט. איך האָב זיך געפיהלט גליקליך און בין געווען אנגענעהם אויפגערעגט. באלד וועלען פאָרקומען די עקזאמענס. מען וועט אויסרופען מיין נאָמען. איך וועל ארויסציהען א „בילעט" און שטעהן ווי א שטומער. וואָס וועט זיין? ווי וועט דער דירעקטאָר זיך פארהאלטען? עס איז געווען אזוי זיס זיך פאָרצושטעלען ווי איך וועל באַפרייט ווערען און ווערען א גימנאזיסט...

פלוצלונג, אין א פריהמאָרגען, קומט צו מיר אין אינסטיטוט מיין פאָטער, און אן אונרוהיגער, א נערוועזער, זאָגט ער מיר אָן, אז איך שטעה צום פריזיוו (צו מיליטער־דינסט).

איך בין דאן געווען מיט א פאַר מאָנאט וויינינגער ווי צוואנ־ציג יאָהר, און צום פּריזיוו פלעגט מען זיך שטעלען צו 21, אָבער דאָס פלעגט זיין אין נאָוועמבער, און אין נאָוועמבער וואָלט איך זיך שוין גערעכענט פאר אַן איין־און־צוואנציג יעהריגען. דאָס האָב איך אין מיינע רעכנונגען פאַרזעהן.

דאָס איז געווען אַן אונגעהייער ערנסטע נייעס. אלס שילער פון אינסטיטוט און דערנאָך אלס לעהרער פון א רעגירונגס־שוהל וואָלט איך פון מיליטער דינסט געווען פריי. אויב אָבער איך וועל ארויס פון אינסטיטוט, וועל איך זיך מוזען שטעלען צום פּריזיוו*).

— שפּיל זיך ניט מיט פּייער, מיין זוהן — האָט מיין פּאָטער צו מיר געזאָגט.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איך האָב די לאַטיינישע בי־כער אוועקגעלייגט אָן א זייט און האָב זיך גענומען גרייטען צו די אינסטיטוטסקע עקזאמענס.

איך האָב זיי אויסגעהאלטען. דערנאָך האָב איך זיך ווידער גענומען פאר סאַלוסט'ן, צעזאר'ן און קעסלער'ס „סינטאקסיס". איך האָב געטרוימט ווי עס איז בייצוקומען די שוועריגקייטען און דאָך אריינצוקומען אין אוניווערזיטעט. אָבער קיין פעסטען גלויבען אין דעם האָב איך שוין ניט געקענט האָבען. און דאַן האָט זיך אין מיר ענטוויקעלט א נייער אינטערעס, וועלכער האָט אויף מיר געהאַט א גרויסע גייסטיגע ווירקונג, און האָט מיין אינטערעס אין לאַטיין אינגאַנצען פאַרשלונגען.

*) אַזוי, דאַכט זיך, איז געווען דער חשבון. אויף געוויס געדענק איך ניט. דער פּונקט איז מיר איבערהויפּט ניט קלאָהר. איצט קומט מיר אויס קשה דאָס פאָלגענדע, צום ביישפּיל: פאַרוואָס האָב איך די פּריזיוו פראַגע פריהער ניט גענומען אין אָנבעטראַכט? ווי אַזוי האָב איך געקענט ערוואַרטען, אַז דאָס זאָל מיר ניט שטערען צו מיין פּלאַן?

אכטער קאַפּיטעל.

אַ גייסטיגע איבערקערעניש.

„קיין גאָט איז ניטאָ און קיין קיסר דאַרף מען ניט". —
אַ געהיימע מאַכט.

.1

אין אָנהויב זומער 1880, ווען איך בין אַריבערגעגאַנגען פון דריטען קלאַס אין פערטען, האָב איך געמאַכט מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער געהיימער ליטעראַטור. עס האָט זיך אַרויסגעציינט, אַז צוויי פון מיינע פריינד געהערען צו דעם ווילנער אונטער־ערדישען „קרוזשאָק", און זיי האָבען מיר געגעבען סאָציאַליסטישע שריפטען — די ערשטע וואָס איך האָב ווען עס איז געלעזען. דערנאָך האָבען זיי מיך פאָרגעשטעלט פאַר אַנדערע מיטגלידער, און מען האָט מיר אַריינגענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער פאַמיליע. דאָס האָט אין מיר געמאַכט אַן איבערקערעניש, וועלכע האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף מיין גאַנצען לעבען.

פריהער האָב איך וועגען דעם פריוואַטים־קאַמף געהערט נאָר פון דרויסען. די באַוועגונג איז פאַר מיר געווען פאַרשטעלט מיט אַ געדיכטען וואָלקען פון געהיימניס.

פון צייט צו צייט פלעגט רוסלאַנד אויפגערודערט ווערען פון גוואַלדיגע נייעס. דאָ האָט מען געשאָסען אויף דעם שטאָדט־נאַטשאַלניק פון פּעטערסבורג, דאָ האָט מען אין מיטען גאַס דערשטאָכען דעם הויפּט־גענעראַל פון די זשאַנדאַרען, דאָ האָט מען געשטאָכען אַ זשאַנדאַרם־אָפיציר. דערנאָך האָט זיך די גע־

היימע האָט גענומען צום קיסר אַליין, צו אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. אין אַפּריל פון דעם פאָריגען יאָהר האָט א שוהל־לעהרער מיט׳ן נאָמען סאָלאָוויאָוו געשאָסען אויף איהם. ער האָט איהם ניט געטראָפען. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַן אָנהויב. די רעוואָלוציאָנערען האָבען גענומען מאַכען ווייטערע אַטאַקעס מיט די־נאַמיט. זיי האָבען געמינעוועט פּלעצער, איבער וועלכע דער קיסר האָט געדאַרפט פאָהרען. לעבען מאָסקווע איז פאָרגעקומען אַן עקספּלאָזיאָן, וועלכע האָט צוריסען עטליכע וואַגאָנעס פון א קייזערליכען צוג (צוליב פאָרזיכטיגקייט איז אַלעקסאַנדער געפאָהרען ניט אויף דעם צוג וועלכער איז אָנאָנסירט געוואָרען, נאָר אויף אַן אַנדערען, און דורך דעם האָט ער זיך געראַטעוועט). דאָס איז געווען אין 1879. אין פעברואר פון 1880, איז די וועלט אויפ־געשטורעמט געוואָרען מיט נאָך א גרעסערע סענסאַציע: א רע־וואָלוציאָנער האָט אַריינגעדרונגען אין דעם קיסר׳ס פּאַלאַץ גופא און דאָרטען האָט ער מיט דינאַמיט אויפגעריסען די פּאָדלאָגע פון דעם קייזערליכען עס־צימער, און איז פאַרשוואונדען (דיזען מאָל איז דער צאַר געראַטעוועט געוואָרען דורך א צופאַל: גראָד איז ער אין דעם עס־זאַל אַריינגעקומען מיט צעהן מינוט שפּע־טער ווי געוועהנליך).

א פּראָבע צו שיסען דעמזעלבען קיסר איז געמאַכט געוואָרען נאָך מיט דרייצעהן יאָהר פריהער (פון א סטודענט מיט׳ן נאָמען קאַראַקאָזאָף). אָבער דענסמאָל האָט זיך דאָס מיט דעם געענדיגט. אונגעפעהר צוועלף יאָהר זיינען אַוועק אָהן נייע אַטאַקעס.

די געהיימע באַוועגונג האָט ניט אויפגעהערט. אָבער א היבשע צייט האָבען די רעוואָלוציאָנערען זיך באַנוגענט מיט פרידליכע פּראָפּאַגאַנדאַ־מיטלען. דערנאָך האָבען זיי זיך אָבער גענומען צו וואַפען און דינאַמיט.

יעדער נייער טעראָריסטישער טהאַט פלעגט אין די צייטונגען געמעלדעט ווערען נאָר מיט א פּאָר קורצע ווערטער. דרוקען איינצעלהייטען וועגען אַזעלכע זאַכען האָט די צענזור ניט ערלויבט. אָבער די קורצע מעלדונגען זיינען געווען גענוג צו לאָזען דעם עולם וויסען אַז עס עקזיסטירט א געהיימע קראַפט, וועלכע פיהרט אַן א העלדישען קאַמף נעגען דעם טראָן. און

דערפאר גופא, וואָס ריידען וועגען דיזער קראַפט האָט מען ניט געטאָרט, האָט מען זיך איהר פאַרגעשטעלט נאָך פיעל גרעסער און מעכטיגער ווי זי איז דאן געווען אין דער ווירקליכקייט. און בשתיקה האָט מען איהר באוואונדערט און געוואונשען ערפאָלג.

אז אין ווילנא גופא איז פאַראַן אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע, האָבען די שטאָדט־לייט אין אַלגעמיין אויך געוואוסט. נאָך מיט עטליכע יאָהר פריהער, אין אַ חול המועד פסח, האָט געקאָכט מיט דעם ארעסט פון אַ גרופּע אידישע רעוואָלוציאָנערען. איינער פון די ארעסטירטע איז געווען דעם שטאָדט־חזן'ס זוהן, אַ קריפּעל. איך געדענק ווי מיין מוטער האָט דערצעהלט וועגען דעם.

— ביי דעם הויסער אין קופערטעל האָט מען געפונען אַ לעבעל ברויט (אום פּסח) מיט אַ ביכעלע, און אין ביכעלע שטעהט: „באָגו ניעטו אי צאר ניע נאדא“ — „קיין גאָט איז ניטאָ און קיין קיסר דאַרף מען ניט“ (די רוסיש איז ניט קיין ריכטיגע).

איך בין נאָך דאן געווען אַ גאַנץ יונגער אינגעל.

„קיין גאָט איז ניטאָ און קיין קיסר דאַרף מען ניט“...

די ערשטע העלפט פון דער פראַזע האָט מיר ניט איבער־ראשט, וואָרים איך האָב שוין דאן געהאַלטען נאָהענט צו אפּיקורסות. אויף דער צווייטער העלפט אָבער האָב איך זיך געוואונדערט: ווי קען מען דאָס אויסקומען אָהן אַ קיסר?

יעדענפאַלס האָבען זיך די ווערטער איינגעגעסען אין מיין מוח. און ווען איך בין שוין געגאַנגען אין אינסטיטוט, פלעג איך זיך אָן ז״י דערמאָנען יעדעס מאָל ווען מען פלעגט זיך שושקענען וועגען דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. די דאָזיגע פראַזע האָט פאַר מיר ענטהאַלטען דעם עיקר פון דעם רעוואָ־לוציאָנערען געדאַנק. אָבער ווי קען מען פאָרט אויסקומען אָהן אַ קיסר?...

שפּעטער האָט מען געהערט וועגען אַ ווילנער יונגען מאַן מיט'ן נאָמען אהרן זונדעלעוויטש, אַז ער איז איינער פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערען. זיין פאָטער האָט געהאַלטען אַ

געשעפט אין רעכטען מיטען שטאָדט, און די פאמיליע איז געוועזן גוט באקאנט. ווענען זיין זוהן האָבען זיך ארומגעטראָגען לעגענדען. מען האָט, צום ביישפּיל, גערזאָגט:

— ביי זיי (דאָס הייסט, ביי די רעוואָלוציאָנערען) זיינען אויך פאראן ווערכטער און געהיים־פּאָליציי. ווען זונדרעלעוויטש געהט אויפ'ן גאס, געהען הינטער איהם אַנדערע פון זייער חברה, איהם צו היטען פון שפּיאָנען.

ווען איך האָב זיך געפּערטיגט צום אינסטיטוט, בין איך באקאנט געוואָרען מיט זונדרעלעוויטש'ס אינגסטען ברודער, לעאָן. איך האָב זיך אָבער מיט איהם געזעהן זעלטען און וועגען זיין ברודער האָבען מיר אין יענע יאָהרען קיינמאָל ניט גערעדט.

די געהיימע באַוועגונג האָט מיר ווייניג אינטערעסירט.

דער לעזער האָט געזעהן ווי איך פלעג זיך אין אינסטיטוט פיהלען פארשקלאפט און נידערגעשלאָגען. דיזער געפיהל פלעגט מיך צייטענווייז פיהרען צו געדאנקען וועגען דעם דעספּאָטישען כאראקטער פון דער רוסישער רעגירונג. אָבער אזעלכע געדאנקען זיינען ביי אידען איבערהויפּט קיין נייעס ניט געוועזן. אַלע האָבען זיי אויף דער רעגירונג געקוקט ווי אויף א ברוטאַלע גרויזאַמע מאכט.

עס זיינען געקומען די דריי מעת־לעת קארצער. ארומ־געהענדיג הין־און־צוריק אין מיין תפיסה, האָב איך פיעל געטראכט. אין אַלגעמיין, אָהן איינצעלהייטען, געדענק איך איינעם פון מיינע דאמאָלסדיגע רעיונות: מען האָט מיך פארשפּארט דערפאר, וואָס איך האָב דאדיקינ'ען געזאָגט דעם אמת. פאר'ן אמת מוטשעט מען די רעוואָלוציאָנערען. מען האַלט זיי אין סיביר און מען הענגט זיי דערפאר וואָס זיי האָבען דעם מוט צו זאָגען דעם אמת וועגען דער דעספּאָטישער רעגירונג...

דאָס געדענק איך. זאָגען אָבער, אז איך האָב אין יענע דריי טעג גענומען פיהלען א דייטליכען אינטערעס אין די אָרגאַניזירטע פרייהייטס־קעמפּער, קען איך ניט.

יענעם ווינטער האָט מען עס אויפגעריסען דעם צאר'ס עס־זאַל. איך געדענק ווי איך בין ערשטוינט געוואָרען פון די

נייעס און ווי איך האָב באַוואונדערט די רעוואָלוציאָנערען וואָס האָבען אָפּגעטאָן דיזע „שטיקעל ארבייט“. איך האָב געבעטען גאָט, אז מען זאָל זיי ניט כאַפּען. דאָס איז אָבער געווען די באַוואונדערונג און סימפּאַטיע פון א זייטיגען מענשען.

.2

אויף די זומער פלעצער. — א געהיימניספולע גרופּע. — מיין שילער חאַלפּערין. — שואל באַדאַנעס. — געהיימע ציימונגען.

ביי די רעלסען פון דעם אייזענבאַהן, ניט ווייט פון „זשעליעזנאַיאַ כאַטקאַ“, פלעג איך זעהן עטליכע יונגע לייט און א פּאָר „באַרישניעס“, וועלכע איך האָב חושד. געווען אז זיי געהערען צו אַן אונטערערדישער גרופּע. עס איז געווען מעהר ווי א חשד. איך בין געווען זיכער אין דעם...

זיי זיינען געווען געקליידט ווי אַלע; זיי האָבען גערעדט ווי אַלע; געזופּט זויער־מילך ביי דער „דריטער קאָסאַרקע“, ווי אַלע. אָבער א געוויסער מאַניער, א געוויסער אויסדרוק אויפ'ן פּנים, און דער ספּעציעל־אינטימער שטייגער ווי זיי האָבען זיך געהאַלטען איינער מיט'ן אַנדערען — דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט אז זיי געהערען צו אַנאַנדער וועלט.

צווישען זיי זיינען געווען א פּאָר געוועזענע גימנאַזיסטען, א צוויי־דריי יונגע לייט, וואָס זיינען נאָך דאַן געווען אין גימנאַזיע, א פּאָר רעאַליסטען און א פּאָר גימנאַזיסטקעס. דיזע זיינען געווען אידישע קינדער. אין זייער קאָמפּאַניע האָט זיך אָבער אימער געפונען א קריסטליכער יונגערמאַן — זעהר א שעהנער, בלאָנדער יונג, וועלכער האָט געטראָגען די פאָרמע (יוניפאָרם) פון דער אייזענבאַהן שול, וואָס מען האָט יענעם יאָהר געעפענט אין ווילנא: א שוואַרצע בלוזע מיט א גרויסער ניקעלנער ספּראַנזשיקע אויף א ברייטען לעדערנעם גאַרטעל, און אַן עהנליכע ספּראַנזשיקע אויפ'ן היטעל.

די דאָזיגע גרופּע פלעג איך זעהן כמעט יעדען נאָכמיטאָג אָדער אָוונט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויף די זומער־

פלעצער. ווער עס זיינען די אידישע יונגע לייט, האָב איך געוואוסט. איך האָב געוואוסט זייערע נעמען און ווער זייערע עלטערן זיינען. באקאנט אָבער בין איך מיט זיי ניט געווען. און דער קריסט איז מיר געווען אינגאנצען פרעמד.

איך פלעג זיך פאָרשטעלען די פאַרבאָרגענע וועלט, אין וועלכער זיי באוועגען זיך; און זיי אליין זיינען מיר פאָרגעקומען אלס געהיימניספולע, אונגעוועהנליכע באשעפענישען. מיין איינבילדונגס־קראפט האָט זיי ארומגערינגעלט מיט א לעבען פון סודות, געפאהר און מוט. זיי האָבען גערייצט מיין נייגעריגקייט.

איך האָב אויבען באמערקט, אז איך האָב געפיהלט אייפערזוכט צו יעדער אינטעליגענטער קאָמפּאַניע, מיט וועלכער איך האָב ניט געהאט קיין באקאנטשאפט. מיר האָט זיך גערוכט, אז איך בין אויסגעשלאָסען. דאָס איז אָבער אַלץ געווען א געזעלשאפטליכע און ראָמאנטישע בענקשאפט. גאַנץ אנדערש איז געווען מיין געפיהל צו דיזער גרופּע. אויף די „באַרישניעס", מיט וועלכע די געהיימניספולע יונגע לייט האָבען ארומגעשפּאַצירט, האָב איך געקוקט גאָר מיט אנדערע אויגען. איך האָב זיי באטראכט אלס מיידלעך פון א העכערען טיפּ. זייער פרעמדקייט האָט אין מיר קיין אייפערזוכט ניט געשאפען. זיי האָבען געהערט גאָר צו אן אנדער וועלט.

דורך דיזער גרופּע האָט מיין נייגעריגקייט וועגען דער וואונדערליכער באוועגונג באקומען א ממשות'דיגע פאָרמע, און דורך דעם איז זי געוואָרען פיל גרעסער ווי פריהער.

איינמאָל האָב איך באזוכט מיין געוועזענעם תלמיד, האַלפּערין—אָט דעם וואָס האָט פאַר מיר איבערגעשריבען וואָהל'ס „זאַפּיסקעס" פון אידישע געשיכטע. ער האָט ביי מיר קיין אוראָקען שוין מעהר ניט גענומען. ער איז איצט געגאנגען אין דער אייזענבאַהן־שוהל, צו וועלכער עס האָט געהערט דער שעהנער בלאָנדער קריסט, וואָס איך פלעג זעהן צווישען די רעלסען, און ער האָט געטראָגען דיזעלבע קליידער מיט דיזעלבע גרויסע ספּראַנזשקעס.

איך האָב גלייך באַמערקט אַן ענדערונג אין איהם. ער האָט זיך געהאַלטען ווי איינער וואָס האָט אַ וויכטיגען סעקרעט.

ער איז געווען קליין-געוואַקסען, אָבער זיין נים-גרויסער קערפּער איז געווען שטאַרק געבויט און זיינע פּלייצעס זיינען געווען קרעפטיגע. ער איז געווען זעהר קורצזיכטיִג, און ווען ער פלעגט אויף מיר קוקען מיט זיינע פאַרזשמורעטע אויגען, פלעגט זיין געזיכט מיר זיין ספּעציעל ליב.

ער איז ניט געווען קיין ווילנער, און ער האָט גערעדט מיט אַ „ניט היגע" אויסשפּראַך — מיט שווערע, זעהר האַרטע „ריש'ען". ווען ער פלעגט ווערען באַגייסטערט, פלעגען די ווערטער זיך אַרויסקייקלען פון זיין מויל אַזוי ווי שווערע אומגעלומפּערטע רעדער. אָבער אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט, איז ביי איהם געגאַנגען פון האַרצען. און אַ האַרץ האָט ער געהאַט אַ ריינע און אַ וואַרימע.

דיזען מאָל איז ער געווען צוריקגעהאַלטען, און איך בין אוועקגעגאַנגען מיט אַן אונאַנגענעהמען געפיהל. וואָס איז מיט איהם געוואָרען? איז ער אין כעס אויף מיר? פאַרוואָס? פאַר ווען?

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער מיך באַזוכט ביי מיינע עלטערען, אויף פּלאַטשאַדקאַ. זיין קאַלטע באַגעגעניש מיט מיר האָט איהם ניט געלאָזען צו-רוה. אַלזאָ, איז ער געקומען דאָס פאַרגלעטען. ער האָט מיר אויסגעזאָגט ז'ין סעקרעט: ער לעזט געהיימע ליטעראַטור; ער איז באַקאַנט מיט מענשען פון דער רעוואָלוציאָנערער וועלט; זיי זיינען מערקווירדיגע מענשען! אַזעלכע, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. ער פיהלט זיך ווי אַ ניי-געבאָרענער. אַלזאָ, וויל ער מיך אויך באַקעהרען.

ער איז אומגעגאַנגען הין-און-צוריק, געזשמורעט זיינע קורצזיכטיגע אויגען און גערעדט. אַ גאַנצע אַגיטאַציאָנס-רעדע האָט ער פאַר מיר געהאַלטען. אָבער זיינע ערקלעהרונגען זיינען ניט געווען קיין געראָטענע. יעדענפאַלס, האָבען זיי אויף מיר ווייניג געווירקט. אַ פיעל שטאַרקערען איינדרוק האָט געמאַכט דאָס, וואָס ער האָט מיר דערצעהלט וועגען די פּערזענליכע

באַציהונגען צווישען די רעוואָלוציאָנערען. זיי לעבען אבסאָלוט ווי ברידער!

ער האָט מיר געגעבען א געהיימע בראָשורקע (ליידער געדענק איך ניט, ניט איהר אינהאַלט, ניט איהר נאָמען), און אַלס אַן אַגיטאַציאָנס־מיטעל האָט זי אַרויסגעוויזען מעהר קראַפט ווי אַלץ וואָס איך האָב געהערט פון האַלפּערין'ס מויל. זי האָט מיך באַזיגט נאָך איידער איך האָב איהר אויפגעעפענט.

א פאַרבאָטענע זאַך! די אַרויסגעבער זיינען אָט יענע מענשען, וואָס האָבען אויפגעריסען דעם קיסר'ס צוג און זיין עס־צימער! אָט יענע, וואָס לעבען צווישען זיך ווי ברידער און זיינען געגרייט צו געהן אויף דער תליה פאַר פרייהייט און גערעכטיגקייט! דער באַוואוסטזיין דערפון האָט געהאַט אַן אונבאַשרייבליכע ווירקונג אויף מיר; און די געפאַהר פון לעזען אַזאַ שטאָף, האָט דעם ביכעל'ס מאַגנעטישען כח פאַרגרעסערט.

איך האָב דעם ביכעלע גענומען אין האַנט, ווי מען נעמט א הייליגטום. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען דעם מאָמענט. איך האָב געפיהלט, אַז איך געה אַריבער א לעבענס־גרענעץ; אַז ביז היינט בין איך געוועזען איין סאָרט מענש, און איצט ווער איך גאָר אַנאַנדערער.

איך האָב די בראָשורקע געלעזען, צו צוויי־דריי מאָל א זאַץ. איך האָב געזוכט א פאַרבאָרגענעם פשט, דאָרטען וואו עס איז קיין פאַרבאָרגענער פשט ניט געוועזען. זי האָט מיר ניט צופרידענ־געשטעלט. איך האָב אָבער באַשולדיגט זיך אַליין. איך בין געוועזען פול מיט קשיות.

האַלפּערין האָט מיר געזאָגט, אַז דער שעהנער, בלאָנדער „שייגעץ", וואָס שפּאַצירט מיט אידישע גימנאַזיסטען און גימנאַזיסטקעס צווישען די רעלסען, הייסט אַנטאָן גנאַטאָווסקי, און אַז ער חבר'ט זיך מיט איהם. ער האָט מיר אויך פאַרטרויט, אַז מיינער א צווייטער חבר, דער אויבען־דערמאָנטער שואל באַדאַנעס, האָט אויך באַקאַנטשאַפטען מיט רעוואָלוציאָנערען.

איך האָב זיך געטראָפען מיט באַדאַנעס'ן און איך בין איבעררא שט געוואָרען פון זיין באַלעזענהייט. א יאָהר צייט

איז ער געווען א שילער אין אונזער אינסטיטוט. ער איז אָבער ארויסגעטראָטען. דאָס איז געווען מיט א פּאָר יאָהר צוריק. זינט דאן האָב איך איהם ווייניג געזעהען. און פאר דיזער צייט, אונטער דעם איינפלוס פון די סאָציאַליסטען, האָט ער גנמאכט גרויסע פּאָרטשריט אין זיין גייסטיגער ענטוויקלונג. ער איז ניט געווען אזא פייערדיגער ווי האַלפערין. ער איז אָבער געווען אזא אמת׳דיגער און גוטער ווי ער, און זיין רוהיגע פריינד־ליכקייט און רוהיג־ערנסטער אידעאַליזם האָט צו מיר שטארק אַפּעלירט. מיר האָט זיך געדוכט אזוי ווי ביידע וואָלטען זיי געווען נייע באַקאַנטע מיינע.

באַדאַנעס, האַלפערין און איך האָבען זיך יענעם זומער געזעהען זעהר אָפט, און איך האָב פון זיי באַקומען פארשידענע אונטער־ערדישע שריפטען. צווישען זיי איז געווען א נומער פון דער רעוואָלוציאָנערער צייטונג „זעמליא אי וואָליא“ („ערד און פריייהייט“). דאָס איז געווען דער פריהערדיגער אָרגאַן פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. איצט איז די דאָזיגע פּאַרטיי געווען צוטיילט אויף צוויי פּאַרטייען, און יעדע פון זיי האָט ארויסגעגעבען א באַזונדערען אָרגאַן. די וויכטיגערע פון זיי — די טעראָריסטישע — האָט זיך גערופען „נאַראָדנאַיאַ וואָליא“ — „דער ווילען*) פון פאָלק“ — און איהר צייטונג האָט געטראָגען דעמזעלבען נאָמען. די צווייטע פּאַרטיי, וועלכע איז געווען אַנאַרכיסטיש געשטימט און איז געווען געגען פּאָליטיק, האָט ארויסגעגעבען א צייטונג מיט׳ן נאָמען „טשאָרני פּערעדיעל“ („די איבערטיילונג פון דעם לאַנד“).

האַלפערין און באַדאַנעס האָבען פאר מיר געקראָגען אַלע נומערען פון „זעמליא אי וואָליא“ (אינגאַנצען זיינען ארויס־געגאַנגען דריי). אין איינעם פון זיי האָב איך געפונען א באַשרייבונג ווי אזוי עטליכע רעוואָלוציאָנערען און רעוואָלו־ציאָנערקעס זיינען מיט פּיסטאָלעטען אין די הענט באַפאַלען זשאַנדאַרען, ווען זיי האָבען געפיהרט א רעוואָלוציאָנער מיט׳ן

---

*) דער וואָרט „וואָליא“ האָט צוויי באַדייטונגען: ווילען און פרייהייט.

נאָמען ווייגאַראלסקי, אויפ'ן וועג קיין סיביר. די מוטיגע, הגם ניט ערפאָלגרייכע, אטאקע איז אין „זעמליא אי וואָליא“ געווען איבערגעגעבן מיט איינצעלהייטען. איך האָב די באַשרייבונג געלעזען ווי אַ פאָרגאַפטער.

.3

וואָלאָדיא סאָקאָלאָוו און זיין קוואַרטיר. — גנאַטאָווסקי. — אַפּיצירען. — אַ נייע רעליגיע. — אַ רפואה צו מיינע אויגען. — די ברידער קאַספּע. — ראַבינאָוויטש.

באַדאַנעם האָט מיר געבראַכט נאָך אונטער־ערדישע שריפטען. די געהיימע זאַכען האָב איך געלעזען ביי מיינע עלטערען אין שטוב, אויף פּלאָשטשאַדקאַ, אָדער אונטער'ן פרייען הימעל. ניט ווייט פון פּלאָשטשאַדקאַ, אַנטקעגען וואָקזאַל, איז געווען אַ לאַנגע מיט עטליכע בוימער. פלעג איך דאָרטען זיצען אָדער ליגען און לעזען.

באַדאַנעם האָט מיר געבראַכט די צוויי נומערען „נאַראָדנאַיאַ וואָליא“, וועלכע זיינען ביז דאַן ערשינען, איינציגע פּראָקלאַמאַציעס און אַ געבונדענעם נומער פון דעם רעוואָלוציאָנערען זשורנאַל „וופּעריאָד“ („פאָרווערטס“), וועלכער האָט זיך פריהער געדרוקט אין זשענעווע, אָבער וועלכער האָט שוין מעהר ניט עקזיסטירט. איינע פון די זאַכען, וואָס דער בוך האָט ענטהאַלטען, איז געווען אַ געדיכט וועגען די „דריי קעניגע“, וואָס טיראַנעווען איבער דער וועלט: „קעניג האַרמאַט, קעניג קאַפּיטאַל און קעניג צלם“. דער אַלגעמיינער געדאַנק איז שוין פאַר מיר ניט געווען קיין נייעס. דאָך, די פאָרמע אין וועלכער דער דיכטער האָט דאָס אויסגעדריקט — די דריי טיראַנישע הערשער — האָט אין דער אירעע אַזוי ווי אַ נייעם אינהאַלט אריינגעגעבען.

איך האָב נעגאָרט ווידער איבערצולעזען טשערנישעווסקי'ס ראָמאַן „וואָס זאָל מען טאָן?“. איצט איז מיר דעם בוך לייכט געווען צו קריגען. וועגען זיין פאַרפאַסער האָב איך שוין געוואוסט אַ סך מעהרער ווי מיט פיער יאָהר צוריק, ווען איך

האָב דאָס ווערק געלעזען אין דער נענזוּלאַרניע. איך האָב געוואוסט, אז טשערנישעווסקי איז געווען פארשיקט אין די וו׳יטסטע נעגענדען פון סיביר; איך האָב געוואוסט, אז אין זיין צייט איז ער געווען דער גרעסטער קריטיקער און דערנאָך דער גרעסטער עקאָנאָמיסט, דענקער און פיהרער פון דעם פאָרטגעשריטענעם יונגען דור; און אז אין זיינע ווערק האָט ער געפרעדיגט סאָציאַליסטישע אידעען.

אין שפּעטערע יאָהרען האָב איך זיך ארומגעזעהען, אז דער ראָמאַן „וואָס זאָל מען טאָן?“ האָט ניט קיין ליטעראַרישען ווערט. דאַן אָבער, אין 1880, איז די פּערזאָן פון זיין פאַרפאַסער און יעדער וואָרט, וואָס ער האָט געשריבען, געווען היילינ. זאָגען אַן אונגינסטיגען וואָרט וועגען זיינעם א ווערק וואָלט געווען א „חלול השם“. ער איז דער גרויסער מאַרטירער, דער הויך־געאַכטעטער און געליבטער לעהרער פון אַלע דענקענדע מענשען. אַלזאָ, האָבען די ראַדיקאַלע קריטיקער (און קיין אַנדערע זיינען אין רוסלאַנד ניט געווען) אין „וואָס זאָל מען טאָן?“ געזעהן נאָר גרויסע מעלות. אויף ראַכמעטיעוו׳ן, דעם העלד פון דעם ראָמאַן, וועלכער האָט געשלאָפען אויף טשוועקעס, כדי זיך צו געוואוינען פארטראָגען יסורים, האָט מען געזאָגט, אז מיט איהם האָט טשערנישעווסקי געמיינט קאַראַקאָזאָוו׳ען, דעם סטודענט, וואָס האָט אין 1866 געשאָסען אויפ׳ן קיסר. דער נאָמען ראַכמעטיעוו איז געוואָרען דער אויסדרוק פון א שטאַרקען כאַראַקטער און פון רעוואָלוציאָנערער זעלבסט־אָפּפערונג.

קיינע אָפענע רייד נענען דער רעגירונג ענטהאַלט דער ראָמאַן ניט, און אין אָנהויב פון די 60־טע יאָהרען האָט די צענזור איהם ערלויבט צו דרוקען, אין טשערנישעווסקי׳ס זשורנאַל „סאָוורעמעננניק“. שפּעטער אָבער, נאָכדעם ווי מען האָט דעם פאַרפאַסער ארעסטירט, איז זיין יעדער וואָרט באַטראַכט געוואָרען אַלס געפעהרליכע ליטעראַטור. וועגען איבערדרוקען דעם ראָמאַן אַלס א בוך האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. פלעגט מען איהם אויסרייסען פון דעם „סאָוורעמעננניק“ און איהם לאָזען איינבינדען. אין דיזער פאָרמע איז ער נעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ביז די שורות און די בלעטער זיינען געווען

אזוי צוריבען און צוריסען, אז מען האט זיי שוין מעהר ניט געקענט לעזען.

דערנאך האט מען דעם ראמאן אין בוך־פארם געדרוקט אין זשענעווא און מען האט איהם איבערגעשמוגעלט קיין רוסלאנד.

איינעם פון דיזע זשענעווער עקזעמפליאר־ען האב איך איצט באקומען.

דיזען מאל האב איך אין איהם ענטדעקט גערעגטען און אנצוהערענישען, וועלכע איך האב דעם ערשטען מאל אין איהם ניט געפונען. איך מוז זיך אבער מודה זיין, אז די טיפענישען, וואס איך האב אין איהם געזוכט, האב איך איצט אויך ניט געפונען. פילע שטעלען האבען מיר ענטוישט. איך האב ניט געזעהן פון וואס מען ווערט דא נתפעל. דאכט זיך, ער רעדט צופיל, צוציהט א גאנץ געוועהנליכען גערעדנס אויף עטליכע זייטלעך.

פון די אנדערע „טריפה" זאכען, וואס איך האב געלעזען, האב איך קיין ענטוישונג ניט געהאט. אלץ איז געווען סלאר און האט מיך באגייסטערט אהן א ברעג.

אנטאן גנאטאווסקי, האלפערין'ס חבר פון דער אייזענבאהן שוהל, האט געוואוינט ביי א רעוואלוציאנער מיט'ן נאמען וולאדימיר סאסאלאוו, א קריסט, וועמענס פאטער איז געווען איינער פון די צענטערס פון דער געהיימער באוועגונג. איינמאל, אין א זומערדיגען נאכמיטאג, האט מ'ין געוועזענער שילער מיך אהין אוועקגעפיהרט און פארגעשטעלט.

סאסאלאוו איז געווען פיעל עלטער פאר גנאטאווסקי'ן. ער האט געמוזט זיין איבער דרייסיג. מיט א געוויסער צייט פריהער איז ער געווען דער פאסטמייסטער אין דער אויעזדנער שטאדט אשמיענע, ווילנער גובערניע. איצט האט ער זיך באשעפטיגט מיט פריוואט לעהרעריי. ער האט צוגעגרייט יונגע קריסטען צו דער „יונקערסקאיע אוטשילישטשע" (א שול וואס האט צוגעפערטיגט אפיצירען).

ער איז געווען ניט קיין הויכער, א דארער, מיט א רונ־קעלער געזיכט און מיט בלויליכע ליפען; מיט שווארצע אויגען און מיט ווייכע שווארצע האר, נים זעהר קיין שעהנער,

אָבער אַ סימפּאַטישער אויפ'ן פּנים און אַ זעלטען־גוטער און ליבליכער אין זיין כאַראַקטער. פון זיינע פּריוואַטע אוראַקען האָט ער גוט פאַרדינט, אָבער זיין יעדע קאָפּיקע פלעגט אַוועקגעהן אויף די חברים.

זיין דירה איז געווען ביי דעם אַנהויב פון נעאַרגיעווסקי פּראָספּעקט, לעבען דער קאַטעדראַל קירכע, ביי צעהן מינוט גאַנג פון אינסטיטוט. מען איז אין איהר אריינגעקומען איבער אַ פּאָר טרעפּלעך, אין מיטען פון אַ קליינעם הייפעלע, אויף וועלכען דאָס איז געווען די איינציגע דירה.

אחוץ דעם באַלעבאָס און זיין יונגען קעסטלינג, האָב איך דאָרטען געפונען צוויי אָפּיצירען, אויך פון דעם „קרוזשאָק". סאָקאָלאָוו האָט מיר פּאָר זיי פאָרגעשטעלט. ער האָט מיר גלייך גענומען „דוצען" און איך האָב צו איהם אויך גענומען זאָגען „דו". לייכט איז דאָס מיר אָבער ניט אָנגעקומען. ווי זאָגט מען דאָס „דו" אַ ווילד־פרעמדען מענשען, און נאָך אַ קריסט דערצו? און דאָ זיינען נאָך אָפּיצירען דערביי!

מיט אַן אָפּיצער האָב איך אויף מיין לעבען קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, און קיין מאָל אין איין צימער זיך ניט געפונען. און דאָ בין איך, ניט נאָר געזעסען ביי איין טיש מיט אָפּיצערען — טאַקע מיט אמת'ע, מיט שווערדען מיט אַלע קליפּערלעך — נאָר זיי האָבען מיט מיר געשמועסט ווי מיט אַן אייגענעם מענשען! וואָס פאַר אַ באַשטעטיגונג, אַז דאָ איז אַ וועלט פון גלייכהייט און ברידערליכקייט! ווענען אַזאַ זאַך ווי אַן אונטער־שיעד צווישען איד און קריסט קען דאָ שוין קיין רייד ניט זיין. עס האָט זיך מיר כמעט ניט געגלויבט, אַז דאָס איז אויף דער וואָהר.

עס האָט מיר לאַנג ניט גענומען זיך צוצוגעוואוינען. אין עטליכע טעג צייט האָב איך זיך געפיהלט ביי סאָקאָלאָוו'ן אַב־סאָלוט ווי ביי מיין מאַמען אין שטוב.

איך בין דאָרטען באַקאַנט געוואָרען מיט נאָך אָפּיצערען, מיט אַ פּאָר גימנאַזיסטען, מיט אַ פּאָר עלטערע מענשען, מיט אַ פּאָר דאַמען. מייסטע פון די, וואָס איך האָב דאָ באַגעגנט,

זיינען געווען קריסטען, און אלע האָבען זיי זיך געהאַלטען אויף דעם זעלבען חבר'שען שטייגער.

סאָקאָלאָוו'ס ערשטער נאָמען איז געווען וולאדימיר. מען פלעגט איהם אָבער קיינמאָל ניט רופען וולאדימיר, נאָר — מיט דער ליבלינגס־פאָרמע — „וואָלאָדיא", און אנשטאָט וואָלאָדיא פלעגט מען איהם דאָס רוב רופען וואָלאָדקאַ. דער „קאַ" איז ענליך צו דעם ליטוויש־אידישען „קע" אין ברוך'קע, אָדער חיים'קע. ער קען אָבער אויך אויסדריקען פאראכטונג. ער קען אָבער אויך אויסדריקען אינטימע חבר'שאַפט. אין דער ניהיליסטישער שפּראַך האָט דיזער „קאַ" באדייטעט, ערשטענס, חבר'שאפט, און צווייטענס, יענעם דעמאָקראַטישען גייסט, וועלכער קוקט אויף טיטלען און צערעמאָניעס מיט פאראכטונג.

אויב עס איז מיר פון אָנפאַנג שווער געווען צו זאָגען סאָ־קאָלאָוו'ן „דו", איז מיר נאָך שווערער געווען איהם צו רופען „וואָלאָדקאַ". איך האָב איהם אָבער אנדערש ניט גערופען.

סאָקאָלאָוו פלעגט מיר מיט מיין ערשטען נאָמען ניט רופען. ער האָט מיר אָבער גערופען „קאהאנטשיק", און יעדעס מאָל וואָס ער פלעגט אויסריידען דעם וואָרט, בין איך געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל.

סאָקאָלאָוו האָט אַלעמען געזאָגט „דו" און אלע האָבען איהם געזאָגט „דו" און איהם גערופען „וואָלאָדקאַ". דאָס הייסט אָבער ניט, אז אלע מיטגלידער פון דעם קרוזשאָק האָבען זיך איינע די אנדערע גערופען אויף אזא שטייגער. דאָס רוב פון זיי, אָבער ניט אלע.

איך בין געוואָרען „אויף דו" מיט אנטאָן גנאטאווסקי'ן, מיט איינעם פון די אָפּיצערען און מיט אנדערע צוויי אָדער דריי פון די קריסטען. מיט די איבעריגע אָבער בין איך געבליבען „אויף איהר".

סאָקאָלאָוו'ס וואוינונג איז באַשטאַנען פון דריי צימערען. פון הויף פלעגט מען גלייך אריינקומען אין דעם גרעסטען און בעסטען פון זיי. דאָרטען איז געשטאַנען א גרויסער טיש, א סאָפע און שטולען. אויפ'ן מיטען טיש איז דאָס רוב געשטאַנען א גרויסע בלעכענע פּושקע מיט צוקער און ס'איז געלעגען א לאַבען

ברויט. דער צווייטער צימער, אויך מיט א סאָפע, איז געווען קלענער. דער דריטער איז געווען א שלאָף־צימער.

גנאטאָווסקי איז ביי סאָקאָלאָוו'ן געווען ווי א אינגערער ברודער. ער האָט ביי איהם געוואוינט. ער איז אָבער ניט גע־ווען זיין איינציגער קעסטלינג. דאָס רוב האָט ער געהאט נאָך איינעם אָדער צוויי. און צו מיטאָג־עסען און אין אָווענד פלעגען אריינקומען נאָך חברים. אמאָל פלעגט זיך אָנקלייבען א היבשע גרופּע. מען האָט געגעסען און געטרונקען — געוועהנליך נאָר ברויט מיט טהיי. ער פלעגט אימער האלטען אין באָרגען געלט. אָבער באָרגען איז איהם ניט געווען שווער. צווישען זיינע אינ־טימע פריינד זיינען געווען א פּאָר רייכע פריצישע קינדער, פלעגען זיי איהם אויסהעלפען. איבעריגענס האָט נאָר איינער פון זיי דאָס געטאָן מיט'ן גאַנצען הארצען.

אמאָל פלעגט זיך ביי איהם אָפּשטעלען אן „אונלעגאַלער" מענש, דאָס הייסט א רעוואָלוציאָנער וועלכער, איז ארומגע־פאָהרען מיט א פאַלשען פּאַס, און וועלכען די שפּיאָנען האָבען ארומגעזוכט.

עס זיינען געווען פארשידענע טיפּען. איך האָב באמערקט אזעלכע, וואָס האָבען סתם געפּוסט־און־פּאסעוועט, געגעסען, גע־רויכערט פּאַפּיראָסען און געשלאָפען ביז 12 אזייגער „אין די אינטערעסען פון דער רעוואָלוציע". אָבער סאָקאָלאָוו האָט קיין קשיות ניט געפרעגט. ביי איהם זיינען אַלע געווען גוטע געסט, אַלע ליבע חברים.

זיין שטוב, און הויפּטזעכליך איהם אליין, האָב איך אָנגע־נומען פאַר א מוסטער פון דער אונטער־ערדישער וועלט, און פון דער גאַנצער וועלט ווי זי וועט זיין דאַן, ווען דער סאָציאַ־ליזם וועט מקוים ווערען.

דאָס לעבען האָט פאַר מיר א גאַנץ נייעם אויסזעהן באַ־קומען. די געזעלשאַפט איז געבויט אויף אונגערעכטינקייט, און דאָס מוז אָפּגעשאַפט ווערען. עס פאַלען אָהן א שיעור קרבנות — דאָס אַלץ דאַרף איבערגעביטען ווערען. אַלע דאַרפען זיין גלייך; אַלע דאַרפען זיין ברידער, אָט אזוי ווי מיר זיינען

ברידער ביי וואָלאָדקא סאָקאָלאָוו'ן אין שטוב. און אַלע דאַרפֿען זיין פריי. עס קען אַזוי זיין. עס וועט אַזוי זיין. עס מוז אַזוי זיין... יעדער מוז זיין בערייט צו געבען זיין לעבען דערפאר...

איך האָב צוטיילט די וועלט אויף צוויי טיילען — אויף „אונזערע" און „ניט אונזערע". אויף די „ניט אונזערע" האָב איך געקוקט אי מיט מיטלייד, אי מיט פאראכטונג. ווען איך פלעג אין גאַס באַגעגענען אַ באַקאַנטען, וואָס האָט ניט געהערט צו „אונזערע", פלעג איך איהם באַטראַכטען ווי אַ נידעריגערע באַשעפעניש. צו דער זעלבער צייט האָט מיר מיין באַגייסטערונג געמאַכט פאַר אַ גוט־מוטיגען, אַ טאָלעראַנטען. איך האָב מיט אַלעמען גערעדט ווייך, פריינדליך, אָבער אימער מיט אַ געמישטען געפיהל פון מיטלייד און פאַראַכטונג.

אַ רעליגיעזע התלהבות האָט אין מיר נעגליהט. איך האָב זיך אַליין ניט דערקענט.

אין טאָלסטאָי'ס ערצעהלונג „פאַמיליען גליק" ווערט פאַר־געשטעלט די גוטהערציגקייט און פרומקייט, וועלכע באַהערשט די העלדין, ווען זי ווערט פאַרליבט און פאַרלאָבט. זי טיילט איבער'ן דאָרף געלט. זי טוט גוטס און זי זעהט, אַז קיינער זאָל ניט וויסען אַז זי טוט עס. זי רעדט שטיל. זי געהט מיט שטילע טריט. אָט אויף אַזאַ אַרט האָט זיך אויסגעדריקט מיין באַ־גייסטערונג מיט דער נייער אידעע. איך בין אומגעגאַנגען ווי אַ פאַרליבטער.

אין די ערשטע וואָכען פון מיין באַקעהרונג צום סאָציאַליזם, האָט אונזער אידעאַל מיר געוויס פאַר אַ בעסערען מענשען גע־מאַכט.

מיט עטליכע יאָהר פריהער, ווען איך האָב פון זיך אַראָפּ־געוואָרפען דעם אמונה־לאַסט, בין איך אויך געווען אין אַ צו־שטאַנד פון הויכער באַגייסטערונג. מען קען דאָס אָבער ניט פאַרגלייכען צו די געפיהלען, מיט וועלכע איך האָב זיך אַרומ־געטראָגען איצטער.

איך האָב געדורשט אַנדערע מענשען צו ענטפלעקען דעם אמת. יעדען פאַרבייגעהער אין גאַס האָט זיך מיר געוואָלט אָפּ־שטעלען און אויסשרייען, אַז ער לעבט אין טעות, און איהם

ערקלעהרען ווי די וועלט דארף זיך פיהרען. אבער פראפאגאנ־דירען יעדען פארביינעהער איז אין רוסלאנד געווען אונמעגליך. אונזער „קרוז׳שאק" איז געווען א געהיימער, און איינע פון די ערשטע באדינגונגען איז געווען צו זיין „קאנספיראטיוו", ניט אויסצוזאגען קיין סעקרעטען, ניט צו ריידען צופיל...

איך בין געווען אזוי אונערפאהרען אין די ווירקליכקייטען פון לעבען, אזוי קינדעריש, אז איך האב אלע מיינע נייע פרינ־ציפען אנגענומען ווערטערליך. אלע דארפען זיין גלייך; אלע דארפען זיין ווי ברידער, און מיין פליכט איז אלעמען גלייך צו ליבען. דאס אלץ האב איך אויסגעטייטשט בוכשטעבליך. אויב איך ליב מיין מוטער מעהרער ווי אנדערע פרויען, הייסט דאס אז איך בין ס ע נ ט י מ ע נ ט א ל, ניט קיין פאלשטענדיגער סאציאליסט. עס הייסט, אז אין מיר לעבען נאך די געפיהלען פון דער שלעכטער, אונגערעכטער וועלט. מיין מוטער איז א מענש — א מענש ווי אלע מענשען. מיט וואס איז זי מעהר יחסנ׳טע פאר אנדערע, אז איך זאל איהר ליב האבען מעהר?

איך האב זיך געפרואווט איינריידען, אז זי איז ביי מיר ניט קיין יחסנ׳טע. אין הארצען האב איך אבער געפיהלט, אז איך נאר זיך אליין; אז איך האב איהר פארט ליבער ווי אנ־דערע. און מיר איז דאס אויסגעקומען אזוי ווי איך וואלט מיט דעם באגאנגען א פארברעכען געגען מיינע פרינציפען. אין אל־געמיין אבער בין איך געווען אין א הינער־פלעט פון גליק.

אפילו אין באצוג צו מיינע אויגען איז מיר אויך געווארען גרינגער אויפ׳ן הארצען.

ביי דיזען פונקט דארף מען האבען אין זינען דעם דאמאלס־דיגען גייסט פון דער רוסישער באוועגונג.

אין דייטשלאנד אדער אין פראנקרייך, ווען איינער איז געווארען א סאציאליסט, איז די ענדערונג אין איהם געווען נאר א פאליטישע; אונדירעקט אויך א מאראלישע. ווייטער אבער איז דער נייבאקעהרטער געבליבען ווי ער איז געווען: ער האט זיך געקליידט ווי אלע, זיך געהאלטען ווי אלע, געלעבט ווי

אלע. אין רוסלאַנד אָבער, ווען מען איז געוואָרען אַ סאָציאַליסט, האָט זיך דער גאַנצער מענש געענדערט. ווייניגסטענס, האָט מען זיך פאַרגעשטעלט, אַז אזוי דאַרף עס זיין.

אין די 60טע און 70טע יאָהרען האָט צווישען פאָרטגעשריטענע יונגע לייט געהערשט דער „ניהיליזם". דער וואָרט האָט פאַרשידענע באַדייטונגען. אין אַלגעמיין אָבער האָט מען מיט דעם געמיינט, אַז מען גלויבט ניט אין קיין זאַך, סיידען מען קען דאָס באַווייזען; אַז מען לאַכט זיך אויס פון אַלע רעליגיעזע, פּאָליטישע אָדער געזעלשאַפטליכע געזעצען און כּללים.

דער ניהיליסט האָט זיך געקליידט זעהר איינפאַך, ווי אַ פּראָסטער מענש, וואָרים זיין אידעאַל איז געווען זיך צו דערנעהנטערען צום פאָלק, און זיין אַנטיפּאַטיע האָט הויפּטזעכליך געצילט אין דעם פּויער. ער האָט געשטרעבט זיך צוזאַמענצומישען מיט דאָרפסלייט און צו פּראָפּאַגאַנדירען צווישען זיי. דעריבער האָט ער געטראָגען אַן איינפאַכע בלוזע און לאַנגע שטיוועל, און די האָר זיינען ביי איהם געווען לאַנג.

ווען איינער האָט זיך געפּוצט, זיך געזאָרגט וועגען זיין אויסזעהן, האָט מען איהם געהאַלטען פאַר אַ פּוסטען מענשען.

די פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט דעם ניהיליזם אייגענטליך אויסגעגעבען. איהר טעטיגקייט איז געווען אין שטאָדט, און זי האָט געפּרעדיגט, אַז דער רעוואָלוציאָנער זאָל זיך פיהרען ווי אַלע שטאָדט־לייט. אַז ניט, וועט ער זיין אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און וועט ניט קענען האָבען קיין איינפלוס. וואָס אָנבאַטרעפט די טעטיגע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, איז דאָס איינפאַך געווען אַ פראגע פון זיכערהייט. וואָרים אויף דעם וואָס איז נעגאַנגען ניהיליסטיש געקליידט האָט די פּאָליציי גלייך געוואָרפען אַן אויג. צו דער „קאָנספּיראַטיווער" אַרבייט האָט אַזא מענש ניט געטויגט. די טעראָריסטען האָבען זיך דעריבער געקליידט נאָך דער מאָדע, זאָגאַר ווי פראַנטען, סיידען איטמעצער האָט גראָד געדאַרפט זיך פאַרשטעלען פאַר אַ פּויער אָדער פאַר אַ איזוואָשטשיק, למשל.

דער פריהערדיגער ניהיליסטישער גייסט איז אָבער געבליבען אינערליך. אין זיין מאָראַל איז דער רוסישע סאָציאַליסט אַלץ

געווען א פּרוש. אויספּיינען זיך, זוכען אפּלאָדיסמענטען, דאגה'־נען וועגען דעם איינדרוק וואָס איהר מאכט אויף דאמען — אזעלכע זאכען האָט מען שארף קריטיקירט. פון א סאָציאַליסט האָט מען ערוואַרטעט אז ער זאָל זיך צום לעבען פאַרהאַלטען סעריעז און פילאָזאָפיש און אויף דער עפענטליכער מיינונג זאָל ער קוקען מיט פאראכטונג, סיידען דאָס קען איהם שטערען צו זיין אונטער־ערדישער טעטיגקייט.

דאָס אַלץ איז געוואָרען א טייל פון מיין נייער רעליגיע. און דאָס האָט געהאַט א ווירקונג אויף מיינע שטימונגען. וואָס קימערט דאָס מיר, וואָס מיינע אויגען זיינען ניט גלייך? ווער עס ארט דאָס, צי איך געפעהל צי ניט? איך שטעה העכער פון אזעלכע נארישקייטען!

אזוי האָב איך צו זיך געזאָגט, און דאָס זיינען ניט געווען קיין הוילע ווערטער.

אין א פריהערדיגען קאַפּיטעל האָבען מיר געזעהן, וואָס פאַר א פאַרלייכטערונג איך האָב דערפיהלט ווען איך בין געקומען צום שלום, אז עס איז ניטאָ קיין גאָט און קיין גיהנם. איך בין באפרייט געוואָרען פון דער שרעק, אז אויף יענער וועלט וועט מען מיר באשטראָפען פאַר מיינע זינד. אַן עהנליכע פאַרגרינ־גערונג האָב איך איצט דערפיהלט אין באצוג צו ד ע ר וועלט. א באַרג האָט זיך פון מיין הארצען אראָפּגעקייקעלט.

איך גלויב, אז א היבשע ראָלע האָבען דערביי געשפּילט די וואַרימע חבר'ישע באציהונגען, וואָס איך האָב געפונען אין דעם „סרוזשאָק". די הארציגע ליבליכקייט פון וואָלאָדיא סאָקאָלאָוו צו מיר, און דער גאַנצער גייסט פון מענשען־ליבע און געגענ־זייטיגען צוטרוי, וועלכער האָט דורכגעדרונגען די אונטער־ערדישע וועלט, ווי ווייט איך האָב איהר געקענט, האָט מיר בוכשטעבליך באזויפען. וואָס פאַר אַן אונטערשיד פון דעם קאַזאַרמע־גייסט, וועלכער האָט געהערשט אין דעם אינסטיטוט!

איך האָב געפיהלט א נייעם צוטרוי צו זיך זעלבסט. און די וועלט איז מיר ליבער געוואָרען.

צווישען די מיטגלידער פון דעם קרוזשאָק זיינען געווען צוויי ברידער, אבראם און באָרים קאָספּע, וועלכע זיינען געקומען פון דער האָמלער פּראָ־גימנאַזיע צו ענדיגען די גימנאַזיע אין ווילנא. זיי האָבען געהאט א קוואַרטיר אויף נאָווע־סוויאַט, און איך פלעג צו זיי אָפט אריינקומען. ספּעציעל נאָהענט בין איך באַקאַנט געוואָרען מיט אבראם׳ען.

ביי זיי בין איך אויך באַקאַנט געוואָרען מיט נאָך א גימנאַזיסט, א שוואַרץ־חנ׳עוודיגען יונגענמאַן מיט׳ן נאָמען ראַבינאָוויטש. ער איז געווען א פרעהליכער, „צוגעלאָזנער" בחור, און מיר זיינען געוואָרען אינטימע חברים. מיר פלעגען זיך אָפט זעהן, און אויף מיין פאַרלאַנג האָט ער מיין קוזינע — רבקה, די עלטסטע טאָכטער פון מיין מוהמע פּיינע — געגעבען אוראָקען. אָהן געצאָהלט נאַטירליך. זי האָט זיך נעפערטיגט אָנצוקומען אין דעם ווילנער „אינסטיטוט" פאַר מיידלעך, און ער האָט איהר געהאָלפען.

4.

אבּרוטשעוו. — עפּשטיין. — א קוואַרטיר אויף פּאָהוליאַנקע. ארבייטער. — „עלטשיק". — זונדערלעוויטש׳עס מוטער. — סטראָשונסקי. — מענאַקער.

סאָקאָלאָוו׳ס קוואַרטיר האָב איך באַזוכט זעהר אָפּט, אפילו ווען די וואַקאַציע האָט זיך שוין געענדיגט. עס איז געווען ניט ווייט פון אינסטיטוט, און איך פלעג זיך אהין אריבערכאַפּען אפילו אין מיטען וואָך.

פון ציט צו צייט פלעג איך אויך באַזוכען אַן אַנדער קריסטליכע הויז. דאָס איז געווען די קוואַרטיר פון אונזער ביבליאָטעקער, א יונגערמאַן מיט׳ן נאָמען אבּרוטשעוו, דער זון פון א גענעראַל. זיין פאָטער איז געווען א רוס, א פּראַוואָסלאַווער, און די מוטער איז געווען פון ד׳יטשער אָפּשטאַמונג און פון דעם לוטעראַנישען גלויבען. דאָס, גלויב איך, איז געווען די אורזאַכע וואָרום דער פאָטער האָט געוואוינט באַזונדער. ער האָט זיך דאַן געפונען אין פּעטערסבורג.

די פאמיליע האט געוואוינט אויף פאהוליאנסע, וואו עס זיינען דאן געווען זעהר ווייניג הייזער. די גאס איז געווען אויס־געזעצט מיט בוימער, און פון ביידע זייטען זיינען געווען פרייע לאנקעס אדער סעדער. נעהנטער צום שטאדט צו האבען זיך דארטען געפונען עטליכע הייזער, און אין איינער פון זיי האבען געוואוינט די אברוטשעווס.

אברוטשעוו האט געהאט א סך ביכער, פון דעם סארט וועלכע „ענטוויקעלטע" (דאס הייסט ראדיקאלע) יונגעלייט פלעגען דאן לעזען. דאס רוב זיינען דאס געווען ניט פארבאטענע ווערק און זיי זיינען ביי איהם געשטאנען אויף פאליצעס. ער האט אבער אויך געהאט פארבאטענע זאכען, און זיי האט ער געהאלטען אין א פארבארגענעם פלאץ.

פון זיין מוטער'ס צד האט ער גע'ירשנ'ט דייטשע פינקט־ליכקייט. אלץ פלעגט ער פארשרייבען — מיט א פארשטעלטען כתב — און האלטען אין דער שטרענגסטער ארדנונג. אויף זיין צוריקגעהאלטענעם שטייגער איז ער געווען א באגייסטערטער, איבערגעבענער רעוואלוציאנער און אויך א באגייסטערטער ניהי־ליסט. א דארער, ניט קיין הויכער און א בלאסער, מיט א שטימע וואס איז געגאנגען אביסעל דורכ'ן נאז, האט ער גע־מאכט אן איינדרוק ווי א מענש ניט פון דער וועלט. איך פלעג זיך קלערען, אז איהם וואלט פאסען צו זיין א מאנאך, שטעהן גאנצענע טעג אויף די קניה און זאגען „פאטשערעס". דער סא־ציאליזם איז ביי איהם ווירקליך געווען א רעליגיע.

אמאל פלעג איך פארברענגען ביי איהם א היבשע צייט. מיר פלעגען שמועסען. מיט זיינע געצעהלטע ווערטער פלעגט ער א סך אויסדריקען. ער איז געווען א סך מעהר באלעזען ווי איך, און איך האב פון איהם געהערט פילע אינטערעסאנטע זאכען, וועלכע זיינען פאר מיר געווען א נייעס.

ער האט מיר צונויפגעשטעלט א לעזע־פראגראם — פון ביכער און זשורנאל־ארטיקלען. אייניגע פון זיי האט ער געהאט אין זיין ביבליאטעק, אייניגע האט ער מיר געראטהען צו לעזען אין דער שטאדט־ביבליאטעק, און א פאר האב איך געקויפט.

איך האָב זיך אַזוי אַריינגעוואָרפן אין לייענען לויט אַב־רוטשעוו׳ס פּראָגראַם, אַז איך פלעג פאַרנאַכלעסיגן די אורעקן אין קלאַס. איך האָב אָפּט ריזיקירט צו באַקומען אַ שלעכטע אָטמיעטקע.

איין מאָל אין אַ אָוונד האָט פּראַוואָסודאָוויטש, וועלכער איז דאַן געווען דער דעזשורנער*), דורך דער טיר פון אונזער קלאַס געזעהן ווי איך זיץ און לייען. מיין פּאָזע און מיין פאַר־טיפטקייט האָט איהם פאַראינטערעסירט, און ער איז אַריינ־געקומען אַ קוק טאָן.

— וואָס לייענט איהר? — האָט ער געפרעגט.

— אַן אַרטיקעל אין „אָטעטשעסטווענניא זאַפּיסקי“ (אַ מאָ־נאַט־שריפט, אין וועלכען דאַן האָבען אַנטייל גענומען די בעסטע דענקער און בעלעטריסטען פון רוסלאַנד).

— אַהאַ! — האָט ער געזאָגט — אַהן די „אָטעטשעסט־וועננייא זאַפּיסקי“ קענט איהר שוין ניט אויסקומען? בעסער לערענט די אורעקן! זשורנאַלען וועט איהר פּאַספּייען צו לעזען ווען איהר וועט עלטער ווערען.

איין מאָל, ווען איך האָב זיך אין זיינעם אַן אורעק פאַר־טשעפּעט, האָט ער באַמערקט מיט אַ גיפטיגען שמייכעל:

— ניטאָ, נאַטירליך, קיין צייט צו לערנען די אורעקן! מען מוז לעזען זשורנאַלען...

פון דעסטוועגען האָט ער מיר קיין שלעכטע אָטמיעטקע דיזען מאָל ניט געשטעלט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זינט ער האָט מיר געזעהן לעזענדיג די „אָטעטשעסטווענניא זאַפּיסקי“, האָט ער, ניט ווילענדיג, צו מיר געהאַט מעהר רעספּעקט.

אַ פּאָר פון די ביכער, וואָס אַברוטשעוו האָט אַריינגעשטעלט אין זיין פּראָגראַם, האָב איך באַקומען ביי אַ יונגען מאַן מיט׳ן נאָמען מיכאַאיל עפּשטיין, אַ מיטגליד פון דעם ווילנער קרוזשאָק,

*) יעדען אָוונד פלעגט אַן אַנדער לעהרער אַכטונג געבען אויף די שילער פון אַלע קלאַסען. אַזאַ לעהרער האָט געהייסען „דעזשורני“ (דער „טעגליכער“, דער משגיח פון יענעם טאָג).

וועלכער האָט געוואוינט אויף פּאָליציע נאָס. ער איז געווען אביסעל עלטער פאר מיר, און אויך ענטוויקעלטער. איין מאָל האָב איך זיך צו איהם געווענדעט מיט א פּאָר פראגען וועגען דער סאָציאַליסטישער באוועגונג אין דייטשלאנד. ער האָט מיר געענטפערט; ער האָט אָבער וועגען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראטען גערעדט מיט פאראכטונג. פון אלץ וואס ער האָט געזאגט, זיינען ביי מיר פארבליבען די פאָלגענדע ווערטער, וועלכע זיינען, נאָך מיין מיינונג, זעהר כאראקטעריסטיש:

— הונדערט טויזענד סאָציאַל־דעמאָקראטען האָבען זיי שוין, און וואָס טוען זיי אויף? נאַרגיט! ניט אונז, אין רוסלאנד, נאָך צעהן טויזענד רעוואָלוציאָנערען, און מיר וועלען מאכען אזא איבערקעהרעניש, אז די ביינדעלעך וועלען קנאקען!...

ווען איך בין געווען אין פערטען קלאס, האָט קאטעלניקאָוו, אונזער דירעקטאָר, זיך ארומגעזעהן אז אונזער פארשלאָסענער לעבען איז ניט גוט פאר אונזער געזונט, האָט ער אָנגעהויבען אונז ארויסצולאָזען אויף א שטונדע יעדען טאָג. איך ווייס ניט ווי ווייט ער האָט מיט דעם געמיינט אונזער געזונט, און ווי ווייט ער האָט דאָס איינגעפיהרט בלויז ווייל ער האָט געדורשט נאָך נייעסען, נאָך ענדערונגען. יעדענפאַלס איז די טעגליכע פרייע שטונדע ביי אונז געווען זעהר אָנגענעהם. אָבער אַנשטאָט איהר צו געברויכען אויף שפּאַצירען, האָב איך אויפגעזוכט אַן אורחק אויף יעדען טאָג.

דער אורחק איז געווען ביי א פעלדשער אין הויז, אויף זארעטשיע, לעבען דער „געטשקע”. דער פעלדשער האָט געהאט צוויי אינגלעך, איינער א שילער פון אונזער גאטשאלנאיע אר־טשילישטשע, און דער אנדערער — א גמרא בחור'ל, און איך האָב געלערענט מיט ביידע צוזאמען.

זארעטשיע איז אָבער פון אונזער אינסטיטוט א היבשע שטיק. פלעג איך ניט געהן, נאָר בוכשטעבליך לויפען. איך פלעג קומען אהין א פארסאָפּעטער און אנשטאט א שטונדע פלעג איך זיי קוים געבען א האלבע שטונדע.

זייער מוטער האָט צוערשט קיין פראגען ניט געשטעלט.

אָבער ענדליך האָט זי מיר געגעבען אָנצוהערעניש, אַז אַנשטאָט אַ שעה, גיב איך זיי אַ האַלב שעה. איך האָב איהר ערקלעהרט די אמת'ע אורזאכע, און זי איז מרוצה געוואָרען אויף אַ האַלבע שעה.

דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטאָן מיט די געלט וואָס איך האָב פאַרדינט אויף דיזען אוראָק איז געווען צו קויפען און לאָזען איינבינדערן דרעיפּער'ס „געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון איי־ראָפּאַ" — איינער פון די ווערק אין אברומשעוו'ס צעטעל.

ווייטער אויף פּאָהוליאַנקע, עטליכע מינוט גאַנג פון אב־רומשעוו'ס קווארטיר, אין ניט קיין טיפען קעלער, האָט זיך גע־פונען נאָך אַ צענטער פון „אונזערע". די קווארטיר האָט גע־האַלטען באַדאַנעס און דער אויבען דערמאָנטער ראַבינאָוויטש. זי האָט זיך געפונען אויף אַ פרייען סקווער, לעבען דעם לוטערא־נישען בית־עולם. פּונקט אַנטקעגען איז געווען אַ פּאָליציי־בודקע. ווי וויינִיג דער גאָראָדאָוואָי (פּאָליסמאַן) האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ סאָרט קווארטיר דאָס איז, קען מען זעהן פון דעם פאַקט, אַז ער פלעגט פאַר באַדאַנעס'ן און ראַבינאָוויטש'ן יעדען פריה־מאָרגען שטעלען דעם סאַמאָוואַר פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס. און שפּע־טער, ווען אויף דער דירה איז געפאַלען אַ שטיקעל חשד און פון דער פּאָליציי האָט מען אָנגעפרעגט ביי דעם גאָראָדאָוואָי, האָט ער וועגען די איינוואוינער אָפּגעגעבען דעם גינסטיגסטען באריכט.

מייסטענס פלעגען זיך דאָ צונויפקומען אידישע יונגעלייט. עס פלעגען אָבער אריינקומען קריסטען אויך. און איין קריסט האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטען שטענדיג.

ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, איז דער געגענד באַ־זעצט, און פּאָהוליאַנקע איז אַ גאַס, געדיכט פאַרבויט מיט הייזער פון ביידע זייטען. דאַן אָבער איז דאָס געווען אַ שפּאַציר־פּלאַץ, מיט זעהר וויינִיג הייזער. אידען האָבען אין דער נאָכ־באַרשאַפט יערענפאַלס ניט געוואוינט, און די קווארטיר, וועגען וועלכער איך רעד דאָ, איז געווען אַן אויסנאַהם. אָבער אונז האָבען די קריסטליכע שכנים ניט באַטראַכט אַלס אידען אין דעם געוועהנליכען זין פון דעם וואָרט.

אויף דיזער קוואַרטיר פלעג איך אַריינקומען זעהר אָפּט, און אין דעם ווינטער פון 1880־81 האָב איך דאָ אָפּט פאַרבראַכט עטליכע שטונדען פּרייטאָג־צו־נאַכט און אַ גרויסען טייל פון דעם שבת. אָפּט פלעג איך דאָ פּרייטאָג־צו־נאַכט נעכטיגען.

מיר האָבען דאָס באַטראַכט אַלס איינע פון די „קאָנספּי־ראַטיווע" קוואַרטירען פון דער „אונטער־ערדישער" ווילנא. ווען איך פלעג געפינען אַ אידישען יונגענמאַן, וועלכער איז מיר גע־פעלען געוואָרען אַלס אַ קאַנדידאַט פאַר די רעוואָלוציאָנערע רייהען, פלעג איך איהם ברענגען אַהער.

אַהער פלעגען אַריינקומען עטליכע אידישע אַרבייטער, און מען פלעגט זיי דאָ געבען „אוראָקען" (אָהן געצאָלט), און ער־קלעהרען דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק. די אַרבייטער זיינען אַלע געווען פון מאַלאַט, אַ שטעדטעל ניט ווייט פון פּאָדברעזע. באַזאָנדערס איז מיט זיי באַקאַנט געוואָרען דורך אַ מאַלאַטער רע־וואָלוציאָנער מיט'ן נאָמען גראָץ.

דאָס איז געווען דער ערשטער שפּראָץ פון אַ אידישער אַר־בייטער באַוועגונג אין ווילנא.

אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז נאָך געווען פריש דער אָנדענקען פון „געהן אין פאָלק", דאָס הייסט, געהן אין די דערפער אויפקלעהרען און לערנען די פּויערים. אין דעם איז באַשטאַנען די הויפּט־טעטיגקייט פון דער פריהער־דיגער פּאַרטיי „זעמליאַ אי וואָליאַ". דיזע באַוועגונג האָט זיך געענדיגט נאָר מיט קרבנות פאַר די רעוואָלוציאָנערען, און מען האָט איהר אויפגעגעבען. אָבער דער אויסדרוק „געהן אין פאָלק" האָט ביי אונז געהאַט אַ צויבערליכען קלאַנג, און לערנענדיג גראַמאַטיק מיט עטליכע אידישע בעל־מלאכה'ס האָבען מיר זיך פאָרגעשטעלט, אַז מיר „געהען אין פאָלק".

אויף דער פּאָהוליאַנקער קוואַרטיר האָט זיך אויפגעהאַלטען אַ יונגער קריסט, זעהר אַ הויכער און אַ שלאַנקער, מיט'ן נאָמען יאַנטשעווסקי. אַליין איז ער געווען פון גראָדנאָ. דאָרטען איז ער שוין אַמאָל אַריינגעפאַלען. נאָכדעם ווי ער איז אַ געוויסע צייט אָפּגעזעסען אין טורמע, האָט מען איהם אַרויסגעלאָזען „אונ־

טער פּאָליציי אויפזיכט", און איינמאָל אַ וואָך פלעגט ער מוזען קומען אין דעם גראָדנער פּאָליציי־אַמט און אונטערשרייבן זיין נאָמען, צו ווייזן אַז ער איז דאָ. פלעגט ער יעדע וואָך אהין קומען זיך מעלדען, און גלייך נאָכ'ן אונטערשרייבען זיך פלעגט ער אַוועקפאָהרען אין ווילנא. אַזוי האָט ער געטאָן וואָך־איין, וואָך־אויס.

אין ווילנא איז זיין אַרבייט באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט באַקומען שריפט פון אַ רעגירונגס־דרוקעריי, און דאָס איבערשיקען צו דער געהיימער דרוקעריי פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע.

אַראָפּ ברייטע גאַס, ניט ווייט פון דער פּאָסט, איז געווען די דרוקעריי פון דעם מיליטערישען שטאַב, וואו יאַנטשעווסקי האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט דאָרטען געאַרבייט אַלס זעצער. דער סאָלדאַט פלעגט גנב'ענען בוכשטאַבען און זיי איהם פאַרקויפען.

יאַנטשעווסקי איז געווען אַ גוט־מוטיגער, פרעהליכער יונג, און אויף אַ שטיפערישען שטייגער האָט ער זיך ביי אונז געלערענט ריידען אידיש. אָבער מעהר ווי עטליכע ווערטער האָט ער זיך ניט אויסגעלערענט. איך האָב איהם אַ נאָמען געגעבען „עלטשיק", און דער נאָמען איז איהם אַזוי געפעלען געוואָרען, אַז אין פאַרלויף פון אַ פּאָר טעג האָט ער ניט גענטפערט ווען מען האָט צו איהם גערעדט, סיידען מען האָט איהם גערופען „עלטשיק".

אין אַ געוויסען פֿרייטאָג־צו־נאַכט האָט אויף דער פּאָהוליאַנקער קוואַרטיר אימעצער געבראַכט לעאָן זונדעלעוויטש'ן. דעם זעלבען אָוועגד בין איך אהין געקומען מיט אַ שילער פון מיין קלאַס, מיט'ן נאָמען סטאַטשיק און מיט נאָך אַ פּאָר „קאַנדידאַטען".

יענעם ווינטער איז דער נאָמען פון לעאָן'ס ברודער — אַרקאַדיע אָדער אהרן — געווען עטליכע מאָל דערמאָנט אין די צייטונגען אַלס איינער פון די הויפּט־פיגורען אין דעם ערשטען גרויסען פּראָצעס איבער טעראָריסטען פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָ־

ליא" — „דער פּראָצעס פון 16". צווישען אנדערע זאכען האָט מען איהם באשולדיגט אין א נאָהענטער שייכות צו סאָלאָוויאָוו'ס אטענטאט אויפ'ן קיסר. איך געדענק ניט, צי דער פּרייטאָג־צו־נאכט, ווענען וועלכען איך דערצעהל דאָ, איז געווען פאר דעם דאָזיגען פּראָצעס, צי נאָך דעם. יעדענפאלס האָט לעאָן שוין דאן ארויסגעוויזען א גרויסען אינטערעס אין דער באוועגונג, און א באגעהר צו געהן אויפ'ן וועג פון זיין באריהמט־געוואָרענעם ברודער.

מען האָט פארבראכט דעם אָווענד אין לעזען, שמועסען, דיסקוטירען. מען איז אזוי געזעסען ביז שפּעט אין דער נאכט. דאן האָט זיך די קאָמפּאניע געלייגט שלאָפען. די קוואַרטיר איז באשטאנען פון א גרויסען צימער און א קליינעם פאָדער־צימער. אלע, אויסער „עלטישק'ן" און נאָך צוויי, האָבען זיך אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע פון דעם גרויסען צימער, און „עלטשיק" מיט די אנדערע צוויי — אין דעם פאָדער־צימער.

אין מיטען נאכט הערען מיר א גערודער. עפּעס א קריגעריי צווישען א אידישער פרוי און „עלטשיק'ן". די אידענע האָט געשריען אויף אידיש; ער האָט איהר אָפּגעענטפערט אויף רו־סיש און זי האָט איהם איבערגעקרימט.

עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דאָס איז לעאָן'ס מוטער (ווי אזוי זי האָט זיך דערוואוסט וואו ער געפינט זיך, געדענק איך ניט). זי האָט געזאָגט ווער זי איז, און „עלטשיק" האָט איהר אדיינגעלאָזען.

ווען זי האָט דערזעהן געלעגערס אויף דער ערד, האָט זי א פּאטש געטאָן מיט די הענט און זיך צואוויינט אויפ'ן קול:

— אָט אזוי, פּונקט אזוי פלעגט אהרן ליגען! גזלנים! איהר האָט דאָך שוין איינעם ביי מיר צוגענומען! וואָס ווילט איהר נאָך איינעם?

מיט עטליכע יאָהר צוריק, אין דער צייט פון דעם ניהיליזם, פלעגען יונגעלייט נאָכטאָן ראכמעטיעוו'ן פון טשערנישעווסקי'ס ראָמאַן „וואָס זאָל מען טאָן?". אויב זיי פלעגען ניט ליגען אויף טשוועקעס, פלעגען זיי וויינינגסטענס שלאָפען אויף דער הוילער

פּאַרלאָגע. אַט דאָס האָט זונדעלעוויטש'עס מוטער געמיינט מיט די ווערטער: „פּונקט אַזוי פלעגט אהרן ליגען."

אַן אינטערעסאַנטער מיטגליד פון דעם קרוזשאָק, מיט וועלכען איך בין באַקאַנט געוואָרען אויף דער פּאָהוליאַנקער קוואַרטיר, איז געווען אַ איד שוין כמעט פון די מיטעלע יאהרען, מיט'ן נאָמען סטראַשונסקי. ער האָט געהאַט אַ פולע באָרד, אַ בלאָנדע, און גרויסע שמייכלענדע אויגען. אין אַלגעמיין האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ איד אַ למדן און אַ משכיל פון דעם באַלעבאַטישען קלאַס, און דאָס איז ער ווירקליך געווען. ער האָט אָבער געקענט רוסיש און שוין לאַנג געהערט צו דעם געהיימען קרוזשאָק — דער איינציגער טיפּ אַזעלכער ביי אונז. זיין פרוי האָט געהאַלטען אַ קרעמעל אויף דאָמיניקאַנער גאַס, און זי האָט קיין באַגריף ניט געהאַט, וואָס פאַר אַ סאָרט באַקאַנטשאַפטען ער פיהרט.

באַראַנעס האָט מיר אויך באַקאַנט געמאַכט מיט איינעם מענאַקער, אַן אינטערעסאַנטער בחור מיט כאַראַקטער און מיט פייער. ער האָט געוואוינט ביי זיינע עלטערען (זיין פאָטער איז ווירקליך געווען אַ מנקר, אַ טרייבערער), און דאָרטען פלעגען זיך ביי איהם צוזאַמענקלייבען פאַרשידענע יונגע לייט; אַלזאָ, בין איך ביי איהם געוואָרען אָפטער איינגעהער.

.5

ברוגז מיט'ן טאַטען. — די מאַמע הויבט אָן חושד זיין. — א יונגער מאַן מיט גילדערנע ברילען.

יעדען פרייטאָג־צו־נאַכט פלעג איך עסען ביי מיינע עלטערען. דאָס האָב איך געמוזט אָפּהיטען. נאָכ'ן עסען פלעג איך אוועקגעהן און אַמאָל קומען נעכטיגען אַהיים, אַמאָל צו דער מומען; אָבער אָפט פלעג איך שלאָפען אויף פּאָהוליאַנקע, אָדער ביי אַן אַנדערען פון די חברים. שבת צום טשאָלענט פלעג איך אָבער ווידער זיין אין דער היים.

מיינע פארהעלטניסע מיט מיין פאטער זיינען געווארען אנ־געצויגען. ער פלעגט זיך אימער צו מיר טשעפען מיט פראגען וועגען רעליגיאן, און מיר איז ניט אנגענעהם געווען אויף זיי צו ענטפערען. עס האט זיך מיר זעהר ניט געוואלט איהם אפעסען די הארץ, און איך האב אויסגעמידען צו האבען דעבאטען מיט איהם. ער איז געווען זעהר א געפיהלפולער מענש און א כעסן. און איך האב גע׳ירשנ׳ט זיין הייסע בלוט. א דעבאטע צווישען אונז, אלזא, וואלט קיין גוטעס ניט געבראכט. א חוץ דעם: מיינע געדאנקען זיינען געווען אזוי ווייט פון זיין וועלט, אז פראגען וועגען רעליגיאן האבען מיר אויסגעזעהן קינדעריש אין פארגלייך מיט די פראגען וועלכע האבען מיר איצט אינטערע־סירט. אבער ער פלעגט דוקא וועלען האבען דעבאטען מיט מיר. אום מיר ניט צו באליידיגען, פלעגט ער פארזיכטיג פרעגען ביי מיר ניט וואס א י ך זאג וועגען גאט, נאר וואס מיין לעהרער שטיינבערג זאגט וועגען גאט.

שטיינבערג איז געווען אן איידעם פון אדם הכהן לעווענסאן (בערל מיכאלישקער), וועמען מיין פאטער האט געהאלטען פאר דעם גרעסטען אפיקורס אין דער וועלט. און שטיינבערג אליין איז ביי איהם אויך געווען איינער פון די גרויסע אפיקורסים.

שטיינבערג האט מיט אונז נאר געלערענט דקדוק און תנ״ך. מיט פראגען וועגען גאט האבען זיינע אוראקען ניט געהאט צו טאן. מיין פאטער האט סתם געברויכט זיין נאמען. אלס א סימבאל פון אפיקורסות האט ער איהם געברויכט.

ווען איך פלעג זיך ארויסדרעהען פון זיינע פראגען, פלעגט ער זאגען:

— דיר שטעהט שוין גאר ניט אן צו ריידען מיט דיין טא־טען? פאר אזא נאר האלטסטו דאס איהם?

פלעג איך איהם ענטפערען, זעהר פארזיכטיג; דערצעהלען איהם „וואס שטיינבערג זאגט״, ווי אזוי די וועלט איז באשאפען געווארען.

איין מאל, ווען ער איז שוין געווען זעהר בייז, און האט זיך קוים קאנטראלירט, האט מיין מוטער זיך אריינגעמישט:

— וואָס דאַרפסטו זיך צו איהם טשעפּען? װילסט זיך ניט אַנדערש צוקריגען מיט איהם?

— ווער קריגט זיך? וואָס ווילסטו? איך קען ניט ריידען מיט מיין אייגען קינד? — האָט ער געענטפערט.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע קרעפטען צו זיין געלאַסען. זיין געדולד האָט אָבער דאָך געפּלאַצט. זיין כעס האָט זיך אָנגעצונדען, און ער האָט אויסגעשאָסען מיט גיפטיגע קללות אויף שטיינבערג'ן און אויף מיר אויך.

מיר זיינען געוואָרען ברוגז. און אַזוי האָט זיך דאָס געצויגען פילע וואָכען. איך פלעג זיצען ביים טיש, און ער פלעגט צו מיר ניט ריידען און איך פלעג צו איהם ניט ריידען. עס איז מיר געווען זעהר שווער. איך האָב געוואוסט וויפיל ער ליידט דערפון. איך האָב צוואַנציג מאָל געוואָלט איהם איבערבעטען, און יעדעס מאָל ווען איך פלעג דאָס וועלען טאָן. פלעג איך דאָס אָפּלייגען אויף איבעראַכטאָג.

איינמאָל, ווען איך בין געווען פריי, האָט מיין מאַמע, שפּאַצירענדיג מיט מיין ברודערל אַנטקעגען וואָקזאַל, מיך דערזעהן פון וויטען אויף אַ דראָזשקע מיט אַ קריסט. דער קריסט איז געווען „עלטשיק". מיר זיינען ביידע אַרויסגעקומען פון וואָקזאַל און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער דראָזשקע. וואָס מיר האָבען געטאָן אויפ'ן וואָקזאַל געדענק איך ניט. איך האָב געזעהן אַז די מוטער קוקט אויף מיר, און דאָס איז מיר ניט געווען אָנגענעהם, ווייל איך האָב איהר געהאַלטען פאַר זעהר אַ קלוגע, און איך האָב מורא געהאַט אַז זי וועט נעמען עפּעס חושד זיין. ווי קום איך צו פאָהרען אויף אַ דראָזשקע ביים באַהן און נאָך מיט אַ קריסט?

מיר זיינען אַוועקגעפאָהרען וויטער, און ערשט מיט עטליכע שטונדען שפּעטער בין איך געקומען אַהיים.

איך האָב קיין טעות ניט געהאַט.

— מיט וועמען ביזטו דאָס געפאָהרען? ווער איז דאָס דער קריסט? — האָט מיין מוטער געפרעגט.

זי האָט דאָס געפרעגט מיט אַ דורכדרינגענדען בליק.

— וואס ווילסטו? מאלע מיט ווערן איך בין געווען! — האב איך געענטפערט. — קענסט הפנים אלע מיינע בעקאנטע?

— זעה, אלטער, בעסער היט זיך! ווילסט זיך אונגליקליך מאכען? — האט זי געזאגט.

א צווייטען מאל האט פאסירט דאס פאלגענדע:

עס איז געקומען מיין טאטען'ס א שוואגער, און זיצענדיג און ריידענדיג ביי אונז אין שטוב, האט ער באמערקט, אז מיין בוזים־קעשענע איז אנגעפאקט מיט פאפירען.

— וואס פאר א פאפירען טראגסטו דאס מיט זיך? — פרעגט ער, און רוקט גלייך אריין די האנט אין מיין בוזים־קעשענע.

די פאפירען זיינען געווען פון די אונטער־ערדישע שריפטען, און דאס וואס ער האט אריינגערוקט די האנט, האט מיך אזוי אנגעצונדען, אז איך האב איהם געגעבען א זעץ איבער דער האנט און איהם אפגעשטופט פון זיך.

— מען קריכט ניט מיט קיין האנט אין פרעמדע קעשענעס! — האב איך געזאגט מיט כעס.

דער קרוב האט איראניש געלאכט פון מיר, און די מאמע האט געמאכט א מינע פון אונצופרידענהייט וואס איך בין אזוי אונהעפליך.

— וואס קען, מאמע, עס איז שעהן, אז מען קריכט צום אנדערען אין די קעשענעס? — האב איך געזאגט.

שפעטער, ווען דער קרוב איז שוין ניט געווען דערביי, זאגט זי מיט א פארטרויערטער מינע:

— דו מיינסט איך פארשטעה ניט, פארוואס דו ביזט געווארען אזוי אויפגעבראכט? מיינסט איך פארשטעה ניט, וואס פאר א ביכלעך דו טראגסט אין די קעשענעס? דו זוכסט דעם אונגליק אויף דיין קאפ.

איך האב איהר פארזיכערט, אז זי האט א טעות. איך האב איהר געפרופט איינריידען, אז איהר חשד האט קיין פונדאמענט ניט, אבער מיינע ווערטער האבען איהר ניט בארוהיגט.

דער „פראצעס פון די 16" האט זיך געענדיגט מיט אן אורטייל פון טויט פאר עטליכע פון די גע'משפט'ע, און קא־

טאָרגע פאר די איבעריגע. דעם טויט אורטייל האָט מען פאר־ביטען אלעמען אויסער צוויי — קוויאטקאָווסקי'ן און פרעס־ניאקאָוו'ן. זונדעלעוויטש איז געווען פון די, וואָס מען האָט די טויט־שטראָף פארביטען. מען האָט איהם פארשיקט אויף לעבענס־לענגליכער קאטאָרגע*).

מיט זונדעלעוויטש'עס פּראָצעס און אורטייל האָט מען זיך געשושקעט איבער'ן גאנצען שטאָדט.

— דו ווילסט אויך האָבען אזא סוף? — האָט מיין מו־טער צו מיר געזאָגט.

דעם פריהמאָרגען ווען מען האָט קוויאטקאָווסקי'ן און פרעס־ניאקאָוו'ן היגגעריכטעט, האָב איך קוים געקענט איינזיצען; האָב איך זיך אריבערגעכאפּט צו סאָקאָלאָוו'ן.

דאָרטען האָב איך געפונען אן „אונלעגאלען" גאסט — א שעהנעם יונגען מאן מיט גילדערנע ברילען, וועלכען מען האָט פאר מיר פאָרגעשטעלט מיט א דייטשען נאָמען. מיר האָבען געשמועסט וועגען דער היגריכטונג, און וועגען די צוויי קרבנות. דאָ האָב איך זיך דערוואוסט אייניגע איינצעלהייטען וועגען דער דינאמיט עקספּלאָזיאָן אין דעם קיסר'ס עס־צימער.

קוויאטקאָווסקי איז געווען איינער פון די הויפּט־פיהרער פון די טעררארּיסטען, וואָס האָבען געמאכט די אטאקעס אויף אלעקסאנדער דעם צווייטען. ער איז אריינגעפאלען אין די הענט פון דער פּאָליציי איידער יענע עקספּלאָזיאָן איז פאָרגע־קומען. ווען מען האָט איהם ארעסטירט, האָט מען ביי איהם, אויף א שטיקעל פּאפּיר, געפונען א פּלאַן פון דעם ווינטער־פּאלאץ; און אויף דעם דאָזיגען פּלאַן, איז מיט א בלייסטיפט געווען אָנגעצייכענט א צלם'ל אויף דעם אָרט וואו ס'האָט זיך געפונען דער עס־זאל. מען האָט אלזאָ געהיט דעם עס־זאל, אָבער מען האָט נאָרניט דערהיט. אין דעם קעלער, אונטער דעם

*) קוויאטקאָווסקי, זונדעלעוויטש און איינער מאָראָזאָוו זיינען געווען די וואָס האָבען אריינגעבראַכט דעם געדאנק, אז מען מוז טויטען דעם קיסר.

עס־זאל, וואו עס האבען געשלאפען ארבייטער און איניגע זשאנ־דארען, האט אלע נאכט געגעכטיגט א רעוואלוציאנער, און קיינער האט אויף איהם ניט געהאט דעם קלענסטען חשד, ביז עס איז פארגעקומען די עקספלאזיאן און ער איז פארשוואונדען. ווייטערע איינצעלהייטען פון דער געשיכטע האב איך זיך ערשט דערוואוסט שפעטער, ווען איך בין שוין געוועז אין אמע־ריקע.

— מען גרייט זיך צו באפרייען א וויכטיגען רעוואלוציא־נער, — האט מען מיך ביי סאקאלאוו'ן פארטרויט, — און פון ווילנא דארף געטאן ווערען א טייל פון דער ארבייט.

עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז צו דיזען צוועק איז דאס געקומען דער שעהנער מאן מיט די גילדערנע ברילען, וועמען סאָ־קאלאוו האט מיר פארגעשטעלט מיט א דייטשען נאמען. דער וויכטיגער רעוואלוציאנער איז געפאהרען פון דער שווייץ צוריק קיין רוסלאנד, און אויפ'ן גרענעץ האט מען איהם ארעסטירט. צוערשט האט די פאליציי ניט געוואוסט וואס פאר א וויכטיגען „העכט" זי האט דא אריינגעקראגען. מען האט איהם פארהאל־טען איינפאך ווייל ער האט קיין פאס ניט געהאט, און מען האט איהם אריינגעזעצט אין דער אלגעמיינער סואוואלקער טורמע, צו־זאמען מיט בראדיאגעס און גנבים. זיינע חברים האבען זיך דערוואוסט, און ניער פלאן איז געוועזן איהם צו ראטעווען איידער מען וועט געוואהר ווערען ווער ער איז. צו דיזען צוועק איז דאס דער מאן מיט די גילדערנע ברילען געקומען קיין ווילנא. פון ווילנא האט ער זיך געקליבען צו פאהרען קיין סואוואלק.

צו א געוויסער איינצעלהייט פון דעם פלאן איז נויטיג גע־ווען אז אימיצער זאל קיין סואוואלק קומען אלס א אידישער סוחר, און צו דיזער ראלע האט זיך געפאסט סטראשונסקי.

אבער צוערשט האט מען געדארפט האבען א יונגענמאן, וואס זאל טויגען צו דער ראלע פון א ישיבה־בחור — צו פאהרען קיין סואוואלק און זיך דארטען לאזען ארעסטירען אלס פאספארטלאָ־זער. די סואוואלקער פאליציי וואלט איהם אריינגעזעצט אין דער אלגעמיינער טורמע, און דארטען וואלט ער דעם וויכטיגען

רעוואָלוציאָנער געלאָזט וויסן ווי אַזוי זיך צו גרייטן צו דער קאָנספּיראַציע איהם צו באַפרייען.

אַזאַ בחור האָבן מיר געפונען צווישן די יונגע לייט וואָס פלעגן אריינקומען צו מענאַקער׳ן.

.6

דער טויט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. — דער דירעק־טאָר זאָגט אונז אָן די נייעס. — עבאַן פאַרפאַסט אַ טרויער־נגון. — די ערשטע צייטונגס־דעפּעשע.

א קורצע צייט נאָך דעם, ווי מען האָט געהאַנגען קוויאַט־קאָווסקי׳ן מיט פּרעסניאַקאָוו׳ן, האָבן די רעוואָלוציאָנערן אי־בערראַשט די וועלט מיט זייער גרעסטער טעראָריסטישער טאַט: זיי האָבן גע׳הרג׳עט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

מיר האָבן די נאַכריכט באַקומען אין אינסטיטוט זונטאָג אָוונט, דעם 1טען מערץ (לויט׳ן אַלטען רוסישען קאַלענדאַר).

איך בין געזעסען איבער דעם מאָרגענדיגען אוראָק פון באָ־טאַניק. מיר האָבן געלערענט אַ נייעם שוהל־בוך, „גערד׳ס באָ־טאַניק“, און לאַוראָוו, דער לעהרער פון נאַטור־וויסענשאַפט, האָט אונז אויפגעגעבען איבערצולערנען אַלע אוראָקען פון יענעם ווינ־טער — פערציג בלעטער. פאַר מיר האָט דאָס געהייסען ניט איבערלערנען, נאָר לערנען פון דאָס נייע; וואָרים איך האָב לאַוו־ראָוו׳ס אוראָקען דאַן שטאַרק פאַרנאַכלעסיגט. מיין מוח איז גע־ווען פול מיט דער רעוואָלוציאָנערער וועלט און מיט די ביכער פון אברוטשעוו׳ס פּראָגראַם, און גערד׳ס שוהל־בוך איז זעהר אַ טרוקענער. מיר וואָלט אַלזאָ אויסגעקומען אין איין אָוועגד אויסצולערנען פערציג בלעטער, וועלכע זיינען מיר אין קאָפּ ניט געקראָכען. בין איך געזעסען און געקוקט אויף דער ערשטער זייטעל אין פאַרצווייפלונג. איך האָב זיך געטראַכט: „ווען עס וואָלט עפּעס געטראָפען, אַז מאָרגען זאָלען קיין אוראָקען ניט זיין!“ און, אַזוי ווי דורך אַ נס, איז מיין וואונש גלייך דער־פילט געוואָרען: עס איז אריינגעקומען אַ שילער פון ערשטען

קלאס — א הויכער, שווארצער, שטילער בחור, מיט'ן נאָמען געוולער, און זאָגט מיט זיין שטילען קול:

— גאָספּאָדא, דירעקטאָר וועליט וסיעם זאקריט קניזשקי אי וויטי נא קאָרידאָר. מיינע הערען, דער דירעקטאָר הייסט אַלע־מען פארמאכען די ביכלעך און ארויסגעהן אויפ'ן קאָרידאָר).

מיין וואונש איז אלזאָ מקוים געוואָרען.

מיר זיינען ארויס אויפ'ן קאָרידאָר — פון אַלע פיר קלאַ־סען. באלד איז פון דעם לעהרער־צימער ארויסגעקומען דער דירעקטאָר — אַן אויסגעפּוצטער, אין א שווארצען פראק מיט א ווייסע, אָנגעקראָכמאלטע העמד — א הויכער, א פעסטער, אַן אינטערעסאנטער, און ריידענדיג מיט א טרויעריגער שטימע, האָט ער געזאָגט:

— גאָספּאָדא, זאקראיטיע קניזשקי; זאווטרא ניע בודיעט אוראָקאָוו. גאָש גאָסודאר סקאָראָפּאסטיזשנאָ סקאָנטשאלסיא (מיינע הערען, מאכט צו די ביכלעך; מאָרגען וועלען קיין אורא־קען ניט זיין. אונזער קיסר איז פּלוצלונג געשטאָרבען*).

די שילער וואָס זיינען געשטאַנען לעבען מיר האָבען מיר גענומען קנייפּען. זיי האָבען געוואוסט, אז איך בין איינער פון „יענע", און אין דיזען מאָמענט איז דאָס געווען זייער בעסטער וועג מיר אָפּצוגעבען מזל־טוב.

דער דירעקטאָר איז אוועק, און מיר האָבען זיך אריינגע־כאפּט אין אונזער קלאַס־צימער. אייניגע שילער פון די אַנ־דערע קלאַסען האָבען אויך געוואָלט אריינגעהן צו אונז וואָרים זיי האָבען אויך חושד געווען אז איך געהער צו דעם „קרוזשאָק". מיינע מיט־שילער האָבען זיי אָבער ניט אריינגעלאָזען.

ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין אונזער צימער האָט א דינער דאָרטען געהאַלטען אין פוצען די פּאָדלאָגע. דאָס איז געווען א הויכער, דארער קריסט, מיט גרויסע וואָנצעס, א גע־וועזענער הוסאר. ווען איינער פון די שילער האָט איהם געזאָגט,

---

*) דער דירעקטאָר איז אָקאָרשט געקומען פון טעאַטער. דאָרטען איז די נייעס אָנגעקומען אין מיטען דער פאָרשטעלונג, און מען האָט גלייך אויפגעהערט צו שפּילען.

אז דער קיסר איז געשטאָרבען, האָט ער אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו אונז און א ברום געטאָן:

— בילאָ בי באָלאָטאָ, א טשערטי בודוט! (זאָל נאָר זיין א בלאָטע, וועלען זיך שוין געפינען שדים!), און ער איז אַנגעגאַנגען מיט זיין ארבייט.

זיין באַמערקונג האָט אונז איבערראַשט. איך האָב אין איהר געזעהן א באַווייז, אז דאָס רוסישע פאָלק איז פאַרטיג צו א רעוואָלוציע. דאָך האָבען מיר פאַר איהם ניט געוואָלט ריידען. מיר האָבען געוואַרט ביז ער האָט געענדיגט פּוצען די פּאָדלאָגע און איז ארויסגעגאַנגען. דאַן האָב איך ערקלעהרט, אז איך וויל געהן „זעהן אימעצען”, און אַלע האָבען מיר פאַרגעשלאָגען צו זיין באַהילפיג אין דעם.

עס איז געווען נאָהענט צו צעהן אוהר, און דער מויער איז געוועזען פאַרשלאָסען. דער איינציגער וועג ארויסצוגעהן איז געוועזען דורך איינעם פון די פענסטער פון דעם עס־זאַל, וועלכע זיינען ארויסגעקומען אויפ'ן סקווער. די פענסטער זיינען אָבער געווען צו הויך. אַלזאָ האָט איינער פון די שילער זיך איינגעבויגען מיר צו דינען אלס א בענקעל. איך בין ארויסגעשפּרונגען, און די גאַנצע צייט וואָס איך האָב זיך געזאַמט, זיינען מיינע חברים געשטאַנען אויף דער וואַך, מיך אריינצונעמען ווען איך וועל קומען צוריק.

איך בין אריבערגעלאָפען אויף סאַקאַלאָוו'ס קוואַרטיר.

סאַקאַלאָוו איז ניט געווען אין דער היים. איך האָב דאָרטען געפונען צוויי יונגע לייט און א פריילין שמועסענדיג וועגען זאַכען, וועלכע האָבען קיין שייכות ניט געהאַט צו דער גרויסער נייעס. פון דעם קיסר'ס טויט האָבען זיי ניט געוואוסט. די מענער זיינען געווען קריסטען; די פריילין — א אידישע. פון די דריי געדענק איך נאָר קוטשערעווסקי'ן — א הויכער, א געזונטער, זעהר א שעהנער מאַלאָראָס, מיט א פּנים וואָס האָט אָפט געשמייכעלט. איך פלעג זיך קלעהרען אז די רעוואָלוציע אינטערעסירט איהם ניט, אז ער נעמט איבערהויפּט קיין זאַך ניט ערנסט. אָבער א פריינד איז ער געווען, און סאַקאַלאָוו'ן האָט ער ליב געהאַט.

ווען איך האָב זיי איבערגעגעבן קאטעלניקאָוו'ס ווערטער, אז דער קיסר האָט זיך „פלוצלונג געענדיגט", האָבען זיי איינ־שטימיג אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אז דאָס איז אַ „געראָטע־נע אונטערנעהמונג" פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". קוטשערעווסקי האָט זיך גענומען וויצלען, ווערהענד די אנדערע צוויי זיינען גע־ווען אויפגערעגט פון פרייד און נייגעריגקייט.

מיר זיינען געזעסען, געשמועסט, געפּרופט טרעפען איינצעל־הייטען, פּראָאויסזאָגען רעזולטאטען, ווען עס האָט זיך געעפענט די טיר און עס איז אריינגעפאלען אַ הויכער שלאַנקער מענש, אַן אונגעדולדיגער, אַ פּארסאָפּעטער, און פון איילעניש און פון צו־טראָגענקייט איז ער געפאלען און זיך אויסגעצויגען איבער דער פּאָדלאָגע.

דאָס איז געווען „עלטשיק". ער האָט זיך אויפגעהויבען און קוים אויסגערעדט:

— אובילי — נאַקאָניעץ!... (גע'הרג'עט — ענדליך...).

קיין איינצעלהייטען האָט ער אָבער אויך ניט געוואוסט.

סאָקאָלאָוו איז געקומען. נאָך אַ פּאָר באקאנטע. פּאָרלוי־פיג האָט קיינער ניט געוואוסט קיין איינצעלהייטען.

איך בין אוועק צוריק אין אינסטיטוט.

ווען איך בין צוגעקומען צו דער געביידע, האָט זיך אויפ־געעפענט אַ פענסטער און מען האָט מיך ארויפגעהויבען.

עס איז פאר מיר זעהר ניט אנגענעהם געווען צו קומען מיט ליידיגען. איך האָב זיי איבערגעגעבן די פארשידענע סברות, וואָס איך האָב געהערט, און איך האָב פעסט ערקלעהרט, אז „פלוצלונג געשטאָרבען" הייסט גע'הרג'עט געוואָרען פון אַן עקס־פּלאָזיאָן.

מאָרגען, גאַנץ פריה, כמעט פארטאָג, איז צו אונז געקומען עבאַן און האָט גענומען איינשטודירען מיט אונז אַ „פּאַניכידאַ" נאָך דעם געשטאָרבענעם קיסר. דעם נגון האָט ער אָקאָרשט פּארפּאַסט — זעהר ניט קיין געראָטענע שטיקעל ארבייט.

מען האָט אונז אָנגעטאָן „טרויער" אויף די אָרבעל, און מען האָט אונז געפיהרט אין דער גרויסער שוהל, צו אַן „אל

מלא רחמים" נאָכ'ן קיסר. עבאן איז אויך געקומען, און ער האָט מיט אונז געזונגען זײַן „פּאַניכידאַ".

אין שוהל האָט מען אויך געבראַכט אַלע אידישע שילער פון די גימנאַזיעס, און פון דער רעאַל־שוהל. געהענדיג דורכ'ן שוהל־הויף, האָב איך זיך באַגעגענט מיט צוויי גימנאַזיסטען, וועלכע האָבען געהערט צו אונזער קרוזשאָק. האָבען מיר געמאַכט שפּאַס פון אונזער „טרויער".

יענעם טאָג האָט די טעגליכע צייטונג „ווילענסקי וויעסט־ניק" ענטהאַלטען אַ דעפּעשע פון פּעטערסבורג מיט די פאָלגענדע איינצעלהייטען:

דער צאַר איז געפאָהרען פון זײַן ווינטער פּאַלאַץ אין דעם מאַנעזש (רייט־שוהל). ער איז געפאָהרען דורך קאַטהערינער קאַנאַל. פּלוצלונג איז געפאַלען אַ באָמבע. זי האָט צושמעטערט די קאַרעטע, און פאַרוואונדעט אַ פּאָר פאַרבייגעהער, אָבער דעם קיסר האָט זי ניט געשעדיגט. ער איז אַרויסגעקומען און גע־זעהן אַז אַ גרופּע מענשען האַלטען אַ יונגענמאַן, אָנגעטאָן ווי אַ „דוואָרניק" (האוזקיפּער). ניט ווייט דערביי זיינען געלעגען אַ פּאָר פאַרוואונדעטע מענשען. דער קיסר איז צוגעגאַנגען נעהנ־טער און געפרעגט דעם יונגענמאַן ווי מען רופט איהם. יענער האָט געענטפערט (מיט אַ פאַלשען נאָמען).

עס איז צוגעלאָפען אַן אָפיציר און געפרעגט דעם קיסר:

— ווי פיהלט איהר זיך, מאַיעסטעט?

אויף דעם האָט ער געענטפערט:

איך בין, גאָט צו דאַנקען, געזונט, אָבער זעהט! (ער האָט אָנגעוויזען אויף די פאַרוואונדעטע).

דער אַרעסטירטער האָט דערביי באַמערקט:

— איילט זיך נאָך ניט צו דאַנקען גאָט!

(איך געדענק ניט באַשטימט צי דער לעצטער פאַקט איז געווען געמעלדעט יענעם טאָג אָדער שפּעטער).

דער קיסר האָט זיך אָפּגעקעהרט פון איהם און גענומען געהן צוריק צו דער קאַרעטע. ער איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, און עס איז פאָרגעקומען אַ צווייטע עקספּלאָזיאָן. דער קיסר איז איינגעוויקעלט געוואָרען אין רויך און איז געפאַלען שטאַר־

מענדיג מיט בלוט. די צווייטע באמבע האט איהם אפגעריסען די פיס. ער האט געשריען:

— אהיים!... אהיים!... שטארבען! עס איז מיר קאלט!... עס איז מיר קאלט!

אין עטליכע שטונדען ארום איז ער געווען טויט.

פון דער צווייטער באמבע זיינען נאך א פאר מענשען געשעדיגט געווארען. אלע פארוואונדעטע האט מען פאר־לויפיג ארייגענומען אין א דערבייאיגען שטאל און מען האט זיי גענומען פרעגען ווער זיי זיינען. א שווער־פארוואונדעטער יונגערמאן האט זיך ענטזאגט צו זאגען זיין נאמען. און רעמזועל־בען טאג איז ער געשטארבען.

.7

ביסלעכווייז ווערען באקאנט די איינצעלהייטען. — א רע־וואלוציע? — דער איינדרוק „אין שטאדט" און אין אינסטיטוט.

געוועהנליך פלעגט די צענזור וועגען רעוואלוציאנערען ער־לויבען צו שרייבען נאר גאנץ בקצור. אין באצוג אבער צו דעם צאר'ס טויט האט זי אן דיזער שטרענגקייט פארגעסען. די צייטונגען האבען געדרוקט אלע איינצעלהייטען, איין סענסאציע נאך דער אנדערער. איינע פון די ערשטע איבערראשונגען איז באשטאנען אין פאלגענדען:

אין א קראם פון קעז, אויף דער קליין־סאדאווער גאס, האט מען געפונען א מינע. פון אונטער דער קראם האבען זיך געצויגען דראטען ביז'ן מיטען גאס, און דארטען, אונטער דער ערד, האט זיך געפונען אן עלעקטרישע מאשין מיט דינאמיט. אלץ איז געווען צוגעגרייט אויפצורייסען די גאס. די קראם האט געהאלטען א פאר־פאלק מיט'ן נאמען קאבאזעוו.

דער קיסר פלעגט אלע זונטאג פאהרען אין דער רייט־שוהל. אבער פון זיין ווינטער פאלאץ אהין זיינען געווען צוויי וועגען: איינער דורך דער קליין־סאדאווער גאס, דער אנדערער — דורך

דעם יעקאטערינינסקי קאנאל. און ער פלעגט אמאל פאהרען מיט דעם ערשטען וועג און אמאל מיט דעם צווייטען. ווען ער וואלט דיזען זונטאג געפאהרען דורך דער קליין־סאדאווער גאס, וואלט ער דא אויפגעריסען געווארען. ער איז אבער געפאהרען מיט דעם קאטהערינער קאנאל, און דארטען האבען אויף איהם געווארט די רעוואלוציאנערען מיט די באמבעס. מען האט זיך צוגעגרייט, אז אויף וואסער וועג ער זאל ניט פאהרען, זאל ער געטויטעט ווערען.

עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז מיט א געוויסער צייט פאר דעם ערשטען מערץ האט דער דווארניק פון דער הויז אויף סאדאווער גאס געמעלדעט דער פאליציי, אז די קאבאזעוו פאר־פאלק, וועלכע האלט די קעז־קרעמעל, איז איהם עפעס פארדעכטיג.

זיי האבען געמאכט דעם איינדרוק פון גאנץ פראסטע מענשען. אזוי זיינען זיי געוועזן געקליידט, און אזוי האבען זיי גערעדט און געהאלטען זיך. אבער, ערשטענס, האט די פרוי גערויכערט פאפיראסען, און דאס איז פאר א פראסטער פרוי געוועזן א גאנץ אונגעוועהנליכע זאך. צוו״יטענס, זיינען צו זיי איינגעגאנגען יונגע לייט, וועלכע האבען אויסגעזעהען ווי סטו־דענטען.

יעדער דווארניק פון פעטערסבורג האט דער פאליציי געדינט אלס א שפיאן; אלזא, האט דער דאזיגער דווארניק געהאט אן אויג אויף דער קעז־קרעמעל. איינמאל, אין אן אווענד, האט ער קאבאזעוו׳ן געפרעגט ווי עס געהט דער געשעפט.

— ניט צו פארזינדיגען; היינט געלייזט שעהנע עטליכע רובעל, — האט קאבאזעוו געענטפערט.

דער דווארניק האט א גאנצען טאג געקוקט און געציילט וויפיל קאבאזעוו לייזט, און ער האט געוואוסט, אז ער האט איינגענומען ווייניגער ווי א רובעל. דאס אלץ האט ער געלאזט וויסען דער פאליציי. און מען האט ענדליך באשלאסען צו מאכען אן אונטערזוכונג. מען האט אוועקגעשיקט א וויכטיגען בעאמטען פון דער געזונטהייטס־אפטיילונג פון דער שטאדט־רעגירונג, כלומרשט צו זעהן אויב די הויז ליידט ניט פון

פייכטקייט. קאַבאַזעוו האָט איהם אויפגענומען מיט דער געוועהנליכער רוסישער גאַסט־פריינדליכקייט. האָט איהם געבעטען זיצען און איהם מכבד געווען מיט אַ שנעפּסעל. דער בעאַמטער האָט אַלץ באַקוקט, און דערנאָך האָט ער באַריכטעט, אַז עס איז ניטאָ קיין אורזאַכע די קאַבאַזעווס חושד צו זיין. אַלזאָ, האָט מען זיי געלאָזען צו־רוה.

אויף מאָרגען, נאָך דעם ווי דער צאַר איז געשטאָרבען, האָבען די קאַבאַזעווס זייער קעז־קרעמעל ניט געעפענט. דער דוואָרניק האָט געלאָזט וויסען דער פּאָליציי, און מען האָט אויפגעבראָכען די טיהר. דאַן האָט מען אין דעם צימער הינטער דער קראָם געפונען אַ בארג מיט ערד צוגעדעקט מיט פּאַפּיר, און אונטער דער סאָפאַ, וואו דער געזונטהייטס־בעאַמטער איז געזעסען, איז אויך געווען אַ בארג ערד און די מויל פון אַ מינע.

דינסטאַג, דעם 15טען מערץ (עס איז געווען פּורים), האָט מען אונז געפיהרט אין סאָבאָר — די וויכטיגסטע רוסישע קירכע אין שטאָדט — שווערען טרייהייט צו דעם נייעם קיסר, אַלעק־סאַנדער דעם דריטען. אהין האָט מען אויך געבראַכט די שילער פון דעם קריסטליכען לעהרער־אינסטיטוט, און אַ־יינער פון זיי, וועלכער פלעגט אָפט אריינקומען צו וואָלאָדיאַ סאָקאָלאָוו'ן, האָט געשוואָרען מיט מיר צוזאַמען. אָבער אַנשטאָט דערביי צו האַלטען דריי צונויפגעלייגטע פינגער, האָט ער געהאַלטען אַ פייג; האָב איך זיך אַזוי צולאַכט, אַז איך האָב געצווינגען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיגע קריסטען. עס איז אָבער אָפּגעגאַנגען גלאַט.

די צייטונגען האָבען געדרוקט ווייטערע איינצעלהייטען: מיט פינף טעג פאַר דעם טויט פון אַלעקסאַנדער'ן, דעם 27טען פעברואַר, אין אָוועגד, האָט מען אין פּעטערסבורג אַרעסטירט אַ שעהן־געקליידעטען רעוואָלוציאָנער, מיט'ן נאָמען טריגאָני. ביי איהם אין שטוב האָט מען געפונען אַ הויכען מאַן, מיט אַ באָרד, וועלכען דער פּראָקוראָר האָט דערקענט אַלס אַנדרעי זשעליאַבאָוו, אַ רעוואָלוציאָנער, מיט וועמען ער האָט שוין אַמאָל געהאַט

אן עסק. ווען מען האט ביי זשעליאבאָוו'ן געפרעגט וואָס ער טוט אין פעטערסבורג, האָט ער געענטפערט, אז ווענען דעם וועט ער לאָזען וויסען שפעטער. מען האָט איהם נאַטירליך ארעס־טירט. אין פיער טעג ארום, ווען זשעליאבאָוו האט דערהערט אז דער קיסר איז טויט, האָט ער געשיקט רופען דעם פּראָקוראָר, און ווען יענער איז צו איהם געקומען אין געפענגניס, האט ער איהם ערקלערט, אז ער, זשעליאבאָוו, האָט אנטייל גענומען אין דער קאָנספּיראַציע צו טויטען דעם צאר און אז ער וויל מען זאָל איהם צורעכענען צו דעם פּראָצעס.

עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז זשעליאבאָוו איז געווען דער הויפּט אָנפיהרער פון דער גאנצער פארשווערונג.

איין פריהמאָרגען האָבען מיר אין די צייטונגען געלייענט דאָס פאָלגענדע:

פון א געוויסער קווארטיר איז פארשוואונדען א פּאָר־פּאָלק. ווען די פּאָליציי האָט אויפגעבראָכען די טיר, האָט זי דאָרטען געפונען דינאַמיט און רעוואָלוציאָנערע שריפטען.

א פרוי, וואָס האָט אין יענער הויז געהאַט א שניט־קרעמעל, האָט דערצעהלט דאָס פאָלגענדע: די פארשוואונדענע פרוי איז פון הויף אריין צו איהר אין קרעמעל, געקויפט עטליכע ארשין ביליגע סחורה און איז ארוים, ניט צוריק אין הויף, נאָר אין גאַס. אזוי ווי די קרעמערקע האט געזאָגט, אז זי וואָלט איהר געווים דערקענען, האָט די פּאָליציי איהר גענומען אויף א דראָזשקע און מען איז מיט איהר ארומגעפאָהרען א גאנצען טאָג איבער די געדיכטע גאַסען פון פעטערסבורג. דער געדאנק איז געווען, אז מסתמא וועט די רעוואָלוציאָנערקע זיך גראד באַוועגען דורך די קאָכעדיגע גאַסען, וואו עס איז שווערער צו ציהען אויפמערקזאמקייט. און אזוי איז טאַקע געווען. פּלוצלונג האָט די קרעמערקע דערזעהן די פארשוואונדענע פרוי, און אויף דיזען ארט האָט מען איהר געכאַפּט.

דאָס איז געווען סאָפיא פּעראָווסקאַיא. זי און זשעליאבאָוו האָבען דאָס געוואוינט אויף דער אויבען־דערמאָנטער קווארטיר. ווי עס איז נאכהער ערקלערט געוואָרען, איז זי אריין קויפען די שטיקעל שניט־סחורה אלס א תירוץ, אום דורך דער קראָם

אַרויסצוגעהן אויפ׳ן גאַס און ניט מוזען געהן דורכ׳ן טויער, וואו עס איז געווען אַ געפאַהר אַז שפּיאָנען היטען דעם פּלאַץ.

באַלד איז אַנאַנסירט געוואָרען, אַז דער אמת׳ער נאָמען פון דעם יונגענמאַן, וואָס האָט געוואָרפען די ערשטע באָמבע, איז ריסאַקאָוו; אַז ער איז אַ סטודענט פון דעם גאָרני אינסטיטוט (סקול אָוו מיינס).

ריסאַקאָוו האָט אַלץ אויסגעזאָגט. דאַן איז די פּאָליציי אַוועק אין אַ געוויסער קוואַרטיר אויף דער טעלעזשנער גאַס. ווען מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט זיך אינווענינג געהערט אַ שאָס פון אַ פּיסטאָלעט, און דאַן האָט זיך אויפגעעפענט אַנאַנדער טיר. עס האָט זיך באַוויזען אַ יונגע אידישע פרוי.

—זייט פאָרזיכטיג. דאָ איז פאַראַן דינאַמיט — האָט זי געזאָגט.

דאָס איז געווען די קוואַרטיר, וואו עס זיינען געמאַכט געוואָרען די באָמבעס. אין דעם צימער, וואו עס האָט זיך געהערט דער שאָס, האָט מען געפונען אַ טויטען מענשען ליגענדיג אין אַ לוזשע מיט בלוט. דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער מיט׳ן נאָמען סאַבלין. דער נאָמען פון דער אידישער פרוי איז געווען העסיא העלפמאַן.

ווי דער שטייגער איז, האָט די פּאָליציי צוגערייט אַ פּאַסטקע. אויף מאָרגען איז אויף די טרעפּ אַרויפגעקומען אַ הויכער, געזונטער יונגער אַרבייטער. מען האָט איהם פאַר־האַלטען, און עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז זיין נאָמען איז מיכאַילאָוו און אַז ער האָט אַ וויכטיגע שייכות צו דער קאָנ־ספּיראַציע. אין עטליכע טעג אַרום האָט מען אַרעסטירט קיבאַלטשיטשען, דעם רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט צוגעקלערט דעם אַפּאַראַט פון דער באָמבע, און געמאַכט די פיער באָמבעס, מיט וועלכע די טעראָריסטען האָבען געוואַרט אויפ׳ן קיסר דעם ערשטען מערץ.

זשעליאַבאָוו איז געווען דער הויפּט קאָמאַנדיר פון דער פאַרשווערונג אָבער אַזוי ווי ער איז אַרעסטירט געוואָרען, האָט פּעראָווסקאַיאַ איבערגענומען זיין ראָלע. זונטאַג, דעם ערשטען

מערץ, ווען זי האָט זיך איבערצייגט אַז דער קיסר פאָהרט ניט דורך דער סאַדאָווער גאַס, האָט זי אויסגעשטעלט פיער רעוואָ־לוציאָנערען מיט באָמבעס אויף פיער פארשידענע ווינקלען פון דעם קאַטהערינער קאַנאַל — טאָמער טרעפט איהם ניט איינער, זאָל טרעפען אַ צווייטער, און אויב מען וועט דארפען, איז אַ דריטער און אויך אַ פערטער. מיכאַילאָוו איז געווען דער דריטער פון די פיער. דער נאָמען פון דעם פערטען איז די ערשטע צייט ניט געווען באַקאַנט (זיין נאָמען איז געווען יעמעליאַנאָוו).

דער יונגערמאַן, וואָס איז געשטאָרבען פון דער צווייטער באָמבע, איז טאַקע געווען דער וואָס האָט די צווייטע באָמבע געוואָרפען — אַ פּאָליאַק, מיט'ן נאָמען גרינעוויצקי, פון ביאַ־ליסטאָק.

די פּאָליציי האָט געכאַפּט נאָך אַ רעוואָלוציאָנער. זי האָט אָבער ניט געוואוסט ווער ער איז און וואו ער וואוינט. ביי איהם אין קעשענע האָט מען געפונען אַ שליסעל. האָט מען גערופען אַלע דוואָרניקעס פון פעטערסבורג, יעדער פון זיי זאָל באַקוקען איהם און זיין שליסעל. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איין דוואָרניק האָט איהם דערקענט אַלס זיינעם אַ קוואַר־טיראַנט. ער האָט אויף דער קוואַרטיר געוואוינט מיט אַ שעהנער יונגער פרוי, און ביידע זיינען פארשוואונדען. דערנאָך האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער רעוואָלוציאָנער איז איסאַיעוו, און די שעהנע פרוי — וויערא פיגנער, אַז ביידע געהערען צו דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער אָרגאַניזאַציע „נאַראָדנאַיא וואָליאַ“ און אַז ביידע זיינען געווען פארבונדען מיט דער גרויסער קאָנספּיראַציע.

אין אינסטיטוט איז מיר ניט לייכט געווען צו קריגען די צייטונגען, פלעג איך לויפען צו סאָקאָלאָוו'ן, און דאָרטען פלעג איך לעזען די מאָגערע דעפּעשען אין דעם „ווילענסקי וויעסטניק“ און פארכאַפּענדע איינצעלהייטען אין „גאָלאָס“ און „נאָוואָסטי“, וואָס פלעגען קומען פון פעטערסבורג אויפ'ן צווייטען אָדער זאָגאַר אויפ'ן דריטען טאָג.

סאַקאַלאָוו און נאָך אַ פּאָר פון די חברים האָבען געזאָגט, אַז איצט וועט זיך אָנהויבען אַ רעוואָלוציע. זיי האָבען דאָס אָבער אַרויסגערעדט אָהן איבערצייגונג, אַזוי ווי פון יוצא וועגען.

אין שטאָדט איז אַלץ אָנגעגאַנגען ווי געוועהנליך. די פּאָליציי איז ניט געוואָרען אויף אַ האָר שטרענגער ווי פריהער. מען איז געגאַנגען, געפאָהרען, געהאַנדעלט, געדונגען זיך, געקריגט זיך — אַלץ ווי געוועהנליך. אַזוי ווי דאָס וואָס מען האָט אין מיטען גאַס דערהרג'עט דעם קיסר, וואָלט געווען איינע פון די פּאַסירונגען פון דעם טעגליכען לעבען. ווען מען זאָל אַלע טאָג הרג'ענען אַנאַנדער קיסר, וואָלט די וועלט אויך געגאַנגען אויף איהר געוועהנליכען שטייגער — אַזאַ איינדרוק האָט דאָס געמאַכט.

איך האָב זיך געוואונדערט, איך בין געווען ענטוישט. איך האָב געפרעגט ביי סאַקאַלאָוו'ן, אָבער דיזער גילדערנער מענש איז ניט געווען קיין גרויסער רענקער, און אַלץ וואָס ער האָט מיר געענטפערט איז געווען:

— האָב גערולד, קאַהאַנטשיק! מען מוז האָבען גערולד! האָסטו זיך גערעכנט אַז אַלעקסאַנדער וועט אַזוי גיך פאַלען? וואָס ווייסטו, וואָס מען גרייט דאָרטען צו אין דעם צענטער?*)

מיט'ן „צענטער" האָט ער געמיינט דעם געהיימניספוללען עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליא". ער פלעגט דעם וואָרט אויסריידען ווי אַ חסיד רעדט אויס דעם נאָמען פון זיין רבי'ן.

אין אינסטיטוט האָבען זיך פילע פון די שילער מיט די סענסאַציאָנעלע נייעס אינטערעסירט, אָבער מייסטענס נאָר ווי מיט סענסאַציעס. און פילע זאָגאַר אַזוי אויך ניט. די פלייסיגע, די „זובּרילעס", האָבען „געזובּרעוועט" די אוראָקען, און די פּעטערבּורגער אַרעסטען זיינען זיי אין דער לינקער פּאה ניט געלעגען.

---

*) אין אויסלאַנד האָט מען ווירקליך ערוואַרט גרויסע געשעהעניש, הויפּטזעכליך אין אַמעריקא. דער „ניו יאָרק העראַלד" האָט זאָגאַר אָוועקגעשיקט אַ ספּעציעלען קאָרעספּאָנדענט אין פּעטערסבּורג, צו זיין אויפ'ן פּלאַץ ווען די רעוואָלוציע וועט אויסברעכען.

סטאַטשיק און נאָך אַ פּאָר זיינען געווען אויסנאַהמען, און מיר פלעגען אָפט שטעהן און זיך שושקענען וועגען די פּעטערס־בורגער פּאַסירונגען.

.8

דער יונגער מאַן מיט די גילדערנע ברילען ווערט אַרעס־טירט. — אַ דאַמע פאַרשווינדט פון אַ האָטעל.

איינמאָל, עטליכע טעג נאָך דעם טויט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, האָט יאַקובאָווסקי, דער אינסטיטוטשיק, וואָס האָט געשפּילט פידעל און געטויגט צו אַלץ, געבראַכט פון „שטאָדט" צוויי נייעסען: אין דעם האָטעל „דאַגמאַרא" האָט מען אַרעס־טירט אַ רעוואָלוציאָנער, און פון נאַטהאַנזאָן'ס האָטעל, אויף טייטשע גאַס, איז פאַרשוואונדען געוואָרען אַ דאַמע, איבערלאָ־זענדיג אַ פּאַספּאָרט און אַ פּאָר שיך. יאַקובאָווסקי'ן איז אויס־געקומען צו זיין אויפ'ן וואָקזאַל, און דאָרטען האָט ער געזעהן ווי צוויי זשאַנדאַרען פיהרען דעם רעוואָלוציאָנער. ער האָט פאַר־געשטעלט ווי איין זשאַנדאַר איז געגאַנגען פאָראויס, און דער צווייטער פון הינטען, און צווישען זיי דער אַרעסטירטער, מיט אַ צונויפגעלייגטען פּלעד (פּאַטשיילע) אונטער'ן אָרעם.

איך בין אַריבערגעלאָפען צו סאָקאָלאָוו'ן און דאָרטען האָב איך זיך דערוואוסט דאָס פאָלגענדע:

דער אַרעסטירטער איז קיין אַנדערער ווי דער שעהנער יונגער מאַן מיט די גילדערנע ברילען; זיין אמת'ער נאָמען איז סער־פינסקי און ער איז אַ איד. ער איז שוין אַמאָל געווען פאַר־שיקט און איז אַנטלאָפען.

אויך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די פאַרשוואונדענע דאַמע באַהאַלט זיך אויף אונזער פּאָהוליאַנקער קוואַרטיר, און אַז איהר באַהאַלטען זיך האָט אַ שייכות צו סערפּינסקי'ס אַרעסט.

זי האָט אַנטייל גענומען אין דער סואוואַלקער קאָנספּיראַציע, אָבער דער פּלאַן האָט זיך ניט איינגעגעבען. ווען מען האָט אונ־זער „ישיבה בחור" אַריינגעזעצט אין דער סואוואַלקער טורמע,

איז דער רעוואָלוציאָנער שוין דאָרטען ניט געווען. די זשאַנדאַרען האָבען זיך דערוואוסט ווער ער איז און מען האָט איהם איינגעפיהרט קיין פעטערסבורג.

דאָס איז געווען ניקאָלאַי מאָראָזאָוו, דער פאַרפאַסער פון דעם געריכט וועגען די „דריי קעניגע”. ווי שוין דערמאָנט, האָט ער, סוויאַטאָסלאָווסקי און זונדעלעוויטש אריינגעבראַכט דעם געדאַנק וועגען טויטען דעם קיסר. ער האָט אליין אויך אנטייל גענומען אין די אַטענטאַטען.

און די ראַמע, וואָס איז פאַרשוואונדען געוואָרען פון נאַטאַנזאָן'ס האָטעל און האָט זיך איצט באַהאַלטען אויף דער פּאָהוליאַנסקער קוואַרטיר, איז געווען זיין פרוי, אָלגאַ ליובאַטאָוויטש.

ווען דער פלאַן איז דורכגעפאַלען, האָט זי און טערפּינסקי זיך אומגעקעהרט קיין ווילנא, אום פון דאָרטען דערנאָך צו פאָרען קיין פעטערסבורג. אויפ'ן וועג האָט טערפּינסקי באַמערקט אַז אַ שפּיאָן שלעפּט זיך נאָך איהם נאָך. ער האָט געהאָפט זיך ארויסצודרעהען פון איהם. עס האָט זיך איהם אָבער ניט איינגעגעבען. ווען מען האָט איהם ארעסטירט (אין דעם האָטעל ראַנמאַרא), איז זי אויך געווען אין געפאַהר. דעריבער איז זי דאָס פאַרשוואונדען. אויף פּאָהוליאַנקא איז זי לאַנג ניט געבליבען. זי איז באַלד אוועקגעפאָהרען קיין פעטערסבורג.

.9

דער גרויסער פּראָצעס. — די הינריכטונג.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דער פּראָצעס איבער די טעראָריסטען, וואָס האָבען געטויטעט דעם קיסר. די פעטערסבורגער צייטונגען האָבען געדרוקט באַריכטען מיט אַלע איינצעלהייטען, און איך האָב געשלונגען יעדען וואָרט.

דער געריכט האָט יעדען פון די אָנגעקלאָגטע געגעבען אַן אַדוואָקאַט. אָבער אַזוי ווי זיי האָבען ניט געלייקענט און האָבען זיך געהאַלטען פעסט און שטאָלץ — אַלע אויסער ריסאַקאָוו'ן — האָבען די אַדוואָקאַטען געהאַט ווייניג וואָס צו טאָן. זשעליאַבאָוו אָבער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַדוואָקאַט אויך, ריכ־

טיגער געזאָגט — פון דעם וואָרט־פיהרער פאר דער גרופע אָנגע־קלאָגטע. דאָס איז אייגענטליך געווען זיין צוועק, ווען ער האָט דעם פראָקוראָר אויסגעזאָגט וואָס פאר א ראָלע ער האָט גע־שפילט אין דער קאָנספיראציע. אָהן איהם וואָלט דער פראָצעס געווען „צו־בלאָס", ווי פעראָווסקאיא האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט די עדות און די ריכטער געשטעלט קשיות, אויף וועלכע עס איז זיי ניט אימער געווען לייכט צו ענטפערען. צום ביישפיל: מען האָט פאָרגעלעזען אויסצוגען, וואָס די רעגירונג האָט אויסגענאַרט ביי אן ארעסטירטען רעוואָלוציאָנער מיט'ן נאָמען גאָלדענבערג, וועלכער האָט אין 1878 דערשאָסען דעם כאר־קאָווער גובערנאטאָר. גאָלדענבערג האָט אויסגעזאָגט אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט און ווען ער האָט פארשטאנען אז דער פראָקוראָר האָט איהם אריינגענאַרט אין זאק אריין, האָט ער זיך אין זיין געפענגניש־קעמערעל אויפגעהאנגען. וועגען דעם איז ניט געווען באריכטעט. זשעליאבאָוו האָט אָבער פון דעם געוואוסט. אלזאָ, האָט ער, לויט די פרינציפען פון יוריספרודענץ, געפאָ־דערט אז די רעגירונג זאָל געבען אן ערקלעהרונג ווארום גאָלדענ־בערג, דער עדות, איז ניט אימשטאנד צו קומען אין געריכט. די ריכטער זיינען געווען אין א פארלעגענהייט. זיי האָבען געמוזט אונטערברעכען די זיצונג און זיך בעראטען וואָס איהם צו ענט־פערען. און דער ענטפער זייערער איז געווען, אז זשעליאבאָוו'ס פאָדערונג דארף ניט ערפילט ווערען.

מיט די פראגען וואָס זשעליאבאָוו האָט געשטעלט, מיט איי־ניגע אויסדריקע, וואס ער האָט געברויכט, און מיט זיין גאנצען האַלטען זיך ביים פראָצעס, האָט ער געמאכט א מערקווירדיגען איינדרוק. דער יונגער דור האָט איהם פארגעטערט.

איך האָב יענע טעג אבסאָלוט ניט געלערענט מיינע אורא־קען, און איך האָב קיין געדולד ניט געהאַט צו זיין אין אינסטי־טוט. איך פלעג יעדען טאָג, און אָפט צוויי מאָל א טאָג, זיך ארוים'גנב'ענען און אריבערלויפען צו סאָקאָלאָוו'ן. עס זיינען אָנגעקומען פראָקלאמאציעס פון דער פארטיי „נאראָדנאיא וואָליא" און אויך פון דער פארטיי „טשאָרני פערעדיעל". א געוויסע

צאָל פון זיי האָבען מיר צוואַרפען איבער די גאַסען, און אַ געוויסע צאָל האָבען מיר צוטיילט — יעדער צווישען זיינע באַקאַנטע.

עס איז געקומען דער טויט־אורטייל, און גלייך נאָך דעם די נאַכריכט, אַז די אידישע פרוי העסיא העלפמאַן וועט מען איצט ניט הענגען, ווייל זי שוואַנגערט (איהר מאַן איז געווען אַ רע־וואָלוציאָנער, מיט'ן נאָמען האָלאָטקעוויטש).

די הינריכטונג איז פאָרגעקומען דעם 3טען אַפּריל (1881). די באַשרייבונג פון דער סצענע האָט מיך אינגאַנצען צושלאָגען. זשעליאַבאָוו, קיבאַלטשיטש, פעראָווסקאַיאַ, מיכאַיילאָוו און ריי־סאַקאָוו — זייערע לעצטע מינוטען אונטער דער תליה און אויף דער תליה, ווי אַזוי יעדער פון זיי האָט געענדיגט זיין לעבען — האָבען ניט אָפּגעטראָטען פון מיין מוח. הויפּטזעכליך ווי אַזוי קי־באַלטשיטש איז געשטאָרבען. וועגען איהם איז געשטאַנען אין דעם באַריכט, אַז ער, מיט דער שטריק צוזאַמען, האָט זיך עטליכע מאָל געדרעהט אין דער לופטען, ביז ער איז געבליבען הענ־גען אַ טויטער. די דאָזיגע סצענע האָב איך אין פאַרלויף פון עט־ליכע טעג בוכשטעבליך ניט אויפגעהערט צו זעהן פאַר די אויגען.

10.

„דער ערשטער פּאָגראָם.

א קורצע צייט נאָך דעם, ווי דער קיסר איז געפאַלען פון דער רעוואָלוציאָנערער באָמבע, האָט אין עליזאַוועטגראַד אויס־געבראָכען אַ פּאָגראָם אויף אידען. אין די רוסיש־אידישע וואָ־כען־בלעטער זיינען דערנאָך געווען געדרוקט אַ סך איינצעלהייטען און פאַרשידענע אַרטיקלען. ביי אידען האָט די דאָזיגע געשיכטע געמאַכט אַ גרויסען רושם.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון יענער רייהע פּאָגראָמען, וועלכע האָבען געפיהרט צו דעם אָנפאַנג פון דער גרויסער אי־דישער אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקאַ. דאַן האָט קיינער ניט געקענט פאָראויסזעהן צו וואָסערע געשעהענישען דער עליזאַוועט־

גראָדער איבערפאַל וועט דינען אלס חסרמח, ער האָט אָבער גע־מאַכט אַן אונגעהייערען איינדרוק אַן און פאַר זיך. איך מוז אָבער מודה זיין, אז מיר און די אַנדערע אידישע מיטגלידער פון אונזער קרוזשאָק האָט די געשיכטע גאַנץ ווייניג אינטערע־סירט.

מיר האָבען זיך געהאַלטען „פאַר מענשען, ניט פאַר אידען". אידישע אינטערעסען האָבען צו אונז ניט אַפּעלירט. צו אַלע צרות פון דער וועלט איז פאַראַן איין רפואה, און נאָר איינע: סאָציאַליזם. דאָס איז געווען דער כלל פון אַלע כללים ביי אונז.

זאָגען אַז דער פּאָגראָם האָט אונז ניט אינטערעסירט, איז ווענינ. ווי מיר וועלען זעהן, איז אונזער זינלאָזע באַציהונג צו די פּאָגרם־קרבנות געגאַנגען ווייטער.

.11

איך ענדיג דעם אינסטיטוט. — א רייזע קיין סוועַנציאַן און מאַלאַט.

עס איז געקומען נאָהענט צו די עקזאַמענס. פאַר מיר איז דאָס געווען דער לעצטער עקזאַמען. איך האָב בעדאַרפט באַ־קומען אַן אטעסטאַט און א לעהרער־שטעלע. איך האָב אָבער צו די לעהרער־ביכער ניט געהאַט קיין געדולד. איך בין געווען אין א ריזיקע דורכצופאַלען, און דאָס האָב איך ניט געוואָלט; האָב איך זיך אָנגעטאָן א כח און געלערענט. בוכשטעבליך טאָג און נאַכט האָב איך געאַרבייט. מיר האָט ניט אינטערעסירט וואָס פאַר „אטמיעטסקעס" איך וועל באַקומען. זאָל זיין נאָר דריען, אַבי אויסהאַלטען, באַקומען א דיפּלאָם און א שטעלע און ווערען א זעלבסטשטענדיגער מענש.

איך האָב אויסגעהאַלטען אויף 3־ען.

נאָך דעם אטעסטאַט האָט מען בעדאַרפט געהן צום דירעק־טאָר. איך בין אריין צו איהם, און ער האָט מיר איהם געגעבען א צוזאַמענגעראָלטען פּאַפּיר — אָהן צערעמאָניעס. ביי מיר איז

דאָס געווען אַ גרויסע פּאַסירונג. פּאַרט פיר יאָהר אָפּגעאַרבייט! ביי איהם איז דאָס אָבער קיין יום טוב ניט געווען. און קיין צופיל ליבע צו אידען האָט ער אויך ניט געהאַט; האָט ער מיר דערלאַנגט דעם דאָקומענט אַזוי ווי אויף פּאָסט דערלאַנגט מען אייך אַ בריף. קיין פריינדליכען וואָרט דערביי ניט געזאָגט. דאָס האָט מיך פאַרדראָסען.

— אַזאַ מערדער! — האָב איך זיך געקלעהרט, געהענדיג איבער'ן גרויסען הויף — קיין פונק געפיהל האָט דאָס ניט.

און גלייך האָב איך זיך אָנגע'מסור'ט:

— אַ שעהנער סאָציאַליסט ביזטו, אַז דו אינטערעסירסט זיך מיט אַזעלכע זאַכען!

ביים ענדיגען אינסטיטוט האָט מען ביי דעם שילער איבער־געלאָזען זיין שוואַרצען קאָסטיום און מען האָט איהם געגעבען צוויי פּאָר וועש און 60 רובעל מזומן. אַביסעל געלט האָב איך געהאַט פון מיינע פּריוואַט אורּאָקען. אַלזאָ, האָב איך לכבוד מיין ענדיגען זיך געלאָזט מאַכען אַ קאָסטיום פּו. גרויליכע וואָרע—אַ לאַנגען ראָק מיט הויזען, וועלכע זיינען אונטען געווען זעהר ברייט, נאָך דער דאַמאָלסדיגער מאָדע נאָך — און איך האָב זיך גע־קויפט אַ שטרויענע הוט און אַ נייעם זומער־שירם. מיין מאַמע האָט געזאָגט, אַז איך בין „אַ גאַנצער פריץ" און געקוואָלען סו־קענדיג אויף מיר.

"

מען האָט באַשלאָסען צו גרינדען אַ נייע אונטערערדישע דרוקעריי אין מינסק. דערצו האָט מען געדאַרפט האָבען אַ מאַן, וואָס זאָל דינגען די קוואַרטיר און אין איהר שפּילען די ראָלע פון באַלעבאָס, און דער אויסוואַהל איז געפאַלען אויף גראַץ'ען, וועלכען איך האָב אויבען דערמאָנט אַלס אַ באַקאַנטען פון שואַל באַדאַנעס. ער האָט געוואוינט אין מאַלאַט, אַ שטעדטעלע ביי זעקס מייל פון ווילנא.

מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער האָט גראַץ און אַ אידישער רע־וואָלוציאָנער, מיט'ן נאָמען יאָסעלעוויטש, באַפרייט אַן אַפּיצער פון דעם „פּערצעהנטען נומער" — אַ טורמע, וואו מען האָט

געהאַלטען פּאָליטישע אַרעסטירטע. זיי האָבען דעם אָפיצער פאַרשטעלט אַלס פרוי און איהם געגעבען גראַץ'ס אייגענע אוים'ן שוים. גראַץ איז ניט געווען קיין פייגלינג, און ער איז בערייט געווען צו טאָן וואָס מען דאַרף פאַר דער רעוואָלוציע.

מיר האָט מען פאַרגעלייגט צו פאָהרען צו גראַץ'ן און איהם פאַרשלאָגען די ראָלע. און איך האָב די אויפגאַבע אָנגענומען מיט פרייד.

די דרוקערייי האָט געזאָלט געגרינדעט ווערען פון דער פּאַר־טיי „טשאָרני פּערעדיעל". דאָס הייסט אָבער ניט, אַז איך האָב געהערט דווקא צו דיזער פּאַרטיי און ניט צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". דער אמת איז, אַז איך האָב ניט קלאָהר פאַרשטאַנען דעם אונטערשיד צווישען די צוויי פּאַרטייען. טעאָרעטיש האָב איך דאָס יאָ פאַרשטאַנען — מעהר אָדער ווייניגער — אָבער ווען עס פלעגט קומען צו פּראַקטישע איינצעלהייטען, איז ביי מיר געווען אַ טומאַן אין קאָפּ. די צוויי אָרגאַניזאַציעס זיינען גע־ווען אין פריינדליכע באַציהונגען, און מיר איז געווען אַלץ איינס — צי די, צי די.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט אונזער קרוזשאָק אַלס אַ גאַנצען. ער האָט סימפּאַטיזירט מיטביידע פּאַרטייען. די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" איז געווען די טעטיגערע און זי האָט זיך געלאָזט הערען אַ סך מעהרער; האָט זי דעם קרוזשאָק אינ־טערעסירט אַ סך מעהר. סימפּאַטיזירט אָבער האָט ער מיט ביידען.

עס זיינען געווען מיטגלידער, וואָס האָבען געהאַט אמת'ע איבערצייגונגען אין דיזער באַציהונג. זייער צאָהל איז אָבער געווען קליין. עס זיינען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָרען פּרעטענדירט צו זיין איבערצייגטע „נאַראָדנאָוואָלצעס" אָדער „טשאָרני פּערעדיעלצעס", נאָר פון מאָדע וועגען. איך האָב קיין פאַלשע אָנשטעלען ניט געמאַכט. איך בין געווען צו ווייניג אַנטוויקעלט צו האָבען אַ באַשטימטע מיינונג אין אַזעלכע זאַ־כען, און האָב דאָס פון קיינעם ניט פאַרבאָרגען. ווען מען פלעגט דעבאַטירען וועגען פּאַרטיי פראַגען, פלעג איך זיך צוהערען מיט

דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. קלעהרער איז מיר פון אזעלכע דרבאטען אבער קיין מאל ניט געווארען.

נעפאהרען בין איך צוערשט אין סוועניאן, ווילנער גוב‑עריע, וואו עס האט געוואוינט מיינער א קלאס־חבר מיט'ן נאמען פאליאק. איך האב מיטגעבראכט רעוואלוציאנערע שריפטען. פאליאק האט צוזאמענגענומען עטליכע פארטרויטע פריינד, און מיר זיינען אוועק הינטער'ן שטאדט, אין א פארלאזענעם פלאץ, און דארטען האבען מיר געהאט א פארלעזונג און א דיסקוסיע.

פון סוועניאן בין איך, אויף א פוהר, געפאהרען קיין מאלאט. עס איז אויסגעקומען צו פאהרען דורך וואלד. אויפ'ן וועג האט אונז געכאפט א שלאגס־רעגען. איך בין דורכגעווייקט געווארען, און מיין וואזשנער שטרויענער קאפעלוש איז געווען אויסצודרעהען. מיר האבען זיך אפגעשטעלט אין א קרעטשמע, וועלכע איז געווען פול מיט פויערים און מיט דעם רויך פון זייערע ליולקעס; דער רויך איז געווען דורכגעדרונגען מיט א שווערען גרוך פון פויערישע שוויים. איך האב קוים געאטעמט. די פויערים האבען גערעדט ליטוויש און איך האב ניט פארשטאנען קיין ווארט. עס איז געווען א טומעל אין אלע מיינע חושים.

ענדליך האט דער רעגען אויפגעהערט, און מיר זיינען געפאהרען ווייטער. ‏/גען מיר האבען געהאלטען ביי א פאר ווערסט פון מאלאט, האט זיך דער רעגען ווידער צוגאסען. פון דיזער טייל פון דער רייזע איז אין מיין זכרון געבליבען א בילד פון דריי פויערטעס, ווי זיי געהען אין דעם שרעקליכען רעגען. זיי געהען בארוועס. זיי האבען שיך, זיי טראגען זיי אבער אין די הענט.

ענדליך בין איך אנגעקומען אין מאלאט.

איך האב גענומען פרעגען וואו עס וואוינט גראץ, און דערביי האב איך געזעהן ווי מען קוקט אויף מיר פון אלע פענסטער. די גאנצע יאזדע איז געווען נאריש בארעכענט. א „פראנט", נאס ווי א נאסע קאץ, פאהרט אריין אין א פארצייטיגע שטעטעל

אין א שלאַנס־רעגען און זוכט א מאַן, ווען עלבער האָט דאַרטען א
שם פאַר אן אפיקורס, און אפשר פאַר א רעוואָלוציאָנער!

ענדליך האָב איך איהם געפונען — א יונגערמאַן מיט שוואַר־
צע האָר און וואָנצעס, מיט קיילעכדיגע, לאַנגזאַמע אויגען, מיט
א מילדען, אנגענעהמען פּנים. איך האָב איהם דערצעהלט ווע־
גען וואָס עס האַנדעלט זיך, און ער איז גלייך מרוצה געוואָרען.

ווען איך בין געקומען צוריק אהיים, האָט מען מיין „פּראָנ־
טאָווסקען" קאַפּעלוש געמוזט אוועקגעבען צורעכט מאַכען, און
דער סוף איז געווען, אז ער איז אַרויסגעקומען גאָר מיט אַן
אַנדער פאַסאָן ווי פריהער; ריכטיגער געזאגט, אַהן א באשטימטען
פאַסאָן. ווען מיין מאַמע האָט איהם דערזעהן אויף מיר, האָט זי
א פּאַטש געטאָן מיט די הענט פון פאַרצווייפלונג. מיין מוהמע
האָט געזאגט, אז עס איז נאָך שעהנער ווי פריהער, אבער איך האָב
חושד געווען אז זי מיינט דאָס ניט.

12.

**איך פאָהר קיין פּעטערסבורג. — דער זעגענען זיך. — אין
פּעטערסבורג. — מיין פּעטער און מוהמע. — פּרוג. —
סאָקאָלאָוו'ס ברודער. — גאָלדבלאַט. — אַן אוצר.**

די „נאַזנאַטשעניע", וואו איך זאָל האָבען מיין לעהרער־
שטעלע, איז אָנגעקומען פון'ם „פּאָפּעטשיטעל". מען האָט מיך
געשיקט אין וועליזש, וויטעבסקער גובערניע.

דאָס איז געווען ענדע יוני. פאָהרען אויף דער שטעלע
האָב איך בעדאַרפט אין אויגוסט. עס איז געווען נויטיג צו
קריגען אביסעל געלט אויף קליידער, וועש, א. ז. וו. אלזאָ, איז
געבליבען אז איך זאָל פריהער פאָהרען צו מיין אָנקעל חיים לייב,
אין פּעטערסבורג, ער זאָל מיר אַרויסהעלפען מיט פינאַנסען.

מיין רייזע קיין סווענציאַן און מאַלאַט האָט אויף מיינע
עלטערען ניט געמאַכט קיין איינדרוק. זיי האָבען געמיינט אז
איך בין געווען ביי א חבר א פּאָר מייל פון שטאָדט. מיין רייזע

אָבער קיין פּעטערסבורג איז ביי זיי געווען א היסטאָרישע פּאַסי־רונג. מיין מוטער איז אַלץ געוואוינט געווען צו קוקען אויף מיר ווי אויף א קליין קינד, און דאָ פאָהר איך גאָר אין פּעטערס־בורג! א גאַנצער יאַ טעביע דאָס!

מיין פעטער און מיין מוהמע זיינען געקומען מיך באַגלייטען. איך האָב געוואָלט צוגעהן צום טאַטען און איהם איבערבעטען. אָבער די האַרץ האָט זיך ביי מיר איינגע׳עקשנ׳ט. די מאַמע און די מוהמע האָבען מיך געשטופּט צו איהם, און דער פעטער מיכל האָט זיך ביי מיר געבעטען. איך האָב זיך אָבער, געגען מיין ווילען, ניט גערירט פון אָרט.

דער טאַטע האָט אַליין גענומען איינפּאַקען מיינע זאַכען. דאַן בין איך צוגעגאַנגען צו איהם, און פארשעמטערהייט איהם געבעטען מיך באַגלייטען. אָבער איצט האָט ער זיך פאַר׳עקשנ׳ט. די זאַכען האָט ער פארפּאַקט, אָבער צום וואָקזאַל איז ער ניט געגאַנגען.

— קום, אַלטער, — זאָגט מיין גוטער פעטער — איך וועל זיין דיין טאַטע. איך וועל דיך נעמען צום וואָקזאַל.

און די אויגען זיינען ביי איהם געוואָרען פול מיט טרעהרען. דאָס איז דער זעלבער פעטער מיכל מיינער, וועלכער איז קראַנק געוואָרען פון דעם „שוואַרצען יונגענמאַנטשיק׳ס" טראַגעדיע.

דער וואָקזאַל איז געווען עטליכע טריט פון אונז, א חוץ דעם פעטער, האָט מיך באַגלייט די מאַמע און די מומע.

איך בין אָנגעקומען אין פּעטערסבורג אין א פריהמאָרגען. גלייך ביים וואָקזאַל האָט מען געקענט פיהלען אז דאָס איז א גרויסע שטאָדט, געגען וועלכער ווילנא איז א דאָרף. ווען איך בין אַראָפּ פון וואָקזאַל, האָט מיר א פּאָליציייסקער געגעבען א נומער וועלכע דראָזשקע צו נעמען (א טייל פון דער סיסטעם צו האַלטען די איזוואָזשטשיקעס אין אָרדנונג).

דער ריח פון פּעטערסבורג איז גאָר אן אַנדערער ווי דער ריח פון ווילנא. עס איז געווען א הייסער טאָג, און מיר האָט זיך געדוכט אז עס שמעקט מיט סמאָלע, און עפּעס אַזוי ווי דאָס גופא

וואָלט געהאַט אַ שַייכות צו דער גרויסקייט און וויכטיגקייט פון דער שטאָדט. מיין האַרץ איז געשפּרונגען פון דעם באַוואוסטזיין אַז איך בין אין פּעטערסבורג.

— רופט מיר אָן די גאַסען וואָס מיר וועלען דורכפאָהרען! — האָב איך וואַזשנע אַ געשריי געטאָן צום איזוואָזשטשיק, — איהר וועט באַקומען אויף טהיי.

ביי יעדער נייער גאַס האָט ער אויסגעשריהען דעם נאָמען, און פילע פון די נעמען זיינען מיר געווען באַקאַנט פון דער ליטעראַטור אָדער פון די צייטונגען.

ענדליך בין איך געקומען צו מיין פּעטער אויף דער פאַבריק, אויף גרויס־סאַדאָוועך גאַס. ער האָט מיר גוט אויפגענומען, אָבער אין זיין גאַסטפריינדליכקייט האָט אַלץ געקלונגען אַ טאָן, אין וועלכען מען רעדט צו אַ אינגעל.

אויף דער פאַבריק האָט געאַרבייט אַ היבשע צאָהל מענשען — אַלע רוסען. אין דערזעלבער געביידע איז אויך געווען די דירה. דאָן אָבער האָט די פאַמיליע געוואוינט אויף אַ זומער־קוואַרטיר אין אָזערקי, אַ סטאַנציע אויף דעם פינלאַנדער איי־זענבאַהן. און אין אָוועגד איז דער פּעטער מיט מיר און מיט זיין פרוי'ס אַ ברודער אוועקגעפאָהרען אַהין. דאָרטען האָט מיר אויפגענומען זיין פרוי, חנה בלומע, אַ גאַנץ מאָדערן געקליידעטע יונגע פרוי. איך האָב איהר ניט געזעהן אַ יאָהר זעקס, און פאַר דיזער צייט איז זי געוואָרען עלעגאַנטער און וואַזשנער אויס'ן אויסזעהן. זי האָט גערעדט רוסיש בעסער ווי דער פּעטער, אָבער אויך ווייט פון פאָלשטענדיג גוט.

זיי האָבען געהאַט דריי קינדער — צוויי אינגלעך און אַ מיידעלע, און ביי זיי האָט אויך געוואוינט וויעראָטשקאַ, די זיבען־יאָהריגע יתומה פון מיין שעהנער מוהמע מערע, וועלכע איז מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער געשטאָרבען פון שווינדזוכט. אַלס אַ יתומה האָט וויעראָטשקאַ — אַ מיידעלע מיט שוואַרצינקע אויגעלעך — אין מיר אַרויסגערופען רחמנות און אַ ספּעציעלען אינטערעס. איך האָב מיט איהר און מיט די אַנדערע קינדער

גערעדט אויף רוסיש, און איך האָב זיי מקנא געווען וואָס זיי קענען קיין וואָרט אידיש נים ריידען.

די דאַטשע איז געווען אַ גרויסע, און אַלץ האָט זיך דאָרטען געפיהרט ברייט און „אײראָפּעאיש“. זונטאג זיינען געקומען עטליכע געסט, און איינער פון זיי איז געווען דער באַריהמטער פּאָעט פרוג, אַ יונגער מאַן מיט אַ גלייכער, נים־דיקער פיגור און מיט אַ ווייסען, ליכטיגען, נים־עבט־אידישען פּנים. ער האָט ביי מיר געפּרעגט וועגען אונזער אינסטיטוט. דאָס איז אַלץ וואָס איך געדענק וועגען איהם.

עס פלעגט אויך אריינקומען אַ מעדאַליאָן־קינסטלער מיט'ן נאָמען גריליכעס, און אַ יונגער מאַן, וועלכער האָט דאַן געהאַט אַ היבשען נאָמען אַלס מיטארבייטער אין די רוסיש־אידישע וואָכען־בלעטער. ווי איך האָב באַמערקט, האָט מיין פּעטער און מיין מוהמע ליעב געהאַט אינטעליגענטע געזעלשאַפט.

דער פּעטער פלעגט מיר פאַר יעדען פאָרשטעלען אַלס דער זוהן פון זיין עלטסטער שוועסטער, און ער איז געווען שטאָלץ מיט דעם פאַקט, אַז זיינער אַ פּלימעניק, אַן אָרימער ווילנער אינגעל, האָט זיך אַליין ארויפגעארבייט אויף אַ אינטעליגענטען וועג. אַזוי איז געווען יעדעס מאָל ווען אויף דער דאַטשע זיינען געווען געסט. אָבער ער און די מוהמע פלעגען מיר שטענדיג מוסר'ן, פאַרוואָס איך בין אַ „פּראָווינציאַל“.

— אַ מערקווירדיגע זאַך מיט אונזערע ווילנער — האָט ער אַמאָל געזאָגט — זיי קענען ענדיגען צוואַנציג אוניווערסיטעטען, בלייבען זיי אַלץ פּראָווינציאַלען. די וואָס קומען פון קיעוו אָדער אָדעס זיינען גאַנץ אַנדערע מענשען. אויף זיי קען מען מיינען, אַז זיי זיינען פּעטערסבורגער.

איך האָב זיך געקליבען ביים אָנקעל צו בעטען אַ פּאָר הונדערט רובעל. עס איז מיר אָבער געווען נים אָנגענעהם דאָס צו טאָן, און איך האָב די אָפּעראַציע אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג.

יעדען אינדערפריה, נאָך פריהשטיק, בין איך מיט איהם געפאָהרען אין שטאָדט, און אין אָוועגד — צוריק אין אָזערקי.

אין שטאָדט האָט ער מיר געפיהרט עסען אין די בעסטע רעסטאָראנען, קריסטליכע און אידישע. דער בעסטער אידישער רעסטאָראַן אין פעטערסבורג איז דאָן געווען באראם׳עס, וואו עס פלעגען זיך צוזאמענקלייבען רייכע אידישע געשעפטסלייט. זיינען מיר דאָרטען געווען א פּאָר מאָל.

איינמאָל זאָגט ער צו מיר:

— איך זעה אויף דיין פּנים, אז דו דארפסט האָבען עטליכע רובעל. וואָס־זשע שעמסטו זיך? פּאָרט א פּראָווינציאַל!

ער האָט ביי מיר געפרעגט וויפיעל איך דאַרף. און איך האָב זיך געקלערט: „אויב ער באָט מיר אליין אָן, טאָ לאָמיך שוין בעטען וואָס מעהר“. אָבער ארויסגערעדט האָט זיך ביי מיר נאָך ווייניגער ווי איך האָב געדארפט.

— הונדערט און פופציג, — האָב איך געזאָגט.

נאָכהער האָב איך זיך געוואָלט אָפּבייסען דעם צונג.

ער איז מיט מיר געגאנגען אין „גאָסטינני ריאד“ קויפען א „אוטשיטעלסקי“ פראק. פארבייגעהענדיג זיינען מיר דורכגעגאנגען פארשידענע קראָמען פון דאמען־קליידער, אַלץ קריסטליכע, פאר וועלכע ער האָט געמאכט די פּאָזימענטעריי (טרימינגס). אומעטום האָט ער מיך פאָרגעשטעלט, זאָגענדיג מיט שטאָלץ, אז איך בין זיינער א פּלימעניק, און אז איך האָב אויסגעשטודירט אויף לעהרער.

איך געדענק ווי איך האָב זיך געקלערט: „א פּראָווינציאַל, און נאָך א קאָסאָקער דערצו, און דאָך איז ער שטאָלץ מיט מיר!“

מיר האָבען זיך געדרייט צווישען קלייטען פון מענער־קליידער, גרעסערע, קלענערע, ביז ער האָט געפונען „אוטשיטעל־סקי“ פּראַקען.

ווען איך האָב איינעם אָנגעמאָסטען האָט מיין אָנקעל זיך צולאכט אויפ׳ן קול:

— א גאנצער טשינאָווניק! דערלעבט יאָהרען, אַלטער אין א פראק מיט מעשענע קנעפּ!

איך האָב איהם בייז געענטפערט, אז אויב ער וועט מיט מיר אזוי ריידען, דארף איך ניט זיין פראק און זיין געלט.

ער האָט מיך שפּאַסיג איבערגעבעטען, און מיר האָבען צוגעקליבען אַ פּראָק, וואָס האָט מיר גוט געפּאַסט.

אין פּעטערסבורג האָט געוואוינט סאַקאַלאָוו׳ס אַ פאַר־הייראַטע שוועסטער און אַ אינגערער ברודער. סאַקאַלאָוו האָט מיר געגעבען זייער אַדרעס, און איך האָב זיי באַזוכט. סאַקאַלאָוו׳ס ברודער האָט מיר געוויזען פּעטערסבורג, און האָט מיט מיר פאַרבראַכט פילע שטונדען.

די ברייטע גאַסען מיט זייערע צייכען און צייכען פון רויטליכע מויערען; די שטראָמען אייראָפּעאיש־געקליידעטע אָדער רויט־באַהעמדעלטע פוס־געהער; די געפּאַקטע צוויי־גאָרענדיגע טראַמוויים; די ריזיגע קירכען, פּאַלאַצען, מאָנומענ־טען; די בריקען און די דאַמפּף־שיפלעך אויפ׳ן ברייטען טייך; די ווייך־גערעדטע רוסיש און דער סמאָלע אָטהעם — אַלץ אין איינעם האָט יעדע שעה טיפער געמאַכט דעם איינדרוק וואָס פּעטערסבורג האָט אויף מיר געמאַכט.

איך האָב געהערט, אָדער געלעזען ערגעץ וואו, אַז אַ גרויסע שטאָדט שטעלט מען זיך פאָר גרעסער און גרויסאַרטיקער ווי זי איז אין אמת׳ן, און אַז ווען מען קומט אַהין, איז מען ענטוישט. איך האָב זיך געפרעגט: „ביזטו ענטוישט?" און איך האָב זיך געענטפערט: „ניין! ניט אַ האָר!"

סאַקאַלאָוו׳ס ברודער האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַר אַ פּאָר סטודענטען־רעוואָלוציאָנערען, און אויך פאַר צוויי גרופּען אַר־בייטער, צווישען וועלכע ער האָט אָנגעפיהרט אַ פּראָפּאַגאַנדאַ. איין טאָג האָבען מיר כמעט אינגאַנצען פאַרבראַכט אויף אַ לאָדקע, שיפענדיג זיך איבער דער „ניעוואַ", און אין אָוועגד האָבען מיר געגעסען וועטשערע מיט אַ גרופּע אַרבייטער אויפ׳ן ברעג פון טייך.

איך בין ענטציקט געווען פון דעם ברידערליכען גייסט וואָס האָט עקזיסטירט צווישען זיי, און מיט דער ליבע וואָס זיי האָבען אַרויסגעוויזען צו סאַקאַלאָוו׳ן.

— ווי באַלד אַז די מאַסען זיינען שוין אַזוי נאָהענט צו

דער פראפאגאנדא, דאן דארף שוין לאנג ניט געדויערען, — האָב איך געזאָגט צו סאָקאָלאָוו׳ן.

איך האָב באזוכט דעם יעקאטערינינסקי קאנאל, וואו אלעק־סאנדער דער צווייטער איז געפאלען. ס׳איז דארטען געשטאנען א פּאָרלויפיגער דענקמאָל נאָך איהם. דערנאָך האָב איך בא־זוכט דעם פּלאַץ, וואו מען האָט געהאנגען אונזערע העלדען.

אין דער קונסט אקאדעמיע פון פּעטערסבורג האָט דאן גע־שטודירט מיין אלטער חבר יאנקעלע גאָלדבלאט. און מיט איהם האָב איך זיך אויך אָפט געזעהן. ער האָט מיר געוויזען די אקא־דעמיע, און ערקלעהרט פארשידענע בילדער. פאר דער צייט, וואס ער האָט פארבראכט אין דער הויפּט־שטאָדט, האָט ער געמאכט פיל פארטשריט אין זיין קונסט און אין אלגעמיינע ענטוויקלונג. און איך האָב פון איהם געהערט פילע זאכען, וואס זיינען פאר מיר געווען נייע און אינטערעסאנט.

דער יונגער סאָקאָלאָוו איז מיט מיר געגאנגען אויף דעם „אלעקסאנדראָווסקי רינאָק״, וואו עס זיינען דאן געווען קראָמען פון אלטע ביכער. אויף מיין לעהרער־שטעלע האָב איך געוואָלט האָבען א ביבליאָטעק. איינינגע ביכער האָב איך שוין אָנגעזאמעלט אין ווילנא, און דאָ האָב איך געוואָלט קויפען נאָך איינינגע.

מיר זיינען אריינגעקומען אין א קראָם און גענומען באקוקען די פּאָליצעס. באלד האָב איך דערזעהן צוויי בערג מיט אלטע „סאָווערע־מענניקס״ — דער זשורנאל פון וועלכען טשערנישעווסקי איז געווען דער רעדאקטאָר. איך האָב פאנאנדער גענומען די צוויי פּעק און געפונען — אן אמת׳ן אוצר! צוויי יאָהרגאנגען „סאָווערעמענניק״, וועלכע האָבען ענטהאלטען טשערנישעווסקי׳ס איבערזעצונג פון דזשאָן סטוארט מיל׳ס פּאָליטישע עקאָנאָמיע מיט זיינע באריהמטע נאָטיצען דערצו! אין דיזע נאָטיצען האָט דער באריהמטער דענ־קער, וועלכער האָט זיך איצטער געמאטערט אין געפענגניש אין די וויטע גענענדען פון סיביר, ארויסגעבראכט זיינע סאָציאַליסטישע געדאנקען. און פארשידענע אנדערע טייערע ארטיקלען האָבען די צוויי יאָהרגאנגען ענטהאלטען: ערצעהלונגען, קריטישע איבער־

בליקען, ערנסטע אָפּהאַנדלונגען איבער פּאָליטישע, עקאָנאָמישע אָדער כאַציאַלאָנישע ענינים. און עטליכע פון זיי האָבען געטראָגען נעמען וואָס זיינען אין די 60־ער יאָהרען ביי דעם פּאָרטגעשריטענעם יונגען דור פון רוסלאַנד הייליג געוואָרען.

נאָר איין באַנד האָט געפעלט. א גרויסער שאָדען, אָבער וואָס קען מען העלפען?

— וויפיל ווילט איהר דערפאַר? — האָב איך געפרעגט ביי דעם קרעמער מיט א טאָן פון גלייכגילטיגקייט, אַזוי ווי די צוויי יאָהרגאַנגען וואָלטען ביי מיר ניט געהאַט קיין ספּעציעלען ווערט.

— פערציג רובעל — האָט ער געענטפערט, אויך מיט א גלייכגילטיגער מינע.

עס איז דייטליך געווען, אז ער ווייס די ווערט פון די ביכער אַזוי גוט ווי איך.

אָבער פערציג רובעל איז אויך געווען א גרויסע מציאה. דאָך האָבען מיר זיך געדונגען. איך האָב אָפּגעדונגען אביסעל, באַצאָהלט דעם פּרייז, און אַוועקגעשלעפּט די מציאה אויף מיין פעטער׳ס פאַבריק.

13.
„איך פאַרלאַז ווילנא.

איך בין אָפּגעווען אין פּעטערסבורג דריי וואָכען.

ווען איך בין געפאָהרען צוריק אַהיים, און דער צוג איז צוגע־קומען נאָהענט צום שטאָדט, האָט ביי מיר די האַרץ געקלאַפּט, אַזוי ווי איך וואָלט דאַרטען ניט געווען פילע יאָהרען. איך בין געשטאַנען אויפ׳ן בריקעל פון מיין וואַגאָן, און געקוקט אַהין און אַהער, ווי א צוטומעלטער.

עס איז געווען א וואַרימער נאָכמיטאָג אין יולי. איך בין אַראָפּ פון וואַקזאַל און גענומען א איזוואָזשטשיק. ווען די דראָזש־קע איז צוגעפאָהרען צו אונזער שטוב, האָט מיין רויט־האָריגער ברודערל, וועלכער איז דאַן אַלט געווען וועניגער ווי זיבען יאָהר, זיך געשפּילט מיט חברים אויפ׳ן גאַס. ווען ער האָט מיך דער־

זעהן, האָט ער געגעבען אַ געשריי: „אָ, מיין ברודער!", איז צונעלאָפען צו מיר און אריינגעשפּרונגען אין מיינע אָרעמס.

עטליכע פון מיינע קרוזשאָק חברים האָבען יענעם זומער גע־האַלטען אַ קוואַרטיר נים וויים פון „זשעליעזנאַיאַ כאַמקאַ", און איך פלעג זיי דאָרטען באַזוכען. צו דערזעלבער צייט האָב איך זיך גע־גרייט צו מיין רייזע קיין וועליזש, אויף מיין שטעלע. די מאַמע האָט צונעפּערטיגט פאַרשידענע זאַכען און ארומגעפּאַדעט ארום מיר, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געגרייט מיר חתונה צו מאַכען.

ענדליך איז געקומען דער טאָג פון מיין אָפּפאָהרען. איך האָב זיך געזעגענט מיט מיינע רעוואָלוציאָנערע חברים, און בין אוועק אהיים, וואו אַלץ איז געוועזען פאַרטיג צו דער רייזע.

אונזער משפּחה איז נים געוואוינט געוועזען ארומצופאָהרען. זעלטען ווען אימעצער פון זיי האָט געהאַט אַ געלעגענהייט צו געברויכען דעם באַהן ווייטער ווי די כמאַנציע ווילעיקאַ, צו וועל־כער מען פלעגט צופאָהרען אין פופצעהן מינוט צייט. וויטעבסק האָט זיי געקלונגען ווי דער נאָמען פון אַ ווייטער שטאָדט. און דאָ דאַרף איך פאָהרען נים נאָר אין וויטעבסק, נאָר נאָך ווייטער! און איך פאָהר ווערען אַ זעלבסטשטענדיגער מענש, שפּילען אַ ראָלע, טראָגען אַ פראַק מיט מעשענע קנעפּ, און אַ הימעל מיט אַ קאָקאַרדע!....

אין זייערע געדאַנקען האָבען זיך געמאָלען פאַרשידענע איינ־דרוקספולע בילדער, און דער טאָג פון מיין אָפּרייזען איז געוועזען איינער פון די מערקווירדיגסטע טעג אין זייער ערפאַהרונג.

מיט'ן פאָטער בין איך שוין לאַנג געווען גוט־פריינד, און איצט האָב איך איהם געוויזען די וואָרימסטע אויפמערקזאַמקייט. ער, די מאַמע, די מוהמע, דער פעטער, מיט אַלע קינדער — אַלע האָבען מיר באַגלייט ביז ווילעיקאַ.

גראָד אין דעם זעלבען וואַגאָן איז געזעסען אברהם דוד דעם שטרייכער'ס עלטסטער זוהן, איסאַק ריטט, וועלכער האָט מיט אַ יאָהר צעהן צוריק געענדיגט ראַבינער־שוהל. זיין שטודיום אין די אוניווערסיטעטען האָט זיך פאַרצויגען, און איצט האָט ער גע־שטודירט אויף דאָקטאָר אין דער מיליטערישער מעדיצינישער

אקאדעמיע פון פעטערסבורג. ער האט געטראגען קליידער וועלכע זיינען געוועזן ענליך צו דער „פארמע” פון אן אפיצער. אין וואגאן האט מיין מוהמע מיט איהם געשמועסט, האט מיין מאמען פארדראסען פארוואס ער ציהט אפ די אויפמערקזאמקייט פון מיר. און זי האט געשיקט בייזע סיגנאלען צו מיין מוהמען.

די קינדער האבען זיך ארום מיר ארומגעדרעהט, פארווארפען מיר מיט פראגען, וועלכע איך האב קוים געהערט. די מאמע האט מיר געקוקט אין די אויגען און געשוויגען.

ענדליך איז דער צוג אנגעקומען אין ווילעיקא. נאר איין מינוט איז ער געשטאנען. מען האט זיך געקושט, געהאלזט. די מאמע האט געוויינט. די מוהמע האט געוויינט. די קינדער זיינען ארומגעשפרונגען ארום מיר.

איך האב זיך קוים ארויסגעריסען און ארויפגעשפרונגען אויפ'ן צוג.

דער צוג האט זיך גענומען ריהרען. דורכ'ן פענסטעריל האב איך געקוקט ווי די מאמע שטעהט א בלאסע. איך בין געווען ווי אין א הינער־פלעט.

איך האב זיך אבער געמאכט פאר א כוואט, געפאכט מיט מיין פאטשיילקע פון ווייטען און כלומר'שט געשמייכעלט.

„

נײנטער קאפּיטעל.

מײן לעצטער װינטער אין רוסלאנד.

.1

אין װעליזש. — אונזער פּרינסיפּאַל. — צילשטײן.

צוזאַמען מיט מיר איז, אַלס לעהרער פון דער װעליזשער נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע (אָנפאַנגס־שול), באַשטימט גע־װאָרען מײן קלאַס־חבר אָסיפּ צילשטײן, און מיר זײנען אויף דער שטעלע געפאָהרען צוזאַמען. די װאַקאַציע האָט זיך נאָך ניט געענדיגט; מיר האָבען אָבער באַדאַרפט אָנקומען אין װעליזש מיט אַ װאָך פריהער װי די שול װעט זיך עפענען.

פון װילנא זײנען מיר נאָך עטליכע שטונדען רײזע מיט'ן באַהן געקומען קײן דינאַבורג *); און פון דאָרטען, נאָך אַ גאַנצער נאַכט פאָהרען, אויך מיט'ן באַהן, האָבען מיר דערגרײכט װי־טעבסק.

אַ אינסטיטוטשיק מיט'ן נאָמען בראַנזבורג, װעלכער איז יענעם זומער אַריבערגעגאַנגען פון דריטען קלאַס אין פערטען, האָט אונז באַגעגענט אויפ'ן װאָקזאַל און ער האָט אונז געװיזען די שטאָדט. ער איז געװען אַ װיטעבסקער און איז דאַן געװען בײ זײנע עלטערען אויף װאַקאַציע. ער איז געװען אַ לעבעדיגער, װיציגער יונג, און מיר האָבען גאַנץ אַנגענעהם פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג.

פון װיטעבסק קײן װעליזש איז קײן באַהן ניט געװען. מיר זײנען געפאָהרען מיט פּאָטשטאָװע פערד. דער װעג האַלט איבער 80

*) שפּעטער האָט מען די שטאָדט אַ נאָמען געגעבען דװינסק.

וויאָרסט, און אַלע צוואַנציג וויאָרסט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט בייטען די פערד. אין סך־הכל האָט דיזער טייל פון דער רייזע געדויערט אַ גאַנצען טאָג.

דער לעצטער בעל־עגלה, אַ קריסט, האָט געקענט נאָכמאַכען דעם געשריי פון אַ וואָלף, און מיט דעם האָט ער אַזוי געשראָקען די פערד, אַז זיי זיינען געפלויגען ווי פאַרכאַפּטע.

מיר זיינען אָנגעקומען ביינאַכט.

פריהער איז אין וועליזש פאַר אידישע קינדער געווען אַן אור־טשילישטשע פון דעם אַלטען טיפּ. די נאַטשאַלנאַיע אוטשי־לישטשע האָט זיך איצט געדאַרפט עפענען — מיט דריי לעהרער. אַ חוץ אונז צוויי, איז געווען אַ פאַרוואַלטענדער לעהרער, און ער איז געקומען מיט אַ פּאָר וואָכען פריהער פון אונז, אַלץ צו אָר־גאַניזירען. זיין דירה איז געווען צוזאַמען מיט דער שול.

מיר האָבען באַשלאָסען אַריינצופאָהרען אין אַ גאַסט־הויז און צו מעלדען זיך צו איהם ערשט מאָרגען אין דער פריה.

מיר זיינען געווען מיד פון וועג און זיינען געגאַנגען שלאָפען גלייך נאָך וועטשערע.

ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָט אונז דורך די פענסטער באַגריסט אַ געדיכטע בלאָטע מיט גרויסע לו־זשעס — אַ בילד, צו׳וועלכען מען איז אין ווילנאַ ניט געוואוינט געווען, אפילו אויף פּלאַשטשאַדקע. עס איז אונז געוואָרען גאַנץ קאַלעמוטנע אויפ׳ן הארצען.

נאָך פריהשטיק האָבען מיר אָנגעטאָן אונזערע נייע מאַנטלען (מיין פּאַלטאָ איז געווען פון שאָקאָלאַד קאָליר, און צילשטיין׳ס אונגעפעהר פון אַן עהנליכען קאָליר). אויף די קעפּ האָבען מיר אָנגעטאָן — צום ערשטען מאָל — אונזערע בלויע היטלען מיט די קאָקאַרדעס, און מיר זיינען אַרויס אין גאַס. די היטלען זיינען געווען ברייטע, פון בלויען געוואַנט, און אַרום און אַרום האָבען זיי געהאַט אַן „אָקאָלישאָק״ פון בלויען סאַמעט. די קאָקאַרדע — אַ מעטאַלענער „בערגש״ מיט שטראַ־לען אַרום אַ קייקעלע — איז געווען צוגעטשעפּעט פון פאָרענט איבער דעם סאַמעטענעם רייף.

די אכסניה איז געווען אין מיטען שטאָדט, אויפ'ן מארק; דאָך האָבען מיר געהאַט אַ שווערע יאַזדע אריבערצושפּרייזען לו־זשעס און זומפּען, איידער מיר זיינען „בשלום“ אריבערגעקומען אויף דער אנדערער זייט, וואו אונזער אוטשילישטשע האָט זיך געפונען.

פון יעדער קראָם איז מען ארויסגעלאָפען קוקען אויף אונז.

די אוטשילישטשע איז געווען אין רעכטען מיטען פון דעם האנדעלס־צענטער, אויף דעם צווייטען עטאזש, איבער אַ צייל קראָמען.

אונזער „זאַוויעדוויושטשי“, דאָס הייסט, דער פּארוואַלטענדרער לעהרער (פּרינסיפּאַל) איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, ניט קיין הויכער, אַ דיקליכער, מיט רויטע באַקען, ניט קיין מיאוס'ער, זאָגאר אַ שעהנער, אָבער אָהן חן און אָהן גייסטיגען טעם אין זיין אָנבליק.

ער האָט אויך געענדיגט דעם ווילנער לעהרער־אינסטיטוט. דאָס איז אָבער געווען מיט פיר יאָהר פריהער; ער איז אהין אָנגעקומען, ווען דער אינסטיטוט האָט זיך געעפענט. די גאַנצע פיער יאָהר איז ער געווען דער בעסטער שילער אין זיין קלאַס, און אַלס דער בעסטער שילער האָט ער אויך געענדינט (אין דעם זומער, ווען מיך און צילשטיינ'ען האָט מען ארייננענומען אין ערשטען קלאַס).

ער האָט געהאַט פעהיגקייטען צו לערנען אוראָקען און צו באַקומען גוטע אטמיעטקעס, אָבער נאָר צו דעם. איך און ציל־שטיין זיינען געווען ווייניגסטענס מיט פיר יאהר איננער ווי ער. דאָך זיינען מיר ערשטוינט געוואָרען פון זיין אונענטוויקעלטקייט און רויקייט.

ער איז געווען אַ טשינאָווניק, מיט אַ טשינאָווניקשע נשמה, און ער איז געווען אַ תקיף ביי דער נאַמשאַלסטוואָ פון די פּאָלקס־שולען, פונקט ווי מיט פיר יאָהר פריהער איז ער געווען אַ תקיף ביי די לעהרער פון אינסטיטוט.

ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שעהנער מיידעל, וועלכע האָט איהם געבוירען אַ שעהנעם אינגעלע. זיי, זיין באַלעבאַטישקייט

און זיין געלט זיינען געווען זיין גאנץ לעבען. ער פלעגט אליין געהן אויפ'ן מארק קויפען אייער, קארטאפעל, בוריקעס; און ער פלעגט זיך פאר אונז שטענדיג באריהמען מיט די מציאות, וואס ער האנדעלט איין. ער איז געווען קארג, כיטרע, קליינליך און אבערגלויביג.

קיין בוך האט ער קיינמאל אין האנט ניט גענומען. איהם וואלט זיך פיל בעסער געפאסט צו זיין א קרעמעריל אדער א מעקלעריל ווי א לעהרער.

צילשטיין — א שלאנקער און זעהר א דונקעלער — האט געהערט צו א גאנץ אנדער טיפ. ער איז ניט געווען ניט קארג, ניט כיטרע און ניט קליינליך. ער האט ליב געהאט צו לעזען און ער האט געהאט א שעהנעם סטיל אין שרייבען. איך האב שוין דערצעהלט וועגען זיין אנגענעהמער שטימע און אנגענעהמען זינגען; אויך וועגען זיין ציכטיגקייט און פינקטליכקייט. ער איז געווען גענייגט צו זיין עלעגאנט און ראמאנטיש. איך גלויב, אז ער וואלט זיך געפאסט צו א קינסטלערישער קאריערע, אלס זינגער, קאמפאזיטאר אדער פיאניסט אפשר.

איך האב איהם געקענט פון קינדרוויז אויף, ווארים די פרוי פון מיין אמאליגען רבי'ן, חאצקעל, איז געווען זיין שוועסטער, און זיינער א ברודער, וועלכער איז שפעטער ווירקליך געווארען אן אפערא־זינגער, האט ביי חאצקל'ען געלערענט מיט מיר צו־זאמען.

ער האט געענדיגט מיט בעסערע „אטמיעטקעס", ווי איך, און זיין שטעלע האט זיך גערעכענט פאר א בעסערע ווי מיינע. ער איז געווען לעהרער פון דעם צופערטיגונגס־קלאס, און איך — „אונטער־לעהרער" צו דעם פארוואלטער איבער די דריי העכערע אטריעליעניעס (אפטיילונגען, גריידס). איך האב געלערענט מיט די זעלבע אינגלעך ווי דער פארוואלטער און די זעלבע געגענ־שטאנדען ווי ער. ער האט מיר זאגאר איבערגעגעבען די העכסטע טיילען אין אריפמעטיק, אין גראמאטיק, אדער אין ביידע. אבער גערעכענט האט זיך צילשטיינ'ס שטעלע פאר דער העכערער און ער האט באקומען מעהר געהאלט ווי איך

(איהם האט מען, דאכט זיך, געצאלט צעהן רובעל א וואך און מיר — אכט).

דערפאר האט ער געדארפט אליין דינגען א דירה, און מיר איז געקומען א קווארטיר אין דער אוטשילישטשע. אונזער פאר־וואלטער האט אבער אלע גוטע צימערען צוגענומען פאר זיך און מיר האט ער איבערגעלאזען א שמאלינסקען קאמערעל, גלייך לעבען די קלאסען; האב איך באשלאסען דארטען צו בלייבען נאר א פאר וואכען און האב אפגעמאכט מיט צילשטיין'ען צו באזעצען זיך צוזאמען ערגעץ־וואו, אזוי שנעל ווי מיר וועלען געפינען א פאסענדע קווארטיר. אין בעסטען פאל וואלט איך אויף דער קאזיאנער קווארטיר ניט געהאט די פריוואטקייט און פרייהייט, וואס מיר וואלטען געפונען אין א זעלבסטשטענדיגער וואוינונג.

עס איז מיר שווער געווען זיך צוצוגעוואוינען צו דער קליינ־שטעדטעלדיגקייט פון וועליזש. אבער דאס איז ניט געווען דער איינציגער חסרון.

וועליזש איז געווען א טיף־חסידישע און א טיף־„פאנאטישע" שטעדטעל. פון אזא געדיכטען וואלקען פון אבערגלויבען האט מען אין ווילנא דאן שוין ניט געוואוסט. צום ביישפיל: א מאן האט ניט געטארט געהן שפאצירען מיט זיין אייגענער פרוי. מען וואלט זיי ערקלערט פאר אויסגעלאסענע. און דער דאזיגער גייסט האט זיך געלאזט פיהלען אין דעם גאנצען טעגליכען לעבען.

ניט ווייט פון וועליזש געפינט זיך די דאמאלסדיגע חסידישע הויפט־שטאדט, ליבאוויץ, און וועליזש איז דורכאויס געווען אונ־טער דער הערשאפט פון דעם ליבאוויצער רבי'ן.

אבער ניט דוקא אין באצוג צו דעם רעליגיעזען לעבען איז וועליזש געווען אנדערש ווי אונזער מתנגד'ישע ווילנא. דער אונ־טערשיד האט זיך געלאזט מערקען אין פילע אנדערע זאכען אויך. די הארטע „ריש'ען" פון יענעם געגענד מיט פילע ווער־טער און אויסדרוקען, וועלכע ווערען ניט געברויכט ביי אונז, האָ־בען מיר געגרילצט אין די אויערען. ווען איך פלעג הערען, ווי מען זאגט „בריק" אויף א פאדלאגע, פלעגט דאס מיר זיין שווער צו פארטראגען. עהנליכעס איז געווען מיט דעם וועליזשער ארט

סאָכען. עס איז מיר ניט לייכט געווען זיך צוצוגעוואוינען צו דעם.

די קריסטען זיינען אויך גאַנץ אַנדערע ווי אין ווילנא. זיי זיינען ביעלאָרוסען. אמת, אַ געוויסער טייל פון דער ווילנער באַפעלקערונג באַשטעהט אויך פון ביעלאָרוסען. אין ווילנא זיינען אָבער געווען אַ סך פּאָליאַקען. דער ניט־אידישער עולם האָט מייסטענס גערעדט פּויליש. אין וועליזש, ווידער, האָט מען קיין פּוילישען וואָרט ניט געהערט. אַ חוץ דעם: וועליזש איז גאַנץ נאָהענט צו גרויס־רוסלאַנד; אַלזאָ, איז די שפּראַך פון דער דאָרטיגער באַפעלקערונג נעהנטער צו עכט־רוסיש; און די מאַסען קליידען זיך אויך עכט־רוסיש. זונטאָג פלעגט דער מאַרק פּשוט פלאַמען פון רויטע העמדלעך. די דאָזיגע רוסישקייט איז מיר גראָד געווען צום האַרצען; זי האָט אָבער צוגעגעבען צו דעם אונטערשיד צווישען וועליזש און ווילנא און צו דער פרעמדקייט פון דער שטאָדט.

די ערשטע צייט האָב איך שטאַרק געבענקט אַהיים.

2.

ניט קיין געראָטענער מפטיר. — די דווינאַ. — וואַלד־הענדלער. — באַקאַנטשאַפט צווישען אידען. — אידישע גבירים. — מיינע שילער.

דער כלל פון די נייע רעוואָלוציאָנערען איז געווען זיך צוזאַמענצומישען מיט דער שטאָדטישער געזעלשאַפט, כדי צו קענען האָבען אַן איינפלוס אויף איהר. דעריבער האָב איך זיך באַשלאָסען עטליכע מאָל צו געהן דאַווענען אין שוהל, אלס אַ מיטעל באַקאַנט צו ווערען מיט מענשען.

אין אַ געוויסען שבת, אַלזאָ, דעם צווייטען אָדער דעם דריטען, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין וועליזש, בין איך אַוועק אין דעם וויכטיגסטען בית־המדרש פון שטעדטעל. צילשטיין איז אויך געגאַנגען.

קיין „מוז" איז ניט געווען. די פּאַרצייטיגע פרומקייט פון וועַ־

ליזש האָט צו אונז קיין שייכות ניט געהאט. אויב מיר, די „גע־שטודירטע", די „אוטשיטיעלעס", וואָלטען זיך אין שוהל קיינמאָל ניט באוויזען, וואָלט מען אויך ניט איבערראשט געווען. וואָרים מען האָט אויף אונז געקוקט ווי אויף גוים.

ווען מען האָט אונז דערזעהן אין בית־המדרש, האָט מען אונז אויפגענומען, ווי גוטע געסט. מען האָט אונז געגעבען בכבוד'ע „שטעדט" און מכבד געווען צילשטיינ'ען מיט א „פע־טער" עליה און מיך — מיט מפטיר.

די עברי האָב איך געזאָגט, ווי עס באדארף צו זיין; אָבער מיט'ן טראָפּ איז געווען צרות. פריהער האָב איך געהאט מפטיר נאָר איין מאָל, און דאָס איז געווען צו בר־מצוה, דאָס הייסט מיט אכט יאָהר צוריק. און אין די לעצטע זעקס־זיבען יאָהר בין איך פון שוהל־צערעמאָניעס איבערהויפּט אָפּגעוואוינט געוואָרען. קורץ, עס איז ניט געגאנגען. איך בין צוטומעלט געוואָרען און גענומען פאלשעווען, מורמלען הינטער די צייהן.

און דאָ הערט דער עולם זיך צו צו מיין יעדען וואָרט, צו מיין יעדען טאָן!

דער פנים האָט ביי מיר געפלאמט. איך האָב קוים דער־לעבט צו ענדיגען; און דערנאָך האָב איך זיך געשעמט צו קוקען די באלעבאטים אין די אויגען.

אויף מאָרגען באגעגענט מיך א יונגערמאן, א משכיל, מיט וועלכען איך בין שוין געווען באקאנט. ער האָט נעדאווענט אין אן אנדער קלויז; ער האָט אָבער געהערט וועגען מיין נעכטיגער ערפאהרונג.

— וואָס מאכט איהר, פאניע קאהאן? — זאָגט ער צו מיר מיט וואויל־יונגישער חבר'שאפט — איך האָב געהערט, איהר האָט נעכטען אָפּגעשטעפּט א מפטיר, אז ס'איז געווען וואָס צו הערען!

ער האָט דאָס געזאָגט אין אזא טאָן און מיט אזא שמייכעל אין די אויגען, אזוי ווי זיינע ווערטער וואָלטען געהאט א דאָ־פּעלטען פּשט: ערשטענס, א קאָמפּלימענט, וואָס איך בין אזוי ווייט פאָרטגעשריטען אין בילדונג און אפיקורסות, אז איך קען קיין מפטיר ניט לייענען; און צווייטענס — אן אפּלאכעניש פון

מיר, סאַרוואָס איך בין אזא עם־הארץ, אז איך קען קיין מפטיר ניט לייענען.

זיין „אָפּגעשטעמפּט א מפטיר" האָט מיר לאַנג געשטאָכען אין די אויערן.

מעהר בין איך דאַוונען ניט געגאַנגען. און וואָס אנבאַטרעפט באַחאַנט־שאַפטען, האָב איך זיי טיי־ווי־פיי געמאַכט.

דער וויכטיגסטער מסחר פון וועליזש איז געווען מיט וואַלד. דאָס שטעדטעל שטעהט אויף דער דווינא, וועלכע געהט פון איהר קיין וויטעבסק, פון וויטעבסק קיין דינאַבורג (דווינסק) און פון דינאַבורג קיין ריגא, וואו זי פאַלט אריין אין ים. איבער דער דווינא, אלזא, פלעגען געהן די פליטען פון וועליזשער וואַלד־סוחרים קיין ריגא. דעם נאָמען ריגא האָט מען געהערט טויזענט מאָל א טאָג.

די רייכע וועליזשער באַלעבאַטים זיינען געווען וואַלד־הענדלער, און די רייכסטע פון זיי זיינען געווען די בערלינס און די זאַרכים.

די וועליזשער האָבען ליב געהאַט זיך צו באַריהמען אז „חיים בערלין פאַרמאָגט מעהר לאַנד, ווי דער קעניג פון דענמאַרק". געשטאַנען אָבער האָט דער דאָזיגער חיים בערלין אויף א גאַנץ פאַרציינזיגען שטייגער. דער קוטשער פון זיין קאַרעטע איז געווען א איד'על מיט געקרייזעלטע פּאות און מיט א יאָר־מולקע אונטער'ן היטעל. אמאָל, ווען ער האָט געוואַרט אויף זיין באַלעבאָס, אויף די קאָזלעס פון דער קאַרעטע, האָב איך גע־זעהן, ווי ער האַלט א תהלים און זאָגט גאַנץ געשמאַק א קאַפּיטעל.

איינע פון די זאַרכי באַלעבאָסטעס האָט מיך איינגעלאַדען צו געבען איהר בן־יחיד אוראָקען. איך בין געקומען און האָב גע־פונען א שטוב פול מיט מיטעל־אַלטערישער אונוויסענהייט און ווילדקייט. דער זוהן, א „בחורעץ" פון א יאָהר פופצען, זעכצען, האָט מיר אריינגערופט א מיטוגענעם שלום־עליכם און האָט זיך געזעצט ניט אנדערש ווי מיט מיר אויף איין שטוהל. ווען עס

איז געקומען צו דעם פּרייז, האָט די „מיליאָנערסקע" מאַמע זיך גענומען דינגען, ווי זי האָט זיך מסתמא געדונגען מיט אַ פּויער איבער אַ וואָגן האָלץ. דער סוף איז געווען, אַז איך האָב גע־זאָגט עפּעס אַ תּירוץ און בין אַוועק.

דאָך קען מען ניט זאָגן, אַז אַלע וועליזשער גבירים זײַנען געווען אויסגעגאָסן אין דעם זעלבן פֿורעם. עס זײַנען געווען אײניגע אויסנאַמען, און צווישען זיי איז געווען אַ משפּחה מיט'ן נאָמען באַס — אויך וואַלד־הענדלער. זייער שטוב האָט זיך גע־פֿיהרט גאַנץ מענשליך און צימליך־היינטיג.

מיט אַ קורצער צייט, איידער מיר זײַנען געקומען קיין וועליזש, האָבען זיי חתונה געמאַכט זייער אײנגערע טאָכטער — אַ שעהנע שוואַרץ־חנ'עוודיגע מיידעל — פֿאַר אַ גאַנץ אינטעלי־גענטען יונגענמאַן (פֿון פּינסק, דאַכט זיך). דער איידעם איז געווען ניט קיין נאַרישער מענש, אַ טאַקטפֿולער און אַ פֿאָרט־געשריטענער, און ער איז געווען געקליידט פֿולשטענדיג אייראָ־פּעאיש. צילשטיין און איך זײַנען מיט איהם באַפֿריינדעט גע־וואָרען, און מיר פֿלעגען אָפּט אַרײַנקומען אין זייער שטוב.

איין פּריוואַט אוראָק האָב איך יאָ געקראָגען — צו לערנען מיט אַ ווילנער יונגענמאַן, װעלכער איז געווען אַן איידעם אויף קעסט אין וועליזש. ער איז געווען אַ האַלבער אינטעליגענט און אַ גאַנץ אַנגענעהמער שילער.

נאָך אַ פּאָר איידעמס זײַנען געווען, מיט וועמען מען האָט געקענט ריידען. און זיי אַלע האָבען זיך געקלעפּט צו אונז.

אַזוי לאַנגוויילינג ווי פֿריהער איז שוין ניט געווען. אין אַל־געמיין אָבער האָט דער וועליזשער לעבען אויף מיר נאָך אַלץ געמאַכט אַ שווערען אײנדרוק. און פֿון מײַנע ערפֿאַהרונגען אין דער אוטשילישטשע איז ער לייכטער ניט געוואָרען.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען די אוראָקען אין די קלאַסען.

די שילער זײַנען געווען קליין־שטעדטעלשע חסידישע אינג־לעך מיט גרויסע פּאות. אָבער נעמען האָבען זיי געהאַט עכט־רוסישע, אַזוי ווי אויף שפּאַס. איך רוף, למשל, אויס דעם באַ־

ריהמטען רוסישען נאָמען „לאמאנאָסאָוו“, און שטעלען שטעלט זיך אנידער א צוועלף־יעהריגער חסיד׳ל מיט א נאָז, וואָס דאַרף נויטיג האָבען א פאטשיילקע.

פארש־דענע איינצעלהייטען פון דיזען מין האָבען שלעכט געווירקט אויף מיין געמיט. איך פלעג זיך אָפט פיהלען אונגליקליך. „צי דען בין איך פאראורטיילט אזוי צו פארברענגען א יאָהר נאָך א יאָהר?“ — פלעג איך זיך פרעגען אין פארצווייפלונג.

מיין בעסטער צייט־פארטרייב איז געווען זיך פאָרצושטעלען, אז עס איז שוין נאָהענט צו פסח, און מען לאָזט אונז פאָהרען אהיים אויף יום־טוב.

.3

הענריך יאצקעוויטש. — אונזער דירה. — א באַזוך אין נעוועל. — איסאַק מעערסאָן. — צוויי מעדוועדיעווס.

אין א פריהערדיגען קאפיטעל איז דערמאָנט געוואָרען א שילער פון דעם קריסטליכען לעהרער־אינסטיטוט, וועלכער האָט געהערט צו אונזער „העוואָלוציאָנערען „קרוזשאָק“. דיזער קריסט האָט גראָד געהאט א חבר אין וועליזש — א רוס מיט׳ן נאָמען מעדוועדיעוו, וועלכען ער האָט מיר רעקאָמענדירט אלס איינעם פון „אונזערע“. מעדוועדיעוו איז אויך געווען אַן אינסטיטוטשיק. ער איז אָבער געבליבען אויף א יאָהר אין דער היים, צוליב דעם שלעכטען צושטאנד פון זיין געזונט.

וועליזש שטעהט אויף דער דווינא, וועלכע צושניידט איהר אויף „די גרויסע זייט“ און „די קליינע זייט“. ווינטער, ווען דער טייך שטעהט, געהט מען פון איין זייט אויף׳ן אנדערען אריבער צו־פוס. זומער געהט א „פראָם“. אונזער אוטשילישטשע איז געווען אויף דער „גרויסער זייט“, און מעדוועדיעוו האָט זיך אויפגעהאלטען אויף דער „קליינער זייט“, ביי א זיידען, וועלכער האָט דאָרטען געהאט א געשעפט.

איך האָב זיך אהין אריבערגעשיפט מיט׳ן „פראָם“. דער

זיידע — אַ רוסישער קופּיעץ פון דעם געוועהנליכען טיפּ — האָט מיר ערקלערט, אַז זיין אייניקעל איז אויף אַ געוויסער צייט אוועק־געפאָהרען אין אַ דאָרף. ער האָט מיך אָבער אַזוי גיך ניט אוועק־געלאָזען. ער האָט מיר געגעבען כיבוד און גאַסטפריינדליך גע־שמועסט מיט מיר וועגען אונזער אוטשילישטשע און וועגען ווע־ליזש אין אַלגעמיין. צו זיין אַ גאַסט אין אַזאַ שטוב, איז פאַר מיר געווען אַן אינטערעסאַנטע נייע ערפאַהרונג.

איך בין געווען שטאַרק ענטוישט פון זיין אייניקעל׳ס אָפּוועזענהייט, אָבער דער שיקזאַל האָט מיך דעם זעלבען טאָג באַפריי־דיגט מיט אַן אנגענעהמען סורפּריז, וועלכער האָט געפיהרט צו אַנדערע ווילקאָמענע באַקאַנטשאַפטען.

צילשטיין און איך זיינען געגאַנגען באַקוקען אַ קוואַרטיר. דאָס איז געווען אַ „פליגעל" (אַ קליינע געביידע, וועלכע געהערט צו דעם הויפּט־בנין), דאָס אייגענטום פון אַן אַלטען דאָק־טאָר מיט׳ן נאָמען יאַצקעוויטש. יאַצקעוויטש איז געווען דער באַלעבאָס פון דער אוטשילישטשע געביידע, פון די קראָמען אונ־טער איהר און פון אַ פּאָר אַנדערע געביידעס אויפ׳ן מאַרק. זיין אייגענע דירה אָבער איז געווען אַנדערשוואו — אויף אַ שטילער גאַס פון הילצערנע הייזער און גערטנער, אין מיטען פון אַ הויף מיט אַ סאָד; און דער „פליגעל" איז געשטאַנען צו דער גאַס.

ווען מיר זיינען געקומען, האָט ער אונז ערקלערט, אַז אויף דער קוואַרטיר, וואָס ער וויל אונז פאַרדינגען, וואַרט צייטוויי־ליג זיין זוהן, העניך, וועלכער האָט אָקאָרשט געענדיגט די ווי־טעבסקער גימנאַזיע און קלייבט זיך צו פאָהרען אין אוניווער־זיטעט. ער האָט אונז געוויזען דריי צימערלעך מיט אַ בוידעם. דאָס איז געווען דער גאַנצער „פליגעל". די צימערלעך זיינען אָבער געווען שעהן און באַקוועם.

אויפ׳ן טיש און אויפ׳ן קאָמאָד זיינען געלעגען פאָטאָגראַפי־שע בילדער פון ראַדיקאַלע שרייבער און דענקער, ווי פיסאַרעוו, דאָבראָליובאָוו און לאַסאַל.

— קען דאָס זיין, אַז דער העניך איז איינער פון „אונזע־רע"? — האָב איך זיך געפרעגט אין אַ תענוג׳דיגער איבעררא־

שונג. אז ער איז ראַדיקאַל געשטימט — װעגן דעם האָט קיין פראַגע ניט געקענט זיין.

שפּעטער, װען דער פּאָטער האָט אונז פאָרגעשטעלט הענ־ריך'ן, האָט זיין אויסזעהן — אַ בלאָנדער, מיט אַן אינטערעסאַנטען, בלאַסליכען, זעהר אינטעליגענטען פּנים — פאַר מיר באַשטעטיגט דעם איינדרוק, װאָס די בילדער האָבען אויף מיר געמאַכט.

אונזער געשפּרעך איז צוערשט געװען זעהר אַ פאָרזיכטיגער. ביסלעכווייז אָבער האָבען מיר ביידע דערפיהלט, אַז מיר קענען זיך געטרויען. און מיר האָבען גענומען ריידען אָפענער.

ער איז געװען אַ מיטגליד פון דעם װיטעבסקער „קרוזשאָק".

איך האָב איהם געוויזען מיינע „סאָװרעמענניקס" און אַ פּאָר נומערען „נאַראָדנאַיאַ װאָליאַ", װאָס איך האָב מיטגענומען פון װילנא; און ער האָט מיר געוויזען אַ פאָטאָגראַפישען בילד פון טשערנישעװסקי'ן און אַן אונטער־ערדישען ביכעל, װעלכער האָט כלומר'שט ענטהאַלטען אַ רעליגיעזע דרשה*). די דרשה איז געװען אַ רעװאָלוציאָנערע און זי איז געװען געשריבען אין אַ פּוי־ערשער שפּראַך; װאָרים דאָס ביכעל איז געװען ספּעציעל גע־דרוקט אויף צו פאַרטיילען אין די דערפער.

די נעקסטע, עטליכע טעג האָב איך גאַנצע נאָכמיטאָגס און אָװענדען פאַרבראַכט מיט הענריך'ען.

איידער דער יונגער יאַצקעװיטש איז אָװעקגעפאָהרען (קיין װאַרשע), האָט ער אונז אָװעקגעפיהרט קיין סיװעץ, אַ מאַיאָנטעק, זיבען װיאָרסט פון װעליזש, װאו ער האָט אונז פאָרגעשטעלט פאַר אַ ראַדיקאַלער פּריצישער פאַמיליע מיט'ן נאָמען לאַכאָװ.

װען הענריך איז אָװעקגעפאָהרען, האָבען מיר זיך איבערגע־קליבען אין דעם „פליגעל". אַ קליינינקע הייזעל, אָבער דאָך אַ גאַנץ הויז פאַר זיך. מיר האָבען זיך מיט איהר געפרעהט, װי אַ אינגעל מיט זיין ערשטער פּאָר הויזען.

---

*) דער נאָמען פון דעם ביכעל איז געװען „סלאָװאָ װז' װעליקי פּיאַטאָק", דאָס הייסט, אַ דרשה אין דעם פינפטען פרייטאָג פון דעם גרויסען פאָסט.

איך האָב פאַנאַנדערגעלייגט מײנע ביכער. די 23 נומערען פון טשערנישעווסקי׳ס „סאָווּרעמעננניק“ זיינען געווען די פּערל פון מיין ביבליאָטעקל.

אָפּיציעל זיינען די אַלטע נומערען פון דעם זשורנאַל פאַר־באָטען קיינמאָל ניט געווען. עס איז זיי סתם געווען שווער צו קריגען; און אין די ביבליאָטעקען פלעגט מען זיי צום לעזען ניט אַרויסגעבען. אין אַ גרויסער שטאָדט איז צו האַלטען אַזעלכע ביכער געווען ניט קיין זיכערע זאַך. זיי וואָלטען געצויגען אויפ־מערקזאַמקייט און ערוועקט אַ חשד, אַז איהר זייט פון „יענע“. אָבער אַז אין אַ פאַרוואָרפען שטעדטעל, ווי וועליזש, זאָל די פּאָ־ליציי און די זשאַנדאַרמעריע האָבען אַן ענטוויקעלטען חוש אויף אַזעלכע זאַכען — דאָס האָט זיך ניט געגלויבט. אַלזאָ, האָב איך זיי אויסגעלייגט אין איינעם פון די אָפענע שופלאָדען פון דעם קאָמאָד, וואָס האָט מיר געדינט פאַר אַ בוך־אַלמער.

הענריך יאַצקעוויטש האָט מיר איבערגעלאָזען זיין פאָטאָ־גראַפישען בילד פון טשערנישעווסקי׳ן און דעם „דרשה“־ביכעל. דאָס און מיינע צוויי נומערען „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ האָב איך, נאַטירליך, געהאַלטען אין אַן אַנדער פּלאַץ.

איך האָב געלעזען פאַרשידענע אַרטיקלען אין די „סאָווּרע־מעננניקס“ און איך האָב אָנגעהויבען צו לערנען פראַנצויזיש.

די צייט איז געווען פאַרנומען; דאָס לעבען איז געוואָרען ברייטער און אינטערעסאַנטער. אָבער די בענקעניש אַהיים האָט די ערשטע צייט אַלץ ניט אויפגעהערט, און דעריבער זיינען מיר אויף סוכות — אונגעפעהר זעקס וואָכען נאָך אונזער קומען קיין וועליזש — געפאָהרען צו גאַסט צו אונזערע צוויי חברים פון דעם אינסטיטוט, אונזער „זיידע“ טראָצקי און יונאָוויטש, וועלכע האָבען געהאַט לעהרער־שטעלעס אין נעוועל, אויך וויטעבסקער גובערניע.

נעוועל איז אַזוי גרויס ווי וועליזש און האָט געהאַט דעם זעל־בען חסידישען און קליין־שטעדטעלשען כאַראַקטער. אונזער באַ־זוך איז דאָרטען דעריבער געווען אַ סענסאַציע.

מען האָט אונז איינגעלאַדען אויף מאַלצייטען, וועטשערינ־קעס. עס האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה פון הוליאַנקעס. אוים'ן גאס איז מען נאָך אונז נאָכגעלאָפען. א שרכן האָט זיך מיט אונז פאַראינטערעסירט. מיר האָבען איהם אָבער צו זיך ניט צוגעלאָזען.

נאָך סוכות, ווען מיר האָבען זיך אומגעקערט קיין וועליזש, האָט זיך אָנגעפאַנגען די רעגעלמעסיגע שול־ארבייט. און מיינע באַקאַנטשאַפטען האָבען זיך נאָך ווייטער פאַרגרעסערט.

אין וועליזש איז געקומען אן אמת'ער אינטעליגענט — א דאַרער, קליין־געוואַקסינער יונגערמאַן מיט שווארצע האָר און א פנים אַזוי דונקעל ווי צילשטיין'ס — זעהר א פעהיגער און באַ־לעזענער יונגערמאַן. איסאַק מעערסאָן איז געוועזן זיין נאָמען. ער איז געוועזן דער זוהן פון א וועליזשער למדן. ער האָט אויס־געהאַלטען דעם עקזאַמען אויף אלע קלאַסען גימנאַזיע און האָט זיך געקליבען צו פאָהרען אין אן אוניווערזיטעט. אָבער פאָרלױ־פיג האָט ער זיך באַזעצט אין וועליזש אויפ'ן ווינטער. מיר זיינען מיט איהם באַקאַנט געוואָרען, און ער פלעגט אונז אָפט באַזוכען.

מעדוועדיעוו, דער קריסטליכער אינספּעקטאָרשיק, איז געקומען פון דאָרף און ער האָט אונז באַקאַנט געמאַכט מיט נאָך א מעד־וועדיעוו, א געוועזענער שילער פון דעם פעטערסבורגער לעהרער־אינסטיטוט, א בילד־שעהנער יונג.

4.

די לאַכאָוו־פאַמיליע. — קאַרל מאַרקס. — אונזער וועלי־זשער „קרוזשאָק".

די לאַכאָווס, די פריצישע פאַמיליע, מיט וועלכער דער יונגער יאַצקעוויטש האָט אונז באַקאַנט געמאַכט פאַר זיין אוועקפאָהרען, האָבען אָפט נאָך אונז געשיקט א קאַרעטע פון זייער מאַיאָנטעק, און מיר פלעגען אַמאָל ביי זיי פאַרברענגען אַ װאָך און אַמאָל פון פרייטאָג נאָכמיטאָג ביז זונטאָג אין דער פריה.

די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַן אַלמנה, איהרע צוויי טעכטער, איהר זוהן און אַ גואווערנאַנטין פאַר דער אינגערער מיידעל. די מוטער איז געווען אַ ברונעטקע, ניט קיין הויכע, אַ קלוגע, אַ פּאַר׳דאַגה׳טע. איהר עלטערע טאָכטער, וויערא, האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מיידעל מיט אַ שטאַרקען כאַראַקטער. זי האָט גערעדט ווייניג. ווען זי פלעגט אַ שמייכעל טאָן, פלעגען איהרע ווייסע ציינער און איהרע גרויסע אויגען שיינען מיט אַן אינטערעסאַנטען ליכט. די אינגערע, ליאָנאַ, איז געווען זעהר אַ שעהנע, אָבער אַ לייכטזיניגע. זייער ברודער, קאָליא, איז געווען אַ לעב־יונג, אַ גוט־האַרציגער, אַ היץ־קאָפּ פון דעם עכט־רוסישען סאָרט. די פאַמיליע האָט געלעבט אויף דעם רוסיש־פּריצישען שטייגער; און ווי פילע פּריצים, האָבען זיי דעם מאַיאָנטעק גע־פיהרט אָהן אַ טאַלק, פאַרלאָזענדיג זיך צופיל אויף אַ געדונגענעם פאַרוואַלטער, אַ דייטש פון דעם באַלטישען געגענד, וועלכער האָט קוים גערעדט רוסיש. די גאַסט־פריינדליכקייט פון דער הויז איז געווען אַ ברייטע, אַ וואַרימע, אַן עכט־רוסישע.

ליאָנאַ׳ס גואווערנאַנטין איז געווען אַ קריסטליכע מיידעל פון וויטעבסק און זי האָט געהערט צו דעם וויטעבסקער „קרוזשאָק“. וויערא האָט אויך סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציע, און די מוטער אויך.

ווען מיר פלעגען זיי באַזוכען, פלעגען מיר די צייט פאַרברענ־גען אין שמועסען, לעזען צוזאַמען, זינגען און אַביסעל טרייבען פּראָפּאַגאַנדע צווישען די סיוועצער פּויערים.

אַ פּאָר מאָל, ווען די אַלמנה איז געפאָהרען קיין וויטעבסק, האָט זי פון דאָרטען מיטגעבראַכט די לעצטע נומערען „נאַראָד־נאַיאַ וואָליא“, וועלכע זי האָט באַקומען פון דער גואווערנאַנטינ׳ס אַ שוועסטער.

איינמאָל בין איך מיט די לאַכאָווס אין זייער קאַרעטע גע־פאָהרען קיין וויטעבסק, וואו איך בין באַקאַנט געוואָרען מיט איי־ניגע מיטגלידער פון דעם דאָרטיגען „קרוזשאָק“ — אידען און קריסטען. איינער פון זיי האָט מיר געליהען קאַרל מאַרקס׳עס „קאַפּיטאַל“ אויף רוסיש (מעהר ווי דער ערשטער באַנד איז דאָן

נאָך ניט געווען). איך האָב דעם בוך מיטגענומען קיין וועליזש און בין אָפּגעזעסן גאַנצע אָווענדען, לעזנדיג און אריינדרינגענ־דיג אין די טיפענישען פון זיין אינהאַלט.

אין וועליזש גופא האָט זיך ביי אונז אָנגעקליבען אַ גאַנצער „קרוזשאָק" פון קריסטליכע און אידישע מיטגלידער. צווישען די ערשטע זיינען געווען די קריסטליכע לעהרער פון צוויי דאָרפס־שולען, ניט ווייט פון וועליזש. איינער פון זיי, אַ הויכער מאַן פון אַ יאָהר פערציג, מיט אַ פּויערשען פּנים, איז דאַן געווען פאַר־קאָכט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע און ער האָט זיך ביי מיר צוגעכאַפּט צו טשערנישעווסקי'ס איבערזעצונג פון מילל'ס ווערק.

דער צווייטער לעהרער איז געווען אינגער און קלענער גע־וואַקסען. ער האָט זעלטען ווען אויסגערעדט אַ וואָרט. ער פלעגט זיצען און זיך צוהערען צו אונזערע רעוואָלוציאָנערע שמועסען. ווען מען פלעגט ריידען וועגען די העלדישע קעמפּפער און זייער מאַרטירערייִ, פלעגט ער שלינגען יעדען וואָרט און אַזש סאָפּען פון באַגייסטערונג.

די באַקאַנטע, וועלכע מיר האָבען געקענט פאַרטרויען, פלעגען זיך פאַרזאַמלען אויף אונזער קוואַרטיר, לעזען, טאָלקעווען, דעבאַ־טירען. אונטער־ערדישע ליטעראַטור האָב איך עטליכע מאָל ער־האַלטען פון דעם וויטעבסקער „קרוזשאָק". ווען איך האָב באַ־קומען עטליכע קאָפּיעס פון אַ פּראָקלאַמאַציע אָדער אַ נייעם נו־מער פון דעם אונטער־ערדישען אָרגאַן „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", פלעג איך אַ טייל פון זיי פאַנאַנדערשיקען צו פאַרטרויענסווערטע באַקאַנטע. איך פלעג די „טריפה סחורה" איינוויקלען אין אונ־טער־הויזען, אָדער זאָקען און אַזוי אַוועקשיקען דורך פּאָסט, אַלס אַ פּעקעל גייע וועש.

טשערנישעווסקי'ס בילד, וועלכע דער יונגער יאַצקע־וויטש האָט מיר איבערגעלאָזען, האָב איך אריינגעטראָגען צו אַ וועליזשער פאָטאָגראַפטשיק און באַשטעלט ביי איהם אַ פּאָר טוץ קאָפּיעס (איך האָב איהם געזאָגט, אַז דאָס איז מיינער אַ שוועס־טער־קינד). די בילדער זיינען דערנאָך פאַרקויפט געוואָרען

אין וויטעבסק צו גונסטען פון „רויטען קרייץ" פון דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג.

ניי־יאָהר האָבען מיר פאַרבראַכט אין סיוועץ, מיט אַ מאָל־צייט, מעשות און געזאַנג פאַר די קינדער פון די פויערים. דער גייסט פון יום־טוב איז געווען געמישט מיט דעם גייסט פון רעוואָלוציע.

5.

דאָקטאָר יאַצקעוויטש און זיין פאַמיליע.

די „פאַרטרויטע" זיינען, נאַטירליך, ניט געווען די איינציגע, וואָס האָבען באַזוכט אונזער וואוינונג. צו אונז פלעגען אויך אריינקומען עטליכע אידישע יונגעליים, וועלכע האָבען פון אונ־זערע רעוואָלוציאָנערע אינטערעסען ניט געדאַרפט וויסען. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען סתם „היינט־וועלטיגע"; זיי פלעגען אריינקומען רויכערען אַ פאַפּיראָס אום שבת, הערען אַ פּאָר „אפּיקורסישע" ווערטער און אַזוי פאַרברענגען אַ שטונדע ביי די „אוטשיטיעלעס" (לעהרער). אויך פלעגען אונז באַזוכען אַ פּאָר „האַלב־היינטיגע"; אַ פּאָר איידימס פון באַלעבאַטישע פאַמי־ליעס, דער פעלדשער פון שטאָדט, וועלכער איז געווען פול מיט אינטערעסאַנטע מעשות, און נאָך איינינגע. מען פלעגט דאַרפען געדענקען ווי מיט וועמען צו ריידען.

אַ פּאָר ווערטער וועגען דער הויז, וואו איך האָב געוואוינט.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז דער באַלעבאָס פון מיין קוואַר־טיר איז געווען אַן אַלטער דאָקטאָר מיט'ן נאָמען יאַצקעוויטש. ער האָט געהאַט צוויי טעכטער און צוויי זיהן. מיט דעם עלטערען זוהן, וועלכער איז איצט געווען אין וואַרשע, איז דער לעזער שוין באַקאַנט. דער אינגערער איז געווען אין דעם לעצטען קלאַס פון וויטעבסקער גימנאַזיע, און די אינגערע טאָכטער איז געווען אין דער וויטעבסקער גימנאַזיע פאַר מיידלעך. אין שטוב איז געווען נאָר די עלטערע טאָכטער, ניט קיין פאַרהייראַטע. דער דאָקטאָר

האָט שוין לאַנג נעהאַט אויפגעגעבען זיין פּראַקטיק. ער האָט געלעבט פון דער ארענדע, וואָס ער האָט באַקומען פון זיינע הייזער און קראָמען.

א הויכער, א דארער, א שוואַכער און זעהר א גוטער איז געווען דיזער דאָקטאָר יאַצקעוויטש. און אלע זיינע קינדער זיינען אויך געווען גוטע. ער איז געווען א פּאָליאַק. פּויליש ריידען האָט ער ניט געקענט קיין וואָרט; דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטערט צו זיין א פּוילישער פּאַטריאָט.

ער האָט שטאַרק געליטען פון דעם ביטערען טראָפּען. עטליכע טעג נאָכאַנאַנד פלעגט ער זיין טויט־שכור. דערנאָך, ווען ער פלעגט נעהמען זיך אויסניכטערען, פלעגט ער א פּאָר טעג זיך געפינען אין א נערוועזען צושטאַנד, מיט א ציטערניש אין אלע מוסקולען, ווי א פּאַראַליזירטער. דאַן פלעגען אָנקומען א פּאָר ניכטערע טעג און נאָכדעם פלעגט ער ווידער אריינפאַלען אין דער געוואוינהייט, געגען וועלכער ער איז געווען מאַכטלאָז. אָבער, צי ער האָט זיך געפונען אין אזא צושטאַנד צי אין אזא, א גוטע נשמה איז ער אימער געווען.

איינמאָל, ביינאַכט, האָט ער אריינגעשיקט מאַריא'ן, די דינסט, מיך בעטען, איך זאָל אריינקומען צו איהם. איך בין אריינגעקומען און' האָב איהם געפונען א באַזויפענעם. ווען ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער מיר גענומען דריקען די האַנט און בליפען: „אבראַם סאַפּאָנאָוויטש, אבראַם סאַפּאָנאָוויטש! *) אין וואַרשע איז נאָך עד היום ניטאָ קיין קאַנאַליזאַציע (פלאָמבינג).” און ער האָט זיך צוואויינט אויפ'ן קול.

די טאָכטער האָט זיך צולאַכט מיט איהר גוטען געלעכטער, און מיר ביידע האָבען איהם ביסלעכוויז באַרוהיגט, פאַרזיכערענדיג איהם, אז מען וועט שוין אין וואַרשע מאַכען קאַנאַליזאַציע. די טאָכטער, וועלכע פלעגט פיל רויכערען, אזוי ווי די מאַדאַם

---

*) אזוי פלעגט מען מיך דאָרטען רופען, אויפ'ן רוסישען שטייגער. שבנא, מיין פאָטער'ס נאָמען, איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דעם רוסישען נאָמען „סאַפאָן”. שפּעטער, ווען מיין פאָטער האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט עס איהם זעהר געערגערט.

לאכאווא, איז אימער געווען גוט אויפגעלייגט. איך האָב איהר קיינמאָל גיט געזעהן א פארטרויערטע אָדער א בייזע. וואָס עס האָט זיך ניט געטראָפען אין שטוב, פלעגט זי אַלץ באטראכטען פון א הומאָריסטישען שטאנדפונקט.

זי האָט געשפּילט פּיאנאָ. דער אינסטרומענט איז געווען אַן אַלטער און די בײנדלעך (קלאווישען) זיינען מאקע געווען פון ביין — זעהר איינגעטריקענט און פארגעלט פון אַלטקייט. די קלאנגען, וואס די פּיאנאָ האָט ארויסגעגעבען, זיינען עפּעס אויך געווען ווי פארטריקענטע און פארגעלטע. זי פלעגט אויף איהר שפּילען פּאָפּולערע, לייכטע זאכען. קיין גרויסע מוזיקערין איז זי ניט געווען; אין איהר שפּילען האָט אָבער געקלונגען איהר אייביג גוטמוטיגער גייסט.

אויף ווייהנאכטען (קריסטמעס) איז פון וויטעבסק געקומען איהר אינגערער ברודער און אינגערע שוועסטער. מיר זיינען באַקאַנט געוואָרען, און איך און צילשטיין האָבען די עטליכע טעג פארבראכט מיט זיי צוזאמען. העגריך'ס אינגערער ברודער האָט זיך מיט פּאָליטישע פראַגען ניט אינטערעסירט. דאָס איז געווען א לעב־יונג, אַן אונערמידליכער שטיפער, און ער האָט אונז אין זיינע חוליאנקעס אריינגעצויגען.

די אינגערע פריילין יאצקעוויטש איז געווען א שטילע, אבי־סעל א פארטראכטע. זי איז צו מיר צוגעשטאנען, איך זאָל איהר אויסלערנען דעם אידישען אלף־בית. איך האָב געמיינט, עס איז נישט מעהר ווי א קאפּריז און איך האָב דעם קאפּריז איהר נאָכגע־געבען. זי האָט זיך אָבער גענומען צו דעם אלף־בית גאַנץ ערנסט, און מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער, ווען זי איז שוין געווען צוריק אין וויטעבסק, האָב איך פון איהר באקומען א רוסישען בריף, נעשריבען מיט אידישע אותיות. א היבשער טייל פון בריף האָט געהאַט אזא כאראקטער, פון וועלכען די פּאָליציי האָט ניט באַ־דאַרפט וויסען.

די גאַנצע פאמיליע יאצקעוויטש איז געווען זעלטען פריינד־ליך און צוגעבונדען צו אונז — צו צילשטיין'ען און צו מיר. זייער אַלטע דינסט, מאריא, אויך. דיזע דינסט איז געווען זעהר

א רעליגיעזע, און דער פאקט, אז מיר זיינען אין וועליזש אהן עלטערען, האט אין איהר פרומער נשמה ערוועקט א ספעציעלען אינטערעס צו זיין א מוטער צו אונז. זי פלעגט פאר אונז קאכען, באקען, ארומזעהן אונז — טאקע ווי א מוטער. דאס, וואס מיר זיינען נים קיין קריסטען, האט איהר נים געשטערט דערביי. אפשר איז דאס געווען צוליב דעם, וואס מיר האבען גערעדט רוסיש אזוי ווי די קריסטען, און געווען אנגעטאן ווי „טשינאוו־ניקעס“; און אפשר איז דער עיקר באשטאנען אין דעם, וואס יאצקעוויטש'עס קינדער, וועלכע זי האט אויסגעהאדעוועט אויף איהרע הענט, זיינען געווען אזוי באפריינדעט מיט אונז.

.6

שטימונגען. — מיין ערשטער געדרוקטער ארטיקעל.

כמעט יעדער טאג האט געבראכט נייע איינדריקע. דאס און מיין נייע זעלבסטשטענדיגקייט, די ראלע, וואס איך האב געשפילט אין שטעדטעל, די ראלע, וואס איך האב געשפילט אין דעם גע־היימען „קרוזשאק“, און דער הויכער מאראלער געפיהל, וועלכער איז געווען פארבונדען מיט מיין סאציאליסטישער באגייסטערונג, —דאס אלץ אנגאיינעם איז געווען, ווי ווייו אין מיינע יונגע אדערען.

אין א פריהערדיגען קאפיטעל האב איך דערצעהלט וועגען דער גייסטיגער רעוואלוציע, וואס איז אין מיר פארגעקומען, און וועגען דער בארוהיגענדער ווירקונג, וואס זי האט אויף מיר געהאט אין באצוג צו מיינע אויגען. דאס איז פארבליבען. אויף א וואונש אויסצוזעהן שעהן האב איך אלץ געקוקט מיט פאראכטונג.

דאס הייסט אבער נים, אז זייענדיג אין וועליזש, האב איך קיינמאל נים געהאט קיין קאקעטישען באוואוסטזיין פון מיינע נייע קאסטיומען, פון דעם אפיציעלען פראק מיט די מעשענע קנעפ, וועלכען איך פלעג טראגען אין קלאס, און פון דער אפי־ציעלער בלויער היטעל מיט דער קאקארדע, וואס איך פלעג טראגען אויפ'ן גאס. אויך הייסט דאס נים, אז איך האב זיך

קיינמאָל ניט געפיהלט געהויבען מיט מיינע קריסטליכע באַ־קאַנטשאַפטען. ווען איך פלעג זיך אָבער כאַפּען ביי אַזאַ געפיהל, פלעג איך זיך מוסר'ען — אפשר מיט'ן גאַנצען הארצען און אפשר ניט — ווי עס מוסר'ט זיך אַ פרומער איד, ווען ער כאַפּט זיך ביי זינדיגע געדאַנקען.

פון די שמערצען, וואָס מיינע קאָסאָקע אויגען פלעגען מיר פריהער פאַרשאַפען, בין איך איצט יעדענפאַלס געוועזען פריי. פּי־לייכט איז דאָס געוועזען דערפאַר, וואָס איך האָב איצט איבערהויפּט געהאַט מעהר צוטרוי צו זיך. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז איך שפּיל אַ ראָלע און ציה אויפמערקזאַמקייט, טראָץ מיינע קרומע אויגען...

ניט לאַנג נאָך מיין קומען קיין ווערליזש האָב איך זיך צום ערשטען מאָל געזעהן אין דרוק. איך האָב אַוועקגעשיקט אַ קור־צען אַרטיקעל אין דעם „רוסקי יעווריי“*) און ער איז אָפּגע־דרוקט געוואָרען. דער אַרטיקעל איז געווען וועגען דער נויט־ווענדיגקייט צו האָבען אַ טעכנישע שול, צו לערנען מלאכות, אין ווערליזש.

קיין באַדייטונג האָט דאָס ניט געהאַט, און וועגען טאַלאַנט האָט דאָ אודאי קיין רייד ניט געקענט זיין. און דאָך האָט דער דאָזיגער אַרטיקעל געמאַכט אַ רושם אין שטעדטעל. די, וואָס האָבען נאָר געקענט אביסעל רוסיש, האָבען געקראָגען דעם נומער, געלייענט דעם אַרטיקעל און באַוואונדערט דעם פאַקט, אַז „קאַ־האַן דער אוטשיטיעל שרייבט אַריין אין די רוסישע צייטונגען“.

איך האָב געטרוימט וועגען גרעסערע אַרטיקלען. לעזענדיג דעם „רוסקי יעווריי“ אָדער דעם „ראַזסוויעט“, אָדער אפילו אַן אַרטיקעל אין מיין „סאָווראַעמעננניק“, האָב איך געהאַט אַ נייעם באַוואוסטזיין, אַז איך בין שוין ניט ווי אַלע לעזער — אַז מיינער אַן אַרטיקעל איז אויך אָפּגעדרוקט.

---

*) איינער פון די דריי וואָכען־בלעטער פאַר אידישע אינטערעסען, וואָס זיינען דאַן ערשינען אויף רוסיש.

דער לעבען איז אלץ געווארען פולער, רייכער און אינטערע־סאנטע איבערלעבונגען און פלענער. עס וואלט אבער געווען א טעות צו מיינען, אז איך בין אימער געווען צופרידען. עס זיינען געווען אנדערע שטימונגען אויך, און טאקע אפט. עס זיינען גע־ווען פילע שטונדען און טעג, ווען ווען וועליזש איז מיר געווען צו לאסט. דער אויסזיכט צו בלייבען „א לעהרעריל״ אין א פאר־ווארפענער פראווינץ איז פאר מיר געהאנגען ווי א פינסטערער שיקזאל, און איך האב אין זיך געהאט צופיל לעבענס־לוסט און אונטערנעהמונגס־גייסט זיך צופרידען צו שטעלען מיט אזא צו־קונפט. איך פלעג אפט אריינפאלען אין א מרה־שחורת. „ווי כאפט מען זיך ארויס פון דאנען?״ — פלעג איך זיך טראכטען.

איך האב געבענקט נאך ווילנא. איך האב געבענקט נאך א ברייטערער וועלט איבערהויפט. אז איך וועל אויף לאנג פאר־בלייבען א וועליזשער לעהרער — דאס האב איך זיך איבער־הויפט ניט געוואלט פארשטעלען, אפילו ווען איך בין געווען אין דער בעסטער שטימונג.

צעהנטער קאפיטעל.

איך מוז וועקפאהרען.

1.

צוויי פארשטעלטע בריף. — ניט־געבעטענע געסט.

עס איז געקומען נאָהענט צו פורים. איך און צילשטיין האָבען געפלאַנעוועט צו פאָהרען קיין ווילנא אויף פסח. פלוצלינג דערוויס איך זיך, דורך א קלוג־פארשטעלטען בריף פון מיין מוטער, אז אונזער ווילנער „קרוזשאָק" איז „אריינגעפאלען", און אז עטליכע פון מיינע היימישע חברים זיינען ארעסטירט.

„דיין שווארץ־חנ'עוודיגער חבר, וואָס לערענט מיט רבקה'ן, האָט זיך פארקיהלט; עס איז שוין געוועזן די לויח" — האָט זי מיר געשריבען — „מען האָט איהם באַגראָבען טיף, טיף. די קעלטען זיינען גרויס; היט זיך, מיין זוהן! געה ניט ארום אָהן א שאלקע (שאַרף)."

„טיף־טיף־טיף", זאָגט מען ניט ערנסט. א חויז רעם: די קאַלטע טעג זיינען שוין געוועזן פאַראיבער. וואָס האָט די מאמע זיך איצטער ארומגעזעהן מיך צו וואָרענען גענען א פארקיהלונג? קורץ, עס איז געוועזן דייטליך, אז דער בריף איז אן אָנצוהערעניש, אז מיין שווארץ־חנ'עוודיגער חבר, דער גימנאזיסט ראבינאָוויטש, וואָס האָט צוזאמען מיט באדאנעס'ען געוואוינט אויף דער פאָהו־ליאַנסקער קווארטיר, איז ארעסטירט, און אז ער איז ניט דער איינציגער.

א קורצע צייט נאָכדעם, ווי איך האָב ערהאַלטען דיזען בריף, האָב איך און צילשטיין באַקומען א צווייטען פארשטעלטען בריף. דיזען מאָל האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אונזער חבר סטאָטשיק,

וועלכער האָט צוזאַמען מיט אונז געענדיגט דעם אינסטיטוט און מיט מיר צוזאַמען געהערט צו דעם ווילנער „קרוזשאָק". פונקט ווי צילשטיין און איך האָבען באַקומען שטעלען אין וועליזש, און טראָצקי מיט יונאָוויטש'ען אין נעוועל, אַזוי האָט ער באַקומען אַ לעהרער־שטעלע אין האָמעל. דאָרטען האָט מען איהם שפּעטער אַרעסטירט. די נאַכריכט איז אָנגעקומען צו דעם פּאַרוואַלטער פון דער נעוועלער אוטשילישטשע, וועלכער האָט פריהער געהאַט אַ לעהרער־שטעלע אין האָמעל, און פלעגט זיך איצט קאָרעספּאָנדירען מיט זיינע האָמלער פריינד. אַלזאָ, האָט טראָצקי מיט יונאָוויטש'ען אונז גלייך געלאָזט וויסען וועגען דעם (פון זיכערקייט וועגען האָבען זיי דאָס געשריבען דוקא אין אַן אָפענער פּאָסט־קאַרטעל, אין אַ כלומרשט'דיגען טאָן פון פאַרדאַמונג און איבער־ראַשונג, אַז סטאַטשיק זאָל זיך אַרויסציינען פאַר „אַזאַ סאָרט חברה־מאַן").

פון האָמעל האָט מען סטאַטשיק'ען איבערגעפיהרט אין דעם „פּערצעהנטען נומער", די פּאָליטישע טורמע פון ווילנע; און דאָרטען, אין אַן איינזאַמען קאַמער, האָט ער זיך אויפגעהאַנגען אויף אַ ליילאַך.

איך האָב מיט סטאַטשיק'ען זיך קאָרעספּאָנדירט. איך בין אָבער געוועזען זיכער, אַז ער האָט מיינע בריף פאַרברענט, פונקט ווי איך האָב אַלע זיינע בריף פאַרברענט.

איינמאָל, אין אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג, בין איך געלעגען אויפ'ן בעט, אין אונזער קליינינקען שלאָף־צימערעל, און האָב געלעזען. צילשטיין איז ניט געוועזען אין שטוב. איך בין עפּעס געוועזען ניט געזונט, און מיר האָט זיך גענומען דרעמלען. דערביי האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין שטוב געפינען זיך אַ פּאָר „אונטער־ערדישע" זאַכען. בין איך אויפגעשטאַנען, האָב די „טריפה סחורה" איינגעפּאַקט און דעם פּעקעל אַריינגעטראָגען צו מאַריא'ן. „אַ אינגעל וועט נאָך דעם קומען" — האָב איך איהר ערקלערט — „איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך וועל עס ביי אייך איבערלאָזען." זינט איך האָב דערהאַלטען יענעם בריף פון מיין מוטער, בין

איך געווען מעהר פאַרזיכטיג. איך האָב מיט די אונטער־ערדישע שריפטען ניט געוואָלט אַנטשלאָפען ווערען.

נאָכדעם, ווי איך האָב מאַריא׳ן געגעבען דעם פּעקעל, בין איך צוריק אריין אין אונזער „פליגעל” און זיך ווידער צוגעלייגט. איך בין אַנטשלאָפען געוואָרען.

דורכ׳ן שלאָף הער איך, אז מען געהט — ניט איין מענש, נאָר עטליכע מיטאמאָל. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

די טיר איז ניט געווען פאַרשלאָסען, און אין רוסלאַנד פלעגט מען אין א שטוב אריינגעהן ניט אָנקלאַפּענדיג. איך בין אראָפּ פון בעט. איך גיב א קוק: א גאַנצע כאַליאַסטרע פון אונגעווינשטע געסט: דער וועליזשער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק, דער אונטער־איספּראַווניק, עטליכע זשאַנדאַרען, א פּאָר פּאָליציייסקע און א פּאָר מענשען אין ציווילע קליידער.

זיי האָבען ביי מיר געמאַכט אַן אָביסק.

דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק האָט וועגען דעם באַקומען א פּאַפּיר פון וויטעבסק. געשטאַמט האָט דאָס אָבער פון די ווילנער ארעסטען.

דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק (איך געדענק ניט זיין נאָמען) האָט אין אַזעלכע אַנגעלעגענהייטען קיין ערפאַהרונג ניט געהאַט, און אונוויסענד איז ער געווען ווי א פּויער. דאָס איז געווען א דיקער, אודושליווער אָפיצער, מיט געשוואָלענע פּיס און א שוואַכען אָטעם. עס איז איהם שווער געווען זיך איינצובויגען אויסצושפּייען, פלעגט ער אויפ׳ן טיש לעבען זיך האַלטען א גלאָז, און איהר געברויכען אַנשטאָט א שפּיי־קעסטעל.

איינער פון די ביכער, וואָס איך האָב דאַן געהאַט אין שטוב, איז געווען קאַרל מאַרקס׳עס „קאַפּיטאַל“, וואָס איך האָב געבאָרגט ביי א מיטגליד פון דעם וויטעבסקער קרוזשאָק. מיט א יאָהר צעהן שפּעטער איז דאָס ווערק אין רוסלאַנד געווען אַזוי גוט באַקאַנט ווי די ביבעל. א קינד האָט דעם נאָמען געהערט. אין מיין צייט אָבער האָט מען פון דעם געוואוסט כמעט נאָר אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט, און אַזוי ווי עס איז א טיף־וויסענשאַפטליכער בוך און מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער

באוועגונג האָט עס קיין דירעקטע שייכות ניט געהאַט, איז עס אָפיציעל אין רוסלאַנד קיינמאָל ניט געווען פאַרבאָטען. דאָך, ווען אַ זשאַנדאַר האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז, האָט ער דאָס פאַר קיין סמן פון אייער גאָטס־פאַרכטיגקייט און צאַר־פאַרכטיגקייט, נאַטירליך, ניט אָנגענומען.

אויפ׳ן פאָדער־בלאַט שטעהען די ווערטער: „קאַפּיטאַל — אַ קריטיק איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט דער אודושליוער פּאָלקאָווניק ביי מיר געפרעגט, אָנווייזענדיג אויפ׳ן וואָרט „פּאָליטישע“.

— אָהָ, אַ בוך וועגען קאָמערציע, — האָב איך געענטפערט, ווייזענדיג מיט׳ן פינגער אויפ׳ן וואָרט „קאַפּיטאַל“ און אויפ׳ן וואָרט „עקאָנאָמיע“. און מעהר האָט ער קיין קשיות ניט געפרעגט.

דער תירוץ איז מיר געקומען אויפ׳ן זינען צוליב אַן עהנליכע באַמערקונג, וועלכע איך האָב מיט אַ פּאָר וואָכען פריהער געהערט פון אַן אונוויסענדען וועליזשער סוחר. איך און מעערסאָן האָבען אין זיין אַנוועזענהייט גראָד דערמאָנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע, האָט ער געפרעגט וואָס דאָס איז אַזוינס.

— אָה, ס׳איז אַ וויסענשאַפט אַזאַ, — האָב איך געענטפערט. ס׳איז ניט לייכט צו ערקלעהרען.

ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אַן „עקאָנאָם“ הייסט אַ פאַרוואַלטער פון אַ ווירטשאַפט, פון אַ מאַיאָנטעק אָדער פון אַנאַנדער סאָרט באַלעבאַטישקייט, און ער האָט זיך אָפּגערופען מיט שפּאָט:

— איך בין אין קאָמערציע, ווייס איך ניט וואָס דאָס איז אַזוינס אַן עקאָנאָמיע, און איהר ווייסט יע!

דעם בוך „קאַפּיטאַל“ האָבען די זשאַנדאַרען אַוועקגעלייגט צווישען די ביכער, וואָס מען האָט שוין איבערגעקוקט, צווישען די „כשר׳ע“. זיי זיינען געלעגען אין אַ בערגעל אויפ׳ן טיש, און די ביכער, וואָס זיינען נאָך ניט געווען איבערגעקוקט, זיינען געלעגען אין אַנאַנדער בערגעל, נעהנטער צום אַנדערען ברעג טיש.

ביסלעכווייז זיינען די ניט־איבערגעקוקטע איבערגעגאַנגען צו די איבערגעקוקטע, און דער ליידיגער פּלאַץ צווישען זיי איז

געוואָרען אַלץ שמעלער. דעם גרענעץ צווישען די צוויי בערג האָט קיינער ניט געהיט. איך בין געשטאַנען דערביי צו ענטפערען אויף די פראַגען וואָס מען האָט מיר געשטעלט וועגען די ביכער. אין אַ געוויסען מאָמענט, האָב איך מיט מיין עלענבויגען, כלומרשט אָנשפּאַרענדיג זיך, איבערגערוקט צוויי ביכער איבער׳ן „גרענעץ" — פון די ניט־איבערגעקוקטע צו די „כשר׳ע". איינער פון זיי איז געווען צילשטיין׳ס אַ טאָגע־בוך, אין וועלכען ער פלעגט פאַרשרייבען פאַרשידענע איינדרוקען און געדאַנקען. איך האָב ניט געוואוסט וואָס דאָרטען שטעהט. איך האָב אָבער גערעכענט, אַז יעדענפאַלס וועט זיין גלייכער, ווען דער פּאָלקאָווניק וועט דאָס ניט לעזען. און צילשטיין איז מיר געווען דאַנקבאַר דערפאַר. וואָס פאַר אַ בוך דער צווייטער איז געווען געדענק איך ניט.

הענריך יאַצקעוויטש האָט מיר איבערגעלאָזען זיינע פאָטאָגראַפישע בילדער. ווען דער פּאָלקאָווניק האָט זיי איבערגעקוקט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף פערדינאַנד לאַסאַל׳ען, ווייל דער נאָמען האָט איהם ניט געקלונגען רוסיש.

— ווער איז דאָס ? — האָט ער געפרעגט.

— אַ דייטשער געלעהרטער, — האָב איך געענטפערט.

טשערנישעווסקי׳ס בילד האָט ער ביי מיר ניט געפונען, ווייל עס איז געווען אין דעם פּעקעל וואָס איך האָב אריינגעטראָגען צו מאַריאַ׳ן.

דעם פּאָלקאָווניק האָט זיך ניט געגלויבט אַז איך בין פון „יענע". נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעקוקט „אַלע" אונזערע ביכער און גאָרניט געפונען, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— איהר מוזט האָבען שונאים; קענטיג אַז אימיצער האָט אויף איך געשריבען אַ פּאַסקוויל סיין ווימעבסס.

— אַזוי זעהט עס אויס, — האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין ערקלערונג.

דעם כאַראַקטער פון מיינע ניט־פאַרבאָטענע ביכער און בילדער האָט ער ניט פאַרשטאַנען. ער האָט מיר געגעבען

אָנצוהערעניש, אַז דעם פּאַסקוויל אויף מיר האָט מסתמא גע־שריבן אימיצער פון די זעהר פרומע אידען, וועלכע האָסען מיך פאַרוואָס איך בין ניט פרום.

ער האָט באַקומען פון וויטעבסק אַ באַפעהל ביי מיר צו מאַכען אַן „אָביסק“. דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט.

דער אונטער־איספּראַווניק (ער האָט געהייסען סטאַריקאָ־וויטש) איז געווען אַ אינטעליגענטער מענש און אויך אַ סימ־פּאַטישערער. ער האָט אויך ניט געוואוסט ווער קאַרל מאַרקס איז; אָבער וואָס פאַר אַ סאָרט געלעהרטער פערדינאַנד לאַסאַל איז, האָט ער יאָ געוואוסט. ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט־וויסענדיג און ער האָט דערנאָך די געשיכטע מיט געלעכטער איבערדערציילט דעם איספּראַווניק. אויף מאָרגען זאָגט דער איספּראַווניק מיט אַ שמייכעל צו מעערסאָנ׳ען, וועלכער איז געווען אַ לעהרער ביי זיינע קינדער:

— זאָגט קאַהאַנ׳ען, ער זאָל ניט מיינען אַז ער האָט סטאַריקאָוויטש׳ען אויך אָפּגענאַרט. ער ווייס ווער דער ביטרער דייטשער אידעל, לאַסאַל, איז.

צווישען דעם איספּראַווניק׳ס אַמט און דער זשאַנדאַרמעריע האָט עקזיסטירט אַ פיינדליכע קאָנקורענץ, און דער איספּראַווניק פלעגט פון דעם פּאָלקאָווניק חוזק מאַכען.

ער איז געווען פון דייטשע עלטערען, דער איספּראַווניק, און אַזוי אונוויסענד ווי דער הויפּט פון די וועליזשער זשאַנדאַרען איז ער יעדענפאַלס ניט געווען. זיין קוואַרטיר איז געווען נעקסט צו אונזער פליגעל. ער האָט געהאַט אַ פולע שטוב מיט קינדער — איינינגע פון זיין געזעצליכער פרוי, און איינינגע פון דער דינסט. ווענען דיזען בעאַמטען און זיין הויז־געזינד פלעגט מיר מעערסאָן דערצעהלען טשיקאַווע זאַכען.

.2

אַ צווייטער אָביסק. — אַ פאַרהער.

אין עטליכע טעג אַרום האָב איך געהאַט אַ צווייטען וויזיט. דיזען מאָל איז מען צו מיר געקומען אין דער „אוטשילישטשע“,

בשעת איך האָב געהאלטען אין לערנען מיט מיין קלאַס. ווידער א גאנצע כאלאסטרע, נאָך א גרעסערע ווי דעם ערשטען מאָל. זיי האָבען ארייננעמארשירט, בלישטשענדיג מיט זייערע זשאַנ־דארמישע און פּאָליציייסקע קליידער און קלינגענדיג מיט זייערע שפּאָרעס און שווערדען.

— שיקט די קינדער אהיים און באמיהט זיך מיטצוגעהן מיט אונז!" — האט דער פּאָלקאָווניק צו מיר געזאָגט שוין מיט א בייזען טאָן, אזוי ווי ער וואָלט אויסגעשריען: „יאָ, א פּאסקוויל האָבען די פרומע אידען אויף אייך געשיקט! איצט ווייס איך שוין וואָס פאר א פיינער בחור איהר זייט".

אזוי ווי די אוטשילישטשע איז געווען אין רעכטען מיטען מארק, האט מען מיר געפיהרט פארביי אַלע קראָמען. דער לעזער קען זיך שוין פאָרשטעלען וואָס פאר א סענסאציע דאָס איז געווען פאר אזא שטעדטעל ווי וועליזש.

די קינדער פון מיין קלאַס האָבען דערווייליע געהאַט אַן אונערווארטעטען יום טוב. די אינגערע פון זיי זיינען ארום־געלאָפען איבער'ן שטאָדט און זיך באריהמט אז זייער לעהרער האָט „געה'רג'עט דעם קיסר".

מען האָט מיך אוועקגעפיהרט אין אונזער „פליגעל" און דאָרטען האט מען ווידער געמאכט אַן אָביסק. דיזען מאָל האט די געשיכטע געדויערט דריי־פיער שטונדען. יעדען שטויבעלע האָבען זיי איבערגעטאַפּט און איבערגעשמעקט.

די דריי און צוואנציג נומערען „סאָוורעמעננניק" האט מען אוועקגעטראָגען אין דער זשאנדארמעריע, און מיר האט מען אהין געהייסען קומען אין אָוועגד, אויף א פאַרהער.

דאָרטען האָב איך, א חוץ דעם פּאָלקאָווניק, געפונען דעם אונטער־פּראָקוראָר פון דעם וועליזשער אויעזד, און ער האָט דאָס געפיהרט דעם פארהער.

ער איז געווען פון מיטעלען וואוקס, א שלאַנקער, מיט לאנגע, גלייך־הענגענדע האָר, מיט זעהר לאנגע, געפוצטע נעגעל. ער האָט געטראָגען א לאנגען שווארצען ראָק, זיך געהאלטען ווי א באראָן און גערעדט ווי_א_באראָן. זיין פרוי איז געווען די

טאָכטער פון א אַריסטאָקראַטישער רוסישער פאַמיליע, וועלכע האָט געהאַט א מאַיאָנטעק אין יענע געגענדען, און ער האָט זיך געסטאַרעט אויסצוזעהן ווי א געבאָרענער אַריסטאָקראַט. ער האָט צו מיר נערעדט מיט א קאַלטע באַראָנישע העפליכקייט, מיט געציילטע קאַלטע פּראַזען, וועלכע זיינען געווען געפּוצט ווי זיינע נעגעל.

קיין סטענאָגראַף איז ניט געווען. די פראַגען און די אַנטוואָרטען האָט פאַרשריבען א זשאַנדאַרמסקער אונטער־אָפיצער, א הויכער, ברייטער סאָלדאַט, מיט גרויסע וואָנצעס. מיט גרויסע, קיילעכדינע בוכשטאַבען האָט ער געשריבען. קיין ווער־טערליכער באַריכט איז דאָס נאַטירליך ניט געווען.

דער דיקער, אוּדושליווער פּאָלקאָווניק האָט אין די פראַגען צוגעהאָלפען, און דערביי האָט ער אונטערטעניג געשמייכעלט צום פּראָקוראָר. ספּעציעל האָט ער זיך געסטאַרעט איהם צוצוהעלפען דאָ, וואו עס האָט זיך געפאָדערט א שטרענגער טאָן. סטראַשען מיר האָט פאַר דעם „אַריסטאָקראַטישען" פּראָקוראָר ניט געפּאַסט; האָט ער דאָס איבערגעלאָזען צום דעם פּאַרסאָ־פּעטען זשאַנדאַר־פּאָלקאָווניק.

פון די פראַגען האָב איך זיך דערוואוּסט, אז ביי סטאַטשיק'ן האָט מען געפונען מיינעם א בריעף. איך בין ערשטווינט גע־וואָרען, ווארים דעם בריעף האָב איך איהם געשריבען מיט עטליכע מאָנאַטען פריהער און, ווי אויבען איז שוין געזאָגט געוואָרען, בין איך געווען זיכער, אז ער האָט איהם שוין לאַנג פאַרניכטעט. אין דעם דאָזיגען בריעף האָב איך, צווישען אַנדערע זאַכען, סטאַטשיק'ען געראַטען א געוויסע מיידעל באַקאַנט צו מאַכען מיט סאָקאָלאָוו'ס אינגערע שוועסטער.

פון וואַנען קען איך זיך מיט סאָקאָלאָוו'ן? — האָט דער פּראָקוראָר געפרעגט.

סאָקאָלאָוו איז פריהער געווען א פּאָסט־מייסטער אין אַשמענע, ווילנער גובערניע. האָב איך געזאָגט, אז איך בין מיט איהם באַקאַנט געוואָרען דאָרטען, הגם אין אמת'ן בין איך אין אַשמענע אויף מיין לעבען ניט געווען. פון דעם בריעף איז

געוועזען צו זעהן, אז איך בין ביי סאָקאָלאָוו'ן געוועזען אַן אָפּשטע־גאַסט.

— בין איך אין ווילנא געוועזען אַן איינגעהער אויף סאָקאָ־לאָוו'ס קוואַרטיר? — האָט דער פּראָקוראָר געפרעגט.

— איך בין ביי איהם געוועזען אַ פּאָר מאָל.

— וועמען האָב איך דאָרטען געזעהן?

— עפּעס אַ שילער זיינעם, איך געדענק ניט דעם נאָמען.

ער האָט מיר אָנגערופען די נעמען פון עטליכע יונגע לייט און פרויען. האָב איך זיי געזעהן דאָרטען?

— ניין.

— פאַרוואָס איז וויכטיג אַז יענע אידישע מיידעל זאָל באַקענט ווערען מיט סאָקאָלאָוו'ס שוועסטער?

— ווייל זי וויל פאָהרען שטודירען אויף די בעסטוזשעווער קורסען, און סאָקאָלאָוו'ס שוועסטער איז באַקאַנט מיט דער פּראָגראַם, — האָב איך געענטפערט. און דאָס איז טיילווייז געוועזען דער אמת.

פון אַ פּאָר פון די פראַגען האָב איך באַמערקט, אַז אין די פּאַפּירען, וואָס דער פּראָקוראָר האָט באַקומען פון ווילנא דורך וויטעבסק, זיינען די נעמען צוזאַמענגעמישט און פאַרפּלאָנטערט; האָב איך זיך מיט דעם טעות באַנוצט.

דער פּראָקוראָר האָט ביי מיר געפרעגט צי קען איך באַדאַ־נעס'ן. „יאָ, ער איז אַ קורצע צייט געוועזען אַ שילער אין אונזער אינסטיטוט. פון דאָרטען בין איך מיט איהם באַקאַנט" — האָב איך געענטפערט. און דאָס האָט געקלונגען גאַנץ נאַטירליך. „באַנדאַס" איז געוועזען דער נאָמען פון אַנאַנדער יונגען מאַן, אַ גימנאַזיסט פון דעם ווילנער „קרוזשאָק". ווען ער האָט ביי מיר געפרעגט, צי איך קען איהם, האָב איך געזאָגט, אַז דאָס איז מסתמא דערזעלבער באַדאַנעס, נאָר דער נאָמען איז פאַלש פאַרשריבען.

איינער פון די אַנדערע, וועגען וועלכע ער האָט געפרעגט, איז געוועזען אַ קריסט מיט'ן נאָמען נאַרבאַטשעווסקי. מיט איהם בין איך אויך באַקאַנט געוואָרען אין סאָקאָלאָוו'ס הויז. ער איז אָבער גראָד געוועזען אַ לעהרער ביי די קינדער פון קאַטעלני־

קאָוו'ן, דעם דירעקטאָר פון אינסטיטוט; האָב איך געזאָגט, אז איך בין מיט איהם באקאנט געוואָרען אויפ'ן הויף פון אינסטיטוט, וואו ער האָט זיך מיט אונז געוויגט אויף די „גיגאנטישע טריט"*).

ביי איין פונקט, ווען איך האָב עפּעס געלייקענט, און דער פּראָקוראָר מיט דעם פּאָלקאָווניק זיינען צו מיר צוגעשטאַנען מיט שטרענגע ווערטער, האָב איך פּראָטעסטירט פּאַרוואָס זיי ריידען צו מיר אונהעפליך. איך האָב דאָס געטהאָן הויפּטזעכליך אום צו געווינען צייט צו באטראַכטען מיין ענטפער.

— בארוהיגט אייך, בארוהיגט אייך, — האָט דער פּראָקוראָר צו מיר געזאָגט אויף זיין אריסטאָקראַטישען שטייגער, — קיינער וויל אייך ניט באליידיגען. מען וויל נאָר דעם אמת.

דער פאַרהער האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט. צום שלום האָט מען מיר ערקלערט, אז אין עטליכע טעג ארום וועט מען מיר פיהרען אויף א פאַרהער אין וויטעבסק.

— דערווייל זאָלט איהר ניט וואַגען צו פאַרלאָזען וועליזש, — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט בייז, — מען וועט סיי ווי סיי היטען אייער יעדען טריט.

מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָט מען מיר איבערגעגעבען, אז אין דעם פּריצישען קלוב האָט דער פּראָקוראָר וועגען מיר געזאָגט: „א געשייטער הענדעלע, אָבער נאָך ניט קיין באַ־פּעדערטער. ער מיינט, אז מיר פאַרשטעהען גאָרניט".

ביי די לאַכאָווס האָט מען אויך געמאַכט אַן אָביסק. זייער אדרעס האָט מען געפונען אין דעם נאָטיץ־ביכעל פון א רייזענ־דען רעוואָלוציאָנער, וועלכען מען האָט ארעסטירט אין ווילנא, און אין דעם אָביסק, וואָס מען האָט ביי זיי געמאַכט, האָט מען

---

*) ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט מען איהם אַרעסטירט, ווייל מען האָט זיין האַנדשריפט דערקענט אויף געשריבענע פּראָקלאַמאַ־ציעס, וואָס זיינען געווען אויסגעקלעפּט איבער'ן שטאָדט; ער האָט אַלעמען אַרויסגעגעבען, און זיין מוטער האָט די גאַנצע שולד פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַרויפגעוואָרפען אויף די אידען.

ביי קאַליאַ'ן געפונען מאַראַזאָוו'ס אַ בריעף, אַז ער, מאַראַזאָוו, קלייבט זיך צו קומען קיין וועליזש און סיווערע צו פיהרען פּראָפּאַגאַנדע אין די דערפער.

פאַרלויפיג האָט מען די לאַכאָוו־פאַמיליע אוועקגעשטעלט אונטער אַ היימישען ארעסט.

עס איז געווען נאָך אַ פאַרהער, אויף וועלכען מען האָט נעבראַכט אי זיי, אי מיך. דער פּאָלקאָווניק האָט מיר ווידער געזאָגט, אַז מען וועט מיר פיהרען קיין וויטעבסק, און געוואָרענט ניט צו פּרואווען אנטלויפען.

3.

איך באַשליס זיך צו פאַרשווינדען. — דער אַלטער מעערסאָן און זיינע זיהן. — איין פּלאַן פאַלט דורך. — אַ צווייטער פּלאַן.

איך האָב גענומען באַמערקען, אַז מענשען דערווייטערען זיך פון מיר. איינינגע האָבען מיך איינפאַך אויסגעווייכט. צילשטיין איז געווען פריינדליך און טריי. די מעערסאָנס און אַ פּאָר אַנדערע באַקאַנטע אויך. די שטאָדט אָבער אין אַלגעמיין האָט מיך באַהאַנדעלט ווי אַ קרבן פון אַן אנשטעקיגע קראַנקהייט.

וועליזש איז מיר געוואָרען אונערטרעגליך. די פראַגע איז געווען צי זאָל איך וואַרטען ביז מען וועט מיר פיהרען אין וויטעבסק, אָדער באַטראַכטען אַ פּלאַן צו „פאַרשווינדען".

קיין גרויסע געפאַהר איז פאַר מיר ניט געשטאַנען. מען האָט ביי מיר גאָרניט געפונען, און געוועהנליך האָט מען פאַר אַזעלכע „פאַרברעכענס", ווי מיינער, פאַרשיקט אין ניט זעהר ווייטע געגענדען פון סיביר אויף פינף יאָהר. דאָס וואָלט ניט געווען קיין גרויסער אונגליק. אין סיביר זיינען געווען פאַרשיקט פילע פון די בעסטע און געבילדעטסטע מענשען. איך וואָלט געווען אין גוטער קאָמפּאַניע. מיין פּעטערסבורגער פעטער וואָלט מיך אונטערשטיצט און איך וואָלט פינף יאָהר פאַרבראַכט אין לעזען און לערנען. אַ סך בעסער ווי צו ליגען אין דיזער פאַר־וואָרפענער פּראָווינץ און צו זיין אַ לעהרער אויף אייביג. אזוי

פלעג איך זיך טראכטען. עס זיינען אָבער געווען מאָמענטען ווען איך האָב זיך די לאַנגע פאַרגעשטעלט אין דונקעלע פאַרבען.
דאַן פלעג איך זיך מאָהלען אַן אַנדער בילד: איך וועל אַנטלויפען. איך וועל קומען אין שווייצאַריע אָדער אין פאַריז, וואו דאַן האָבען זיך געפונען פילע רוסישע רעוואָלוציאָנערען, און צווישען זיי איינינע באַריהמטהייטען. איך קום דאָרטען אַן אין אוניווערסיטעט; איך לערען און לעז. צו דערזעלבער צייט נעהם איך אַנטייל אין די טהעטיגקייטען פון די דאָרטיגע רוסישע רעוואָלוציאָנערע גרופּען, און איך באַזוך רוסלאַנד אַלס אַן „אונלעגאַלער“.
אויב אַנטלויפען, האָט מען דאָס באַדאַרפט טאָן וואָס גיכער, איידער דער ווילנער פּראָקוראָר וועט באַקומען די פּאַפּירען פון וועליזש און אויפדעקען מיינע ליגענס. און אויב נים אַנטלויפען נאָר וואַרטען מען זאָל מיך פיהרען קיין וויטעבסק, האָב איך געהאָפּט, אַז פון דאָרטען וועט מען מיך וואָס שנעלער אַריבערפיהרען קיין ווילנא אין דעם „14טען נומער“, וואו עס זיצט ראַבינאָוויטש, סאָקאָלאָוו און די אַנדערע אַרעסטירטע פון אונזער „קרוזשאָק“.

איך האָב געוואָלט זיך באַראַטען מיט די ווילנער חבֿרים, וואָס זיינען געווען פריי. אַ חוץ דעם האָב איך געוואָלט וויסען וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען און ווי צו ענטפערען אויף וויטערע פראַגען פון דעם פּראָקוראָר אין וועליזש, אין וויטעבסק, אָדער ווילנא. צו דיזען צוועק האָב איך באַשלאָסען צו שיקען קיין ווילנא אַ שליח. צייט איז נאָך געווען. וואָרים דער באַריכט וועגען מיין פאַרהער איז געגאַנגען קיין וויטעבסק און פון דאָרטען קיין ווילנא, און די רעדער פון דער רוסישער רעגירונג האָבען זיך געדרעהט זעהר לאַנגזאַם.
פאַר מיין שליח האָב איך אויסגעקליבען איסאַק מעערסאָן'ס אינגערען ברודער, זעליג. ער איז געווען אַ קלוגער בחור און אַ בריה אַ יונג.
ווען ער איז געקומען קיין ווילנא, האָט ער באַגעגענט גרויסע שוועריגקייטען. איינער פון די סאָציאַליסטען, וועמעס מיינונג

איך האָב געוואָלט האָבען, איז ניט געווען אין שטאָדט. — אזוי האָט מען איהם געזאָגט. א צווייטער, וועלכער איז, לויט מיינע ערוואַרטונגען געווען פריי, האָט זיך ארויסגעצייגט צו זיין איינער פון די ארעסטירטע. און די וואָס ער האָט געקענט זעהן (מענאַקער איז געווען איינער פון זיי), זיינען ניט געווען זיכער, אז ער איז מיין שליח און אז מען קאָן איהם טרויען. זיין אַלגעמיינער איינדרוק איז אָבער געווען, אז די ארעסטען האָבען אין דעם ווילנער קרוזשאָק געמאַכט א חורבן.

ווען ער איז געקומען צוריק און מיר אָפּגעגעבען זיין באריכט, האָב איך באַשלאָסען „נעלם" צו ווערען.

אנטלויפען איז ניט געווען שווער, ווארום דער שפּיאָן, וואָס האָט „געהיט מיין יעדען טריט" האָט זיך געפונען נאָר אין דעם פּאָלקאָווניק'ס פאַנטאַזיע. די זשאַנדאַרמעריע און די פּאָליציי זיינען געווען זִיכֶעֶר, אַז מיר וואָלט סתם זיין אונמעגליך צו אַנטלויפען.

ווען איך האָב געזאָגט די מעערסאָנס, אז איך האָב זיך באַשלאָסען צו „פארשווינדען" פון וועליזש, האָט די גאַנצע משפּחה זיך גענומען מיר העלפען. הויפּטזעכליך איסאַק, זעליג, נאָך א ברודער און זייער פאָטער, יוסף משה מעערסאָן, דער לעצטער האָט אַנטייל גענומען מיט ענערגיע און באגייס־טערונג.

דיזער אַלטער מאַן — ניט קיין הויכער, א דארער, מיט א לאַנגע, שמאָלע גרויע באָרד — איז געווען א אינטערעסאַנטער טיפּ: א איד א למדן, א חריף און א דרעה־קאָפּ, מיט אונ־ערשעפּליכען אונטערנעהמונגס־גייסט און מיט א באַזונדערע ליידענשאַפט צו ראַטעווען אידען, וואָס דאַרפען אַנטלויפען פון „גויאיסקע הענט". ווען דער שיקזאַל האָט איהם אונטערגעשאַרט א געלעגענהייט פון דיזען סאָרט, פלעגט ער ווערען מיט צוואַנציג יאָהר יינגער.

ער האָט געהאַט אַן אייגענע הויז, א גרויסע, א הילצערנע, און ער פלעגט איהר שטענדיג האַלטען אין איבערבויען. זיין

טהעטיגער מוח איז געווען פול מיט פלענער. ווען ער וואלט גע־
וואוינט אין אמעריקא, וואלט ער איבערגעבויט גאנצע גאסען אין
בראנזוויל אדער אין די בראנקס. אין ווענליזש האט זיין אונטער־
נעהמונגס־גייסט זיך געמוזט באנוגענען מיט „ארכיטעקטארישע״
פאנטאזיעס אין באצוג צו זיין שטוב.

זי איז געשטאנען ביי דעם סאמע ברעג פון דער דווינא.

עס האט אפגעלאזען דער אייז. פון דעם פאריגען זומער
איז פארבליבען א וויטעבסקער „לאיווע״ (בארקע, פראכט־שיפעל),
וועלכע איז פארפרארען געווארען מיט עטליכע מאנאטען צוריק,
ווען דער טייך האט זיך געשטעלט. איצט האט זי זיך געגרייט
צו שווימען צוריק קיין וויטעבסק. אלזא, איז דעם אלטען מעער־
סאן׳ס פלאן געווען, אז איך זאל אוועקפאהרען אויף דער דאזיגער
„לאיווע״. און ביי איהם איז געווען „געזאגט און געטאן״.

ער איז גלייך אוועק צו דעם באלעבאס פון דער „לאיווע״
און זיך באדונגען מיט איהם. ער האט איהם דערצעהלט ווענען
א יונגען סוחר, וואס מוז אוועקפאהרען געהיים, און יענער האט קיין
קשיות ניט געפרעגט. צי דער לאיוואטשניק האט חושד געווען,
אז דאס איז דער אוטשיטיעל, ביי וועמען מען האט געמאכט
אביסקעס, צי ניט, ווייס איך ניט.

די איינצעלהייטען פון דעם פלאן זיינען באשטאנען אין פאל־
גענדען: ווען די לאיווע וועט זיין פארטיג אפצושווימען, וועל איך
זיך געפינען אין א פארבארגענעם פלאץ גלייך דערביי. דארטען
איז געווען א טרוקענער גראבען און איבער׳ן גראבען איז געווען
א בריקעל; וועל איך ווארטען אונטער דעם דאזיגען בריקעל.
ווען מען וועט מיר געבען א צייכען, אז די לאיווע איז געגרייט
צום וועג, וועל איך זיך ארויפכאפען אויף איהר. מען וועט מיר
אריינגעהמען אין א ליידיגען קאסטען און צודעקען מיט א פאר
זעק, און די לאיווע וועט אפגעהן.

פאר מיין אפפאהרען האט דער אלטער מעערסאן מיר אנגע־
הויבען צו זאגען „דו״, ווי א טאטע, און מיר באזארגט מיט א
פאלשען נאמען.

— אויפ'ן וועג מוזטו פאַרגעסען אַז דו הייסט קאַהאַן, — האָט ער מיך געלערנט, — דו ביסט ניט מעהר קאַהאַן, דו ביסט ליפשיץ. נו, ווי זשע רופט מען דיך? — האָט ער מיך „פאַרהערט“.

— ליפשיץ, — האָב איך געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— עס איז ניט קיין געלעכטער. פאַרגעס ניט דיין נייעם נאָמען. פלאָנטער ניט.

אויף דער רייזע — ביז איבער'ן גרענעץ — איז פאַר מיר נויטיג געווען אונגעפעהר 200 רובעל, און דיזע סומע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען טיילווייז פון מיינע אייגענע געלד און טיילווייז פון באָם'ס איידים און פון נאָך אַ פריינד.

אום די זשאַנדאַרען זאָלען ניט דערשפּירען, אַז איך בין ניטאָ, האָב איך אָפּגעמאַכט מיט צילשטיינ'ען, אַז דער לאָמפּ זאָל ביי אונז ברענען דעם גאַנצען אָווענד, צי ער וועט זיין אין דערהיים צי ניט. אויף מאָרגען זאָל ער אומגעהן מיך זוכען, און ענדליך מעלדען דער פּאָליציי, אַז איך האָב ניט גענעכטיגט אין דערהיים, און אַז ער קען מיך ניט געפינען.

דער רעכענונג איז געווען, אַז איך וועל אָנקומען קיין וויטעבסק פאַרטאָג; דאָרטען, 6 אוהר, וועל איך נעמען אַ צוג קיין קורסק, און אין קורסק זיך זעצען אויף אַ צוג קיין וואַרשע. די פּאָליציי וואָלט מיך צוערשט געזוכט אין סיוועץ און אַנדערע אַרומיגע פּלעצער; און איידער וואָס־וועץ, וואָלט איך געווען אין וואַרשע, ביי דאָקטאָר יאַצקעוויטש'עס זוהן. אַזוי איז געווען מיין חשבון.

די לאַיווע האָט געדאַרפט אָפּפאָהרען נאָכמיטאַג. איך בין געזעסען ביי די מעטרסאָנס און געוואַרט אויף דער מינוט, ווען איך וועל געהן צו יענעם בריקעל.

עס איז אָנגעקומען אַ נאַכריכט, אַז אַלץ איז געגרייט, אָבער אַז אויף דעם בריקעל, אונטער וועלכען איך האָב געזאָלט אַרויפקריכען אויף דער לאַיווע, שטעהט דער איספּראַווניק און דער „גאָלאָווא“ פון שטאָדט. דאָס האָט ניט געהאַט קיין שייכות

צו מיר. זײ זײנען אײנפאך געקומען פון נײגעריגקײט װעגן. די ערשטע שיפעל האט זיך געקליבן אװעקצושװימען, און אין דעם לעבן פון װעליזש איז דאס געװען א װיכטיגע נײעס.

דער לאיװאטשניק האט געװארט בײ א פערטעל שעה; דערנאך האט ער געשיקט זאגן, אז מעהר קאן ער ניט װארטען. עס זײנען געפלױגען „סטאפעטען" הין און צוריק. דער אלטער מעררסאן האט זיך געבעטען יענער זאל האבען געדולד. דער לאיװאטשניק האט געװארט נאך אביסעל, און נאך אביסעל.

ענדליך איז די לאיװע אװעק. איך בין געװען אין פארצװײפלונג.

דער אלטער מעררסאן אבער האט פון פארצװײפלונג ניט געװאוסט. ער האט געגעבען א קנאק מיט די פינגער, און ערקלערט א נײעם פלאן: קױפען א לאדקע און דינגען צװײ לאדאטשניקעס, װאס זאלען מיך אריבערשיפען ביז סאמע װיטעבסק. מיט דער יאזדע װעט מען מוזען װארטען ביז ארום צעהן בײנאכט. אבער אױב אלץ װעט געהן כשורה, װעל איך אנקומען קײן װיטעבסק צו דעם 6־אזײגערדיגען צוג. איך האב דעם פלאן אנגענומען מיט פרײד און אײנער פון דעם אלטען'ס זיהן האט זיך אריבערגעכאפט אויף דעם „קלײנעם זײט", דאס הײסט, אויף דער אנדערער זײט פון דער דװינא, געקױפט א שפאגעל־נײע לאדקע און געדונגען צװײ געזונטע ביעלא־רוסען.

4.

אין א לאדקע אויף דער דװינא. — אויף א דאמף־שיף איבער'ן דניעפער. — א נארישער ענטפער. — איך קום קײן מאהילעװ.

עס איז גראד געװען א לבנה־נאכט. די לאדאטשניקעס זײנען געשטאנען געגרײט לעבען דער שיפעלע. מיר זײנען ארױס אױפ'ן הױף; איך, מעררסאן'ס דרײ זיהן און די יונגע טאכטער פון א פערטען זוהן. שטילינקערהײט, אין דער שײן פון דער לבנה, האבען מיר זיך געזעגנט. איך האב אױסגעטאן

מיין אָפיציעלע לעהרער־היטעל, אָנגעטאָן א פראָסטע ביליגע הימעל און פאררדרעהט די ברעגעס פון מיינע האָר, כדי זיי זאָלען אויסזעהן ווי פאות. די היטעל מיט דער קאָסאַרדע האָט צוגענומען איינער פון די מייערסאָנס אויף צו פארברענען. מיר האָבען זיך געדריקט די הענט. זיי האָבען מיר געוואונשען גליק. איך בין אריין אין לאָדקע. די וויאָסלעס האָבען גענומען ארבייטען און די לאָדקע האָט זיך אוועקגעלאָזען מיט'ן שטראָם צו וויטעבסק צו.

צוערשט האָבען די צוויי ביעלאָ־רוסען זיך אָפגעשטעלט ביי דעם אנטקעגענדיגען ברעג, ביי דעם ווארשטאַט פון א טעפּער. פון דרויסען איז געלעגען א בארג מיט ליימענע כלים. דורך דער פריי־שער האָלץ פון דער לאָדקע האָט זיך געקליבען וואסער; האָבען די לאָדאָטשניקעס זיך גענויטיגט אין שיסלען דאָס אויסצושעפּען.

— עה! גנבים! טשעפּעט ניט די כלים! — האָט פון דעם ברעג געשריען א וועכטער, וועלכען זיי האָבען ניט געקענט זעהן.

— מיר נעמען נאָר א פּאָר שערבלעך אויף אויסצושעפּען די וואסער, — האָט איינער פון מיינע „מאַטראָזען" געענטפערט, — אָט זעה! . . . .

מען האָט געמוזט שעפּען די וואסער אָהן אן אויפהער.

איך געדענק דעם פּלוסק פון די וויאָסלעס און דעם סקראָב פון די שערבלעך, ווען די לאָדקע האָט זיך גענומען רוקען.

אויפ'ן וועג, ביי דריי שטונדען שפּעטער, זיינען מיינע „מאַטראָזען" צוגעשטאַנען צו א ברעג זיך אָפּרוהען. און דאָרטען זיינען זיי אנטשלאָפען געוואָרען. וועק זיי היינט, וועק זיי מאָרגען! זיי האָבען אָפּגעשלאָפען ביז א שטיק אין טאָג אריין. מיר זיינען אָנגעקומען אין וויטעבסק ניט זעקס, נאָר ארום דריי אזייגער ביי טאָג. נעהמען דעם באַהן, אירגענד וועלכען צוג, איז שוין געוועזן א סכנה. מסתמא זוכט מען מיר שוין. אויף יעדען וואָקזאַל האָבען זיך געפונען זשאנדארען, וועלכע האָבען אפשר נעהאַט א באַשרייבונג פון מיר; און מיינע קאַסאָקע

אויגען זיינען געווען אַ געפעהרליכער צייכען. עס וואָלט געווען לייכט מיך צו דערקענען.

אלזאָ, האָב איך, ווי ווייט מעגליך, אויסגעמיטען די באהנען.

פון וויטעבסק בין איך געפאָהרען מיט אַ דיליזשאנס (אָמניבוס) ביז אָרשא; און פון אָרשא, מיט אַ דאמפ־שיף, איבער׳ן דניעפער, ביז מאָהילעוו.

אונטער דעם נאָמען ליפשיץ, אלזאָ, אָהן אַ פּאַס, בין איך אָנגעקומען קיין מאָהילעוו. דאָס איז געווען עטליכע טעג פאר פּסח.

אויף דער דאמף־שיף איז לעבען מיר געזעסען אַ יונגער מאַן, אַ זעמשער, פון קאָווגע. ער האָט געהאַט קרובים אין מאָהילעוו און איז אהין געפאָהרען ארבייטען. אַ „פּיפּיקער" יונג איז דאָס געווען, פול מיט לעבען. ער האָט מיך מכבד געווען מיט הוהן און מיט אנעקדאָטען. ווי דער שטייגער איז ביי אונזערע אידען, האָט ער געפרעגט נאָך וואָס איך פאָהר קיין מאָהילעוו, ווער איך בין, וואָס איך בין.

איך האָב ניט צוגעגרייט קיין ענטפער, און האָב איהם געזאָגט וואָס מיר איז ארויפגעקומען אויף׳ן צונג:

— איך פאָהר וועגען אַ שדוך פאר מיינעם אַ ברודער.

ער האָט געפאָדערט איינצעלהייטען, און איך האָב ווייטער „געמולירט", ווי מען זאָגט אין ווילנא.

ער האָט מיך באַקוקט מיט מיינע פּאות, און זיך צולאכט אויפ׳ן קול.

— אזא ישיבה־בחור שיקט מען באַקוקען אַ כלה און ריידען וועגען נדן? — האָט ער אויסגעשריהען.

— געפעהלט אייך ניט, דארף מען ניט! — האָב איך נעענטפערט.

— שא, ער האָט זיך באלייריגט! — האָט ער מיך איבערגעבעטען.

ער האָט מיר צוגעזאָגט אין מאָהילעוו באהילפיג צו זיין.

— איהר קענט דאָך דאָרטען קיינעם ניט, — האָט ער ערקלעהרט, — און איך האָב דאָרטען אַ סך באַקאַנטע.

ער איז געווען אַ פריינדליכער יונג. אָבער פאַר מיר האָט זיך זיין פריינדליכקייט אין מאָהילעוו ניט געלוינט. איך האָב באַשלאָסען פון איהם זיך צו באַפרייען גלייך ווי מיר וועלען אָנקומען.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין מאָהילעוו ארום ניין אזייגער אין אָוונד. דער זעמשער האָט אויף מיר אכטונג געגעבען ווי אַ מאמע אויף אַ קינד, און איך האָב אַלץ געקלעהרט ווי אַזוי איך קען פון איהם פטור ווערען.

ער האָט מיך געפיהרט צו זיינעם אַ קרוב אויף נאכטלעגער. איך בין געגאַנגען מיט מיין קליינעם פעקעלע, און ער מיט אַ גרעסערען פּאַק. געהענדיג האָב איך באַקוקט די „סטראַטעגישע פּאָזיציעס" פון די גאַסען און די הויפען.

ענדליך, ביי אַ געוויסען פונקט, האָב איך איהם געהייסען וואַרטען אויף מיר אַ מינוט.

איך בין דורכגעגאַנגען דורך אַ הויף, און דאַן האָב איך זיך פאַרקערעוועט און זיך געלאָזען געהן מיט אַ געסעלע צוריק, ביז איך האָב דערגרייכט אַ באַקוועמע באַהעלטעניש ביי פופציג טריט הינטער איהם. דאָרטען האָב איך זיך אָפּגעשטעלט הינטער אַ טויער.

— ליפשיץ! ליפשיץ! — האָט ער געשריען מיט אַלע כוחות, — וואו זייט איהר אהינגעקומען?

ניט הערענדיג קיין ענטפער, איז ער מיך געגאַנגען זוכען, אַלץ רופענדיג מיך מיט מיין נייעם נאָמען.

אַ מינוט צעהן האָט ער מיך ארומגעזוכט, ביז ענדליך הער איך ווי ער שרייט מיט אַן אויפגערעגטער שטימע:

— דאָס איז אַ ישיבה־בחור! אונטער די הענט האָט ער פאַרבלאָנדזשעט! און אַזאַ בריה שיקט מען דאָס וועגען אַ שדוך פאַר אַ ברודער!

ווען עס איז שטיל געוואָרען, בין איך אָפּגעגאַנגען ביי אַ פינף מינוט אין אַ זייטיגער ריכטונג. ערטערוויין זיינען פאַרביי־געגאַנגען מענשען, איך האָב גענומען פרעגען וואו עס געפינט זיך אַן אכסניה.

עס איז געווען עטליכע טעג פאר פסח. איך האב באשלאסען אין מאהילעוו צו פארבלייבען ביז איבער יום־טוב, ביז אין וועליזש וועט איבערגעהן דער קאך און מען וועט מיך אויפהערען צו זוכען אין ארומיגע פלעצער. איך בין געווען זיכער, אז די וויטעבסקער זשאנדארמעריע האט ארויסגעשיקט א באשרייבונג פון מיין אויסזעהען.

אין א פאר וואכען ארום, אלזא, ווען מען וועט אן מיר פארגעסען, וועל איך זיך אוועקלאזען אויף א דאמף־שיף איבער דעם דניעפר ביז קיעוו. פון קיעוו ווייטער וועל איך שוין פאהרען מיט'ן באהן. איך וועל קומען קיין ווארשע און דארטען וועל איך זיך בעראטען מיט העגריך יאצקעוויטש'ן וועגען ווייטערדיגע פלענער. אזוי איז געווען מיין פראגראם.

עלעפטער טאַפיטעל.

ווי קום איך צו דעם געדאַנק וועגען אמעריקא?

1.

אין אַ מאָהליווער אכסניה. — אַ באַקאַנטער נאָמען.

אין איין פלאַץ, אויף אַ שוועל פון אַן אָפענער טהיר, זיינען געזעסען צוויי ווייבער, און זיי האָבען מיר אַנגעוויזען אויף אַן אכסניה פון אַ אידען מיט'ן נאָמען מאַכאָווער, אויף אַ גרויסען הויף פונקט אַנטקעגען. איך בין דורכגעגאַנגען דעם גרויסען הויף און אריינגעקומען אין אַ גאַסט־הויז.

מיך האָט אויפגענומען אַ איד פון די מיטעלע יאָהרען, מיט אַ צוטראָגענעם פנים און מיט אַ געדיכטע בערדעל — דער בעל הבית.

— קען איך זיך ביי אייך אויפהאַלטען ביז איבער פסח?

— האָב איך געפרעגט.

אַנשטאָט צו ענטפערען, האָט ער מיך צוריקגעפרעגט, שטי־לערהייט און געהיימניספול:

— פון פריזיוו?

זיין טאָן האָט מיר געקלונגען סימפּאַטיש. דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך פון פריהער קיין תירוץ ניט אָנגעגרייט. ער האָט מיר אָבער פאַרשפּאָרט אַן ארבייט.

— יאָ, פון פריזיוו, — האָב איך געענטפערט.

ער האָט אַ שמייכעל געגעבען און אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען: „עס וועט שוין רעכט ווערען".

מאַכאָווער האָט אַריינגערופען זיין פרוי. עס איז אריינ־געקומען אַ הויכע, פאָלנע, מיטעל־יעהריגע אידענע, מיט אַ ברונעטען פנים און מיט אַ בונט שליסלען ביים זייט. איך האָב

זיך אויסגעקליבען א צימער. מיר זיינען דורכגעקומען וועגען דעם פרייז, און איך בין דארט פארבליבען.

די גאנצע צייט האט מיר דער נאמען מאכאווער געקלונגען באקאנט. אבער דערמאנען זיך וואו איך האב איהם געהערט, האב איך ניט געקענט. ענדליך, אויפ'ן צווייטען טאג, האט די באלעבאסטע גופא, אליין ניט וויסענדיג דערפון, מיר מיין רעטעניש געלייזט. אום מיר ארויסצואווייזען פריינדליכקייט, האט זי צו מיר געזאגט:

— אט באלד וועט קומען צופאהרען מיין זוהן עליע אויף פסח, וועט אייך זיין פרעהליכער.

דערביי האט זי מיר דערצעהלט, אז איהר עליע איז דער פארוואלטער פון א דיליזשאנס קאנטאר אין נעוועל.

זי איז געווען זיכער, אז זי האט מיר דא אנגעזאגט א פרייליכע בשורה. אין אמת'ן איז געווען פארקערט. דער נאמען נעוועל האט מיר א זעץ געטאן ווי א דונער. איך האב זיך גלייך דערמאנט ווער דער יונגער מאכאווער איז.

דער לעזער וועט זיך עראינערען, ווי אויף סוכות, דאס הייסט מיט א האלב יאהר פריהער, בין איך און צילשטיין געווען צוגאסט ביי טראצקי'ן און יונאוויטש'ן, אין נעוועל, וויטעבסקער גובערניע, און ווי אין שטעדטעל האט זיך מיט אונזער באזוך גערודערט. מיר זיינען דאך עפעס געווען „טשינאווניקעס", און מיר האבען ארומגעפראנטעוועט אין אונזערע בלויע היטלען מיט די קאקארדעס. די וויכטיגסטע באלעבאטים פון שטאדט האבען אונז איינגעלאדען צו זיך — דער אויף מיטאג, דער אויף אן אווענד. עס איז געווען א לעבעדיגע וועלט. ווען מיר זיינען געגאנגען איבער'ן גאס, פלעגט מען אויף אונז זיך אפ־שטעלען קוקען. דעריבער איז איצט ביי מיר קיין פראגע ניט געווען, אז דער יונגער מאכאווער, דער פארוואלטער פון דער נעוועלער דיליזשאנס קאנטאר, האט מיך געזעהן און באקוקט מעהר ווי איינמאל. א חוץ דעם: ווען מיר האבען פארלאזען נעוועל, האט ער מיר פארקויפט די בילעטען אויף צו פאהרען מיט'ן דיליזשאנס (ביז וויטעבסק). אויך איז ביי מיר קיין פראגע ניט געווען, אז ער האט געהערט וועגען מיין אנטלויפען

פון וועליזש, וואָרים געוועל איז דאַך דיזעלבע גובערניע; און די סענסאַציע האָט זיך מסתמא פאַרשפּרייט.

עס איז געווען גאַנץ נאַטירליך צו גלויבען, אַז ווען דער יונגער מאַכאָווער וועט מיך געפינען אין זיין פאָטער'ס הויז, וועט ער זיך דערשרעקען און זאָגען זיינע עלטערן ווער איך בין. העכסט וואַרשיינליך וועט די משפּחה מיר בעטען זיך אָפּטראָגען. צי יאָ, צי ניט, מיר האָט זיך ניט געלוינט, אַז מען זאָל וויסען ווער איך בין.

אַז ער וועט מיך דערקענען, איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט געווען. אַלזאָ, האָב איך באַשלאָסען זיך אויסצוזוכען אַנאַנדער לאָזשי, באַצאָהלען די מאַכאָווערס פאַר די עטליכע טעג און פאַרשווינדען איידער זייער זוהן וועט קומען. איך האָב אָבער קיין חשק ניט געהאַט דאָס צו טאָן. איך האָב זיך דאָ געפיהלט באַקוועם און היימיש, און עס האָט זיך מיר ניט געגלוסט צו געהן זוכען אַנאַנדער קוואַרטיר.

דאָס איז געווען אַ גרויסע משפּחה. און כמעט אַלע זיינען זיי געווען פריינדליכע. איך האָב געזאָגט, אַז דער אַלטער מאַכאָווער האָט אויסגעזעהען צוטראָגען. פון דאגות חיונה מסתמא; ער איז אָבער געווען אַ צוטראָגענער פון דער נאַטור אויך. אַזאַ איינדרוק האָט ער אויף מיר געמאַכט. צוויי אינגלעך זיינע, אַ צווילינג, זיינען געווען אַזוי עהנליך איינער אויפ'ן אַנדערען, אַז אַמאָל, ווען איינער פון זיי האָט ביים פאָטער געבעטען אַ קאָפּיקע, האָט ער איהם געפרעגט ווער ער איז, צי ברוך'קע, צי חיים'קע.

אַזוי ווי איך בין געווען אַ לעבעדיגער, געזעלשאַפטליכער יונג, בין איך מיט אַלעמען געוואָרען אַ גוטער ברודער, און זיי מיט מיר אויך.

מיין צימער איז געווען אַ גוטער, און ווען איך פלעג ניט פאַרברענגען מיט דער פאַמיליע פלעג איך זיצען ביי זיך און לעזען. די מאַכאָווער'ס צווייטער זוהן און זייער עלטסטע טאָכטער, מירעל (אַ בלאָנדליכע מיידעל, ניט קיין דאַרע, מיט אַ חנ'עווריגען גוטמוטהיגען שמייכעל, ביי וועלכען די אויגען

פלעגען ביי איהר כמעט צוגעמאכט ווערען), זיינען א פאר מאל געגאנגען אין דער שטאדט ביבליאטעק און מיר געבראכט רוסישע ביכער פון דארטען. נעקארמעט האט מען מיך גוט, און די ביכער זיינען מיר אויך געווען אינטערעסאנט. היינט וואס האט מיר געפעלט? קורץ, איך האב מיין „מופען" אפגע־ליינט פון טאג צו טאג.

דער סוף איז געווען, אז איך האב זיך באשלאסען צו בלייבען. און אויב עליע וועט מיך דערקענען, וועל איך לייקענען, אז איך בין איך. אויסגעזעהען האב איך דאן שוין גארניט מעשה טשינאוניק. איך האב געטראגען א פראסטע היטעל; די הויזען זיינען ביי מיר געווען אריינגערוקט אין די שטיוועל. אויפ'ן וועג האב איך געלאזען אפשערען די האר, אזוי אז עס זיינען איבערגעבליבען אמת'ע פאות. איך האב אויסגעקוקט ווי א בעל־הבת'ישער יונגערמאן פון דעם אלט־מאדישען קלאס. אזוי, ווייניגסטענס, האב איך געמיינט. יעדעס מאל, ווען איך פלעג א קוק טאן אין שפיגעל, פלעג איך מיט מיין „גרים" זיין העכסט צופרידען. הגם, צו דערזעלבער צייט, פלעגט מיר געבען א שטאך אין הארצען, פארוואס איך זעה אויס ווי א ישיבה־בחור.

קורץ, ביי מיר איז געבליבען, אז איך זאל זיך פאר עליען אנרופען מיט מיין פאלשען נאמען ליפשיץ, און שפילען די ראלע, אז איך ווייס אפילו ניט ווער קאהאן איז.

2.

איך בין ניט איך. — א יונגער מאן פון נעוועל. — ער פארטרויט מיר א סוד.

איינמאל אין א נאכמיטאג, שוין גאר נאהענט צו פסח, קומט מירעל אריין צו מיר אין צימער מיט א שיינענדיגען פנים. זי האט א פרייליכע בשורה פאר מיר: עליע איז שוין דא!

איך האף, אז דאס וואס איך האב איהר אין יענער מינוט געוואונשען, איז איהר ניט אנגעקומען.

זי האט מיר מיטגעטיילט, אז איהר ברודער איז איצט מיט

איהר פאַטער אין דעם קאָנטאָר־צימערעל, און אַז איהר פאַטער לאָדעט מיך איין אויף אַ גלאַז טהיי. מיין פּנים האָט אָנגענומען אַן אויסדרוק פון דער העכסטער צופרידענהייט, און איך בין אוועק זיך פאַרשטעלען. זי איז נעגאַנגען פאַראויס און איך נאָך איהר. שפּרייזענדיג דורכ'ן קאָרידאָר, האָב איך געזעהען, אַז מיינע הויזען זאָלען זיין ריכטיג אריינגערוקט אין די שטיוועל; מיין שאַרף האָב איך ארומגעוויקעלט אַרום האַלז, די היטעל האָב איך אַראָפּגערוקט און די פּאות האָב איך אויסגעגרייזעלט. איך בין געווען כמעט זיכער, אַז עס וועט אָפּגעהן גלאַט; וואָרים נאָך אַלעמען איז דאָך עליע מיט מיר פערזענליך באַקאַנט ניט געווען. ער האָט מיר געזעהן עטליכע מאָל אויפ'ן גאַס, אין איינמאָל, ווען איך בין פון זיין קאָנטאָר אָפּגעפּאָהרען צוריק סיין וועליזש; אָבער מיין אויסזעהען איז דאַן געווען אַ גאַנץ אַנדערער.

איך האָב איהם געדענקט גאַנץ גוט, וואָרים איך האָב דאָך ביי איהם געקויפט די בילעטען, און אויף פּנים'ער האָב איך אַ גוטען זכרון. אגב, האָט ער געהאַט אַ ספּעציעלען סאָרט אויסזעהען; עס איז איהם לייכט געווען צו דערקענען: ער איז געווען זעהר קליין־געוואַקסען, מיט אַ קיילעכדיגען פּנים'ל, מיט אַ קורצליכען נעזעלע, מיט אַ בלאָנדע בערדעלע. זיין קליינינקער וואוקס אַליין האָט געצויגען אויפמערקזאַמקייט.

מיר זיינען אריין אין דעם צימערעל, וואו דער אַלטער מאַכאָווער איז געזעסען מיט זיין זוהן.

יאָ, דאָס איז ער מיט די ביינער! — האָב איך צו זיך געזאָגט.

איך האָב זיך געשטעלט אין מיין ראָלע, און איך האָב געפּיהלט, אַז איך שפּיל איהר גוט.

— אָט דאָס איז דער יונגער מאַן, — זאָגט דער אַלטער מאַכאָווער צו זיין זוהן.

איך האָב געזעהען, אַז דער יונגער מאַכאָווער איז ערשטוינט. פון איבעררראשונג איז ער אַזש בלאַס געוואָרען.

— ווי איז אייער נאָמען? — האָט ער געפרעגט.

פון דעם טאָן, מיט וועלכען ער האָט אַרויסגערעדט דעם

„ווי“ איז געווען דייטליך, אז ער האט געהערט דאס איך רוף זיך ליפשיץ.

— ליפשיץ, — האב איך געענטפערט, קוקענדיג איהם אין די אויגען.

זיין בליק האט א פליה געטאן איבער מיינע שטיוועל, מיין היטעל, מיינע פאות.

— זייט איהר ניט געווען אין נעוועל מיט עטליכע מאנאט צוריק? — האט ער געפרעגט א צוטומעלטער.

— וואו, אין לעוועל? — מאך איך זיך אז דער נאמען איז מיר אונבאקאנט.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו זיין פאטער:

— ווען מען וואלט מיר ניט געזאגט, אז דאס איז אן אנדערער, וואלט איך געשווארען אז דאס איז קאהאן, דער אוטשיטיעל פון וועליזש.

— ווי זאגט איהר? — האב איך געפרעגט מיט א מינע פון נייגעריגקייט, — קאהאן?

ער האט מיר דערציילט, אז אין וועליזש איז פאראן א לעהרער מיט'ן נאמען קאהאן. און מיר איז גרינגער געווארען אויפ'ן הארצען. וויבאלד איך בין נאך אין וועליזש, בין איך דאך ניט איך.

דער יונגער מאכאווער האט מיר גענומען דערציילען וועגען קאהאנ'ען און צילשטיינ'ען און זייערע חברים, די לעהרער פון נעוועל, און ווי אזוי זיי האבען פארבראכט צוזאמען די סוכות'דיגע וואך; ווי די בעלי־הבתים פון שטאדט האבען געמאכט הוליאנקעס פאר זיי און וואס פאר א לעבעדיגער יונג דער קאהאן איז.

גלייך פון אנפאנג רייזע האב איך ביי זיך באשלאסען ניט צו לייקענען, אז איך בין פון ווילנא. סיי־ווי־סיי וואלט מען דאס דערקענט נאך מיין אקצענט. דער אלטער מאכאווער האט דעריבער געוואוסט, אז איך בין א ווילנער; און איצט, ווען

עליע האט מיר דערצעהלט אז „יענער“ קאהאן און אלע זיינע נעוועלער חברים האבען געשטודירט אין ווילנא, האב איך זיך אפגערופען:

— אין ווילנא? איך בין דאך אויך פון דארטען.

איך האב זאגאר געזאגט, אז איך קען זיך מיט איינינע פון די וואס האבען געענדיגט דעם לעהרער־אינסטיטוט, אבער אז קאהאנ׳ען מיט זיינע נעוועלער חברים קען איך גראד ניט.

אויף דיזען ארט בין איך מיט דעם יונגען מאכאווער באקאנט געווארען. מיר האבען אפט פארבראכט צוזאמען, און דאס האט א שייכות צו דער געשיכטע ווי אזוי איך האב זיך באשלאסען צו פאהרען קיין אמעריקא.

צו די מאכאווערס פלעגט אריינקומען א נעוועלער יונגער מאן, א אידישער, וועלכער האט דאן שטודירט אין מאהילעוו, אין א פעלדשער שולע. זיין נאמען איז געווען טרופאנאוו. עליע האט איהם געבראכט א גרוס פון זיינע עלטערען, און ער, טרופאנאוו, האט איהם איצט באזוכט אלע טאג. ווען ער האט דערהערט, אז איך בין עהנליך צו א שול־לעהרער מיט׳ן נאמען קאהאן, וועלכער האט פארבראכט א וואך אין זיין געבורט־שטאדט און אז דער דאזיגער קאהאן איז געווען איינגעלאדען אין אלע בעל־הבת׳ישע הייזער, האט ער גענומען פרעגען ביי מאכאווער׳ן צי איז קאהאן ניט איינגעלאדען געווארען אין זיין פאטער׳ס הויז אויך. נו, האט זיך ארויסגעצייגט אז יא.

טרופאנאוו האט שטארק געבענקט אהיים, און דער פאקט, אז איך בין עהנליך צו א מענשען, וועלכער האט באזוכט זיין טאטען׳ס הויז, איז געוואוס געווען אז ער זאל זיך פאראינטערעסירען מיט מיר. ער האט מיר גענומען דערציילען וועגן נעוועל, און איך האב איהם געפרעגט וועגן דער פעלדשער־שול, אין וועלכער ער האט געלערענט. אויף דיזען ארט זיינען מיר געווארען נאהענט באקאנט. ער האט מיר אויסדערציילט יעדע איינ־צעלהייט פון דעם לעבען אין זיין פאטער׳ס הויז. איינמאל,

אזוי רעדענדיג, האָט ער דערמאָנט זיינעם א שוואָגער, וועלכער האָט געהייסען ספּאָקאָיני.

דיזער ספּאָקאָיני האָט אין נעוועל מיט אונז פֿארבראכט פילע שטונדען. דאָס איז געווען א הויכער, שלאנקער יונגער מאַן מיט א שווארצער בערדעל, זעהר א לוסטיגער, פול מיט אנעקדאָטען און מיט לידלעך. פון איהם האָב איך צום ערשטען מאָל געהערט וועגען דעם אידישען טעאטער. פאַרבייגעהענדיג, האָב איך אין א פריהערדיגען קאַפּיטעל דערמאָנט דעם אידישען טעאטער פון יענער צייט. דאָ וויל איך וועגען איהם ריידען אויספיהרליכער. דאָס געהערט אייגענטליך ניט אינגאנצען צו דיזען ענין, אָבער אינדירעקט האָט עס אויך א שייכות צו דער אורזאַך, דורך וועלכער איך האָב באשלאָסען צו פאָהרען קיין אמעריקא. און אגב וועט עס אונז ניצליך זיין אין די ווייטערדיגע בענדער וואו איך וועל דערצעהלען וועגען אידישען טעאטער.

אין ווילנא איז דאַן קיין אידישער טעאטער ניט געווען ערלויבט. אָבער דער גובערנאטאָר פון וויטעבסקער גובערניע האָט דאָס יאָ ערלויבט, און א געוויסע צייט האָט דאָרטען געשפּילט גאָלדפאדען׳ס טרופּע, וועלכע האָט דאַן ארומגערייזט איבער רוסלאַנד. מיט א מאָנאט אכט פריהער, אין דעם זומער פון 1881, האָט דיזעלבע טרופּע געשפּילט אין פּעטערסבורג, אויף דעם קרעסטאָווסקי אינזעל. דאָס איז געווען אין דעם פאָריגען זומער, ווען איך בין געווען אויף א באזוך ביי מיין אָנקעל אין פּעטערסבורג. אָבער דער אידישער טעאטער האָט מיך דאַן אזוי ווייניג אינטערעסירט, אז איך בין ניט געגאנגען זעהן קיין איינציגע פון די פאָרשטעלונגען. אינטעליגענטע אידען האָבען דאַן איבערהויפּט אויפ׳ן אידישען טעאטער געקוקט מיט פאראכטונג. די רוסיש־אידישע וואָכענבלעטער „רוסקי יעווריי", „ראַזסוועט" און „וואָסכאָד" האָבען ארונטערגעריסען די פּיעסען און די אַקטיאָרען; זיי האָבען פון זיי חוזק געמאכט. דער אידישער טעאטער איז דאָן ניט געשטאנען אויף קיין הויכער שטופע; אָבער דאָס איז ניט געווען די וויכטיגסטע אורזאכע. אינטעליגענטע אידען האָבען זיך מיט איהם פּשוט געשעמט, ווי זיי האָבען זיך געשעמט מיט אלץ, וואָס איז געווען אידיש.

ווען מען וואָלט אין יענע יאָהרען געברויכט אַזאַ אויסדרוק ווי „אידישע ליטעראַטור“, וואָלט זיך דער דורכשניטליכער געביל־דעטער איך צולאַכט. מען האָט אַנערקענט, אַז עס איז דאָ אַ העברעאישע ליטעראַטור, אָבער אַ אידישע? ! דאָס וואָלט גע־קלונגען ווי אַ שפּאַס. עהנליכעס איז געווען מיט דעם אידישען טעאַטער. מען האָט די שפּילער באַטראַכט אַלס נידעריגע באַשעפענישען און זייערע פאָרשטעלונגען אַלס פּורים־שפּיל.

פונדעסטוועגען, ווען איך האָב געהערט אין נעוועל ווי ספּאַקאַיני זינגט גאַלרפאַדען׳ס לידער און שטעלט פאַר סצענעס פון זיין טעאַטער, האָב איך זיך פאַראינטערעסירט. און אַ פּאָר פון די נגונים האָב איך זיך ביי ספּאַקאַיני׳ן אויס־געלערענט. איצט אין מאַהילעוו, אַלזאָ, ווען טרופּאַנאָוו האָט מיר דערציילט וועגען זיין שוואָגער, ספּאַקאַיני, מיט זיינע טעאַטער לידער, האָב איך זיך צוגעהערט מיט גרויס נייגעריגקייט. דורך דעם בין איך מיט טרופּאַנאָוו׳ן נאָך נעהנטער געוואָרען, און ער האָט זיך אויף מיין פריינדשאַפט אָפּגערופען מיט זשעדנעקייט. זיין היים־בענקענדע נשמה האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר. ער האָט מיר דערציילט די אינטימסטע זאַכען פון זיין יונגען לעבען.

איינמאָל האָט טרופּאַנאָוו מיר פאַרטרויט, אַז אין מאַהילעוו געפינט זיך איצט אַ מאַן, וועלכער איז געקומען פאַרשרייבען אידישע יונגע לייט, וואָס ווילען פאָהרען קיין פּאַלעסטינא. זיין נאָמען איז בעלקין, האָט ער מיר געזאָגט.

— איך דערצייל דאָס אייך, ווייל איך ווייס אַז איהר זייט אויך ניט אַבי וואָס פאַר אַ מענש, — האָט ער מיר ערקלערט, — איהר מיינט אַז איך גלויב טאַקע אַז איהר אַנטלויפט פון פּריזיוו? זאָגט מיר, ווער זייט איהר?

ער האָט מיך גענומען פאַרזיכערען, אַז מען קען איהם פאַר־טרויען אַ סוד; אָבער איך האָב געלייקענט, אַז איך האָב סודות און שטיפעריש חוזק געמאַכט פון זיין חשד. בעלקינ׳ען האָט זיך מיר אָבער געוואָלט זעהן. אַלזאָ, האָב איך איהם געבעטען, אַז ער זאָל איהם ברענגען צו מיר.

.3

פּאַלעסטינצעס און אַמעריקאַנצעס. — רעוואָלוציאָנערען אין פּאָגראָמען. — פון וואנען האָבען די פּאָגראָמען געשטאַמט ?

די וואָכען־בלעטער „רוסקי יעוורעי", „ראַזסוויעט" און „וואָסכאָד" זיינען דאן געווען פול מיט דעבאַטען צווישען די „אַמעריקאַנצעס" און די „פּאַלעסטינצעס". עס איז געווען נאָך דער רייהע פּאָגראָמען, וועלכע האָבען אויסגעבראָכען אין זיד־רוסלאַנד אין 1881, גלייך נאכדעם ווי די טעראָריסטען פון דער רעוואָלוציאָנערער פּארטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָבען געטויטעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

א געוויסער קלאַס אינטעליגענטע אידישע יונגע לייט האָבען דורך די פּאָגראָמען דערפיהלט אַז רוסלאַנד איז ניט זייער היים און אַז מען מוז זוכען אַן אמת'ע היים פאַר דעם אידישען פאָלק. אָבער וואו ? א טייל זיינען געווען פאַר אַמעריקאַ און א טייל פאַר פּאַלעסטינאַ.

אַלס רעזולטאַט פון די אנטיסעמיטישע מהומות זיינען פאָרגעקומען אַזעלכע סצענעס ווי די פאָלגענדע, צום ביישפּיעל: אין קיעוו קומט א גרופּע אידישע סטודענטען אריין אין א שוהל, וועלכע איז געפּאַקט מיט פאַרטרויערטע, פאַרוויינטע אידען. איינער פון דער גרופּע, א שלאַנקער אוניווערסיטעט סטודענט, מיט'ן נאָמען אַלעניקאָוו, שטעלט זיך אַנידער אויף דער בימה און ווענדט זיך צום עולם אויף רוסיש:

— מיר זיינען אייערע ברידער, מיר זיינען אידען אַזוי ווי איהר, מיר האָבען חרטה פאַרוואָס מיר האָבען ביז אהער זיך געהאַלטען פאַר רוסען און ניט פאַר אידען. די פאַסירונגען פון די לעצטען וואָכען — דער פּאָגראָם אין עליזאַבעטגראַד, אין באַלטאַ, דאָ ביי אונז אין קיעוו און אין אנדערע שטעדט, האָט אונז געוויזען וואָס פאַר א טרויעריגען טעות מיר האָבען געהאַט. יאָ, מיר זיינען אידען.

וואָס פאַר אַן איינדרוק די ווערטער האָבען געמאַכט אויף דער קהילה איז איבעריג צו שילדערען.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג צווישען אינטעליגענטע אידישע יונגע לייט אין רוס־לאַנד. און די קיעווער סטודענטען, וועגען וועלכע איך האָב דאָ דערציילט, זיינען געווען „אַמעריקאַנצעס".

איינינע זיינען אַזוי באַגייסטערט געוואָרען, אַז זיי האָבען כמעט אויפגעהערט צו ריידען רוסיש און גערעדט אידיש, הגם זיי זיינען פון דער שפּראַך שוין געווען אָפּגעוואוינט. עס האָבען זיך אויך געפונען אַזעלכע ענטוזיאַסטען וואָס האָבען אוועק־געוואָרפען זייערע רוסישע נעמען און גענומען געברויכען זייערע אידישע נעמען. יאַקאָב, צום ביישפּיל, האָט זיך גענומען רופען יאַנקעל; נאַטאַשאַ האָט ניט אָפּגעענטפערט סיידען מען האָט איהר גערופען עטעל. די צאָהל פון אַזעלכע נאַציאָנאַליסטען איז אָבער געווען קליין. און איך מוז זאָגען, אַז דער פּראָצענט פון אידישע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען פאַרטראָגען גע־וואָרען אויף דער נאַציאָנאַלער כוואַליע, איז אויך געווען אַ קליינער. דערביי מוז מען צוגעבען דעם פאָלגענדען פאַקט, וועלכער קלינגט היינט כמעט אונגלויבליך:

צווישען די אידישע רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען די אַנטיסעמיטישע מהומות באַטראַכט אַלס אַ פ ר ע ה ל י כ ע ע ר ש י י נ ו נ ג. זייער טעאָריע איז געווען, אַז די פּאָגראָמען זיינען אַן „אינסטינקטיווער" אויסבּרוך פון אַ רעוואָלוציאָנערען פאָלקס־צאָרן פון די רוסישע מאַסען גענען זייערע אונטערדריקער. דער פּראָסטער רוסישער עולם וויים, אַז דער קיסר, די „טשינאָווניקעס" און די „זשידעס" זאַפּען זיין בלוט. נו, האָבען די פּויערים פון מאַלאָראָסיע (אוקראַינע) זיך פּאָרלויפיג אַ נעהם געטאָן צו די אידען, די פּראָצענטניקעס; דאָס הייסט, אַז עס האָט זיך צוברענט דער רעוואָלוציאָנערער פלאַסער, און ממילא וועט שוין קומען צו די טשינאָווניקעס און דעם קיסר גופא. אַזוי איז געווען די ערקלעהרונג פון געוויסע רעוואָלוציאָנערען, ניט אידישע און אידישע.

געוויסע מיטגלידער פון דער געהיימער פּאַרטיי „נאַראָד־נאַיאַ וואָליא", וועלכע האָט מיט אַ קורצער צייט פריהער געטויט

דעם צאר, האבן ארויסגעלאזן א פראקלאמאציע צו די פאגראמ־שטשיקעס אין אוקראינע. אין דיזער פראקלאמאציע ערקלעהרען זיי דעם געדאנק, וועלכען איך האב דא איבערגעגעבען, און זיי־גיבען די פאגראמשטשיקעס צו מוט אנצוגעהן מיט דער „רעוואָ־לוציאנערער" ארבייט. זיי ווייזען אן, אז די אידען זיינען ניט די איינציגע צו וועמען מען דארף זיך נעהמען (די פראקלאמאציע איז איבערגעדרוקט אין נומער 6 „נאראדנאיא וואליא", דער אפי־ציעלער ארגאן פון דער פארטיי).

צווישען די, וואס האבן די פראקלאמאציע צוזאמענגע־שטעלט איז געווען א איד.

די ווילנער און וויטעבסקער גובערניעס האבן זיך געפונען גאנץ ווייט פון דעם פאגראם־געגענד. אונז האבן דערגרייכט נאר אפקלאנגען פון די דארטיגע פאסירונגען. איך געדענק אבער גאנץ דייטליך דאס פאלגענדע:

נאך זייענדיג אין ווילנא, פאר מיין אפפאהרען אויף מיין שטעלע אין וועליזש, האב איך וועגען די פאגראמען געהאט א געשפרעך מיט איינעם פון די אנדערע מיטגלידער פון אונזער רע־וואלוציאנערען קרוזשאק. מיר האבן געלעזען א שריפט וועגען דעם זעלבען ענין און, איך געדענק, אז מיר זיינען איינפארשטאַ־נען געווען אז דער פאגראם ווערט געמאכט געגען „עקספלואטא־טארס", און וועט זיין אן אנהויב פון א רעוואלוציאנערען פלא־קער, וועלכער וועט ענדליך פארניכטען דעם טראן מיט די קא־פיטאליסטען, מיט יעדער פארם פון אונטערדריקונג און רוי־בעריי.

איך בין דאן געווען א רויהער איינגעל און האב וויניג פאר־שטאנען. איך האב א סך געלעזען און שטארק געפיהלט; אבער קיין קלאהרע איבערציינונגען און וועלט־פארשטאנד האט דאס מיר נאך ניט געבראכט. מיינע מיינונגען האבען קיין ממשות ניט געהאט. איך האב אייגענטליך קיין מיינונגען ניט געהאט. דער אמת איז, אז כמעט די גאנצע רעוואלוציאנערע פארטיי איז דאן מייסטענס באשטאנען פון רויהע יונגע לייט; און אויב איהרע

פּיהרער זיינען געווען פיל ענטוויקעלטער ווי איך, זיינען זיי פאַר־העלטניסמעסיג אויך נאָך געווען ניט מעהר ווי יונגע „שנעקעס“.

איידער איך געה ווייטער וויל איך מאַכען נאָך אַ באַמערקונג.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז די פּאָגראָמען האָבען זיך אָנ־געפאַנגען גלייך נאָכדעם ווי מען האָט געטויט דעם קיסר — עטליכע וואָכען נאָכדעם. ווען די באָמבע האָט געטראָפען אַלעק־סאנדער׳ן, און דאָס לאַנד האָט געקאָכט מיט דער שטוינענדער נאַכריכט, האָבען די רעוואָלוציאָנערען געהאָפט, אַז דער טהאַט וועט דינען אַלס אַ סיגנאַל צו אַ רעוואָלוציע. אַזוי ווי גלייך האָבען זיך אָנגעפאַנגען די פּאָגראָמען, זיינען זיי געווען געניינט צו מיינען, אַז דאָס איז אַן אָנפאַנג פון דעם ערוואַרטעטען אויפ־שטאַנד, נאָר אַז ער נעהמט אָן אַן אונערוואַרטעטע פאָרמע: אָנשטאָט גלייך צו באַפאַלען רעגירונגס־צענטרען, באַפאַלען די מאַסען צוערשט די אידען. דאָס איז נאָר אַן אָנהויב אַזעלכער, האָבען זיי זיך געטרייסט.

אָבער ניט אַלע רעוואָלוציאָנערען האָבען די פּאָגראָמען אויס־געטייטשט אויף אַזאַ שטייגער. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַט אַ פאַרקעהרטע מיינונג, נעמליך, אַז די פּאָגראָמען זיינען געמאַכט געוואָרען פון דער רעגירונג גופא, אומישנע כדי דעם טראָן צו רעטען פון דעם רעוואָלוציאָנערען וואולקאַן. דער גייסט פון אויפשטאַנד האָט זיך ווירקליך פאַנאַנדערגעשפּילט, הייסט עס; אָבער די רעגירונג האָט אַפּגעצויגען די רעוואָלוציע אָן אַ זייט, אוועקגעשלעפּט איהר פון איהר ריכטיגען גאַנג; גע־מאַכט די אידען פאַר אַ כפרה הינדעל; געזוכט צו פאַרטומלען ביי די מאַסען די מוחות און איינצוריידען זיי, אַז דער איד, און ניט דער קיסר, איז שולדיג אין אַלע זייערע צרות. אויף דיזען אופן איז דער פייער אריינגעשלעפּט געוואָרען אין דער אַנטיסעמי־טישער כוואַליע און ער האָט זיך פאַרגעסען אָן דער אמת׳ער אור־זאַך פון זיינע אומגליקען — די דעספּאָטישע, רויבערישע רעגירונג. אַזוי האָט דעם פּשט געלערענט אַ צווייטער סאָרט רעוואָלוציאָ־נערען.

דאן, און נאך פילע יאהרען שפעטער האט מען אפט גע־הערט דעם אויסדרוק, אז די רעגירונג האט די פאגראמען גע־ברויכט אלס א „דונער־אפציהער"*).

אלס באשטעטיגונג פון דיזער טעאריע האט מען אנגעוויזען אויף דעם פאלגענדען פאקט:

כמעט אומעטום האט די רעגירונג אנשטאט צוצוטרייבען די פאגראמשטשיקעס אדער זיי צו ארעסטירען און באשטראפען, זיי צוגעגעבען מוט און געהעצט צו נייע גוואלט־טהאטען. איך זאג „כמעט", ווייל עס זיינען געווען אויסנאהמען; אבער אין אלגע־מיין האט זיך די פאליציי און אנדערע בעאמטע פארהאלטען סקאנדאליעז. עס זיינען געווען פארשפרייט באריכטען דאס דער קיסר הייסט מאכען פאגראמען אויף אידען. און די רעגירונג האט זיי נים אפגעלייקענט; אין מאנכע פלעצער האט זיך ארויס־געצייגט, אז די פיהרער פון די פאגראמשטשיקעס זיינען טשינאוו־ניקעס אנגעטאן אלס פויערים.

זאגען אז די רעגירונג האט אפיציעל ארגאניזירט די פאגראַ־מען וואלט קיין זין ניט געהאט; אבער אז אונאפיציעל האט די פאליציי און פילע טשינאווניקעס די פאגראמשטשיקעס געהאל־פען אינדירעקט, אדער זאגאר דירעקט, ווענען דעם קען קיין צווײ־פעל ניט זיין.

זיינען אבער די פאגראמען געווען א פאראויס־געפלאנעוועטער מיטעל צו ראטעווען די רעגירונג פון דעם פאלקס צארן? דאס צו גלויבען וואלט, לויט מיין מיינונג, געווען אן אונזין. אבער אז נאכדעם ווי די פאגראמען האבען שוין אויסגעבראכען, האט מען אזא ציל מעהר אדער וויניגער געהאט אין זינען, דאס איז זיכער.

---

*) אזא אייזערנער שטאנג, וואס ווערט צוגעמאכט צום דאך פון א הויז, און פון וועלכען עס געהען דראטען אין דער ערד אריין, ווייט אוועק פון דער געביידע. מאמער איז די הויז אין געפאהר פון א דונער, כאפט דער אייזען אויף די עלעקטרישע קראפט פון די וואלקענס, און ציהט איהר אראפ אין דער ערד אריין, ווייט אוועק פון שטוב.

דער ערשטער פּאָגראָם, דער עליסאַוועטגראַדער, איז געווים געווען ניט מעהר ווי א צופאל. ער איז אַרויסגעקומען פון א צוזאַמענשטויס צווישען א אידישען שענקער און א שכור'ן פויער. אָבער גלייך נאָכדעם האָבען זיך פארשפּרייט אַטאַקעס אויף אידען אין פילע אַנדערע פלעצער; נו, האָט מען געזאָגט, אַז די רעגי־רונג האָט זיך מיט דעם עליסאַוועטגראַדער פּאָגראָם באַנוצט ווי מיט א גוטען ביישפּיל און — דירעקט אָדער אינדירעקט — גע־האָלפען מאַכען פּאָגראָמען אין אַנדערע שטעדט און שטעדטלעך.

און די אַלע ווייטערע רויבערייען און רציחות האָבען אויף זיך געטראָגען דעמזעלבען זיגעל; עס האָט זיך געפיהלט דאָס איין האַנד פיהרט די גאַנצע בלוטיגע באַוועגונג. און אויף דעם זיינען געווען איבערציינגענדע באַווייזע.

4.

א געהיימער גאַסט. — אידישע קאָמונעס. — ערד־ארבייט. — איך באַשליס זיך צו פאָהרען קיין אַמעריקאַ.

עס זיינען אַלזאָ געגרינדעט געוואָרען צוויי פּאַרטייען. די אַמעריקאַנצעס האָבען געגלויבט, אַז א נייע היים דאַרפען אידען גרינדען אין אַמעריקא, אין דער מדינה פון גרויסע מיטלען און אויסזיכטען. די „פּאַלעסטינצעס", ווידער, האָבען אַגיטירט פאַר עמיגראַציע אין דער אַלטער היים פון דעם אידישען פאָלק — קיין פּאַלעסטינע. בעלקין איז געווען איינער פון די ערשטע „פּאַ־לעסטינצעס", און ער איז געקומען קיין מאָהילעוו פארשרייבען מענשען וואָס זיינען בערייט געווען צו פאָהרען מיט איהם אין ארץ ישראל גרינדען קאָלאָניעס. ער איז געווען איינער פון די פּיאָנערען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

איך האָב שוין באַמערקט, אַז די דאַמאָלסדיגע צייטונגען „רוססקי יעוורעי", „ראַזסוויעט" און „וואָסכאָד", זיי־נען פול געווען מיט דיזע ענינים.

דעם „רוססקי יעוורעי" האָב איך געלעזען רעגעלמעסיג; אַל־זאָ האָב איך דאָרטען געלעזען אַרטיקלען וועגען די דאָזיגע פראַגען. זיי האָבען מיך אָבער אינטערעסירט ווי א פרעמדע זאַך.

איצט אָבער, ווען טרופאנאָוו האָט מיר דערצעהלט וועגען בעלקינ׳ען און זיין טעטיגקייט, האָט דער ענין מיר פאראינטערע־סירט אויף א נייעם שטייגער.

דער נאָמען בעלקין האָט מיר געקלונגען ווי דער נאָמען פון א געהיימניספוללער פערזענליכקייט. ער און דער בוך, אין וועל־כען ער האָט פארשריבען קאנדידאטען, האָבען גערייצט מיין נייגערינקייט. אגב האָט זיך מיר געוואָלט דורכריידען זיך מיט אן אינטעליגענטען מענשען פון דיזען סאָרט. איך בין געווען אָפגע־שניטען פון אלע מיינע חברים און פריינד און דאָ איז פאראן עפּעס א בעלקין, א כלל־טוער פון דעם נייעם שניט, אן אידעא־ליסט, כמעט איינער פון „אונזערע”. אפשר קען ער מיר העלפען מיט א ראטה אָדער מיט אן אדרעס אין דער שווייץ.

אויף מאָרגען איז טרופאנאָוו געקומען מיט בעלקינ׳ען.

איך האָב דערזעהן א יונגען מאן, ניט קיין הויכען, מיט בלאָנדליכע האָר, מיט אן עהרליכען פנים. איך האָב זיך ענט־שולדיגט פאר טרופאנאָוו׳ן, וואָס איך מוז איהם בעטען אונז איבערצולאָזען אליין, און ער איז אוועק.

ווען איך און בעלקין האָבען זיך צורעדט, האָט ער אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק פון א שטילען, ערנסטען מענשען, ניט קיין פּלאַפּלער. ער איז מיר געפעלען געוואָרען.

ער האָט מיר ערקלעהרט זיין אידעע און דעם פּלאַן וועגען פאָהרען אין פּאלעסטינא. ער האָט מיר געפּרופט „פּראָפּאַגאַנ־דירען”; ער האָט אָבער געזעהן אז זיינע ווערטער פאלען אויף טויבע אויערען.

נאָכדעם ווי מיר האָבען אזוי פארבראכט ביי א שטונדע און איך האָב געפיהלט אז דיזען מענשען קען איך געטרויען, האָב איך איהם אויסגעזאָגט די אמת׳ע אורזאכע פון מיין רייזע. מיין פּלאַן צו פאָהרען קיין ווארשע צו יאצקעוויטש׳ען, האָב איך איהם ניט מיטגעטיילט. איך האָב נאָר געזאָגט, אז איך פאָהר אין דער שווייץ, אז פריהער פון אלץ בין איך א סאָציאליסט, און אז אין דער פּאלעסטינישער אידעע גלויב איך ניט.



ישראַל בעלקין. — פאָטאָגראַפירט אין דער עלטער פון עטליכע
און דרייסיג יאָהר.

ווי ווייט איך געדענק, האט די פּרינציפּיעלע זייט פון אונזער דעבאטע ניט לאנג אנגעהאלטען. ער האט גענומען אפּעלירען צו מיר אין דעם נאמען פון מיין פּערזענליכער צוקונפט. איך וועל קומען צוריק אין רוסלאנד אלס „ניט־לעגאלער", אויף א פאלשען פּאספּארט, און איך וועל ווידער זיך באטייליגען אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג; פריהער אדער שפּעטער, וועט מען מיך ארעסטירען. איך וועל אומברענגען מיין לעבען, און פאר יועמען? פאר דעם רוסישען פאלק, וואס מאכט אויף אונז פּאגראמען! אין פּאלעסטינא, אבער, וועל איך העלפען פארווירקליכען א אידעאל פאר דעם גליק פון אונזער פאלק און דערביי וועל איך ניט ריזיקירען מיט מיין פרייהייט און לעבען. און אויב איך וויל ניט אנדערש ווי דינען מיין סאציאליסטישען אידעאל, טא פארוואס זאל איך פאהרען דוקא אין דער שווייץ? פארוואס ניט אין אמעריקא? ער האט מיר דערצעהלט, אז אהין לאזען זיך איצט אוועק פילע אידישע סאציאליסטען פון רוסלאנד. זיי טוען דאס מיט דעם צוועק דארטען צו גרינדען קאמוניסטישע קאלאניעס. היינט פארוואס זאל איך אויך ניט פאהרען אהין? ער האט מיר איבערגעגעבען איינציגע איינצעלהייטען פון דיזער עמיגראציע.

איך האב געענטפערט, אז ווען דאס רוסישע פאלק וואלט געווען פריי און מען וואלט איהם געלאזט פארשטעהן דעם אמת, וואלט אלץ אנדערש געווען. אלזא, מוז מען באפרייען די גאנצע רוסישע נאציאן. דאן וועלען קיין פּאגראמען ניט זיין און דאן וועלען אידען האבען די זעלבע רעכט ווי קריסטען; אלע וועלען זיין פריי און גלייך.

דאס וואס ער האט מיר דערצעהלט וועגען סאציאליסטען וועלכע פאהרען קיין אמעריקא, האט אבער אויף מיר געמאכט א שטארקען איינדרוק.

פאר מיר האט זיך געמאהלען א פאנטאסטישער בילד פון א קאמוניסטישען לעבען אין דער ווייטער אמעריקא, א לעבען וואו מען ווייסט ניט פון „מיינע" און „דיינע", וואו אלע זיינען ברידער און אלע זיינען גליקליך. פריהער פלעג איך זיך פאר־

שטעלען, אז אזא אידעאל וועט מקוים ווערען ערשט אין דער צוקונפט; און דא וועט ער פארווירקליכט ווערען אויפ'ן שטעל; און איך וועל אין דיזער פארווירקליכונג אנטייל נעמען!

איך האב געהאט גלעזען וועגען „סאציאליסטישע" קאלאניעס, וואס דאבערט אזען האט געפרופט גרינדען אין פריהערדיגע צייטען. נאר יענע זיינען דורכגעפאלען, ווייל זיי זיינען געווען געגרינדעט אויף טעות'ן. דיזע נייע אידישע קאלאניעס אבער וועלען געגרינדעט ווערען אויף א גאנץ נייעם שטייגער. זיי וועלען פארווירקליכען דעם סאציאליזם וגי עס בעדארף צו זיין. אזוי האב איך זיך געקלערט אויפ'ן גרונד פון דעם, וואס בעלקין האט מיר דערצעהלט.

מיט זיינע פריינדליכע ווערטער האט ער אויף מיר געהאט א ווירקונג. בעלקין דער „פאלעסטינעץ" האט מיך געמאכט פאר אן „אמעריקאנעץ". ער האט מיך באגייסטערט פאר קאמוניסטישע קאלאניעס אין אמעריקא.

בעלקין האט מיר געזאגט, אז אין בראד, גאליציען, זיינען פארזאמעלט טויזענדער אידישע עמיגראנטען און אז צווישען זיי געפינט זיך א היבשע צאל פון יענע סאציאליסטען, וועלכע פאהרען קיין אמעריקא מיט דעם צוועק צו גרינדען קאמוניסטישע אידישע קאלאניעס און אויף אזא שטייגער אנצופאנגען א נייעם קאפיטעל אין דעם לעבען פונ'ם אידישען פאלק.

דער געדאנק דערפון איז געווען אזוי: מען באשולדיגט די אידען אז דאס רוב פון זיי זיינען הענדלער, שאכער־מאכערס, בראצענטניקעס; ועלען זיי באווייזען דער וועלט אז זיי באשעפטיגען זיך מיט נוצליכע, פראדוקטיווע ארבייט, הויפטזעכליך מיט ערד־ארבייט.

איך זאג „הויפטזעכליך", ווייל ערד־ארבייט האט זיך גערעכענט פאר דער שעהנסטער און עהרליכסטער פארמע פון ארבייט. דער דאזיגער באגריף איז איבערגעגעבען געווארען פון די פארצייטיגע דורות; און אפשר האט ער געשטאמט פונ'ם פאקט, אז די לענדער, וועלכע האבען געהאט גרויסע אידישע באפעלקערונגען, זיינען געווען אגריקולטור־לענדער, און ערד־ארבייט האט זיך דארט גערעכענט פאר דער עהרליכסטער ארבייט. די ערשטע רוסישע

רעוואָלוציאָנערען האָבען דעם ערד־ארבייטער פארגעטערט אלס דעם אמת'ן שפייזער פון רוסלאנד. אידען ווידער האָבען מיט ערד־ארבייט זיך ניט באשעפטיגט און זיך ניט געקענט באשעפטיגען. זיי האָבען געהאנדעלט, געשאכער־מאכערט מיט די וואס האָבען געהאט אזא באשעפטיגונג — מיט פויערים. צו פארוואנדלען דאָס אידישע פאָלק אין א פאָלק פון ערד ארבייטער איז דעריבער געווען דער גרעסטער אידעאל אי ביי די פאַלעסטינצעם אי ביי די אמעריקאנצעם. מעהר ניט וואָס די האָבען דאָס געוואלט טאָן אין ארץ ישראל און די — אין אמעריקא.

וועגען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס האָט מען אין די אידישע צייטונגען דאַן אפען ניט גערעדט. אזא ענין וואָלט געווען גע־פעהרליך צו דערמאָנען. ערשט פון בעלקינ'ען האָב איך זיך דער־וואוסט, אז צווישען די אמעריקאנצעם זיינען פארהאן סאָציאליס־טען וואָס פאָהרען גרינדען קאָמונעס.

בעלקין האָט זיך מיט מיר ווארים געזעגענט און געוואונשען מיר א גליקליכע רייזע*).

ער האָט אויף מיר געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק און ער האָט מיך איבערגעלאָזען אין א פיבער. איך בין ארומגעגאנגען הין און צוריק איבער מיין צימער אין גרוים אויפרעגונג. אמערי־קא! פאָהרען אין יענער ווייטער, ווייטער לאנד! גרינדען א גן עדן אויף דער ערד! מענשען וועלען פארוואנדעלט ווערען אין מלאכים!

אלע מיינע פריהערדיגע פּלענער זיינען פּלוצלונג צופאלען געווארען. איך האָב זיך דערפיהלט אלס „אמעריקאנעץ". איך האָב געשוועבט אין דער לופטען.

אָט דאָרטען, אין יענעם צימער, אין מאַכאָווער'ס אכסניה, איז ביי מיר געבאָרען געווארען דער באשלוס וועגען פאָהרען אין אמעריקא.

---

*) שפּעטער האָב איך געהערט, אַז ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון די ערשטע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינא. עס זיינען אַוועק גליקליכע און דרייסיג יאָהר איידער מיר האָבען זיך געזעהן א צווייטען מאָל.

.5

א פאלשער פאס. — איך שיק א בריף אהיים. — מיין לעצטער אווענד אין מאהילעוו. — א בריף וואס איז נים אוועקגעשיקט געווארען.

איך האב געוואלט, אז דער פסח זאל וואס שנעלער אוועקגעהן, כדי איך זאל קענען אנהויבען מיין לאנגע רייזע. אבער אום ווייטער צו פאהרען דארף מען האבען א פאס. א פאלשען פאס קען מען אין א רעוואלוציאנערען קרוזשאק לייכט קריגען; מיט די מאהילעווער סאציאליסטען האב איך אבער קיין פארבינדונגען נים געהאט. און בעלקין האט מיר אין דיזען ענין נים געקענט העלפען. איך האב, אלזא, אליין געמוזט קריגען א פאס.

איך האב זיך געווענדעט צו דעם אלטען מאכאווער ער זאל מיר זאגען וואו עס וואוינט דער „כבארשטשיק*). מאכאווער האט מורא געהאט זיך צו מישען אין אזעלכע זאכען. בין איך אין א געוויסען אווענד, חול המועד פסח, ארוים אויפ'ן גאס און, באגעגענענדיג צוויי אלטע ווייבער האב איך ביי זיי געפרעגט, וואו עס וואוינט „יחיאל דער כבארשטשיק". דעם „יחיאל" האב איך איינגעטראכט אין דער האפנונג אז זיי וועלען פארריכטען מיין „גרייד" און מיר זאגען דעם סבארשטשיק'ס ריכטיגען נאמען. אזוי איז טאקע געווען.

— יחיאל? איהר מוזט מיינען שמעון — האבען זיי געזאגט (זיין נאמען איז גאר געווען אן אנדערער, נאר איך געדענק איהם נים).

— יא, שמעון, — האב איך געענטפערט.

זיי האבען מיר אנגעוויזען וואו „שמעון דער כבארשטשיק" וואוינט און איך בין אוועק אהין. דעם כבארשטשיק'ס דירה איז באשטאנען פון איין צימער, און ווען איך בין אריינגעקומען

*) דער ווארט בעדייט אייגענטליך צינזען־זאמלער. דער סבארשטשיק פלעגט אבער שפילען אנדערע ראלען אויך, און איינע פון זיי איז באשטאנען אין דעם, וואס ער פלעגט ארויסגעבען פעסער.

איז ער געווען פול מיט ווייבער. זיי זיינען אָבער גלייך אַנטלאָפען, ווי פליגען ווען מען גיט אַ פּאַך מיט'ן האַנט. דעם סבאָרשטשיק'ס געשעפט איז אַלעמאָל געווען באַטראַכט אַלס אַ געהיימער עסק; און ז'ין פרוי און איהרע שכנים האָבען שוין געהאַט אַ כּלל, אַז ווען עס קומט אַריין אַ פרעמדער מענש דאַרפען זיי פאַרשווינדען.

דער סבאָרשטשיק איז געווען אַן עלטערער איד, מיט קראַנקע רויטע אויגען.

איך בין גלייך צוגעקומען צום פּונקט.

— איך דאַרף אַ פּאַס, — האָב איך געזאָגט.

דער סבאָרשטשיק האָט אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנט, פּונקט ווי מיין בעל־אכסניה, ווען איך בין צו איהם געקומען צום ערשטען מאָל, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען: „פאַר געלט קאָן מען אַלץ קריגען".

— איך וויל אָבער, אַז אין דעם פּאַס זאָלען זיין אויפגע־שריבען מיינע ריכטיגע פּרימעטעס (באַשרייבונג פון דעם אויס־זעהען).

— דאָס קען מען אויך, — האָט ער געענטפערט.

איך האָב געפאָדערט, אַז אין די „פּרימעטעס" זאָלען זיין באַצייכענט מיינע קאָסאָקע אויגען, עס זאָל שטימען מיט מיין אויסזעהען.

מיר האָבען זיך גענומען דינגען וועגען דעם פּרייז. מיר זיינען דורכגעקומען אויף אַ געוויסער סומע פאַר אַ פּאַס אויף דריי מאָנאַטען. איך האָב איהם געגעבען צעהן רובעל האַנט־געלט און די איבעריגע (איך געדענק ניט וויפיל) — ווען די „סחורה" וועט פאַרטיג ווערען.

אַ פּאָר טעג שפּעטער קומט דער סבאָרשטשיק צו מיר אין דער אכסניה און רופט אַריין דעם בעל הבית אין צימער.

— פּאַני מאַכאָווער, איך האָב אייער יונגען מאַן אָפּגע־בראַכט זיין פּאַס, — האָט ער געזאָגט, אַזוי ווי אַ שניידער וואָס האָט אָפּגעבראַכט אַ קאַפּאָטע,—אַט זעהט אַז אַלץ איז ראַיעל.

מאַכאָווער האָט זיך אָפּגעטרייסעלט און איז אַרויסגעלאָפען. ביי אַזאַ געשעפט האָט ער ניט געוואָלט זיין קיין עדות.

אין מיין נייעם פּאַס האָב איך שוין ניט געהייסען ליפשיץ, נאָר ק ר ו ג ל א נ ס ק י.

— געדענקט־זשע, — זאָגט צו מיר דער סבאָרשטשיק, — איהר זייט מעהר ניט ליפשיץ; איהר זייט קרוגלאַנסקי.

דאָס האָט מיר דערמאָנט אַן מיין פריינד, דעם אַלטען מעערסאָן פון וועליזש, וועלכער האָט מיר געהייסען געדענקען אז איך בין מעהר ניט קאהאן נאָר ליפשיץ.

מילא, זאָל זיין קרוגלאַנסקי, אַבי די פּרימעטעס האָבען געשטימט. א גוטער פּאַס. א רויטער איז ער געווען (א „קראסני בילעט“).

עס האָט זיך געענדיגט דער פסח און אויף מאָרגען אין דער פריה האָב איך געזאָלט אָפּרייזען. איך האָב אַלץ אויס־געמידען צו פאָהרען מיט דער אייזען־באהן, ווייל אויף די באהנען זיינען אומעטום געווען זשאַנדאַרען. און אפשר האָבען זיי א פּאַפּיר צו פאַרהאַלטען דעם קאַסאָקען „אוטשיטעל“ פון וועליזש. דעריבער האָב איך באַשלאָסען צו פאָהרען אויף א פּאַראַכאָד (דאַמפּפער). אַזא פּאַראַכאָד איז נעגאַנגען איבער'ן דניעפּר ביז קיעוו.

מיר האָט ניט געלאָזען צו רוה דער געדאַנק וועגען מיינע עלטערן. איך בין געווען זיבער, אז מען איז געקומען מיך זובען ביי זיי אין שטוב און אז זיי זיינען צושראָקען און אומרוהיג*).

---

*) וואָס דאָרטען האָט פּאַסירט, האָב איך זיך דערוואוסט ערשט מיט עלף יאָהר שפּעטער. עס איז טאַקע געווען ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט: פסח צום ערשטען סדר זיינען צו זיי געקומען פּאָליציי און זשאַנדאַרען; מען האָט באַוואַכט די הויז (סטראַשונער'ס הויף אויף פּלאַש־משאַדקא) און מען האָט געמאַכט אַן אָביסק אין זייער וואוינונג, בודק געווען יעדען ווינקעלע און יעדע קישען, זוכענדיג מיר, אָדער אונטער־ערדישע שריפטען וואס איך האָב איבערגעלאָזען, אָדער אפשר בריף פון וועלכע מען וועט דערגעהן וואו איך געפין זיך. אז איך בין אנטלאָפען פון וועליזש האָבען מיינע עלטערן שוין געוואוסט פון צילשטיינ'ען, וועלכער איז געקומען אתיום אויף פסח.

דיזער געדאַנק האָט מיר געדריקט ווי א שווערע משא, און אום פון דער משא באפרייט צו ווערען, האָב איך זיי געשיקט א בריף דורך א זשיטאָמירער יונגען מאַן, וועלכער האָט זיך אויפגעהאלטען אויף הערזעלבער אכסניה (איך געדענק איהם מיט זיין דארער פיגור און מיט זיין וואָהלינער אקצענט, וועלכער איז אין ליטע א גרויסע זעלטענהייט צו הערען. איך געדענק ווי מיר פלעגען לאכען פון זיין „קיק" און „וואוס". דיזער יונגער מאַן האָט געדאַרפט אויף מאָרגען אָפּפאָהרען קיין פּעטערסבורג; אלזאָ, האָב איך איהם דיקטירט א בריף, כלומרשט פון איהם צו מיינע עלטערען, און איהם געבעטען, אז אויפ'ן וועג זאָל ער איהם אריינוואַרפען אין א בריף־קאַסטען).

דער בריף האָט ענטהאלטען אונגעפעהר דאָס פאָלגענדע:

„איך בין אייער זוהן'ס א גוטער פריינד, און איך האָב פון איהם ערהאלטען א בריף פון פּאריז. ער שרייבט מיר, אז ער איז אהין אָנגעקומען בשלום און אז ער האָט אויסגעצייכענטע אויסזיכטען. ער וועט שטודירען אין דעם פּאריזער אוניווערסיטעט. ער גריסט אייך אַלעמען וואַרעם און הערצליך, און פארזיכערט אייך, אז עס געהט איהם זעהר גוט. ער פיהלט זיך אויסגעצייכענט און אין א קורצער צייט אַרום וועט איהר פון איהם ערהאלטען פרעהליכע איינצעלהייטען".

דיזען ליגען האָב איך צוזאַמענגעשטעלט מיט'ן צוועק צו בארוהיגען מיינע עלטערן. דער יונגער מאַן האָט מיר פאַרזיכערט, אז ער וועט דעם בריף אַריינוואַרפען אין א בריף־קאַסטען אויף דעם דינאבורגער וואָקזאַל; און איך האָב געפיהלט אַזוי ווי א שווערער שטיין וואָלט זיך פון מיר אַראָפּגעקייקעלט.

דער לעצטער אָווענד, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין מאָהילעוו, האָט אויף מיר איבערגעלאָזען אַן איינדרוק. איך בין צוגעוואוינט געוואָרען צו דער פאַמיליע און צו זייער הויז. איך האָב זיך געפיהלט אַזוי ווי איך וואָלט געדאַרפט אוועקפאָרען פון אייגענע מענשען. איך האָב שוין כמעט געהאַט פאַרגעסען, אז אין מיין לעבען קומט פאָר א גרויסע ענדערונג. ווי אין א חלום האָב איך די דריי וואָכען פאַרבראַכט. פּלוצלונג ווערט

דער חלום איבערגעריסען. איך לאָז זיך אוועק אויף א פיעל ווייטערע רייזע ווי די, וואָס איך האָב געהאַט אין זינען פאַר־לאָזענדיג וועליזש. דורך פרעמדע לענדער אין א ווייטער, ווייטער, געהיימניספולער וועלט פאָהר איך. איך בין אָפּגעשניטען פון מיין גאנצער פארגאנגענהייט, אָפּגעשניטען פון מיינע נאָהענטע און טייערע. ווער וויים אויב איך וועל זיי ווען עס איז זעהן?...

די מאַכאָוועדס און א פּאָר פון זייערע אורחים און שכנים האָבען זיך יענעם אָוועגד צו מיר פארהאַלטען מיט א ספּעציעלער פריינדליכקייט. די מאַכאָוועדס אליין זיינען אָבער הויפּטזעכליך געווען פארנומען מיט זייער עליען, וואָרים ער האָט זיך אויך געקליבען אָפּצופאָהרען מאָרגען אינדערפריה, און אויך מיט א שיף, נאָר אין א פארקערטער ריכטונג. זיין רייזע־ציעל איז געווען נעוועל, דורך אָרשא און וויטעבסק; אלזאָ, איז ער געפאָהרען ארויף־צו איבער'ן דניעפּר, וועהרענד מיין פאַראַכאַד איז געגאַנגען ארונטער־צו, מיט'ן שטראָם.

מיר איז אריינגעפאלען א געדאנק: צופערטיגען א בריף צו מיינע נעוועלער חברים און איהם אריינוואַרפען אין עליע'ס קופערט, איידער מען וועט איהם פאַרשליסען. עליע האָט זיך געדאַרפט אָפּשטעלען אין וויטעבסק. איידער ער וואָלט אָנגעקומען אין נעוועל, וואָלטען אוועק א דריי־פיער טעג. מיין פּלאַן איז געווען דעם בריף אַראָפּצורוקען צום סאַמע דעק, מיט דער האָפנונג, אז מאַכאָוועד וועט זיינע זאַכען ניט אויספּאַקען ביז ער וועט שוין אָפּזיין אין נעוועל א פּאָר טעג און אפשר מעהר. דאַן וואָלט איך שוין געווען אין אויסלאַנד.

פאר'ן שלאָף האָב איך אויפגעשריבען דעם בריוועלע. ער איז געווען אַדרעסירט צו מאַכאָוועד'ן אליין.

„איך לייג דיזען בריף אוועק אין אייער קופערט אונטער די זאַכען" — האָב איך איהם געשריבען, אונגעפעהר, — „כדי איהר זאָלט איהם לעזען ערשט דאַן, ווען איהר וועט קומען אין נעוועל. בשעת מיר האָבען זיך באַגעגענט, האָב איך אייך גע־לייקענט, ווער איך בין. אָבער איהר האָט געהאַט רעכט. דער־צעהלט מיינע חברים, וואו איהר האָט מיך געזעהן, און זאָגט זיי, אז איך בין שוין אין אויסלאַנד."

אויף מאָרגען אין דער פריה איז אין שטוב געווען אַ מהומה. מאַכאָווער'ס מוטער איז אומגעגאַנגען, ווי אַ צוטומעלטע. זי און איהרע קינדער האָבען אַרומגעפּאַדעט אַרום עליע'ן, אַזוי ווי ער וואָלט פאָהרען ניט אין דער נעקסטער גובערניע, נאָר אויך אין אַמעריקא. מען האָט געפּאַקט זיין קופערט, געפּאַקט און איבערגעפּאַקט. איך האָב זיך אַרומגעדרעהט מיט מיין בריף אין קעשענע, וואַרטענדיג אויף אַ מינוט, ווען זיי וועלען דעם קופערט לאָזען צורוה, און איך וועל מיין קאָנטראַבאַנד קענען אַריינשמוגלען.

דער געווינשטער מאָמענט איז אָבער ניט געקומען. דער קופערט איז געבליבען אַליין ערשט דאַן, ווען ער איז שוין געווען פאַרשלאָסען. דער בריף איז געבליבען ביי מיר אין קעשענע.

עס האָט גענומען הילכען מיט „זיי געזונט! פאָהר געזונט!“ אַ דאָפּעלטע געזעגעניש איז דאָס געווען — מיט עליע'ן און מיט מיר.

אין דער מישעניגע האָבען אַנטייל גענומען אַלע געסט פון דער אכסניה און עטליכע שכנים. עליע איז געווען דער העלד פון זיין פאַמיליע, און איך — דער העלד פון אַלע איבעריגע. אַ קליינינגקייט, אַ יונגערמאַן פאָהרט קיין אַמעריקא! אין יענע צייטען האָט דאָס געהאַט אַ באַדייטונג, וועלכע די אינגערע פון מייגע לעזער וועלען קוים פאַרשטעהן.

— זאָל איך גאָט העלפען! שרייבט ווי עס איז דאָרטען אין אַמעריקא! אפשר וועלען מיר אויך פאָהרען!

מיר זיינען צוגעפאָהרען צו דעם האַפען. דאָרטען האָט זיך עליע געזעצט אויף זיין דאַמפ־שיף, און איך אויף מיינער.

דער נאָמען פון מיין שיף איז געווען „מאַרוסיאַ“.

(ענדע פון ערשטען באַנד).

6378-v.1

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it. A fine of 5 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

PLEASE ADVISE CHANGE OF ADDRESS

קאהאן, אברהם מעמוארן

בלעטער פון מיין לעבן קאה

6378 v.1

#6378